STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03889

DI MISHPOHE POLANETSKI

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

די

משפחה פּאָלאַנעצקי

יידיש: יונה שפּער

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ
װאַרשע, 1927

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע 26

RODZINA POŁONIECKICH
HENRYKA SIENKIEWICZA
WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

UTLEY BRANCH

דריטער טייל

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH.

I

אין אַ וואָך אַרום, ווען די וואַרשיינלעכקייט איז געוואָרן אַן אמת, האָט פּאָלאַניעצקי אָנגעזאָגט די בּיגעלס די בּשורה. פרוי ביגעל איז נאָך דעמזעלבן טאָג געקומען צולויפן צו מאַריניאַן, וואָס האָט זיך צעוויינט פאַר שמחה אין די ערלעכע אָרעמס.

— דאַכט זיך מיר — האָט זי אַ זאָג געטון — אַז איצט וועט מיך סטאַן אויך ליבער האָבן?

— וואָס הייסט, ליבער האָבן? — האָט אַ פרעג געטון פרוי ביגעל.

— כ'האָב געוואָלט זאָגן: נאָכמער! — האָט געענטפערט מאַריניאַ — איבעריקנס, זעסטו, פאַר מיר איז אַלץ ווייניק!

— ער וואָלט מיט מיר געהאַט צו טון, ווען עס זאָל זיין ווייניק.

דערווייל זענען די טרערן אויף פרוי פּאָלאַניעצקאַס געזיכט אויסגעטריקנט געוואָרן — און ס'איז געבליבן בלויז אַ שמייכל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי פאַרלייגט די הענט צו דער תּפילה און געזאָגט:

— אָך, מיין גאָט, זאָל נאָר זיין אַ טאָכטער, ווייל סטאָך וויל אַ טאָכטער!

— און דו וואָס וואָלסט וועלן?

— איך... זאָג נאָר נישט סטאַכן... איך וואָלט ליבערשט וועלן אַ זון, אָבער זאָל זיין אַ טאָכטער!

נאָכדעם האָט זי זיך פאַרטראַכט אין אַ פרעג געטון:

— צו דעם אָבער איז קיין עצה נישטאָ, אמת?

— ניין — האָט פרוי ביגעל שמייכלענדיק געענטפערט — אויף דעם האָט מען נאָך קיין מיטל נישט געפונען.

ביגעל ווידער פון זיין זייט האָט דאָס נייעס דערציילט יעדן איינעם, וואָס ער האָט געטראָפן, און ביוראָ ווידער האָט ער אין פּאָלאַניעצקיס קעגנוואַרט אַרויסגערעדט מיט אַ געוויסער בוימלדיקייט אין דער שטים:

— נו, מיינע הערן, דאַכט זיך, דאָס הויז וועט קריגן מיט איין שותּף מער.

די באַאַמטע האָבן צו אים געווענדט פאַרוואונדערטע בליקן, ער אָבער האָט צוגעגעבן:

— אַ דאַנק הער פּאָלאַניעצקי — און פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

דאַמאָלס האָבן אַלע זיך אַ וואָרף געטון צו פּאָלאַניעצקי מיט ווינטשונגען, אַ חוץ איין זאַווילאָווסקי, וואָס האָט, איינבייגנדיק זיך איבערן שרייבטיש, אָנגעהויבן פלייסיק דורכקוקן די ציילן ציפער — און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, פילנדיק, אַז זיין פאַרהאַלטן זיך, קען אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט, האָט ער מיט אַ פאַרענדערט געזיכט זיך אויסגעדרייט צו פּאָלאַניעצקין און, אַ דריק טוענדיק אים די האַנט אָנגעהויבן חזרן:

— איך גראַטוליר, גראַטוליר...

שפּעטער צו האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז קאָמיש, אַז אים איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ, אַז אים איז פּוסט און אומענדלעך נאַריש און אַז די גאַנצע וועלט איז אומגעוויינטלעך פלאַך. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס געפיל זיינס פון אייגענער קאָמישקייט; די זאַך איז דאָך געווען אַזוי נאַטירלעך

און אַזוי לייכט פֿאָרויסצוזען. אַז אַפֿילו אַזאַ קאַפּאַוסקי האָט עס געקענט פֿאָרויסזען. ער, אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָס שרייבט לידער, וואָס ער נעמט אויף מיט התלהבות וועלכער גיט זיך אָפּ אין אַלעם אַ חשבון, וואָס אים אַרום קומט פֿאָר, האָט זיך פֿאַריינצעלאָזט אין אַזעלכע אילוזיעס, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַ דונער האָט אים געטראָפֿן. וואָס פֿאַר אַ דערנידעריקנדיקע לעכערלעכקייט! ער האָט דאָך מאַריניאַן שוין דערקענט אַלס פֿרוי פּאַלאַניעצקאַ, האָט ער נישט ווילנדיק זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז זי איז אַלע מאָל געווען פֿרוי פּאַלאַניעצקאַ, אַז זי וועט עס זיין אין דער צוקונפֿט, פּונקט ווי זי איז עס איצט, און אים איז פּשוט נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז עס האָבן געקענט פֿאָרקומען עפּעס שינויים. דערזעענדיק אַמאָל ליליע־קאָלירן אויף איר געזיכט, האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן ליליע און געשריבן צו איר ליליע־לידער. איצט האָט אים דער באַצערטער חוש, וואָס וואַרפֿט צו צו יעדן עגמת־נפֿש נאָך אַ ביסל חיזוק, איינגערוימט אים אין אויער: „אַ גוטע ליליע!...‟ זאַווילאָווסקי האָט וואָס אַמאָל מער געפֿילט זיך צעבראָכן און וואָס אַמאָל מער לעכערלעכער. ער האָט געשריבן לידער און פּאַלאַניעצקי האָט נישט געשריבן, אין דעם צוזאַמענשטעלן איז גלייכצייטיק געווען עפּעס אַ בייסנדיק עגמת־נפֿש און עפּעס לעכעריש; זאַווילאָווסקי האָט אָבער געטרינקען פֿונעם בעכער מיט אַ פֿול מויל בכיוון אַזוי, ער זאָל קיין איין טראָפּן נישט פֿאַרלירן. ווען זיינע געפֿילן וואָלטן זיך געווען פֿאַרמסרט, ווען ער זאָל געווען זיך אין זיי מתודה זיין פֿאַר מאַריניאַן, ווען זי זאָל אים געווען מיט דער גרעסטער פֿאַראַכטונג אָפּשטויסן, און פּאַלאַניעצקי אַראָפּשלײַדערן פֿון די טרעפּ — וואָלט זיך נאָך געשניטן אויף עפּעס אַ דראַמע. „אַזוי פֿלאַך!...‟ — אָבער אַזאַ סוף! ער האָט בטבע יעדע זאַך געפֿילט צענפֿאַך מער, ווי געוויינטלעכע נאַטורן, דעריבער האָט זיך אים די לאַגע אויסגעוויזן נישט אויסצוהאַלטן, און די ביורא־שעה, וואָס ער האָט נאָך געמוזט אויסזיצן — פֿאַר ענויים. זיין געפֿיל צו מאַריניאַן האָט נישט געשטעקט טיף אין האַרץ, נאָר פֿאַרשלונגען אינגאַנצן זיין פֿאַנטאַזיע. איצט

אָבער האָט אים די ווירקלעכקייט מיט איר אומבּרחמנותדיקער האַנט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ, און דער קלאַפּ האָט זיך אים אויסגעוויזן ניט בלויז ווייטיקלעך און גראָב, נאָר אויך טעלמיט חוזק. אים איז אין קאָפּ אַריינגעקומען אַ יאָושדיקער געדאַנק: געמען דעם הוט, אַרויסגיין און מער ניט צוריקקומען. אַ גליק, וואָס אָנגעקומען איז די צייט פון פאַרענדיקן די אַרבעט — און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין.

גייענדיק דורכן קאָרידאָר, אין וועלכן ס'איז לענגן די ווענט געווען אַ שפּיגל און דערזעענדיק זיין לאַנגע פיגור און די אַרויסשטאַרנדיקע גאָמבע, האָט זאַווילאָווסקי אַ זאָג געטאָן צו זיך: „אוי וועט אויס אַ לץ!" דעמאָלט איז ער שוין ניט אַוועק, ווי געוויינטלעך, אויף מיטאָג מיטן צווייטן בוכהאַלטער פּוזניאַק אָסקי. ער וואָלט גרייט געווען פון זיך אַליין צו אַנטלויפן. ער האָט זיך פאַרשלאָסן בײַ זיך אינדערהיים און מיט דער גרוזמא פון אַ אמתן קינסטלער האָט ער פאַרגרעסערט אין אַ גבול זיין אומגליק און זיין לעכערלעכקייט. אין עטלעכע טעג אַרום אָבער האָט ער זיך באַרויקט. ער האָט בלויז געפילט עפּעס אַ מאָדנע פּוסטקייט אין האַרץ, פּונקט, ווי עס וואָלט געווען אַ דירה, פון וועלכער עמעץ האָט זיך אַרויסגעצויגן. צו די פּאָלאָניעצקיס האָט ער זיך ניט געוויזן אין משך פון צוויי וואָכן, אָבער נאָך דער צייט האָט ער דערזען מאַריניאַן בײַ די ביגעלס אויף דער ומער-וווינונג און איז פאַרחידושט געוואָרן.

זי האָט אים אויסגעוויזן כמעט אַ מיאוסע. דאָס איז לחלוטין ניט געווען זייער קיין פאָראורטייל, מחמת, הגם עס איז שווער געווען אין דער פיגור צו דערקענען עפּעס אַ חילוק, האָט זי זיך דאָך געהאַט שטאַרק פאַרענדערט. די ליפּן אָנגעשוואָלן, מיט אַן אויסשלאַג אויפן שטערן און זי האָט פאַרלוירן די פרישקייט פון דער הויט. זי איז בײַ דעם געווען רויק, ווי איר וואָלט געטראָפן אַן אָנטרוישונג. זאַווילאָווסקין, וואָס האָט אין עצם געהאַט אַ גוט האַרץ, האָט די מיאוסקייט אירע גערירט. פריִער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַראַכט זי. איצט האָט זיך אים דאָס אויסגעוויזן נאַריש.

פאַרענדערט האָט זיך אָבער אגב בלויז איר געזיכט, נישט די גוטסקייט, נישט די פרייגעבלעכקייט. אדרבה, פילנדיק זיך איצט געשיצט פון צופיל אַנטציקונג פון זיין זייט, האָט זי אַרויסגעוויזן צו אים מער האַרציקייט, ווי פריער. זי האָט מיט גרויס אינטערעס אים אויסגעפרעגט וועגן פריילין קאַסטעלי און ווען זי האָט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וועגן וואָס ער רעדט שוין אויך גאַנץ גערן, האָט זי אָנגעהויבן שמייכלען מיט דעם אַמאָליקן, פולן מיט אומגעהייערער מתיקות שמייכל, און האָט כמעט פריילעך אַ זאָג געטון:

— גוט, גוט! דאַרט חידושט מען זיך, וואָס איר זייט שוין ווידער לאַנג נישט געווען — און ווייסט איר, וואָס אַנעטקאַ און בראָניטש האָבן מיר געזאָגט? זיי האָבן מיר געזאָגט...

דאָ אָבער האָט זי איבערגעהאַקט און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— ניין — דאָס קען איך הויך נישט זאָגן. — מיר וועלן גיין אַביסל אין גאָרטן אַריין...

און זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער נישט זייער פאָרזיכטיק, אַזוי, אַז אָנשלאָגנדיק זיך באַם ערשטן טריט, איז זי שיִער געפאַלן.

— זייט פאָרזיכטיק! — האָט אומגעדולדיק אויסגעשריגן פאַלאַניעצקי.

און זי האָט כמעט מיט פחד און הכנעה אָנגעהויבן אויף אים קוקן — און רויט ווערנדיק געענטפערט:

— סטאַך, נישט ווילנדיק, ווי דו ביסט מיר ליב!...

— איר שרעקט זיך ווידער נישט אַזוי! — האָט שנעל אַ זאָג געטון פרוי ביגעל.

ס'איז קלאָר געווען אַזוי, אַז פאַלאַניעצקין איז אין דער רגע מער געגאַנגען וועגן דעם קומענדיקן קינד, ווי וועגן מאַריניאַן, אַז אפילו זאַווילאָווסקי האָט עס פאַרשטאַנען.

וואָס שייך מאַריניאַן, האָט זי עס געוווּסט נישט פון הייבט אָן. זי איז צוליב דעם דורכגעגאַנגען אַ גאַנצן גייסטיקן קאַמף מיט זיך, ווען וועלכן זי האָט דערווײַל מיט קיינעם נישט גע

רעדט, און דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, וואָס מער איר געזונט האָט געשאַדט די אויפרייצונג, די אומרויקייט און די ביי־גונג צו מרה־שחורהדיקע מחשבות. זי האָט איבערגעלעבט שווע־רע מינוטן, איידער זי האָט אָפּגעמאַכט מיט זיך, אַז מסתמא מוז זיין אַזוי, ווי עס איז.

פּאָלאַניעצקי וואָלט ממש נשתּומם געווען, ווען עמעץ זאָל אים זאָגן, אַז ער האָט נישט ליב, און דער עיקר, אַז ער שאַצט נישט אָפּ דאָס ווייב, ווי עס געהער צו זיין. ער האָט זי ליב געהאַט אויף זיין שטייגער, און אגב געמיינט, אַז אויב עס דאַרף זיי ביידע גיין קודם כּל אין אַ קינד, איז עס נאָכמער איצט. זיי־ענדיק בטבע אַ לעבעדיקער און ברויזנדיקער, האָט ער דאָס זאָרגן טיילמאָל צי ווייט אַ רוק געטון, ער האָט עס אָבער נישט געהאַלטן פאַר קיין חטא. איבער דעם, וואָס עס קען זיך טון בא מאַריניאַן אין האַרץ האָט ער זיך אפילו נישט פאַרטראַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן אַלע אַנדערע פליכטן אירע, איז איינע פון די ערשטע פליכטן צוצושטעלן אים קינדער, דעריבער איז פּשוט, וואָס זי פּילט עס. ער איז איר פאַר דעם געווען דאַנקבאַר און האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זאָרגנדיק וועגן קינד, זאָרגט ער גלייכצייטיק פאַר איר און זאָרגט אַזוי, ווי זעלטן וועלכער מאַן. ווען ער וואָלט געמען האַלטן פאַר פּאַסיק זיך אַרויסצורופן לדין פאַר זיין באַציונג מיטן ווייב, וואָלט ער אויך געהאַלטן, פאַר אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, וואָס איר ריין פרוילעכער חן ציט אים איצט ווייניקער צו, ווי אַמאָל. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן מיאוסער און זי פלעגט מינוטנווייז אָרן זיין עסטעטישן חוש, ער ווידער האָט געמיינט, אַז באַהאַלטנדיק דאָס פון איר און וועלנ־דיק איר אַרויסווייזן מיטגעפיל, איז ער אַזוי איידל, ווי ווייט אַ מאַנסביל קען זיין נאָר צו אַ פרוי.

איר ווידער האָט זיך געדאַכט, אַז די האָפענונג, אויף וואָס זי האָט זיך דער עיקר סומך געווען, האָט זי גענאַרט; זי האָט געפילט, אַז זי בייט אַוועק אויפן צווייטן פּלאַן, אַז זי וועט ווערן אָפּגערוקט וואָס אַמאָל מער. און נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן גע־פיל צום מאַן, נישט קוקנדיק אויפן אוצר האַרציקייט, וואָס האָט

זיך אין איר שוין צונויפגעזאַמלט פאַרן קומענדיקן קינד, האָט די ערשטע רגע איר נשמה באַהערשט אַ מרידה און צער. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. זי האָט אָנגעהויבן קעמפן מיט דעם און זיך גובר געווען. זי האָט צו זיך געזאָגט, אַז דאָ איז קיינער נישט שולדיק, אַז אַזוי איז דאָס לעבן און אַז דאָס שטאַמט פונם נאַטירלעכן סדר־העניגים, וואָס איז ווידער אַ פועל־יוצא פון גאָטס רצון. נאָכדעם האָט זי זיך אַליין אָנגעהויבן באַשולדיקן אין עגאָיזם און זיך ברעכן אונטער דער משא פונם געדאַנק. האָט זי רעכט צו טראַכטן וועגן זיך, נישט וועגן סטאַבן און נישט וועגן דעם קומענדיקן קינד? וואָס קען זי פאַרוואַרפן סטאַכן? וואָס איז דער חידוש, ווען ער, וואָס האָט אפילו פרעמדע קינדער ליב געהאַט אַזוי, האָט אַ נשמה, וואָס איז קודם־כּל פאַרנומען מיט זיינס, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אים פרייער פאַר אַלץ צו דעם. איז נישטאָ אין דעם אַ באַליידיקונג פאַר גאָט, וואָס זי דערלויבט זיך קודם־כּל צו מאָנען עפּעס רעכט, עפּעס איר אַ גליק, זי, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געזינדיקט? ווער איז זי און וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי אויף עפּעס אַ באַזונדער מזל? און זי איז גרייט געווען זיך צו קלאַפּן אין האַרץ על־חטא. די מרידה איז פאַרבײַ; ערגעץ אין בלויז געבליבן אויפן סאַמע דעק פון האַרץ אַ ביסל צער, וואָס דאָס לעבן איז אַזוי מאָדנע, און וואָס יעדער ניי געפיל, אַנשטאָט צו פאַרגרעסערן, פאַרוקט דאָס אַמאָליקע אין דער טיף... אָבער, ווען דער צער האָט איר פון האַרץ אַ שפּאַר געטון דורך די אויגן פול טרערן, אָדער אָנגעהויבן ציטערן אויף די ליפּן, האָט זי אים שוין דעם אויסגאַנג אויך נישט געלאָזט: „שטיל זאָל מיר זיין! — האָט זי געזאָגט צו זיך אין האַרץ — אַזוי איז עס, אַזוי וועט עס זיין און אַזוי דאַרף עס זיין, ווייל אַזוי איז דאָס לעבן און אַזוי איז גאָטס רצון, מיט וואָס מען מוז שלום שליסן". און ענדלעך האָט זי שלום געשלאָסן.

פּאַמעלעך האָט זי אפילו צוריקבאַקומען די רויקייט; נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז דער יסוד זיינער איז יאוש און צער. דאָס איז אגב געווען אַ צער, וואָס שמייכלט. אַלס אַ יונגע פרוי, איז איר מיטנווייז אויך געווען אומאָנגענעם, ווען אין דעם

מאַנס אויגן, אָדער אַפּילו אין עפּעס אַ פֿרעמדנס, האָט זי פּלוצלינג קלאָר געלייענט: „אָך, ווי מיאוס דו ביסט געוואָרן!...״ היות אָבער פֿרוי ביגעל האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז „שפּעטער״ וועט זי זיין נאָך שענער, האָט זי זיי אין האַרצן געענטפֿערט: „וואָרט אויס!״ — און דאָס איז געווען איר טרייסט.

זי האָט אויך עפּעס צולעבס געענטפֿערט זאַווילאָזסקין. זי איז אַגב צופֿרידן געווען און אומצופֿרידן פֿון דעם איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, מחמת אויב פֿון איין זייט האָט געפֿעלן איר איינגליבע, האָט זי זיך פֿון דער צווייטער זייט געפֿילט אינגאַנצן באַשיצט און האָט מיט אים געקענט פֿריי רעדן. זי האָט אַגב געוואָלט אַ שמועס טון און צו דעם גאַנץ ערנסט, מחמת, מיט עטלעכע טעג צוריק האָט פֿרוי אַנעטאַ אָסבאָחסקאַ איר פּשוט געזאָגט, אַז דאָס נשמהלע איז פֿאַרליבט איבער די אויערן, און אַז זאַווילאָווסקי האָט פֿאַר זיך אַלץ אויס־זיכטן.

איר האָט אָבער אַ ביסל באַאומרויִקט צו שמידן דאָס אייזן אויף הייס. זי האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, פֿאַרוואָס עס איז אַזוי, געמענדיק אַפּילו אין חשבון אַריין פֿרוי אַנעטאַס איינגעבוי־רענע היציקייט. פֿאַר זאַווילאָווסקין, וואָס איז געוואָרן אַ מין בן־זקונים פֿון ביידע הייזער, האָט זי פּונקט ווי די ביגעלס און פּאָ־לאַניעצקי געהאַט אַ סך פֿריינטלעכקייט — אַ חוץ דעם, איז זי אים געווען דאַנקבאַר, אמת, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז ער דאָך געווען אויף איר אַ מבין. זי האָט אים געוואָלט צוהעלפֿן אין דעם, וואָס עס האָט איר אויסגעוויזן צו זיין אַ גרויס גליק פֿאַר אים, גלייכצייטיק אָבער איז איר געקומען אויפֿן רעיון: „און אפֿשר וועט עס זיין גאָר שלעכט?״ זי האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן הן פֿאַרן אחריות, הן פֿאַר איר אייגענער פֿריִערדיקער פּאָליטיק. איצט האָט זי קודם־כּל געוואָלט געוויר ווערן, וואָס ער מיינט טאַקע אינדעראמתן. שנית, געבן אים צו פֿאַרשטיין, ווי די לאַגע איז, און צודערלעך, אים האָטן ער זאָל אין דעם פֿאַל אַליין גוט באַטראַכטן און זיך צוקוקן.

— דאָרט חידושט מען זיך שוין, וואָס איר זייט לאַנג נישט

געווען דאָרט — האָט זי איבערגעחזרט, ווען זיי זענען אַרויס אין גאָרטן.

זאַווילאָווסקי ווידער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט אייך געזאָגט פרוי אָסנאָווסקאַ?

— כ'וועל אייך זאָגן איין זאַך, הגם איך ווייס נישט, צי איך דאַרף עס איבערחזרן. פרוי אָסנאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט, אַז... ניין אָבער! קודם-כל מוז איך וויסן, פאַרוואָס איר זענט אַזוי לאַנג בײַ זיי נישט געווען?

— כ'בין נישט געזונט געווען און האָב געהאַט עגמת-נפש. כ'פלעג אין ערגעץ נישט קומען. כ'האָב נישט געקענט! איר האָט אייך איבערגעהאַקט...

— יאָ. ווײַל כ'האָב געוואָלט וויסן, צי איר זענט באמת נישט ברוגז עפּעס אויף די דאַמען. פרוי אָסנאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט, אַז ליִנעטאַ איז זיך אַזוי מצער, און אַז זי האָט עטלעכע מאָל געזען טרערן אין אירע אויגן.

זאַווילאָווסקי איז רויט געוואָרן, נאָכדעם האָט אויף זײַן אײַנדריקלעך פּנים זיך באַוויזן אַן אמתע געריִרטקייט.

— אַך, גאָט מײַנער! — האָט ער געענטפערט — איך, — ברוגז, און צו דעם נאָך אויף אַזאַ פרײַלין ליִנעטאַ! זי קען דען עמעצן באַליידיקן?

— איך זאָג נאָך בלויז דאָס, וואָס מען האָט מיר געזאָגט. הגם פרוי אָסנאָווסקאַ איז אַזאַ לעבעדיקע, אַז — כ'בין נישט ערוב, צי אַלץ, וואָס זי זאָגט, איז גענוי. איך ווייס, אַז זי זאָגט נישט קיין ליגנס — אָבער איר פאַרשטייט דאָך, אַז זייער לעבעדיקע מענטשן זעען צײַטנווײַז זאַכן אַזוי, ווי דורך אַ פאַרגרעסער גלאָז. באַטראַכט איר אַליין, ווי עס איז. ליִנעטאַ וווינט מיר אויס צו זײַן זייער אַ ליבע, זייער אַן אומגעווייגטלעכע און זייער אַ גוטע — אָבער באַטראַכט איר אַליין, ווי דאָס איז. איך האָט אַזאַ באָאָבאַכטונגס-חוש.

— אַז זי איז אַ גוטע און אַן אומגעווייגטלעכע, איז קיין ספק נישט, איר געדענקט, ווי כ'האָב אייך געזאָגט, אַז זיי מאַכ

אַן איינדרוק פון אויסלענדערינס, אָבער דאָס איז נישט אמת.
פרוי אָסנאָווסקאַ — אפשר! אָבער פרײלין לינעטאַ נישט.
— מאַרינֵיאַ האָט געענטפערט:
— מען דאַרף אַליין קוקן און זען! איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך רעד אייך צו קיין זאַך נישט צו... איך וואָלט אפילו מורא געהאַט אַ ביסל פאַר סטאַכן, וואָס האָט נישט ליב די דאַמען... כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז כ׳האָב געהערט ווען לינעטקאַס טרערן, האָט עס מיר אויסגעשניטן דאָס האַרץ... נעבעך!...
— איך קען אייך אפילו נישט זאָגן, ווי כ׳בין גערירט שוין בלויז פון דעם געדאַנק! — האָט געענטפערט זאַווילאַווסקי.
דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן פּאָלאַניעצקי, וועלכער האָט, דערנענטערנדיק זיך, אַ זאָג געטון:
— נו, וואָס? מען האַלט אַלץ אין שדכנען! מיט די ווייבער קען מען גאָרנישט מאַכן! ווייסט, מאַריניאַ, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? איך וואָלט געוועזן דער אומגליקלעכסטער מענטש, ווען דו זאָלסט דיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע זאַכן.
פרוי פּאָלאַניעצקאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, ער אָבער, ווענדנדיק זיך צו זאַווילאַווסקין, האָט אַ זאָג געטון:
— איך לאָז זיך דאַרט נישט אַריין אין דעם ענין, כ׳ווייס נאָר, אַז איך האָב צו די דאַמען קיין ברעקל צוטרוי נישט.
זאַווילאַווסקי אָבער האָט זיך אומגעקערט אהיים אַ פאַרחלומטער. אין אים האָבן זיך צעשפּילט אַלע סטרונעס פון כוח־הדמיון און אַזוי אָנגעהויבן קלינגען, אַז דער חשק צום שלאָפן האָט אים אינגאַנצן פאַרלאָזט. ער האָט נישט אינגאַנצן קיין ליכט, כדי עס זאָל אים נישט שטערן צו שפּילן אויף די צעוויגטע סטרונעס — און זיצנדיק אינעם שיין פון דער לבנה, האָט ער געטראַכט. אָדער ריכטיקער געשאַפן. ער האָט זיך נאָך נישט געליבט, נאָר עפּעס אַ גרויסע הארציקייט האָט אים באַהערשט, ווען ער פלעגט טראַכטן וועגן פרײלין קאַסטעלי — און ער האָט זיך געשאַפן אַזעלכע בילדער, ווי ער וואָלט זיך שוין געליבט.

ער האָט זי אַזוי קלאָר געזען, פונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען נאָך זייַנע אויגן. ער האָט געזען אירע שוואַרצע אויגן און דעם וואָלדלעכן קאָפּ, וואָס האָט זיך צריבערגעבויגן, ווי אַן אונטער־געשניטענע בלום, אַזש — אויף זיין ברוסט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער לייגט די פינגער אויף די שלייפן פונם קאָפּ, אַז ער פילט דאָס באַרירן פון אירע זיידענע האָר און צריבער־בייגנדיק זיך אַ ביסל אויף צוריק, קוקט ער, צי דאָס פיעשטשען האָט נישט אָפּגעטרוקנט די טרערן, און די אויגן לאַכן צו אים, ווי דער הימל, נאָך נאַסע נאַכן רעגן, אָבער שוין זוניקע...

נאָכדעם האָט זיין דמיון אָנגעהויבן פיטרייסן זייַנע חושים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער דערקלערט זיך איר אין ליבע, אַז ער דריקט זי צום האַרץ און פילט דאָס שנעלע קלאַפּן פון איר האַרץ, אַז ער קניט פאַר איר אויף די קני, פון וואָס עס שלאָגט דורכן זיידנס אַ וואַרעמקייט אין פּנים אַריין. און ער האָט באמת אָנגעהויבן צו ציטערן. ביז איצט איז זי געווען פאַר אים אַ בילד, איצט האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערפילט אין איר אַ פרוי. ער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין איין געדאַנק, וואָס זאָל נישט זיין לעבן איר — און ער איז אַזוי אין איר פאַרזונקען, אַז ער האָט ממש פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין פון דעם, וווּ ער געפינט זיך און וואָס עס קומט מיט אים פאָר.

עפּעס אַ היזעריק געזאַנג אויף דער גאַס האָט אים אויפ־געוועקט. ער האָט דאַמאָלס אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אָנגעהויבן ניכטערער צו טראַכטן. אים האָט איצט באַהערשט אַן אומרו, מחמת אייגנס האָט זיך אים אויסגעוויזן אויסער יעדן ספק, דהיינו, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן לחלוטין צו קומען צו פרוי בראַ־ניטש און צו די אָסנאָסקיס, וועט ער זיך פאַרליבן אין יענעם מיידל ביז משוגעת.

— מען מוז אַלזאָ אויסקלייבן! — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך.

און צומאָרגנס איז ער אַוועק זי זען — מחמת ער האָט אָנגעהויבן בענקען — און די זעלבע נאַכט נאָך האָט ער געפּרוווט אָנשרייבן אַ ליד אונטערן נאָמען „שפּיגוועבס".

ער האָט אָבער זיך נישט דערוועגט צו גיין צו פרוי בראָ-
נישש, נאָר צוגעוואַרט ביז דער שעה, ווען מען קען אַלע טרעפן
באַם טיי אינם גמיינזאַמען זאַל. פרוי אָסנאָווסקאַ האָט אים אויפ-
גענומען אומגעווײנטלעך האַרציק און מיט אויסברוכן פון פריי-
לעכן געלעכטער, ער אָבער, באַגריסנדיק זיך, האָט אָנגעהויבן
קוקן אויף פֿײַלין קאַסטעליס געזיכט, און דאָס האַרץ האָט אים
לעבעדיקער אָנגעהויבן צו קלאַפן, ווען ער האָט באַמערקט, ווי
עס שלאָגט פון איר אַ גרויסע און טיפֿע פֿרייד.

— איר ווייסט, וואָס איך האָב געוווּנט? — האָט אויסגע-
רופן, ווי געוויינטלעך לעבהאַפט פרוי אַנעטאַ — „אונדזער סאָ-
פּאַלעכל" האָט אַזוי ליב הערן מיט בערד, אַז כ'האָב גערעכנט,
איר פֿאַרלאָזט אײַך אַ באָרד און דעריבער ווײַזט איר אײַך
נישט.

„דאָס סאָפּאַלעכל" האָט געענטפערט:

— ניין, ניין! בלײַבט אַזוי, ווי איך האָב אײַך דער-
קענט.

הער אָסנאָווסקי אָבער האָט ביז דער העלפט אַרומגענו-
מען זאַווילאָווסקין מיטן אָרעם און אַ זאָג געטון מיט דער גוט-
ברודערישקייט פון אַ דערצויגענעם מענטש, וואָס קען די באַ-
צוונגען אָוועקשטעלן מיט אַמאָל אויף אַ גאַנטן און האַרציקן
וועג:

— הער איגנאַש האָט זיך פון אונדז אויסבאַהאַלטן, אמת?
איך האָב אָבער צו אים אַן עצה: זאָל לינעטקאַ אָנהייבן מאָלן
זײַן בילד, וועט ער מוזן יעדן טאָג קומען.

פרוי אָסנאָווסקאַ אָבער האָט אַ פּאַטש געטון מיט די
הענט:

— ווי קלוג דער יוזשאָ איז, ממש אויף חידושים!

זײַן פּנים ווידער האָט אײַנגעבצן אָנגעהויבן שײַנען, וואָס
ער האָט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז געפעלן דעם ווײַב,
און ער האָט אָנגעהויבן חזרן:

— אמת? וואָס! מײַן טײַערע אַנעטקאַ, אמת?

— איך האָב עס שוין אָנגעשלאָגן — האָט פריילין קאַסטעלי געענטפערט מיט אַ ווייכער שטים — כ'האָב אָבער מורא געהאַט צו דערעסן.

— ווען איר וועט נאָר הייסן — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי.

— איצט איז דער טאָג אַזאַ לאַנגער: איז אפשר פיר אַ זייגער, נאָך הער קאָפּאָווסקין. איבעריקנס, אינגיכן וועל איך שוין פטרן דעם אומדערטרעגלעכן הער קאָפּאָווסקין.

— איר ווייסט, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן הער קאָסאָווסקין? — האָט אָנגעהויבן פרוי בראָניטש.

פריילין קאַסטעלי האָט איר אָבער נישט דערלויבט צו זאָגן, איבעריקנס, האָט צו דעם געשטערט הער פלאַוויצקי, וואָס איז גראָד אין דער רגע אָנגעקומען און צעדרייט די געזעלשאַפט. הער פלאַוויצקי, זיך באַקענענדיק מיט פרוי אַנעטאַ באַ מאַריניאַן, האָט ממש פאַרלוירן דעם קאָפּ, און וואָס ער האָט זיך אָפן מודה געווען, זי ווידער האָט אים קאָקעטירט אָן רחמנות, צו איר און לייטנס גרויס הנאה.

— זאָל זיך דער טאַטעשי זעצן, דאָ לעבן מיר — האָט זי אַ זאָג געטון — עס וועט אונדז זיין גוט איינס באַם צווייטן? — וואָס?

— ווי אין הימל! ווי אין הימל! — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי זיך אַ קלאַפּ טוענדיק איינמאָל נאָך אַנדערן איבער די קני און אַרויסרוקנדיק פון גרויס הנאה די שפּיץ צונג.

זאַווילאָווסקי ווידער האָט זיך צוגעזעצט צו פריילין קאַסטעלי און געזאָגט:

— כ'בין אַזוי גליקלעך, וואָס כ'וועל קענען יעדן טאָג אַהערקומען... כ'וועל נאָר אין דער אמתן נישט צונעמען באַ אייך קיין צייט? —

— אדרבה, איר וועט צונעמען — האָט זי געענטפערט, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין — איר וועט אָבער צונעמען אַזוי, ווי קיין שום אַנדער מענטש וואָלט נישט מסוגל געווען צו

צונעמען. איך האָב באמת זיך געשראָקן אייך נישט צו דערעסן — ווייל כ'האָב פאַר אייך מורא.

איצט האָט ער איר אַ קוק געטון טיף אין די אויגן אריין און אַ זאָג געטון מיט באַטאָנונג:

— איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן.

פריילין ליבעטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די וויעס און אַנטשטאַנען איז אַ ווײלע פון שווייגן און פאַרלעגנהייט; נאָכדעם האָט דאָס מיידל אַ פרעג געטון מיט אַ ביסל אַ געשטילטער שטים:

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי לאַנג נישט געקומען?

ער האָט אויף דער צונג געהאַט די תשובה: דאָס האָב איך מורא, ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט אַזוי ווייט צו גיין, האָט ער געענטפערט?

— כ'האָב געשריבן.

— לידער?

— יאָ, אונטערן נאָמען: „שפּינוועבס!" מאָרגן וועל איך עס ברענגען. איר געדענקט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, בשעת איך האָב מיך מיט אייך באַקאַנט? אַז איר וואָלט וועלן זיין אַ שפּינוועבס. איך האָב עס מיר גענומען אין זין אריין און פון דאַמאָלס אָן פלעג איך כסדר זען פאַר זיך דאָס בילד פון אַזאַ מין שנייִקן פאָדעם, וואָס שוועבט אין דער לופטן.

— שוועבט, אָבער נישט מיטן אייגענעם כוח — האָט פריילין קאָסטעלי געענטפערט — און קען הויך נישט אַוועקפליִען, סיידן...

— וואָס? פאַרוואָס ענדיקט איר נישט?

— סיידן עס וועט זיך אַרומוויקלען אַרום די פליגל פון עפּעס אַ פאַפירענעם שלאַנג...

זאָגנדיק דאָס, איז פריילין ליבעטאַ פלוצלינג אויפגעשטאַנען און אַנטקעגן העלפן האָט אָסנאָווסקין עפענען דאָס פענסטער.

זאַווילאָווסקי ווידער איז געבליבן אַליין מיטן נעפּל אין די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט באַ דעם, אַז ער הערט, ווי די אַ־ערן קלאַפּן אים אין די שלייפן.

אויפגעמונטערט אים האָט ערשט פרוי בראָניטשס האָניגשטים:

— מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיר דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי געזאָגט, אַז איר זענט זיינס אַ קרוב, נאָר איר ווילט צו אים נישט קומען, און ער באַ אייך קען נישט זיין, ווייל ער ליידט אויף פּאָדאַגרע. פאַרוואָס קומט איר צו אים נישט? דאָס איז אַזאַ ליבער און אָנגענעמער מענטש! גייט צו אים. עס איז אַפילו אים אומאָנגענעם. איר וועט גיין?

— גוט, מאַדאַם, איך קען גיין — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, וואָס איז אין דער מינוט גרייט געווען אויף אַלץ מסכים צו זיין.

— וואָס פאַר אַ גוטער און איידעלער איר מוזט זיין, איר וועט זיך דאָרט באַקענען מיט אייער קוזינע, פריילין העלענאַ. פאַרליבט אייך נאָר נישט, ווייל דאָס איז אויך אַן אויסגעצייכנט מיידל.

— ניין, מאַדאַם, נישטאָ קיין סכנה — האָט זאַווילאָווסקי געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

— מען זאָגט אַגב אויך איר, אַז זי האָט זיך געליבט אין דעם פּלאַשאַווסקין, וואָס האָט זיך געשאָסן, און טראָגט אַן אייביקן טרויער אין האַרץ. ווען־זשע וועט איר גיין צו זיי?

— מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען איר ווילט.

— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, זיי פאָרן אַוועק. דער זומער רוקט אונטער! וווּ וועט איר זיין זומער?

— כ'ווייס נישט, מאַדאַם, און איר?

פריילין קאַסטעלי, וואָס איז בינו־לבינו צוריקגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט פון דער באַנט, האָט איבערגעריסן איר שמועס מיט אָסנאָווסקין און, דערהערנדיק זאַווילאָווסקיס פראַגע, געענטפערט.

— מיר האָבן נאָך נישט קיין פּראָיעקט.

— מיר האָבן זיך געקליבן קיין שוועניגנען — האָט זיך אָפּגערופן פרוי בראָניטש — מיט ליִנעטקאָן איז אָבער אַזוי שווער.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי שטילערהייט צוגעגעבן:

— זי איז שטענדיק אַזוי אַרומגערינגלט — זי האָט אַזאַ מזל צו מענטשן, אַז איר וועט ממש נישט גלייבן! הגם פאַרוואָס זאָלט איר חידער נישט גלייבן? בנוגע איז אויף איר אַ קוק צו טון. מיין מאַן עליו-השלום האָט עס נאָך נביאות געזאָגט, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף: „וועסט זען — האָט ער געזאָגט — וואָס פאַר אַ דאגות עס וועט זיין, ווען זי וועט אונטערוואַקסן! און פאַרהאַן דאגות, ליבער הער, פאַרהאַן דאגות! מיין מאַן האָט אַ סך זאַכן פאָרויסגעזען... אָבער!... כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז געווען דער לעצטערפון די ריזן... יאָ! געזאָגט! קיין קינדער האָבן מיר נישט געהאַט, מחמת דאָס ערשטע איז נישט דערגאַנגען, און ער איז מיט פערציק יאָר עלטער פאַר מיר — און שפעטער איז ער גיכער געווען... אַ טאַטע.

— וואָס קען עס מיך אָנגיין! — האָט אַ טראַכט געטון זאַווילאָווסקי.

פרוי בראָניטש האָט אָבער ווייטער גערעדט.

— מיין מאַן עליו-השלום האָט תמיד געהאַט עגמת-נפש, וואָס ער האָט נישט קיין זון. דאָס הייסט — געווען איז אַ זון, נאָר ער איז געקומען מיט אַ האַלבן וועג צופרי... (דאָ האָבן אין פרוי בראָניטשס שטים אָנגעהויבן ציטערן טרערן) מיר האָבן אים אַ צייט געהאַלטן אין שפירט... אַך!! וואָס פאַר אַ טרויעריקע זכרונות! וויפיל מיין מאַן האָט עס זיך אָנגעליטן, וואָס ער וועט שטאַרבן דער לעצטער ריזר... נו מילא! ענדלעך, האָט ער זיך אָבער צוגעבונדן צו ליבעטקאָן, ווי צו אַן אייגן קינד, ון זי איז, פאַרשטייט זיך, געווען די נאָנטסטע קרובה און וואָס עס וועט נאָך אונדז בלייבן, וועט געהערן צו איר. אפשר פאַר דעם רינגלען זי אַזוי מענטשן אַרום... הגם — ניין! איך חידוש זיך גאָרנישט. איר זאָלט אָבער וויסן, וואָס פאַר אַ פיין דאָס איז פאַר איר און פאַר מיר! מיט צוויי יאָר צוריק אין ניצאַ האָט איינער אַ פאָרטוגעזער, גראַף יאַן קאַלימאָסאַאַדי אַלקאַנטאַרס אַ קרוב, אַזוי דעם קאָפּ פאַרלוירן, אַז געגלוסט האָט זיך אַזש צו

לאַכן. אָדער דער גריך פּאַריאָרן אין אַסטענדע!.. אַ באַנקירס אַ זון פון מאַרסעל, אַ מיליאָנער... ווי האָט ער געהייסן?... ליגעטקאַ, ווי האָט געהייסן דערגריך, דער מילאָנער — דער, וואָס דו ווייסט?

— מומע! — האָט אַ זאָג געטון פרײלין ליגעטאַ מיט אַ באַמערקלעכער אומצופרידנקייט.

די מומע אָבער איז שוין געווען אין פולן גאַנג, ווי אַ צוג, וואָס מען האָט געלאָזט מיט דער גאַנצער פּאַרע.

— אַהאַ! כ'האָב זיך דערמאָנט — האָט זי אַ זאָג געטון — קאַנאַפּאַראָפּולוס, סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער געזאַנדשאַפט אין בריסל.

פרײלין ליגעטאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו פרוי אָסנאָסקאַ, וואָס האָט באַם אַלגעמיינעם טיש גערעדט מיט הער פלאַוויצקין, די מומע ווידער באַגלייטנדיק זי מיטן בליק, האָט אַ זאָג געטון:

— דאָס קינד איז ברוגז!... זי האָט געהאַלטיק גישט ליב, ווען מען רעדט וועגן איר דערפאָלג, און איך קען זיך גישט איינהאַלטן. איר פאַרשטייט דאָך מיך? קוקט נאָר, ווי הויך זי איז און ווי אויפגעשפּראָצט!... אַנעטקאַ רופט זי טײלמאָל זײלעכל, און טײלמאָל טאָפּאָלעכל, — אָן אמת טאָפּאָלעכל. וואָס איז דער חידוש, וואָס לייטנס אויגן זעען זי! כ'האָב אייך נאָך גישט דערציילט וועגן הער אופינסקין. דאָס איז אונדזער אַ גרויסער ידיד. מײן מאַן עליו-השלום האָט אים זייער ליב געהאַט. איר האָט דאָך אוודאי געמוזט הערן וועגן הער אופינסקין? דער, וואָס שניידט אַזוי גוט אויס פּאָרטרעטן פון פּאַפּיר. די גאַנצע וועלט קען אים. כ'ווייס גישט אויף וויפל קעניגלעכע הייף ער האָט אויסגעשניטן פּאָרטרעטן, און לעצטנס האָט ער אויסגעשניטן דעם פרינץ פון ווײלס. געווען איז אויך אַן אונגאַר...

הער אָסנאָווסקי, וואָס האָט, זיצנדיק פונדערווייטנס, זיך געשפּילט מיט דער בלײשטיפט פון בראַסלעט, האָט זיך גערוקט הין און צוריק און ענדלעך אומגעדולדיק אַ זאָג געטון:

— נאָך צוויי אַזעלכע, ליבע מומע, און עס וועט זיין אַ
קאָסטיומען-באַל.
— טאַקע, טאַקע — האָט געענטפערט פרוי בראַגינסקי —
אויב איך דערמאָן וועגן זיי, איז דערפאַר, ווייל לינעטקאַ האָט
פון קיין איינעם פון זיי נישט געוואָלט הערן. זי איז אַזאַ שאָ-
ווינסטין! איר האָט גאָר קיין השגה נישט, וואָס פאַר אַ שאָווי-
ניסטן דאָס קינד איז!
— זאָל איר זיין אויף לאַנגע יאָרן — האָט געענטפערט
זאַווילאָחסקי.
נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען געזע-
גענען. באַם געזעגענען האָט ער פאַרהאַלטן פריילין לינעטקאַס
האַנט, וועלכע האָט אים אויך געענטפערט מיט אַ לאַנגן האַנט-
דרוק.
— ביז מאָרגן! — האָט ער איר אַ זאָג געטון, קוקנדיק
איר אין די אויגן.
— ביז מאָרגן... נאָך הער קאַפּאָחסקין. פאַרגעסט גאָר
נישט אָן דעם „שפּינוועבס"?
— ניין, פריילין, כ'וועל נישט פאַרגעסן... קיינמאָל
נישט — האָט זאַווילאָווסקי געענטפערט מיט אַ ביסל אַן אויפגע-
רעגטער שטים.
ער איז אַרויס צוזאַמען מיט הער פּלאַוויצקין, תיכף אָבער,
ווי זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער אַלטער אים לייכט
אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע און, פאַרהאַלטנדיק אים, געזאָגט:
— הער יונגערמאַן, איר ווייסט, אַז איך וועל אײַנגיכן ווערן
אַ זיידע?
— איך ווייס — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי.
— אַזוי! אַזוי! — האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל גע-
ענטפערט פּלאַוויצקי — דאָך וועל איך אייך אָט וואָס זאָגן:
נישטאָ קיין בעסערס, ווי יונגע ווייבלעך!...
און לאַכנדיק האָט ער אָנגעהויבן איינמאָל נאָכן אַנדערן
אים קלאַפּן אין דער פּלייצע. נאָכדעם האָט ער צוגעלייגט די
שפּיץ-פינגער צו די ליפּן, זיך געזעגנט און אַוועק. זאַווילאָווסקי

האָט כינדערווייטגס געהערט בלויז זיין א ביסל ציטערדיקע שטים:

— בישטאָ קיין בעסערס פון יינגע ..

דאָס איבעריקע האָט פאַרטויבט דאָס גערויש פון גאַס.

II

פון דאַמאָלס אָן פֿלעגט זאַווילאָווסקי טאָג-טעגלעך קומען צו דער מומע בראָניטש. ער פֿלעגט אָפּטמאָל נאָך דאָרט טרעפֿן קאַפּאָווסקין, מחמת די לעצטע צייט איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דעם פּאָרטרעט פֿון „אַנטינאָאוס". פֿריילין לינעטאַ האָט געזאָגט, אַז זי האָט נאָך נישט באַוויזן אַלץ אַרויסצובאַקומען פֿון דעם געזיכט, אַז דער אויסדרוק איז אפשר נישט דער, וואָס עס באַדאַרף זיין — מיט איין וואָרט: זי האָט באַדאַרפֿט האָבן צייט זיך מיישב צו זיין. מיט זאַווילאָווסקין איז די זאַך געגאַנגען לייכטער.

— באַ אַזאַ קאָפּ, ווי הער קאַפּאָווסקיס — האָט זי איינמאָל אַ זאָג געטון — איז גענוג צו ענדערן די קלענסטע ליניע, גענוג איז אָנצווענדן דאָס נישט-געהעריקע ליכט, אַז אַלץ זאָל ווערן געפּטרט. באַ זאַווילאָווסקין אָבער האָט מען קודם-כל באַדאַרפֿט כאַפּן דעם כאַראַקטער.

הערנדיק דאָס, זענען ביידע געווען צופֿרידן. קאַפּאָווסקי האָט אפֿילו דערקלערט, אַז ס'איז נישט זיין שולד, וואָס דער

רבונו־של־עולם האָט אים באַשאַפן אַזעלכן. פרוי בראָניטש האָט שפּעטער דערציילט, אַז פרייליין לינעטאַ האָט אויף דעם געזאָגט: „דער רבונו־של־עולם האָט אים באַשאַפן, גאָטס זון האָט אים אויסגעלייזט, אָבער דער הייליקער גייסט האָט אים פאַרגעסן אַריינצוגעבן שכל". דעם חיוך האָט מען געחזרט וועגן דעם אַרימען הער קאָפּאָווסקין נעבעך אין גאַנץ וואַרשע.

זאַווילאָווסקי האָט אים גאַנץ ליב געהאַט. נאָך עטלעכע מאָל זיך טרעפן האָט ער אים אויסגעוויזן אַזוי אומענדלעך באַגרענעצט, אַז אים איז אפילו אין קאָפּ אַריין נישט געקומען וועגן אים צו זיין אייפערזיכטיק. פון דער צווייטער זייט, איז אים אָבער תמיד ליב געווען אויף אים צו קוקן. די דאַמען האָבן אים אויך ליב געהאַט, הגם זיי פלעגן זיך אָפּטמאָל דערלויבן זיך צו חיצלען אויף זיין חשבון, צייטנווייז ווידער פלעגט ער באַ זיי זיין אַ באַלעם, וואָס זיי האָבן געוואָרפן פון האַנט צו האַנט. קאָפּאָווסקיס טפּשות איז איבעריקנס נישט קיין מרה־שחורהדיקע, נישט קיין חשדימדיקע. ער האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע שטימונג און אַן אמת וווּנדערלעכן שמייכל, וועגן וואָס ער האָט אפשר געוווּסט, און דעריבער ליבערשט געשמייכלט, ווי גערונצלט זיך, ער איז געווען גוט דערצויגן, געווען אין דער וועלט, און באַ דעם אַזוי פיין זיך אָנגעטון, אַז אין דעם פּרט האָט ער געקענט דינען זאַווילאָווסקין אַלס אַ לערער.

ער פלעגט פון צייט צו צייט אויך שטעלן קלאָץ־קשיות, וואָס האָבן די יונגע דאַמען פאַרשאַפט גרויס נחת — איינמאָל, הערנדיק, ווי פרוי בראָניטש רעדט וועגן פּאָעטישער באַגייסטערונג, האָט ער אַ פרעג געטון זאַווילאָווסקין: „צי אויף דעם דאַרף מען עפּעס האָבן, צי נישט?" — און אין דער ערשטער רגע איז ער באַלד צעטומלט געוואָרן, מחמת יענער האָט נישט געוווּסט, וואָס אים אָפּצוענטפערן.

איינמאָל ווידער האָט פרוי אַנעטאַ צו אים אַ זאָג געטון:

— איר האָט אַמאָל געשריבן לידער? קלייבט צו עפּעס אַ גראַם!

קאַפּאַוואַסקי האָט געבעטן, מען זאָל אים לאָזן צייט ביז מאָרגן. אויפֿצומאָרגנס אָבער האָט ער פֿאַרגעסן, אָדער אפשר נישט געפֿונען, די דאַמען ווידער זענען געווען גוט דערבייגן אַז האָב אים נישט דערמאָנט זיין צוזאָג. תּמיד איז אַזוי אָנגענעם געווען אויף אים צו קוקן, אַז זיי האָבן אים נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת-נפש.

דערווייל איז דער פֿרילינג אַוועק, און אונטערגעקומען איז דאָס פֿערד-געיעג. זאַווילאָווסקין האָט מען פֿאַרבעטן אויף דער גאַנצער צייט צו די אָסנאָווסקיס אין עקיפּאַזש; מען האָט אים געגעבן אַן אָרט קעגנאיבער ליגעזאַן. און ער האָט זי פֿון גאַנצן האַרץ באַוווּנדערט. אין די העלע טואַלעטן, אין די העלע היטן מיט אַ שמייכל אין די שוואַרצע אויגן, מיט איר רויק געזיכט, וואָס איז אַ ביסל פֿאַרייטלט געוואָרן פֿון די פֿרישעווינטלעך, האָט זי בײַ אים אויסגעזען פֿרילינג און גן-עדן. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער געהאַט פֿולע אויגן, אַ פֿולן געדאַנק און אַ פֿול האַרץ מיט איר. אין דער וועלט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון יונגע מענטשן, וואָס פֿלעגן זיך דערנענטערן צום עקיפּאַזש, כּדי צו ווײַלן די דאַמען, איז אים געווען נישט היימלעך, אָבער דאָס זען זי איז פֿאַר אים געווען דער בעסטער שׂכר פֿאַר אַלץ. אונטער דער ווירקונג פֿון די זוניקע טעג, פֿון גוטן וועטער, פֿון די ברייטע זומערדיקע חיינען און דעם יונגן מיידל, וואָס האָט אים אָנגעהויבן זיין טייער, האָט ער געלעבט אין כּסדרדיקן שיכּרות. ער האָט געפֿילט אין זיך יונגקייט און קראַפֿט און טיילמאָל פֿלעגט אין געזיכט זיין עפּעס באמת אַדלעריש. מינוטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ צעוויגטער גלאָק, וואָס קלינגט און קלינגט און איז מבֿשׂר די פֿרייד פֿון לעבן, די פֿרייד פֿון ליבע, די פֿרייד פֿון גליק — דעם גרויסן יום-טובֿ פֿון ליבן זיך. ער האָט אויך אַ סך געשריבן און אַזוי לייכט געאַרבעט, ווי קיינמאָל נישט, און אין זיינע לידער, איז געווען אַ מין טרוקענער ריח פֿון פֿריש צעאַקערטע בייט, עפּעס אַ פֿולקייט פֿון יונגע בלעטער, ווי דאָס גערויש פֿון פֿליגל פֿון פֿייגל, וואָס קומען צו פֿליען אויף די לייבען — און דאָ

אומגעהייערע רחבות פון לאנקעס און פעלדער. ער האט דערפילט זיין קראפט און אנגעהויבן זיך שעמען אפילו פאר פרעמדע, מחמת ער האט פארשטאנען, אז אין אים איז עפעס פארהאן, אז עס שטעקט עפעס, און אז ער האט עפעס צו לייגן אונטער דער געליבטערס פיס.

פאלאניעצקי, וואס האט נישט קוקנדיק אויף זיין סוחרשאפט, געהאט א נישט בעצוימטע ליידנשאפט צו פערד און קיינמאל נישט דורכגעלאזט קיין געיעג, האט די גאנצע צייט געזען אים אין דער געזעלשאפט פון די אסנאווסקיס און פריילין קאסטעלי, פארקוקט אין איר ווי אין א רעגנבויגן — און איינמאל אין ביורא האט ער אים גענומען פארפאלגן, אז ער ליבט זיך, אויף וואס זאווילאווסקי האט געענטפערט:

— נישט איך, מיינע אויגן; די אסנאווסקיס וועלן אבער איינגיכן אפפארן, די דאמען אויך — און אלץ וועט אוועק ווי א חלום.

אבער ער האט נישט געזאגט קיין אמת, ווייל ער אליין האט שוין נישט געגלייבט, אז אלץ זאל קענען אוועק, ווי א חלום. פארקערט, ער האט געפילט, אז פאר אים האט זיך אנגעהויבן א נייע לעבן, וואס קען צעבראכן ווערן צוליב פריילין קאסטעליס אפפארן.

— און וווהין קלויבט זיך עס פרוי בראניטש מיט פריילין קאסטעלי? — האט ווייטער געפרעגט פאלאניעצקי.

— סוף יוני און גאנץ יולי וועלן זיי זיין בא די אסבאוואסקיס, און שפעטער האבן זיי דאכט זיך בדעה צו פארן קיין שוועניגנען, אבער דאס איז נאך נישט באשטימט.

— די אסנאווסקיס פושיטולאוו געפינט זיך דריי מייל פון ווארשע — האט א זאג געטון פאלאניעצקי.

זאווילאווסקי האט שוין פון עטלעכע טעג און מיט הארציקלאפעניש זיך געשטעלט די פראגע, צי מען וועט אים פארבעטן, אדער ניין; ווען מען האט אים אבער פארבעטן און צו דעם נאך זייער ליבנסווירדיק, האט ער זיי נישט צוגעזאגט און בא אלע איינדרוקן פון דאנקבארקייט זיך אנגעהויבן ארויסדרייען,

דערקלערנדיק זײַן אָפּזאָג מיט אַרבעט און מאַנגל אין צײַט, פֿרײַלין קאַסטעלי האָט עס געהערט פֿון דער זײַט, אויפֿהײבנדיק זיך פֿון דערהײך אירע גאָלדענע ברעמען, און ווען ער איז גרייט געווען אָפּצוגיין, האָט זי זיך דערנענטערט צו אים און געזאָגט:

— פֿאַרוואָס ווילט איר נישט קיין פּאַשיטולאָו?

ער, באַמערקנדיק, אַז קײנער הערט זיך נישט אײַן, האָט קוקנדיק איר אין די אויגן, געענטפֿערט:

— כ'האָב מורא.

זי האָט אָנגעהויבן לאַכן און, איבערחזרנדיק קאַפּאָווסקיס ווערטער אַ פֿרעג געטאָן:

— צי אויף דעם דאַרף מען עפּעס, צי נישט?

— אויף דעם דאַרף מען — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ ביסל אַ ציטערדיקער שטים — איר זאָלט מיר זאָגן: „קום צו פֿאָרן"!

זי האָט זיך נאָך אַ רגע געוואַקלט; אפֿשר האָט זי זיך נישט דערוועגט אים צו זאָגן פּשוט און אין דער פֿאָרם, וואָס ער האָט געפֿאָדערט, פּלוצלינג אָבער האָט זי זיך פֿאַררייטלט און אַרויסגעשעפּטשעט:

— קום צו פֿאָרן!

און איז אַנטלאָפֿן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פֿאַר די אײגענע קאָלירן, וואָס זענען נישט קוקנדיק אויפֿן חשכות געווען וואָס אַ מאָל אָנזעעוודיקער אויף איר געזיכט.

זאַווילאָווסקין האָט זיך, אויפֿן וועג אַהײם, געדאַכט, אַז עס פֿאַלט אַ רעגן מיט שטערן.

די אָסנאָווסקיס אָפּפֿאָר האָט אָבער באַדאַרפֿט פֿאַרקומען ערשט אין צען טעג אַרום. פֿריִער פֿלעגט דאָס מאָלן פֿון פֿאַרטרעט גײן מיט אַ באַרמאַלן טעמפּאָ און ס'האָט אַזוי געזאָלט גײן ביזן לעצטן טאָג, מחמת פֿרײַלין קאַסטעלי האָט נישט געוואָלט פֿאַרלירן קיין צײַט. פֿרוי אָסנאָווסקאַ האָט זי צוגערעדט, זי זאָל בלויז מאָלן זאַווילאָווסקין, ווײַל קאַפּאָווסקי דאַרף בלויז נאָך עטלעכע סעאַנסן, וואָס מען וועט קענען מאַכן אין פּאַשיטולאָוו, ערב אָפּפֿאָרן קיין שוועבינגען. פֿאַר זאַווילאָווסקין זענען די סעאַנסן

געווען ממש אַ מין לעבנס־באַדערפעניש — אויב עס פלעגט זיך אַמאָל טרעפן עפעס אַ מניעה, האָט ער געהאַלטן דעם טאָג פאַר פאַרלוירן. פרוי בראָניטש פלעגט על־פי־רוב זײַן באַם מאָלן. זאַווילאָווסקי האָט אָבער געזען אין איר אַ פרײַנטלעכע נשמה און סוף־כּל־סוף איז דער אופן, ווי זי פלעגט רעדן וועגן פרײַלין קאַסטעלי, אים געוואָרן ליב. ביידע פלעגן זיי פשוט שאַפן הימנען לכבוד פרײַלין ליגעטאַ, וועלכע פרוי בראָניטש פלעגט אינם פאַרטרוילעכן שמועס אָנרופן „פעדימל". זאַווילאָווסקין איז דער נאָמען אַלץ מער געפעלן, וואָס בולטער ער פלעגט פילן, ווי דאָס „פעדימל" וועבט זיך אַרום זײַן האַרץ.

אָפטמאָל אָבער פלעגט זיך אויס־אַכטן, אַז פרוי בראָניטש דערציילט זאַכן נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אַז פרײַלין ליגעטאַ האָט געקענט זײַן שווירסקיס פעיזאַזשע שילערין, אַז שווירסקי האָט זי געקענט אָנרופן „ליאַ פערלאַ", אַז ער האָט געקענט, ווי פרוי בראָניטש האָט געגעבן אָנצוגעהערן, זיך ליבן אין איר — דאָס אַלץ האָט ער געקענט גלייבן; אָבער, אַז שווירסקי, וואָס איז געווען באַרימט אין אייראָפּע און באַשאָנקען מיט גרויסע מעדאַלן אויף אַלע אויסשטעלונגען, זאָל האָבן מיט טרערן אין די אויגן דערקלערט, דערזעענדיק פרײַלין ליגעטאַס אַן עסקיז, אַז אַ חוץ טעכניק, וואָלט ער געקענט גיכער נעמען בײַ איר לעקציעס, אין דעם האָט זיך זאַווילאָווסקי אפילו דערלויבט צו האָבן ספקות. ערגעץ, אין עפּעס אַ ווינקעלע פון דער נשמה, אין וועלכן עס האָט זיך נאָך געהאַלטן אַ ביסל ניכטערקייט, האָט ער זיך געחידושט, וואָס פרײַלין „פעדימל", לייקנט עס נישט גלייך אָפּ און באַגנוגנט זיך מיט די געוויינלעכע אין דעם פאַל ווערטער: „טומע! ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט ליב, ווען דו רעדסט אַזעלכע זאַכן!" ענדלעך, האָט ער אָבער אויך די לעצטע שטראַלן פון ניכטערקייט פאַרלוירן, אָנגעהויבן ווערן סענטימענטאַל איבער דעם פאַרשטאָרבענעם בראָניטש, און פרוי בראָניטש כמעט ליב געקריגן בלויז צוליב דעם וואָס ער האָט פון אינדערפרי ביזן אָוונט געקענט מיט איר רעדן וועגן פרײַלין קאַסטעלי.

צוליב פרוי בראָניטשס פסדרדיקע בקשות, האָט ער איך איבער דער צייט באַזוכט דעם אַלטן הער זאַווילאָווסקי, דעם קרעזוס, צו וועלכן ער פֿלעגט פֿריִער נישט קומען. דער אַלטער שליאַכטשיץ מיט מילך-ווייסע וואָנסעס, מיט דער רויזער הויט און קורץ געשוירענע גרויע האָר, האָט אים אויפגענומען מיטן פוס אין פאָטערשטול און מיט אַ געוויסער גרויספּריצישער פאַמיליאַריטעט פון אַ מענטש, וואָס איז געוווינט, אַז לייט זאָלן זיך מיט אים מער רעכענען, ווי ער מיט זיי.

— אַנטשולדיקט, וואָס איך הייב זיך נישט אויף — האָט ער אַ זאָג געטון — אָבער פּאָדאַגרע איז נישט קיין שפּאַס... האַ! וואָס זאָל מען טון! ירושה! דאַכט זיך, אַז דאָס וועט דורות לאַנג זיין צוגעבינדן צום פאַמיליען-נאָמען. דיר טוט אַמאָל ווי דער גראָבער פינגער?

— ניין — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, אַ ביסל אַ פאַר-חידושטער, אי מיטן אופן פונם צונעמען, אי מיט דעם, וואָס דער אַלטער שליאַכטשיץ זאָגט אים תיכף באַם ערשטן מאָל זען — דו.

— וואַרט, קומען וועט די עלטער!

נאָכדעם, אַריינרופנדיק די טאָכטער, האָט ער זאַווילאָווסקין פאָרגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן וועגן די משפּחה פאַר-בינדונגען, אויפווייזנדיק דעם יונגנמאַן, ווי אַזוי זיי זענען קרובים. לסוף האָט ער אַ זאָג געטון:

— מילא, איך דאַרט האָב קיין לידער נישט געשריבן, ווייל כ'האָב אין דעם קיין השגה נישט, כ'מוז דיר אָבער זאָגן, אַז דו האָסט זיך מיר איינגעגעבן — און כ'האָב מיך נישט גע-שעמט, ווען כ'האָב געליינט מיין פאַמיליענאָמען אונטער די לידער.

דעם באַזוך איז אָבער באַשערט געווען נישט צו ענדיקן זיך גוט. פריילין זאַווילאָווסקאַ, אַ פּערזאָן פון אַן ערך דרייסיק יאָר, אַ שיינע, אָבער ווי פאַרוועלקט פאַר דער צייט און אַ מרה-שחורהדיקע, וועלנדיק אָנטייל נעמען אינם שמועס, האָט אָנגע-הויבן אויספרעגן דעם קוזין, ווען ער קען, צו ווען ער

קומט, און דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט צו יעדן אויסגערעכנט פאַמיליען־נאָמען צוגעגעבן אין איינס אָדער צוויי חערסטער זיין מיינונג. ביים אָנרופן די פּאָלאַניעצקיס, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „גוט בלוט!" — בײַ די ביגעלס האָט ער געפרעגט: „ווי אַזוי?" און ווען זאַווילאָווסקי האָט איבערגעחזרט דעם נאָמען האָט ער צוגעגעבן: „Connais pas" — פרוי אָסבאָזסקאַ האָט ער אָנגערופן מיטן נאָמען: „אַ היבנלאַרך" — בײַ פרוי בראָניטש האָט ער אַ מרוק געטאָן: „אַ באַרימערין!" — ענדלעך, ווען דער יונגערמאַן האָט אַביסל אַ צעטומלטער אָנגערופן פריילין קאַסטעלי, האָט דער שליאַכטשיץ, וועלכן ס'האָט מכתמא אין דער מינוט אַ צי געטאָן אין פוס, זיך געוואַלטיק פאַרקרומט און אויסגעשריגן:

— איי! אַ ווענעציאַנער האַלבער רוח!

אויף דעם איז זאַווילאָווסקין, וואָס איז נישט קוקנדיק אויף זיין שעמעוודיקייט, געווען אַ היציקער מענטש, פינסטער געוואָרן אין די אויגן, דער גרויסשטאַרגדיקער הינטערשטער קינבאַק האָט זיך נאָך מער אַרויסגערוקט פאָרנט אַפער, און אָפּמעסטנדיק דעם אַלטן פונעם קראַנקן פוס אָן ביזן קאָפּ — אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט אַ טבע אַרויסצוגעבן שנעל מיינונגען, און דאָס געפעלט מיר נישט, דעריבער איז מיר אָנגענעם זיך מיט אייך צו געזעגענען.

און פאַרנייגנדיק זיך, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט און אַוועק.

דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי וואָס איז געווינט געווען אַלץ זיך צו דערלויבן און וועלכן אַלץ איז אָנגעגאַנגען, האָט אַ צייט געקוקט אַ פאַרגליווערטער אויף דער טאָכטער און ערשט נאָך אַ לאַנג שווייגן אַ זאָג געטאָן:

— וואָס, ער איז משוגע געוואָרן?

דער יונגערמאַן האָט די פרוי בראָניטש נישט דערציילט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, ער האָט בלויז דערמאָנט, אַז ער איז געווען מיט אַ באַזוך און אַז דער פאָטער מיט דער טאָכטער זענען אים ביידע נישט געפעלן. זי האָט זיך אָבער דער־

ווסט וועגן אַלעם פון אַלטן זאַווילאָווסקי אַליין, וואָס האָט אפילו אין די אויגן פריילין קאַסטעלין נישט אַנדערש אָנגערופן, ווי „וועגעציאַנער האַלבער רוח".

— פאַר דאָס האָט איר מיר געשיקט אַ גאַנצן רוח — האָט ער איר געזאָגט — גוט איז נאָך, וואָס ער האָט מיר דעם קאָפּ נישט צעהאַקט.

אין זיין שטים האָט זיך אָבער געלאָזט פילן עפּעס אַ מין אומצופרידנקייט, וואָס אַ זאַווילאָווסקי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ היצקאָפּ, פרוי בראָניטש אָבער, האָט נישט באַמערקנדיק דעם שאָטן, זיך גענומען די זאַך אַ ביסל צום האַרץ און צום גרויסן חידוש פונם „גאַנצן רוח" האָט זי צו אים געזאָגט:

— ער גייט אויס פאַר ליגעטקאַן און דאָס איז בא אים אַ מין אויסדרוק פון ליבע, אַחוץ דעם אַ מענטש אין אַזאַ מצב און אין דעם עלטער, דאַרף מען אַ סך מוחל זיין. איר האָט אוודאי נישט געלייענט קראַשעווסקיס: „וועגעציאַנער האַלבן רוח"... דאָס איז אַ צונאָמען, אין וועלכן ס'איז פון דאַמאָלס אָן פאַרהאַן אַ געוויסע פּאָעזיע... ווען דער אַלטער וועט זיך איבערבעטן, שרייבט צו אים עטלעכע ווערטער — גוט? אַזעלכע פאַרבינדונגען דאַרף מען אונטערהאַלטן...

— מאַדאַם — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי — כ'וועל פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט שרייבן!

— אפילו ווען נישט נאָר איך זאָל בעטן?

— דאָס הייסט... קיין שטיין ווידער בין איך דאָך נישט.

פריילין קאַסטעלי האָט אַ שמייכל געטון, הערנדיק די ווערטער. אין האַרצן איז איר אָבער געפעלן, וואָס זאַווילאָווסקי איז באַ איין וואָרט וועגן איר, וואָס האָט אים אויסגעוויזן פאַר באַליידיקנדיק, אַ שפּרינג געטון, ווי ער וואָלט דערהערט אַ לעסטערונג, און זי האָט באַם פּאָזירן, ווען זיי זענען געבליבן אַליין, אים אַ זאָג געטון:

— אַ מאָדנע זאַך, ווי ווייניק איך גלייב אין מענטשלעכער

אויפריכטיקייט . . עפעס איז מיר אזוי שווער צו גלייבן, אז עמעץ, א חוץ דער מומען, זאל מיר זיין אמת געטריי.

— פארוואס, פריילין?

— כ'ווייס נישט. כ'קען זיך אליין נישט אפגעבן פון דעם קיין חשבון.

— און די אסנאווסקיס למשל? פרוי אנעטא?

— פרוי אנעטא? — האט פריילין קאסטעלי איבערגעחזרט.

און זי האט אנגעהויבן פלייסיק צו מאלן ווי זי וואלט פארגעסן אן דער פראגע.

— און איך פריילין? — האט א ביסל שטילער א פרעג געטון זאווילאווסקי.

— יא! — האט זי געענטפערט — איר, יא איר אייגער, בין איך זיכער, וואלט נישט דערלויבט קיינעם צו רעדן וועגן מיר קיין שום שלעכטס. איך פיל, אז איר זייט מיר אמתדיק געטריי, הגם כ'ווייס נישט פארוואס, ווייל איך בין בכלל אזוי ווייניק ווערט...

— איר ווייניק ווערט! — האט זאווילאווסקי א ריס טוענדיק זיך אויסגעשריגן — געדענקט-זשע, אז איך דערלויב באמת טאקע קיינעם נישט צו רעדן אויף אייך קיין שלעכטס, אפילו אייך אליין.

פריילין קאסטעלי האט א שמייכל געטון און געזאגט:

— גוט, אבער זעצט אייך, ווייל איך קען נישט מאלן.

ער האט זיך אוועקגעזעצט, אבער געקוקט אויף איר מיט א בליק, אזוי פול מיט ליבע און אנטציקונג, אז זי איז צעטומלט געווארן.

— וואס פאר א נישט געהארכזאם מאדעל! — האט זי געזאגט — דרייט אויס דעם קאפ א ביסל אויף רעכטס און קוקט נישט אויף מיר.

— איך קען נישט! איך קען נישט! — האט זאווילאווסקי געענטפערט.

— און איך, באמת איך קען נישט מאַלן. דער קאָפּ איז אָנגעהויבן אין אַן אַנדער לאַגע... וואַרט...

זאָגנדיק דאָס, איז זי צוגעגאַנגען און, אָנרירנדיק מיט די פינגער זיין שלייף, האָט זי אָנגעהויבן פּאַמעלעך אויסדרייען זיין קאָפּ אויף רעכטס. בײַ אים האָט אָבער דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן ווי מיט אַ האַמער, אַלץ האָט זיך געגומען אים דרייען פאַר די אויגן און פאַרהאַלטנדיק פרייַלין קאַסטעליס האַנט, האָט ער צוגעדריקט צו די ליפּן זירע וואַרעמע פינגער.

— וואָס טוט איר? — האָט אַ פּיעג געטון פרייַלין לי־בעטאַ.

ער האָט בסדר געהאַלטן איר האַנט אויף די ליפּן — און גאָרנישט געענטפערט — נאָר צוגעדריקט זי וואָס אַמאָל שטאַר־קער.

דאַמאָלס האָט זי שנעל אַ זאָג געטון:

— רעדט מיט דער מומען... מאָרגן פאָרן מיר אַוועק.

און זיי האָבן מער נישט געקענט רעדן, מחמת אין דער זעלבער רגע האָבן אָסנאַווסקי, קאַפּוֹוסקי און אַנעטאַ, וועלכע זענען פריער געזעסן אינם שכנותדיקן זאַלעכל, זיך אומגעקערט אין אַטעליע.

פרוי אַנעטאַ, באַמערקנדיק פרייַלין קאַסטעליס ראָז גע־וואָרענע באַקן, האָט אַ קוק געטון שנעל אויף זאַווילאָווסקין און געזאָגט:

— ווי גייט עס אייך הייַנט?

— וווּ איז די מומע? — האָט איבערגעפרעגט פרייַלין קאַסטעלי.

— זי איז אַרויסגעפאָרן אויף וויזיטן.

— שוין לאַנג?

— עטלעכע מינוט צוריק. ווי איז עס אייך הייַנט געגאַנ־גען?

— גוט, אָבער אויף הייַנט וועט זיין גענוג.

זאָגנדיק דאָס, האָט פרייַלין קאַסטעלי צונויפגעלייגט די פּענזלען און אין אַ ווײַלע אַרום אַוועק צו זיך אָפּוואַשן די הענט.

זאַווילאָווסקי איז נאָך פאַרבליבן אַ ביסל, ענטפערנדיק מער־ווייניקער מיט קאָפּ אויף די געשטעלטע פֿראַגן, אָבער דאָך חשק געהאַט אַוועקצוגיין. ער האָט מורא געהאַט צו רעדן מיט פרוי בראָניטש און ווי דער שטייגער איז בײַ פחדנים, געוואָלט עס ברייגן אויף מאָרגן. ער האָט אויך געוואָלט אַליין בלייבן מיט זיינע רעיונות, ברענגען זיי אין אַ סדר, אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון דעם, וואָס עס איז געשען מחמת אין דער מינוט האָט ער בלויז געהאַט אין קאָפּ אַ כאַאָס פון מוטנע באַגריפן, אַז עס איז געשען עפּעס אומדערהערטס, עפּעס, פון וואָס עס וועט זיך אָנהייבן אַ נייע תקופה אין זיין לעבן. בײַ דעם בלויזן געדאַנק האָט אים דורכגענומען אַ שוידער פון גליק, אָבער אגב אויך אַ פחד, מחמת ער האָט געפילט, אַז איצט איז שוין נישטאָ קיין צייט צוריקצוציען, אַז מען מוז גיין פאָרויס דורך ליבע, דורך דערקלערן זיך, דורך בעטן די האַנט בײַם מיידל און בײַ דער משפחה, אוש ביזן אַלטאַר. ער האָט עס געגאַרט מיט דער גאַנצער נשמה, ער איז אָבער אַזוי געוווינט געווען אַלץ, וואָס עס איז גליק, צו האַלטן פאַר אַ דיכטערישע פאַנטאַזיע, פאַר עפּעס, וואָס עס געהער אויסשליסלעך צו דער וועלט פון געדאַנק, קונסט און טרוים, אַז ער האָט כמעט נישט דערוועגט זיך צו גלייבן, פריילין קאַסטעלי זאָל באמת ווערן זיין ווייב. דערווייל אָבער האָט ער קוים געקענט איינזיצן, און ווען ליגנצקאַ האָט זיך אומגעקערט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען.

זי האָט אים דערלאַנגט איר אָפּגעקילטע און וואַרעמען וואַסער האַנט און געזאָגט:

— איר וועט נישט וואַרטן אויף דער מומע?

— איך מוז אַוועקגיין, און מאָרגן וועל איך זיך געזעגענען מיט אייך און מיט פרוי בראָניטש.

— אַלזאָ צום ווידערזען!

נאָכדעם, וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, האָט זאַווילאָווסקין דאָס געזעגענען אויסגעוויזן אַזוי נישט פּאַסיק און קאַלט, אַז אים האָט באַהערשט אַ יאוש־געפיל. ער האָט אָבער נישט דערוועגט זיך אָנדערש צו געזעגענען אין אָנוועזנהייט פון

פענטשן, בפרט נאָך, ווען פ״וי אַנעטאַ האָט אויף אים געקוקט געוואַלטיק אויפמערקזאַם. באַם אַוועקגיין האָט אים אָסנאָווסקי א זאָג געטון:

— וואַרט. איך האָב עפּעס צו דערליידיקן אין שטאָט. וועלן מיר גיין צוזאַמען.

און זיי זענען אַוועק. תּיכּף אָבער ווי זיי האָבן זיך אָבער געפונען פאַרן טויער פון דער ווילייע, האָט הער אָסנאָווסקי זיך פאַרהאַלטן, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און מיט א טראַציקער מינע אים א פרעג געטון:

— הער איגנאַש! איר האָט אייך נישט צעקריגט אַמאָל א ביסל מיט פרײלין לינעטאַ?

זאַווילאָווסקי האָט אויף אים אָנגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויגן:

— איך מיט פרײלין לינעטאַ?

— ווייל איר האָט אייך עפּעס אַזוי קאַלט געזעגנט. כ׳האָב געמיינט, איר וועט איר לכל־הפּחות א קוש טון אין הענטל.

זאַווילאָווסקיס אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן, הער אָסנאָווסקי אָבער האָט אָנגעהויבן לאַכן און א זאָג־געטון:

— נו, וועל איך אייך אויסזאָגן דעם אמת! מיין ווייב, אַלס גייגעריקע פרוי האָט אייך נאָכגעקוקט און געזען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. מיין הער איגנאַש, איך בין אייך גאָר א גוטער פריינט, וועלכער ווייסט אוב, וואָס עס הייסט ליב האָבן. כ׳קען אייך בלויז איין זאַך זאָגן: זאָל דיר גאָט געבן צו זיין אַזוי גליקלעך, ווי איך בין.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעהויבן שאָקלען זיין האַנט, און זאַווילאָווסקי, ה״ם א צעטומלטער ביז גאָר, האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט צוּוואַרפן זיך אים אויפן האַלדז.

— איר האָט נאָך היינט טאַקע באמת אַרבעט? פאַרוואָס גייט איר אַוועק?

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳האָב באַדאַרפט צוזאַמענעמען די געדאַנקען, א חוץ דעם האָט מיך אַזא פּחד באַהערשט פאַר דער פרוי בראָניטש.

— איר קענט נישט די מומען, בײַ איר ברענט אויך אין מוח. פֿירט מיך צו אַ שטיקל װעג, און קערט אײַך אום אָן שום שהיות. אומקערנדיק זיך, װעט איר צונױפֿנעמען די געדאַנקען, בינו־לבינו װעט פֿרױ בראַניטש אָנקומען און איר װעט צו איר האַלטן אַ רײדע, בײַ װאָס זי װעט זיך צעװײנען. קײן שום אַנדערע סכּנה דראָט דיר חס־ושלום נישט. געדענק אויך, אַז אױב עס װעט דיר גוט זײַן, װעסטו האָבן דער עיקר צו פֿאַרדאַנקען מײַן אַנעטקאַן, װײַל זי האָט, באמונות, אַזױ געענבערט קאַסטעלקאַן אין מוח, װי זי װאָלט געװען אײַערס אַ לײַבלעכע שװעסטער, זי האָט שױן אַזאַ משוגענעם קאָפּ, אָבער בײַ דעם אַזאַ ערלעך האַרץ! קען זײַן, אַז אַזעלכע גוטע פֿרױען זענען פֿאַראַן, אָבער קײן בעסערע זענען אויף דער װעלט נישטאָ... אונדז האָט זיך געדאַכט אַ ביסל, אַז דער כּמעט קאַפּאַװסקי שאַרט זיך צו קאַסטעלקאַן און דאָס האָט אַנעטקאַן געװאַלטיק געאַרט. זײ האָבן ליב קאַפּאַשן, װעסט אָבער מוחל זײַן, חתונה האָבן מיט אַזעלכן — איז שױן צופֿיל.

רעדנדיק אַזױ, האָט ער גענומען זאַװילאָװסקין אונטערן אָרעם און איז אַ װײַלע אַרום װידער אָנגעהױבן רעדן:

— לאָזט מיך געמאַך אויך מיט דעם אירצן זיך. מיר װעלן דאָך זײַן קרובים. איך בין נישט מסופּק, אַז קאַסטעלקאַ האָט דיך האַרציק ליב, װײַל זי איז אויך אַן ערלעך װעזן. פֿון דער צװײטער זײַט אָבער, האָט מען איר אַזױ פֿאַרדרײט מיט דיר דעם קאָפּ, און זי איז אַזױ יונג, אַז דו דאַרפֿסט נאָר צװאַרפֿן האַלץ צום פֿײַער... צװאַרפֿן!... פֿאַרשטײסט!... מען דאַרף עס זאָל זיך אײַנװאָרצלען — און דאָס איז מחויב לײַכט אָנצוקומען, װײַל זי איז באמת אַן אומגעװײנטלעכע נאַטור. מײַן נישט, איך װיל דיך װאָרענען, אָדער אָפּשרעקן. נײַן! עס גײט בלױז אינם לײגן אַ פֿעסטן יסוד. אַז זי האָט דיך ליב, איז קײן שום ספק נישט. זאָלסט זי געװען זען, װי זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דײַן ביכל, אָדער װאָס עס האָט זיך געטון מיט איר דעמאָלס, װען איר האָט אומגעקערט פֿון טעאַטער. מיר איז דעמאָלס געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַ נאַרישער געדאַנק. כ'האָב געזאָגט, אַז איך

האָב געהערט, אַז דער אַלטער זאַווילאָווסקי האָט זיך דעריבער געוואָלט מיט דיר באַקענען, מחמת ער האָט בדעה פאַר דיר צו פאַרקנסן זיין טאָכטער, כדי דאָס פאַרמעגן זאָל נישט פאַרפרעמדט ווערן — און, מאָל זיך, אַז ווען זי האָט דאָס גענעך דערהערט, איז זי בלאַס געוואָרן, ווי פּאַפּיר. כ׳האָב זיך אַזש דערשראָקן און תיכף זיך צוריקגעכאַפּט. וואָס זאָגסטו צו דעם?

זאַווילאָווסקין האָט זיך געגלוסט צו לאַכן און וויינען, ער האָט אָבער בלויז צוגעדריקט מיטן גאַנצן כוח צו דער זייט אָס-נאָווסקיס האַנט, וועלכער האָט אים געהאַלטן געאַרעמט, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטאָן:

— נישט איך בין זי ווערט, נישט...

— נו — און וואָס גייט נאָכן צווייטן: „נישט“? — אפשר האָסטו געוואָלט זאָגן: „נישט כ׳האָב זי אַזוי ליב!“

— זאָל זיין אַזוי! — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, אויפ-הייבנדיק די אויגן אינדערהייך.

— נו, קער-זשע זיך תיכף אום און שטעל דיר צונויף אַ דרשה פאַר דער מומע בראָניטש. האָב נישט קיין מורא צו זיין צופיל פּאַטעטיש. זי האָט דאָס ליב!... צום ווידערזען, איג-נאַש! איך וועל אין אַ שעה אַן ערך אַרום זיין צוריק, וועלן מיר האָבן אַ תנאים.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן די הענט דריקן מיט אַן אמת ברודערלעך געפיל, בײַ דעם האָט הער אָסנאָווסקי גע-זאָגט:

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: זאָל דיר גאָט העלפן זאָלסט מיט קאַסטעלקאָן טרעפן אַזוי, ווי איך מיט מיין אַנעט-קאַן!

אומקערנדיק זיך האָט ער געטראַכט, אַז הער אָסנאָווסקי איז איין מלאך, פרוי אָסנאָווסקאַ דער צווייטער, פּ״ני בראָניטש דער דריטער, און פרײַלין לינעטאַ שוועבט העכער פון אַלע מיט אירע כרובים-פליגל, ווי עפּעס אַ הייליקייט, ווי עפּעס געטלעכס. ער האָט איצט משיג געווען, אַז דאָס האַרץ קען ליב האָבן ביז

יסורים. אין האַרצן האָט ער געקנײטש פֿאַר אײ״, געקלאַפּט דעם קאָפּ פֿאַר אירע פֿיס, זי ליב געהאַט, פֿאַרגעטערט. און צו די אַלע געפֿילן, וואָס האָבן זיך אין אים — צעשפּילט ווי אײן גרויסער הײנאַל, האָט זיך נאָך פֿאַרײניקט דאָס געפֿיל פֿון אַזאַ מין האַרציקײט, ווי די געליבטע פֿרוי וואָלט גלײכצײטיק זײַן אַ קינד, אַן אײנציקס און געוואַלטיק געליבטס, אָבער נאָך אַ קלײנס און וואָס דאַרף השגחה. ער האָט זיך דערמאַנט אַן אָסנאַווסקיס מעשׂה, ווי זי איז בלאָס געוואָרן, ווען מע האָט איר געזאָגט, אַז מען וויל אים חתונה מאַכן מיט אַן אַנדערער — און ער האָט זײַן האַרץ בײַ זיך געהערט: „דו ביסט מײַן, מײַן ...״ און באַהערשט האָט אים אַ געפֿיל אָן אַ שיעור, און די דאַנקבאַרקײט האָט אים דאָס האַרץ פֿאַרגאָסן, אַז אים האָט זיך געדאַכט, ער וועט זיך נישט אויסצאָלן מיטן גאַנצן לעבן פֿאַר איר אײן מינוט בלאָסקײט. ער האָט זיך געפֿילט אַזוי גליקלעך, ווי קײנמאָל נישט, און מינוטנווײז פֿלעגט אים אַפֿילו דאָס גרויסע גליק אָפּשרעקן. פֿריִער איז ער געווען אַ טעאָרעטישער פּעסימיסט, איצט אָבער האָט די ווירקלעכקײט געגעבן אַזאַ קלאַפּ די אָנגעכאַפּטע שיטות, אַז אים איז שווער געווען צו גלײבן, ער זאָל אַזוי ווײַט האָבן זיך טועה געווען.

דערווײַל האָט ער זיך אומגעקערט אין דער ווילע, אַרײַנציִענדיק אויפֿן וועג אין זיך דעם ריח פֿון זשאַסמין און האָבנדיק עפּעס אַ מוטנע געפֿיל, אַז דער פֿאַרשיכורנדיקער ריח איז נישט קײן אויסערלעכער, נאָר פּשוט אַ חלק אין באַשטאַנדטײל פֿון זײַן גליק. אויפֿן וועג האָט ער צו זיך געזאָגט: „וואָס פֿאַר אַ מענטשן דאָס זענען, וואָס פֿאַר אַ הויז דאָס איז, וואָס פֿאַר אַ משפּחה! נאָר צווישן זײ האָט געקענט דערצויגן ווערן די ווײַסע מײַנע!״ ער האָט בײַ דעם געקוקט אויף דער אונטערגײענדיקער אין אָװנט-רו זון, אויף די גאָלדענע פֿאָרהאַנגען פֿון דער שקיעה, וואָס זענען איבערגעבונדן מיט בענדער פֿון פּורפּור, און די רו האָט אים אָנגעהויבן באַהערשן. אין דעם אומגעהײַערן שײַן האָט ער געפֿילט די גרויסע גענאָד אין גוטסקײט, וואָס קוקן אויף דער וועלט, הײלן זי און בענטשן. ער האָט נישט מתפּלל געווען מיט

קיין חעיטער, אַלץ האָט אָבער געזונגען אין זיין נשמה, עפּעס איין דאַנקבאַרע תפילה.

באַם טויער פון דער ווילע, אויפכאַפּנדיק זיך ווי פון שלאָף, האָט ער באַמערקט די אָסנאָווסקיס אַלטן דינער, וואָס האָט גע־קוקט אויף די פאַרביפאָרנדיקע עקיפּאַזשן.

— גוטן אָוונט, סטאַניסלאַוו! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — פרוי בראָניטש האָט זיך שוין אומגעקערט?

— איך קוק זי טאַקע אויס. נאָר מען זעט עפּעס נישט די עלטערע מאַדאַם.

— די דאַמען זענען נאָך אין זאַל?

— יאָ — הער קאַפּאַווסקי אויך.

— און ווער וועט מיר עפענען?

— דאָרט איז אָפן, איך בין בלויז אַראָפּ אויף אַ רגע.

זאַווילאָווסקי איז אַרויף אינדערהייך — נישט געפונענדיק אָבער קיינעם אין שותפותדיקן זאַל, איז ער אַריבער אין אַטע־ליע, דאָרט איז אויך געווען פּוסט, פונם שכנותדיקן קלענערן צימער אָבער האָבן דערגרייכט צו אים דורך דער פּאָרטיערע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם זאַל פון אַטעליע, עפּעס שטילע שטי־מען.

מיינענדיק, אַז ער וועט דאָרט געפינען ביידע דאַמען צו־זאַמען מיט קאַפּאַווסקין, האָט ער דערהויבן די פּאָרטיערע, — און אַ קוק טוענדיק, פאַרשטיינערט געוואָרן.

פריילין קאַסטעלי איז אין זאַל נישט געווען, נאָר קאַ־פּאַווסקי האָט געקניט פאַר פרוי אָסנאָווסקאַ, וואָס האָט, האַלטנ־דיק די הענט פאַרזונקען אין זיינע געדיכטע האָר, אַוועקגע־בויגן אויף צוריק זיין קאָפּ, אַראָפּבייגנדיק צו אים איר געזיכט, ווי אַ קוש צו טון אים אין שטערן.

— אַגנעשקאַ! איך האָב דיך ליב! — האָט קאַפּאַווסקי געזאָגט מיט אַ געשטיקטער שטים פול ליידנשאַפט.

— כ'האָב ליב! אָבער, ניין! דאָס וויל איך נישט! — האָט געענטפערט פרוי אָסנאָווסקאַ, אָפּרוקנדיק אים אַ ביסל פון זיך.

זאַוויליאַווסקי האָט מיט אַ נישט ווילגעריקער בייזער ענערגיע אַראָפּ־געלאָזט די פּאַרטיטורע; אַ ווײַלע איז ער פאַר איר געשטאַנען, ווי די פיס זײַנע וואָלטן פּלוצלינג געוואָרן בלײַערנע, ענדלעך, נישט אָפּגעבנדיק זיך גוט קיין חשבון, וואָס ער טוט, איז ער אַדורך די אַטעליע, און ווייכער דיקער דיוואַן האָט, ווי פריער, פאַרטויבט זײַנע טריט, ער איז אַדורך דעם הויפּט־זאַל, דאָס פאָדערצימער, די טרעפּ און צוגעקומען צום טויער פון דער ווילע.

— דער פּרינץ גייט אַוועק? — האָט אַ פרעג געטאָן דער אַלטער דינער.

— יאָ — האָט געענטפערט זאַוויליאַווסקי.

און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי שנעל צו גיין, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און הויך אַ זאָג געטאָן צו זיך:

— בין איך נישט אַמאָל משוגע געוואָרן?

און פּלוצלינג האָט זיך עס אים אויסגעוויזן פאַר מעגלעך, מחמת ער האָט דערפילט, אַז ער פאַרלירט דעם פאָדעם פון געדאַנק, אַז ער פאַרשטייט קיין זאַך נישט און גלייבט קיין זאַך נישט. עפּעס האָט אין אים אָנגעהויבן זיך רייסן, עפּעס איינפאַלן. ווי הייסט? דאָס הייסט, אַלזאָ, וועגן וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געטראַכט, אַז עס איז אַזאַ געבענטשטער היכל פון אומגעוויינלעכע נשמות, באַהאַלט אין זיך פּשוטן שקר, פּשוטע געמיינהייט, פּשוטן לעבנס־שמוץ — געמיינע און מיאוסע קאָמעדיע? און מיט אַזאַ אַטמאָספער אָטעמט ער, אין אַזאַ סביבה לעבט ער, מיט אַזעלכע בגשמיות קומט אויס זײַן ליבע — זײַן „ווייסע"? דאָ זענען אים געקומען אויפן רעיון אַסנאַוואָסקיס ווערטער: „זאָל דיר גאָט געבן, זאָלסט אַזוי טרעפן מיט קאַסטעלקאַן, ווי איך האָב געטראָפן מיט מײַן אַנעטאַ!" „אַ דאַנק!" — האָט אַ טראַכט געטאָן זאַוויליאַווסקי — און נישט ווילנדיק אָנגעהויבן לאַכן. בייז און שמוץ. זענען בײַ אים קיין נײַעס נישט געווען; ער האָט עס געזען און געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן; אָבער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זיך עס אים אַנטפּלעקט אין אַזאַ אומברחמנותדיקער איראָניע, דורך וואָס דער הער אַסנאַוואָסקי,

אַ מענטש, וועלכער האָט פאַר אים אַרויסגעזען אַ האַרץ פון אַ ברודער, אַ מענטש אַן אָרנטלעכער, אַ מענטש אַן ערלעכער, אַ גוטער, ווי ווייניק ווער אין ד״ר וועלט, האָט בײַ אים אויסגעזען ווי אַ [illegible], אַ מין דערהויבענער שוטה — אַ דערהויבענער אויס אמונה און געפיל — אַ שוטה צוליב אַ פרוי. און דאָס ערשטע מאָל אויך האָט ער קלאָר דערזען, וואָס אַ געמיינע און שלעכטע פרוי קען מאַכן פון אַ מענטש אָן זיין שולד. פאַר אים האָבן זיך געעפנט נייע שרעקלעכע לעבנס-האָריזאָנטן — גאַנצע לענדער, וואָס ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן זייער עקזיסטענץ, מחמת ער האָט ביז איצט פאַרשטאַנען, אַז אַ שלעכטע פרוי, ווי אַ שפּין קען אַ מענטש אויסזייגן און דערהרגענען — דאָס האָט אים אויסגעזען דעמאָניש, ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז זי קען אים אויך מאַכן צו נאַר. מיט דעם געדאַנק האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. און דאָך האָט דער הער אָסנאָווסקי, וואָס האָט אים געווונטשן, ער זאָל אַזוי גליקלעך זיין מיט זיין קומענדיקן ווייב, ווי ער מיט אַנעטאַ — איז געווען לעכערלעך. צו דעם איז זיין קיין עצה נישט געווען. מען טאָר נישט ליב האָבן, מען זאָל אַזש ביז דער מדרגה זיך פאַרבלענדן.

דאָ האָבן זאַווילאָווסקיס געדאַנקען זיך איבערגעטראָגן צו לינעטאַן. אין דער ערשטער רגע האָט ער געפילט, אַז פון דעם שמוץ אין די אָסנאָווסקיס הויז און פון יאוש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין זיין האַרץ איז געפאַלן אַ שאָטן אויך אויף איר. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער אָנגעהויבן זיך מאַכן פאָרוווּרף צוליב דעם איינדרוק, אַלס אַ פּראָפאַנירונג, אַלס אַ פאַרברעכן פון באַליידיקטער אומשולד, אַלס באַפלעקונג במחשבה פון ריינעם און ליבן וועזן און אירע מלאכישע פליגל. אים האָט אַ כעס באַהערשט אויף זיך אַליין. „צי איז אַזאַ טויב זיך משער אפילו וועגן עפּעס בייז?" — האָט ער אַ פרעג געטון אין האַרצן. און זיין ליבע האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט בײַם געדאַנק, אַז „אַזאַ ריין קינד" מוז קומען אין באַרירונג מיט אויסגעלאַסנקייט. ער האָט וואָס גיכער וועלן זי דערווייטערן פון פרוי אָסנאָווסקאַ, פאַרשטעלן זי פון איר ווירקונג, אויף די הענט כאַפּן און פון דעם



הויז צווּעקטראָגן, אין וועלכן אירע אומשולדיקע אויגן האָבן זיך געקענט עפּענען אויף ברייט און אויסגעלאַסנקייט. עפּעס אַ דעמאָן האָט אים מינוטנווייז געשעפּטשעט אין אויער, אַז הער אָסנאָווסקי גלייבט אויך אַזוי, ווי ער, אַז ער האָלט מיטן בלוט זיינעם ערוב געווען פאַר זיין הייבלס ערלעכקייט, אַז יעדן ספק וואָלט ער געהאַלטן אויך פאַר אַ פּראָפאַנירונג פון זיין הייליקייט. זאַווילאָווסקי אָבער האָט מיט אימה אָפּגעיאָגט פון זיך דאָס שעפּטשען. „געגנוג איז אַ קוק צו געבן איר אין די אויגן" — האָט ער געזאָגט צו זיך. און באַם בלויזן געדאַנק וועגן די אויגן, איז ער גרייט געווען זיך צו קלאַפּן אין האַרץ, ווי ער וואָלט שטאַרק געזינדיקט. ער איז אויך געווען אין כעס אויף זיך, וואָס ער האָט נישט געוואַרט אויף פרוי בראַניטש און נישט אָנגענומען כוחות דורכן קוקן אויף ליבעטאָן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי ער האָט איר האַנט צוגעדריקט צו זיינע ליפּן, און ווי זי, בייטנדיק זיך פון גערירטקייט, האָט צו אים געזאָגט: „רעדט איבער מיט דער מומען". וויפיל מלאכישע פּשטות און ריינקייט איז געווען אין די ווערטער! וואָס אַ רייַן ערלעכקייט פון אַ נשמה, וואָס וויל, אַז ליב האָבנדיק זי, זאָל מען קענען זי ליב האָבן פאַר דער גאַנצער וועלט! זאַווילאָווסקין האָט באַ דעם געדאַנק אָנגענומען אַ חשק זיך אומצוקערן, ער האָט אָבער געפילט, אַז ער איז צופיל אויפגערעגט און אַז ער וואָלט פאַר זיין פריערדיקן באַזוך, אויב דער באַדינער האָט דערמאָנט פון דעם, נישט געקענט געפינען קיין תירוץ.

נאָכדעם האָט זיך אים ווידער געשטעלט פאַר די אויגן קאָפּאָווסקיס בילד, וועלכער קניט פאַר פרוי אָסנאָווסקאַ, און ער האָט גענומען זיך אַליין פרעגן: וואָס ער האָט צוליב דעם צו טון און ווי אַזוי צו האַנדלען? וואַרענען אָסנאָווסקין? — דעם געדאַנק האָט ער תיכף מיט כעס אָפּגעשטויסן. זיך פאַרמאַכן מיט פרוי אַנעטאַן — און צווישן פיר אויגן איר זאָגן מוסר? — וואָס זי אים נישט ווייזן די טיר? אין אַ ווייַלע אַרום איז אים אין קאָפּ אַריין געקומען צו דראָען קאָפּאָווסקין און צווינגען אים צוצוזאָגן, אַז ער וועט אויפהערן קומען צו די אָסנאָווסקיס. אין אַ

װײַלע אַרום האָט ער אָבער אָנערקענט, אַז דאָס איז גאָרנישט װערט. קאָפּאָװסקי, אױב ער פֿאַרמאָגט כאָטש אַ ביסל דרײסטקײט, װעט אים באַלײדיקן, אַרױסרופֿן אױף אַ דועל — און ער װעט מוזן שװײַגן, נאָר לײַט װעלן מײנען, אַז דער סקאַנדאַל איז אַנטשטאַנען צוליב פֿרײלין קאַסטעלי. זאַװילאָװסקין איז אַ שאָד געװען אָסנאָװסקי, מחמת ער איז אים געװאָרן אַן אמתער גוטער פֿרײַנט, פֿון דער צװײטער זײַט װידער איז ער געװען צו יונג, ער זאָל מיטאַמאָל שלום שליסן מיטן געדאַנק, אַז מענטשלעך בײז און עװלות בלײַבן אומבאַשטראָפֿט. אָך, װען ער זאָל זיך קענען מיט עמעצן אַן עצה האַלטן, למשל מיט אַזאַ פּאָלאַניעצקין אָדער מאַריניאַן! דאָס האָט אָבער נישט געקענט זײַן. נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת איז ער געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מען דאַרף אַלץ אַראָפּשלינגען און שװײַגן.

אַ חוץ דעם, האָט ער פֿון קאָפּאָװסקיס לײדנשאַפֿטלעכער בקשה און פֿון פֿרױ אַנעטאַס תשובה, באַשלאָסן, אַז צו פֿולקומער ירידה איז אפֿשר נאָך נישט געקומען. ער האָט קײן פֿרױען נישט געקענט — אָבער אָנגעלײענט זיך װעגן זײ האָט ער אַ סך. ער האָט געװוּסט, אַז עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע, װאָס די פֿאָרם פֿון בײזן האָט בײַ זײ מער צוציִונגס־קראַפֿט װי די עצם זינד גופֿא, — דאָס הײסט, פֿרױען, װאָס האָבן נישט קײן מאָראַלישן חוש, אָבער אױך נישט קײן טעמפּעראַמענט, װאָס האָבן אַזױ פֿיל תשוקה צום פֿאַרבאָטענעם ראָמאַן, װיפֿיל װידערװילן צו דער פֿולקומער ירידה. מיט אײן װאָרט, אַזעלכע, װאָס זענען קײנעם נישט מסוגל ליב צו האָבן, און נאַרן די מאַנען צוזאַמען מיט די געליבטע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די װערטער פֿון עפּעס אַ פֿראַנצױז: „װען חוה זאָל געװען זײַן אַ פֿאַלשע, װאָלט זי אָפּגעריסן דאָס עפּעלע, אָבער נישט אױפֿגעגעסן". פּונקט אַזאַ טיפּ האָט אים אױסגעװיזן פֿרױ אָסנאָװסקאַ. דאָס בײז האָט געקענט זײַן אין איר פּונקט אַזױ פֿלאַך, װי דאָס גוטס, און אין דעם פֿאַל װאָלט די פֿאַרבאָטענע באַציִונג איר געקענט גיך פֿאַרמיאוסט װערן, בפֿרט נאָך מיט אַזאַ קאָפּאָװסקין.

דאָ האָט זאַװילאָװסקי באַלד פֿאַרלױרן דעם יסוד פֿון זײַן

טראַכטן און דעם שליסל צו פרוי אַנעטאַס נשמה. ער וואָלט משיג געווען די באַציִונג מיט יעדן איינעם, אָבער נישט מיט קאָפּאָווסקין, מיט אַזאַ כרוב מיט אַ מוח פון אַן אידיאָט. „אַ פּודעל פאַרשטייט גיכער, וואָס מען רעדט צו אים — האָט אַ טראַכט געטון זאַווילאָווסקי — און אַ פרוי מיט אַזעלכע שטרעבונגען צו שכל, צו וויסן, צו קונסט, תּופס צו זיין אַלע שאַטירונגען פון געדאַנק און געפיל, קען זיך דערנידעריקן צוליב אַזאַ לעפּיש!" דאָס האָט ער זיך נישט געקענט אפילו דערקלערן מיט דעם, וואָס ער האָט וועגן פרויען געלייענט.

און דאָך האָט די ווירקלעכקייט קלאָרער גערעדט פון אַלע ביכער, אַז אַזוי איז עס געווען. פלוצלינג איז זאַווילאָווסקין געקומען אויפן רעיון, וואָס אָסנאָווסקי האָט געזאָגט. אַז מען האָט מורא געהאַט „דער טפש זאָל זיך נישט צושאַרן צו קאַסטעלקאַן", אַז פרוי אָסנאָווסקאַן האָט עס שטאַרק געאַרט, און זי האָט דעריבער איר געגעבערט דעם מוח מיטן אַנדערן געפיל. פרוי אָסנאָווסקאַן אַליין איז אין דעם געגאַנגען, אַז קאָפּאָווסקי זאָל זיך נישט באַמיִען וועגן פריילין קאַסטעלי — כדי אים צו לאָזן פאַר זיך. דאָ האָט זאַווילאָווסקי פלוצלינג אַ ציטער געטון, מחמת אים איז דורכגעפלויגן דער געדאַנק, אַז אויב אַזוי, האָט דאָך קאָפּאָווסקי געהאַט עפּעס אויסזיכטן אויף דערפאָלג. און ווידער האָט אַ שאָטן פאַרשטעלט לינעטאַס ליכטיק געשטאַלט, ווען עס זאָל אַזוי געווען זיין, וואָלט זי אין זיינע אויגן אַראָפּגעפאַלן ביז דער מדרגה פון פרוי אָסנאָווסקאַ. ער האָט אַ ווײַלע דערפילט אַ ביטערניש אין מויל, און אַ פייער אין געהירן. אין אים האָט זיך אַרויסגעטון דער כעס, ווי אַ וויכער. דאָס וואָלט ער איר נישט געקענט מוחל זיין, און דער חשד אַליין וואָלט אים פאַרסמט. פאַרהאַלטנדיק זיך ווידער אויף דער גאַס, האָט ער געפילט, אַז ער מוז דעם געדאַנק אין זיך דערשטיקן, ווייל אַנישט וועט ער משוגע ווערן.

ער האָט אים אַזוי דערשטיקט, אַז ער האָט זיך אָנגערקענט נאָר דעם גרעסטן שוטה בלויז פאַר דעם, וואָס עס האָט אים געקענט נאָר קומען אין קאָפּ אַריין, אַז פריילין לינעטאַ איז נישט

מסוגל ליב צו קריגן אזא קאפאוווסקין, די בעסטע ראיה איז וואס זי האט זיך פארליבט אין אים — און פרוי אסנאוווסקאס מורא און חשדים האבן בלויז געשטאמט פון דער לייכטער און פוסטער פרויס אייגנליבע, וועלכע האט מורא, מען זאל נישט האלטן אן אנדערע פאר שענער און רייצנדער פון איר. זאווילאוווסקין האט זיך איצט געדאכט, אז ער האט אראפגעווארפן א שטיין פון הארץ, וואס האט אים געדריקט. ער האט אין הארצן אנגעהויבן ווידער איבערבעטן אויף די קניען זיין אומבאפלעקטע און זיינע געדאנקען זענען שוין פון איצט אן געווען פול ליבע, פארגעטערונג און חרטה.

ער האט אבער אנגעמערקט זיך, אז בייז, הגם עס איז דורך עמעצן אנדערש אפגעטון געווארן, געבוירט בייז — און וויפיל שרעקלעכע מחשבות זענען דורך זיין מוח א דורך בלויז פאר דעם. וואס ער האט א טפש גיזען בא די פיס פון א פלאטערין. דאס האט ער זיך אנגעמערקט אין זכרון.

נאכט פון דער היים האט ער געטראפן פאלאניעצקין אונטערן ארעם מיט פרוי מאשקא. און ער איז שוין געווען אזוי פארסמט פון היינטיקן טאג, אז אים איז דורך דורכן מוח א פלוצלינגער חשד. פאלניעצקי האט אים אבער דערקענט קעגן שיין פון דער לבנה און לאמטערן און האט משמעות נישט בדעה געהאט זיך אויסצוהיטן, וויל ער האט אים פארטשעפעט.

— גיטן אוונט! — האט ער א זאג געטון — וואס עפעס אזוי פרי היינט אהיים?

— כ'בין געווען בא פרוי בראניטש, און איצט אט שלעפ איך זיך אום, א שיינער אוונט.

— גייט אריין צו אונדז. איך וועל נאר צופירן די דאמע — און וועל תיכף אהיימקומען. מיין פרוי האט אייך שוין לאנג נישט געזען.

— גוט — האט געענטפערט זאווילאוווסקי.

און אים האט באמת אנגענומען א חשק צו זען פרוי פאלאניעצקא. אים איז דורך אזוי פיל געדאנקען און געפילן, אז ער איז געווען פארמאטערט, און האט געוווסט, אז פרוי מארי·

ביאַס גוט און רויִק געזיכט וועט אויף אים ווירקן היילבאַר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעקלונגען בײַ די פּאָלאָניעצקיס און, אַרײַנגייענדיק, נאָך דער באַגריסונג, האָט ער אָנגעהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז ער קומט אַ פֿאַרבעטענער דורכן מאַן, אויף וואָס זי האָט זיך אָפּגערופֿן:

— אדרבה, כ'בין זייער צופֿרידן. מײַן מאַן פֿירט איצט אָפּ פֿרוי מאַשקאָ, וואָס האָט מיך באַזוכט, ער וועט אָבער קומען צום טיי. די ביגעלס וועלן מסתמא אויך קומען, און אפשר אויך מײַן פֿאָטער, אויב ער איז נישט אַוועק אין טעאַטער.

דאָס זאָגנדיק, האָט זי אים געוויזן אַן אָרט בײַם טיש, אַליין ווידער, נאָכן פֿאַריכטן דעם אַבאַזשור אויפֿן לאָמפּ, האָט זי זיך גענומען פֿאַר דער פֿריִערדיקער אַרבעט, [illegible] אויסנייען קאָקאַרדעס פֿון שמאָלע רויזע און בלויע בענדלעך, וואָס זענען לעבן איר געלעגן אַ סך.

— וואָס מאַכט איר? — האָט אַ פֿרעג געטאָן זאַווילאָיוסקי.

— קאָקאַרדעס דאָס נייט מען צו צו פֿאַרשידענע מלבושים.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— אַ סך אינטערעסאַנטער אָבער איז, וואָס איר מאַכט? איר ווייסט, אַז גאַנץ וואַרשע מאַכט אײַך שוין חתונה מיט ליבעטקאַ קאַסטעלי, מען האָט אײַך געזען אין טעאַטער, אויפֿן געיעג, מען טרעפֿט אויפֿן שפּאַציר, און מען קען די מענטשן גאָר נישט אויסרעדן, אַז עס איז נאָך נישט באַשטימט.

— ווייל... כ'האָב תמיד גערעדט מיט אײַך אַזוי אָפֿן, אַז כ'וועל אײַך איצט אויך זאָגן דעם אמת: ס'איז שוין כמעט באַשטימט.

און זי האָט אויפֿגעהויבן אויף אים אירע באַלעבטע אויגן, מיט אַ שמייכל און נײַגעריקייט:

— אַזוי? אָ, דאָס איז אַן אויסגעצייכנט נײַעס! זאָל אײַך גאָט געבן אַזאַ גליק, ווי מיר ביידע ווינטשן אײַך.

דאָ האָט זי אויסגעצויגן צו אים די האַנט, און נאָכדעם אַ ביינעריקע אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט גערעדט מיט ליבעטקאַן?

זאַחילאָווסקי האָט אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע מעשה, און זיך מודה געווען אין זיין שמועס מיט פריילין קאַסטעלי און הער אָסנאָווסקי, נאָכדעם האָט ער וואָס אַמאָל היציקער זיך מתודה געווען אין אַלץ, וואָס עס איז מיט אים געשען: ווי ער האָט תחילת זיך צוגעקוקט, קריטיקירט, געקעמפט מיט זיך, נישט דערוועגט זיך רעכט, שפּעטער, ווי ער האָט זיך אַליין באַמיט אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ, אָדער ריכטיקער פון האַרץ דאָס געפיל — און ווי ער האָט דאָך נישט געקענט עס גובר זיין. ער האָט פאַרזיכערט, אַז עטלעכע מאָל האָט ער געהאַט מיט זיך צוגעמאַכט אָפּצוהאַקן מיט דער קאָנטשאַפט, פון קומען אַהין, אים האָט אָבער אַלעמאָל אויסגעפעלט כּח. יעדער מאָל האָט ער באַמערקט מיט אימה, אַז די גאַנצע וועלט, דער גאַנצער תּכלית פון לעבן איז דאָרט; אַז אָן איר, אָן פריילין ליבעטאַ, וואָלט ער נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל מיטן לעבן טון — און ער האָט זיך אומגעקערט.

זאַחילאָווסקי האָט לעולם נישט ווייניקער זיך צוגעקוקט, נאָר ווייניקער קריטיקירט און געקעמפט מיט זיך, ווי ער האָט דערציילט. ער האָט עס אָבער געזאָגט אויפריכטיק. לסוף האָט ער צוגעגעבן, אַז איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, אַז ער האָט ליב נישט די אייגענע געפילן זיינע, וואָס זענען געקומען אין געפאַנגענשאַפט דורך פריילין ליבעטאַ, נאָר זי אַליין, פאַר איר אַליין, און אַז דאָס איז דער טייערסטער קאָפּ אין דער וועלט.

— גיט אַ טראַכט — האָט ער אַ זאָג געטאָן — אַנדערע האָבן משפּחות, מוטערס, שוועסטערן, ברידער; איך האָב אַ חוץ מיין אומגליקלעכן פאָטער קיינעם נישט — אין דעריבער האָט די גאַנצע מענטשלעכע ליבע זיך צונויפגעזאַמלט אין איר.

— יאָ — האָט אַ זאָג געטאָן מאַריניאַ — דאָס האָט געמוזט געשען.

ער ווידער האָט ווייטער גערעדט וואָס אַמאָל מיט מער היץ:

— מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ כסדר, אַז דאָס איז אַ חלום און אַז עס קען זיך באַ מיר אין מוח נישט איינפּאַסן, זי זאָל באמת ווערן מיין ווייב. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז דאָס קען נישט געמאָלט זיין און אַז עס וועט פּאַרקומען אַזוינס, וואָס עס וועט פון אַלעם אַ תּל מאַכן.

דאָס געפיל האָט זיך באמת אין אים פאַרשטאַרקט נאָך איבער דער עקזאַלטירונג, צו וועלכער ער איז מער פאַר אַנדערע געווען גוטה, ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן נערוועז צו ציטערן, פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן און געזאָגט:

— אָט, זעט איר! איך מוז די אויגן זיך פאַרשטעלן, כדי כ'זאָל זיך עס גוט פאָרשטעלן. אַזאַ גליק! אַזאַ וווּנדערלעך גליק. וואָס זוכט אַ מענטש אין לעבן און אין חתונה האָבן? — טאַקע גליק! — פון דער צווייטער זייט אָבער, שטייגט עס אַריבער די כוחות, כ'ווייס נישט, צי בין איך אַזאַ שוואַכער, צי וואָס? — כ'זאָג אייך דעם אמת! צייטנווייז פעלט מיר ממש אויס אָטעם.

מאַרינאַ האָט אַוועקגעלייגט אַ קאָקאַרדע אויפן טיש און, פאַרלייגנדיק די הענט, האָט זי אַ ווײַלע געקוקט אויף אים און באַכדעם געזאָגט:

— ווייל איר זענט אַ דיכטער און היצט אייך צופיל. איר זייט מחויב צו קוקן רויִקער. הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן. איך האָב געירשנט אַ ביכעלע באַ מיין מוטער, אין וועלכן זי האָט, זייענדיק קראַנק און נישט ריכטנדיק זיך לאַנג צו לעבן, אויסגעשריבן פאַר מיר אַלץ, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר גוט, וועגן משפּחה-לעבן האָט זי מיר געשריבן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב שפּעטער פון קיינעם נישט געהערט און אין קיין שום ביכל נישט געלייענט: אַז מען דאַרף נישט חתונה האָבן, כדי צו זיין גליקלעך, נאָר כדי צו דערפיל דעם חוב וואָס דער אייבערשטער לייגט אַרויף דאָס מאָל — און אַז דאָס גליק איז בלויז

אַ צוגאָב און אַ געשאַנק פון גאָט. זעט איר ווי פשוט עס איז, און דאָ האָב איך עס באמת, שפּעטער נישט בלויז נישט געהערט, נאָר אפילו נישט געזען, אַז עמעץ, האָבנדיק חתונה, זאָל װעגן דעם מער טראַכטן, ווי װעגן גליק. געדענקט װעגן דעם און חזרט דאָס איבער פאַר ליבעטקאַן. גוט?

זאַװילאָװסקי האָט אַ פּאַרחידושטער אויף איר אַ קוק געטאָן:

— איר הייסט, דאָס איז אַזוי פשוט, אַז עס קומט באמת קיינעם נישט אויפן רעיון.

זי װידער האָט אַ שמייכל געטאָן — אַ ביסל טרויעריק — און בעמענדיק די קאָקאַרדע, װידער אָנגעהויבן זי צונויפנייען. אין אַ װײַלע אַרום האָט זי איבערגעחזרט:

— זאָגט עס ליבעטקאַן.

און זי האָט װײַטער גענייט, אויסציענדיק שנעל איר אויסגעדאַרטע האַנט צוזאַמען מיט דער נאָדל:

— איר פאַרשטייט, אַז מען האָט אַזאַ פּרינציפּ אין האַרץ, האָט מען תמיד רו — אַ פריילעכערע, אָדער טרויעריקערע — ווי גאָט גיט! — אָבער אַלעמאָל אַ טיפע. און אָן דעם איז בלויז עפּעס אַ פיבער פון גליק — און תמיד גרייטע אַנטשוּנגען, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס גליק קען זיין אַנדערש, ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר.

און זי האָט װײַטער גענייט.

ער האָט געקוקט אויף איר אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אויף איר פינקלענדיקער האַנט, אויף איר אַרבעט, זיך צוגעהערט צו איר שטים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די רו, װעגן װאָס זי רעדט, שוועבט איבער איר, פילט אָן די גאַנצע לופט, הענגט זיך אַריבער איבערן טיש, ברענט מיט איר לאָמפּ — און דרינגט עבדלעך אַריין אין אים

ער איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין ליבע, אַז אים האָט זיך גאָרנישט געלייגט אויפן שכל, אַז איר האַרץ קען זיין טרויעריק, אים האָט אָבער באַהערשט אַ טאָפּלטע פאַ-

וווּנדערונג: קודם-כּל, אַז די אַכתן, וואָס זי זאָגט, זענען אַזאַ אַלף-בית, אַז זיי דאַרפן זיך געפינען אויף דער אויבערפלאַך פון יעדן מוח, שנית, אַז זיין אייגענער שכל האָט עס פונדעסטוועגן נישט אַרויסבאַקומען פון אים, לכל-הפחות נישט געלייגט אויף דעם קיין אַכט. „וואָס איז דען — האָט ער אַ טראַכט געטון — אונדזער חכמה, די ביכלדיקע אין פאַרגלייך מיט דער פשוטער חכמה פון אַן ערלעך האַרץ!" נאָכדעם דערמאַנענדיק זיך אָן פרוי צסנאָווסקאַ און אַ קוק טוענדיק אויף מאַריניאַן, האָט ער אָנגעהויבן שמועסן מיט זיך: „דאָס איז אַ פרוי און יענץ אַ פרוי!" און פלוצלינג איז אים געוואָרן געוואַלטיק לייכט; אַלע צעוויגטע רעיונות האָבן זיך אוועקגעלאָזט גלייך. ער האָט געפילט, אַז ער רוט זיך אָפּ, קוקנדיק אויף דעם איידלען ווען. „אין ליגעטאַן — האָט ער צו זיך געזאָגט — איז אויך פאַרהאַן די זעלבע רו, די זעלבע פשטות, און די זעלבע ערלעכקייט."

בינו-לבינו איז אָנגעקומען פּאָלאַניעצקי און תּיכף נאָך אים די ביגעלס, מיט וועלכע מען האָט מיטגעטראָגן די וויאַלענטשעל. בײַם טיי האָט פּאָלאַניעצקי גערעדט וועגן מאַשקאָן. דעם פּראָצעס וועגן מבטל מאַכן די צוואה האָט מאַשקאַ געפירט מיט דער גאַנצער ענערגיע, און ער האָט זיך גערוקט פאָרויס, הגם מניעות זיינען געווען אויף שריט און טריט. דער אַדוואָקאַט, וואָס איז געשטאַנען מצד די צדקה-חברות, דער יונגער שלעדזש, וועלכן מאַשקאַ האָט צוגעזאָגט איינצופעפערן, אונטערצוגיסן בוימל און אויפצועסן — האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָרנישט אַזוי גרינג צו פּ-צועסן, ווי פריער האָט זיך געדאַכט. פּאָלאַניעצקי האָט וועגן אים געהערט, ווי וועגן אַ קאַלטן מענטש, אַ עקשן, און גלייכצייטיק אַ גוטן יוריסט.

— דאָס אַמוזאַנטסטע איז דאָס — האָט ער געזאָגט — וואָס מאַשקאַ, ווי מאַשקאַ, האַלט זיך פאַר עפּעס אַ פּאַטריציער, וואָס קעמפט מיט אַ פּלעבייער און זאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ פּרוּוו: וואָס פאַר אַ בלוט עס איז פולער? אַ שאָד, וואָס בוקאַש לעבט שוין נישט, ער וואָלט פון דעם אמת הנאה געהאַט.

— און מאַשקאַ איז נאָך אַלץ אין פּעטערבורג? — האָט אַ פרעג געטון ביגעל.

— היינט קומט ער צוריק. דעריבער האָט זי נישט געקענט בלייבן אויפן אָוונט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב בשעתו געהאַט בנוגע צו איר אַ פאָראורטייל, כ'האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז זי איז גאָר נישט קיין שלעכט ווייבל, און צו דעם אַן אָרימע נעבעך.

— פאַרוואָס עפּעס נעבעך? מאַשקאַ האָט נאָך דעם פּראָצעס נישט פאַרלוירן — האָט געענטפערט פרוי ביגעל.

— ער איז אָבער קיינמאָל נישט אינדערהיים. מאַשקאַס מוטער געפינט זיך אין אַן אויפן-שפּיטאָל אין ווין און וועט דאַכט זיך אינגאַנצן פאַרלירן די ראיה, און זי זיצט גאַנצע טעג אַליין, ווי אַ פרושה. כ'זאָג, כ'האָב געהאַט צו איר אַ פאָראורטייל, אָבער איצט איז זי מיר אַ שאָד.

— אמת — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — זינט זי האָט חתונה געהאַט איז זי געוואָרן אַ סך סימפּאַטישער.

— יאָ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — און האָט בײַ דעם לגמרי נישט פאַרלוירן פון איר רייץ. אַמאָל האָבן זי מיאוס געמאַכט די רויטע אויגן, היינט איז עס פאַרביי — און זי איז, תמיד אַזוי מיידליש, ווי זי איז געווען.

— אַ שאלה איז אָבער, צי מאַשקאַ איז אויך פון דעם צופרידן — האָט געענטפערט ביגעל.

מאַריניאַ אָבער האָט געפּלאַטערט צו דערציילן די בשורה וועגן זאַוויל אָווסקין; היות אָבער, ער איז אָפיציעל קיין חתן נישט געווען, האָט זי נישט געוווּסט, צי מען טאָר. ווען פרוי ביגעל אָבער האָט נאָכן טיי זיך גענומען אויספרעגן, ווי „דער ענין" האַלט, און ער אַליין האָט געענטפערט, אַז ער איז כמעט פאַרענדיקט, האָט פרוי מאַריניאַ אַריינגעוואָרפן אויך אירס אַ וואָרט, דערקלערנדיק די אַנטוויקלונג, אַז דער ענין האַלט אַזוי

אַז מען קען זאַווילאָווסקין אָפּגעבן מזל-טוב. דאָס לס האָבן אַלע אָנגעהויבן אים דריקן די הענט מיט אמתער פֿריינטלעכקייט — און אַלע האָט באַהערשט אַ פֿריילעכקייט. ביגעל האָט מיט שמחה אַ קוש געטון דער פֿרוי ביגעל. פּאָלאַניעצקי האָט געהייסן אַריינ-ברענגען גלעזלעך און אַ פֿלעשל שאַמפּאַניער, כּדי אויסצוטרינקען פֿאַרן געזונט פֿון דער „משונהדיקסטער פּאָר" אין וואַרשע. פֿרוי ביגעל האָט זיך אָנגעהויבן צו רייצן מיט זאַווילאָווסקין, פּאָרזע-ענדיק, וואָס פֿאַר אַ ווירטשאַפֿט דאָס וועט זיין פֿון אַ דיכטער און אַ מאָלערין; זאַווילאָווסקי האָט געלאַכט, אָבער גלייכצייטיק באמת געווען גערירט, וואָס זיינע טרוימען הייבן אָן ווערן אַ רע-אַליטעט.

אין אַ ווײַלע אַרום, האָט פּאָלאַניעצקי, טרינקענדיק מיט אים: „לחיים", געזאָגט:

— זאָל גאָט געבן גליק, און איך וועל אייך געבן אַן עצה: וואָס איר האָט אין זיך פּאָעזיע לייגט עס אַריין אינעם ווערק, אין דער אַרבעט. און אין לעבן זייט אַ רעאַליסט און געדענקט, אַז משפּחה-לעבן איז נישט קיין ראָם...

ער האָט אָבער נישט געקענט ענדיקן, ווײַל פֿרוי מאַרינאַ האָט אים אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף די ליפּן און לאַכנדיק, אַ זאָג געטון:

— שטיל, דו קלוגער מוח!

און נאָכדעם צו זאַווילאָווסקין:

— הערט נישט דעם געוואַלטיק ערנסטן מענטש, שאַפֿט אייך נישט פֿאָרויס קיין שום טעאָריעס, נאָר האָט ליב.

— יאָ, מאַדאַם, יאָ! — האָט געענטפֿערט זאַווילאָווס-קי.

און פּאָלאַניעצקי האָט, זיך רייצנדיק, צוגעגעבן:

— קויפֿט-זשע אייך אויב אַזוי אַ האַרפֿע...

אָבער באַם דערמאָנען די האַרפֿע, האָט ביגעל אַ כאַפּ געטון זיין וויאָלאָנטשעל, זאָגנדיק, אַז אַזאַ אָוונט דאַרף מען פֿאַר-ענדיקן מיט מוזיק; מאַרינאַ האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אָנגעהויבן הענדלס סערענאַדע.

זאַדילאָחסקין האָט זיך געדאַכט, אַז די נשמה גייט אים אויס, אַז ער נעמט אַיין אין זיך די מילדע טענער און פליט אַוועק אינמיטן דער נאַכט, איינצוהויגן מיט זיי ליגעטאַן צום שלאָף. שפּעט אין אָוונט איז ער אַוועק, עפּעס אַ געשטאַרקטער דורך דעם אַנזען פון די הוילע מענטשן.

III

אין מאַריניאַ האָט שוין געהאַט רו — „אַזעלכע, ווי גאָט האָט געגעבן" — אָבער באמת אַ טיפע. אַ גרויסע הילף באַם באַקומען זי איז געווען די שטים פון יענער וועלט, דאָס געל געוואָרענע ביכעלע, אין וועלכן זי האָט געלייענט: „נישט צו ליב דעם דאַרף מען חתונה האָבן, כדי צו זיין גליקלעך, נאָר כדי צו דערפילן דעם חוב, וואָס דער אייבערשטער לייגט אַרויף דאַמאָלס". מאַריניאַ וואָס פלעגט אָפט אַרייַנקוקן אין דעם ביכעלע אַריין, האָט פריער נישט איינמאָל געלייענט די ווערטער, אָבער די באמתע באַדייטונג האָבן זיי ערשט באַקומען פאַר איר די לעצטע צייט, בשעת דעם גייסטיקן פּראָצעס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, זינט זי איז געקומען פון איטאַליע. ער האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס זי האָט שלום געשלאָסן מיטן גורל, אָבער איצט האָט זי זיך אפילו נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז זי איז אומגליקלעך. זי האָט געזאָגט צו זיך, אַז דאָס איז לעולם אַן אַנדער גליק, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָבער נישט ווייניקער ווירקלעך. אוודאי, ווען דער אייבערשטער זאָל איר געבן

די מאַכט איבער מענטשלעכע הערצער, וואָלט זי וועלן „סטאַך"
זאָל אַרויסווייזן צו איר — נישט מער אַכטונג — נאָר מער
האַרציקייט, וועלכע ער איז פעיִק געווען און וועלכע ער האָט
אַרויסגעוויזן בשעתו צו ליטקאַן; ווען דאָס געפיל זײַנס צו איר
זאָל זײַן ווייניקער ניכטערן, זײַן זאָל אין דעם עפּעס אַ קערנדל
פּאָעזיע, ווי עס האָט אין זיך געהאַט איר ליבע. פון דער צוויי-
טער זײַט אָבער, פריִער ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון האַרץ, האָט
זי תמיד געפּלעגט די האָפענונג, אַז דאָס מוז קומען, שנית —
האָט זי אין האַרץ באַ זיך געטראַכט, אַז אפילו עס זאָל נישט
קומען, דאַרף זי אַזוי אויך זײַן דאַנקבאַר דעם רבונו-של-עולם,
וואָס ער האָט איר געגעבן אַ טיכטיקן און ערלעכן מענטש, וואָס
זי קען אים נישט בלויז ליב האָבן, נאָר אויך שעצן. נישט איינ-
מאָל האָט זי זיך פאַרטראַכט, מיט וועמען זי זאָל אים פאַרגלייכן,
און האָט נישט געקענט געפינען קיינעם וואָס זאָל דעם פאַר-
גלייך אויסהאַלטן. ביגעל איז געווען אַן אָרענטלעכער מענטש,
האָט אָבער נישט געהאַט קיין שוווּנג; אָסנאָווסקין האָט באַ זײַן
גאַנץ גוטסקייט געפעלט לעבנסטיכטיקייט און אַרבעט; מאַשקאַ איז
געווען אַ הונדערט מאָל נידעריקער נפש; זאַזילאָווסקי האָט איר
גיכער אויסגעזען צו זײַן אַ געניאַל-קינד, ווי אַ מאַנסביל — מיט
איין וואָרט, פון אַלע פאַרגלייכן איז סטאַך תמיד אַרויס מיט
נצחון — און דער איינציקער רעזולטאַט איז תמיד געווען, אַז
זי האָט געפילט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן לעבנסצוטרוי צו אים
און וואָס אַמאָל אים מער ליב געהאַט. אַ חוץ דעם, באַגרענעצנ-
דיק זיך, אונטערגעבנדיק זיך זײַן איך, ברענגענדיק אַלס קרבן
אירע דמיונות און איר עגאָיזם, האָט זי געפילט, אַז זי אַרבעט
זיך וואָס אַמאָל מער אויס גייסטיק, אַז זי פאַרפולקומט זיך, אַז
זי ווערט אַ בעסערע, אַז זי גייט נישט אַראָפּ נידעריק, נאָר דער-
הייבט זיך אויף אַזאַ הייך, פון וועלכער ס'איז נענטער צו גאָט —
און פּלוצלינג האָט זי באַמערקט, אַז אין דעם געפיל ליגט די
גאַנצע וועלט גליק. פּאָלאַניעצקי פלעגט איצט אָפט זײַן אויסער
דער היים, און זי פלעגט אָפטמאָל בלײַבן אַליין און פלעגט מיט
פּשטות פון אַן ערלעכער פרוי טראַכטן: „אַ מענטש דאַרף זיך

דאַך באַמיִען צו זיין וואָס אַמאָל בעסער, און אויב איך בין נישט ערגער ווי כ׳בין געווען — איז עס אויך גוט. ווען ס׳זאָל זיין אַנדערש, וואָלט איך אפשר קאַליע געוואָרן!״ איר איז אָבער נישט געקומען אויפן רעיון, אַז אין דעם איז פאַרהאַן מער חכמה, ווי למשל אין פרוי אָסנאָווסקאַס אַלע געדאַנקען און זאָגעכצן. איר האָט זיך אויך אויסגעוויזן פאַר גאַטירלעך, וואָס זי פאַרמאָגט פאַר „סטאַכן״ איצט ווייניקער חן, ווי פריִער. אויף דעם האָט זי געהאַט אַ גרויסן שפּיגל, וואָס קוקנדיק אין אים, האָט זי צו זיך געזאָגט: „מילא, די אויגן ענדערן זיך נישט, אָבער וואָס פאַר אַ פיגור! וואָס פאַר אַ געזיכט! ווען איך זאָל זיין סטאַך, וואָלט איך פון שטוב אַנטלאָפן!״ און זי האָט פאַלש געטראַכט, ווייל זי וואָלט נישט געווען אַנטלאָפן, איר האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז אַזוי אַרום פאַרגרעסערט זי סטאַכס פאַרדינסטן. איר האָבן צוגעגעבן מוט פרוי ביגעלס ווערטער, אַז זי וועט שפּעטער זיין נאָך שענער, „אינגאַנצן, ווי עפּעס אַ מיידעלע״. און מינוטנווייז איז דאָס האַרץ איר איבערגעגאַנגען פון פרייד און דאַנקבאַרקייט, וואָס אַלץ איז אַזוי שכלדיק איינגעאָרדנט. אַז תחילת איז מען אַ ביסל מיאוסער, נאָכדעם דאַרף מען אַ ביסל צו ליידן, און שפּעטער ערשט קומט נישט בלויז אַלץ צוריק, נאָר מען האָט נאָך צו דעם אַלץ שכר אַ טייער „עופלע״, וואָס בינדט מיטן לעבן און שאַפט אַ נייעם בונד צווישן מאַן און ווייב. אַזוי אַרום האָט זי געהאַט מינוטן נישט בלויז פון רו, נאָר פשוט פון פריילעכקייט — און איינמאָל האָט זי אַ זאָג געטון צו פרוי ביגעל:

— דו ווייסט, וואָס איך טראַכט?... אַז מען קען אַלעמאָל זיין גליקלעך, מען דאַרף בלויז האָבן גאָט אין האַרצן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט אייגס צום אַנדערן? — האָט אַ פרעג געטון פרוי ביגעל, וואָס האָט פונם מאַן איבערגענומען די קלאָרקייט פון טראַכטן.

— אָט אַ די — האָט מאַריניאַ געענטפערט — מען זאָל זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס ער גיט זיך, נישט פייניקן אים.

וואָס ער האָט נישט געגעבן דאָס, וואָס ווייזט זיך אונדז אויס פאַרן בעסטן.

נאָכדעם האָט זי פריילעך צוגעגעבן:

— נישט נודען, נישט נודען!

און זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן לאַכן.

נישט איינמאָל אויך, אין דעם כמעט גוטמאַדיקן דאגהן, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט אַרויסגעוויזן צום ווייב, האָט מען קלאָר געזען, אַז עס גייט אים דער עיקר אין דעם קינד; מאַריניאַ האָט שוין אויף אים נישט געהאַט פאַר דעם קיין פאַראיבל. דעם אמת גערעדט, האָט זי עס קיינמאָל נישט געהאַט; איצט אָבער איז זי גרייט געווען עס צו האַלטן פאַר זיינס אַ פאַרדינסט, מחמת זי האָט געזאָגט צו זיך, אַז איצט איז זייער ביידעס חוב געווען צו דאגהן קודם-כל וועגן קינד, אַלס קומענדיקער שותפות-ליבע. זיך אָפּזאָגנדיק אַזוי אַרום פון טאָג צו טאָג פון אַ שטיקל אייגענעם עגאָיזם, האָט זי וואָס אַמאָל מער באַקומען רו, וואָס אַמאָל מער לויטערקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע אַזוי וווּנדער-לעכע, ווי נאָך קיינמאָל נישט אויגן. זי איז גרייט געווען אויך אין דעם כּרח צו שליסן שלום מיט גאָטס רצון, זי האָט אָבער מורא געהאַט אַביסל פאַר סטאַכן — און איינמאָל האָט זי שעפּ-טשענדיק אַ פרעג געטון:

— סטאַך, וועסט מיך נישט אָנהערגעבן, אַז עס וועט זיין אַ זון?

— ניין — האָט ער לאַכנדיק געענטפערט און זי געקושט אין דער האַנט — כ'וואָלט אָבער ליבערשט וועלן אַ טאָכ-טער.

— און איך האָב געהערט פון פרוי ביגעל, אַז מאַנסלייט ווילן תמיד ליבערשט יינגלעך.

— און איך בין אַזאַ מאַנסביל, וואָס וויל ליבערשט אַ מיידל.

נישט אַלעמאָל זענען אָבער די געדאַנקען אירע געווען אַזוי פריילעך. מינוטנווייז פלעגט איר קומען אין קאָפּ אַריין, אַז

זי קען נאָך שטאַרבן, מחמת זי האָט געוווסט, אַז דאָס טרעפֿט זיך אויך, און האָט היינט מתפלל געווען, ס'זאָל טאַקע געשען; ווייל פֿריִער האָט זי מורא געהאַט פֿאַרן טויט, שנית, וואָלט איר אַ שאָד געווען אַוועקצוגיין, אפֿילו אין הימל אַריין, בשעת איר איז פֿאַרגעשטאַנען אַזוי פֿיל ליבע, און ענדלעך, האָט זי זיך אויסגעמאָלט, אַז סטאַך וואָלט זי פֿונדעסטוועגן שטאַרק באַדויערט. און בײַ דעם געדאַנק האָט זי אַזוי אויף אים רחמנות געקריגן, ווי ער וואָלט איצט שוין געווען אַ מענטש, וועלכער פֿאַרדינט מער רחמנות פֿון אַלע אומגליקלעכסטע נפֿשות אויף דער וועלט. זי האָט קיינמאָל מיט אים פֿון דעם נישט גערעדט, הגם עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער אַליין האָט צייטנווייז פֿאַר דעם מורא.

און זי האָט לחלוטין אַ טעות געהאַט. די דאָקטאָרין, וואָס האָט יעדע וואָך באַזוכט מאַריניאַן, האָט בײַ יעדן מאָל פֿאַרזיכערט, הן איר, הן פּאָלאַניעצקין, אַז אַלץ איז גוט, און גייט צום נאָרמאַלסטן, צוליב וואָס פּאָלאַניעצקי האָט זיך לחלוטין נישט געשראָקן פֿאַרן ווייבס לעבן. די סיבה פֿון זיין שרעק איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, וועגן וואָס מאַריניאַ האָט צום גליק פֿאַר זיך ביז איצט נישט געטראַכט, און וואָס פּאָלאַניעצקי האָט נישט דערוועגט זיך קלאָר אַרויסצורעדן. פֿון אַ צייט אָן האָט בײַ אים אָנגעהויבן עפּעס קאַליע ווערן אין די לעבנס-חשבונות, פֿון וואָס ער איז געווען אַזוי שטאָלץ און וואָס האָבן אים געגעבן אַזאַ אינערלעכן גדלות. ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט ער געמיינט, אַז זיינע לעבנס טעאָריעס זענען ווי אַ הויז, וואָס איז געבויט פֿון דיקע קלעצער און איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט. אין האַרץ בײַ זיך האָט ער זיך געגרויסט מיט דעם הויז. און שטילערהייט האָט ער זיך געהאַלטן גרעסער פֿון אַלע אַנדערע, וואָס זענען נישט בכּוח געווען אַזעלכעס אויסצובויען. הקיצור, ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ בעסערן לעבנס מייסטער פֿון אַנדערע. ער האָט אָבער געמיינט, אַז די אַרבעט איז פֿאַרענדיקט פֿון אויבן ביז אַראָפּ — מען דאַרף בלויז אַריינגיין, זיך באַזעצן און אויסרוען! ער האָט פֿאַרגעסן, אַז די מענטשלעכע נשמה, איז ווי אַ פֿויגל: הייבט ער זיך אויף אויף אַ געוויסער הייך, טאָר

ער נישט בלויז נישט רוען, נאָר מוז שטאַרק אַרבעטן מיט די פליגל, כדי זיך דאָרט צו דערהאַלטן. אַנדערש וועט אים אַ ליאַדע נסיון צו דער ערד אַראָפּציען.

וואָס מער אָבער דער נסיון איז געווען געמיינער און ערגער, אַלץ מער אין כּעס איז ער אויף זיך געווען, וואָס ער גיט זיך אים אונטער, אַ פלאַכע זאַך און אַ פלאַכע תּאווה! — נישט געווען אפילו מיט וואָס עס אויסצוטייטשן. דאָך האָבן די ווענט פון הויז גענומען פלאַצן. פּאָלאַניעצקי איז איצט געווען אַ רעליגיעזער מענטש — און צו דעם אויס איבערצייגונג, ער איז אָבער געווען צו אויפריכטיק לגבי זיך אַליין, ער זאָל שליסן אַן אָפּמאַך מיט זיינע פּרינציפּן און זיך זאָגן, אַז אפילו די רעליגיעזסטע מענטשן טרעפן אַזעלכע עסקים. ניין! ער איז בטבע געווען אַ גענוג אַנטשלאָסענער מענטש, און די לאָגיק זיינע האָט געזאָגט: „אָדער, אָדער! — ער האָט אָבער געפילט, אַז אַזוי רעדט ער ריכטיק. דעם נסיון האָט ער ביז איצט זיך נישט אונטערגעגעבן, אים האָט אָבער געאַרט שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט אים, מחמת דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין ספקות בנוגע זיין אייגענעם כאַראַקטער. האַלטנדיק זיך פאַר אַ בעסערן פון אַנדערע, איז ער פלוצלונג שטיין געבליבן פאַר דער שאלה, צי איז ער נישט אַמאָל ערגער פון אַנדערע, מחמת ער האָט נישט בלויז געהאַט דעם נסיון, נאָר אויך געפילט, אַז ער וואָלט אין דעם פאַל זיך געקענט אים אונטערגעבן.

נישט איינמאָל, קוקנדיק אויף פרוי אָסנאָווסקאַ, האָט ער זיך געחזרט קאָנפוציוס מיינונג: „אַ געוויינטלעכע פרוי האָט אַזויפיל שכל, ווי אַ הון; אַ פרוי אַן אומגעוויינטלעכע — אַזויפיל, ווי צוויי הינער" — דערזעענדיק אָבער פרוי מאַשקאָ פלעגט אים קומען אין קאָפּ אַריין, אַז עס זענען פאַראַן פרויען, וואָס בנוגע זיי איז דער פאַרדריסלעכער כינעזישער אמת נאָך אַ שבח. ווען מען זאָל לכל-הפּחות קענען זאָגן וועגן פרוי מאַשקאָ, אַז זי איז אמתדיק נאַריש, וואָלט עס געווען אירס אַ געוויסער אינדיווידועלער שטריך. זי איז אָבער געווען סתם גאַרנישט. העכער אַ צענדליק אָדער עטלעכע צענדליק פאַרמולעס האָבן פון איר גע-

מאַכט אַ לײַטיש גאָרנישט. פּונקט ווי צוויי אָדער דרײַ הונדערט
ווערטער איז די גאַנצע שפּראַך פֿון די אײַנוווינער אין נײַ־גווי-
נעאַ, און באַפֿרידיקן אַלע זייערע באַדערפֿענישן, אַזוי האָבן די
פֿאָרמולעס געקלעקט פֿאַר דער פֿרוי מאַשקאָ צו די געזעלשאַפֿט-
לעכע באַציִונגען, צו דעם דענקען און לעבן. בכלל איז זי גע-
ווען אומענדלעך פּאַסיוו, מיט דעם שאָטן פֿון אויטאָמאַטישן ערנסט,
וואָס עס שאַפֿט אינטעלעקטועלע ענגקייט און דעם בלינדן גלויבן,
אַז בשעת מען היט אָפּ די געהעריקע פֿאָרמען, בלאָנדזשעט מען
נישט. פּאָלאַניעצקי האָט זי געקענט פֿאַר אַזעלכע און נישט איין-
מאָל אויסגעלאַכט, נאָך אַלס מיידל. ער האָט זי אָנגערופֿן ליאַל-
קע, מאַנעקען, האָט איר נאָכגעטראָגן אַ שנאה צוליב יענעם דאָק-
טאָר, פֿון וועלכן ס'איז אַ תל געוואָרן ערגעץ, ווו דער שוואַרצער
פּעפֿער וואַקסט — זיך באַציִען צו איר מיט ביטול און נישט ליב
געהאַט. אָבער אפֿילו דאַמאָלס, איז וויפֿיל מאָל ער פֿלעגט זי
זען סיי בײַ די ביגעלס, סיי ווען ער פֿלעגט גיין צו פֿרוי
קרעסלאָווסקאַ אין מאַשקאָס ענין, האָט ער זיך תמיד אומגע-
קערט אונטער איר פֿיזישן אײַנדרוק, פֿון וואָס ער האָט זיך אָפּ-
געגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון. דאָס אויסגעלאָשענע געזיכט, די
פּאַסיווע, געוויקסיקע רו פֿון אים אויסדרוק, די קאַלטקייט אינעם
האַלטן זיך, די אָפּטמאָל רויטלעכע אויגן, די שטאַלטנע ברוסטן,
האָבן אין זיך געהאַט עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט אים געוואַלטיק
צוגעצויגן. ער האָט זיך עס דאַמאָלס אויסגעטײַטשט מיט עפּעס
אַ געזעץ פֿון נאַטירלעכן צוגלײַך, און דעפֿינירנדיק די זאַך טעכ-
ניש, זיך מיט דעם באַגנוגנט, מחמת דער אײַנדרוק, וואָס מאַריניאַ
האָט אויף אים געמאַכט, איז געווען נאָך גרעסער, דעריבער איז
ער געגאַנגען נאָך אים נאָך. אָבער איצט איז מאַריניאַ געווען
זײַן, ער איז היימיש געוואָרן מיט איר שיינקייט, וואָס איז אגב
אויף אַ צייט פֿאַרשוווּנדן; ס'האָט זיך אָבער אַזוי צונויפֿגעלייגט,
אַז צוליב מאַשקאָס אָפֿטע נסיעות, פֿלעגט ער זען פֿרוי מאַשקאָ
כּמעט טאָג טעגלעך, צוליב וואָס נישט בלויז די אַמאָליקע אײַנ-
דרוקן האָבן אויפֿגעלעבט, נאָר בײַ די באַדינגונגען, אין וועלכע
פּאָלאַניעצקי האָט זיך געפֿונען צוליב מאַריניאַן, האָבן זיי אויפֿ-

געלעבט מיט אַן אומגעריכטער קראַפט. און ענדלעך איז אַזוי גע־שען, אַז ער, וואָס האָט נישט מסכים געווען צו זיין אַ פּאַס אויס־צושלייפן זיך פאַר דער צען מאָל שענסטער פרוי אָסנאָווסקאַ, ער, וואָס האָט זיך אָקעגנגעשטעלט די רוימישע שטיקלעך, ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מענטש מיט פּרינציפּן, מיט אַ שטאַר־קערן כאַראַקטער און גרעסערן שכל פון אַנדערע מענטשן, האָט איצט באַמערקט, אַז ווען פרוי מאַשקאַ זאָל וועלן איין שטויס טון מיטן פּיסל דעם בנין, וואָלטן אַלע זיינע בינדונגען געקענט לויז ווערן און דער סופיט וואָלט אים געקענט אויפן קאָפּ אַראָפּפאַלן. אוודאי, — דאָס ווייב וואָלט ער נישט אויפגעהערט ליב האָבן, ווייל ער האָט זיך צו איר אמתדיק טיף צוגעבונדן — ער האָט אָבער געפילט, אַז ער וואָלט מסוגל געווען זי צו פּאַר־ראַטן — און נישט בלויז זי, נאָר זיך אַליין, זיינע פּרינציפּן, זיינע השגות וועגן דעם, ווי אַן ערלעכער און מאָראַלישער מענטש דאַרף זיין. מיט אַ געוויסן פחד, און צו דעם מיט כעס, האָט ער געפונען אין זיך נישט בלויז אַ מענטשלעכע חיה, נאָר צו דעם אויך אַ שוואַכע חיה. דאָס האָט אים באַאומרויקט, ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער שוואַכקייט, און דאָך האָט ער זי געקענט גובר זיין. געווען איז אַ פּשוטע עצה, נישט צו זען פרוי מאַשקאַ, אָדער זען זי זעלטן — ער פלעגט אָבער אויסזוכן כלערליי סיבות, זי צו זען וואָס אָפטער. — תחילת האָט ער געוואָלט זיך אַליין מיט זיי איינשלעפּן, צוליב אָבער זיין איינגע־בוירענער אינערלעכער אויפריכטיקייט, איז עס געווען אוממעגלעך און עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעזידלט. ער האָט אָבער מיט זיי גענאַרט דאָס ווייב און וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען ער איז איינמאָל געבליבן ביחידות מיט פרוי מאַשקאַ, האָט ער זיך נישט געקענט איינ־האַלטן נישט צו קוקן אויף איר, נישט צרומצוכאַפּן מיטן בליק איר געזיכט און די גאַנצע פיגור. אים האָט אָנגעכאַפּט אַ קרענק־לעכע נייגעריקייט, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן, ווען ער זאָל זיך אויסגעבן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך בא אים וואָס זי וואָלט דאַ־מאָלס געזאָגט — און ער האָט נישט ווילנדיק הנאה געהאַט פון

זייערע השערות, אַז זי וואָלט זיך געהאַלטן לחלוטין פּאַסיוו. ער האָט פֿאָרויס זי פֿאַראַכט פֿאַר דעם, אָבער צוליב דעם האָט ער נאָכאַמאָל גלוסטונג בקומען צו איר. ער האָט אין זיי אַנטדעקט בערג אויסגעלאַסנקייט, וואָס ער האָט צוגעשריבן זיין ווײַלן לאַנג אין אויסלאַנד און, האַלטנדיק זיך איצט פֿאַר אַ גאַנצע און געזונטע נאַטור, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַאומרויקן, צי האָט ער נישט אַמאָל געהאַט אַ טעות אין זיך, און צי דער איינדרוק, וואָס דאָס ווייניק רייצנדע וועזן האָט אויף אים געמאַכט, איז נישט קיין סימן פֿון עפּעס אַ נעווראָז, וואָס פּייניקט אים אָן זיין וויסן. אים איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן אפילו, אַז עס קענען געמאָלט זיין אַזעלכע צושטאַנדן, ווען די מענערישע נשמה פֿאַראַכט פּשוט אַ פֿרוי און די מענטשלעכע חיה בענקט נאָך איר.

באַ איר ווידער האָט דער אינסטינקט פֿאַרביטן די שאַרפֿקייט פֿון שכל: זי איז אַגב שוין נישט געווען אַזוי נאַיוו, אַז זי זאָל נישט פֿאַרשטיין, וואָס עס האָט געהייסן זיין בליק, וועלכער האָט זיך געגליטשט איבער איר פֿיגור, אָדער וואָס עס האָבן אויסגעדריקט זיינע אויגן, ווען זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, בפֿרט בשעת זיי פֿלעגן זיין אַליין און ער האָט מיט אַ געוויסער עקשנות געקוקט איר אין פּנים. פֿריער האָט זי געפֿילט אַ געוויסע הנאה פֿון אייגנליבע, וואָס עס איז שווער בייצושטיין אפילו, אַן ערלעכער פֿרוי, ווען זי זעט, אַז מען קוקט אויף איר, ווען זי זעט זיך אויסגעשטילט, מער געגאַרט ווי אַנדערע — מיט איין וואָרט: אַ זיגרייכע. אַ חוץ דעם איז זי גרייט געווען נישט צו אָנערקענען און נישט צו זען קיין סכּנה, ווי עס וויל עס נישט זען קיין קוראָפּאַטווע, בשעת זי באַהאַלט דעם קאָפּ אין שניי, פֿילנדיק, ווי דער שפּאַרבער שוועבט איבער איר. פֿאַר פֿרוי מאַשקאַ איז דער שניי געווען די אויסערלעכע פֿאָרם, און פּאָלאַניעצקי האָט עס געפֿילט. ער האָט נאָך פֿון דער בחורישער פּראַקטיק געוווּסט, אַז עס זענען פֿאַראַן פֿרויען, וועלכע עס גייט קודם-כּל אין אָפּהיטן געוויסע, אָפּטמאָל משונהדיקע אויסערלעכע פֿאָרמען. ער האָט אַזעלכע געדענקט, וואָס האָבן פֿון כּעס געברענט, ווען ער האָט צו זיי גערעדט אויף פּויליש דאָס, וואָס זיי פֿלעגן מיט אַ שמייכל אויס-

הערן אויף פראַנצויזיש; ער האָט אויך באַגעגנט אַזעלכע, וואָס
זענען געווען אומצוטריטלעכע פעסטונגען בײַ זיך אין שטאָט
און ווי אָפענע שטעט — אויף זומער־וווינונג, אין די בעדער
אָדער אויפן וואַסער — און אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרטראָגן אָנ-
גריפן, און נישט פאַרטראָגן קיין ווערטער — און אַזעלכע, פאַר
וועלכע דער עיקר איז געווען ליכט און פינסטערניש. אומעטום,
ווי די ערלעכקייט האָט נישט געשטאַמט פון נשמה און פון פרינ-
ציפן, וואָס זענען אײַנגעפלאַנצט, ווי פּאָקן אינעם בלוט אין דער
ווידערשטאַנד אָדער דאָס פאַלן געווען אָפּהענגיק פון אַ צופאַל,
פון דער סביבה, פון אויסערלעכע אָפטמאָל נאַרישע באַדינגונגען,
פון פערזענלעכע השגות וועגן די פאָרמען פון אָנשטענדיקייט. ער
האָט געהאַלטן, אַז אַזוי וואָלט אויך געקענט זײַן מיט פרוי מאַש-
קאַ, און אויב ער האָט עד־היום נישט געמאַכט קיין פרוון און
עקספּערימענטן, איז עס בלויז געווען דערפאַר, ווײַל ער האָט
געקעמפט מיט זיך גופא, ווײַל ער האָט זיך נישט געוואָלט אונ-
טערגעבן און זי פאַראַכטנדיק אין דער טיף פון זײַן נשמה,
האָט ער געוואָלט אויסמײַדן פאַראַכטונג צו זיך. אים האָט אויך
אָפּגעהאַלטן די צוגעבונדנקייט צו מאַריניאַן און דאָס מיטגעפיל,
וואָס איז געווען אויסגעמישט עפעס מיט יראת־הכבוד פאַר איר
צושטאַנד, און די דאַנקבאַרקייט, די האָפענונג צו ווערן אַ פאָטער,
פון וואָס ער איז גערירט געוואָרן, און דער געדאַנק וועגן דער
קורצער צײַט, וואָס זיי האָבן בסך־הכל געלעבט ערשט צוזאַמען,
די ערלעכקייט און די רעליגיעזע געפילן. דאָס זענען געווע[ן]
אַזעלכע מינים קייטן, אויף וואָס עס האָט זיך נאָך געהאַלטן די
צעווישטעטע מענטשלעכע חיה.

נישט אַלעמאָל אָבער האָט ער מיט דעמזעלבן כּוח זיך
אָפּגעהאַלטן. איינמאָל, דעם אָוונט, וואָס זאַווילאָווסקי האָט זיי
געטראָפן, האָט ער זיך שוין נישט פאַראַטן. בײַם געדאַנק, אַז
מאַשקאַ קומט צוריק, און פרוי מאַשקאַ אײַלט זיך דעריבער
אַהיים, האָט אים פּלוצלינג באַהערשט אַ נידעריקע, ריין פיזישע
קנאה, און ער האָט מיט אַ געוויסן געשטיקטן, אָבער בולטן כּעס
אַ זאָג געטאָן:

— יאָ! איך פאַרשטיי אייער איילן זיך! אוליסעס קומט צוריק, מוז פּענעלאָפּאַ זיין אינדערהיים, אָבער...

דאָ האָט ער דערפילט אַ חשק צו שילטן.

— אָבער וואָס? — האָט אַ פרעג געטון פּרוי מאַשקאָ.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט געענטפערט אָן שום לאַנגע שהיות:

— דווקא היינט וואָלט איך אייך לעגנער געוואָלט פאַרהאַלטן!

— עס פּאַסט ניש! — האָט זי קורץ געענטפערט, מיט איר דורכגעווייעטן דורך אַ דריבנע זיפּל שטימעלע.

און אין דעם „עס פּאַסט נישט"! איז געווען איר גאַנצע נשמה.

ער האָט זיך אומגעקערט, זי שעלטנדיק טאַקע אין זיך. און אַהיימקומענדיק האָט ער איינס ליכטיקן רויקן צימער געטראָפן מאַריניאַן מיט זאַווילאָווסקין, וועלכע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין משפּחה-לעבן דאַרף מען נישט זוכן עפּעס פאַנטאַזיעס פון גליק, נאָר פליכטן, וואָס דער אייבערשטער לייגט דאַמאָלס אַרויף.

IV

— וואָס גייט מיך דאָרט אָן פרוי אָסנאָווסקאַ און וואָ...
בייען מיך אָן אַלע אירע געשעפטן? — האָט זיך צומאָרגנס אַ
זאָג געטון זאַווילאָווסקי, בשעת ער איז געגאַנגען צו פרוי בראַ-
ניטש — איך האָב נישט חתונה מיט פרוי אָסנאָווסקאַ, נאָר מיט
„מיינער!" וואָס האָב איך זיך נעכטן אַזוי געבליקט און געפּיי-
ניקט?

און דאָס זאָגנדיק צו „זיין דערהויבענער נשמה", האָט ער
שוין געטראַכט בלויז וועגן דעם, וואָס ער וועט זאָגן דער פרוי
בראָניטש, מחמת, נישט קוקנדיק אויף אָסנאָווסקיס פאַרזיכערונגען,
נישט קוקנדיק אויף אַלע האָפנונגען, אַז דער שמועס וועט זיין
בלויז נאָר אַ פאָרם, וואָס מען דאַרף אויספילן, נישט קוקנדיק
אויף דעם צוטרוי צו לינעמאַס האַרץ און צו פרוי בראָניטשס
גוטסקייט איז די „דערהויבענע נשמה" געווען אין פחד. ער האָט
ביידע דאַמען געטראָפן צוזאַמען — און שוין אַ דרייסט געוואָרע-
נער פון נעכטיקן טאָג, האָט ער צוגעדריקט די ליפן צו קאַס-
טעלקאַס האַנט, וואָס האָט רויט ווערנדיק אַ ביסל געזאָגט:

— און איך אנטלויף!

— פעדעמל, בלייב, — האָט זיך אָפּגערופן פרוי בראָ-ניטש.

— ניין — האָט זי געענטפערט — כ'האָב מורא פאַר דעם הער און פאַר דער מומען.

דאָס זאָגנדיק, האָט זי אָנגעהויבן רייבן איר גאָלדיק קעפּל, װי אַ צעפּיצשטשעטע קעצל, אין פרוי בראָניטשס אָרעם, הזרנ-דיק:

— מומע, טו אים נישט קיין עװלה! טו אים נישט קיין עװלה!

און אויף אים אַ קוק טוענדיק, איז זי כאַקע אַנטלאָפן. זאַװילאָװסקי איז פון אויפרעגונג אין איבערפלוס פון ליבע גע-װען בלאַס װי אַ טוך, און פרוי בראָניטש האָט געהאַט טרערן אויף די אויגן.

זעענדיק, אַז עס דריקט אים אַזוי אין גאָרגל, אַז עס װאָלט אים לייכטער געװען צו װיינען, װי צו רעדן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— איך װייס, נאָך װאָס איר קומט. כ'האָב געזען פון לאַנג, װאָס עס טוט זיך בײַ אייך, מײַנע קינדער...

זאַװילאָװסקי האָט אַ כאַפּ געטון אירע הענט און אָנגעהויבן זיי אייננע נאָך דער אַנדערער צודריקן צו די ליפּן, זי װידער האָט װייטער גערעדט:

— אָך, איך אַליין האָב אין לעבן צופיל געפילט, כ'זאָל זיך נישט קענען אויף קיין אמתע געפילן — כ'װעל זאָגן נאָכ-מער: דאָס איז מײַן כפּעציאַליטעט! פּרוּװן לעבן נאָר מיט האַרץ און קענען אַ האַרץ פאַרשטיין. איך װייס, אַז איר האָט דאָס פּע-דעמל אמתדיק ליב, און בין זיכער, אַז װען זי זאָל אייך נישט ליב האָבן, אָדער װען כ'זאָל אייך אָפּזאָגן, װאָלט איר עס נישט איבערגעלעבט — אמת?

דאָ האָט זי אָנגעהויבן אויף אים קוקן מיט אַ פרעגלעכן בליק, ער װידער האָט אַ זאָג געטון מיט אָנשטרענגונג:

— אָן שום ספק, מאַדאַם! כ׳ווייס נישט, וואָס עס וואָלט מיט מיר געשען.

— נו? איך האָב עס תיכף געטראָפן! — האָט זי גע־ענטפערט מיט אַ צעשטראַלט געזיכט — אָך, מיין ליבער הער, פאַר מיר איז גענוג בלויז אַ קוק צו טון! — מילא, כ׳וועל נישט זיין קיין בייזער גייסט פאַר אייער זשעני. ניין! איך וועל עס נישט טון, איך קען עס נישט טון! ווען וועל איך געפינען פאַר פעדימלען? וווּ איז דען דאָ דער מענטש, וואָס איז זי ווערט? וואָס וואָלט געהאַט אין זיך די אַלע מעלות. וואָס זי האָט ליב דער עיקר און שעצט? איך קען זי נישט חתונה מאַכן מיט אַזאַ קאַפּאַווסקין און כ׳וועל עס נישט טון, מיין הער! איר קענט אפשר נישט פעדימלען אַזוי גוט, ווי איך, אָבער איך קען נישט און וועל עס נישט טון!

זאַווילאָווסקין האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנץ געריירט־קייט, פאַרחידושט די ענערגיע, מיט וועלכער פרוי בראַניטש האָט אָפּגעזאָגט קאַפּאַוסקין דעם „פעדימס“ האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט פאַר זיך געבעטן איר האַנט, נאָר פאַר קאַפּאַווסקין, די מומע האָט אָבער ווייטער גערעדט, אַ געריירטע, הנאה האָבנדיק משמעות פון אירע אייגענע ווערטער און פון דער לאַגע:

— ניין! ווען קאַפּאַווסקין קען קיין רייד נישט זיין! איר אייבער וועט מסוגל זיין גליקלעך צו מאַכן דאָס פעדימל. איר אייבער וועט מסוגל זיין איר צו געבן דאָס, וואָס זי דאַרף. כ׳האָב נאָך פון נעכטן אָן געוווּסט, אַז איר וועט היינט מיט מיר רעדן... כ׳האָב דאָך אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטון. חידושט אייך נישט, ס׳גייט דאָך עפּעס אין פעדימלען! — האָב איך זיך נאָך אַלץ געוואַקלט! אָן אים האָט מיך באַהערשט פאַר דעם היינטיקן שמועס, מחמת כ׳האָב פאָרויס געוווּסט, אַז כ׳וועל זיך אייך נישט אַנטקעגנשטעלן, אַז איר וועט מיך מיטרייסן מיט אייער געפיל און רייד, פונקט ווי איר האָט נעכטן מיטגעריסן פעדימלען.

זאַווילאָווסקי, וואָס האָט נישט נעכטן, נישט היינט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסבאַמקען, האָט זיך עפּעס נישט אָפּ־

געגעבן קיין חשבון, און וואָס אייגנטלעך ס'איז געלעגן די קאָפּט פון זיין רעדנער-טאַלאַנט און ווען ער האָט צייט געהאַט זיך מיט אים אַרויסצוווייזן; פרוי בראָניטש האָט אים אָבער נישט דערלויבט לענגער זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער שאלה.

— איר ווייסט, וואָס כ'האָב געטון. דאָס, וואָס איך טו אַלע מאָל אין די ערנסטע מינוטן פון לעבן. נאָכן געכטיקן שמייס מיטן פעדימל, בין איך היינט אינדערפרי אַוועק אויפן מאַנס קבר. ער ליגט דאָ, אין וואַרשע... (כ'ווייס נישט, צי כ'האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז געווען דער לעצטער פון די ריוורס... יאָ-יאָ! געזאָגט!) אַך, ליבער הער, וואָס פאַר אַ מקום-מקלט דאָס קבר איז פאַר מיר — און וויפיל גוטע באַגייסטערונג איך האָב שוין פון דאָרט מיטגענומען!... ווען עס פלעגט גיין אין פעדימלס דערציִונג, אָדער וועגן עפּעס אַ רייזע, אָדער אַ ויעקלייען געלט, וואָס דער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט, אָדער וועגן אַ הלוואה, פאַר עמעצן פון די קרובים אָדער באַקאַנטע, לויף איך תמיד אַהין, ווי צו זיך צהיים! איר וועט מיר גלייבן? נישט איינמאָל הייסט אפילו דאָס האַרץ געבן, אָדער לייען — און דער מאַן זאָגט דאָרט פון דער אייביקער רו אַרויס: „גיב נישט!" — און כ'האָב נישט געגעבן! און האָב קיינמאָל שלעכט נישט געמאַכט! אַך ליבער הער! איר, וואָס פילט און פאַרשטייט אַלץ, וועט משיג זיין, ווי איך האָב היינט מתפלל געווען, ווי כ'האָב מיטן גאַנצן כּוח פון דער נשמה געפרעגט: „געבן פעדעמלען, צי נישט געבן פעדעמלען?"

דאָ האָט זי אים אָנגעכאַפּט מיט די הענט בײַ די שלייפן און אויסגעשריגן דורך טרערן:

— אָבער מיין טעאָדאָר האָט געענטפערט: „געבן!" — גיב איך זי דיר — און מיין ברכה אַלס אַ צוגאָב!

די טרערן טאַקע האָבן באמת אויסגעלאָשן פרוי בראָניטשס ריידע, זאַווילאָווסקי האָט אַנידערגעקניט פאַר איר. פריילין „פּעדימל", וואָס איז צריין, ווי אין דער אָפּגערעדטער מינוט, האָט זיך געוואָרפן לעבן אים אויף די קני, פרוי בראָניטש ווידער האָט אויסשטרעקנדיק די הענט, כליפּענדיק, געזאָגט:

— זי איז דײַן! דײַן! איך גיב זי דיר! — און עס גיט זי אויך טעאָדאָר!

נאָכדעם האָבן זיך אַלע דרײַ אויפגעהויבן. די מומע האָט די אויגן פֿאַרדעקט מיטן טיכל און זיך קיין ריר נישט געטון; פּאַמעלעך אָבער האָט זי אָנגעהויבן אַוועקצונעמען דאָס טיכל, קוקנדיק פֿון דער זײַט אויף בײדע יונגע מענטשן; פּלוצלינג האָט זי זיך צעלאַכט און דראָענדיק זיי מיטן פֿינגער, אַ זאָג געטון:

— אױ, איך ווייס, וואָס איר האָט איצט חשק! איר וואָלט װעלן בלײַבן אַליין. איר האָט איצט מסתמא עפּעס איבערצורעדן — אמת?

און זי איז אַרויס. זאַווילאָווסקי האָט דאַמאָלס גענומען פֿרײַלין קאָסטעליס הענט און פֿאַרשיכורט איר געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

נאָכדעם האָבן זיי זיך אָנידערגעזעצט, און זי האָט, איבערלאָזנדיק אירע הענט אין זײַנע, אָנגעלענט איר קאָפּ אָן זײַן אָרעם. דאָס איז געווען אַ מין ליד אָן ווערטער. זאַווילאָווסקי האָט אָנגעהויבן צובייגן דעם קאָפּ צו איר ליכטיק געזיכט, ליבעטקאַ האָט די אויגן פֿאַרמאַכט, ער איז אָבער צו יונג געווען, צו אומדרייסט, צופֿיל זי געשעצט און ליב געהאַט, האָט ער נישט דערוועגט זיך אפילו צו צוריִרן מיט די ליפּן צו אירע ליפּן, נאָר געקושט אירע גאָלדענע האָר — און דאָס צימער, אין װעלכן זיי זענען געזעסן האָט זיך אים אַזוי אויך אָנגעהויבן דרייען, און די ערד האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען. גאָכדעם איז אַלץ פֿאַרשוווּנדן פֿון זײַנע אויגן, ער האָט פֿאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין, װו ער געפֿינט זיך, וואָס עס טוט זיך מיט אים, ער האָט בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פֿונם אייגענעם האַרץ, געפֿילט דעם ריח פֿון אירע זײַדענע האָר, וואָס האָבן געקיצלט זײַנע ליפּן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז זײַן.

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ חלום, פֿון װעלכן מען האָט זיך באַדאַרפֿט אויפֿכאַפּן. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט די מומע לײַכט געעפֿנט די טיר, װי זי וואָלט וועלן וואָס װײַניקער

פאַרלירן פון דעם ראָמאַן, אין וועלכן זי האָט מיט דער הילף פון טעאַדאָרן, געשפּילט די ראָל פון גייסט-באַשיצער; פונעם שבֿועותדיקן צימער האָבן זיך געלאָזט הערן די שטימען פון די אָסנאָווסקיס, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט פרײַלין קאַסטעלי זיך צעפּינען אין דער מומעס אָרעמס, פון וועלכע זי איז אַריבער אין די אָרעמס פון פרוי אַנעטאַ. אָסנאָווסקי ווידער, דריקנדיק מיטן גאַנצן כּוח זאַווילאָווסקיס האַנט, האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ שמחה! ס׳איז אין שטוב, וואָס פאַר אַ שמחה! — מיר האָבן דיך אַלע אמתדיק ליב געקריגן: איך, און די מומע און אַנעטקאַ, נישט רעדנדיק שוין פון דער קלײנער.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צום ווײַב און געזאָגט:

— ווייסט, אַנעטקאַ, וואָס איך האָב נעכטן נאָך געוווּנטשן איגנאַשן? — זיי זאָל זײַן אַזוי, ווי אונדז איז צווישן זיך!

און כאַפּנדיק זי פאַר די הענט, אָנגעהויבן לײדנשאַפטלעך צו קושן. זאַווילאָווסקי, הגם ער האָט בכלל נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, האָט אָבער אויף אַזוי פיל צוריק באַקומען דאָס באַוווּסטזײַן, אַז ער האָט אַ קוק געטון פרוי אַנעטאַן אין געזיכט; זי האָט אָבער פרײלעך געענטפערט, אויסקנעטנדיק באַם מאַן די הענט.

— ניין! זיי וועט זײַן בעסער, ווײַל קאַסטעלקאַ איז נישט אַזאַ פלאַטערן, ווי איך, און הער זאַווילאָווסקי וועט נישט קושן אַזוי אײַנגעשפּאַרט די הענט פאַר לײַטן, נו, יוזשיאַ, לאָז שוין אָפּ!

— זאָל ער זי נאָר אַזוי ליב האָבן, ווי איך דיך, מײַן אוצר, מײַן קינדלעב! — האָט געענטפערט דער צעשטראָלטער יוזשאָ.

זאַווילאָווסקי איז אין דעם טאָג פאַרבליבן אַזש ביז אָוונט בײַ דער פרוי בראָניטש און איז לחלוטין נישט געגאַנגען אין ביוראָ אַרײַן. נאָכן פריסטיק איז ער צוזאַמען מיט דער מומען און פרײַלין לינעטאַ, זיך איבערגעפאָרן אין עקיפּאַזש, מחמת פרוי בראָניטש האָט פאַררס פאַרלאַנגט זיי באַווײַזן פאַר דער וועלט. דער שפּאַציר אין די אַלעען האָט זיך אָבער נישט אײַנגעגעבן אײַנ-

געגעבן צוליב דעם קורצן שלאַקסרעגן, וואָס האָט פונאַנדערגעיאָגט די עקיפּאַזשן, נאָכן צוריקקומען, האָט אָסנאָווסקי תּמימותדיק ווי אַלעמאָל, געמאַכט אַ פאָרשלאָג, וואָס האָט זאַווילאָווסקין געמאַכט גליקלעך:

— פּזשיטולאָוו וועט אונדז נישט אַנטלויפן — האָט ער געזאָגט — מיר הייבן דאָ אַזוי אויך, ווי האַלב אין דאָרף, בפרט, אַז מיר זעבען דאָ אויסגעזעסן ביז סוף יוני, קענען מיר זיצן נאָך עטלעכע טעג. זאָל־זשע דאָס געליבטע פּאָר פאַרן אָפּפאָרן טוישן די פינגערלעך, און אַ חוץ דעם, זאָל מיר מיט אַגעטקאָן דערלויבט זיין צומאַכן זיי אַ תּנאָים. גוט, מומע? איך זע, אַז זיי האָבן גאָרניט קעגן דעם, און איגנאַשן וועט אוודאי זיין אָנגענעם צו האָבן באַ זיך אויף די תּנאָים זיינע באַנטע, די פּאָלאַניעצקיס, די ביגעלס... צו די לעצטע קומען מיר אפילו נישט, אָבער דאָס איז גאָרנישט! מאָרגן וועלן מיר זיין באַ זיי מיט אַ וויזיט און די זאַך וועט זיין דערלעדיקט. גוט, איגנאַש? גוט, מומע?
—

איגנאַש איז פאַרשטייט זיך געווען אין זיבעטן הימל; וואָס שייך דער מומען, האָט זי לעולם נישט געוווסט, וואָס עס וואָלט אויף דעם געזאָגט טעאָדאָר — און זי האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען. אָבער, ראשית האָט מען נאָך געקענט טעאָדאָרן אַ פרעג טון, שנית, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיט אַזאַ הויך קול געענטפערט פון דעם אָרט פון זיין אייביקער רו: „געבן!״ אַז ס׳האָט קיין ספק נישט געקענט זיין אין זיין גוטן רצון — אַזוי, אַז זי האָט סוף־כּל־סוף מסכים געווען אויף אַלץ!

נאָכן מיטאָג איז געקומען דער כּמעט טאָג טעגלעכער גאַסט קאָפּאָווסקי — און אויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען דער איינציקער נפש אין דער ווילע, וואָס די בשורה וועגן די געפילן און די תּנאָים פונם יינגן פאָר האָט אים קיין נחת נישט פאַרשאַפט. זיין געזיכט האָט אַ געוויסע צייט אויסגעדריקט עפּעס אַן אומגעהייערע פאַרגליווערטקייט, לסוף, האָט ער אַ זאָג געטון:

— און איך, וואָלט זיך קיינמאָל נישט משער געווען, אַז פריילין ליגעטאַ וועט נעמען הער זאַווילאָווסקין.

דער הער אָסנאָווסקי האָט דערויף אַ שטויס געטאָן זאַוויִ־לאָווסקין מיטן עלנבויגן, פאַרמוזשעט איין אויג און אין שטי־לערהייט מיט זייער אַ כיטרער מינע אַ זאָג געטאָן:

— האָסט באַמערקט? איך האָב דיר נאָך נעכטן געזאָגט, אַז ער ליבט זיך אַ ביסל אין קאַסטעלקאַן.

זאַוויִלאָווסקי האָט שפּעט אין אָוונט פאַרלאָזט די אָסנאָוו־סקיס ווילע. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער זיך אָבער בישט געגומען צו לידער — הגם אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז ער איז עפּעס אַ האַרפע, וואָס די סטרונעס קלינגען אַליין — נאָר צו דער ביוראָ־קאָרעספּאָדענץ און צו די חשבונות, וואָס ער האָט באַטאָג נישט געקענט מאַכן.

אין ביוראָ האָט דאָס געלעמען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ווען די ביגעלס זענען נאָך די אָסנאָווסקיס וויזיט געווען באַ זיי מיט אַ רעוויזיט, און גלייכצייטיק מיט דעם ערשטן באַזוך באַ פרוי בראָ־ניטש, האָט ביגעל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זאַוויִלאָווסקיס לידער זענען ווערט, ווייסט איר דאָך, אָבער אפשר ווייסט איר נישט, וואָס פאַר אַ געוויסנהאַפטער מענטש דאָס איז. איך זאָג ער דערפאַר, ווייל דאָס איז באַ אונדז אַ יקר־המציאות. דאַמאָלס ווען ער איז באַ אייך דאָ געווען אַ גאַנצן טאָג און נישט געקענט זיין אין ביוראָ, האָט ער זיך עס באַנאַכט געהייסן דעם דיזשורנעם עפענען, גענומען די בי־כער און די בריוו אַהיים און פאַרטיק געמאַכט, וואָס ער האָט באַדאַרפט. אָנגענעם צו טראַכטן, אַז מען האָט מיט אַזאַ מענטש צו טון, ווייל אַזאַ איינעם קען מען אָנטרויען.

דאָ האָט זיך אָבער דער עלטערער שותּף פון הויז און־טער דער פירמע ביגעל און פּאָלאַניעצקי פאַרהידושט, וואָס אַזאַ גרויסער שבח פון זיין מויל האָט געמאַכט אַזאַ קליינעם איינ־דרוק, און אַז פרוי בראָניטש, אַנשטאָט אַרויסצוווייזן פרייד, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָך, מיר האָפן, אַז אין דער צוקונפט וועט הער זאַווי־לאָווסקי זיך קענען אָפּגעבן אַ פּאַסיקערער אַרבעט לויט זיין לאַגע און פעיקייטן.

בכלל האָט דער איינדרוק, וואָס ביידע צדדים האָבן באַקומען פון דעם באַקענען זיך, דערחיזן, אַז זיי האָבן זיך ביידע געפילט עפעס נישט היימיש. ביגעלן איז פריילין לינעטאַ אויסערלעך יאָ געפעלן, אָוועקגייענדיק, האָט ער אָבער אַ שמייכל געטון צו זיין ווייב: „ווי באַקוועם זיי לעבן זיך דאָ בעסער!“ ער האָט דאָס געפיל געהאַט, אַז די נשמה פון דער גאַנצער ווילע איז עפעס געווען אַ כּסדרדיקער יום טוב. אָדער ליידיק גיין, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין פעיקייט שנעל אויסצודריקן זיינע געדאַנקען.

פרוי בראָניטש האָט נאָך זייער אַוועקגיין, געזאָגט צו פריילין קאַסטעלקאַן:

— אוודאי, אוודאי!... דאָס מוזן זיין גאָר ווילע מענטשן — יאָ!... אויסגעצייכנטע מענטשן! כ'בין זיכער... יאָ... אוודאי!...

און זי האָט עפעס נישט געענדיקט איר געדאַנק, נאָר „דאָס פּעדימל“ האָט זי געמוזט דאָך פאַרשטיין, ווייל זי האָט געענטפערט:

— דאָס זיינען דאָך נישט זיינע קיין קרובים.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך אויך אָפּגערופן קרובים. זאַווילאָווסקי, וואָס איז עד-היום, נישט קוקנדיק אויף פרוי בראָניטשס פאַרלאַנג נישט געווען איבערגעבעטן דעם אַלטן הער זאַווילאָווסקי, האָט פון אים באַקומען אַזאַ בריוו:

„הער ווילדע קאַץ! האָסט מיך אומגעריכט צעדראַפּעט, ווייל כ'האָב נישט ברעה געהאַט דיך צו באַליידיקן, אוי איך זאָג תמיד דאָס, וואָס איך טראַכט, מעג איך עס, ווייל איך בין אַלט, מען האָט דיר אוודאי דערציילט, אַז איך זאָג דיין מיידל אין די אויגן אַריין נישט אַנדערש, ווי „ווענעציאַנער האַלבער רוח“. ווער האָט אָבער געזאָלט וויסן, אַז דו ליבסט זיך און האָסט חתונה? איך האָב זיך ערשט נעכטן פון דעם דערוווסט, און איצט פאַרשטיי איך ערשט, פאַרוואָס דו ביסט מיר אַנטלאָפן פון די אויגן; כ'האָב אָבער ליבער היצקעפּ, ווי לעמעשקעס, און היות איך קען נישט צוליב דער פאַרשאָלטענער פּאָדאַגרע גיין צו דיר,

כ'זאָל דיר ווינטשן, קום-זשע דו צום אַלטן, וואָס איז דיר אַ סך בעסערייער, ווי דו מיינסט".

נאָך אַזאַ בריוו איז זאַווילאָווסקי דעמזעלבן טאָג אַוועק און אויפגענומען געוואָרן מיט אַביסל אַ מרוקיקער, אָבער אמתדיקער האַרציקייט, אַז דאָסמאָל איז דער אַלטער אמת-זאָגער אים באמת געפעלן און ער האָט באמת דערפילט אין אים אַ קרוב.

— זאָל דיך גאָט און די הייליקע מאַדאָנע בענטשן — האָט אַ זאָג געטון דער אַלטער — איך קען דיך ווייניק, כ'האָב אָבער אַזויפיל וועגן דיר געהערט, אַז כ'וואָלט וועלן, כ'זאָל דאָס נעמלעכע קענען הערן וועגן אַלע זאַווילאָווסקיס.

און ער האָט אים אָנגעהויבן די האַנט דריקן, נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו דער טאָכטער און געזאָגט:

— אַ געניאַל שטיקל סחורה, האַ?

באַם אַוועקגיין האָט ער זיך אַ פרעג געטון:

— און וואָס עפעס „טעאָדאָר"? נישט אָנגעמאַכט דאָרט צופיל קיין צרות? האַ?

זאַווילאָווסקי, וואָס האָט, אַלס קינסטלער, געהאַט אַ גרויסער געפיל פאַר קאָמיזם, און וואָס אין האַרץ האָט דער טעאָדאָר אויך אויסגעזען לעכערלעך, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— ניין. פאַרקערט: געהאַלטן מיין צד.

און דער אַלטער האָט אָנגעהויבן דרייען מיטן קאָפּ:

— דאָס איז צו אַלדי רוחות אַ באַקוועמער טעאָדאָר! היט דיך פאַר אים, ער איז אַ דורכגעטריבענע כלי!

פרוי בראָניטש האָט אָבער געהאַט אַזאַ דרך-ארץ פאַר הער זאַווילאָווסקיס פאַרמעגן און געשעפטלעכע לאַגע, אַז תיכף צומאָרגנס איז זי אַוועק צו אים מיט אַ וויזיט און אָנגעהויבן כמעט דאַנקען פאַר אַזאַ גוט אויפנעמען דעם קרוב. דער שליאַכטשיך איז אָבער אומגעריכט אין כעס געוואָרן:

— וואָס מיינט איר עפעס, איך בין אַ באַרימער? — האָט ער אַ זאָג געטון — איר האָט פון מיר געהערט, אַז אָרימע קרובים זענען אַ מכה — און מיינט, אַז איך האַלט פאַר אַן

עוולה, וואָס זיי זענען הויל. ניין!... איר קענט מיך נישט! ווייסט אָבער, אַז ווען אַ שליאַכטשיץ פאַרלירט אַלץ און ווערט הויל, ווערט ער על־פּי־רוב אַ שווינדלער. אַזוי איז שוין די טבע, אָדער ריכטיקער דער חסרון. און דער איגנאַצי — איך הער פון אומעטום — איז אַן אָרנטלעכער מענטש, הגם ער איז הויל, האָב איך אים ליב.

— איך האָב אים אויך ליב — האָט געענטפערט פרוי בראָניטש — איר וועט דאָך זיין אויף די תנאים.

— C'est décidé. אפילו ווען איך זאָל זיך דאַרפן הייסן אַ הינטראָגן!...

פרוי בראָניטש האָט זיך אומגעקערט אַ היים אַ צעשטערטע און וואָס פרישטיק נישט געקענט זיך איינהאַלטן אַרויסצוזאָגן די השערה, וואָס איר רייכע פאַנטאַזיע האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן:

— הער זאַווילאָווסקי — האָט זי געזאָגט — איז אַ מיליאָנער און איז שטאַרק צוגעבונדן צום פאַמיליענאָמען. כ'וואָלט זיך גאָרנישט געחידושט, ווען ער זאָל אונדזער איגנאַשן מאַכן פאַר זיין יורש, אויב נישט אויפן גרעסטן, איז לכל־הפּחות אויף אַ באַדייטנדן טייל פון זיין פאַרמעגן, אָדער איינס פון זיינע גיטער אין פּויזנער קאַנט געביטן פאַר אים אויף אַן אָרדינאַציע. כ'וואָלט זיך גאָרנישט געחידושט.

קיינער האָט זיך גאָרנישט געשפּאַרט, מחמת אַזעלכע פאַלן האָט מען געזען אויף דער וועלט; דעריבער האָט פרוי בראָניטש נאָכן פרישטיק צוגעדריקט צו זיך פעדימלען, און אַ שעפּטשע געטון איר אין אויער:

— אוי, דו, דו! קומענדיקע פרוי אָרדינאַטין!

אין אָוונט ווידער האָט זי אַ זאָג געטון צו זאַווילאָווסקין:

— חידושט אייך נישט, וואָס איך מיש זיך אַזוי אַריין אין אַלעם, איך בין דאָך זייער מאַמע. די מאַמע איז זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס פאַר אַ פינגערל איר וועט צוגרייטן פאַרן פעדימל? אמת, אַז עס וועט זיין עפּעס שיינס? אַזוי פיל מענטשן וועלן זיך

אויף די תנאים! איר האָט נישט קיין השגה, וואָס פאַר אַן אויס־קלייבערן די קליינע איז! זי איז אַפילו אין קלייניקייטן אַזוי עסטעטיש — און האָט איר אייגענעם געשמאַק, און נאָך וואָס פאַר אַ געשמאַק! האָ! האָ!

— איך וואָלט וועלן, מאַדאַם — האָט געענטפערט זאַווי־לאַווסקי — אַז אין די שטיינער זאָלן זיין קאָלירן, וואָס באַדייטן גלויבן, האָפנונג און ליבע, ווייל אין איר איז מיין גלויבן, מיין האָפנונג און מיין ליבע.

— זייער אַ פיינער געדאַנק! איר האָט שוין געהערט מיט פעדימלען? ווייסט איר וואָס! אין דער מיט זאָל זיין אַ פערל אַלס סימן, אַז זי איז אַ פערל. איצט זענען סימבאָלן אין דער מאָדע, כ'האָב אייך געזאָגט, אַז הער שווירסקי, ווען ער פלעגט איר געבן לעקציעס, האָט זי גערופן „לאַ פערלאַ?" יאָ, כ'האָב אייך געזאָגט! איר קענט נישט הער שווירסקין? ער אייך... יוזשאָ אָסנאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט, אַז הייגט־מאָרגן קומט ער. בלוזאָ אַ סאַפיר, אַ רובין, אַ שמאַראַגד און אין דער מיט אַ פע־רעלע?... אַ יאָ! הער שווירסקי אויך... איר וועט זיין אויף דער לוויה?

— אויף וועמעס דען, מאַדאַם?

— הער בוקאַצקיס, ווייל יוזשאָ אָסנאָווסקי האָט מיר גע־זאָגט, אַז הער שווירסקי האָט געבראַכט צו פירן זיין קע־פער.

— כ'האָב אים נישט געקענט, קיינמאָל אין לעבן נישט געזען.

— איז בעסער פאַרן פעדימל, זי וואָלט ליבערש! וועלן, איר זאָלט אים נישט האָבן געקענט! גאָט קען אים מיט זיין חסד מוחל זיין, הגם ער איז מיר נישט געווען סימפּאַטיש, און פעדימל האָט אים נישט געקענט ליידן. און די קליינע וועט זיין צופרידן פאַר דעם פינגערל, און אַז זי איז צופרידן, בין איך צופרידן.

און די קליינע איז נישט בלויז נישט געווען צופרידן פון דעם פינגערל, נאָר פון לעבן בכלל. די ראָל פון אַ כלה האָט וואָס אַמאָל געהאַט פאַר איר אַ גרעסערן חן. אָנגעקומען זיבען

שיינע, זייער ליכטיקע נעכט, בשעת ווען זי פלעגט מיט זאַ-
ווילאַחסקין זיצן אויפן באַלקאָן און צוטוליענדיק זיך איינס צום
אַנדערן, האָבן זיי געקוקט אויף דעם ציטער פונם שימער אויף
די בלעטער, אָדער פאַרזונקען דעם בליק אינם זילבערנעם שטויב
פון מילך-וועג, געחימלט פון די שטערן. פון די אַקאַציע אונטערן
באַלקאָן איז זיך צעגאַנגען אינדערהייך אַ שטאַרקער און פאַר-
שיכורנדיקער ריח, ווי פון אַ גרויסער פאַן קטורת. און געדאַכט
האָט זיך, אַז זיי ווערן די חושים איינגעשלעפערט, די נשמה ווי-
דער פאַרוויגט פון דער שטילקייט, זיי אַליין ווידער פאַרוואַנדלט
אין ריינעם שיין, האָבן זיי זיך צעשטויבט עפּעס אין די נאַכטי-
שע טיפענישן, זיך צונויפגעגאָסן איניינעם מיטן מילדן ליכט פון
דער לבנה — און זיצנדיק אַזוי צוזאַמען אַ האַנט אין אַ האַנט,
האַלב פאַרגעסן זיך, האַלב אין חלום, האָבן זיי פאַרלוירן כמעט
דאָס געפיל פונם באַזונדערן זיין אין לעבן, בלייבנדיק בלויז
באַ האַלב באַוווסטזיין פון עפּעס אַ גרויס גליק אין אַלגעמיי-
נעם „sursum corda“.

זאַווילאַחסקי, ווען ער האָט זיך שפּעטער אויפגעכאַפּט און
זיך אומגעקערט צום ווירקלעכן לעבן, האָט פאַרשטאַנען, אַז
אַזעלכע מינוטן, אין וועלכע דאָס האַרץ ווערט צעגאַנגען אין
דעם פאַנטעיזם פון ליבע און קלאַפּט מיט דעמזעלבן דופק, מיט
וועלכן עס ציטערט אַלץ, וואָס עס ליבט, פאַרייניקט זיך אַז
אָרדנט איין די אַלוועלט, איז דאָס העכסטע גליק, וואָס ליבע קען
געבן און אַזאַ אומגעהייערס, אַז ווען עס זאָל לענגער דויערן,
וואָלט עס געמוזט אַ תל מאַכן פון יחיד, אָבער האָבנדיק אַ נשמה
פון אַן אידעאַליסט, האָט ער געהאַלטן, אַז ווען עס קומט דער
טויט און רייניקט אָפּ פון חומר די מענטשלעכע מאָנאַדע, דאַ-
מאָלס ווערן די רגעס כגילגל אין אייביקייט — און ער האָט בזה
האופן זיך געמאָלט דעם גן-עדן, אין וועלכן קיין זאַך איז נישט
פאַרשווונגען, נאָר אַלץ איז צונויפגעפלאָכטן און איינגעסדרט מיט
דער אַלגעמיינער האַרמאָניע.

פריילין לינעטאַ האָט לעולם נישט געקענט אַזוי הויך אים
נאָכפליען, זי האָט אָבער געפילט עפּעס אַ קאָפּ-שווינדל, עפּעס אַ

מין פאַרשיכּורן זיך פון דעם אימפּעט און זיך געפילט אויך גליק־לעך. אַ פּ־וי, וואָס איז אפילו נישט מסוגל ליב צו האָבן אַ מענטש, האָט ליב די ליבע, לכּל־הכּחות זיך אַליין אין איר ראָל באַ דעם פון דריבער טרעט זי על־פּי־רוב מיט שׂמחה איבער דער שוועל פון ווערן אַ כּלה, פילנדיק גלייכצייטיק אַ דאַנקבאַר־קייט צו דעם מאַנסביל, וואָס עפנט פאַר איר אויף נייע האָרי־זאָנטן פון לעבן. אַ חוץ דעם האָט מען פריילין ליגעטאַן אַזוי שטאַרק איינגערעדט די ליבע, אַז זי האָט סוף־כּל־סוף אַליין אָנ־געהויבן אין איר גלייבן.

און איינמאָל, ווען זאַווילאָווסקי האָט זי אַ פרעג געטון, צי זי איז זיכער מיט זיך און מיט איר ד־רך, האָט זי אים דער־לאַנגט ביידע הענט, ווי מיט השתּפכות־הנפש, און געענט־פערט:

— אָ, יאָ; איצט ווייס איך שוין, אַז כ'האָב ליב.

ער האָט צוגעדריקט אירע דינע פינגער צו ד־ ליפּן, צום שטערן, צו די אויגן, ווי עפּעס אַ הייליקייט, ער האָט זיך אָבער באַאומרויקט פון אירע ווערטער און געפרעגט:

— פאַרוואָס ערשט איצט, פעדימל? איז דען געווען אַ רגע, וואָס דו האָסט געטראַכט, אַז וועסט מיך נישט קענען ליב קריגן?

פריילין קאַסטעלי האָט אויפגעהויבן אירע שוואַרצע אויגן און זיך אַ ביסל פאַרטראַכט; אין אַ ווײַלע אַרום האָט אין די גריי לעך פון דעם פּנים אָנגעהויבן זיך צונויפזאַמלען אַ שמייכל:

— ניין, — האָט זי אַ זאָג געטון — אָבער איך בין אַ רויסער פּחדן, האָב איך מורא געהאַט. איך פאַרשטיי, אַז ליב האָבן אייך איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי ליב האָבן אַ ליאַדע וועמען.

און זי האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן לאַכן:

— אָך! מיט הער קאַזאַווסקי וואָלט געווען Simple com-me bonjour! אָבער מיט אייך!... אפשר קען איך זיך נישט אַזוי גוט אויסדריקן, אָבער טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז פּונקט אַזוי, ווי צו דריפּצוגיין אויף אַ באַרג, אָדער אויף־

פעס אַ טורעם ווען מען שטעלט זיך איינמאָל אויפן שפּיץ, זעט מען די גאַנצע וועלט, פריער אָבער דאַרף מען גיין און גיין, און זיך באַמיִען, און איך בין דאָך — אַזאַ פוילערקע!...

זאַווילאָווסקי, ווי לאַנג און ביינערדיק ער איז געווען, האָט זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— אַז מיין פוילערקע טייערע וועט זיך פאַרמאַטערן, וועל איך זי נעמען, ווי אַ קינד פאַר די הענט, און זי אַוועקטראָגן אפילו אויפן סאַמע שפּיץ.

— און איך וועל זיך צוטוליען, כ'זאָל וואָס ווייניקער משא זיין — האָט קאָסטעלקאַ געענטפערט צונויפדריקנדיק די אָרעמס און אַריינגייענדיק אין דער ראָל פון אַ קליין קינד.

זאַווילאָווסקי ווידער האָט אַנידערגעקניט פאַר איר און אָנגעהויבן איר קושן די זוימען פון קלייד.

אויף דעם הימל פלעגן זיך אָבער אויך מאַכן וואָלקנדלעך, באַר זיי זענען אין דעם נישט שולדיק געווען. דעם יונגנמאַן פלעגט זיך צייטנווייז דאַכטן, אַז זיין געפיל האָט צופיל השגחה איבער זיך, אַז הן פרוי בראָניטש, הן פרוי אָסנאָווסקאַ קאָנטראָלירן צו שטאַרק, צי ער האָט ליב, באַטראַכטן צופיל, ווי אַזוי ער האָט ליב. ער האָט זיך דאָס אויסגעטייטשט מיט בייגעריקייט פון פרויען און בכלל מיטן אינטערעס, וואָס ליבע וועקט באַ פרויען, ער וואָלט אָבער וועלן ליבערשט האָבן מער פרייהייט און וואָלט גערנער וועלן מען זאָל אים נישט ליב האָבן. ער האָט די געפילן זיינע געהאַלטן פאַר קדושה. און אים איז אומאָנגענעם געווען צו מאַכן פון דעם אַן אויסשטעלונג פאַר נישט געבעטענע אויגן, דערווייל אָבער האָט מען אים נאָכגעקוקט יעדער באַוועגונג און יעדער וואָרט. ער האָט זיך משער געווען, אַז שפּעטער קומען מכתמא פאַר פרויען-זיצונגען, אויף וועלכע פרוי בראָניטש מיט פרוי אָסנאָווסקאַ גיבן אַרויס זייער „הסכמה". און דער געדאַנק האָט אים פאַרדראָסן, מחמת ער האָט געהאַלטן, פאַ זיי ביידע זענען אפילו נישט מסוגל צו פאַרשטיין זיינע געפילן.

אים האָט אויך פאַרדראָסן. וואָס קאַפּאַווסקי איז פאַרבעטן געוואָרן קיין פּושיטולאַט און האָט זיך געקליבן אַהינצופאָרן צוזאַמען מיט אַלע, אָבער אין דעם פאַל איז אים געגאַנגען בלויז אין אָסנאָווסקין, וועלכן ער האָט אמתדיק ליב באַקומען. אַלס תירוץ פאַרן פאַרבעטן איז געווען דער פאַרענדיקטער דורך ליבעטאַן פאָרטרעט פון קאַפּאַווסקין. זאַווילאָווסקי האָט איצט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז געשען לויט פּרוי אָסנאָווסקאַס אָנרעדן, וועלכע האָט גאַנץ גוט געקענט לייטן אונטערריקן אירע פאַרלאַנגען, אַלס זייערע אייגענע. מינוטנווייז פלעגט אים קומען אפילו אין קאָפּ אַריין פריילין ליבעטאַן צו בעטן, זי זאָל אויפהערן דעם פאָרטרעט צו מאַכן, ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער וועט איר מיט דעם פאַרלאַנג אַלס קינסטלערין אָנטון עגמת-נפש, אַ חוץ דעם, האָט ער מורא געהאַט מען זאָל אים נישט חושד זיין אין אייפערזוכט צו אַזאַ מין גאָרנישט, ווי „קאַפּאַשיא".

ט

שווירסקי איז טאַקע געקומען צו פאָרן פון איטאַליע מיט
בוקאַצקיס קערפּער און תיכּף צומאָרגנס אַוועק צו די פּאָלאַניעצ-
קיס. ער האָט אָבער געטראָפן בלויז מאַריניאַן, ווייל דער מאַן
איז געהאַט אַרויסגעפאָרן אויסער דער שטאָט באַקוקן עפּעס אַ
קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געהאַלטן באַם פאַרקויפן. מאַריניאַן
האָט ער געפונען אַזוי פאַרענדערט, אַז ער האָט זי קוים דער-
קענט, און מחמת ער האָט זי אין רוים שטאַרק ליב באַקומען,
איז ער דעריבער נאָכמער גערירט געוואָרן מיט איר אויסזען;
אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אים אגב אויסגעזען אַזוי רירנדיק
און אַזוי שיין אינם אָרעאָל פון דער קומענדיקער מוטערשאַפט;
אַ חוץ דעם האָט זי אים אונטערגערוקט אַזוי פיל קינסטלערישע
פאַרגלײַכונגען מיט פאַרשידענע „פּרימיטיוון" פון כּלערליי אי-
טאַליענישע שולן, אַז ער האָט ווי זיין שטייגער איז, אָנגעהויבן
הויך אַרויסצוזאָגן זיין אַנטציקונג. זי האָט געלאַכט פון זיין אָרי-
גינאַליטעט, דאָך האָט ער איר אין דער צרה צוגעגעבן מוט, און
זי איז צופרידן געווען, וואָס ער איז געקומען — קודם-כּל דער-
פאַר, ווייל זי האָט געפילט אַן אמתע סימפּאַטיע צו זיין פּעס-

טער און געזונטער נאַטור, שנית, ווייל זי איז ז׳כער געווען, אַז ער וועט זיך מיט איר אָנטציקן אויך. אין „סטאַכס" קעגנוואַרט און מיט דעם אַליין זיך דערהייבן בײַ אים אין די אויגן.

זי האָט אים גאַנץ לאַנג פֿאַרהאַלטן, וועלנדיק, ער זאָל זיך דערוואַרטן אויף פּאָלאַניעצקיס קומען. ער איז אָבער צוריק געקומען ערשט שפּעט אין אָוונט, דערווייל איז אָנגעקומען זאַווילאָווסקי, וועלכער האָט איצט, באַדאַרפֿנדיק האָבן עמעצן, פֿאַר וועמען אויסצוברענגען זיין איבערפֿלוס פֿון גליק, באַטראַכט גאַנץ אָפֿט די פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ. אַ ווײַלע האָט ער מיט שווירסקין געקוקט אויף זיך מיט אַ געוויסער פֿאַראַכטונג, ווי עס טרעפֿט זיך אָפֿטמאָל מיט וויכטיקע מענטשן, וועלכע האָבן קעגנזייטיק מורא פֿאַר איבערגעטריבענע פּרעטענזיעס, און קומען זיך לײַכטער צו־גויף, ווען זיי באַמערקן, אַז זיי זענען ביידע פּשוט, אַזוי איז אויך געשען מיט זיי. דאָס איז זאָל זיך איינברעכן האָט אויך צוגעהאָלפֿן מאַריניאַ, וועלכע האָט פֿאַרגעשטעלט זאַווילאָווסקין אַלס חתן פֿון שווירסקיס באַקאַנטער פֿרײַלין קאַסטעלי.

— ווי הייסט! — האָט אויסגערופֿן שווירסקי — כ׳קען זי אויסגעצייכנט גוט. מײַנס אַ תּלמידה!

און ער האָט אָנגעהויבן דריקן זאַווילאָווסקין די הענט און נאָכדעם אַ זאָג געטון:

— אײַער כּלה האָט טוציאַנישע האָר... זי איז אַ ביסל אַ צו הויכע, אָבער איר זענט אויך אַ הויכער. אַזאַ קאָפּ־אויפֿזאַץ איז צו זוכן מיט ליכט! איר האָט אוודאי באַמערקט, אַז זי האָט אין אירע באַוועגונגען עפּעס שוואַניקס. איך האָב זי אפֿילו אָנגערופֿן שוואַן.

— „לאַ פּערלאַ" — איר געדענקט?

שווירסקי האָט אויף אים אַ קוק געטון אַ ביסל פֿאַרחי־דושט:

— אַזאַ בילד איז פֿאַרהאַן ראַפֿאַעלס אין מאַדריט — האָט ער געענטפֿערט — אין מוזעאָ דעל פּראַדאָ. פֿון וואַנען איז אײַך געקומען אין קאָפּ אַרײַן „לאַ פּערלאַ".

— דאַכט זיך, אַז כ׳האָב עפּעס געהערט וועגן איר פֿון

די דאַמען — האָט זאַווילאָווסקי געענטפערט אַביסל אַ מטושטישער.

— יאָ, עס קען זיין, ווייל איך האָב באַ זיך אין אַטעליע, אויף חיאַ מאַרגוטאַ, אַן אייגענע קאַפּיע.

זאַווילאָווסקי האָט באַ זיך אין האַרצן געזאָגט צו זיך, אַז מען דאַרף פונדעסטוועגן זיין פאָרזיכטיקער מיטן איבערחזרן פרויבראָניטשעס ווערטער, און זיך איינגעכן אָנגעהויבן קליייבן אין גאַס אַריין, מחמת ער איז אויפן אָוונט אַוועק צו דער כלה. שווירסקי איז אַוועק תיכף נאָך אים, איבערלאָזנדיק מאַרינאַן דעם אַדרעס פון זיין וואַרשעווער אַטעליע, און בעטנדיק, אַז פאַלאַניעצקי זאָל זיך זען מיט אים ווי צומגיכסטן וועגן דער לוויה.

פאַלאַניעצקי איז אַוועק תיכף צו אים צומאָרגנס אינדערפרי. שווירסקיס אַטעליע איז געווען אַ מין גלעזערנע האַלע, וואָס איז ווי אַ שוואַלבנעסט געווען צוגעטשעפּעט צום דאַך פון אַ הויז פון עטלעכע שטאָק, און מען האָט באַדאַרפט אַהיגייין דורך באַזונדערס געדרייטע טרעפּ, ווי אויף אַ טורם אַרויף. דער קינסטלער האָט געהאַט דאָרט פולקומע פרייהייט און האָט משמעות די טיר נישט פאַרמאַכט, מחמת פאַלאַניעצקי האָט גייענדיק אַרויף דערהערט אַ טעמפּן קלאַנג פון אייזן און אַ באַסיקע שטים, וואָס האָט געזונגען:

„דער פרילינג וואַרעמט די וועלט און בערג,
„עס בליען דערנער און מאָך ‹ ויף דער ערד,
„איך אַליין נאָר זינג, אָנשטאָט צו חיינען טריב
„וואָס כ'האָב דיך אויך שוין מער נישט ליב
הו־האָ־הו!!...

גוט האָט אַ טראַכט געטון פאַלאַניעצקי, אָפּשטעלנדיק זיך, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם — אַז ער האָט אַ באַס, האָט ער! אָבער וואָס קריצט ער אַזוי?

דורכגייענדיק אָבער עטלעכע טרעפּ, און שפּעטער דאָס קליינע קאָרידאָרל, האָט ער פאַרשטאַנען די סיבה, באַמערקנדיק

דורך דער אָפענער טיר שווירסקין, אָנגעטאָן בלויז ביזן גאַרטל אין אַ שאַטקע־העמדל, דורך וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן פון זײַן ריזן־טענוס — מיט גימנאַסטישע מכשירים אין די הענט.

— אַ! וואָס מאַכט איר! — האָט אָנגעהויבן שרײַען שוויר־סקי, אויפֿקלײַבנדיק די מכשירים באַם דערזען דעם גאַסט — אַנטשולדיקט, וואָס כ׳בין נישט אָנגעטאָן, אָבער דאָס איז שטותים, כ׳האָב געמאַכט אַ ביסל גימנאַסטיק. כ׳בין געכטן תיכּף באַ אײַך געווען, כ׳האָב אָבער געטראָפֿן נאָר די פֿרוי. נו, וואָס, מײַן הער! כ׳האָב געבראַכט אונדזער אָרימען בוקאַציושן! און די דירה זײַנע איז שוין גרייט?

פּאָלאַניעצקי, דריקנדיק דעם מאָלערס האַנט, האָט גע־ענטפֿערט:

— דאָס קבֿר איז שוין פֿאַרטיק פֿון צוויי וואָכן אָן — און עס שטייט שוין אַ צלם. מיר באַגריסן אײַך דאָ האַרציק אין וואַרשע! דאָס ווײַב האָט מיר געזאָגט, אַז דער קערפּער איז שוין אויפֿן פּאַוואָנזעק.

— דערווײַל אין דעם קאַסטשאָל־קריפּטע, מאָרגן וועלן מיר אים מקבר זײַן.

— גוט. איך וועל נאָך הײַנט באַשטעלן גלחים און מודיע זײַן די קרובֿים. וואָס מאַכט דאָרט פּראָפֿעסאָר וואַ־קאַווסקי?

— ער האָט געוואָלט צו אײַך שרײַבן. די היצן האָבן אים פֿאַרטריבן פֿון רוים, און ווייסט איר, וווהין ער איז געפֿאָרן? צווישן די ייִנגסטע אַריער. ער האָט געזאָגט, אַז זײַן נסיעה וועט דויערן לכל־הפּחות צוויי חדשים. ער וויל זיך איבערצייגן, אויף וויפֿיל זיי זענען פֿעיִק צום היסטאָרישן שליחות. ער איז געפֿאָרן קיין אַנקאַנאַ און פּיומע, נאָכדעם ווײַטער און ווײַטער!...

— אָרימער פּראָפֿעסאָר געבעך! איך מיין, עס וועט אים טרעפֿן אַ נײַע אַנטוישונג.

— ס׳קען זײַן מענטשן מאַכן פֿון אים חוזק. איך, פֿאַר־שטייט איר מיך, ווייס נישט, אויף וויפֿיל די ייִנגסטע אַריער

זענען פעיק אויסצופירן די אידעע — אָבער די אידעע גופא
איז באמנות, אַזאַ אומגעהייערלעכע און קריסטאַלעכע, אַן אמתע,
אַז מען דאַרף זיין אַ מין האַסקאַוסקי, מען זאָל קומען צו אַזעל־
כער. איר וועט דערלויבן זיך אַנטון, היצן זענען דאָ באַ אייך
כמעט ווי אין איטאַליע, און מאַכן גימנאַסטיק איז בעסער אין
בלויזן קאַפּטנדל.

— דאָס בעסטע איז אָבער אין אַזאַ היץ נישט צו מאַכן אין
גאַנצן קיין גימנאַסטיק.

דאָ האָט פּאַלאַניעצקי אַ קוק געטון אויף שווירסקיס אָרעמס
און געזאָגט:

— נו, איר וואָלט זיך געקענט לאָזן אָנקוקן פאַר
געלט.

— וואָס? — האָט געענטפערט שווירסקי — נישט קיין
שלעכטע מוסקולן. גיט נאָר אַ קוק אויף די דיקן! דאָס איז מיין
גאווה. בוקאַציוש פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז יעדער קען מיר זאָגן,
אַז איך מאָל, ווי אַן אידיאָט, קיינער קען אָבער נישט האַלטן
אַז איך וועל נישט אויפהייבן קיין הונדערט קילאָ מיט איין האַנט,
אָדער, אַז כ׳וועל נישט מאַכן קיין צען פונקטן אין צען
שאָס.

— און אַזאַ מענטש וועט נישט איבערגעבן זיינע מוסקולן
און די דיקן זיינע קומענדיקע דורות!

— האַ! וואָס זאָל מען טון! כ׳האָב מורא, מיין הער, פאַר
אַן אומדאַנקבאַר הארץ; אויף מיין באמנות, כ׳האָב אַזוי מורא!
געפינט מיר נאָך אַזאַ איינע, ווי פרוי פּאַלאַניעצקאַ, וועל איך
קיין טאָג זיך נישט פאַרטראַכטן אפילו, אָבער... וואָס זאָל איך
אייך ווינטשן? אַ זון צי אַ טאָכטער?

— אַ טאָכטער, אַ טאָכטער!... שפּעטער מעגן זיין זין,
אָבער די ערשטע זאָל זיין אַ טאָכטער.

— און ווען ריכט איר אייך?

— אַרום דעצעמבער, אוודאי.

— זאָל גאָט געבן מיט מזל און הצלחה! די פרוי איז אגב

אַ געזונטע פרוי, איז נישטאָ, פאַרוואָס אייגנטלעך מורא צו האָבן.

— זי האָט זיך שטאַרק געענדערט, אמת?

— זי איז אַנדערש, ווי זי איז געווען. די שענסטע וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן אַזוי אויסצוזען. וואָס פאַר אַן אויסדרוק! אַ ריינער באַטיצעלי! אויף מיין וואָרט! איר געדענקט זיין בילד אין דער ווילע באָרזשעס? מאַדאָנע קאָל באַמבינאָ ע אַנזשעלי? דאָרט איז פאַרהאַן אַ קאָפּ פון אַ מלאך, אַ ביסל אַן איינגעבויגע־נער, אָנגעטון אין ליליען... די פרוי אויסן אויג! אינגאַנצן דער אויסדרוק! געכטן האָט זיך עס מיר תיכּף אַ וואָרף געטון אין די אויגן — און כ׳בין אַזש גערירט געוואָרן.

דאָס זאָגנדיק איז ער אַוועק הינטערן פאַראַוואַן און פון דאָרט אָפּער ווייטער גערעדט:

— איר פרעגט פאַרוואָס איך האָב נישט חתונה! ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל טיילמאָל קומט מיר אויפן רעיון דאָס, וואָס בו־קאַציוש פלעגט אויך חזרן, אַז איך האָב אַ שאַרפע צונג, זון אַ צעקראָכן האַרץ — אַזאַ נאַדישס, אַז ווען כ׳וואָלט האָבן אַזאַ ווייב, ווי אייערס, און ווען זי זאָל זיין אין אַזאַ צושטאַנד, וואָלט איך, באמנות, נישט געוווסט, וואָס איך האָב צו טון. צי כ׳וואָלט געבאַנגען פאַר איר אויף די קני, צי געפאַלן אויפן פּנים, צי אַוועקגעשטעלט ערגעץ אין אַ ווינקל אויף אַ טיש און פאַרגע־טערט זי מיט אויפגעהויבענע הענט אינדערהייך — באמנות, איך ווייס נישט!

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— ע! — האָט ער געענטפערט — דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי ביז צו דער חתונה, און באַכדעם וויגט איין דעם איבערפלוס פון געפילן דאָס צוגעוויינען זיך.

— כ׳ווייס נישט. אפשר בין איך אַזאַ טיפּש.

— ווייסט איר וואָס? אַז מיין מאַריניאַ וועט האָבן איבער־געקומען, דאַרף מען, זי זאָל פאַר אייך געפינען, אַזאַ ווייב, ווי זי אַליין איז.

— מסכּים! — האָט אַ הילך געטון שוואַסקי פון הינטערן

פאַרוואָן אפער — אַ וואָרט! כ'ציב זיך איבער אין די הענט פֿון דער פֿרוי, און אַז זי וועט זאָגן: „האָב חתונה!" — האָב איך חתונה מיט פאַרמאַכטע אויגן.

און אַרויס־קומענדיק נאָך אָן דעם סורדוס, האָט ער אָנגע־הויבן חזרן:

— מסכים! מסכים!... אָן לצנות! זאָל נאָר די פֿרוי וועלן.

— פֿרויען האָבן עס תמיד ליב! — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — איר זאָלט למשל וויסן, וואָס אַזאַ אָסנאָווסקאַ האָט איבערגעאַרבעט, אַז אונדזער זאַווילאָווסקי זאָל חתונה האָב מיט קאַסטעלין! און מאַריניאַ האָט אַ ר אויף אַזוי פֿיל געהאָלפֿן — וויפֿיל כ'האָב דערלויבט. זי האָט צוגעלייגט אַ הענטל. פֿאַר פֿרויען איז דאָס דאָך אַ לעבן!

— כ'האָב זיך נעכטן בײַ אײַך באַקענט מיט דעם זאַווילאָווסקין. זייער אַ ווױלער בחור. און ממש אַ גאונישער מוח. גענוג אין אויף אים אַ קוק צו טאָן. וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿיל, מיט אַזאַ פֿרויען־שטערן און הויכגעדריקער גאָמבע. ער האָט צו לאַנגע פֿיס און די קני מוזן זײַן צו דיקע, אָבער אַ קאָפּ האָט ער אַ פּראַכט־פֿולן!

— דאָס איז אונדזער בן־זקונים אין ביוראָ, מיר האָבן אים באמת געוואַלטיק ליב, אַ חוץ דעם איז עס אַ גוטע נאַטור.

— אַהאַ! איז עס אײַערס אַ באַאַמטער? און איך האָב גע־מיינט, אַז דאָס איז פֿון די רײַכע זאַווילאָווסקיס, ווײַל אין אויס־לאַנד פֿלעג איך באַגעגענען גאַנץ אָפֿט עפּעס אַן אַלטן אָריגי־נאַל, אַ גביר.

— זײַנס אַ קרוב — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — דער אָבער, אונדזערער, האָט נישט קיין צעבראָכענעם שיליג־בער.

און שווירסקי האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— אַהאַ! דער אַלטער זאַווילאָווסקי מיט דער טאָכטער די מיליאָנערישע בת־יחידה! אַ פֿײַנער פּאַרשוין! אַרום דעם פֿרײַלין דאָרט אין פֿלאָרענץ און אין רוים האָבן זיך געדרייט

א האַלב טוץ איטאַליענישע פירשטן־יורדים, און דער אַלטער פלעגט זאָגן, אַז ער וועט די טאָכטער מיט קיין פרעמדן נישט חתונה מאַכן — ווייל דאָס איז, מיין הער, אַ געמיינערע ראַסע. מאַל זיך, אַז ער האַלט אונדז פאַר דער ערשטער ראַסע אין דער וועלט, און צווישן אונדז די זאַווילאָווסקיס אוודאי — און אַמאָל האָט ער אַזוי געטענהט: „זאָל מען זיך דאָרט — (זאָגט ער) — רעדן וואָס מען וויל! איך בין זיך געווויג שוין אָנגעפאָרן אויף דער וועלט און וויפיל דייטשן, איטאַליענער, פראַנצויזן מיר האָבן שוין געפוצט די שטיוול און איך — (זאָגט ער) — האָב קיינעם קיין שטיוול נישט געפוצט, און וועל נישט פוצן!"

— פיין! — האָט לאַכנדיק געענטפערט פּאָלאַניעצקי — דאָס פוצן די שטיוול האַלט ער פאַר אַ פּראָבלעם נישט פון איין אָרט אין דער וועלט, נאָר פאַר אַ נאַציאָנאַליסטן־פראַגע.

— יאָ, און אים דאַכט זיך, אַז דער רבונו־של־עולם האָט רק צוליב דעם באַשאַפן אַנדערע „נאַציאָנען", כדי ס׳זאָל זיין, ווער עס זאָל דעם שליאַכטשיץ פון היגעטער קוטנע פוצן די שטיוול, בשעת עס הער זיך אים גלוסטן צו פאָרן קיין אויסלאַנד. נו, ער דרייט נישט מיט דער נאָז אויף דעם שידוך פון יונגנמאַן, ווייל כ׳ווייס, אַז ער פלעגט די בראַניטשעס האַלטן פאַר פלי־פייגעלעך.

— ס׳קען זיין, אַז ער דרייט, ער האָט זיך אָבער ערשט נישט לאַנג באַקאַנט מיט זאַווילאָווסקין, פריער פלעגן זיי זיך נישט זען, ווייל אונדזערער איז אַ האַרטער קערל און האָט דער ערשטער נישט געוואָלט באַזוכן דעם אַלטן.

— האָב איך אים ליב. ער זאָל נאָר האָבן גוט געטראָפן, ווייל דאָס...

— וואָס? איר קענט פריילין קאַסטעלי? וואָס איז זי דאָס פאַר אַ מיידל?

— איך קען פריילין קאַסטעלי, אָבער, פאַרשטייט איר מיך, איך קען זיך נישט אויף קיין מיידלעך. הם! איך זאָל זיך קע-

בּען אויף זיי, האָלט איך ביז פערציק יאָר נישט געווען קיין בּחור... זיי זענען אַלע ווויל, און אַלע געפעלן מיר; אָבער נאָכ־דעם, ווי איך האָב זיי, וואָס זענען מיר געפעלן, גזוען אַלס חייבֿ־לעך, גלייב איך שוין אַציגד קיין איינע נישט פון זיי. און דאָס פאַרדריסט מיך — ווייל, ווען איך זאָל נישט האָבן קיין חשק חתונה צו האָבן — מילא! וואָלט איך געזאָגט: „עט, שטותים! — כ'האָב דאָך אָבער יאָ! וואָס־זשע קען איך זאָגן? איך ווייס, אַז יעדע איינע האָט אַ קאָרסעט, אָבער וואָס פאַר אַ האַרץ זי האָט אין דעם — ווייסט זי דער רוח! איך האָב זיך — אויך געליבט אין פריילין קאָסטעלי, ווייל איך האָב זיך בכלל געליבט אין אַלע, וואָס כ'האָב באַגעגנט. אין דער אפשר נאָכמער, ווי אין אַנדערע.

— וואָס־זשע? און אייך איז גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַריין חתונה צו האָבן?

— ס'איז נישט געקומען, צו אַלדי רוחות! כ'האָב אָבער דאַמאָלס נישט געהאַט דאָס פאַרמעגן, וואָס איצט און נישט דעם רום — איך האָב ערשט געהאַלטן אין אויפקומען, און גלייבט מיר, אַז פאַר מענטשן, וואָס האַלטן באַם אויפקומען האָט קיינער אַזוי קיין מורא נישט, ווי דווקא אויפגעקומענע לייט. כ'האָב מורא געהאַט, אַז דער הער בראָניטש אָדער פרוי בעאָניטש וועלן זיך אַ קרום טון, און היות —כ'בין מיט דעם מיידל נישט געווען זיכער, האָב איך צי רו געלאָזט.

— זאַווילאָווסקי האָט דאָך אויך קיין געלט נישט.

— ס'ליגט אָבער מיט אים און צו דעם נאָך דער אַלטער זאַווילאָווסקי — און דאָס איז אַ משפחה גאָרנישט אויף קיין קאַטאָוועס. ווער האָט עס נישט געהערט וועגן אַלטן? איבעריקנס, וואָס שייך צו מיר, איז דעם אמת גערעדט, האָבן מיר די בראָניטשס אַזוי ווייט נישט געשמעקט, אַז כ'האָב ענדלעך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— האָט איר דעם שוכן־עפר אויך געקענט? חידושט אייך נישט, וואָס איך פרעג זיך אויס, ווייל עס גייט דאָך אין אונדזער זאַווילעקן.

— מיין הער, וועמען אַלץ האָב איך עס נישט געקענט? כ׳האָב געקענט פרוי בראַניטשס שוועסטער, פרוי קאַסטעלי. איך וווין דאָך עפּעס שוין פיראונצוואַנציק יאָר אין איטאַליע — און וועגן פערציק רעדט זיך דאָך סתּם אַזוי לשם אַ קיילעכדיקן ציפער. אינדעראמתן בין איך שוין אַלט אַן ערך פינף און פער־ציק. כ׳האָב געקענט אויך הער קאַסטעלין, וואָס איז אַגב געווען אַ ווויל מענטשל; כ׳האָב געקענט אַלע. וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? פרוי קאַסטעלי איז געווען אַן עקזאַלטירטע פרוי, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס זי האָט געטראָגן קורצע האָר, קיינמאָל זיך נישט געוואַשן און געהאַט נעווראַלגיע אין פּנים. וואָס שייך פרוי בראַניטש, מילא קענט איר דאָך זי.

— און ווער איז עס געווען דער הער בראַניטש.

— „טעאָדאָר?" הער בראַניטש איז געווען אַ געכפּלטער טפּש, ראשית דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ טפּש, שנית, ווייל ער האָט זיך פאַר אַזעלכן נישט געהאַלטן. וואָס שייך די רעשט וועל איך ליבערשט שווייגן, מחמת: „de mortuis nihil nisi bene" — געווען פונקט אַזוי דיק, ווי זי דאַר; געווויגן אַן ערך הונדערט און פופציק קילאָ און געהאַט אויגן פון אַ פיש. בכלל זענען דאָס געווען קודם־כּל בעלי־גאוות, וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברייען! אַז אַ מענטש לעבט לאַנג אויף דער וועלט און זעט אַ סך מענטשן, און רעדט מיט זיי אַ שטייגער, ווי איך באַם מאָלן, איבערציַיגט ער זיך, אַז עס איז פאַראַן אַן אמתע גרויס־וועלט וואָס שטיצט זיך אויף טראַדיציע, אַ חוץ דעם זענען פאַראַן, אַזעלכע כּלבים, וואָס האָבנדיק אַ ביסל קליינגעלט, מאַכן זיי דעם אָנשטעל פון גרויס־וועלט. דער פאַרשטאָרבענער בראַניטש און זיין היינטיקע אלמנה האָבן אַלעמאָל געשמועסט מיט דעם מין, דעריבער איז מיר ליבער געווען זיך צו האַלטן פונדער־ווייטנס. אָט ווען בוקאַצקי זאָל, למשל, לעבן, וואָלט ער שוין דערלאַנגט וועגן זיי אַ ביסל לשון. ער האָט געוווסט, אַז איך האָב זיך געליבט אין קאַסטעלין, און וואָס ער האָט פון מיר געמאַכט, זאָל אים גאָט באַר מוחל זיין, — און ווער ווייסט, צי ער איז

געריכט געווען, מחמת, ווער ס'איז פריילין ליבעטאַ, וועט זיך ערשט אַרויסווייזן.

— מיר איז דער עיקר געגאַנגען — האָט געענט־פערט פּאָלאַניעצקי — זיך צו דערוויסן דווקא עפּעס וועגן איר.

— זיי זענען אַלע וויל, זיי זענען אַלע וויל, נאָר איך האָב פאַר זיי מורא צוזאַמען מיט זייער ווילקייט, סיידן אייער פרוי וועט מיר ערוב זיין פאַר איינע פון זיי.

מיט דעם האָט זיך דער שמועס איבערגעריסן, און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן בוקאַצקין. אַדער ריכטיקער וועגן זיין מאָרגנדיקער קבורה׳ צו וועלכער פּאָלאַניעצקי האָט שוין פריער געמאַכט אַלע הכנות. אויפן וועג צו שווירסקין, האָט ער נאָך באַשטעלט די גלחים. און נאָכדעם צוזיסן געטון די באַקאַנטע וועגן דער מאָרגנדיקער לוויה.

— די קאַסטשאָל־צערעמאָניע פון דער לוויה איז געווען בשעתו אָפּגעריכט אין רוים, דעריבער האָט פּאָלאַניעצקי אַלס רעליגיעזער מענטש איינגעלאַדן בלויז עטלעכע גלחים, כדי זיי זאָלן זייער תפילה פאַרייניקן מיט די תפילות פון די אַנוועזנדיקע. ער האָט עס אויך געטון אויס צוגעבונדנקייט און דאַנקבאַרקייט צו בוקאַצקין, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אַ גרויס חלק פון זיין פאַרמעגן.

אַ חוץ ביידע פּאָלאַניעצקיס, זענען אויך געקומען די מאַש־קאָס, די אָסנאַווסקיס, די ביגעלס, שווירסקי, הער פּלאַוויצקי און פרוי עמיליאַ, וואָס האָט אגב אורחא געוואָלט באַזוכן ליטקאַן. דער טאָג איז געווען אַן אמת זומערדיקער, אַ זוניקער און היי־סער. דאָס בית־הקברות האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש, ווי בשעת פּאָלאַניעצקיס פריערדיקע באַזוכן. די וואַקסיקע גרויסע ביימער האָבן געשאַפן אַ מין צוזאַמענגעדריקטע, געדיכטע, פון טונקעלע און העלערע בלעטער צווישנצווייגנס פאַרהאַנג, וואָס האָט מיט אַ סך גרינעם שאָטן פאַרשטעלט די ווייסע און גרויע מצבות. ערשטערהייט האָט דער צמענטאַר אויסגעזען ממש אַ וואַלד, וואָס

איז פול מיט חשכות און קעלט. אויף אַ טייל קברים האָט געצי־טערט אַ ליכטיקע נעץ פון זון־שטראַלן, וואָס זענען דורכגעזיפּט געוואָרן דורך די בלעטער פון אַקאַציע, טאָפּאָלן, בוק, בעז און אַזוי ווייטער; אַנדערע צלמים ווידער, איינגעהילטע אין געדיכטע קוסטעס האָבן זיך אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געדרימלט אין קיל־קייט איבער די קב־ים. צווישן די צווייגן און בלעטער האָט גע־ווימלט מיט פייגל־דרויב, וואָס האָט זיך אָפּגערופן פון אַלע זייטן מיט אַן אומאויפהערלעך טשוויטשעריי, מיט אַ מילדס און עפּעס בכיוון געשטילטס, כדי נישט אויפצוועקן די שלאָפנ־דיקע.

שווירסקי, מאַשקאַ, פּאָלאַניעצקי און אָסנאָווסקי האָבן אויף די אַקסל גענומען די שמאַלע טרומנע מיט בוקאַצקיס טויטן קער־פּער און גענומען זי טראָגן צום אָנגעגרייטן קבר. די גלחים, אין ווייסע מעסע־בגדים, וואָס האָבן געגלאַנצט און זיך געלאָשן אַקעגן דער זון, זענען געגאַנגען פאַר דער טרומנע, הינטער איר שוואַרץ געקליידטע יונגע פרויען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך פּאַ־מעלעך גערוקט דורך די שאָטנדיקע אַלייען, שטיל, רויק, אָן כלי־פּעריי און טרערן, וואָס באַגלייט געוויינטלעך לוויות, באַר מיט ערנסט און טרויער — וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף זייערע פּנימער, ווי דער שאָטן פון די ביימער אוי די קברים. אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס אַ מין פּאַנטאַזיע, פול מיט מרה־שחורה — און בוקאַצקיס איינדריקלעכע נשמה וואָלט מסוגל געווען צו פילן די שיינקייט פון דעם טרויעריקן בילד.

אַזוי זענען זיי צוגעקומען ביזן קבר, וואָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ סאַרקאָפאַג און איז איינגעגאַנגען געווען געבויט אי־בער דער ערד. כחמת בוקאַצקי האָט באַם לעבן געזאָגט שוויר־סקין, אַז ער וויל נישט ליגן אין קעלער. מען האָט די טרומנע לייכט אַריינגערוקט דורך דער אייזערנער טיר אינדערמיט אַריין, נאָכדעם האָבן די אויגן באַ די פרויען זיך אויפגעהויבן אינדער־הייך, די ליפן האָבן אָנגעהויבן שעפּטשען תפילות, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען בוקאַצקין איבערגעלאָזט מיט דער צמענ־

טאַר-איינזאַמקייט, מיט די רוישנדיקע ביימער מיטן טשוויטשעריי פון די פייגל און מיט גאָטס חסד.

פרוי עמיליאַ און די פּאָלאַניעצקאַס זענען נאָכדעם אַוועק צו ליטקאַן; די איבעריקע געזעלשאַפט האָט אויף זיי געוואַרט אין די עקיפּאַזשן פאַרן קאַשטשאָל, ווייל אַזוי האָט פאַרלאַנגט פרוי אָסנאָווסקאַ.

פּאָלאַניעצקי האָט געהאַט די געלעגנהייט בײַ ליטקאַס קבר זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט דאָס אַמאָליקע אַזוי געליבטע קינד-לעב האָט שוין באַוויזן בלוי צו ווערן אין זיין נשמה און זיך צע-חייען ווי אַ שאָטן. אַמאָל, ווען ער פלעגט נאָר באַזוכן דאָס קבר, פלעגט ער זיך בונטעווען קעגן טויט און נישט שלום געשלאָסן מיט אים, מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון פרישן צער. היינט האָט זיך אים ממש אויסגעוויזן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך, דאָס, וואָס זי ליגט אין שאָטן פון די ביימער, אויף דעם צמענטאַר האָט ער כמעט געפילט, אַז אַזוי האָט זיך עס געמוזט ענדיקן; זי האָט אויפגעהערט פאַר אים צו זיין כמעט עפּעס אַ רעאַל וועזן, און איז געוואָרן בלויז אַ זיסע איינוווינערין פון זיין זכרון, אַ זיפץ, אַ שימער, עפּעס אַ מין דערינערונג, וואָס עס לאָזט נאָך זיך מוזיק.

און ס'קען זיין, ער וואָלט געוועזן געהאַט אויף זיך די תרעומות, ווען ער זאָל נישט געווען באַמערקן, אַז פרוי עמיליאַ איז אויפגע-שטאַנען נאָך דער תפילה אירער מיט אַ לויטער געזיכט, און אַן אויסדרוק פון גרויס האַרציקייט, אָבער אויך אָן טרערן. ער האָט אָבער באַמערקט אויך בײַ דעם, אַז זי זעט אויס ווי אַ קראַנק מענטש, אַז זי האָט קוים זיך אויפגעהויבן פון קניען, און אַז גייענדיק, שפּאַרט זי זיך אָן אויף אַ שטעקן. בײַ איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע קרייץ-קראַנקהייט, וואָס האָט זי שפּעטער צוגעשמידט אויף עטלעכע יאָר צום בעט און שפּעטער ערשט אָפּגעלאָזט צום קבר.

פאַרן טויער פון צמענטאַר האָבן אויף זיי געוואַרט די אָס-נאָווסקיס, די דאַמע האָט זיי פאַרבעטן אויף מאָרגן צו זאַווי-לאָווסקיס תנאים, און נאָכדעם „ווער עס ווילי קיין פּוש-טולאָוו.

שווירסקי האָט זיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט פרוי עמיל־יאַ אין די פּאָלאַניעצקיס עקיפּאַזש, אַ צייט צונויפגעטמען שווייגנ־דיק די מחשבות און נאָכדעם אַ זאָג געטון:

— ווי מאָדנע דאָס איז! היינט זענען מיר געווען אויף אַ לוויה, מאָרגן וועלן מיר זיין אויף תנאים; וואָס דער טויט שניידט, פאַרזייעט די ליבע — און דאָס הייסט לעבן!

VI

זאַווילאָווסקי האָט פאַרלאַנגט, אַז די תּנאים זיינע זאָלן פאַרקומען נישט אין אָוונט, פאַר מענטשן, נאָר פריִער, און מען האָט אים נאָכגעגעבן, בפרט נאָך, אַז קאַסטעלקאַ, וואָס האָט פאַר מענטשן זיך געוואָלט שוין באַווייזן אַלס כלה, האָט אים געשטיצט בײַ דער מומע בראָניטש, זי איז אַזוי אַרום געווען פרייער, און ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען, זענען שוין ביידע געווען חתן-כלה. פון פריילין ליגעטאַ האָט געשטראָמט אַ גלאַנץ פון גליק. זי אַליין האָט אויך געפונען שיינקייט אין דער ראָל פון אַ כלה, און די ראָל האָט איר אויך צוגעגעבן חן. אין איר שלאַנקער פיגור איז געווען עפעס געפליגלטס; די וויעס זענען שוין היינט נישט אַראָפּגעפאַלן איר שלעפעריק אויף די אויגן: די אויגן זענען געווען ליכטיק, די ליפן צעשמייכלט, דאָס פנים אין ראָזע פלעקן. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז באַמערקנדיק זי, האָט שווירסקי נישט געקענט זיך אָפּהאַלטן פון עטלעכע שטילע זיפצן פאַר דעם פאַרלוירע-

נעם גן-עדן, און ערשט באַקומען די רויִקייט פון נשמה דאַמאָלס חתן ער האָט זיך דערמאָנט זיין באַליבט לידל:

„איך אַליין נאָר זינג, אַנשטאָט צו וויינען טריב

„וואָס איך האָב דיך אויך שוין מער נישט ליב!

הוי-האָ-הו!

איבעריקנס, האָט אַלעמען היינט אַ נעם געטון איר שיינקייט. דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי, וואָס האָט זי געהייסן טראָגן אויף זיין פּאָטערשטול אין זאַל אַריין, האָט פאַרהאַלטן אירע הענט און אַ צייט געקוקט אויף איר, נאָכדעם אַ קוק טועבדיק נאָך דער טאָכטער, געזאָגט:

— יאָ! אַז אַזאַ „ווענעציאַנער האַלבער רוח" קען פאַרדרייען אַ קאָפּ, קען ער, בפרט נאָך אַ דיכטער, ווייל, פאַרשטייט איר מיך, מען זאָגט, אַז בא זיי אין די קאָפּ איז: פיו! פיו!

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צום חתן און אַ זאָג געטון.

— נו? ווייסט מיר היינט נישט אַראָפּדרייען דעם קאָפּ, וואָס איך האָב געזאָגט אויף איר: „ווענעציאַנער האַלבער רוח?"

זאַווילאָווסקי ווידער האָט זיך צעלאַכט און אייננייגנדיק דעם קאָפּ, אַ קוש געטון דעם אַלטן אין אַקסל:

— ניין; היינט וואָלט איך קיינעם נישט בכוח געווען דעם קאָפּ אַראָפּצודרייען.

— נו! — האָט דער אַלטער געענטפערט, משמעות אַ דערפרייטער פונעם סימן פון אַכטונג. — זאָל איך גאָט אין די הייליקע מאַדאָנע בענטשן, איך זאָג: און די הייליקע מאַדאָנע מחמת איר השגחה איז דער עיקר!...

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעהויבן זוכן הינטער זיך אין פּאָטערשטול און, אַרויסנעמענדיק אַ גרויס יובילעריש פּודעלע, אַ זאָג געטון צו ליגעטאַן:

— און דאָס איז פֿון די משפּחה זאַווילאָווסקי: זאָל דיר גאָט געבן לאַנג עס צוטראָגן.

קאַסטעלקאַ האָט, צונעמענדיק דאָס פּודעלע, איבערגעביגן איר שײנע פֿיגור, כּדי אים אַ קוש צו טאָן אין אַקסל. ער האָט אָבער אַרומגענומען זי בײַם האַלדז און אַ זאָג געטאָן צום חתן:

— קום־זשע דו אויך אַהער!

און ער האָט בײדע אַ קוש געטאָן אין שטערן, מיט נאָכמער געריכטקײט, װי ער האָט געװאָלט אַרױסװײַזן און בײַ דעם געזאָגט:

— האָט אײך ליב און אַכט אײך, װי אָנשטענדיקע מענטשן.

פֿרײַלין לינעטאַ האָט נאָכדעם געעפֿנט דאָס פּודעלע, אין װעלכן אויף אַ סאַפֿירן סאַמעטן קישעלע האָט זיך צעשײַנט אַ פּראַכטפֿולע ריװיערע. דער אַלטער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מיט אַ צענט: „פֿון דער משפּחה זאַווילאָווסקי" — װעלנדיק משמעות װײַזן, אַז אַ מײדל, װאָס האָט חתונה מיט אַ זאַװילאָװסקי, װעלכער האָט אַפֿילו נישט קײן געלט, מאַכט נישט קײן שלעכט עסק. קײנער האָט אים אָבער נישט געהערט, מחמת די קעפּ פֿון די יונגע דאַמען: פֿרײַלין לינעטאַ, פֿרוי אָסנאָװסקאַ, פֿרוי מאַשקאָ, פֿרוי ביגעל און אַפֿילו מאַרינײַאַ, האָבן זיך אַריבערגעבויגן אין אַ געשלאָסענעם קראַנץ איבער די פֿינקלדיקע שטײנער און זײ האָבן אַ צײַט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם ביז דער שאַרך פֿון התפּעלות און שבחים האָט איבערגעריסן זײער שװײַגן.

— עס גײט נישט אין די בריליאַנטן — האָט אויסגעשריגן פֿרוי בראָניטש, װאַרפֿנדיק זיך כּמעט אין דעם אָרעם הער זאַװילאָװסקיס אַרײַן — אָבער װאָס פֿאַר אַ מתּנה, װאָס פֿאַר אַ האַרץ!

דער אַלטער אָבער האָט זיך געשיצט און געחורט:

— לאָזט צורו! לאָזט צורו!...

נאָכדעם האָט זיך די געזעלשאַפֿט צעטײלט אויף פּאָרלעך, אָדער קלײנע גרופּקעלעך. חתן־כּלה האָט זיך אַזוי פּאַראינטערעסירט

גלײט זיך, אַז די גאַנצע װעלט איז פאַרשװוּנדן פון זײערע אױגן; אָסנאָװסקי מיט שװירסקין האָבן זיך צוגערוקט צו מאַריניאַן און פרוי ביגעל; לאַפּאָװסקין האָט אָנגעהײבן װײלן די באַלעבאָסטע, און פּאַלאַניעצקי די פרוי מאַשקאָ. װאָס שײך מאַשקאָן אַלײן איז אים געגאַנגען משמעות אין זיך נענטער באַקענען מיטן אַלטן קרעזוס, װײל ער האָט אים אַזױ פאַרשטעלט מיט זײן שטול, אַז קײנער האָט נישט געקענט צו אים צוקומען, און גענומען מיט אים רײדן װעגן די אַמאָליקע און הײנטיקע צײטן, װאָס זענען געװען, װי עס איז לײכט געװען צו טרעפן, דעם אַלטנס באַליבטע טעמע.

ער איז אָבער נעװען צו פלינק, ער זאָל אין אַלעם מסכים זײן מיט אים. הער זאַװילאָװסקי איז אגב גישט אָנגעפאַלן אין אַלעם אױף די נײע צײט; אדרבה, ער האָט טײלװײז באַװוּנדערט, טײלװײז אָנערקענט, אַז אין אַ סך הינזיכטן גײט מען צו בעסער, פון דער צװײטער זײט אָבער האָבן זײ זיך נישט געקענט אין קאָפּ אים אײנפּאַסן, מאַשקאָ װידער האָט אים דערקלערט, אַז אַלץ אױף דער װעלט מוז זיך ענדערן, ובכן די שלאַכטע אױך, פונקט װי אַנדערע שיכטן.

— איך, געערטער הער — האָט ער געזאָגט — האַלט זיך בײַ דער ראָל דורך עפּעס אַ געירשנטן אינסטינקט, דורך דעם, װאָס אַ מענטש, װעלכער שטאַמט פון דער ערד, ציט צוריק צו דער ערד — פאַרװאַלטנדיק אָבער מיט מײן אײגן גוט, בין איך בײַ דעם אַן אַדװאָקאַט און האַלט אין אַ געװיסער מאָס זיך בײַם פּרינציפּ, אַז מען מוז האָבן אונדזערע מענטשן אױף דעם געביט. אַזיסטן װעלן מיר בלײבן אָנגעװיזן אױפן חסד און אומחסד פון מענטשן, װאָס שטאַמען פון אַנדערע קרײזן און האָבן אָפטמאָל פאַראורטײלן צו אונדז. כ׳מוז אָפּגעבן רעכט אונדזערע גוט־באַזיצער, אַז על־פּי רוב פאַרשטײען זײ עס, און גיבן דערבײ גיכער איבער זײערע עניגים מיר, אײדער אַנדערע. אַ טײל װידער האַלטן עס אַפילו פאַר אַ חוב.

— דאָרט, מײן הער, צװישן דער אַדװאָקאַטור, זענען אַלע מאָל געװען אונדזערע — האָט געענטפערט זאַװילאָװסקי —

אָבער אין אַנדערע פאַכן, ווייס איך גאָרנישט, בנאמנות, צי אַ שליאַכטשיץ וואָלט זיך געקענט אַן עצה געבן! איך הער עס, איך הער, אז מיר מוזן זיך צו אַלעם נעמען, מענטשן פארגעסן אָבער, אַז נעמען און באַקומען נוצן — זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. וויזט מיר עמעצן, וואָס זאָל באַקומען נוצן.

— אָט, האָט איר, געזערסער הער, אַזאַ פּאָלאַניעצקין. ער האָט פון זיין קאָמיסיאָנעריש האַנדלס-הויז געמאַכט גאָרנישט קיין קליין פארמעגן און האָט ער פארמאָגט איז במזומנים, אַזוי אַז מאָרגן קען ער עס אויפן טיש אַרויפלייגן. ער וועט אייך אַליין אויך נישט לייקענען, אַז מיינע עצות זענען אים אָפּט צונוץ געקומען, אָבער וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער דער עיקר געמאַכט פון מסחר, דער עיקר מיט תבואה.

— אַזוי! אַזוי! — האָט אַ זאָג געטון הער זאַווילאָווסקי, קוקנדיק אויף פּאָלאַניעצקין און אויסגלאָצנדיק אַ ביסל די אויגן פון חידוש — טאַקע געמאַכט אַ פאַרמעגן? אַזוי... אויב ער איז פון די אַנדערע פּאָלאַניעצקיס — איז ער פון אַ גוטער משפחה.

— און יענער, דער ברונעט, דער פעסטער בחור — דאָס איז אַ מאָלער שווירסקי.

— דאָס ווייס איך, ווייל איך פלעג אים זען אין אויסלאַנד. די שווירסקיס, מיין הער, זענען אויך געווען נישט קיין אויפגעהייצערס... ער האָט אָבער מסתמא בלויז דאָס געלט אויסגעמאָלט, ווייל געמאַכט האָט ער עס מסתמא נישט?

— שיין, נישט געמאַכט! — האָט מיט אַ פאַמיליאַרן טאָן אַ זאָג געטון מאַשקאָ — נישט אין גרויס פּאָדאָליער גוט, גיט נישט אַזוי פיל, וויפיל אים די אַקוואַרעלן זיינע.

— וואָס אַזוי נס?

— די בילדער, מיט וואַסער-פארב...

— אַזוי! אפילו נישט מיט קיין אייל-פאַרב! און דער אויך? האַ! אפשר וועט מיין קרוב אויך זיך דערוואַרבן מיט זיינע לידער. זאָל ער שרייבן, זאָל ער שרייבן!... איך וועל עס פאַר קיין עוולה נישט האַלטן... הער זיגמונט איז געווען אַ

שליאַכטשיץ גוט געשריבן — און צו דעם, מיין הער, נישט פֿאַראַד־וועגן. הער אדאַם איז אויך געווען אַ שליאַכטשיץ — און עס קלינגט מיט אים — מער, ווי מיט דעם באַיימער, וואָס האָט זיך געשפּילט אין דעמאָקראַטיע .. ווי הייסט ער דאָרט... נאַ־רישקייטן! איר זאָגט. אַז ציילן בייטן זיך, אַבי מיט גאָטס הילף אויף בעסער.

— דער עיקר — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ — נישט צו אַרעסטירן די פֿעיִקייט אין קאָפּ, נישט די קאַפּיטאַלן אין די קאַסעס, ווייל ווער עס טוט אַזוי, דער זינדיקט ממש קעגן דער געזעלשאַפֿט.

— אָ, אַנטשולדיקט! ווי פֿאַרשטייט איר דאָס? טאָר איך נישט פֿאַרמאַכן אויפֿן שלאָס דאָס, וואָס עס איז מיין, נאָר האַלטן אָפֿן די שיפֿל פֿאַר גנבים?

מאַשקאָ האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ שאָטן פֿון העכערקייט, און, אַרויפֿלייגנדיק די האַנט אויף דער פּרינטשע פֿון פּאָטער־שטול, אַ זאָג געטון:

— נישט אין דעם גייט עס, געערטער הער.

און ער האָט שפּעטער אָנגעהויבן לייענען פֿאַר זאַווילאָווסקין אַ לעקציע פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט אויסגעהערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און חורב־דיק פֿון צייט צו צייט: „אַזוי! דאָס איז גאָר עפּעס נייעס! — אָבער איך האָב זיך אָן דעם אויך אָן עצה געגעבן!“

פֿרוי בראָניטש האָט מיט האַרציקן גליק נאָכגעקוקט די חתן־כּלה, און גלייכצייטיק דערציילט הער פּלאַוויצקין (וועלכער האָט ווידער נאָכגעקוקט מיט נישט ווייניקער האַרציקע אויגן פֿרוי אָסנאָווסקאַן) אַלץ, וועגן אירע יוגנט־יאָרן, וועגן איר לעבן מיט טעאַדאָרן און וועגן אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפֿן צוליבן פּריצישיקן קומען אויף דער וועלט פֿון זיין איינציקן יורש. הער פּלאַוויצקי האָט זיך צוגעהערט אַ צערודערטער, ענדלעך האָט זי אָבער אַ געריכטע פֿון איר אייגענער דערציילונג מיט אַ ביסל אַ ציטערדיקער שטים אַ זאָג געטון:

— איז מיין גאַנצע ליבע, האָפֿנונג און גלויבן נאָר די

ליזעטקאַ! איר ווערט דאָס פאַרשטיין, ווייל איר האָט אויך אַ טאָכטער! וואָס שייך לאָלאַן, קענט איר אייך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ ברכה דאָס קינד וואָלט געווען, ווען עס זאָל לעבן.

— געוואַלטיק רירנדיק! געוואַלטיק רירנדיק! — האָט זיך הער פלאַוויצקי איבערגעריסן.

— אָ, יאָ! — האָט ווייטער גערעדט פרוי בראַניטש — אָ, יאָ! און די אבדה איז געווען נאָך גרעסער מיט דעם, וואָס דאָס איז געווען די לעצטע האָפענונג! מיין מאַן איז געווען אַן עלטערער מענטש — כ'קען זאָגן, אַז ער איז פאַר מיר געווען דער בעסטער אפטרופס, אָבער נאָך דעם אומגליק — בלויז אַ אַפטרופס.

— דאָ הער איך אויף צו פאַרשטיין — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי — הע! הע! איך פאַרשטיי אים לחלוטין נישט!...

און עפענענדיק דאָס מויל, האָט ער ממזריש אַ קוק געטאָן אויף פרוי בראַניטש, זי ווידער האָט אים לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פעכער און געזאָגט:

— ווי אומדערטרעגלעך די מאַנסלייט זענען: פאַר זיי איז גאָרנישט קיין הייליקטום!

שווירסקי ווידער האָט דערווייל געפרעגט מאַריניאַן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אמתע פערוזשינאַ — די בלאַסע פרוי, מיט וועלכער דער מאַן אייערער רעדט?

— דאָס איז אונדזערס אַ באַקאַנטע, פרוי מאַשקאָ. מען האָט אייך נישט פאָרגעשטעלט.

— יאָ. כ'האָב זיך נאָך נעכטן באַקאַנט אויף דער לוויה נאָר איך האָב פאַרגעסן דעם פאַמיליענאָמען. איך ווייס, אַז דאָס איז דעם הערס ווייב, וואָס רעדט מיטן אַלטן הער זאַווילאָווסקי. אַן אמתער וואַזוקי!... דיזעלבע בלימלדיקייט און אַ ביסל געלבלעך. זי האָט אָבער זייער פיינע ליניען.

און אַ קוק טוענדיק נאָך אַ ווײַלע, צוגעגעבן:

— דאָס פּנים איז אויסגעלאָשן, אָבער די ליניען פון דער גאַנצער פיגור זענען אומגעווייטלעכע. דאַכט זיך דאָך אַ דאַרע,

ניט נאָר אָבער אַ קוק אויף דער צייכענונג פון אירע אַקסלען און פלייצעס.

מאַריניאַ האָט אָבער נישט געקוקט אויף די שטריכן פון פרוי מאַשקאָס אַקסלען און פלייצעס, נאָר אויפן מאַן, — און אויף איכ פנים אַט פלוצלינג זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אומרויקייט. פּאָלאַניעצקי האָט גראַד אין דער מינוט זיך צוגעבויגן צו פרוי מאַשקאָ און צו איר גערעדט עפּעס, אָבער וואָס האָט מאַריניאַ נישט געקענט הערן, מחמת זיי זענען געזעסן צו ווייט, עס האָט איר אָבער אויסגעוויזן, אַז ער קוקט אויף דעם אויסגעלאָשענעם געזיכט און אין די בלאַסע אויגן מיט אַזאַ בליק, מיט וועלכן ער פלעגט צייטנווייז, בשעת דער רייזע נאָך דער חתונה קוקן אויף איר. אַך! זי האָט דעם בליק געקענט! און דאָס האַרץ אירס האָט איצט אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי זי וואָלט פילן עפּעס אַ גרויסע סכנה. זי האָט אָבער תיכף צו זיך אַ זאָג געטון: „דאָס קען נישט זיין! דאָס וואָלט געווען אומווירדיק פאַר סטאַכן". זי האָט זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן אויף זיי נישט צוקוקן. פּאָלאַניעצקי האָט עפּעס זייער שנעל גערעדט, וואָס פרוי מאַשקאָ האָט מיט איר געוויינטלעכער גלייכגילטיקייט אויסגעהערט. מאַריניאַ ווידער האָט אַ טראַכט געטון: „וואָס מיר פאַלט איין! — ער רעדט לעבהאַפט, ווי אַלעמאָל — און גענוג". די רעשט ספקות אירע האָט צעטריבן שווירסקי, וואָס האָט באַמערקט איר אומרו, אָבער נישט דערקענט דעם אמתן אויסדרוק פון פּאָלאַניעצקיס געזיכט, און אַ זאָג געטון:

— בײַ דעם אַלעם זאָגט זי גאָרנישט. אייער מאַן מוז אונטערהאַלטן דעם שמועס און האָט אַפּנים, ווי ער וואָלט זיך געלאַנגווײַלט און געווען אין כעס.

מאַריניאַס געזיכט איז אין איין רגע צעשטראַלט געוואָרן.

— אָ, דאָס זייט איר גערעכט. סטאַך לאַנגווײַלט זיך מסתמא אַ ביסל, און קוים לאַנגווײַלט ער זיך, איז ער תיכף אין כעס.

און זי איז אַרײַנגעפאַל, אין אויסגעצייכנטן הומאָר. זי

װאָלט איצט געשאָנקען אזא בריליאַנטענע בראָש, װאָס הער זאַ־װילאָװסקי האָט געגעבן קאַסטעלקאַן אַ מתנה. אַז סטאַך זאָל צו איר צוגיין און זי זאָל אים קענען זאָגן אָדער הערן פון אים אַ גוט װאָרט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז איר פאַרלאַנג דערפילט געװאָרן, מחמת הער אָסנאָװסקי האָט זיך דערנענטערט צו פ־רוי מאַשקאַ, פּאָלאַניעצקי װידער איז אױפגעשטאַנען, אויפן װעג אַ זאָג געטון עטלעכע װערטער די פרוי אָסנאָװסקאַ, װאָס האָט גע־רעדט מיט קאָפּאָװסקין און ענדלעך זיך צוגעזעצט צו זיין פרוי.

— װילסט מיר עפּעס זאָגן? — האָט ער אַ פרעג גע־טון.

— װי מאָדנע דאָס איז, סטאַך! — האָט אַ זאָג געטון מאַ־דיניאַ — איך האָב דיך ערשט די רגע גערופן, אָבער בלויז במחשבה, און דו האָסט עס דאָך דערפילט און געקו־מען.

— זעסטו שוין, װי אַ מאַן איך בין! — האָט ער געענט־פערט מיט אַ שמייכל — די סיבה איז אָבער זייער אַ פשוטע: איך האָב באַמערקט, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָב איך מורא געקריגן, צי דיר איז נישט עפּעס און איך בין געקומען.

— איך קוק, װייל — װייל איך בענק.

— און איך קום, װייל איך בענק. װי פילסטו דיך? זאָג דעם אמת; אפשר װאָלסטו געװאָלט אַהיים?

— ניין, סטאַך, מיר איז זייער גוט, װי דו ביסט מיר ליב, איך האָב גערעדט מיט הער שװירסקין װעגן פרוי מאַשקאָן, און זיך אויסגעצייכנט געװוילט.

— כ׳בין זיך משער, אַז איר האָט זי באַרעדט. דער קינ־סטלער זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער האָט אַ בייזע צונג.

— פּאַרקערט — האָט שװירסקי געענטפערט — דאָס מאָל האָב איך בלויז באַװונדערט אירע פיגור. די ריי אויף דער בייזער צונג װעט נאָך קומען שפּעטער.

— אָ, יאָ, — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — פרוי אָסנאָװסקאַ זאָגט דװקא, אַז זי האָט נישט קיין שיינע פיגור,

און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז זי האָט אַ שייכות. אָבער! מאַריניאַ, איך וועל דיר זאָגן עפּעס וועגן פרוי אָסנאָווסקאַ.

און צובייגנדיק זיך צום ווייב, האָט ער שטילערהייט איר איינגערוימט:

— ווייסט, וואָס כ'האָב געהערט אויפן וועג פון קאָסאָווסקין צוגייענדיק דאָ צו דיר?

— וואָס? עפּעס אַמיזאַנטס?

— ווי איינער וויל: כ'האָב געהערט, ווי ער האָט צו אַנעטאַן געזאָגט: „דו".

— סטאַך!

— ווי דו ביסט מיר ליב! ער האָט איר געזאָגט: דו ביסט תמיד אַזעלכע!"

— אפשר האָט ער ציטירט עפּעס עמעצנס ווערטער.

— כ'ווייס נישט! אפשר יאָ, און אפשר ניין. זיי האָבן זיך דאַכט זיך, אַמאָל געליבט.

— פע! שעם זיך!

— זאָג דאָס זיי — אָדער ריכטיקער פרוי אַנעטאַ.

מאַריניאַ, וואָס האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז עס עקזיסטירט פּאַראַט, נאָר געהאַלטן עס גיכער פאַר אַ פראַנצויזיש־ביכלדיקע טעאָריע, און האָט זי קיינמאָל נישט געריכט, אַז מען קען עס אין דער פּראַקטיק טרעפן אויף שריט און טריט, האָט איצט אָנגעהויבן קוקן אויף פרוי אַנעטאַ מיט חידוש. און צו דעם אַזוי בייגעריק, ווי פרויען קוקן אויף די, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט אַראָפּצוגיין פון שליאַך אויף זייטיקע שטעגלעך. זי האָט אָבער געהאַט אַ צו ערלעכע נאַטור, אַז זי זאָל תיכף אָנהייבן גלייבן אינעם בייזן — אין איר האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט לייגן אין שכל, אַז עס זאָל באמת קענען עפּעס זיין צווישן דעם פּאָר, שוין צוליב קאָפּאָווסקיס אַ מגעהייערער טפשות. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז זיי רעדן צווישן זיך זייער לעבהאַפטיק.

זיי ווידער, זיצנדיק פאַררוקט צווישן דעם גרויסן פאָרצע־

לייענעם וואַזאָן אוי קלאַוויר, האָבן נישט בלויז גערעדט, נאָר פון אַ פירטל שעה אָן זיך געקריגט.

נאָך פאָלאַניעצקיס פאַרבייגיין, האָט פרוי אַבעטאַ אַ זאָג געטון מיט אַ געוויסער אומרויִקייט:

— כ'האָב מורא, צי ער האָט נישט עפּעס דערהערט. דו טוסט קיינמאָל נישט אַכטונג.

— יאָ, תמיד בין איך שולדיק! און ווער חורט כסדר: „זיי פאַרזיכטיק!"

און באמת טאַקע, אין דעם פרט זענען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע ווערט געווען, מחמת ער האָט צוליב זיין טפשות קיין זאַך נישט געקענט פאַרזען, זי ווידער איז געווען אומפאַרזיכטיק ביז חוצפה. צוויי מענטשן האָבן שוין געוואוסט זייער סוד. אַנדערע האָבן זיך שוין געקענט משער זיין, און מען האָט באַדאַרפט האָבן אַסנאַוואָסקיס פולקומע פאַרבלנדקייט קיין זאַך נישט משער צו זיין. זי האָט אָבער אויף דעם בלויז גערעכנט.

דערווייל אָבער האָט קאַפּאָווסקי אַ קוק געטון אויף פאָלאַניעצקין און געזאָגט:

— ער האָט גאָרנישט געהערט.

נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צום אָנגעהויבענעם שמועס. אָבער דאָסמאָל האָט ער גענומען רעדן שטילער און אויף פראַנצויזיש:

— ווייל, ווען דו זאָלסט מיך ליב האָבן, וואָלסטו געווען אַן אַנדערע. קוים האָסטו מיך ווידער נישט ליב, איז וואָס האָט עס דיר געקענט שאַדן?

דאָס זאָגנדיק, האָט ער געווענדט אויף איר זיינע וווּנדערלעכע, אומזיניקע אויגן און זי האָט אומגעדולדיק געענטפערט:

— כ'האָב ליב, צי נישט ליב, אָבער מיט קאַסטעלקאַן קיינמאָל נישט! פאַרשטייסט? קיינמאָל נישט! כ'וואָלט שוין ליבערשט וועלן מיט יעדער אַנדערער! — הגם, ווען דו זאָלסט מיך באמת ליב האָבן, וואָלסטו וועגן התונה האָבן נישט געטראַכט!

— איך וואָלט אפילו נישט געטראַכט, ווען דו זאָלסט זיין אַן אַנדערע.

— Patientez !

— יאָ! ביין טויט? ווען כ'זאָל געווען חתונה האָבן מיט קאַסטעלקאַן, וואָלטן מיר טאַקע געווען באַנט.

— קיינמאָל נישט! כ'זאָג דיר נאָכאַמאָל!

— יאָ, אָבער פאַרוואָס?

— דו וועסט עס נישט משיג זיין. איבעריקנס, קאַסטעלקאַ איז אַ כלה, און אַ שאָד צייט צו רעדן פון דעם.

— האָסט מיך אַליין געהייסן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך וויל זי, און איצט מאַכסטו מיר פאַרוואָרף. איך האָב תחילת וועגן קיין זאַך נישט געטראַכט, שפּעטער אָבער איז זי מיר געפעלן — און איך לייקן עס נישט; זי געפעלט אַלע, אַ חוץ דעם איז עס אַ גוטער שידוך.

פרוי אָסבאָווסקאַ האָט אָנגעהויבן ציפּן דאָס טיכעלע צווישן די פינגער.

— און דו דערוועגסט מיר צו זאָגן אין די אויגן, אַז זי איז דיר געפעלן, אַלזאָ איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איך, צי זי!

— דו, אָבער מיט דיר קען איך דאָך אָבער נישט חתונה האָבן, און מיט איר האָב איך געקענט, ווייל כ'האָב געזען באַשייבפערלעך, אַז איך בין איר אויך געפעלן.

— ווען דו זאָלסט בעסער פאַרשטיין פרויען, וואָלסטו זיך געפרייט פון דעם, וואָס איך האָב די חתונה נישט דערלאָזט. דו קענסט זי נישט. זי איז אינגאַנצן ווי אַ שטעקן און צו דעם איז זי אַ מרשעת. פאַרשטייסטו דען נישט דאָס, אַז כ'האָב דיך געהייסן זיך באַמיען וועגן איר, צוליב מענטשן און יוזשיען. אַנישט, מיט וואָס וואָלסטו געווען פאַרענטפערט דיין אַהערקומען כמעט יעדן טאָג?

— איך פאַרשטיי, ווען דו וואָלסט געווען אַן אַנדערע...

— שטער מיר נישט. דו זעסט, אַז כ'האָב אַלץ איינגעאָרדנט אַזוי, דיין בילד זאָל נישט זיין פאַרטיק, כדי זאָלסט קענען קומען קיין פּזשיטולאָוו. נאָכדעם וועט אַהינקומען סטעפאַטשע ראַטקאָווסקאַ, יוזשאָס אַ ווייטע קרובה. פאַרשטייסט? דו מוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי געפעלט דיר, און איך וועל

יוזשיאַן שוין איינגערעדן, וואָס איך וויל. אַזוי אַרום וועסטו קענען פאַרבלייבן אין פּזשיטולאַוו. צו פרײלין ראַטקאָווסקאַ האָב איך שוין געשריבן. זי איז נישט שיין, אָבער אַ ליבע.

— כּסדר מאַכן דעם אָנשטעל, און גאָרנישט באַקומען פאַר דעם!

— כ'וואָלט דיר וועלן זאָגן: קום-זשע נישט.

— אַנעטקאַ!

— זיי זשע געדולדיק. איך קען נישט לאַנג זיין אויף דיר אין כּעס. אָבער איצט גיי דיר שוין, גיי וויילן פרוי מאַש-קאַ.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געבליבן אַליין. אירע אויגן האָבן אַ רגע באַגלייט קאַפּאָווסקין מיט דעם איבערגעבליבענעם ביסל כּעס, אָבער אויך מיט אַ געוויסער האַרציקייט. אינם ווייסן קראַוואַט, באַ זיין טונקל פּנים, איז ער געווען אַזוי מוראדיק שיין, אַז זי האָט ממש נישט געקענט זיך זאַט אָנקוקן אין אים. ליבעסקאַ איז שוין געווען אַן אַנדערנס אַ כּלה. און איר האָט זיך נאָך אויסגעוויזן אומדערטרעגלעך דער געדאַנק, אַז איר טאָג-טעגלעכע קאָנקורענטן האָט אים געקענט האָבן נישט בלויז פאַר אַ מאַן, נאָר אפילו פאַר אַ געליבטן. פרוי אַנעטאַ זאָגנדיק קאַ-פּאָווסקין, אַז זי וואָלט מסכּים געווען פאַר אים אויף יעדער איי-נער, אָבי נישט אויף קאַסטעלקאַן, האָט געזאָגט דעם ריינעם אמת. דאָס איז געווען פאַר אים אַ פּ־אַגע הן פון געוואַלטיקער חולשה צו דעם גאַרישן עבדימיאַן, הן פון אייגנליבע. אויף דעם האָבן פּשוט נישט מסכּים געווען אירע נערוון. געוויסע עסטעטי-שע סימפּאַטיעס, וואָס זי האָט אַליין געהאַלטן פאַר דערהויבענע און אָפּשטאַמענדיקע פון דער גריכישער נאַטור, און וואָס זענען אין תּוך געווען פלאַך, האָבן פאַרביטן אין איר די מאָ-ראַל און, דאָס געוויסן. צוליב די סימפּאַטיעס איז זי געבליבן אונטער דעם אומגעהייערן איינדרוק פון קאַפּאָווסקיס שיינקייט, האָבנדיק אָבער בלויז אַ ברענענדיקן מוח, און אַ קאַלטן טעמפּע-ראַמענט, ווי פיש, האָט זי גיכער געוואָלט, ווי זאַווילאָווסקי האָט עס תּופס געווען, שפּילן זיך מיטן ביין, ווי דאָס ביין גופא. פון

דער צווייטער זייט ווידער, האַלטנדיק זיך באַם פּרינציפּ: „אויב נישט איך, איז קיין שום אַנדערע נישט" — וואָלט זי גרייט געווען צו דערגיין ביזן לעצט, כּדי נישט צו דערלאָזן קאַפּאָוסקיס חתונה מיט לינעטסאַן, בפרט נאָך, ווען זי האָט באַמערקט, אַז לינעטאַ, נישט קוקנדיק אויף אַלע אירע „זאָגעכצן" וועגן קאַפּאָווסקין, נישט קוקנדיק אויף דער איראָניע, מיט וואָס זי האָט וועגן אים זיך אָנגערופן, און אויפן לצנות פון אים, געפינט זיך אויך אונטערן רושם פון זיין אומגעוויינטלעכער שיינקייט, אַז די אַלע לצנות זענען בלויז אויסן צו ריידן זיך, אין וועלכן עס שטעקט אַ גליסטונג און אַז בכלל זענען אירע סימפּאַטיעס און לינעטסאַס איינע און דיזעלבע. זי האָט אָבער נישט באַמערקט, אַז זי פילט צוליב דעם אויפן דעק פון דער נשמה אַ מין פאַרצַכטונג צו לינעטאַן.

זי האָט קודם־כּל געוואָלט זי מנצח זיין, און אַ דאַנק זאַווילאָווסקין האָט זיך דאָס גלאַנציק איינגעגעבן. זי האָט געוווסט, אַזאַ מיידל וועט בלויז אויס גאווה נישט ביישטיין אירע איינרעדענישן און כּבוד פון אַ מענטש מיט אַ גרויסן שם. אַזוי אַרום האָט זי באַוואָרנט פאַר זיך קאַפּאָווסקין און צו דעם געמאַכט פאַר זיך אַ פּראַכטפול שוישפּיל, אויף וואָס פרויען קוקן אַלעמאָל גיריק, ווייל זיי גאַרן גיכער איינדרוקן, ווי געפילן. ווען דער באַרימטער זאַווילאָווסקי, בשעת זיין הייבל וועט אים וואַכעדיק ווערן זאָל וועלן ערגעץ אַנדערש זוכן אַ בעאַטריטשע — וואָלט ער אפשר זי געפונען... מענטשן, וואָס האָבן די קראַפט איבערצוענטפערן דעם מענטשלעכן זכרון און דאָס פאַרגעטערן פון דורות פאַר זייערס אַ באַליבטן נאָמען, זאָגט מען ווייניק וואָס אָפּ. דידאָזיקע פּלענער אויף להבא האָט אַנעטאַ נישט געהאַט קלאָר באַשטימט ביז איצט, זי האָט אָבער געהאַט עפּעס אַ נעפּלדיק געפיל, אַז דאַמאָלס וואָלט דער טריומף אירער געווען אַ פולערער.

זי האָט אָבער טריומפירט אויך שוין איצט, מחמת אַלץ איז אַוועק לויט איר פאַרלאַנג. זי האָט בלויז פאַרדראָסן אויף קאַפּאָווסקין. זי האָט געמיינט, אַז ער איז כּמעט אירס אַ זאַך, דער-

ווייל האָט זי באַמערקט, אַז אויך וויפיל ער איז בכלל פעניק געווען עפּעס צו באַדענקען, האָט ער אויסגעטראַכט. אַז וואָס מער, אַלץ בעסער, און אַז אַנעטאַ וואָלט ליובעטאַן גאָרנישט געקענט שטערן. דאָס האָט זי אַזוי שטאַרק געאַרט, אַז מינוטנווייז פלעגט זי טראַכטן, מיט וואָס זי זאָל אים פאַר דעם קווילן; דערווייל האָט זי געהאַט אַן עצה, מחמת ליובעטאַ האָט באמת אויסגעוויזן צו זיין פאַרליבט אין איר זאַווילאָווסקין און דאָס איז פאַר קאָפּאָווסקין געווען אי אומפאַרשטענדלעך, אי אומאַנגענעם.

דידאָזיקע געדאַנקען זענען איצט, ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן דורך איר קאָפּ, און זיי פלעגן אַלע דורכפליען אין דער קורצער ווייַלע פון אייַנזאַמקייט. איבערגעריסן האָט עס בלויז דאָס דערלאַנגען דאָס אָונט-ברויט. אָסנאָווסקי, וואָס האָט געוואָלט מען זאָל דאָס ווייב זייַנס אַזוי פאַרגעטערן, ווי ער פאַרגעטערט זי, און וועלכן ס'האָט זיך אויסגעוויזן זייער בעלובגע דאָס, וואָס זאַווילאָווסקי האָט געזאָגט וועגן דעם לעבן פון מאַן און ווייב, האָט געהאַט אַן אומגליקלעכן געדאַנק איבערצוחזרן באַם ערשטן טאָסט דעם ווונטש, אַז זאַווילאָווסקין זאָל פונקט אַזוי גוט זיין מיט ליובעטאַן, ווי מיט אַנעטאַן. זאַווילאָווסקיס און פּאָלאַניעצקיס אויגן האָבן נישט ווילנדיק זיך געווענדט באַ דעם אויף דער שיינער דאַמע, וואָס האָט שנעל אַ קוק געטון אויף פּאָלאַניעצקין און ביידעס ספקות זענען אין איין רגע צעשטויבט געוואָרן, מחמת זי איז געוואָרן זיכער, אַז פּאָלאַניעצקי האָט זיי דערהערט, ער ווידער, אַז קאָפּאָווסקי האָט נישט ציטירט קיין פרעמדע ווערטער, נאָר געזאָגט „דו" גלייך צו איר. פרוי אַנעטאַ האָט אפילו געטראָפן, אַז פּאָלאַניעצקי האָט געמוזט פון דעם רעדן מיט מאַרי-ביאַן, מחמת זי האָט געזען, ווי אין אַ ווייַלע אַרום נאָך זיין פאַרבייַגיין, האָבן זיי ביידע, שמייכלענדיק צווישן זיך, זייער בייגעריק געקוקט אויף איר. דערדאָזיקער געדאַנק האָט זי אָנגעפילט מיט כעס, מיט חשק נקמה צו נעמען און צעטומלטקייט, אַזוי, אַז זי האָט שוין אָן שום אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די ווייטערדיקע טאָסטן, וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן איר מאַן, הער זאַווילאָווסקי און הער פּלאַוויצקי, ווי צום סוף אויך ביגעל.

...ן אָוונט־ברויט ... בער איז איר פֿלוצלינג איינגעפֿאַלן די פֿאָרגעבן טענץ — אין „יוזשיאַ“ — ווי תמיד, אַ געהאַרכ־זאַמער, איך יעדן ווונק, און צו דעם אַ אויפגעהייטערטער נאָכן אָוונט־ברויט, האָט ה״ס געשטיצט דעם געדאַנק, מאַריניאַ האָט נישט געקענט טאַנצן, עס זענען אָבער חוץ איר געווען נאָך פֿינף יונגע דאַמען: פֿריילין ליבעטאַ, פֿרוי אָסנאָווסקאַ, פֿרוי ביגעל, פֿרו מאַשקאָ און פֿריילין זאַווילאָווסקאַ. די לעצטע האָט אייגנטלעך דערקלערט, אַז זי טאַנצט אויך נישט, היות אָבער מען האָט אויף איר אַזוי אויך געזאָגט, אַז נישט זי טאַנצט, נישט זי רעדט, נישט זי עסט און נישט זי טרינקט, האָט איר אָפּזאָג נישט געשטערט דעם חשק. אָסנאָווסקי, וואָס איז געווען אין אַ בחיהדיקער שטימונג, האָט באַ דעם געמאָלדן, אַז „מען דאַרף איגנאַש זאָל קענען געמען ליבעטקאַן אין די אָרעמס, מחמת ער האָט ביז איצט אוודאי נישט דערוועגט זיך עס“.

אַרויסגעוויזן אָבער האָט זיך, אַז זאַווילאָווסקי האָט נישט געקענט געניסן פֿון הער אָסנאָווסקיס גוטע כוונות, ווייל ער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַט געטאַנצט און האָט פֿון דעם די קלענסטע השגה נישט געהאַט. וואָס עס האָט פֿרוי בראָניטש נישט בלויז פֿאַרחידושט, נאָר אויך אַ ביסל אָנגעריידט. קאָפּאָווסקי אָבער האָט די קונסט באַהערשט גאָר אין הויכן גראַד, און ער האָט דעריבער אָנגעהויבן טאַנצן מיט פֿריילין ליבעטאַ, אַלס העלדן פֿונעם אָוונט. זיי האָבן ביידע געבילדעט אַ גרויסאַרטיק פּאָר, און די אויגן האָבן נישט ווילנדיק זיך געוואָנדט נאָך זיי. זאַווילאָווסקי האָט געמוזט זיך צוקוקן ווי איר גאָלדן קעפּל בייגט זיך צו צו קאָפּאָווסקיס אָרעמס, ווי זייערע ברוסטן זענען נאָענט איינע צו דער אַנדערער — און ווי ביידע, שוועבנדיק אַזוי צום טאַקט פֿון ביגעלס וואַלס, שליסן זיך צונויף אין דער האַרמאָניע פֿון באַוועגונגען, גיסנדיק זיך צונויף אין איין סדר און אין איין גאַנצקייט. און קוקנדיק אויף דעם, איז ער געווען אין כעס, מחמת ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז פֿאַראַן בזויגס, וואָס ער קען נישט און דאָס וועט ליבעטאַן בינדן מיט אַנדערע און שיידן מיט אים. אויף צו להכעיס האָט מען נאָך

בערעדט לעבן אים וועגן דער שיינקייט פון סאַנצנדיקן פּאַר, און שווירסקי, וואָס איז געזעסן דערלעבן, האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ שיינער הער דאָס איז! ווען עס זאָלן פאַרהאַן זיין הוריסן, פּונקט ווי עס זענען דאָ הוריסעס, וואָלט ער געמעגט זיין אַ הוריס אין מחמדס פרויען גן-עדן.

זיי ווידער האָבן לאַנג בעוואָלסירט, און אין די טענער פון וואָלס, און אין זייערע באַוועגונגען איז בעוועגן עפּעס אַ פאַר-שיכורנדיק און פאַרשיכורט חלשות, וואָס עס האָט נאָכמער גע-רייצט זאַוילאָווסקין, מחמת ער האָט זיך דערמאַנט אָן בייראָנס ציגיישן, אָבער אַנהן ליד וועגן וואָלס. נדלעך האָט ער אָנגע-הויבן צו זיך זאָגן לחלוטין אומגעדולדיק: „ווען-זשע וועט שוין דאָס איינזל זי אָפּלאָזן!" ער האָט אָנב אויך מורא געהאַט, זי זאָל זיך נישט פאַרמאַטערן.

ענדלעך האָט „דאָס איינזל" זי אָפּגעלאָזט אויף דער צווייטער זייט זאַל און תיכף אַ נעם געטון פרוי אָסנאָווסקאַן. לינעטשקא איז אָבער געקומען צו לויפן צום תוך און, זעגנדיק זיך לעבן אים, געזאָגט:

— ער טאַנצט גוט, ער האָט זיך אָבער ליב מיט דעם פאַרצ'שטעלן, ווייל מיט עפּעס אַנדערש האָט ער ניט. ער האָט מיך צו לאַנג געהאַלטן. כ'האָב זיך אַ ביסל פאַרמאַטערט, און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר... כ'וואָלט וועלן איר זאָלט מיר צו-לייגן די האַנט אין זען, ווי עס קלאַפּט... עס פּאַסט אָבער נישט! זי מאַדנע דאָס איז! דאָס איז דאָך אייער אייגנטום...

— מיין!... — האָט אַ זאָג געטון זאַוילאָווסקי, אויס-שטרעקנדיק צו איר די האַנט — לינעטשקא, זאָג מיר הייבט נישט „הער".

— דיין אייגנטום — האָט זי אַ שעפּטשע געטון.

און זי האָט נישט אָפּגעענטפערט אים איר האַנט, נאָר בלויז אַראָפּגעלאָזט לענגאויס דעם קלייד, מענטשן זאָלן וויי-קער זען.

— כ'האָב אים מקנא געווען — האָט אַ זאָג געטאָן זאַווילאָווסקי, צודריקנדיק לײדנשאַפֿטלעך אירע פֿינגער.

— ווילסט כ'זאָל הײַנט מער נישט טאַנצן? איך האָב ליב, כ'וויל אָבער בעסער זײַן מיט דיר...

— מײַן געליבטע!

— איך בין אַ נאַריש, וועלטלעך מײדל, איך וויל אָבער דיך ווערט זײַן. זעסט, איך האָב זײער ליב מוזיק... אפֿילו וואַלסן, אפֿילו פּאָלקעס, דאָס ווירקט אויף מיר עפּעס אַזוי מאָדנע... ווי שײן דער הער ביגעל שפּילט!... איך ווײס דאָך, אַז עס זענען פֿאַראַן העכערע זאַכן פֿון וואַלסן. האַלט מיר דאָס טיכעלע און לאָז אַ רגע אָפּ די האַנט. ס'איז דײַן האַנט, כ'מוז אָבער פֿאַריכטן די האָר. אַ טאַנץ בלויז אַמאָל, איז דאָך נישט קײן בײז? — אמת? אַז דו וועסט אָבער נישט וועלן — וועל איך נישט, ווײַל איך בין אַ הכנעהדיק באַשעפֿעניש. איך וועל מיך אויסלערנען לײענען אין דײַנע אויגן, בכדי וועל איך זײַן ווי וואַסער, וואָס שלאָגט אָפּ אין די כּ אַרע, אין דאָס שײנע וועטער. מיר איז אַזוי גוט מיט דיר!... קוק, ווי יענע טאַנצן אויסגעצײכנט!

זאַווילאָווסקין האָבן אויסגעפֿעלט ווערטער! ער האָט בלויז אײן אופֿן געקענט אַרויסווײַזן, וואָס ער פֿילט צו איר, זיך צו שטעלן פֿאַר איר אויף די קני. זי האָט אים אָבער דערווײַל אָנגעוויזן אויף פּאַלאַניעצקין, וואָס האָט געטאַנצט מיט פֿרוי מאַשקאַ, און גענומען זײ אמתדיק באַוווּנדערן:

— באמת, ער טאַנצט בעסער פֿון הער קאַפּאָווסקין — האָט זי געזאָגט מיט פֿינקלדיקע אויגן — און זי, וואָס פֿאַר אַ שטאָלצע זי איז! אָ! כ'וואָלט כאָטש וועלן מיט אים אײנמאָל אַ טאַנץ טון... אַז דו וועסט דערלויבן.

זאַווילאָווסקי, אין וועלכן פּאַלאַניעצקי האָט נישט דערוועקט די קלענסטע אײפֿערזוכט, האָט געענטפֿערט:

— מײַן אוצר, וויפֿיל דו ווילסט. איך וועל דיר אים תּיכּף אַלײן צושיקן.

— אָך, ווי גרויסאַרטיק זיי טאַנצן, ווי גרויסאַרטיק! היינטישע דער וואַלס, איז עפּעס אַ מין מילדער רעגן. זיי שווימען נישט זיי טאַנצן.

די מיינונג האָט אויך געהאַט מאַריניאַ, וועלכע האָט, נאָכקוקנדיק דאָס טאַנצנדיקע פּאָר, געפילט נאָכמער אומאַנגענעמלעכקייט, ווי מיט אַ רגע צוריק זאַווילאָווסקי, מחמת איר האָט זיך עטלעכע מאָל געדאַכט, אַז פּאָלאַניעצקי קוקט ווידער אויף פּרוי מאַשקאָ מיט דעם זעלבן בליק, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אויף איר דעמאָלס, ווען שווירסקי האָט געמאַכט זיין השערה, אַז אָדער ער לאַנגווײלט זיך, אָדער ער איז אין כּעס. איצט אָבער וואָלט אַזאַ השערה געווען שוין אוממעגלעך. מינוטנווייז האָבן ביידע טאַנצנדיקע זיך דורכגערוקט פאַרביי מאַריניאַן, און דעמאָלט האָט זי אויסגעצייכנט געזען, ווי זיין האַנט נעמט שטאַרק אַרום פּרוי מאַשקאָ, ווי זיין אָטעם באַגיסט איר האַלדז, ווי זיינע נאָזלעכער ווערן אים צעשפּרייט, און די בליקן גליטשן זיך איבער דער אַנטבלויזטער ברוסט. דאָס האָט יעדער אַנדערער געקענט נישט באַמערקן, אָבער נישט מאַריניאַ, וואָס האָט געקענט לייענען פון זיין געזיכט, ווי פון אַ בוך. און פּלוצלינג איז דאָס ליכט פון די לאָמפּן פינסטער געוואָרן אין אירע אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַנדערש הייסט נישט זיין גליקלעך, און עפּעס אַנדערש וואָלט געווען זיין אומגליקלעך. דאָס האָט געדויערט קורץ, ווי איין טאַקט פון וואַלס, אָדער ווי איין מינוט, אין וועלכער דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט און הערט אויף צו קלאַפּן, איר האָט עס אָבער געקלעקט אויף פאַרצופילן, אַז אין דער צוקונפט האָט דאָ לעבן זיך געקענט איינגאַנצן פאַרפלאָנטערן, און די היינטיקע ליבע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ביטערער פאַראַכטונגסלעכן צער. און דאָסדאָזיקע פאָרגעפיל האָט זי אָנגעפילט מיט פּחד. אַנטהילט האָט זיך פאַר איר אויף אַ רגע עפּעס אַ פאַרהאַנג, פון הינטער וועלכער אומגעריכט האָט זיך באַוויזן די גאַנצע מיאוסקייט און געמיינקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, דאָס גאַנצע פּרצוף פון לעבן. גאָרנישט נאָך איז געהאַט געשען, לחלוטין גאָרנישט, אויף פּרוי פּאָלאַניעצקאַ איז געקומען בלויז אַ זעונג, אַז קומען

קען אַ צײַט, בשעת איר גלויבן אײנם מאַן קען צעזײַעט װערן, װי אַ רויך.

זי האָט אָבער גענפּרוּװט נאָך זיך אָקעגנשטעלן די ספקות. זי האָט געװאָלט זיך אײַנרעדן, אַז ער געפינט זיך אונטערן אײַנדרוק פונם טאַנץ, נישט פון דער טענצערין. זי האָט ליבערשט נישט געװאָלט די אויגן גלייבן. אַ בושה האָט זי באַהערשט פאַר דעם „כּטאַכן", מ ט װעלכן זי איז ביז איצט גזװען שטאָלץ, און געקעמפט מיט כל-אמצי-כּוחות מיט דעם געפיל, פאַרשטייענדיק אַז עס האַנדלט זיך אין זײַער װיכטיקע זאַכן, און אַז פון דער קלײנער זאַך, פון דער שולד זײַנער, װאָס איז ביז איצט כמעט קײן שולד נישט, קענען קומען אַזעלכע פאָלגן, װעלכע װעלן אויף זײַער גאַנץ לעבן האָבן אַ השפעה.

פלוצלינג האָט זיך לעבן איר אָפּגערופן פרוי אָסנאָװסקאָס שפּאַסיק קולעכל:

— אָך, מאַריניאַ! דײַן מאַן און פרוי מאַשקאָ האָט די נאַטור סיידן בכּיוון באַשאַפן, זײ זאָלן װאַלסירן. װאָס פאַר אַ פּאָר דאָס איז!

— יאָ? — האָט מיט אָנשטרענגונג געענטפערט פרוי פּאָלאַניעצקאַ

פרוי אַנעטאַ װידער האָט װײַטער געשטיטשערט:

— זײ נאַסן אײנס צום אַנדערן אויסגעצײכנט. איך אויף דײַן אָרט װאָלט באמת געװען אַ ביסל אײפערזיכטיק... און דו? ביסט אײפערזיכטיק? נײן? איך בין אויפריכטיק און בין זיך אָפן מודה, אַז יאָ. לכל-הנחות אַמאָל איז אַזוי געװען, אַך! איך װײס דאָך, אַז יוזשיאָ האָט מיך ליב, צָבער די הערן, ליב האָבנדיק אפילו, האָבן זײ אויך זײערע קלײנע פאַנטאַזיעלעך, זײ טוט פון דעם דער קאָפּ אויף קײן האָר נישט װײ, אײ אונדז טוט װײ דאָס האַרץ — זעען זײ נישט, צָדער װילן נישט זען. די בעסטע זעבען אויך נישט אַנדערש. יוזשיאָ? — יאָ! אַ מוסטער-האַפּטער מאַן — מײנסטו, אַז איך קען אים נישט? איצט האָב איך זיך שוין צוגעװײנט, און אָפּטמאָל כאַפּ מיך אַזש אָן אַ געלעכטער, װײַל זײ זעבען דערבײַ אַזעלכע אומגעלומפּערטע!...

איך ווייס תּיכּף, ווען יוזשי, הייבט זיך אָן נאַריש צומאַכן — זי ווייסטו, אין וואָס איך דערקען עס ?
מאַרינאַ האָט כּסדר געקוקט אויפן מאַן, וועלכער האָט בינו-לבינו אויפגעהערט טאַנצן מיט פרוי מאַשקאָ און גענומען פריי-לי לינעטאַ, און זי האָט פּלוצלינג דערפילט אַ גרויס דערלייכ-טערונג מחמת איר האָט זיך געדאַכט, אַז סטאַך טאַנצט מיט פריילין לינעטאַ מיט דעמזעלבן אויסדרוק אויפן פּנים, אירע חשדים האָבן אָנגעהויבן בלאָס צו ווערן, און זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז אויב זי האָט אים בחנם חושד געווען, איז זי אַליין אָן אומווירדיקע. זי האָט אים קיינמאָל פריער נישט געזען קיין טאַנצנדיקן, און איר איז געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז אפשר טאַנצט ער תּמיד אַזוי.
דערווייל האָט פרוי אָסנאָווסקאַ איבערגעחזרט :
— ווייסטו אין וואָס איך דערקען, אַז יוזשי אַ הייבט זיך אָן נאַריש מאַכן ?
— אין וואָס ? — האָט ראַשער אַ פרעג געטון מאַרי-ניאַ.
— כ'וועל דיך אויסלערנען דעם אופן, תּיכּף, ווי ער האָט באַר אַליין אָן אומריין געווויס, הייבט ער אָן חושד זיין אַנדערע און דערציילט מיר וועגן זייגע באַמערקונגען, כּדי אָפּצווענדן פון זיך די אויפמערקזאַמקייט. ערלעכער יוזשיסקאַ! דאָס איז זייער מעטאָד. ווי זיי זאָגן, אפילו די בעסטע!
דאָס זאָגנדיק, איז זי אַוועק אָן איבערצייגטע, אַז אויפן געוועלשאַפטלעכן שאַך-ברעט האָט זי געמאַכט זייער אַ געלונגענעם צוג. און אין אַ געוויסער מאָס איז עס געווען אַ געלונגענער, אין מאַריניאַס קאָפּ איז אַנטשטאַנען עפּעס אַ תּהו-ובֹהו. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל סוף-כּל-סוף טראַכטן וועגן דעם אַלעם. איר האָט אויך באַהערשט אַ געוואַלטיקע פיזישע מידקייט. איך בין נישט געזונט — האָט זי אַ זאָג געטון צו זיך — צערייצט און מיר קען זיך אויסדאַכטן גאָט ווייסט וואָס". און דאָס געפיל פון מידקייט האָט זיך אין איר פון מינוט צו מינוט פאַרגרעסערט דער גאַנצער אָוונט האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן עפּעס פּי-

בערדיק. איר כאַ האָט גערעדט וועגן פרוי אָסנאָווסקאַ, ווי וועגן א פאַררעטערישער פרוי, זי האָט דאָסזעלבע געזאָגט וועגן אַלע מאַנען; ער האָט געקוקט מיט אומערלעכע אויגן אויף פרוי מאַש-קאַ, און פרוי אַנעטאַ האָט געזאָגט קאָפּאָווסקין „דו". צו דעם האָבן זיך נאָך צוגעמישט די טאַנצנדיקע פּאַרלעך, דער מאַנאַטאָנער טאַקט פונם וואַלס, די קעפּ פון די פאַרליבטע — און ענדלעך דער שטורעם, וואָס האָט זיך אָפּגערופן פון דרויסן. וואָס פאַר אַ געמיש פון איינדרוקן, וואָס פאַר אַ פאַנטאַסמאַגאָריע! „איך בין נישט געזונט" — האָט במחשבה געחזרט מאַריניאַ. זי האָט אָבער גלייכצייטיק געפילט, אַז די רויִקייט פאַרלאָזט זי, און אַז דאָס איז געווען אַ שלעכטער אָנהייב אין איר לעבן: זי האָט גע-וואַלטיק געוואָלט אַהיים, אָבער ווי אויף צולהכעיס, איז אינדרויסן געווען אַ שלאַקס-רעגן... „אַהיים! אַהיים!" ווען סטאַך זאָל איר נאָך זאָגן אַ גוט און האַרציק וואָרט! זאָל ער נישט רעדן וועגן פרוי אָסנאָווסקאַ, נישט וועגן פרוי מאַשקאַ, נאָר וועגן עפּעס, וואָס איז נוגע בלויז זיי אַליין, ווען איז זיי ביידע טייער.

„אָך, ווי פאַרמאַטערט איך בין!"

דערווייל האָט פּאָלאַניעצקי זיך דערנענטערט צו איר, און דערזען איר בלאַס געזיכט, האָט זיך אין אים אָפּגערופן אַ מיט-געפיל צו איר, וואָס איז לייכט אָנגעקומען זיין בטבע גוט האַרץ.

— מיין אָרימע, נעבעך — האָט ער אַ זאָג געטון — צייט איז שוין פאַר דיר אין בעט אַריין; זאָל נאָר דער שלאַקס-רעגן אויפהערן, האָסט נישט קיין מורא פאַר דונערן?

— ניין; זעץ דיך לעבן מיר.

— דאָס איז אַ זומע רדיקער שטורעם, ער וועט תיכף פאַר-ביי. ווי שלעפעריק דו ביסט!

— אפשר בין איך בחנם געקומען. איך דאַרף זייער רו, סטאַך.

ער האָט געהאַט זייער נישט קיין ריין געוויסן און איז געווען אויף זיך אין כעס. אים איז אפילו דורכן געדאַנק נישט

פאַרביי, אַז דאָס, וואָס זי האָט גערעדט וועגן ר׳ זאָל האָבן אַ שייכות צו אים, צו זײַנע גלוסטונגען און באַגיין זיך מיט פרוי משקאַ. ער האָט אָבער דערפֿילט פּלוצלינג, אַז ווען זי זאָל זיך עפּעס משער זײַן, וואָלט איר די אָפּגעטייט געוואָרן. איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויס זײַן שולד — און — היות ער איז נישט געווען קיין פאַרדאַרבענער מענטש, האָט אים באַהערשט אַן אימה און חרטה.

— צום טײַוול מיט אַלע סענץ! — האָט ער אַ זאָג געטון — איך וועל זיצן אינדערהיים און היטן מײַן האָב און גוטס.

און ער האָט עס אַזוי אויפריכטיק געזאָגט, אַז איר, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט געקענט, האָט דורכן קאָפּ נישט געקענט קיין שאָטן דורכגיין, פֿון ספקות, און דעריבער האָט זי באַהערשט אַ געפֿיל פֿון געוואַלטיקער דערלייכטערונג.

— אַז די ביסט ליבן מיר — האָט זי אַ זאָג געטון — פֿיל איך זיך תיכף ווייניקער פאַרמאַטערט. מיט אַ רגע צוריק איז מיר געווען עפּעס נישט גוט. אַנעזאַ איז ליבן מיר געזעסן, אַ ער וואָס קען איך זי אָנגיין! אַז אַ מענטש איז נישט געזונט, דאַרף ער האָבן ליבן זיך עמעצן אַן אייגענעם און אַ זיכערן. ס׳קען זײַן, וועסט מיך אָנווירלען פֿאַר דעם, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, ווײַל דאָס איז מאָדנע, צו זאָגן אַזעלכע זאַכן אויף אַן אָוונט, בײַ פרעמדע און אַזוי לאַנג נאָך דער חתונה. און איך פאַרשטיי אַליין, אַז איך ווער מאָדנע. איך דאַרף דיך אָבער באמת האָבן, ווײַל — איך האָב דיך זייער ליב.

— און איך האָב דיך ליב, מײַן טײַער באַשעפֿעניש — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט אין דער רגע געפֿילט, אַז נאָר די ליבע צו איר קען בײַ אים זײַן אַן ערלעכע און רויִקע.

דערווײַל האָט דער רעגן אויפֿגעהערט ווייניקער גיסן, עס האָט בלויז נאָך אַזוי געבליצט אַז די פֿענסטער פֿון דער ווילע זענען אַלע ווײַלע געוואָרן העל-בלוי. ביגעל, וואָס האָט צום שלוס פֿון אָוונט געהאַט געשפּילט אַ שאָפּענישע פּרעלודיע, האָט אַ צײַ

גערעדט מיט פריילין ליגעטאַ און מיט זאַוויל חסקין וועגן מוזיק און, באַטראַכטנדיק גיט זיין אידעע, אַ זאַג געטון.

— דאָס האָט בוקאַצקי דאָרט אויסגעטראַכט פלערליי פאַר־טיילונגען און טיפּן פון פרויען, איך האָב זיך מיין מוזיקאַלישן קריטעריום. עס זענען פאַראַן פרויען, וואָס האָבן ליב מוזיק מיטן האַרץ. און פאַראַן זענען אַזעלכע, וואָס האָבן עס ליב מיטן לייב — און פאַר אַזעלכע וואָלט איך מורא גע־האַט.

אין אַ פערטל שעה אַרום, איז דער קורצער זומערדיקער שטורעם פאַרביי און ס'האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלייטערט; די אַסנאַחסקיס געסט האָבן זיך גענומען קלייבן אַ היים, בלויז זאַווילאַחסקי איז געבליבן לענגער פאַר אַלע אַנדערע, כדי ער זאָל דער לעצטער קענען זאָגן פריילין ליגעטאַן: אַ גוטע נאַכט!

פּאָלאַניעצקי האָט אויס מורא פאַר מאַריניאַן, געהייסן דער עקיפּאַזש זאָל פאָרן טריט בא טריט. אין איר מידן קאָפּ האָט זיך כסדר פאַרבייגערוקט דאָס בילד פון איר מאַן, וואָס האָט געטאַנצט מיט פרוי מאַשקאַ, און אין די אויערן האָבן געקלונגען פרוי אַ באַחסקאַס ווערטער: „אַך, ווי זיי זאָגן ליגנס, אפילו די בעסטע פון זיי!“ פּאָלאַניעצקי האָט זי דערווייל אַרומגענומען מיט דער האַנט און געהאַלטן זי אָנגעשפּאַרט אָן זיך איבערן גאַנצן וועג — און איר אויגן האָט דעריבער בּיסלעכווייז אָנגע־הייבן צעגאַנגען ווערן. איר האָט זיך פון גאַנצן האַרצן געגלוסט אים עפּעס צו פרעגן אַזוינס, פון וואָס ער וואָלט געקענט זיך משער זיין וועגן איר מורא און זי באַרויקן. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט זי געטראַכט: „ווען ער זאָל מיך נישט ליב האָבן, וואָלט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין זאָרגעוודיקייט. ער וואָלט גיכער געקענט זיין אכזריותדיק, איידער מאַכן דעם אָנשטעל. איך וועל אים היינט גאָרנישט פרעגן“.

פּאָלאַניעצקי ווידער, משמעות אינטער דער השפּעה פון די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געוועבט אין זיין קאָפּ און אונטער דער השפּעה פון דעם איינדרוק, אַז זי איינע קען זיין זיין ער־

לעכע ליבע און זיין אמת גליק, האָט זיך צו געבויגן און לייכט איר אַ קיש געגעבן אין געזיכט.

— איך וועל אים מאָרגן אויף קיין זאַך נישט פרעגן — האָט מאַריניאַ אַ טראַכט געטון, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן זיין אָרעם.

און אַי, אַ ווײַלע אַרום נאָך:

— איך וועל אים קיינמאָל גאָרנישט זאָגן.

און אַ שווערקייט, גלייכצייטיק אַ גייסטיקע ווי אַ פיזישע, האָט אָנגעהויבן גובר זיין אירע כוחות אַזוי, אַז איידער זיי זענען אַהיימגעקומען, האָבן זיך די אויגן אירע פאַרמאַכט, און זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף פּאַלאַניעצקיס אָרעם.

פרוי בראַניטש איז דערווייל געזעסן אין זאַל. קוקנדיק אויף דער שויבנטיר פון באַלקאָן, אויף וועלכן חתן-כלה זענען אויף אַ ווײַלע אַרויסגעגאַנגען, כדי אָפּצואָטעמען מיט דער נאָך רעגן אָפּגעפרישטער לופט און זיך זאָגן אָן עדות: אַ גוטע נאַכט! נאָכן שטורעם איז געוואָרן זייער אַ ליכטיקע נאַכט, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע בלעטער, איז געווען פול מיט שטערן, וואָס זענען ווי אויסגעבאָדן געוואָרן פונם רעגן און געשמייכלט דורך די טרערן. זיי זענען אַ צייט געשטאַנען און געשוויגן, נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן צו זיך, אַז זיי האָבן זיך פון גאַנצן האַרץ ליב, און ענדלעך האָט זאַווילאָווסקי אויסגעשטרעקט די האַנט, אויף וועלכער דאָס פינגערל האָט געפינקלט, און ער האָט אַ זאָג געטון:

— מיין זיסער געליבטע! איך קוק אויפן פינגערל און קען זיך נישט אָנזעטיקן קוקנדיק. ביז איצט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ איז אַ חלום, און ערשט איצט דערוועג איך צו טראַכטן אַז דו וועסט באמת זיין מיין.

און ליניעטאַ האָט איר האַנט צוגעלייגט צו זייער, אַזוי, אַז ביידע פינגערלעך זאָלן זיין איינס לעבן אַנדערן, און געענטפערט מיט אַ צעטרוימטער שטים:

— יאָ! שוין נישטאָ די אַמאָליקע ליניעטאַ, נאָר דיין כלה;

מיר מוזן זיך שוין דאָס גאַנצע לעבן געהערן — מיר קומט אַזש אויס מאָדנע, אַז אין די פינגערלעך שטעקט אַזאַ קראַפט. ווי עס וואָלט אין זיי זיין עפּעס הייליקס.

זאַווילאָווסקין האָט דאָס האַרץ פאַרגאָסן פון גליק און רו־יקע מתיקות.

— ווייל — האָט ער געזאָגט — אין פינגערל איז פאַרהאַן די נשמה, וואָס גיט זיך איבער און נעמט אַנשטאָט דעם די אַנ־דערע נשמה... און אין אַזאַ גאָלדענער הבטחה דרינגט אַריין אַלץ, וואָס זאָגט אינם מענטש: איך וויל, האָב ליב און זאָג צו!...

פריילין ליגעסאַ האָט געענטפערט ווי אַ שטיל ווידער־קול:

— איך וויל, האָב ליב און זאָג צו!...

דאַמאָלס האָט ער זי אַרומגענומען און לאַנג געהאַלטן בײַ דער ברוסט, און נאָכדעם זיך גענומען מיט איר געזעגענען. אַ מיטגעריסענער אָבער דורך דער קראַפט פון ליבע און דורך דעם שווונג פון זיין אייגענער נשמה, האָט ער געמאַכט פון דעם געזעגענען עפּעס אַן אַקט פון רעליגיעזן יראת הכבוד און פאַרגעטערונג.

ער האָט צוגעגעבן אַ גוטע נאַכט די געבענטשטע הענט, וואָס האָבן אים געשאָנקען אַזוי פיל גליק, אַ גוטע נאַכט דאָס האַרץ, וואָס האָט אים ליב געקריגן, אַ גוטע נאַכט די ליפּן, וואָס האָבן אים אַרויסגעזאָגט די ליבע, אַ גוטע נאַכט די לויטערע אויגן, דורך וועלכע ס'האָט אויף אים געקוקט די קענגזייטיקע ליבע — און ענדלעך איז די נשמה פון אים אַרויס און פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ ליכטיקן קרייז אַרום דעם טייערכטן פון דער גאַנצער וועלט געליבטן קאָפּ...

— אַ גוטע נאַכט!...

אין אַ ווײַלע צרום זענען פרוי בראַניטש און פריילין קאַס־טעלי פאַרבליבן אַליין אין זאַל.

— האָסט זיך מיר פאַרמאַטערט, קינד מיינס? — דאָס אַ

פֿרעג געטאָן פֿרוי בראָניסט, קוקנדיק אויף דעם, װי פֿון שלאָף אױפֿגעװעקטן ליגעזאַס געזיכט.

און פֿרײַלין קאַסטעלי האָט געענטפֿערט:

— אָך, מאַמע. איך קער מיך אום פֿון די שטערן, און דאָ איז אַזוי װײַטער װעג!

VII

זאַווילאָווסקי האָט זיך געקענט זאָגן, אַז דיכטער האָבן אַמאָל אויך מזל. זינט די תנאים מיט פרײַלין קאַסטעלי איז אים באמת געקומען כסדר אין קאָפּ אַרײַן, אַז מען דאַרף איצט אַ טראַכט טון וועגן מיטלען אײַנצואָרדנען אַ הויז און צו דעקן די הוצאות פון די קדושין און חתונה, זײַענדיק אָבער קודם-כּל פאַרליבט און נישט האָבנדיק בכלל קיין קלאָרע השגה וועגן די אַלע זאַכן, האָט ער זיך דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט ווי אַ נײַע מניעה אין לעבן, וואָס מען דאַרף גובר זײַן; ער האָט זיך שוין אַזוי פיל צעבראָכן, אַז גלײבנדיק אין זײַנע כּוחות, האָט ער געהאַלטן, ער וועט אויך די צעברעכן, אָבער וועגן דעם אופן האָט ער זיך עד היום נישט פאַרטראַכט.

פאַר דאָס האָבן פון דעם געטראַכט שוין אַנדערע. דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי, אין וועלכן, נישט קוקנדיק אויף זײַן גאַנצער אָנערקענונג פאַר גאוניס, האָט פאַר קיין זאַך נישט געקענט ענדערן זײַן אמונה, אַז יעדער פאָעט מוז האָבן אין קאָפּ: „פּינ

פּיו,״ — האָט צו זיך צריינגערופן פּאָלאַניעצקין אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג און אַ זאָג געטון צו אים:

— איך וועל אייך זאָגן אָפן, אַז דער בחור איז מיר געפעלן, ווייל דער פאָטער זיינ:ר איז געוועזן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ גרויסער הולטאַי: קיין זאַך נישט, מיין הער, אַ חוץ קאָרטן, פרויען ון פערד!... ער האָט זיך טאַקע דערוואַרט באַם לעבן זיין חרכה. דער יינגער אָבער איז אין אים נישט געראָטן — און האָט נישט בלויז נישט געבענגט קיין שאָדן דער פאַמיליע, נ.ר פאַרקערט — רום. מילא, אַנדערע האָבן מיך נישט זייער צוגעוויינט צו דעם, אָבער אין אים, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועל איך נישט פאַרגעסן, כ׳וואָלט אָבער וועלן אויך איצט עפּעס טון פאַר זיינעטוועגן, ווייל הגם ער איז אַ ווייטער קרוב, אָבער פאָרט אַ קרוב און טראָגט דעם אייגענעם פאַמיליענאָמען; און דאָס איז דער עיקר!

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי געענטפערט:

— מיר האָבן פון דעם שוין געטראַכט, ס׳איז אָבער אַ שווערע זאַך. תיכף ווי מען דערמאָנט נאָר וועגן הילף, גיט אים די אַמביציע אַזאַ שלאָג אין קאָפּ אַריין, אַז ער קען דעם געדולדיקסטן אין כעס אַריינטרייבן.

— אַזוי... אַזאַ האַרטע כלי איז עס! — האָט אים מיט אַ ב.מערקלעכער הנאה איבערגעריסן ז.ער זאַווילאָווסקי.

— יאָ. /ר פירט באַ אונדז אין הויז די ביכער און די קאָרעספּאָנדענץ פון דאָ נישט לאַנג אָן, מיר האָבן אים אָבער אַמתדיק ליב געקריגן, און אַזוי איך, אַזוי דער שותף מיינער האָבן אים פאַרגעלייגט אַ הלוואה; מיר האָבן אים געזאָגט אַזוי: „נעם עטלעכע טויזנט רובל אויף הוצאות און אויפן איינאָרדנען אַ הויז, און וועסט זיי אונדז אָפּגעבן אין כשך פון דריי יאָר פון דיינע הכנסות פאַרן ביכל״. ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער גלייבט אין זיין כלה, אַז ער איז זיכער אין איר צופּאַס זיך צו אים און האָט נישט געוואָלט. אָסבאַחסקי האָט אויך חשק געהאַט פאַרצולייגן אים הילף, מיר האָבן

אים אָבער אָפּגעהאַלטן, װיסנדיק, אַז ס'איז בח:ם... דאָס װעט זײַן אַ שװערער ענין....

— אפשר האָט ער עפּעס?

— ער האָט און האָט נישט. איצט ערשט האָבן מיר זיך דערװוּסט, אַז פֿון דער מוטער איז אים געבליבן העכער אַ צען טויזנט רובל, אָבער ער האַלט אויף פֿונם פּראָצענט דעם פֿאָטער אין אַ משוגעים־הויז און האַלט דאָס געלט פֿאַר אומבאַרירלעך, אַז ער װעט פֿון דעם גאָרנישט נעמען, איז זיכער, װײַל, אײדער ער האָט אָנגעהויבן בײַ אונדז אַרבעטן, האָט ער געלעבט אין אַזאַ נויט, אַז ער פֿלעגט ממש שטאַרבן פֿאַר הונגער, אָבער קײן גראָשן נישט גערירט. דאָס איז שוין אַזאַ כאַראַקטער, און איר װעט, געערטער הער, פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס מיר שעצן אים אַזוי. דאַכט זיך, אַז ער שרײַבט איצט עפּעס אין רעכענען פֿון דעם צו דעקן די הוצאות פֿון אײַנאָרדענען זיך. אפשר איצט האָט זײַן נאָמען אַ סך צו זאָגן.

— פֿײַגעלעך אין בוזעם! — האָט אַ זאָג געטון הער זאַװילאָװסקי — איר זאָגט, אַז זײַן נאָמען האָט איצט אַ סך צו זאָגן? — אַזוי!... אָבער דאָס איז פֿײַגעלעך אין בוזעם.

— דאָס איז לאו־דווקא; אָבער עס װעט אַזוי גיך נישט אָנקומען.

— מיט אײַך האָט ער געמאַכט צערעמאָניעס, װײַל איר זײַט פֿרעמדע, איך בין אָבער אַ קרוב.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— מיר זענען פֿרעמדע, אָבער לענגערע באַקאַנטע פֿון אײַך און מיר קענען אים בעסער.

הער זאַװילאָװסקי, װאָס איז נישט געװוינט געװען עמעץ זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן, האָט אָנגעהויבן באַװעגן מיט זײַנע װײַסע װאָנסעס און סאָפּען פֿון אומצופֿרידנקײט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז אים פֿאָרגעקומען זיך צו הײבן עגמת־נפֿש צו אײנער, װאָס ער װיל אים געבן געלט װעט באַװיליקן עס צו נעמען, דאָס האָט אים גלײַכצײַטיק אי גערירט, אי געפּײַניקט

געוואָרן, אי פאַרדראָסן. ער האָט זיך דערמאָנט איצט אָן דעם, וויגן וואָס ער האָט פאָלגניעצקין נישט געזאָגט, ויפיל מאָל ער פלעגט צאָלן וועקסלען פאַר דעם יונגמאַנס פאָטער — און נאָך וואָס פאַר אַ וועקסלען צו דעם! און אָט דאָס עפּעלע איז געפאַלן אַזוי ווייט פון ביימעלע, אַז ער האָט איצט געהאַט אַ נייע און אַ מבעריכטע דאגה.

— מילא, — האָט ער אַ זאָג געטון אין אַ חיילע אַרום — אפשר גיט עס דער דערבאַרעמדיקער גאָט, אַז די יונגע דור זאָל ענדערן זיך אַזוי, אַז דער רוח זאָל אפילו אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן!...

דאָ האָט זיין פנים אָנגעהויבן שיינען מיט אַ פלוצלינגדיקער גרויסער ערלעכער פרייד. דער אומדערשעפּלעכער אָפּטימיזם, וואָס איז געלעגן אויף דער דעק פון זיין נשמה, האָט געפונען אַ רעאַלע ראיה פאַר זיך, און אָנגעפולט זיין האַרץ מיט פריילעכע וויזיע.

— און גייט, צוביסט אים, הער טייוול — האָט ער אַ זאָג געטון — אַז דאָס איז אַ שטיין!... פּגיקע ממזרים! פאַרביסן אין דער אַרבעט! — און כאַראַקטערן — אָט וואָס! כאַראַקטערן!

דאָ האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגן און, דרייענדיק מיטן קאָפּ, צונויפגעלייגט די ליפּן, אַלס סימן פון באַוווּנדערונג, ווי צום פייפן און נאָכדעם צוגעגעבן:

— אַזוי! און דאָס צווישן שליאַכטע! בנאמנות, כ׳האָב זיך נישט געריכט.

— דאַכט זיך — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי, אַז עס וועט נישט זיין קיין אַנדערע עצה, נאָר פריילין קאַסטעלי זאָל זיך צו אים צופּאַסן.

דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט זיך אָבער פלוצלינג פאַרקרומט:

— דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי! הם! זיך צופּאַסן, צי נישט צופּאַסן? — דער רוח ווייסט זי! אַ יונגע, ווי אַ יונגע, אפשר איז זי ברייט אויף אַלץ, ווער וועט אָבער ערוב זיין, אויף ווי לאַנג

אַ חוץ דעם איז פֿאַראַן דאָרט אַ מומע און דער בעל-טובֿה, דער פֿרשטאָרבענער, וואָס, פֿאַרשטייט איר מיך, אַז ער וועט אַ קנאַל טון פֿון אונטער דער ערד אַפֿער, איז אַ שרעק!... איך שעץ, בני-מנות, אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט אַ פֿאַרמעגן, ווען איינער אָבער איז אַרויסגעקראָכן פֿון פּאָלוואַרק, נישט פֿון הויף, און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט תּמיד געוווינט אין פּאַלאַצן, ווילט זיך אים פּאַלאַצן. אַזוי איז אויך געווען מיין אַלטן בראָגיטש. מיין גאווה האָט זי בײדע נישט געפֿעלט, און אין אַזאַ שול איז אויפֿגעצויגן דאָס מיידל. קיין זאַך נישט, מיין הער, אַ דוץ באַקוועמלעכקייטן און וווילטאָג. איגנאַצי קען זיי נישט אין דעם פֿרט — און איר קענט זיי אויך נישט. אַזעלכע, אָט! (דאָ האָט ער געוויזן מיטן קאָפּ אויף דער טאָכטער) וואָלט אַוועק אויף אַ דימעניק, ווען זי וואָלט איינמאָל האָבן געגעבן אַ וואָרט, אָבער דאָרט, קען אויך נישט גיין זייער לייכט

— איך קען זיי נישט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — און האָב פֿאַרשידנס בעהערט וועגן זיי און כ'וואָלט אויס כריינטשאַפֿט צו איגנאַשן געוואָלט ענדלעך וויסן, וואָס וועגן זיי צו משפּטן.

— וואָס וועגן זיי צו משפּטן? איך קען זיי לענגער, און ווייס אויך נישט זייער גוט. נו! משפּטנדיק פֿון דעם, וואָס פֿרוי בראָניטש אַליין זאָגט — זענען דאָ הייליקע פֿרויען, פֿאַרשטייט איר מיך, די ערלעכסטע!... און פֿרומע!... האָ! גאָר באַם לעבן צוקאַנאָניזירן! אָבער דאָס איז, פֿאַרשטייט איר מיך, אַזוי: עס זענען בײַ אונדז פֿאַראַן פֿרויען, וואָס טראָגן גאָט און די געבאָטן אין האַרץ, און עס זענען אַזעלכע פֿאַראַן, וואָס מאַכן פֿון אונדזער קאַטוילישער רעליגיע אַ קאַטוילישן ספּאָרט — און אַזעלכע רעדן צומהעכסטן און וואַקסן אויס ווו דו זייעסט זיי נישט. אָט, ווי די מעשה איז!

— אָ, ווי גערעכט איר זענט! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי לאַכנדיק.

— וואָס נישט אמת? — האָט אַ פֿרעג געטון זאַחילאָוו. — איך האָב זיך שוין אָנגעזען אַ סך זאַכן אין לעבן...

לאָמיר אָבער זיך אומקערן צום ענין. איר האָט עפּעס אַ מיטל אַז דער שנעק זאָל צונעמען די הילף, צי נישט?

— מען דאַרף עפּעס אויסטראַכטן, אָבער די רגע קומט מיר גראָד קיין זאַך נישט אין קאָפּ אַריין.

פּלוצלינג האָט פרייליין העלענאַ זאַווילאָווסקאַ, וועלכע איז פאַרנומען געווען מיט אויסנייען אויף קאַנווע, און געשוויגן ביז איצט, ווי זי וואָלט נישט צו הערן דעם שמועס, אויפגעהויבן אירע שטאָלענע קאָלטע אויגן און אַ זאָג געטון:

— ס'איז פאַראַן זייער אַ פּשוט מיטל.

דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט אויף איר אַ קוק גע־טון:

— אָט, האָט זי די געפונען! וואָס־זשע איז עס פאַר אַ פּשוט מיטל.

— זאָל דער טאַטע אַוועקלייגן אַ געבונדיקן קאַפּיטאַל פאַר הער איגנאַשס טאַטער.

— איז שוין בעסער געווען נישט צו געבן קיין עצה. איך האָב אין לעבן שוין גענוג געטון פאַר הער איגנאַציס טאַטע־ווען, הגם איך וואָלט אים אויף די אויגן נישט געוואָלט אָנ־זען, און איצט וואָלט איך וועלן טון עפּעס פאַר הער איגנאַצי אַליין.

— יאָ, אָבער, אַז דער טאַטער זיינער וועט האָבן אַ באַ־וואָרנטן פּראָצענט ביזן טויט, וועט ער אַליין דאָך קענען טון, וואָס ער וויל מיט דעם געלט, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך דער מוטער זיינער.

— ווי גאָט איז מיר ליב, זי איז גערעכט! — האָט מיט פאַרווונדערונג אַ זאָג געטון הער זאַווילאָווסקי — זעט נאָר! מיר האָבן באַ דעם בחנם דעם קאָפּ געבראָכן, און זי האָט געפונען! ווי גאָט איז מיר ליב, זי איז גערעכט!

— איר זענט פולקאָם גערעכט — האָט זיך אָפּגערופן פּאָלאַניעצקי.

און ער האָט אַ קוק געטון אויף איר נייגעריק, זי האָט

אָבער שוין געהאַט איבער דער אַרבעט אַ־אָפּגעלאָזט איר גלײַכגילטיק און ווי פאַר דער צײַט פאַרוועלקט געזיכט.

די ידיעה וועגן אזא ווענדונג פונם ענין האָט שטאַרק דערפרייט די פרוי פּאָלאַניעצקאַ און די ביגעלס, און האָט גורם געווען צו שמועסן וועגן פרײַלין העלענאַ זאַווילאָווסקאַ, אַמאָל האָט זי געהאַט אַ שם פאַר אַ קאַלט מיידל, וואָס שעצט קודם־כל די פאַרמעגן; מען האָט אָבער דערציילט, אַז דורך דער קעלט האָט זיך שפּעטער דורכגעריסן אין איר האַרץ אַ גרויס געפיל, וואָס האָט, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ טראַגעדיע, געענדערט אויך דאָס אַמאָליקע גרויסוועלט שע וועזן אין אַ מאָדנער פרוי, אַן אָפּגעריסענע פון דער וועלט, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, אַן אײַפערזיכטיקע אויף אירע יסורים. אַ טייל פלעגן לויבן איר גרויס צדקה טון, נאָר אויב זי האָט טאַקע געטון צדקה, איז אַזוי פאַרבאָרגן, אַז קיינער האָט געווּי נישט געוווּסט. געווען איז אויך שווער וועמען עס איז זיך צו דערגענטערן צו איר, מחמת איר גלײַכגילטיקייט איז צופיל געווען ענלעך צו שטאָלץ, מאַנסלייט האָבן געהאַלטן, אַז אין איר באַגיין זיך איז פאַרהאַן ממש עפּעס פאַראַכטונגלעכס, ווי זי וואָלט נישט געקענט זיי שענקען, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט.

זאַווילאָווסקי איז געווען אין פּזשיטולאָוו און זיך אומגעקערט אין אַ וואָך צרום נאָך פּאָלאַניעצקיס שמועס מיטן אַלטן, דאָס הייסט, דאַמאָלס, ווען דער שליאַכטשיץ האָט שוין געהאַט געלייגט אויף זײַן פּאָטערס נאָמען צוויי מאָל אַזוי פיל געלט, וויפיל איצט האָט געדינט אויף צו צאָלן אין שפּיטאָל. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, איז ער געלאָפן דאַנקען און זיך באַשיצן פון אָננעמען, דער אַלטער אָבער, פילנדיק אַז ער האָט אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס, איז אָן לאַנגע שהיות אויף אים אָנגעזעסן:

— וואָס פאַר אַ דעה האָסטו דאָ צו זאָגן — האָט ער אַ זאָג געטון — אַז איך האָב פאַר דיר גאָרנישט געטון? דיר האָב איך גאָרנישט געגעבן, האָסטו נישט קיין רעכט צו נעמען אָדער

נישט צו נעמען, איז מיר איז געפעלן אַרויסצוהעלפן אַ קראַנקן קרוב, מעג עס יעדער אײנער טון.

און באמת זויף דעם איז נישט געווען, וואָס צו ענטפערן, און דעריבער האָט זיך געענדיקט מיט האַלדזונגען און גערירטקייט, אין וועלכע די בײדע ביז דאָ נישט לאַנג פרעמדע מענטשן האָבן אײנדעראמתן זיך דערפילט אַלס קרובים.

אפילו פרײלין העלענאַ האָט אַרויסגעוויזן פרײנטלעכקייט צו הער „איגנאַשן”, וואָס שייך דעם אַלטן הער זאַווילאָווסקין. האָט ער לײדנדיק פאַרבאָרגענערהייט, וואָס ער האָט נישט קיין זון, האַרציק ליב געקריגן דעם יונגנמאַן און ווען פרוי בראָניטש איז אין אַ וואָך אַרום, אַרײַנפאַלנדיק קיין וואַרשע עפּעס אײַנצוקויפן, געקומען געוויר ווערן, וואָס מען הערט מיט זײַן פּאַדאַגרע, און גלייכצייטיק, רעדנדיק וועגן יונגן פּאָר, עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אַלס אַ שבח פאַר „פּעדימלען”, וואָס זי האָט חתונה מיט אַ מענטש אָן געלט, איז דער אַלטער געוואָרן אומגעדולדיק און אויסגעשריגן:

— וואָס איר רעדט דאָרט! דער אייבערשטער איז אַ יודע, ווער עס טוט אַ בעסערן שידוך אפילו אין היגזיכט פון געלט, נישט רעדנדיק שוין וועגן אַנדערע.

און פרוי בראָניטש, וואָס האָט אגב אַלץ אָנגענומען פאַרליב פון דעם אַלטן חולה, האָט גלאַט אַראָפּגעשלונגען אפילו די באַמערקונג וועגן „אַנדערע הינזיכטן”. אין אַ האַלבע שעה אַרום אָבער האָט זי צעלאָזט ווי עס געהער צו זײַן די פליגל פון איר פאַנטאַזיע. זפטרעטנדיק אויפן וועג בײַ די פּאָלאַניעצקיס, האָט זי זיי דערציילט, אַז הער זאַווילאָווסקי האָט פאָרמעל צוגעזאָגט איר צו מאַכן אָן אָרדינאַציע פון זײַנע פרײַסישע גיטער פאַרן „ליבן איגנאַשן”. אַליין ווידער האָט זי דערציילט, אַז זי האָט ליב געקריגן „דעם ליבן איגנאַשן” מיט אַזאַ נישטאײַנגעהאַלטן מוטערלעכן געפיל, אַז ער האָט מינוטנווײַז פאַרביטן אין האַרץ איר ליאַליאַן. צום סוף האָט זי אויסגעדריקט איר נישט צעשטערלעכע זיכערקייט, אַז טעאָדאָר האָט אים ליב געקריגן נישט ווײ-

…ער פון איר, און אַז פּאַר ביידע איז די דערמאַנונג וועגן לאַ־ליאַן צוליב דעם געוואָרן ווייניקער ווייטיקלעך.

זאַווילאָווסקי האָט נישט געוווּסט נישט וועגן דעם, אַז ער האָט איין פּרווּו בראָניטשס האַרץ פּאַרטרעטן לאַליאַן, נישט וועגן דער פון איר דערפינדענער אָרדינאַציע. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז זיין באַציִונג צו מענטשן הייבט זיך אָן ענדערן. די ידיעה וועגן דער אָרדינאַציע האָט זיך געמוזט בליץ־שנעל צעגיין איבער דער שטאָט, מחמת די באַקאַנטע האָבן אים עפּעס אַנדערש באַגריסט, און אַפילו די בוראַ־חברים, ערלעכע מענטשן האָבן מיט אים אָנגעהויבן צו זיין ווייניקער גוט־ברודעריש. אומקערנדיק זיך פון פּזשיטולאָוו, האָט ער געמוזט גיין מיט וויזיטן צו אַלע, וואָס זענען געווען אויף די תנאים בא די אָסנאָווסקיס, און די שנעלקייט, מיט וואָס אַזאַ מאַשקאָ, למשל, האָט אים אָפּגעגעבן די וויזיט, האָט אויך עדות געזאָגט וועגן דער געענדערטער באַציִונג. מאַשקאָ האָט די ערשטע צייט נאָכן באַקענען זיך געקוקט אויף אים אַ ביסל פון אויבן אַראָפּ. איצט האָט ער לעולם נישט אויפגעהערט זיך צו האַלטן פּראָטעקציאָנעל, אָבער וויפיל פריינטלעכטייט און גיטברודערישקייט איז געווען אין זיין באַגיין זיך, וואָס פאַר אַן איינזען אפילו פאַר פּאָעזיע! ניין! מאַשקאָ האָט גאָרנישט געהאַט קעגן פּאָעזיע, אים וואָלט אפשר ליבער געווען, אַז זאַווילאָווסקיס לידער זאָלן אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון לאַנגער פיינע לייט, אָבער בכלל האָט ער מיט דער עקזיסטענץ פון פּאָעזיע מסכים געווען, און אפילו זי געליבט. זיין גנעדיקע באַציִונג צו פּאָעזיע און צום פּאָעט האָט מען אָנגעזען אין זיין שמייכל, אין זיין בליק, אין זיין חזרן אַלע ווייל:

„אָבער אדרבה, אדרבה זייער!" זאַווילאָווסקי, וואָס איז אין אַ סך הינזיכטן געווען נאַיוו, אָבער דערביי אומגעווייטלעך אינטעליגענט, האָט דאָך פאַרשטאַנען אַז אין דעם אַלעם שטעקט עפּעס אַן אָנשטעל, און ער האָט אַ טראַכט געטון:

— צוואָס פּאַזירט דער מענטש כלומרשט מיט שכל, אַז מען זעט עס גאָרנישט אָן?

און דעמזעלבן טאָג האָט ער די פּראַגע באַרירט אין אַ שמועס בײַ די פּאָלאַניעצקיס, מחמת בײַ זיי האָט ער זיך באַקענט מיט מאַשקאָן.

— איך, ווען איך זאָל פּאָזירן — האָט ער אַ זאָג געטון — וואָלט איך זיך באַמיט, מען זאָל עס נישט דערקענען.

— די, וואָס פּאָזירן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — רעכענען, אַז הגם לײַט דערקענען זיך אויף פּאָזע, דאָך שוין אויס פּוילקייט, אָדער אויספּעלן פון ציווילער דרײַסטקייט, שליסן זיי שלום מיט דעם, וואָס די פּאָזע דריקט אויס. דאָס איז אגב אַ שווערערע זאַך, האָט איר באַמערקט. אַז פּרויען, וואָס רו־זשירן זיך, פאַרלירן ביסלעכווײַז די מאָס פון אויג; מיטן פּאָזירן איז אויך דאָסזעלבע, די אינטעליגענטסטע פאַרלירן די מאָס.

— אמת — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי — פּונקט ווי ס'איז אמת, אַז מענטשן קען מען אַלדינג אָנוואַרפן.

— וואָס שייך מאַשקאָן — האָט ווײַטער גערעדט פּאָלאַניעצקי — ווייסט ער בײַ דעם, אַז איר האָט חתונה מיט אַ מיידל, וואָס מען האַלט פאַר אַ פאַרמעגלעכע; ער ווייסט, אַז דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי האָט אײַך ליב, און ס'קען זײַן, אַז ער וואָלט וועלן דורך אײַער פּראָטעקציע זיך מיט אים דער־נענטערן. מאַשקאָ מוז טראַכטן וועגן דער צוקונפט, ווײַל מען האָט מיר געזאָגט, אַז דער פּראָצעס וועגן מבטל מאַכן די צוואה שטייט נישט זייער גוט.

אַזוי איז טאַקע געווען. דער ייִנגער אַדוואָקאַט, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון דער צוואה האָט אַרויסגע־וויזן צופיל געשיקטקייט, ענערגיע און ווידערשטאַנד.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער שמועס וועגן מאַשקאָן, מחמת פּרוי מאַריניאַ האָט זיך גענומען אויספרעגן וועגן פּושיטו־לאָ און זײַנע אײַנוווינער, פאַר זאַווילאָווסקין ווידער איז דער ענין געווען אויסגעשעפּט. אין דעם בולטן דערציילן האָט זיך באַוויזן דער פּושיטולאָווער הויף, מיט די ליפּעס אויפן וועג,

ווייטער דער שאָטנדיקער גאָרטן, די סטאַוו, די רעיִ שטעקעלעך, אַלטעס און אויפן האָריזאָנט אַ פּאַס סאָסנע־וואַלד. קושעמיען, וואָס איז שוין געהאַט בלויז געוואָרן אין מאַריניאַס זכּרון, איז איצט געשטאַנען פאַר איר לעבעדיק, און אין דעם מינוטלעכן אויפלעבן פון בענקשאַפט האָט זי אַ טראַכט געטון, אַז זי וועט מיט דער צייט ווען אַ בעט טון סטאַכן, ער זאָל זי אַוועקפירן אין די וואַנטאָרן, צו דעם קאַשטשאַל, אין וועלכן מען האָט זי געטויפט און אין וועלכן איר מוטער איז באַהאַלטן. אפשר איז אין דער מינוט אויך געקומען פּאָלאַניעצקין אויפן רעיון קושעמיען. וואָרים, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט האָט ער געזאָגט:

— אין אַלע דערפער דאָסזעלבע. איך געדענק, וואָס בוקאַצקי פלעגט זאָגן, אַז ער וואָלט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס דאָרף, בתנאי, ס'זאָל זיין אינדערהייט אַ גוטער קוכער, אַ גרויסע ביבליאָטעק, שיינע און אינטעליגענטע פרויען — און אַז ער זאָל דאָרט נישט דאַרפן לענגער זיצן, ווי אין אַ יאָר — צוויי טעג. איך פאַרשטיי אים זייער גוט.

— און דאָך — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — ווילט זיך דיר אַזוי האָבן אַן אייגן שטיקל ערד הינטער דער שטאָט?

— כ'זאָל זומער וווינען באַ זיך, נישט באַ די ביגעלס, ווי מיר מוזן עס היי־יאָר טון.

— און באַ מיר — האָט אַ זאָג געטון זאַוויליאָווסקי — תּכּף, ווי איך קום נאָר אין דאָרף אַריין, רופן זיך אָפּ עפּעס פעלדישע אינסטינקטן. איבעריקנס, מיין כּלה האָט נישט ליב די שטאָט, און דאָס איז פאַר מיר גענוג.

— לינעטאַ האָט טאַקע נישט ליב די שטאָט? — האָט מיט אינטערעס אַ פרעג געטון מאַריניאַ.

— זי איז דאָך אַ געבוירענע קינסטלערין. איך קוק דאָך אויך אויף דער נאַטור און פיל זי, אָבער זי ווייזט מיר צמאָל אַזעלכע זאַכן, וואָס איך אַליין וואָלט נישט מסוגל געווען זיי צו באַמערקן. מיט עטלעכע טעג צוריק זענען מיר אַלע אַוועק אין וואַלד, און זי האָט מיר, למשל, געוויזן פּאַפּראָטש־בלעטער אַ

קען דער זון. זיי זענען אזוי שיין! זי האָט מיך אויך אויסגעלערנט, אַז פּיעניעס פון סאָסנעס האָבן דערהויפּט בײַ נאַרנאַכטיקער באַלייכטונג אַ פּיאַלעטענעם טאָן. זי עפנט מיר אויף די אויגן אויף קאָלירן, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געזען און, ווי עפּעס אַ כּישוף־מאַכערין, ווײַזט זי מיר, גייענדיק אין וואַלד, נײַע וועלטן.

פּאַלאַניעצקי האָט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס אַלץ קען טאַקע זײַן אַ סימן פון קינסטלערישקייט, ס'קען אָבער אויך זײַן אַ דערשײַנונג פון דער מאָדע און פון דעם אַלגעמיינעם אײַנרעדעניש פון ליבע צו מאַלעריי, און בײַ דעם צו קאָלאָריט, מיט וואָס אַ מיידל הײַנט האַלט מלחמה נישט לשם ליבע צו קונסט, נאָר לשם צו פאַרשטעלן זיך. ער אַליין האָט זיך מיט מאַלעריי נישט פאַרנומען, ער האָט אָבער באַמערקט, אַז פאַר די גרויסוועלטישע גענדזלעך איז עס די לעצטע צייט געוואָרן אַ סחורה, וואָס מען שטעלט זייער גערן אַרויס אויפן יאַריד פון גאווה, אָדער אַנדערש גערעדט, אַ פּראָזע, וואָס דאַרף אַנטפּלעקן די קינסטלערישע קולטור און קינסטלערישע נשמה.

ער האָט אָבער די געדאַנקען באַהאַלטן פאַר זיך, זאַוויי־לאָווסקי ווידער האָט ווײַטער גערעדט:

— זי האָט בײַ דעם שטאַרק ליב דאָרפישע קינדער! זי זאָגט, אַז דאָס זענען אויסגעצייכנטע מאָדעלן און ווייניקער וואָכעדיק געוואָרענע, ווי די יונגע איטאַליענערלעך. בשעת די גוטע וועטערן, זענען מיר אַ גאַנצן טאָג געווען אויף דער פרישער לופט און זיך ביידע געבראַנט. איך לערן זיך איצט שפּילן אין טעניס און מאַך גרויס פאָרשריט. דאַכט זיך, אַז עס איז לײַכט, תחילת אָבער קומט עס אָן זייער שווער. הער אָסנאָווסקי שפּילט לײַדנשאַפטלעך, כּדי ער זאָל נישט דיק ווערן. ס'איז ממש שווער אַרויסצוזאָגן, וואָס פאַר אַ גוטער און איידעלער מענטש דאָס איז.

פּאַלאַניעצקי, וואָס האָט בשעת זײַן אין בעלגיע געשפּילט אין טעניס נישט ווייניקער לײַדנשאַפטלעך פון הער אָסי־

נאָווסקן, האָט איצט אָנגעהויבן זיך באַרימען מיט זיין פּראַקטיק און אַ זאָג געטון:

— איך זאָל דאָרט זיין, וואָלט איך אויך געוויזן, ווי אַזוי מען שפּילט אין טעניס.

— מיר, יאָ! — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי — זיי אָבער שפּילן דאָרט זייער גוט. דער עיקר קאַפּאָווסקי.

— אַ. דער קאַפּאָווסקי איז אין פּושיטולאָוו? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— יאָ — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי.

און פּלוצלינג האָבן ביידע, אַ קוק טוענדיק זיך אין די אויגן, אין איין רגע תופס געווען, אַז זיי ווייסן עפּעס — און אַנטשוויגן געוואָרן. אַנטשטאַנען איז אַ רגע פון שטילקייט און אפילו פון פאַרלעגנהייט, מחמת פרוי מאַריניאַ איז אומגעריכט רויט געוואָרן, און נישט קענענדיק עס פאַרבאַרגן, איז זי וואָס אַמאָל רויטער געוואָרן.

זאַווילאָווסקי, וואָס האָט ביז איצט געהאַלטן, אַז ער איז דער איינציקער באַזיצער פונם סוד, האָט מיט חידוש באַמערקט זייערע פלעקן און אויך צעטומלט געוואָרן, שפּעטער אָבער, וועלנדיק פאַררעדן די פאַרלעגנהייט, האָט ער אָנגעהויבן שנעל רעדן:

— יאָ, קאַפּאָווסקי איז אין פּושיטולאָוו. הער אָסנאָווסקי האָט אים פאַרבעטן, ווייל פרייַלין ליגנעטאַ האָט נאָך נישט געענדיקט זיין פּאָרטרעט, שפּעטער וועט נישט זיין אויף דעם קיין צייט. אַ חוץ דעם, וויילט דאָרט הער אָסנאָווסקיס אַ קרובה, פרייַלין ראַטקאָווסקאַ, און איך מיין, אַז קאַפּאָווסקי שדכנט זיך צו איר. דאָס איז זייער אַ ליב און שטיל מיידל. אַחוץ פאָרן מיר אַלע קיין שעווענינגען, ווייל די דאַמען האָבן נישט ליב אָסטענדע.. ווען הער זאַווילאָווסקי זאָל נישט געווען אַזוי האַרציק העלפן מיין פאָטער, וואָלט איך נישט בכוח געווען צופאָרן, אָבער איצט האָט ער מיר די הענט אויפגעבונדן...

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט פּאָלאַניעצקין וועגן זיין שטעל אין ביוראָ, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט

אַפּלאַין. ער האָט געבעטן, אַז צוליב די אויסנערגעוויינטלעכע אומשטענדן, זאָל ער קענען עטלעכע חדשים האָבן אורלויב, נאָכדעם האָט ער זיך געזעגנט און אַוועק, מחמת ער האָט זיך געיאָגט צו שרייבן אַ בריוו צו דער כלה. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער ווידער באַדאַרפט פאָרן קיין פּושיטולאָוו, דערווייל אָבער האָט ער געשריבן, טיילמאָל אפילו צווי מאָל אַ טאָג.

אויפן וועג אַהיים האָט ער צונויפגעשטעלט די ווערטער פונם בריוו. ווייל ער האָט געוווּסט, אַז פריילין ליגעטאַ וועט אם לייענען צוזאַמען מיט פרוי בראַניטש, און ביידע וועלן זוכן נישט בלויז האַרץ, נאָר אויך פליגל, און אַז די שענערע טיילן וועלן געלייענט ווערן בסוד פאַר פרוי אַנעטאַן, הער אָסנאָווקין, און אפילו פריילין ראַטקאָווסקאַן. ער האָט עס אָבער נישט געהאַלטן פאַר קיין עוולה מצד זיין געליבטע „פעדימל" — אדרבה. ער איז איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי רימט זיך מיט אים, און ציגעלייגט אַלע כוחות צו אַנטשפּרעכן איר העכערע פאַרשטעלונג וועגן אים. נישט פאַרדראָסן האָט אים אויך דער געדאַנק, אַז מענטשן וועלן וויסן, ווי ער האָט זי ליב. „זאָלן זיי וויסן, אַז זי איז געליבט אַזוי, ווי נישט קיינער אין דער וועלט!"

באַ דעם האָט ער געטראַכט איצט אויך אַ ביסל וועגן מאַריניאַן. אירע פלעקן האָבן אים גערירט, מחמת ער האָט געזען אין זיי אַ סימן פון אַ ליטעראַרער נאַטור, וואָס וואָלט נישט בלויז אַליין נישט פעיק געווען אויף קיין שום בייז, נאָר וועלכע אפילו פרעמד בייז פאַרשעמט, באַליידיקט און שרעקט, און פאַרגלייכנדיק זי מיט דער אָסנאָווסקאַ. האָט ער משיג געווען, וואָס פאַר אַ תהום עס קען אָפּטיילן די ביידע פרויען, וואָס זענען אויסערלעך דורך דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע און אינטעלעקטועלן ניוואָ זיך אַזוי נאָענט.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט נאָך זאַווילאָווסקיס אַוועקגיין אַ זאָג געטון:

— האָסט געזען, אַז אויך זאַווילאָווסקי האָט עפּעס געמוזט באַמערקן. איצט בין איך שוין נישט מסופק, אַזאַ בלינדער אָסנאָווסקי! אַזאַ בלינדער!

פרוי מאַריניאַ ווידער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דווקא זיין פאַרבלענדקייט דאַרף זי נעמען און אָפּ־האַלטן. דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקלעך!

— נישט „וואָלט געווען" — נאָר עס איז, פאַרשטייסטו מיך, אידעלע בשעת צאָלן פון צוטרוי מיט דאַנקבאַרקייט, גע־מיינע — מיט פאַראַכטונג.

VIII

מאַריניאַן האָבן דידאָזיקע ווערטער צוגעגעבן גרויס מוט מחמת טראַכטנדיק וועגן איר פריִערדיקער אומרויִקייט. האָט זי אַגב געהאַלטן, אַז פּאַלאַניעצקי וואָלט אַזאַ זאַך נישט געזאָגט ווען ער זאָל פֿעיִק זיין אָפּצונאַרן איר צוטרוי. זי האָט זיך אויך נישט משער געווען, אַז אַ מענטש קען האָבן איין מאָס אַן אַל-געמיינע, אייגנע אַ פּערזענלעכע, און אַז אין לעבן שטויסט מען זיך אָן יעדער רגע אויף אַזעלכע צוויי באַזונדערע מאָסן. זי האָט זיך געזאָגט, אַז עס איז גענוג אַרויסצווייזן דעם מאַן צוטרוי און אַ גבול, כדי פֿון אַלעם אָפּצוהאַלטן. און האָט מיט ווייניקער מורא איצט געטראַכט וועגן דעם נאָענטן שכנות פֿון פּרוי קאַסטעלקאַס זומער־וווינונג מיט די ביגעלס הויז, וווּ זי מיטן מאַן וועלן פֿאַר-ברענגען דעם זומער. געווען איז זיך לייכט משער צו זיין, אַז פּרוי מאַשקאַ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעצויגן אין דער מוטערס הויז אַריין, וועט שוין אויס בלויז לאַנגווייל זיין אַן אָפּטער גאַסט בײַ די ביגעלס. מאַשקאַ האָט זי נישט געשיקט קיין קושעמיען, נישט וועלנדיק זיך שיידן מיט איר אויף די זומער-

חדשים פֿון וואַרשע, וווּ ער האָט געשעפֿטלעך געמוזט פֿאַרבלייבן, איז אים לייכט געווען יעדן טאָג צוצופֿאָרן צום ווייב, וואָס וווינט אַ האַלבע שעה פֿון דער ראַגאַטקע. דאָס הייסט קושטמיען אָבער האָט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פֿון ענלעכע עקסקורסיעס. מאָסקאָ, וואָס איז געווען אמתדיק פֿאַרליבט, איז איר אָנוועזנהייט געווען נייטיק ווי אַ שטאַרקונג. מחמת אויף אים זענען ווייטער געקומען שלעכטע צייטן. דער פּראָצעס וועגן מבטל מאַכן די צוואה גופֿא איז נאָך נישט געווען לחלוטין פֿאַרלוירן, ער האָט אָבער, צוליב דער פֿלינקייט פֿון דער פֿאַרטיידיקונג, נישט אָנגענומען קיין גוטע ווענדונג; ער האָט זיך אָנגעהויבן שלעפּן, און לייט האָבן אָנגעהויבן צווייפֿלען אין אים — און דאָס אַליין איז פֿאַר מאָסקאָן שוין געווען כמעט אַ מפּלה. זיין קרעדיט, וואָס האָט תּחילת פּראָצעס אויפֿגעלעבט און זיך צעבליט, ווי פֿרילינג אין עפּלבוים, האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען. שליעדזש, וואָס איז געווען מאָסקאָס אַ פּערזענלעכער שונא און בכלל אַ פֿאַרביסענער מענטש, האָט נישט בלויז פֿונאַנדערגעשפּרייט ידיעות וועגן דעם שלעכטן מצב פֿון זיין קאָנקורענט, נאָר זיך באַמיט, אַז די ספֿקות בנוגע דעם גוטן סוף פֿון פּראָצעס זאָל זיך אויך דורכרייסן אין דער פּרעסע. אָנגעהויבן האָט זיך אַן אומברחמנותדיקע יורידישע און פּערזענלעכע מלחמה, וואָרים מאָסקאָ האָט אויך מיט כּל־אמצעי־כּוחות זיך באַמיט צו שטערן דעם שונא, און פֿלעגט באַם ב.ג. געבען זיך מיט אים זיך האַלטן ממש פֿרעך. דאָס האָט אים אָבער קיין נוצן נישט געבראַכט. דער קרעדיט איז וואָס אַמאָל געוואָרן שווערער, און די בעלי־חובֿות, הגם זיי זענען געוואָרן ביז איצט רעגולער געדעקט, האָבן פֿאַרלוירן דעם צוטרוי. אָנגעהויבן האָט זיך ווידער דאָס פֿיבערדיקע זוכן געלט, כּדי מיט איין חובֿ אַרויסצושטויסן דעם צווייטן און אונטערהאַלטן דעם שם פֿון תּקיפֿדיקער צאָלבאַרקייט. מאָסקאָ האָט אויף דעם אויסגעבראַכט אַזוי פֿיל שכל און ענערגיע, אַז ווען נישט דער גרונטפֿאַלש, אין זיינע לעבנס באַציִונגען, וואָלט ער מיט די מעלות געווען דערגרייכט רום און גרויס פֿאַרמעגן.

דאָס מבטל מאַכן די צוואה האָט געקענט אַלץ מציל זײַן, אויף דעם האָט מען אָבער באַדאַרפֿט וואַרטן, דערווײַל אָבער האָט מען געמוזט ביגדן די פּעדים, וואָס האָבן זיך דאָ אין דאָרט געריכן, און דאָס איז געווען הן נישט לײַכט, הן דערנידעריקנדיק. דערבאַנגען איז צו דעם, אַז אין צוויי וואָכן אַרום נאָך די פּאָלאַניעצקיס איבערציִען זיך צו די ביגעלס, ווען די מאַשקאָס זעגן צו זיי געקומען מיט אַ באַזוך, איז מאַשקאָ געצוווּנגען געווען צו פֿאַרלאַנגען פֿון פּאָלאַניעצקין אַ „טובה פֿון אַ גוטנפֿרײַנט", דאָס הייסט — אונטערצושרײַבן אים אַ וועקסל אויף עטלעכע טויזנט רובל.

פּאָלאַניעצקי איז בטבע געווען אַ בעל־טובה און גיכער אַ וותרן, ער האָט צוליב געהאַט זײַן שיטה, וואָס האָט אין געלט־ענינים געהייסן אים זײַן שווער — און דעריבער האָט ער אים אין דעם אונטערשריפֿט אָפּגעזאָגט, פֿאַר דעם האָט ער מאַשקאָן מכבד געווען מיט זײַנע אָנשווּינגען אויף געלט־ענינים צווישן גוטע פֿרײַנט.

— בשעת עס גייט נישט אין קיין צווייזײַטיקן גוצלעכן עסק — האָט ער אים געזאָגט — נאָר אין אַ פּריוואַטער טובה, זאָג איך פּרינציפּיעל אָפּ דעם אונטערשריפֿט; פֿאַר דעם אָבער דין איך מיט מזומנים, אויב אַ באַקאַנטער אָדער אַ גוטער פֿרײַנט דאַרף עס האָבן צוליב אַ צײַטווײַליקע פֿאַרלעגנהייט, נישט צוליב אַ יאָושדיקער לאַגע. אין דעם פֿאַל באַהאַלט איך ליבערשט מײַן גרייטקייט צו דינען אויף שפּעטער.

— הייסט עס — האָט מאַשקאָ געענטפֿערט טרוקן — אַז דו גיסט מיר אַ לײַכטע האָפֿנונג אויף תמיכה, ווען כ'וועל אָנגעזעצן?

— ניין. דאָס הייסט, אַז אויב עס וועט קומען די קאַטאַסטראָפֿע; דאַמאָלס וועסטו, נעמענדיק בײַ מיר אַ הלוואה קענען בײַ דעם בלײַבן, וואָס דו לײַעסט, אָדער אָנהייבן מיט דעם קאַפּיטאַל אויפֿדאַסניי עפּעס צו טון. איצט וועסטו עס וואַרפֿן אין אַן אָפּגרונט, מיט היזק פֿאַר מיר, און אָן נוצן פֿאַר זיך.

מאַשקאַ האָט זיך באַליידיקט.

— מיין טייערער — האָט ער אַ זאָג געטון — דו זעסט מיין לאַגע אין אַן ערגערן שיין, ווי איך אַליין און ווי עס איז אינדערעמתן. עס איז דווקא אַ צייטווייליקע פאַרלעגנהייט. איך שעץ דיין גוטן ווילן, איך וואָלט אָבער היינט אפילו נאָך נישט אַוועקגעגעבן מיינע אויסזיכטן פאַר דיין גרייט פאַרמעגן. איצט האָב איך צו דיר איין בקשה פון אַ גוטן פריינט, דהיינו, מיר זאָלן מער פון דעם נישט רעדן.

און זיי האָבן זיך ביידע אומגעקערט צו די דאַמען: מאַשקאַ אין כעס אויף זיך, וואָס ער האָט עפּעס פאַרלאַנגט, פּאָלאַניעצקי ווידער, וואָס ער האָט דעם פאַרלאַנג אָפּגעזאָגט, זיין שיטה, אַז אין געלט-ענינים דאַרף מען זיין נישט אומניצלעך, האָט אים נישט איינמאָל אָנגעטון אַזעלכע עגמת-נפשן, ווער שמועסט שוין פון היזק, וואָס עס האָט אים געבראַכט אין לעבן.

לעבן די דאַמען האָט זיין שלעכטע שטימונג זיך נאָכמער פאַרערגערט, צוליב דעם פאַרגלייך צווישן פרוי מאַשקאַ און מאַריניאַן, צו מאַשקאַס גרויס עגמת-נפש האָט קיין זאַך אים עד-היום נישט אָנגעזאָגט, אַז פרוי מאַשקאַ זאָל האַלטן באַ ווערן אַ מוטער, נאָכמער, דער פאַרטרויונגס-דאָקטאָר, וואָס האָט זי געקענט פון קינדווייז אָן, האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי דאָס וועט ווען עס איז פאָרקומען. פאַר דעם אָבער איז זי געבליבן באַ דער גאַנצער שטאַלטנעקייט פון דער מיידלישער פיגור און דערהויפּט איצט, אין דעם זומערדיקן פערקאַל-קליידל, האָט זי לעבן דער פאַרענדערטער און שווערער מאַריניאַן, אויסגעזען נישט בלויז ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ יינגערע מיט עטלעכע יאָר. פּאָלאַניעצקי, וועלכן עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעפּאָרעט מיט דער מאָדנער גליסטונג, וואָס זי האָט אין אים אַרויסגערופן, האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז אַזוי איז עס נישט, און אַז אויס מאַנגל אין נאָנטער שכנות, זעענדיק זי אָפט, וועט ער זיך נאָך מער אונטערגעבן איר פיזישן רייץ.

זיין באַציִונג צום ווייב איז אָבער זינט זאַוויִלאָווסקיס תנאים-אָוונט געוואָרן אַ וואַרעמערע, און מאַריניאַ איז אויך געוועזן דרייסטער, ווי פריִער, און דעריבער האָט זי איצט, נאָך די מאַשקאָס אַוועקגיין, באַמערקנדיק, אַז פּאָלאַניעצקי האָט זיך מיט מאַשקאָן געזעגנט קעלטער, ווי אַלעמאָל, און איז בכלל געווען אין כּעס, אים אַ פרעג געטון, צי זיי האָבן זיך נישט צעקריגט.

פּאָלאַניעצקי האָט נישט געהאַט קיין טבע צו רעדן מיט איר וועגן עשעפ:, אָבער אין דער מינוט איז ער געווען אומצופרידן פון זיך און ער האָט דערפילט אַ מין באַדערפעניש אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס אים איז געווען צו לאַסט, ווי עס פילט זיך תמיד אַ מענטש, אַ ביסל אַן עגאָאיסט, וועלכער איז זיכער, אַז ער וועט געפינען מיטגעפיל אין אַן איבערגעגעבן האַרץ, און ער האָט דעריבער אַ זאָג געטון:

— כ'האָב מאַשקאָן אָפּגעזאָגט אַ הלוואה און וועל דיר זאָגן דעם אמת, צ:ז מיר איז עס אומאָנגענעם. ער האָט נאָך פאַר זיך אויסזיכטן פון רעטונג, זיין מצב איז אָבער אַזאַ, אַז איידער ער וועט קומען צום ציל, קען ער זיך באַ דער קלענסטער שטערונג איבערדרייען. סוף-כּל-סוף זענען מיר קיינמאָל נישט געוועזן קיין גוטע פריינט; איך האָב אים כמעט נישט ליב; ער אַרט מיך, צ:זבייזערט, אָבער דאָס לעבן האָט אונדז כּסדר צונויפגעגעפירט, אַ חוץ דעם, האָט ער אונדז איינמאָל געטון אַ גרויסע טובה. אמת, איך האָב אים אויך געטון טובות, אָבער איצט האָט ער ווידער אַ מעסער אויפן האַלדז.

מאַריניאַ האָט מיט הנאה זיך צוגעהערט צו די ווערטער, מחמת זי האָט געטראַכט, אַז ווען סטאַך זאָל זיך באמת געפינען אונטערן איינדרוק פון פרוי מאַשקאָס רייץ, וואָלט ער די הלוואה נישט אָפּגעזאָגט; שנית, האָט זי געזען אין זיין עגמת-נפש אַ סימן פון אַ גוט האַרץ. איר איז אויך אַ שאָד געוועזן די מאַשקאָס. נישט האָבנדיק געגעבן אָבער דעם מאַן קיין שום נדן, האָט זי כמעט נישט דערוועגט זיך פשוט צו בעטן, ער זאָל זיי זיין בייהילפיק, און האָט דעריבער אַ פרעג געטון:

— דו האָלטסט, אַז עס וואָלט זיכער געווען פאַר־לוירן?

— אָדער יאָ, אָדער ניין — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

נאָכדעם האָט ער מיט אַ געוויסער באַרימערישקייט צוגעגעבן:

— אַזוי, דאָס קען איך. ביגעל האָט אַ ווייכער הערץ.

— רעד גאָר נישט! ביסט אַזאַ ווילער! דער בעסטער סימן, אַז עס איז דיר אומאָנגענעם.

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישט אָנגענעם צו טראַכטן, אַז אַ מענטש, אַפילו אַ ווילד פרעמדער, דרייט זיך דאָרט, ווי אַ שלאַנג צוליב עטלעכע טויזנט רובל. איך ווייס, אין וואָס עס גייט. מאַשקאָ האָט געגעבן דעם לעצטן טערמין אויף מאָרגן, ער האָט פריער אומעטום געזוכט געלט, אָבער געזוכט פאָרזיכטיק, נישט וועלנדיק אָנמאַכן קיין רעש און איבערשרעקן די בעלי־חובות. און האָט אין ערגסטן פאַל זיך פאַרלאָזט אויף מיר. און ער וועט, פאַרשטייסטו מיך, מאָרגן נישט צאָלן. איך בין מיך משער, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער נאָך געפינען אַזוי פיל, וויפיל ער דאַרף, דערווייל אָבער וועט זיין שם פון פונקט־לעכקייט זיך אַ וואַקל טון, און בא דעם מצב, וואָס ער געפינט זיך, קען אַלץ פאַר אים זיין אַ מפּלה.

פרוי מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן קוקן אויפן מאַן, ענדלעך האָט זי מיט אַ געוויסער אומדרייסטקייט אַ זאָג געטון:

— און דיר וואָלט עס באמת שווער געווען?

— אויב דו ווילסט דעם אמת, איז לחלוטין נישט. איך האָב אפילו מיט זיך אַ טשעק־ביכל, און כ'האָב עס מיטגענומען צוליב דעם, כדי כ'זאָל תיכף קענען געבן האַנט־געלט, אויב עס וועט זיך מאַכן עפּעס אַ קאָלאָניעלע.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן לאַכן:

— אָ! — האָט ער אַ זאָג געטון — פּראָטעקציע און מיט־געפיל צו אַן אַמאָליקן אַדאָראַטאָר! דאָס הייבט מיר אָן ווערן פאַרדעכטיק.

פרוי מאַריניאַ האָט אויך אָנגעהויבן לאַכן, ווייל זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט ליכטיק געמאַכט דעם מאַנס געזיכט, דרייענדיק אָבער מיט איר דאַנקבאַר קעפּל האָט זי געזאָגט:

— ניין! דאָס איז נישט קיין מיטגעפיל פאַר קיין האַרי־דער, נאָר מיאוסער עגאָיזם, מחמת איך טראַכט זיך, צי זענען דען די פּאַר טויזנט רובל תערט מיין סטאַכס עגמת־נפש.

דאַמאָלס האָט פּאָלאַניעצקי אָנגעהויבן גלעטן מיט דער האַנט אירע האָר...

— דו ביסט דאָך — האָט ער אַ זאָג געטון — אַ חויל ווייבל מיט די ביינער.

נאָכדעם האָט ער זי געפרעגט:

— נו, אַלזאָ באַשליס: איינס, צוויי, דריי! — געבן?

זי האָט קיין זאַך נישט געענטפערט, נאָר ווי אַ צעפּ־ש־טשעט קינד, אָנגעהויבן מרוגן מיט די אויגן אַלס צייכן, ער זאָל געבן. ביידע איז זיי מיטאַמאָל געוו רן פריילעך, פּאָלאַניעצקי האָט אָבער אָנגעהויבן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער האָט תרעומות און געמרוקעט:

— אָט, וואָס עס הייסט זיין אַ פאַנטאָפל. ניי שלעפּ זיך, מענטש איינער, באַנאַכט און בעט הער מאַשקאָן, ער זאָל צונע־מען באַ דיר דיין געלט, ווייל דעם צעפּעשטעטן נפשל געפעלט עס אַזוי!

און איר האַרץ איז ממש פאַרגאָסן געוואָרן מיט שמחה, וואָס ער האָט זי אָנגע ופן „צעפּעשטעט נפשל". אַלע אירע אַמאָ־ליקע עגמת־נפשן, אַלע אירע אומרויקייטן זענען פאַרשווונדן, ווי אונטערן שפּרונג פון אָט אָ די ווערטער. אירע צעשטראַלטע אויגן ה בן געקוקט אויפן מאַן מיט אומבאַשרייבלעכער לי־בע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ פרעג געטון:

— דו מוזט אומבאַדינגט תיכף אַהינגיין?

— אוודאי. מאַשקאָ פּאָרט מאָרגן אַכט אינדערפרי אין שטאָט אַריין און וועט דאָרט אַ גאַנצן טאָג אומלויפן.

— הייס־זשע זיך איינשפּאַנען ביגעלס פערדל.

— ניין! די לבנה שיינט און ס'איז נישט ווייט איך וועל גיין צופיס.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך געזעגנט מיטן ווייב און נע־מענדיק מיט זיך דאָס טשעקביכל, איז ער אַוועק. אויפן וועג האָט ער געטראַכט.

— די מאַרינייאַן קען מען צו אַ מכּה צולייגן. דאָס איז אַזאַ גאָלדן באַשעפעניש, אַז אַ מענטש זאָל אפילו וועלן אָפּטאָן עמעצן אַ ממזר־שטיק, האָט ער פּשוט קיין האַרץ נישט צו דעם דער אייבערשטער האָט מיר געגעבן אַ ווייב, וועלכע ס'איז ווייניק פאַרהאַן אויף דער וועלט.

און ער האָט געפילט די מינוט, אַז ער האָט זי באמת ליב געהאַט. ער האָט אויך געפילט, אַז ליבע אַליין פאַר זיך, אַלס אַ קאָנגזייטיקע גליסטונג פון צוויי וועזנס, פון צוויי באַזונדערע גע־שלעכטער, איז נאָך נישט קיין גליק, און שלעכט געפירט, קען עס זיין אפילו אַמאָל אַן אומגליק; די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז אָבער נישט בכּוח אויסצוטרוימען קיין גרעסער גליק אויף דער וועלט, ווי גרויסע און באַ דעם ערלעכע ליבע צווישן מאַן און ווייב. — „איבער דעם איז נישטאָ — האָט אַ זאָג געטון פאַלאַ־ניעצקי — און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס געפינט זיך פאַר דער האַנט, אַז דאָס איז צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם, אַז דאָס ווענדט זיך בלויז אין גוטן און ערלעכן ווילן, און אַז מענטשן טרעטן אויף אַ גייטן אוצר און זעגען מקריב די רו פאַרן פיין, און דעם כּבוד פאַר אומכּבוד!“

אַזוי טראַכטנדיק, איז ער געקומען ביז צו די מאַשקאָס ווילע. אין וועלכער די פענסטער האָבן געגלאַנצט, ווי גרויסע לאַמטערן אויפן פינסטערן פאָן פון וואַלד. אַרייַנגייענדיק דורכן טירל אויפן באַלויכטענעם הויף פון דער לבנה און דערנענטער־דיק זיך צום גאַניק, האָט ער באַמערקט דורך דער שויב פון שכנותדיקן צימערל ביי דע מאַשקאָס, וואָס זענען געזעסן אויף אַ נידעריק אין אַכט געדרייטן קאַנאַפּקעלע, לעבן וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ טישל מיט אַ לאָמפּ. מאַשקאָ האָט מיטן אָרעם אַרומגענומען דער פרוס טאַליע, אין דער צווייטער האַנט ווידער

האָט ער געהאַלטן איר האַנט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן צו די
ליפּן און אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט איר דאַנקען פאַר עפּעס.
פּלוצלינג האָט ער מיט ביידע הענט אַרומגענומען די יונגע פרוי
זי צוגעצויגן צו זיך און, אַריבערבייגנדיק, זי אָנגעהויבן ליידנ-
שאַפטלעך קושן אין די ליפּן. זי ווידער האָט מיט אָנמעכטיק
אַראָפּגעלאָזטע הענט אויף די קני, נישט איבערגעבנדיק זיך זיין
פּיעשטשען, אָבער אויך נישט פאַרטיידיקנדיק זיך, פּאַסיוו זיך אונ-
טערגעגעבן, ווי זי וואָלט זיין אַ באַשעפעניש אָן ווילן און בלוט.
אַ ווײלע האָט פּאָלאַניעצקי געזען בלויז דעם שפּיץ פון מאַשקאָס
קאָפּ, זיינע לאַנגע פּאַוואָריטן, וואָס באַווייזן זיך פון קושן —
און דערזעענדיק דאָס בילד, האָט אים דאָס בלוט אַ זעץ געטון
אין קאָפּ אַריין. אים האָט באַגאָסן דיזעלבע היץ פון תאווה, ווי
דאַמאָלס, ווען ער האָט געזוכט די בענדער צו פרוי אָסנאָווסקאַס
מאַנטל — אַ נאָכברענענדיקערע צוליב דער גאַנצער ריי פריִער-
דיקע נסיונות. די מאָדנע פאַר פּאָלאַניעצקין אַליין, ריין פיזישע
גליסטונג, מיט וועלכער ער האָט פון לאַנג אָן געקעמפט, האָט
איצט אויפגעלעבט מיט אַ נישט איינגעהאַלטענער קראַפט. כּהרף-
עין האָבן זיך דערוועקט אין אים אַלע אינסטינקטן פון אַ פּרימי-
טיוון מענטש, וואָס פאַלט אַריין אין ווילדקייט, דערזעענדיק אַ
געגאַרטע פרוי אין פרעמדע אָרעמס און איז גרייט צו גיין אין
געראַנגל מיט דעם גליקלעכן קאָנקורענט. צוזאַמען מיט דער
תאווה האָט אים געברענט די קנאה, די אומערלעכע, גע-
מיינע און נידעריקסטע פון אַלע מינים קנאה, מחמת זי איז אַ
ריין פיזישע, און דאָך אַזאַ געצוימטע, אַז ער, וואָס האָט באַר-
וואָס אויפגעקלערט זיך, אַז בלויז ערלעכע ליבע צו דער פרוי
קען זיין אמתדיק גליק, וואָלט איצט צעטרעטן דאָס גליק און
די ליבע, אַבי צו קענען צעטרעטן מאַשקאָן, און אַליין אַ כאַפּ
טון אין די אָרעמס דעם שטאַלטנעם פרויען-קערפּער און באַ-
דעקן מיט קושן דאָס פּנים פון דער ליאַלקע, דאָס אומזיניקע
און ווייניקער שיינע, ווי דאָס פּנים פון זיין אייגן ווייב.

דערווייל האָט אים דאָס בילד דורך דער שויב נישט בלויז
אויפגעהעצט, נאָר געוואָרן אומדערטרעגלעך, צושפּרינגענדיק דע-

ריבער צו דער טיר, האָט ער פיבערדיק אַ צי געטון דאָס גלעקל — און דער געדאַנק, אַז דאָס גלעקל, וואָס האָט זיך פלוצלינג געלאָזט הערן אינמיטן דער שטילקייט, האָט געמוזט איבעררייסן דאָס פּיעשטשען זיך פון מאַן און ווייב, האָט אים פאַרשאַפט עפּעס אַ ווילדע און בייזע פרייד. ווען דער באַדינער האָט אים געעפנט די טיר, האָט ער געהייסן זיך מעלדן, אַליין ווידער האָט ער זיך באַמיט צו באַרויקן און צונויפשטעלן, ווי עס איז דאָס, וואָס ער האָט געזאָלט זאָגן מאַשקאַן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז מאַשקאַ צו אים אַריין, מיטאַפּיסל אַ פאַרחידושט געזיכט.

— אַנטשולדיק, וואָס איך קום אַ.ווי שפּעט, — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — מיין ווייב האָט מיך אָבער אויסגעזידלט, וואָס כ'האָב דיר אָפּגעזאָגט אין דער טובה, היות איך ווייס אָבער, אַז מאָרגן פרי פאָרסטו אָפּ, בין איך נאָך היינט געקומען דערליידיקן דעם ענין.

אויף מאַשקאַס פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ געהיימע פרייד. ער האָט זיך תּיכּף משער געווען, אַז פּאָלאַניעצקיס שפּעטער באַזוך האָט עפּעס אַ שייכות צו זייער פריערדיקן שמועס, ער האָט זיך אָבער נישט געריכט, אַז די זאַך וועט מיט אַמאָל אַזוי גלאַט אַראָפּ.

— ביטע — האָט ער אַ זאָג געטון — מיין ווייב שלאָפט נאָך נישט.

און ער האָט אים אַריינגעפירט אין דעמזעלבן צימער, אין וועלכן פּאָלאַניעצקי האָט מיט אַ ווײַלע צוריק אַריינגעקוקט דורך די שויבן. פרוי מאַשקאַ, זיצנדיק אויף דערזעלבער קאַנאַפּע, האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ מעסער צו שניידן בלעטלעך אין אַ בוך, וואָס זי האָט משמעות מיט אַ רגע צוריק אַראָפּגענומען פון טיש. איר אויסגעלאָשן געזיכט האָט אויסגעזען רויק, אָבער אויף די באַקן האָט מען אָנגעזען שפּורן פון פרישע קושן, די ליפּן זענען פייכט געווען און די אויגן נעפּלדיק, און פּאָלאַניעצקין האָט ווידער אויפגערודערט דאָס בלוט און, נישט קוקנדיק אויף אַלע באַמיונגען זיך צו האַלטן גלייכגילטיק, האָט ער אַזוי שטאַרק

א דריק געטון איר דערלאַנגטע האַנט, אַז פרוי מאַשקאַס ליפּן האָבן זיך צונויפגעצויגן, ווי פון יסורים.

אים ווידער איז זינט ער האָט אָנגערירט איר האַנט, אַ שווידער דורך פון די פיס ביזן קאָפּ. אין דעם בלויזן דערלאַנגען די האַנט איז געווען עפּעס אַזאַ פּאָסיטיוויטעט, אַז נישט ווילנדיק איז אים פאַרביי דורכן מוח, אַז די פרוי איז נישט פעיק צו קיין שום ווידערשטאַנד לגבי וועמען עס איז, וואָס וועט נאָר האָבן דרייסטקייט און חוצפּה צו לאָזן זיך אויף אַ פּשוטן אָנגריף.

דערווייל האָט מאַשקאַ אָנגעהויבן רעדן:

— מאָל זיך, אַז מיר האָבן ביידע באַקומען אַ יאָג: דו, וואָס האָסט מיר אָפּגעזאָגט, און איך, וואָס כ'האָב דיר גערעדט. דו האָסט אַ הויל ווייב, מיינע איז אָבער אויך נישט קיין ערגערע. דיינע האָט מיך גענומען אין שוץ, און מיינע דיך. איך האָב זיך איר אָפּן מודה געווען אין דער צייטווייליקער פאַרלעגנהייט, און זי האָט מיך אויסגעזידלט, וואָס כ'האָב עס נישט תיכּף געטון. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט גערעדט צו מיר, ווי אַ יוריסט, ווייל אין דעם האָט זי קיין השגה נישט, אָבער סוף-כּל-סוף האָט זי מיר געזאָגט, אַז הער פּאָלאַניעצקי האָט מיט רעכט מיר אָפּגעזאָגט, אַז מען דאַרף דעם בעל-חלן עפּעס געבן אַן ערבות, איז זי גרייט צו געבן אויף איר לעבנסרענטע און בכלל אויף אַלץ, וואָס עס איז איר... כ'האָב איר טאַקע געדאַנקט פאַר איר איידלקייט גראַד, ווען דו ביסט אָנגעקומען.

דאָ האָט מאַשקאַ אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פּאָלאַניעצקיס אָרעם.

— מיין ליבער — האָט ער אַ זאָג געטון — איך בין מסכּים מיט דיר, אַז דיין פרוי איז דאָס בעסטע וועזן אויף דער וועלט, איך בין מסכּים, בפרט נאָך, אַז כ'האָב אויף דעם אַ פרישע ראיה, בתנאי אָבער, מען דו וועסט מודה זיין, אַז מיינע איז נישט ערגער. עס דאַרף דיך נישט חידושן, וואָס איך באַהאַלט אויס פון איר מיינע דאגות, ווייל באמנות, איך בין מיט גוטס תמיד גרייט

מיט אַזאַ ליב װען זיך צעטײלן, אָבער שלעכטס, בפרט נאָך צײטװײליקס, באַהאַלט איך נאָר פאַר זיך. און װען דו זאָלסט זי אַזױ קענען װי איך, װאָלסטו זיך נישט געחידושט.

פּאָלאַניעצקי, װאָס האָט אַ חוזק די גליסטונג צו פרוי מאַשקאַן נישט געהאַט װעגן איר לחלוטין קײן הױכע מײנונג און לחלוטין נישט געהאַלטן זי פּעיִק אױף קרבנות, האָט אַ טראַכט געטון:

„אָדער דאָס איז באמת אַ גוטע פרוי, אין איך האָב אַ טעות, אָדער מאַשקאַ האָט זי אַזױ פאַרשק־נט אַז זי האַלט טאַקע זײַן לאַגע פאַר אַ גלענצנדע, און די פאַרלעגנהײט פאַר לחלוטין אַ צײטװײליקע".

און ער האָט הױך צו איר אַ זאָג געטון:

— איך בין אַ פּינקטלעכער מענטש אין געשעפטן, אָבער פאַר װעמען האַלט איר מיך, אַז איך זאָל פאָדערן עפּעס אַן ערבות אױף אײער פאַרמעגן? כ'האָב אָפּגעזאָגט בלױז אױס פױלקײט, און איך שעם זיך געװאַלטיק — כ'האָב אָפּגעזאָגט פאַר דעם, כדי איך זאָל נישט דאַרפן פאָרן קײן װאַרשע נאָך נײַע רעזערװן. זומער װערט אַ מענטש אַ פױלער און אַן עגאָיסט. אָבער בכלל גײט אין אַ קלײניקײט און מענטש, װי אײערס גלײכן, װאָס פאַרנעמט זיך מיט געשעפטן, טרעפן זיך אַזעלכע דאגות יעדן טאָג. נישט אײנמאָל דאַרף מען האָבן אַ הלואה בלױז דערפאַר, װײל מען קען דאָס אײגענע געלט אין דער צײט נישט אָפּנעמען.

— דאָס טאַקע איז מיט מיר געשען — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאַ, משמעות אַ צופרידענער, װאָס פּאָלאַניעצקי שטעלט אַזױ פאַר דעם ענין פאַר דער פרוי.

— די מאַמע האָט זיך געפּלעגט פאַרנעמען מיט די געשעפטן, און איך קען זיך נישט אױף דעם — האָט זיך אַרײַנגעמישט פרוי מאַשקאַ — אַ דאַנק אײַך.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט אָנגעהױבן לאַכן:

— איבעריקנס, װאָס איז דאָרט מיט אײער ערבות? איך נעם אָן אױף אַ מינוט, אַז איר װעט אָנזעצן, און איך נעם עס אָן דערפאַר טאַקע, װײל עס דראָט אײַך לגמרי נישט: שטעלט

אייך פאַר אין דעם פאַל מיך, וואָס פירט קען איך אַ פראַ־צעס און נעמט צו אייערע הכנסות?

— ניין! — האָט אַ זאָג געטון פרוי מאַשקאַ.

פאַלאַניעצקי האָט אויפגעהויבן איר האַנט צו זייגע ליפּן, אָבער באַ אַלע פאַרמען פון גרויסוועלטישער העפלעכקייט אין איר איינגעזויגן די ליפּן מיט גאַנצן כוח, און אין די בליקן, מיט וועלכע ער האָט אויף איר געקוקט, איז געווען אַזאַ תאווה, אַז קיין שום דערקלערן זיך אין ווערטער וואָלט נישט מסוגל געווען איר מער צו זאָגן.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט געבן צו דערקענען, אַז זי פאַרשטייט עס, הגם זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די פאָרם פון העפלעכקייט איז בלויז געווען פאַרן מאַנס וועגן, און די קראַפט פון קוש פאַר אירעטוועגן, זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז זי געפעלט פאַלאַניעצקין, אַז איר שיינקייט רייצט אים — זי האָט אָבער צום בעסטן פאַרשטאַנען, אַז אין דער מינוט טריומפירט זי איבער מאַריניאַן, וואָס צו איר שיינקייט האָט זי נאָך מיידל־וויַיז געפילט אַ קנאה, און האָט דעריבער געפילט קודם־כל אַ טיפע הנאה פון אייגנליבע.

זי האָט אגב שוין לאַנג באַמערקט, אַז פאַלאַניעצקי פלאַמט אין איר אָנוועזנהייט — זי איז אָבער נישט געווען אַזאַ ערלע־כע, אָדער איידעלע באַטור, אַז דאָס זאָל זי קענען אָרן אָדער־ווי טון. פאַרקערט; אין איר האָט זיך געוועקט נייגעריקייט, אינ־טערעס און גאווה. דער אינסטינקט האָט זי אייגנטלעך געוואָרנט, אַז דאָס איז אַ בעל חוצפה, וואָס איז אין דעם פאַל גרייט זיך אַ רוק צו טון צו חייט — און דער געדאַנק האָט צייטנווייז גע־וואָרפן אויף איר אַן אימה; אָבער היות אַזעלכעס איז עד־היום נישט געשען, האָט די מורא אַליין אפילו באַקומען באַ איר עפּעס אַ חן.

דערווייל אָבער האָט זי אַ זאָג געטון צו פאַלאַניעצ־קין.

— די מאַמע פלעגט אַלעמאָל רעדן וועגן אייך, ווי וועגן

א מענטש, צו וועלכן מען קען אין יעדן פרט האָבן צו־טרוי

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַ געליטערט קולעכל, וואָס פּאָלאַניעצקי פלעגט נישט איינמאָל אויסלאַכן אַמאָל, איצט אָבער האָט אַלץ אין איר געהאַט פאַר אים אַ גרעסערן חן. קוקנ־דיק אַלזאָ כּסדר איר אין די אויגן, האָט ער אַ זאָג גע־טון:

— טראַכט איר אויך אַזוי וועגן מיר.

— האָט צו אייך קאָנפידענציע צוטרוי — האָט שפּאַסיק זיך אָפּגערופן מאַשקאָ — און איך וועל גיין צו זיך גרייטן וואָס מען דאַרף און אין אַ מינוט אַרום וועלן מיר דעם ענין דערליי־דיקן.

פּאָלאַניעצקי און פרוי מאַשקאָ זענען געבליבן אַליין. אויף איר געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ געוויסע פאַרלעגנהייט; כּדי עס צו פאַרדעקן, האָט זי אָנגעהויבן אויפן לאָמפּ פאַריכטן דעם אַבאַזשור, ער ווידער האָט זיך שנעל דערנעענטערט צו איר און אָנגעהויבן רעדן:

— איך וועל זיין גליקלעך, אויב איר וועט אויך וועלן אַזוי טראַכטן וועגן מיר. איך בין זייער איבערגעגעבן, זייער!.. איך וואָלט וועלן כאָטש האָבן אייער פריינטשאַפט... קען איך רע־כענען אויף דעם?

— יאָ.

— אַ דאַנק.

דאָס זאָגנדיק האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר זיין האַנט, מחמת אַלץ, וואָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט אָבער געצילט בלויז, כּדי צו באַהערשן איר האַנט. פרוי מאַשקאָ האָט אים נישט גע־קענט עפּעס אָפּזאָגן, ער ווידער, האָט אַ כאַפּ טוענדיק זי, אָנגע־שפּאַרט אָן איר באַכאַמאָל די ליפּן, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט איין קוש, נאָר אָנגעהויבן זי כמעט פרעסן. אים איז טונקל געוואָרן אין די אויגן. נאָך אַ רגע, און ער וואָלט, זיך פאַרגעסנדיק, געכאַפּט און צוגעדריקט דאָס גע־גאַרטע ווענן — דערווייל אָבער האָבן זיך איגם שכנותדיקן צי־

ער אָפּגערופן מאַשקאַז סקריפּענדיקע שטימ. — און פרוי־ מאַשקאַ האָט דערהערנדיק עס די ערשטע, אָנגעהויבן שנעל רעדן:

— מיין מאַן גייט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מאַשקאַ געעפנט די טיר און אַ זאָג געטון:

— ביטע.

נאָכדעם האָט ער, ווענדנדיק זיך צום ווייב, צוגעגעבן:

— הייס דערווייל אַריינברענגען טיי, מיר וועלן תיכף צוריקקומען.

דער ענין האָט נישט לאַנג געדויערט. פּאָלאַניעצקי האָט אויסגעשריבן אַ טשעק און פטור. מאַשקאָ האָט צָבער מכבד געווגן פּאָלאַניעצקין מיט אַ ציגאַר און געבעטן זיצן, ווייל ער האָט חשק געהאַט צו רעדן:

— עס פעלן ווידער דאגות אין קאָפּ אַריין... האָט ער געזאָגט — אַרויס וועל איך. כ׳האָב שוין געהאַט אַמאָל גרעסערע. ס׳גייט בלויז אין דעם, אַז די זון זאָל פריער קומען פאַר דער ראָסע. און אַז כ׳זאָל זיך עפענען עפּעס אַ נייעם קרעדיט, אָדער עפּעס אַ נייעם מקור פון הכנסות איידער דער פּראָצעס וועט זיך ענדיקן און כדי אים אונטערצוהאַלטן.

פּאָלאַניעצקי, איגנאַצן אַן אויפגעהעצטער אינעווייניק, האָט זיך תחילת צוגעהערט צו זיינע פּאַרטרויונגסרייד נישט אויפמערקזאַם און אומגעדולדיק געסמאָקעט דעם ציגאַר. פּלוצלינג איז אים בעקומען אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק, אַז ווען מאַשקאָ זאָל כאַפּן די מפּלה, וואָלט זיין ווייב געוואָרן נאָך אַ לייכטערער ביסן.

ער האָט דעריבער שאַרף אַ פרעג געטון:

— האָסטו שוין געטראַכט וועגן דעם, וואָס דו וועסט טון, אויב דו וועסט דעם פּראָצעס פאַרשפּילן?

— כ׳וועל נישט פאַרשפּילן — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ.

— אַלץ טרעפט זיך — און דו ווייסט עס אַליין צום בעסט.

— איך וויל פון דעם נישט טראַכטן.

— דאָך ביסטו מחויב — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי, מיט אַ באַטאָנונג פון אַ געוויסער פרייד, וואָס מאַשקאַ האָט נישט באַמערקט — וואָס וועסטו אין דעם פאַל טון?

מאַשקאַ האָט אָנגעשפּאַרט די הענט אויף די קני און, קוקנדיק מרה־שחורהדיק אויף דער ערד, אַ זאָג געטאָן:

— אין דעם פאַל וואָלט איך געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע.

אַנטשטאַנען איז אַ רגע פון שווייגן. דעם יינגן אַדוואָקאַטס פּנים איז געוואָרן וואָס אַמאָל מרה־שחורהדיקער; ענדלעך האָט ער זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן רעדן:

— אַמאָל אין מיינע בעסטע צייטן האָב איך געקענט אין פּאַריז דעם באַראָן הירש. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל געטראָפן און מיר האָבן אפילו אָנטייל גענומען אין עפּעס אַן ערן־ענין. צייטנווייז, ווען עס באַהערשט מיך איצט אַ יאוש, דערמאָן איך זיך אָן אים, ווייל ער איז לפנים בלויז אַוועק פון געשעפטן, אין עצם אָבער האָט ער זיי נאָך לרוב, און דער עיקר אויף מזרח. איך קען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט לעבן אים פאַרמעגנס, מחמת דאָרט איז אויף יעדן טריט אַן אָפן פעלד.

— מיינסטו, אַז דו וואָלסט זיך געקענט צו אים ווענדן?

— יאָ. אַ חוץ דעם, קען איך זיך אויך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַריין...

פּאָלאַניעצקי האָט אָבער די דראָונג נישט גענומען ערנסט. פון דעם גאַנצן שמועס האָט ער זיך דערוווּסט וועגן צוויי זאַכן: קודם־כל, אַז מאַשקאַ, נישט קוקנדיק אויף זיין אויסערלעכער זיכערקייט, טראַכט אויך וועגן דער מעגלעכער רוינירונג. שנית, אַז אויף דעם פאַל האָט ער אפילו אַ פּלאַן, אפשר אַ פאַנטאַסטישן, אָבער אַ גרייטן.

מאשקאָ האָט זיך אָבער פּלוצלינג אָפּגעטרייסלט פון די מרה־שחורהדיקע זעונגען און אַ זאָג געטון:

— מיין קראָפּ איז תּמיד געלעגן אין דעם, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן צוויי זאַכן מיטאַמאָל. דעריבער טראַכט איך אויסשליסלעך וועגן דעם פּראָצעס. איך ווייס, אַז יענער לומפּ טוט אַלץ, כּדי אַ תּל צו מאַכן פון מיר און דער עפנטלעכער מיינונג, איך פייף אָבער אויף דער עפנטלעכער מיינונג און מיר גייט בלויז אין געריכט. ווײַן כ׳זאָל פּריצייטיק זיך איינרייסן, וואָלט עס אויך אויף זיי געקענט שלעכט משפּיע זיין. דו פאַרשטייסט? מען וואָלט דאַמאָלס דעם גאַנצן פּראָצעס געהאַלטן פאַר אַ יאוש־אָנשטרענגונג פון אַ טרינקענדיקן, וואָס כאַפּט זיך אָן אין וואָס ער קען נאָר. אָט אָ דאָס וויל איך נישט. דעריבער מוז איך האָבן אַ שם פון אַ מענטש, וואָס שטייט פעסט אויף די פיס. דאָס איז אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט, איך טאָר אָבער איצט נישט זיין אפילו שפּאָרזאַם, איך טאָר נישט פאַרקלענערן דעם מאָס־שטאַב פון לעבן. ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך דאגות איבער די אויערן, איבעריקנס, ווער ווייסט עס נאָך בעסער פאַר דיר, וואָס גיט מיר הלוואות. דאָך האָב איך ערשט נעכטן געדינגען זיך וועגן וועקסל, אַ גרויס גיט אין ראָוונער געגנט, בלויז צוליב דעם, כּדי מיינע בעל־דבֿרים און קעגנער צו שיטן זאַמד אין די אויגן. זאָג מיר, דו קענסט גוט דעם אַלטן זאַווילאָווסקין?

— נישט לאַנג. כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט דורכן יונגן.

— דו ביסט אים אָבער געפעלן, ווייל ער באַוווּנדערט זייער שטאַרק מענטשן מיט שלאַכטעסקע פאַמיליענעמען, וואָס מאַכן פאַרמעגנס. איך ווייס, אַז ער אַליין איז בא זיך דער באַ פולמעכטיקטער, ער ווערט אָבער אַלט און עס פייניקט אים די פּאָדאַגרע. איך האָב אים אונטערגערוקט עטלעכע געדאַנקען — אַלזאָ, אויב ער וועט דיך פרעגן וועגן עפּעס — רעקאָמענדיר אים מיך. דו פאַרשטייסט, אַז איך וועל זיך נישט פאַרנעמען אויף זיין קאַסע, הגם אַלס באַפולמעכטיקטער וואָלט איך געהאַט עפּעס הכנסות, דער עיקר גייט מיר אָבער אין דעם, אַז עס זאָל פאַרשפּריי־

ווערן, אַז איך בין געוואָרן אַזאַ מין יאָנערס אַ באַפולמעכטיקטער. ס'איז אמת, אַז ער וויל פאַרן יינגן מאַכ עפּעס אַן אָרדינאַציע פון די פויזנער גיטער?

— אַזוי זאָגט פרוי בראָניטש.

— דאָס וואָלט געווען אַ ראיה, אַז עס איז ליגן, אויף דער וועלט איז אָבער אַלץ מעגלעך. דאָך וועט דער יונגער באָם ווייב אויך נעמען עפּעס אַ נדן, און אַלס דיכטער האָט ער דאָך נישט דעם קלענסטן באַגריף, ווי אַזוי מיט אַזעלכע זאַכן זיך צו באַגיין, כ'וואָלט אים אויך געקענט דינען מיט אַן עצה און מיט הילף.

— איך מוז דיר אין זיין נאָמען קאַטעגאָריש אָפּזאָגן, מחמת מיט זיינע געשעפטן האָבן מיר אים צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען, דאָס הייסט: איך און ביגעל.

מאַשקאָ האָט זיך אַ ביסל אָנגערינצלט און געענטפערט:

— מיר גייט אויך נישט אין זיינע געשעפטן, נאָר אין דעם, איך זאָל מענטשן קענען זאָגן, אַז איך בין זאַווילאָווסקיס באַפולמעכטיקטער, ווייל פאַרשטייסטו מיך, איידער עס וועט קלאָר ווערן וועלכן זאַווילאָווסקי, קען מיין קרעדיט פון דעם בלויז באַקומען נוצן.

— ווייסט דאָך, אַז איך מיש זיך קיינמאָל נישט אין פרעמדע געשעפטן, כ'וועל דיר אָבער זאָגן אויפריכטיק, אַז פאַר מיר וואָלט עס געווען אַ שרעקלעכע זאַך צו עקזיסטירן אַזוי בלויז פון קרעדיט.

— גיב אַ פרעג די גרעסטע מיליאָנערן אויף דער וועלט, צי זיי האָבן געמאַכט אויף אַן אַנדערן אופן זייער פאַרמעגן.

— און דו גיב אַ פרעג אַלע אָנזעצערס, צי זיי האָבן זיך נישט איינגעריסן אויך צוליב דער זעלבער סיבה.

— וואָס שייך מיר, וועט עס ווייזן די צוקונפט.

— יאָ — האָט געענטפערט אויפשטייענדיק פאָלאַניעצקי.

מאַשקאָ האָט אים נאָכאַמאָל געדאַנקט פאַר דער הלוואה,

און זיי זענען ביידע אוועק אויף טיי צו דער דאַמע, וועלכע האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס? דער ענין איז שוין דערליידיקט?

און פּאָלאַניעצקי, וועלכן ס׳האָט ווידער אויפגעטרייסלט איר אָנזעען, און וואָס האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זי אים געזאָגט: „ד״ר מאַן גייט!״ — שוין זי מיטשולדיק, האָט איר געענטפערט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מאַשקאָן:

— צווישן אײַער מאַן און מיר איז שוין דערליידיקט, צווישן אונדז ביידע — נאָך נישט.

פרוי מאַשקאָ, הגם זי האָט געהאַט קאַלט בלוט, האָט זיך דאָך אַ ביסל צעטומלט, עפּעס ווי דערשראָקן פון זיין חוצפּה. מאַשקאָ ווידער האָט אַ פרעג געטון?

— ווי הייסט?

— אַזוי הייסט עס — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — דער פרוי האָט געקענט איינפאַלן, אַז איך זאָל פּעיק זיין צו פּאָדערן אָן ערבית אויף איר גוט — דאָס קען איך איר ביז איצט נישט שענקען.

פרוי מאַשקאָ האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אירע אומקלאָרע, גרויע אויגן, מיט אַ געוויסן חידוש. איר האָט אימפּאָנירט זיין דרייסטקייט און די קלאָרקייט פון שכל, מיט וועלכער ער האָט געקענט צוגעבן אַן אָנשטענדיקע גצועלשאַפטלעכע ווענדונג זיינע ווערטער. ער האָט איר באַ דעם אויסגעוויזן אין דער רגע פאַר אַ שיינעם מאַנסביל, פאַר אַ סך אַ שענערן פון איר מאַן.

— אַנטשולדיקט — האָט זי אַ זאָג געטון.

— דאָס וועט אַזוי לייכט נישט דורכגיין. איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ פאַרביסענער מענטש איך בין.

דאַמאָלס האָט זי מיט אַ געוויסער קאָקעטישקייט אים געענטפערט, ווי אַ ווען, וואָס ווייס פון זיין שײַבלײַט און זיין קראַפט:

— איך גלייב נישט.

ער האָט זיך געזעצט לעבן איר, און אָנגעמענדיק מיט דער אַ ביסל נישט זיכערער האַנט דאָס שעלעכל, האָט ער אָנגעהויבן מישן מיטן לעפעלע די טיי. אים האָט וואָס אַמאָל אַ גרעסערע אומרויִקייט באַהערשט. נישט איינמאָל פלעגט ער אַמאָל, נאָך אין אירע מיידלישע יאָרן, אָנרופן פרוי מאַשקאַ, — פיש, איצט אָבער האָט ער געפילט די וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט דורך די לייכטע מלבושים פון איר לייב און געהאַט אַזאַ איינדרוק, ווי עמעץ וואָלט אים באַשיט מיט פונקען. אים זענען ווידער געקומען אויפן רעיון אירע ווערטער: „דער מאַן גייט!" און דאָס האַרץ זיינס האָט אָנגעהויבן פאַרגאָסן ווערן מיט כוואַליעס בלוט, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי האָט זיך געקענט אָנרופן אַ פרוי, וואָס איז שוין גרייט און פאַרגעברייט אויף אַלץ. עפּעס אַ שטים האָ אים אין האַרץ געזאָגט: „דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון געלעגנהייט". — און באַ דעם געדאַנק האָט די תאווה אָפּגעלאָזטע פון דער צוים זיך פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ פרייד אַן אָפּגעלאָזטע פון צוים. ער האָט שוין אויפגעהערט לגמרי צו הערשן איבער זיך. ער האָט אַ ווײַלע אָנגעהויבן זוכן מיט זיין פוס איר פוס, פלוצלינג אָבער האָט זיך עס אים אויסגעראַכט צו גראָב און פראָסט, ער האָט ענדלעך אַ זאָג געטון צו זיך, אַז עס גייט בלויז אין צייט און געלעגנהייט, דאַרף מען דעריבער קענען צו וואַרטן. ער האָט פאַרגעסן, אַז די צייט וועט קומען, אַ געלעגנהייט וועט זיך מאַכן — און אין דעם שוידער, וואָס האָט אים דורכגענומען באַם בלויזן געדאַנק, האָט ער געפונען אַן אָנזאָג פון דער קומענדיקער ברענענדיקער אויפרעגונג.

אָבער דערווייל איז אים געווען שווער, מחמת ער האָט געמוזט אונטערהאַלטן אַ שמועס, וואָס איז לחלוטין געווען נישט צוגעפּאַסט צו זיין שטימונג און ענטפערן מאַשקאַ, וועלכער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זאַווילאָווסקיס קומענדיקע כוונות בנוגע דעם איינאָרדנען זיך פונם לעבן און וועגן פאַרשיידענע ענלעכע זאַכן. ענדלעך האָט ער זיך גענומען געזעגענען, אָבער פאַר דעם אָוועקגיין האָט ער, ווענדנדיק זיך צו מאַשקאַ, אַ זאָג געטון:

— עפּעס הינט זענען מיך באַפאַלן אויפן וועג, און איך

האָב פאַרגעסן מײַן שטעקן; באַרג מיר דײַנעם.

קײן שום הינט זענען אים נישט באַפאַלן אויפן וועג, אים איז בלויז געגאַנגען אין דעם צו בלײַבן כאָטש אַ מינוט אויג אויף אויג מיט דער פרוי מאַשקאַ, און דעריבער, ווען מאַשקאַ איז אַרויס, האָט ער שנעל זיך דערנענטערט צו איר און זיך אָפּגערופן מיט עפּעס אַ געשטיקטער, נישט זײַן שטים:

— איר זעט, וואָס מיט מיר טוט זיך?

זי האָט טאַקע געזען זײַן אויפרעגונג, זײַנע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט תאווה און זײַנע צעשפּרייטע באַלעכער — עס האָט זי פּלוצלינג באַהערשט עפּעס אַן אומרויִקייט און מורא, ער אָבער האָט בלויז געדענקט אירע ווערטער: „דער מאַן גייט!" — און געהאַט פּלוצלינג אײַן געפיל: זאָל געשען, וואָס עס וויל! — און דערזעלבער מענטש, וואָס האָט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק צו זיך געזאָגט, אַז מען דאַרף קענען וואַרטן, האָט איצט, אַוועקשטעלנדיק אַלץ אויף איין אויגנבליק אין קאָן, אַ שמעטשע געטון:

— כ'האָב אײַך ליב!

און זי איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ פאַרטײַטשטע און פאַרגליווערטע אונטערן אײַנדרוק פון די ווערטער, פון וועלכע עס האָט זיך געמוזט אָנהייבן פּשוטער פאַרראַט, און דעריבער אַ נײַע תקופה אין לעבן. זי האָט בלויז אוועקגעדרייט אַ ביסל דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן אויסמײַדן זײַן בליק. אַנטשטאַנען איז אַ שווײַגן; מען האָט בלויז געהערט פּאַלאַ ניעצקיס אַ ביסל פאַרסאַפּעטן אָטעם. אָבער אין דעם צווייטן צימער האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן מאַשקאַס סקריפּענדיקע שטיוול.

— ביז מאָרגן — האָט אַ שמעטשע געטון פּאַלאַניעצקי.

און אין דעם שמעטשען איז כמעט געווען עפּעס באַפעלעריש. פרוי מאַשקאַ איז כסדר געשטאַנען אָן באַוועגונג, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ סלופּ

— אָט איז דער שטעקן — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאַ —

איך פֿאָר מאָרגן, פֿרי אין שטאָט אַרײַן און װעל צוריקקומען ערשט אין אָװגוסט. אױב עס װעט זײַן אַ גוט װעטער, װעט איר אפשר אַזױ גוט זײַן באַזוכן מײַן פּרושה.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי.

אין אַ װײַלע אַרום האָט ער זיך געפֿונען אױפֿן פּיסטן, פֿון דער לבֿנה באַלױכטענעם װעג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַרױסגעשפּרונגען פֿון פֿײַער. די שטילקייט פֿון דער נאַכט און פֿון װאַלד האָט עפּעס סותר געװען זײַן אױפֿרעגונג, אַז אים האָט זיך אַ װאָרף געטון אין די אױגן װי עפּעס אומגעװײנטלעכס. דער ערשטער אײַנדרוק, װאָס ער האָט זיך באַװיזן קלאָר צו מאַכן, איז געװען דאָס געפֿיל, אַז זײַן אינערלעכער קאַמף האָט זיך געענדיקט, אַז געענדיקט האָבן זיך די װאַקלענישן, אַז פֿאַרבערנט שױן זענען די בריקן און אַז עס איז געשען. עפּעס אַן אינערלעכע שטים האָט אָנגעהױבן שרײַען אין זײַן נשמה, אַז קודם-כּל איז געשען דאָס, װאָס ער איז אַן אױסװורף, אָבער דװקא אין דעם געדאַנק האָט געשטעקט די יאַושדיקע דערלײַכטערונג, מחמת ער האָט צו זיך געטענהט, אַז קוים איז עס אַזױ, מוז ער דאָך מיט זיך שלום שליסן װי מיט אַן אױסװורף, און דערבײַ „זאָל אַלץ אײַנגעזונקען װערן און זאָל אַלץ דער טײַװל נעמען!" אַן אױסװורף דאַרף לכל-הפּחות מיט זיך נישט קעמפֿן און קען זיך נעמען פֿרײַהײט, אַזױ איז עס! עס איז געשען און די בריקן זענען פֿאַרברענט! פֿאַרראַטנדיק מאַריניאַ, װעט ער צעטרעטן איר האַרץ, צעטרעטן ערלעכקײט, צעטרעטן די פּרינציפּן, אױף װאָס ער האָט געבױט זײַן לעבן, אָבער פֿאַר דעם װעט ער האָבן פּרוי מאַשקאַ! איצט איז אײנס פֿון די בײדע: אָדער זי װעט אים פֿאַרמסרן פֿאַר, מאַן, און מאָרגן װעט פֿאָרקומען אַ דועל — איז אױב עס װעט געשען, זאָל עס געשען! — אָדער זי װעט שװײַגן, און אין דעם פֿאַל װעט זי װערן זײַן שותּפֿטע. מאָרגן װעט מאַשקאַ אָפּפֿאָרן, ער װידער װעט האָבן אַלץ, װאָס ער װיל, װען פֿריער אַפֿילו זאָל די װעלט אונטערגײן. אױב זי װעט אים נישט פֿאַרמסרן, איז שױן בעסער, זי זאָל זיך נישט פּרוּװן אַקעגנשטעלן. ער האָט זיך

אויך פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט עס נישט פּרוּוון, אָדער וועט עס טון בלויז לפנים, און אין אים האָט אָנגעהויבן אויף דאָס ניי צו זידן. איר צניעותדיקייט, וואָס האָט אַמאָל געוועקט אין אים פאַראַכטונג, איז איצט געוואָרן פאַר אים נאָך אַ לאָקונג. ער האָט זיך געמאָלט דעם מאָרגנדיקן טאָג אין דער פּרויס פּאַסיווקייט. נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן תוהו-ובוהו פון געדאַנק, האָט ער אויסגעצייכנט משׂיג געווען, אַז זי וועט דווקא אין דער פּאַסיווקייט אירער שפּעטער זוכן פאַר זיך אַ תירוץ. זי וועט צו זיך זאָגן, אַז זי האָט נישט צוגעריכט זיך צו דער שולד, אַז מען האָט זי געצוווּנגען צו דעם — און אַזוי אַרום באַרן איר אייגן געוויסן, גאָט, און אויב מען וועט באַדאַרפן אויף דעם מאַן. און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער זי בונקט אַזוי פאַראַכט, ווי געגאַרט, אָבער נלייכצייטיק געפילט, אַז ער אַליין איז מער נישט ווערט. און אַז אויפן גרונט פון עפּעס אַ צווקלייב, נישט בלויז אַ נאַטירלעכן, נאָר אויך מאָראַלישן, דאַרפן זיי צו זיך באַאַנצנדער גיהערן.

ער האָט אויך באַנומען, אַז פאַר אים איז שוין צו שפּעט זיך צוריקצוציִען פונעם וועג, און אַז אויב די זעלבע ליפּן, וואָס האָבן מאָריניאַן געשוווירן ערלעכקייט און ליבע, האָבן אַן אַנדערער פרוי געזאָגט: „כ'האָב ליב" — איז דאָס גרעסטע ביין שוין געטון געוואָרן. דאָס איבעריקע איז שוין געווען בלויז אַ פּשוטער פּועל-יוצא. וואָס מען האָט נישט געטאָרט אָפּלאָזן שוין בלויז דערפאַר, ווייל לכל-הפּחות איז עס געווען אַגב אַ תענוג, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי מוזן טראַכטן אַלע, וואָס אַרויסוואַרפנדיק דורכן פענסטער די ערלעכקייט, לאָזן זיך אויף ממזרישע שטיק. אָבער דאָס טראַכטן גופא האָט זיך אים אויסגעוויזן פונקט אַזוי ריכטיק, ווי אוממאָראַליש. און וואָס ער פלעגט אַנהייבן טראַכטן נ־כטערנער, אַלץ האָט ער זיך געחידושט אויף זיין אייגן פאַרדאָרבנקייט. ער האָט שוין געזען אַ סך שלעכטס און שמוץ, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער וועלט אונטער דער פאָרם פון גלאַנץ און ריינקייט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז די פאַרדאָרבנקייט האָט אונטער דער השפּעה פון געמיינע

ביכלעך זיך אויסגעאַרבעט בירגערשאַפט; ער האָט אָבער געזען, אַז ער איז אין כּעס געווען אויף דעם, אַז ער האָט געהאַלט פאַר זיין געזעלשאַפט פּשטות און שטרענגע מנהגים, אין דער איבערצייגונג, אַז נאָר אויף אַזעלכע יסודות קען זיך אַנטוויקלען די געזעלשאַפטלעכע פעסטקייט און ווידערשטאַנדקראַפט. קיין זאַך האָט נישט געוועקט אין אים אַזוי פיל מורא פאַר דער צוקונפט, ווי דאָס עלעגאַנטע בייז פון מערב, וואָס איז פאַרזייעט אויפן ווילדן סלאַווישן באָדן און וואַקסט אויס אין אַ קרענקלעכער בלום פון דילעטאַנטיזם, אויסגעלאַסנקייט, אָנמאַכט און פאַראַט. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט איינמאָל באַשולדיקט אין דער זריעה דאָ די הויכע פינאַנציעלע קרייזן, דאָ אַריסטאָקראַטיע פון יחוס, און נישט איינמאָל צוליב דעם אומברחמנותדיק זיי באַפאַלן. איצט האָט ער משיג געווען, אַז דער וואָס לעבט אין אַן אַטמאָספערע, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט קוילנזויער מוז פאַרטשאַדעט ווערן. מיט וואָס־זשע איז ער געווען בעסער פון אַנדערע? מיט וואָס איז ער ריכטיקער געווען ערגער פון אַנדערע, וואָס, באָדנדיק זיך אין זנות, ווי קאַטשקעס אין וואַסער, שפּילן זיי זיך נישט לכל־הפּחות אין מוסר, נאַרן זיך נישט, מאַכן נישט פאַר אַנדערע קיין געזעצן און שטעלן נישט אַוועק דעם אידעאַל פון אַ גייסטיק געזונטן מענטש, פון אַן ערלעכן מאַן, ערלעכן פאָטער אַלס פאַרפליכטנדיקן מוסטער. ער האָט זיך במעט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער זאָל האָבן געווען דערזעלבער מענטש, וואָס האָט אַמאָל געקענט ליב האָבן מיט אידעאַלער פריינטשאַפט פרוי עמיליאַן. וואָס האָט אויפריכטיק צוגעזאָגט מאַריאַנען ערלעכקייט אינם חתונה־לעבן און וואָס האָט ענדלעך זיך געהאַלטן פאַר אַ קלאָרן אינטעלעקט, און ערלעכן און שטאַרקן כאַראַקטער פון אַנדערע.

ער, אַ שטאַרקערער אין קראַפט איז געווען בלויז אַן אילוזיע, וואָס האָט געשטאַמט פון מאַנגל אין נסיונות. אויב ער האָט ליב געהאַט פרוי עמיליאַן מיט אַן אידעאַל געפיל פון אַ ברודער, אויב ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט פרוי אַסנאַוואָסקאַס קאָקעטישקייט, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוועקט אין

אין די חיהשע גליסטונג וואָס עס האָט געוועקט די ליאַלקע מיט די רויטע אויגן, וועלכע זיין נשמה האָט צאַפּגעשטויסן, און צו וועלכער זיינע חושים האָבן פֿון לאַנג אָן זיך געריסן. ער האָט איצט געטראַכט, אַז זיין געפֿיל צו מאַריניאַן איז קיינמאָל נישט געווען ערלעך, אַז אין עצם איז עס אויך נישט מער געווען ווי אַ חיהשע גליסטונג. די געוווינהייט האָט אים אָפּגעשטומפּט, און דעריבער האָט ער אָן אָפּגעהאַלטענער אַ חוץ דעם נאָך, דורך מאַריניאַס צושטאַנד, זיך געווענדט, ווו ער האָט געקענט — און געווענדט זיך אָן שום אָפּהאַלט, אָן לאַנגע שהיות, תּיכּף אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער חתונה.

און פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט אַרויסגייענדיק פֿון די מאַשקאַס, געפֿילט, אַז ער איז אַן אויסוווּרף, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן זיך טראַכטן, אַז ער איז אַ סך אַ גרעסערער אויסוווּרף, ווי ער האָט תּחילת געמיינט, מחמת ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער האַלט בײַ ווערן אַ פֿאָטער.

אינדערהיים, אין מאַריניאַס פֿענסטער, זענען די לאָמפּן נאָך נישט געווען אויסגעלאָשן. פּאָלאַניעצקי וואָלט געווען געגעבן וויפֿיל ער זאָל זי שוין טרעפֿן שלאָפֿן; אים איז אפֿילו געקומען אויפֿן רעיון צו גיין ווייטער און זיך נישט אומצוקוקן, כּל-זמן אין די פֿענסטער וועט נישט פֿינסטער ווערן. פּלוצלינג האָט ער אָבער באַמערקט אַ סילועט אויף דער שויב. זי האָט אים געמוזט אויסקוקן, און היות פֿאַר דעם הויז איז געווען ליכטיק, האָט זי אים געמוזט באַמערקן. דאָס אַ טראַכט טוענדיק איז ער אַריינגעגאַנגען.

ער האָט זי שוין געטראָפֿן אין דעם ווייסן נאַכט קאָפּטנדל מיט צעלאָזטע האָר. אין די צעלאָזענע האָר איז עפּעס געווען אַ געוויס בכּיוונדיק חנדל, מחמת זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט שיינע האָר און ער האָט ליב זיך מיט זיי צו שפּילן.

— פֿאַרוואָס האָסטו זיך נישט געלייגט? — האָט ער אַריינגייענדיק אַ פֿרעג געטאָן.

זי אָבער האָט זיך דערנענטערט צו אים אַ שלעפּעריקע אָבער אַ שמייכלענדיקע, און אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב געוואַרט אויף דיר מיטן פֿאַטשערוש.

זינט זיי זענען געווען אין רוים פֿלעגן זיי די אָוונט-תּפֿילה אָפּריכטן צוזאַמען. איצט אָבער האָט דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם זיך אויסגעוויזן אומדערטרעגלעך.

מאַרינײַאַ האָט דערווײַל גענומען אים אויספֿרעגן:

— נו, סטאַך, ביסט צופֿרידן, וואָס דו האָסט אים מציל געווען?

— יאָ — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי.

— און זי, זי ווייסט וועגן זײַן לאַגע?

— זי ווייסט יאָ און ווייסט נישט. ס'איז שוין שפּעט. קום שלאָפֿן.

— אַ גוטע נאַכט! ווייסט וועגן וואָס איך האָב דאָ אַליין געטראַכט? אַז דו ביסט אַזאַ ווילער און גוטער.

און אויסציִענדיק צו אים איר פּנים, האָט זי אים אַרומגענומען פֿאַרן האַלדז, ער ווידער האָט איר אַ קוש געטון, פֿילנדיק באַ דעם הן די ריינע ערלעכקייט פֿון דעם מענטש, הן זײַן נידערטרעכטיקייט, און די גאַנצע ריי געמיינהייטן, וואָס עס וועט אים שפּעטער אויסקומען אָפּצוטון.

איינע האָט ער שוין איצט אָפּגעטון, אַוועקשטעלנדיק זיך אויף די קני צו דער תּפֿילה, וואָס מאַרינײַאַ האָט הויך אָנגעהויבן אָפּצוריכטן. ער האָט עס נישט געקענט נישט טון, און טועבדיק עס, האָט ער בלויז געשפּילט אַ געמיינע קאָמעדיע, ווײַל ער האָט נישט געקענט מתפּלל זײַן.

נאָכן סוף תּפֿילה און דעם צווייטן מאָל אַ גוטע נאַכט האָט ער אויך נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז גייענדיק פֿון די מאַשקאַס האָט ער ברעיון ארומגענומען הן זײַן טאַט, הן אַלע זײַנע מאָראַלישע רעזולטאַטן. דערווײַל אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט. אים איז איצט געקומען אין קאָפּ אַרײַן, אַז אין גאָט קען מען נישט גלייבן, אָבער חוזק מאַכן פֿון אים טאָר מען נישט. באַגיין למשל אַ בגידה, קומען מאָרגן צי איבערמאָרגן נאָכן מזנה זײַן אַ היים און שטעלן זיך אויף די קני צו דער תּפֿילה — דאָס איז שוין צופֿיל. ער האָט געפֿילט,

אַז ער מוז אויסקלויבן: אָדער דאָס רעליגיעזע געפיל און די ער-
לעכע אמונה, אָדער פרוי מאַשקאַ! צונויפפאָרן די ביידע זאַכן
טאָר מען נישט. און פּלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז אַלץ, וואָס
ער האָט אין משך פון יאָרן טראַכטן אין זיך אויסגעאַרבעט און
איינגעשטעלט, אַז די געוואַלטיקע רו, וואָס שטאַמט פונם באַשיידן
דעם עיקר רעטעניש פון לעבן, מיט איין וואָרט דאָס, וואָס עס
איז געווען דער מהות פון זיין גייסטיק זיין, האָט ער געמוזט
פשוט אָפּשטויסן. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט ער פאַר-
שטאַנען, אַז פון מאָרגן אָן מוז מען אָנהייבן זאָגן ליגן זיינע
אייגענע געזעלשאַפטלעכע פרינציפּן, זיין אָנערקענען די משפחה,
אַלס יסוד פון געזעלשאַפטלעכן זיין. מען טאָר אויך נישט פריי-
דיקן אַזעלכע פרינציפּן, אין פריוואַט — פאַרפירן פרעמדע ווײ-
בער. מען דאַרף דאַ אויך מאַכן אַן אויסוואַל. וואָס שייך מאַרי-
ניאַן, איז דער שקר בנוגע צו איר שוין אָפּגעטון געוואָרן. אַזוי
אַרום איז מיט איין קלאַפּ חרוב געוואָרן זיין באַציִונג צו גאָט,
צו דער געזעלשאַפט, צו פרויען, מיט איין וואָרט, דער סופיט
פון דעם מי-פּול געטראַגענעם הויז איז אים אויפן קאָפּ אַראָפּגע-
פאַלן. און דאָס פאַרשפּיצן זיך פונם בייז האָט אים אַ ביסל פאַר-
חידושט. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז נאָכדעם איבערשניידן
איין פאָדעם זאָל די גאַנצע נאָנט זיך אַזוי פּלוצלינג צעטרענען,
און ער האָט אַ ביסל אַ פאַרחידושטער אָנגעהויבן זיך שטעלן אַ
פראַגע: ווי קען אויף דער וועלט עקזיסטירן אַזאַ מין אַפּאַרטו-
ניזם, וואָס פאָרט צונויף אין לעבן בגידה מיט ערלעכקייט און
ערע? ווייל סוף-כּל-סוף איז דאָך אַזוי געווען. ער האָט געקענט
אַ סך אַזוי גערופענע אָרנטלעכע מענטשן, באַווייבטע, וואָס האָבן
ליב געהאַט זייערע ווייבער, כּלומרשט רעליגיעזע — און וואָס
האָבן זיך באַ דעם געיאָגט נאָך יעדער פרוי, וואָס זיי פלעגן
באַגעגענען. די זעלבע, וואָס וואָלטן יעדע אָפּווייכונג מצד זייערע
ווייבער פון דרך-הישר געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן, האָבן זיך
דערלויבט פאַראַטן זייערע פרויען אָן שום שהיות. ער האָט זיך
דערמאָנט, אַז עמעץ פון זיינע באַקאַנטע, אַ צוגעדריקטער צוליב
דעם צו דער וואַנט, האָט זיך פריילעך אַרויסגעדרייט מיטן באַ-

ווסטן גאַסנחיץ, אַז ער איז נישט קיין שוועדיש-שוועבעלע. סוף-כּל-סוף איז בגידה אַ וואַכעדיקע זאַך און צווישן מאַנסלייט איז עס געוואָרן עפּעס אַ דערלויבטע זאַך, כמעט אַ מנהג. פּאָלאַניעצקין האָט דער געדאַנק געבראַכט אויף אַ מינוט אַ דערלייכטערונג, אָבער אַ קורצע, מחמת ער איז געווען אַ לאָגישער מענטש, אויב נישט אין זיינע מעשׂים, איז לכל-הפּחות אין טראַכטן. יאָ! די וועלט באַשטייט פון לייכטע און אומזיניקע מענטשן — און דער אָפּאָרטוניזם, וואָס פּאָרט צונויף זנות מיטן באַגריף פון ערע און ערלעכקייט, איז נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי אומזין. וואָרים אין וואָס קען אַ מענטש אויסלייזן פון זיינע זינד אַ מנהג, וואָס אַנערקענט די אַנמאָראַלישקייט און די טפּשות פונעם מנהג? פאַר אַ שוטה — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי — איז בגידה אפשר אַ פריילעכער פּאָרפּאַל; פאַר אַ מענטש, וואָס קען ערנסט דענקען, — אַ געמיינהייט, וואָס איז פּונקט אַזוי קעגן דער עטיק, ווי גנבה, ווי אונטערשרייבן פרעמדע נעמען אויף וועקסלען, ווי דאָס ברעכן אַ שבועה, ווי דאָס ברעכן אַ וואָרט, ווי שווינדל אין מסחר אָדער אין קאָרטן. די רעליגיע קען מוחל זיין עבירות פון זנות, אַלס אַ צייטווייליקע ירידה, אָבער זנות, וואָס מען לייזט אויס פאָראויס, שליסט אויס רעליגיע, די בירגערשאַפט, די ערלעכקייט און די ערע. פּאָלאַניעצקי, וואָס איז אין זיין טראַכטן תּמיד געווען אויפריכטיק בנוגע צו זיך, און בכלל תּמיד אַנטשלאָסן, האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן אויך פונעם ענדגילטיקן פּועל-יוצא.

פאַר דעם האָט ער זיך דערשראָקן, ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ תּהום. אויב ער וועט זיך נישט צוריקציִען, וועט ער דעם קאָפּ צעברעכן. גלייכצייטיק אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן פייניקן צוליב זיין אייגענער שוואַכקייט. ער האָט זיך שוין גענוג געקענט — און מיט צער, אָבער גלייכצייטיק מיט פאַראַכטונג פאַר זיין אייגענער שוואַכקייט, איז ער פאָרויס געווען איבערצייגט, אַז ווען ער וועט דערזען פרוי מאַשקאַ — וועט די מענטשלעכע חיה נעמען אין אים די אויבערהאַנט איבער דער נשמה. זיך צוריקציִען? — ער האָט זיך דאָך דאָס געחזרט און

באַשלאָסן נאָך יעדן נסיון, און נאָכדעם, נאָך יעדן ווייסטערדיק אַז די תאווה האָט געטראָגן ביזן ריק אין לענד צעברעכן זיין ווילן, ווי אַ ווילד פערד, וואָס פאַרטראָגט דעם רייטער. בלויז באַם דערמאָנען זיך אין דעם פלעגט ער שעלטן מיט טויטע קללות. ווען ער זאָל אינדערהיים געווען זיין אומגליקלעך, ווען זיין תאווה זאָל געווען אויסוואַקסן אויפן פּאָן פון גרויסער ליבע — וואָלט ער געהאַט נאָך עפּעס אַ פאַרענטפערונג; ער האָט אָבער פרוי מאַשקאַ נישט ליב געהאַט, נאָר זי געגאַרט. פון דעם שפּאַלטן זיך פון דער מענטשלעכער נאַטור האָט ער זיך קיינמאָל קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן; ער האָט בלויז געוווּסט, אַז ער האָט געגאַרט און וועט גאַרן באַ יעדן מאָל ווען זי, באַ יעדן געדאַנק וועגן איר.

וואָלט אים געבליבן אַלזאָ איין עצה: נישט זען זי — אַן אוממעגלעכע עצה. נישט בלויז צוליב די כּל-המינים באַציִונגען פון באַקאַנטשאַפט, נאָר שוין צוליב דעם, וואָס אין דעם פאַל וואָלט מאַריניאַ אָנגעהויבן עפּעס וואָ פּן אַ חשד. פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַפילו נישט משער געווען, אַז עס איז שוין אַזוי בע-וועגן, און אַז זי האָט בלויז באַהאַלטן פאַר אים אירע יסורים — ער האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ווען דער פאַרראַט זייגער זאָל אויף וואָס עס איז פאַר אַן אופן אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, וואָלט עפּעס פאַר דער זיסער און גלייביקער פרוי געווען אַ קלאַפּ ממש איבער די כּוחות. און זיין געוויסנס-ביסן איז נאָכמער געוואַקסן. אים האָט אָנגענומען אַ גרויסער צער און רחמנות אויף איר, און גלייכצייטיק אַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין. נישט קוקנדיק אויף דעם חשכות, איז אים דאָס בלוט גע-קומען אין פּנים אַריין באַם בלויזן דערמאָנען זיך, אַז ער האָט דער פרוי מאַשקאַ געזאָגט: „כ'האָב ליב!", אַז דאָס פאַטאַלע וואָרט איז שוין געפאַלן, אַז ער האָט אָפּגענאַרט און פאַרראַטן דאָס ווױלע, ערלעכע באַשעפעניש און אַז ער וואָלט פעיִק געווען צו נאַרן איר צוטרוי און צעטרעטן איר האַרץ.

אַ ווײַלע האָט זיך אים דאָס אויסגעדאַכט פאַר אַ ריינע אוממעגלעכקייט, דאָס געוויס; אָבער האָט אים געענטפערט; „די

וואָלסט פעדיק געווען!" — אָבער אין דעם צער און אין דעם רחמנות אויף איר האָט ער געפונען אַ געוויסע נחמה, מחמת ער האָט דערקענט, אַז זיין געפיל צו איר איז געווען און איז עפּעס מער, ווי אַ חיהשע גליסטונג, און אַז אין אים האָבן עפּעס גע-שטעקט קניפּן, וואָס שטאַמען פון צוזאַמענלעבן, פון קעגנזייטיקן געהערן צו זיך, פון חתונה, פון פאַרייניקן זיך אויפן גוטן און שלעכטן מזל, פון גרויס אַכטונג און צוגעבונדנקייט, וואָס האָט להבא געזאָלט געשטאַרקט ווערן נאָך דורך אַ קינד. ער האָט זי קיינמאָל נישט ליבער געהאַט, ווי אין דער מינוט פון איבערלע-בער צעריסנקייט, און קיינמאָל נישט געוועקט אין אים קיין גרע-סערע האַרציקייט. עס האָט גענומען טאָגן, דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס איז אַריינגעדרונגען דער באַגינען און אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַ בלאַסן שיין, ביי וואָס מען האָט אומקלאָר אָנגעזען איר טונקעלן, איינגעגראָבענעם קאָפּ אין די קישנס; פּאָלאַניעצקיס האַרץ ווידער האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ געפיל, אַז דאָס איז זיין איינציק און העכסט גוטס, אַז דאָרט שלאָפט זיין געליבסטע חברטע, זיין בעסטע פריינטין, זיין פרוי און די קומענדיקע מוטער פון זיין קינד. און קיין שום אויספירן, קיין שום באַטראַכטונגען איבער דער רעליגיעזער און געזעלשאַפט-לעכער געמיינקייט פון זנות האָבן נישט אָנגעפילט אים מיט אַזאַ עקל צו דעם און צו זיך אַליין, ווי אָט בילד פון דעם זיסן איינגעשלאָפענעם פּנים. דער שיין איז דורך די שפּאַרעס, וואָס אַמאָל מער דורכגעדרונגען, און איר קעפּל האָט זיך וואָס אַמאָל מער אַרויסגעהויבן פון שאָטן; מען האָט שוין אָנגעזען די האַלב-קרייזן פון אירע טונקעלע וויִעס אויף די באַקן — און פּאָלאַ-ניעצקי האָט, קוקנדיק אויף איר, אָנגעהויבן רעדן צו זיך: „דיין ערלעכקייט וועט מיר העלפן!" פּלוצלינג האָבן די בעסערע גע-פילן גענומען אין אים די איבערהאַנט: די חיה האָט אָפּגעטרעטן איר אָרט פאַר דער נשמה, און אַ געוויסע האָפערדיקייט האָט אים באַהערשט, מחמת ער האָט געטראַכט, אַז ווען ער זאָל זיין אַזאַ אויסוואָרף, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָלט ער מיט אַ לייכטער האַרץ געגאַנגען נאָך דער שטים פון תאווה און נישט איבערגעלעבט אַזעלכע עגמת-נפשן.

צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט שפּעט, אַ מידער און אַ ביסל אַ קראַנקער. ער האָט געפילט עפּעס אַן אַפּאַטיע און אויסגעשעפּטקייט, וואָס ער האָט פריִער נישט איבערגעלעבט. בײַם טאָגשײַן, און צו דעם בײַם שײַן פון רעגנדיקן און פינצטערן טאָג, האָט זיך דער גאַנצער ענין אויסגעוויזן אַנדערש, ניכטערנער און פּשוטער — און די צוקונפט האָט אים נישט אויסגעוויזן אַזוי סכּנהדיק, דער חטא נישט אַזוי גרויס. אַלץ איז קלענער געוואָרן אין זײַנע אויגן. ער האָט איצט אָנגעהויבן דער עיקר טראַכטן וועגן דעם, צי פרוי מאַשקאַ האָט זיך אין אַלעם מודה געווען פאַרן מאַן, צי ניין. מינוטנווײַז האָט ער געהאַלטן אַז יאָ, און בײַ דעם געדאַנק האָט ער געפילט דאָס, וואָס עס פילט אַ מענטש, וואָס איז בחנם אַרײַנגעקראָכן אין אַ גרויס און אומאַנגענעם פאַרלעגנהייט. ביסלעכווײַז אָבער איז דאָס געפיל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָס אַמאָל אַ גרעסערע און לעבעדיקערע אומרויִקייט. „די לאַגע איז אַ נאַרישע — האָט ער צו זיך געזאָגט — מאַשקאַן קען מען אויך פאַרוואַרפן, ער איז אָבער נישט קיין שלימזל, נישט קיין פּחדן — און ער וועט אַזאַ באַליידיקונג נישט באַהאַלטן אין קעשענע. ובכן דערקלערונגען, אַ סקאַנדאַל — אפשר אַ דועל? זאָל עס דער רוח נעמען! וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מעשה, אויב די זאַך וועט דערגיין צו מאַריניאַן.״ און ער האָט אָנגעהויבן אין כּעס זײַן אויף דער גאַנצער וועלט, ביז איצט האָט ער געהאַט פולקאָמע רו, וועגן קיינעם נישט געדאגהט, מיט קיינעם זיך נישט גערעכנט. היינט אָבער האָט ער אין קאָפּ געדרייט אויף אַלע זײַטן די ווערטער: „זי האָט געזאָגט? — נישט געזאָגט?״ — און פון דער פרי אָן וועגן קיין אַנדערע זאַך נישט געקענט טראַכטן, דערגאַנגען איז צו דעם, אַז ער האָט ענדלעך זיך געשטעלט די שאלה: „וואָס איז עס צו אַלדי רוחות, צי האָב איך מורא פאַר מאַשקאַן? — איך?״ ער האָט אָבער פאַר מאַשקאַן קיין מורא נישט געהאַט, נאָר פאַר מאַריניאַן, וואָס איז פאַר אים אויך געווען עפּעס אי אַ גײַסט. אי אַ חידוש, מחמת ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק וואָלט ער ניכער געווען צובלאָזן אַלץ, איידער דאָס, אַז ער וועט ווען עס

איז פאַר איר מורא האָבן. און וואָס נענטער עס איז געוואָרן צו מיטאָג-צייט, האָט דער ענין, וואָס האָט זיך אים איינדערפרי גע־מאָלט אין אַ קלענערער מאָס, ווידער אָנגעהויבן וואַקסן אין זיי־נע אויגן. מינוטנווייז האָט ער זיך געשטאַרקט מיט דער האָפ־נונג, אַז פרוי מאַשקאָ וועט שווייגן, מינוטנווייז האָט ער זיך פאַר־לוירן — און דעמאָלט האָט ער געפילט, אַז נישט בלויז מאַרי־ניאַן, גאָר קיינעם נישט וועט ער דערוועגן צו קוקן אין די אויגן אַריין, און ער האָט אויך מורא געקריגן פאַר ביגעלן, פאַר פרוי ביגעל, פרוי עמיליאַ, זאַווילאָווסקין, מיט איין וואָרט: פאַר אַלע באַקאַנטע. „אָט, וואָס עס הייסט אָנמאַכן! — האָט ער גע־טראַכט — וויפיל איין שטות קאָסט אָפּ!" זיין אומרו האָט זיך אַזוי פאַרגרעסערט, אַז ענדלעך האָט ער מיטן אויסרייד, אַז ער שיקט אָפּ דעם שטעקן, געשיקט דאָס יינגל צו פרוי מאַשקאָן מיט אַ גרוס און מיט אַן אָנפראַגע וועגן איר געזונט.

דער באַדינער איז צוריקגעקומען אין אַ האַלבע שעה אַרום. פּאָלאַניעצקי האָט אים געזען דורכן פענסטער, און אַראָפּגייענדיק שנעל צו אים אַנטקעגן, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער האָט גע־בראַכט פון פרוי מאַשקאָן אַ בריוו צו מאַריניאַן. אָפּנע־מענדיק דעם בריוו, האָט ער אים איבערגעגעבן מאַריניאַן, און דאָס האַרץ זיינס האָט אים אָנגעהויבן נאָך אומרויִקער קלאַפּן, בשעת ער האָט נאָכגעפאָרשט איר געזיכט, ווען זי האָט געלייענט.

מאַריניאַ אָבער, ענדיקנדיק, האָט אויפגעהויבן צו אים איר רויִקע אויגן און אַ זאָג געטון:

— פרוי מאַשקאָ בעט אונדז היינט אויף אָוונטברויט און די ביגעלס אויך.

— אַ! — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, אָפּאָטעמענדיק מיט דער פולער ברוסט.

און אין האַרץ באַ זיך צוגעגעבן:

— נישט געזאָגט!

— מיר וועלן גיין? אמת? — האָט אַ פרעג געטון מאַ־ריניאַ.

— ווי דו ווילסט... דאָס הייסט... גיי מיט די ביגעלס,

איך מוז נאָכמיטאָג פאָרן אין שטאָט אַריין. איך מוז זיך זען מיט שווירסקין. אפשר וועל איך אים אָהערברענגען.

— איז אפשר זיך אַרויסדרייען?

— ניין, ניין! גיי מיט די ביבעלס, אפשר וועל איך אויפן וועג צוטרעטן און זיך פאַרענטפערן. אָבער דאָס איך נישט. פאַרענטפער דו מיך.

און ער איז אַרויס, מחמת ער האָט געדאַרפט בלייבן איינער אַליין, מיט זיינע געדאַנקען.

— זי האָט נישט געזאָגט.

פאָלאָוויעצקין האָט באַהערשט אַ געפיל פון דערלייכטערונג און פרייד. זי האָט דעם מאַן נישט געזאָגט, זיך נישט באַליידיקט, זיי פאַרבעטן, ובכן איז זי מסכים אויף אַלץ, זי איז גרייט צו גיין ווייטער — און גיין אומעטום. ווו ער וועט זי וועלן פירן. וואָס-זשע דען איז טייטש דאָס פאַרבעטן, אויב נישט דאָס וועלן אים באַרויקן — אויב נישט אַ תשובה אויף זיין: „ביז מאָרגן!“ איצט אַלזאָ וועגדט זיך אַלץ אָן אים. און אַ שווידער איז אים ווידער דורך פון פיס ביזן קאָפּ. ס'איז שוין מער קיין מניעות נישטאָ, סיידן אין אים גופא. דער פיש האָט דעם האָטשעק אַראָפּגעשלונגען, זי האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט. דאָ האָט אים אָנגעכאַפּט אַ געפיל פון טריומף און הנאה פון אייגנליבע, און גלייכצייטיק, טראַכטנדיק וועגן פרוי מאַשקאַ, האָט ער כמעט אָנגעהויבן זי אין האַרץ איבערבעטן, וואָס ער האָט געקענט מינוטנווייז מסופק זיין אין איר — און האַלטן זי כאָטש פינף מינוט פאַר אַן אָנשטענדיקע פרוי: איצט האָט ער לכל-הפּחות געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ מיינונג צו זיין וועגן איר, און ער איז איר געווען פאַר דעם דאַנקבאַר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבן לאַכן פון זיין פריערדיקער מורא. אַזוי אַרום האָט ער איר געבראַכט איר ערשטן אויסדרוק פון כבוד, וואָס איר איז געקומען — פאַראַכטונג. זי האָט פאַר אים אויפגעהערט צו זיין שוין עפּעס אומצוטריטלעכס, עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מען פירט אַ קאַמף צווישן מורא און האָפענונג. נישט ווילנדיק האָט ער זי געמאָלט זיך איצט אַלס עפּעס זיינס, אַלס אַן אייגענע זאַך, תמיד אַ רייצנדיקע, אָבער

מיט דעם גופא זייטיקער געשעפטע. אים האָט אויך פאַרשאַפט נחת דער געדאַנק, אַז אויב ער וועט ביישטיין דעם נסיון, וועט עס שוין זיין בלויז זיין אייגנס אַ פאַרדינסט. איצט, בשעת די טיר איז געווען אָפן, האָט ער אַ פאַרחידושטער באַמערקט, אַז עס וואַקסט אין אים דער חשק פון ווידערשטאַנד. אים איז נאָכאַמאָל פאַרבייגעפלויגן דורכן געדאַנק אַלץ, וואָס ער האָט צו זיך געזאָגט וועגן בגידה, בשעת דער שלאָפלאָזער נאַכט — נאָכאַמאָל האָט דאָס האַרץ אים דערמאָנט אָן מאַריניאַן, אָן איר ערלעכקייט, בראַווקייט, נאָענט ווערן אַ מאַמע — און די גרויסע שלווה, דאָס איינציקע אמתע גליק, וואָס ער האָט לעבן איר געקענט געפינען — און ער האָט צום סוף פון די אַלע באַטראַכטונגען באַשלאָסן צו פאָרן אין שטאָט אַריין און נישט זיין בא פרוי מאַשקאַ.

נאָכן מיטאָג האָט ער געהייסן איינשפאַנען. זיצנדיק שוין אויף ביגעלס קעטשל, האָט ער זיך איבערגעבויגן, אַרומגענומען מאַריניאַן און, זאָגנדיק איר צום געזעגענען: „ווייל זיך גוט" — איז ער אַוועקגעפאָרן. זיין אויסגעשעפטקייט פון דער פרוי איז איבער, ער האָט אַפילו צוריק באַקומען הומאָר, וואָרים ער האָט זיך געפילט באַפרײַדן פון זיך אַליין. אים האָט זיך אומגעקערט דער גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות און אין זיין אייגענעם כאַראַקטער. אים האָט בא דעם אַ געוויסע רייצנדיקע הנאה געטון פון געדאַנק וועגן פרוי מאַשקאַס פאַרוווּנדערונג, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז ער איז זיך אַוועקגעפאָרן און נישט בדעה געהאַט בא איר צו זיין. ער האָט עפעס געפילט אַ באַדערפעניש זיך נוקם צו זיין פאַר איר פיזישן איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט. זינט דעם בריוו אָן מיט דעם פאַרבעטן, וואָס זי האָט געשריבן צו מאַריניאַן, האָט זיך זיין פאַראַכטונג צו איר אַזוי פאַרגרעסערט, אַז ער האָט אין אַ ווייל אַרום אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער וואָלט בכוח געווען אַפילו אַרויסצוגיין מיט נצחון, ווען ער זאָל איצט בא איר אָפטרעטן.

— און ווען איך זאָל באמת טאַקע איצט אָפטרעטן און צו

געבן אַן אַנדערע באַדייטונג די נעכטיקע ווערטער? — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך.

ער האָט אָבער תיכף אַ טראַכט געטון:

— זי כאַטש נישט קיין שווינדלער בנוגע צו זיך אַליין!

ער איז אָבער זיכער געווען, אַז זי וואָלט זיך נישט פאַר־חידושט מיט זיין קומען. באַכדעם, וואָס ער האָט איר נעכטן גע־זאָגט, האָט זי געקענט משער זיין, אַז ער וועט געפינען עפּעס אַ סיבה זי צו באַזוכן איידער מאַריניאַ מיט די בינעלס וועלן קו־מען, אָדער בלייבן נאָך זייער אַוועקגיין.

פאַר דעם אָבער, אויב זי וועט אים זען פאַרבייפאָרן, וועט זי אַ טראַכט טון, אַז ער האָט פאַר איר מורא, אָדער זי וועט אים האַלטן פאַר אַ לץ און אַ גראָבער יונג.

— ס'איז קיין ספק נישט — האָט ער ווייטער צו זיך גע־רעדט — אַז אַ מענטש, וואָס האַלט זיך אַליין נישט פאַר קיין לץ, אָדער שלימזל, וואָס קען נישט ביישטיין אַ ליאַדע ליאַלקע, וואָלט אַריינגעגאַנגען און זיך באַמיט אויף וואָס פאַר אַ נישט איז אופן צו פאַרריכטן די נעכטיקע נאַרישקייטן.

גלייכצייטיק אָבער האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אימה.

דיזעלבע שטים, וואָס האָט נעכטן אין אָוונט געשטיגן בא אים אין דער נשמה, אַז ער איז אַן אויסוווּרף, האָט עס אים אָנגעהויבן חזרן מיט טאָפּלטער ענערגיע.

— כ'וועל נישט אַריינגיין — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַ־ניעצקי — פאַרשטיין, און קענען זיך האַלטן, דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן.

פונדערווייטנס האָט זיך שוין אָנגעזען פרוי קראַסלאָווּ־סקאַס ווילע.

פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, אַז פרוי מאַשקאָ, אויס געפיל פון אַ פאַרשעמטער, פון באַליידיקטער איינליבע פון נקמה, קען מאַריניאַן זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר די אויגן עפענען. זי קען עס טון מיט איין וואָרט, מיט איין שמייכל, געבנדיק אויפן ווייט גייענדיקסטן אופן צו פאַרשטיין, אַז זיינע עפּעס חוצפּהדיקע האַנדלונגען זענען

בעשמעטערט געהאָרן אָן דער פּרוויִשער ערלעכקייט — און אַזוי אַרום אויסטײַטשן זײַן פּאַרטנאַגהייט. פּרוּוען זאָגן זעלטן ווען זיך אָפּ פון אַזעלכע קליינע גקמות, און נאָך זעל־טענער באַציִען זיי זיך איינע צו דער אַנדערער מיט רחמנות.

— ווען איך זאָל האָבן מוט אַרײַנצוגיין...

און אין דער מינוט האָט די בריטשקע זיך אויסגעגלייכט מיטן טויער פון דער ווילע.

— שטעל זיך — האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון צום ייִנגל, וואָס האָט אים געפירט.

אויפן גאַניק האָט ער באַמערקט די פרוי מאַשקאַ, וואָס האָט אָבער תיכף זיך אַ צי געטון צוריק אין שטוב אַרײַן.

פּאָלאַניעצקי איז אַדורך דעם הויף; אין דער טיר האָט אים געטראָפן דער באַדינער.

— די מאַדאַם איז אינדערהיים — האָט ער אַ זאָג גע־טון.

פּאָלאַניעצקי האָט געפילט, אַז די פיס ציטערן אונטער אים, ווען ער איז אַרויף אויפן שטאָק, דערווײַל אָבער זענען אים דורכן קאָפּ געלאָפן אָט אָ די געדאַנקען:

— ווער עס נעמט דאָס לעבן לײַכט, דער קען זיך אַלץ דערלויבן, איך נעם עס אָבער נישט לײַכט. ווען איך זאָל נאָך דעם אַלעם, און וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס איך האָב דורכגעטראַכט און וואָס איך האָב צו זיך געזאָגט, נישט קענען איבער זיך הערשן, וואָלט איך געווען דער לעצטער מענטש.

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיר פון צי־מער, אויף וועלכן דער באַדינער האָט אים אָנגעוויזן און אַ פרעג געטון:

— מען קען?

— ביטע — האָט זיך אָנגערופן דאָס געלייטערטע קולעכל.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געפונען אין פרוי מאַשקאַס בודואַר.

— איך בין אַרײַן — האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגענ־דיק איר די האַנט — דערקלערן, אַז איך קען נישט קומען צום אָנבײַסבראָיט. איך מוז פאָרן אין שטאָט אַרײַן.

פרוי מאַשקאַ ווידער איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אַראָפּגעהאָנגענע אויגן, אַ צעטומלטע, פול מיט באַמערקלעכן פּחד. האָבנדיק אין דער פיגור און אינם אויסדרוק פון געזיכט עפּעס פון אַ פאַרצווייפלטן קרבן, וואָס זעט, אַז די ענדגילטיקע שעה איז געקומען, און אַז דאָס אומגליק מוז געשען.

די שטימונג האָט אין איין רגע אויך באַהערשט פּאָלאַ־ניעצקין, און דעריבער, צוריקקנדיק זיך פּלוצלינג צו איר, האָט ער אָנגעהויבן פרעגן מיט אַ געשטיקער שטים:

— איר האָט מורא... וואָס האָט איר מורא?

IX

צומאָרגנס האָט פרוי פּאָלאַניעצקאַ באַקומען אַ בריוו פונם מאַן, אַז ער וועט דעם טאָג נישט צוריקקומען, מחמת ער פאָרט באַקוקן אַ קאָלאָניע אויף דער צווייטער זייט שטאָט. פאַר דעם איז ער געקומען אויף איבערמאָרגן און מיטגעבראַכט מיט זיך שווירסקין, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט צוגעזאָגט די ביגעלס און פּאָלאַניעצקין, אַז ער וועט זיי באַזוכן אויף דער זומערוווי-נונג.

— מאָל זיך — האָט אַ זאָג געטון, נאָכן באַגריסן זיך מיטן ווייב פּאָלאַניעצקי — אַז דאָס בוטשינעק, וואָס איך האָב באַקוקט, געפינט זיך מיט אַ מײַדזע ווייטער פון דעם אַלטן זאַווילאָווסקיס יאַשמיען; דערהויסנדיק זיך פון דעם, האָב איך באַזוכט דעם אַלטיטשקן, וואָס פילט זיך נישט גוט — און אומגע-ריכט געפינען אין יאַשמיען הער שווירסקין. ער האָט מיר גע-האָלפן באַקוקן בוטשינעק, און דאָס הויז איז אים זייער געפעלן. דאָרט איז פאַראַן אויך אַ שיינער גאָרטן, אַ גרויסער סטאַוו און אַ ביסל וואַלד. אַ מאָל איז עס געווען אַ גרויס גוט. מען האָט אָבער

אויספּאַרקויפט די ערד, אַוי, אַז באַם הויף איז געבליבן אַ גאַר־בישט.

— אַ שיינע, זייער אַ שיינע רעזידענץ — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — אַ סך שאָטן, אַ סך לופט און אַ סך רו.

— וועסט קויפן? — האָט אַ פרעג געטון מאַריביאַ.

— קען זיין. דערווייל וואָלט איך עס וועלן דינגען. מיר וואָלטן זיך דאָרט באַזעצט ביזן סוף זומער און זיך איבערצייגט, צי ס׳איז גוט דאָרט. דער בעל־הבית איז אַזוי זיכער, אַז דאָס זיין דאָרט וועט אונדז געפעלן, אַז ער איז מסכּים צו פאַרדינגען. איך וואָלט אים געוועז תיכּף געגעבן האַנט־געלט, כ׳האָב אָבער געוואָלט וויסן, וואָס דו זאָגסט צו דעם.

מאַריניאַן איז אַ ביסל אַ שאָד געווען די ביגעלס געזעל־שאַפט, באַמערקנדיק אָבער, אַז דער מאַן קוקט איר אויפמערק־זאַם אין די אויגן און האָט משמעות חשק צו וווינען דעם גאַנצן סוף זומער בײַ זיך, האָט זי דערקלערט, אַז זי איז גערן מסכּים.

די ביגעלס האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערן און לייגן זייער veto, ווען פּאָלאַניעצקי האָט זיי אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס גייט אין פּרוּוון דאָס הויז, און וועלכן ער מיט מאַריניאַן וועלן אוודאי וווינען יעדן זומער, ביזן סוף לעבן, האָבן זיי גע־מוזט מסכּים זיין, אַז די סיבּה איז אַ גערעכטע.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ זאָג געטון:

— וועל איך מאָרגן אַ זאָ דינגען און וואָס מען דאַרף נאָך האָבן פאַר אַ זאַכן וועל איך אַריבערפירן פון וואַרשע, און איבערמאָרגן וועלן מיר זיך קענען איבערציִען.

— ס׳מאַכט אַן איינדרוק, ווי איר וואָלט וועלן וואָס גיכער פון דאַנען אַנטלויפן — האָט געענטפערט פרוי ביגעל — צוואָס איז דאָס אייַלעניש?

סוף־כּל־סוף האָט מען באַשלאָסן, אַז די פּאָלאַניעצקיס וועלן זיך איבערציִען קיין בוטשינעק אין אַ פּאָר טעג אַרום, בינו־לבינו האָט מען דערלאַנגט דאָס מיטאָג, בשעת וועלכן שוויר־

סקי האָט גענומען דערציילן, ווי אַרום פּאָלאַניעצקי האָט זיך געפונען אין יאַשמיען בײַ די זאַווילאָווסקיס.

— פרייליין העלענאַ האָט געוואָלט — האָט ער אַ זאָג געטון — איך זאָל מאָלן דעם פאָטערס פּאָרטרעט, און פאַרלאַנגט, אַז דאָס זאָל קענען פאַרקומען אין יאַשמיען. איך בין געפאָרן, מחמת מיר האָט זיך געבענקט נאָך אַרבעט, אַ חוץ דעם, האָט דער אַלטיטשקער זייער אַן אינטערעסאַנטן קאָפּ. פון דעם אָבער האָט גאָרנישט געקענט אַרויסקומען. זיי האָבן דאָרט זאַלבע צווייט צוויי איילנדיקע מויערן, צוליב וואָס אין שטוב איז אַ שלעכטע באַלייכטונג. בײַ די באַדינגונגען האָב איך נישט געוואָלט מאָלן, שפּעטער ווידער האָט זיך געמאַכט נאָך איין מניעה, ווארים דער מאָדעל האָט באַקומען אַן אָנפאַל פון פּאָדאַגרע. דער דאָקטער, וועלכן זיי האָבן מיט זיך גענומען אין דאָרף אַריין, האָט מיר געזאָגט, אַז דער מצב זיינער איז נישט קיין גוטער, און אַז עס קען זיך שלעכט ענדיקן.

— מיר איז אַ שאָד דער הער זאַווילאָווסקי — האָט אַ זאָג געטון מאַרינייאַ — ווייל דאָס איז משמעות אַן ערלעכער מאַן. און פרייליין העלענאַ נעבעך, ווען ער זאָל שטאַרבן, בלייבט זי דאָך אינגאַנצן עלנט. ער גיט זיך כאָטש אָפּ אַ חשבון פון זיין מצב?

— ער גיט זיך יאָ אָפּ, און נישט אָפּ, אַזוי ווי ער: תמיד אַן אָריגינאַל. פרעגט זיך אייער מאַן, ווי ער האָט אים אויפגענומען.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— באַזוכנדיק בוטשינעק, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז יאַשמיען געפינט זיך דערלעבן, און האָב באַשלאָסן אַהינצופאָרן. פרייליין העלענאַ האָט מיך אַריינגעפירט צום פאָטער, ער האָט אָבער געהאַלטן בײַם ענדיקן זאָגן רוזשאַניעץ און האָט זיך נישט באַגריסט מיט מיר, כל־זמן ער האָט נישט אָפּגעזאָגט די לעצטע ווערטער „געזונט ביסטו". נאָכדעם האָט ער מיך גענומען אין ערבעצטן אין אַזוי געזאָגט: „ווייל די הימלישע גרויסע לייט זיבען פאַר זיך, און מיט איר איז אַ מענטש דרייסטער און היי.

מיש, אַז זי איז זיך מרחם אין גוט, ווייל איר זאָגט מען אין קיין זאַך נישט אָפּ".

— וואָס פאַר אַ טיפּ דאָס איז! — האָט אַ געשריי געטון שווירסקי.

די בינעלס האָבן אָנגעהויבן לאַכן, פרוי מאַריניאַ האָט אָבער אַ זאָג געטון, אַז אין דעם בטחון איז פאַראַן עפּעס רירנדיקס, מיט וואָס שווירסקי האָט אויך מסכּים געווען. פּאָלאַניעצקי ווי־דער האָט ווייטער גערעדט:

— נאָכדעם האָט ער מיר דערמאַנט, אַז ס'איז שוין צייט, ער זאָל אַ טראַכט טון וועגן אַ צוואה. און איך האָב זיך נישט גע־שפּאַרט, ווי דאָס פּירט זיך געוויינטלעך, מחמת מיר איז געגאַנ־גען אין אונדזער זאַווילקען. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ריין יורידישע פראַגע, וואָס איז קיינמאָל נישט צו פרי — און אַז אפילו גאָר יונגע מענטשן זענען מחויב פון דעם צו טראַכטן.

— איך האַלט אויך אַזוי — האָט זיך אָפּגערופן בי־נעל.

— מיר האָבן אויך גערעדט וועגן יונגן זאַווילאָווסקין — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — דער אַלטיטשקער האָט אים האַרציק ליב געקריגן.

— אַלץ הייסט! — האָט אויסגעשריגן שווירסקי — ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז כ'בין געווען אין פּזשיטולאָוו, האָט ער תּיכּף זיך גענומען וועגן אים אויספרעגן.

— זענט איר געווען אין פּזשיטולאָוו? — האָט אַ פרעג געטון פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

— פיר טעג, מאַדאַם. — האָט געענטפערט דער מאָלער — כ'האָב געהאַלטיק ליב אָסנאָווסקין.

— און די פרוי אָסנאָווסקאַ?

— וועגן איר האָב איך מיין מיינונג אַרויסגעזאָגט אין רוים, און אויף וויפיל איך געדענק, האָב איך די צונג געהאַט ווי אַ בייטש.

— איך געדענק עס אויך. איר זענט געווען זייער נישט ווירדיק. וואָס מאַכט דאָס יינגע פּאָר?

— גאָרנישט. זי איז גליקלעך. דאָרט איז אָבער פאַרהאַן פרייילין ראַטקאָווסקא: אַן אומגעהייער ליב מיידל! כ'האָב זיך שווער נישט אין איר פאַרליבט.

— אָט האָסטו געהאַט! סטאַך האָט מיר געזאָגט, אַז איר ליבט אייך אין אַלע.

— כסדר, מאַדאַם. דאָס הייסט: כסדר אין אַלע, און דעריבער כסדר.

ביגעל, דערהערנדיק דאָס, האָט זיך גוט פאַרטראַכט, און אַ זאָג געטון;

— דאָס איז אַ מיטל, קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן.

— ליידער, ליבער הער! — האָט אויסגעשריגן שווירסקי — אַזוי איז עס טאַקע.

נאָכדעם, ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אפשר האָט אייך הער סטאַניסלאַוו אויך געזאָגט וועגן אונדזער ווייטערדיקן אָפּמאַך? אַז איר וועט מיר זאָגן: האָב חתונה — האָב איך חתונה! אַזאַ אָפּמאַך האָב איך געשלאָסן מיט אייער מאַן, און דעריבער וואָלט איך וועלן, איר זאָלט זען די פרייילין ראַטקאָווסקאַ. זי הייסט סטעפאַניאַ, דאָס הייסט: די געקריינטע. אַ שיינער נאָמען, אמת? עפּעס אַ שטיל באַשעפעניש, אַ נישט דרייסטס, וואָס האָט מורא פאַר פרוי אַגנעטאַ און פאַר פרייילין קאַסטעלי, אָבער משמעות אַן ערלעכס. כ'האָב געהאַט אַ סימן אויף דעם. ווען עס גייט אין עפּעס אַ מיידל, קוק איך זיך צו אַלעם צו און באַטיר זיך אין זכרון. איינמאָל אין פּזשיטוליאַט איז צו מיר געקומען אַ בעטלער, מיט אַ פּנים, ווי עפּעס אַ פּרוש פון טעבאַזדע. פרוי אָסנאָווסקאַ און פרייילין קאַסטעלי זענען צו געפאַלן צו אים מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, און גענומען אים אַראָפּכאַפּן, פון די זייטן, פון פאָרנט — וויפיל נאָר ס'האָט געקענט אַריין, און דעם אַלטן האָט זיך אפשר געוואָלט עפּעס עסן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן אין דער האָפנונג צו קריגן אַ נדבה,

אים איז אָבער געווען משמעות אומאָנגענעם פּראָסטע מענטשן האָבן אַזאַ מין השגה. קיין איינע פֿון זיי האָט עס נישט באַמערקט, אָדער לכל הפחות נישט געלייגט אויף דעם קיין אַכט. זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט אים ווי מיט עפּעס אַ זאַך — ערשט פֿריילין ראַטקאָווסקאַ האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דערנידעריקן דעם זקן און פּייניקן אים. דאָס איז אַ קלייניקייט, עס אַנטפּלעקט אָבער האַרץ און איידעלע געפֿילן. עס דרייט זיך דאָרט אַרום איר דער שיינער קאַפּאַווסקי, אָבער זי אַנטציקט זיך מיט אים נישט, אַזוי ווי די דאַמען, וואָס ווילן זיך מיט אים, מאָלן אים, טראַכטן אויס פֿאַר אים קאָסטיומען, טוען איבער און טראָגן אים כמעט אויף די הענט, ווי אַ ליאַלקע. ניין, זי האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז קאַפּאַווסקי לאַנגווײַלט זי, און דאָס געפֿעלט מיר אויך, ווײַל ער האָט פּונקט אַזוי פֿיל שכל, ווי אַ גאַלקע פֿון אַ שטעקן.

— הער קאַפּאַווסקי — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — דאַרף, ווי כ'האָב געהערט, געלט, און פֿריילין ראַטקאָווסקאַ איז נישט קיין רייכע. איך ווייס, אַז דער פֿאָטער איז, שטאַרבנדיק, שולדיק געבליבן אַ באַנק אַ סומע, וואָס וואָלט צוזאַמען מיטן פּראָצענט ביזן לעצטן טאָג פֿונם פֿאַרגאַנגענעם חודש באַטראָפֿן...

— וואָס גייט עס אונדז אָן — האָט איבערגעריסן אים די פֿרוי ביגעל.

— אייגנטלעך, ביסטו גערעכט; ס'איז נישט אונדזער עסק.

— און ווי זעט אויס פֿריילין ראַטקאָווסקאַ? — האָט אַ פֿרעג געטון מאַרינאַ.

— פֿריילין ראַטקאָווסקאַ? קיין שיינהייט איז זי נישט, זי האָט אָבער אַ זיס פּנים, אַ בלאַסע הויט און טונקעלע אויגן איר וועט זי זען, ווײַל די דאַמען האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן חשק אַהער זיך אַראָפּצוכאַפּן עפּעס אַ טאָג. איך האָב זיי ווידערן צוגערעדט, ווײַל מיר איז געגאַנגען, אַז איר זאָלט זי זען.

— גוט! — האָט לאַכנדיק געענטפֿערט מאַרינאַ — איך וועל זען און אַרויסגעבן אַ פּסק-דין. און טאָמער וועט ער זײַן אַ גינסטיקער?

— בעט איך די האַנט. אויף מיין וואָרט! אין ערגסטן פאַל וועל איך כאַפּן אַן אָפּזאָג. אויב איר וועט זאָגן: „ניין" — וועל איך פאָרן כאַפּן זעלבסטענדיק. סוף־כּל־סוף קיין מען שוין ש ס...

— אַ, דאָס זענען ערגסטע כּוונות! — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי ביגעל — אַ ווייב אָדער ענטלעך! הער זאַווילאָוסקי וואָלט זיך אַזוי נישט ויסגעדריקט.

— וואָרים צוואָס איז דאָס באַטראַכטן, קוים האָט מען ליב — האָט אַ זאָג געטאָן מאַריניאַ.

— איר זענט גערעכט, און איך בין אים טאַקע מקנא, נישט מיט פריילין קאַסטעלי, הגם כ'האָב זיך אַליין אויך אין איר געליבט — אָ ניין! — נאָר טאַקע מיט דער לאַגע, אין וועלכער מען באַטראַכט שוין נישט.

— וואָס האָט איר דען צו פריילין קאַסטעלי.

— גאָרנישט, מאַדאַם איך בין איר נאָר דאַנקבאַר, ווייל אַ דאַנק איר האָב איך געהאַט מיי, צייט פון אילוזיעס. דעריבער וועל איך קיינמאָל ווען איר קיין שלעכטס נישט רעדן, סיידן עמעץ וועט מיך ציען בא דער צונג — צייט־זשע מיך בעסער נישט.

— אדרבה — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי ביגעל — איר מוזט אונדז ווענן יידע דערציילן. איך בעט נאָר אויף דער וואַרענדע מחמת כ'האָב געהייסן דאָרט דערלאַנגען קאַווע.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך געפונען אויף דער וואַרענדע. די ביגעלעך זענען זיך צעלאָפן אין אַ פאַרשידנפאַר־ביק סטאַדעלע צווישן די ביימער, דרייענדיק זיך ווי העלע זו־מער פייגלעך. ביגעל האָט מכבד געווען שווירסקין מיט ציגאַרן, מאַריניאַ ווידער האָט, אויסנוצנדיק די מינוט, זיך צוגערוקט צום מאַן, וואָס איז געזעסן אַ ביסל אָן אַ זייט, און אויפהייבנדיק צו אים אירע גוטע אויגן, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו אַזאַ שווייגנדיקער, סטאַך?

— איך בין פאַרמאַטערט — האָט ער געענטפערט — אין דער שטאָט איז אַ היץ, און בא אונדז אין דער דירה קען מען

דערשטיקט װערן. כ'האָב נישט געקענט שלאָפֿן. װײַל בוטשינעק איז מיר אויך אַ ביסל אַרײַנגעקראָכן אין קאָפּ אַרײַן.

— איך בין שוין נײַגעריק צו זען דאָס בוטשינעק. װײסט? כ'בין באמת נײַגעריק. האָסט גוט געטון, װאָס האָסט עס באַקוקט און געדונגען — זײער גוט.

און זי האָט אויף אים געקוקט מיט ליבשאַפֿט. זעענדיק אָבער, אַז ער זעט טאַקע אויס, װי נישט בײַ זיך, האָט זי אַ זאָג געטון:

— מיר װעלן דאָ פֿאַררעדן הער שװירסקין, און דו קענסט זיך גײן אַ ביסל אָפּרוען.

— נײן... איך װאָלט נישט געקענט אַנטשלאָפֿן װערן. — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי.

דערװײַל האָט שװירסקי גערעדט:

— ס'איז נישטאָ קײן װינט. קײן צװײַגל רירט זיך נישט אַן אמתדיק זומערדיקער טאָג! איר באַמערקט, אַז בשעת אַ היץ און אַזאַ שטילקײט װײַזט די װעלט אויס װי פֿאַרחלומט. דאָס, געדענק איך, בוקאַצקי פֿלעגט תּמיד זאָגן, אַז עס איז פֿאַראַן אין דעם עפּעס מיסטישס — און אַז ער װאָלט װעלן שטאַרבן אין אַזאַ זוניקן טאָג... אָט, אַזױ זיך: זיצן אין פֿאָטעל, נאָכדעם אײַנשלאָפֿן און זיך אײַנזאַפּן אינם שײַן...

— און איז נישט געשטאָרבן זומער — האָט זיך אָפּגערופֿן ביגעל.

— נאָר אויף פֿרילינג... און אין אַ שײנעם טאָג. אַ חוץ דעם, אין כּלל גענומען, האָט ער זיך נישט געמאַטערט, און דאָס איז דאָך דער עיקר.

דאָ איז ער אַ רגע אַנטשװיגן געװאָרן, און נאָכדעם צוגעגעבן:

— מילא דער טויט — מיט דעם קען מען און מען מוז מסכּים זײַן, און דאָס האָט מיט קײנמאָל נישט פֿאַרדראָסן — אָבער צװוּאָס זענען די יסורים. דאָס גײט שוין, בנאמנות איבער דעם מענטשלעכן שכל.

קײנער האָט נישט אונטערגעכאַפּט די באַמערקונג, און

שווירסקי, אַראָפּשאָקלענדיק דעם אַש פֿון ציגאַר, האָט ווייטער געזאָגט:

— דאָס זענען אָבער נאַר שקיצן. נאָכמיטאָג און בײַ שוואַרצער קאַווע קען מען רעדן וועגן פֿרײַלעכערע זאַכן.

— וועגן זאַווילעקן! דערציילט אונדז עפּעס וועגן זאַווילעקן — האָט אויסגעשריגן פרוי ביגעל.

— זאַווילעק געפֿעלט מיר. מען זעט אין אַלץ, וואָס ער טוט און רעדט, אַ לײַבן־נאַגל — און בכלל איז עס אַן אומגעוויינטלעכער גײַסט... אַ געוואַלטיק רײַכער. אין משך פֿון די עטלעכע טעג אין פּושיטולאַח האָבן מיר זיך גענטער באַקאַנט און באַפֿרײַנדעט. איר האָט גאָר קיין השגה נישט, ווי אָסנאָווסקי האָט אים ליב באַקומען. און מיט אים, מיט אָסנאָווסקין, האָב איך גערעדט אָפֿן, אַז כ'האָב אָפֿן געזאָגט, אַז כ'האָב מורא, צי אַזאַ זאַווילעק קען זײַן גליקלעך מיט די דאַמען.

— פֿאַרוואָס־זשע, מײַן הער? — האָט אַ פֿרעג געטאָן מאַריניאַ.

— דאָס איז אַזוי שווער צו דעפֿינירן, ווען מען האָט נישט קיין שום ספֿק. אָבער דאָס לאָזט זיך פֿילן. פֿאַרוואָס? ווײַל זיי זענען גאָר אַנדערע נאַטורן. פֿאַרשטייט איר מיך, די אַלע העכערע שטרעבונגען, וואָס זענען פֿאַר זאַווילאָווסקין די נשמה פֿונם לעבן, זענען פֿאַר די דאַמען בלויז אַ צודאַט, עפּעס אַ מין קרויזל בײַ אַ קלייד. דאָס טוט מען אָן פֿאַר געסט, אָבער אַ גאַנצן טאָג גייט מען אין אַ שלאַפֿראָק — און דאָס איז שוין אַ גרויסער חילוק. איך האָב מורא, אַז אַנשטאָט אים נאָכצופֿליִען אין דערהייך, וועלן זיי נישט וועלן, ער זאָל קריכן לעבן זיי מיט גענדזענע טריטעלעך, — און צי דאָס, וואָס אין אים געפֿינט זיך, וועלן זיי נישט צעבײַטן אויף קליין געלט, כּדי צו דעקן זייערע טאָג־טעגלעכע געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבן. און עפּעס איז דאָך אין אים פֿאַרהאַן; איך האַלט נישט, אַז ס'זאָל קומען צו עפּעס אַ קאַטאַסטראָפֿע, מחמת איך האָב נישט קיין רעכט זיי אָנצוזאָגן אין געוויינטלעכער מיד־לידיקער ערנסטקייט, עס קען אָבער נישט זײַן אַמאָל קיין גליק. איך וועל

איך זאָגן בלויז דאָס: איר קענט דאָך אַלע זאַווילעקן און חייסט, אַז ער איז געוואַלטיק אַ פּשוטער, און דאָך איז זיין ליבע צו קאַסטעלקאַן אַ צו שטערנס און צו אומגעוויינטלעכע. ער לייגט אין דעם אַריין די גאַנצע נשמה, און זי... איז גרייט אָפּצו-געבן אַ שטיקעלע — יאָ!... און דעם רעשט וויל זי ליבערשט באַהאַלטן פאַר געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, אויף באַקוועמ-לעכקייטן, אויף טואַלעטן, אויף פּאַרפומען, אויף לוקסוס, אויף „פייף אַ קלאָק", אויף „לאַאָן-טוניס" מיט הער קאַפּאַוואָסקין, מיט איין וואָרט, אויף דעם מילעכל, אויף וועלכן מען מאָלט דאָס לעבן אויף קלייען...

— דאָס קען קיין שייכות נישט האָבן מיט פריילין קאַסטע-לי, און אויב עס האָט קיין שייכות נישט, איז וויל זאַווילאָוו-סקין — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — אָבער בכלל איז עס גוט געזאָגט.

— ניין — האָט געענטפערט פרוי ביגעל — דאָס איז קודם-כל נישט ווירדיק: איר האָט באמת פיינט פרוי-ען.

— איך האָב פיינט פרויען! — האָט אויסגעשריגן שווירסקי אויפהייבנדיק ביידע הענט צום הימל.

— סיידן איר זעט נישט, אַז איר מאַכט פון פריילין קאַס-טעלי אַ פשוט געבוירל.

— איך האָב איר, מאַדאַם, געגעבן לעקציעס פון מאָלן, אָבער מיטן דערציען זי האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאַרנו-מען.

און פרוי מאַריניאַ, הערנדיק דאָס אַלץ, האָט אַ זאָג געטון, דראָענדיק שווירסקין מיטן פינגער.

— דאָס קומט אַזש אויס מאָדנע, אַז אַזאַ גוטער מענטש זאָל האָבן אַזאַ בייזע צונג.

— אין דעם איז פאַראַן אַ גערעכטער טעם — האָט גע-ענטפערט שווירסקי — איך פיל עס אַליין און האָב נישט איינ-מאָל זיך געשטעלט די שאלה צי איך בין באמת טאַקע אַ גוטער מענטש. ווייל עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס באַ־עדן נאָגע

אויס ליבע זיך צו גריבלען אין בלאָטע — און דאָס איז מיאוס: עס זענען פאַראַן אָבער אַנדערע, וואָס טוען עס אויס קנאה; — און דאָס איז אויך מיאוס. אַזאַ בוקאַציוש, למשל, האָט געפּלעגט באַרעדן לשם חכמה, און איך... איך בין קודם-כל אַ גרויסער פלאַפּלער, שנית, אַ מענטש, און בפרט נאָך אַ פרוי אינטערעסירט מיך מער ווי אַלץ, לסוף טוען מיר ווײ געמיינהייט, פלאַכקייט און קליינע מענטשלעכע מיאוסע מעשים. בנאמנות, אַז פינדאַרען גיט זיך עס, איך וואָלט וועלן, אַז אַלע פרויען זאָלן האָבן פליגל, ווען איך זע אַלזאָ, אַז אַ טייל פון זיי האָבן עק, הייב איך אָן פון בלויז חידוש צו שרייען עד-לב השמים.

— פאַרוואָס זשע שרייט איר נישט דאָס אייגענע אויף מאַנסלייט? — האָט אַ פרעג געטאָן פרוי ביגעל.

— מיין דאגה דאָרט! גייען זיי מיך אָן! אַ חוץ דעם, ערנסט גערעדט, אפשר קומט אונדז מער, ווי די פרויען.

דאָ זענען פרוי ביגעל און מאַריגניאַ אַרויף אויף דעם אומגליקלעכן מאָלער נעבעך, ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַרטיידיקן און ווייטער גערעדט:

— נעמט אַזאַ זאַווילאָווסקין און אַזאַ פריילין קאַסטעלי. ער האָט זיך אָנגעאַרבעט פון קינדווייז אָן, זיך אָנגעקעמפט מיט מניעות, זיך אָנגעטראַכט, געגעבן עפּעס דער וועלט, און זי וואָס? אַ ריינער קאַנאַרעק אין שטייג!... מען גיט אים וואַסער, צוקער, פליגן און קערנדלעך, און ער האָט בלויז מיטן שנאָבעלע צו קעמען זיינע געלע פעדעמלעך און טשוויטשערן. נישט אַזוי? מיר אַרבעטן געוואַלטיק, מאַדאַם! די ציוויליזאַציע, די וויסנשאַפט, די קונסט, דאָס ברויט און אַלץ, אויף וואָס די וועלט שטייט, איז דאָך סוף-כל-סוף אונדזער אַרבעט. און דאָס איז דאָך אַן אומגעהייערע אַרבעט! ווען דעם רעדט זיך לייכט, צוטראָגן עס אָבער איז שווער. צי דאָס איז רעכט אַזוי, צי נאַטירלעך, וואָס מען שטופט אייך פון דעם אָפּ, ווייס איך נישט, און אין דער מינוט גייט מיר נישט אין דעם, אָבער אין כלל גענומען, איז אייך פאַרבליבן בלויז איין אידעאַל: ליב האָבן — קענט-זשע לכל-הפּחות ליב האָבן.

דאָ האָט זײַן טונקל פּנים באַקומען אַן אויסדרוק פון גרויס מילדקייט, און גלייכצייטיק מעלאַנכאָליע.

— אָט, איך למשל, אַרבעט לאָמיר זאָגן פאַר אונדזער קונס. פינף און צוואַנציק יאָר שמיר איך דאָרט און שמיר מיטן פּענדזל אויפן פּאַפּיר אָדער אויף לייוונט, און איין גאָט ווייסט וואָס איך האָב זיך אָנגעאַרבעט, איידער איך האָב פון זיך עפּעס אַרויסבאַקומען; און פיל זיך עלנט אויף דער וועלט, ווי אַ פינגער. און וואָס וויל איך דען? דער אייבערשטער זאָל מיר פאַר מײַן גאַנצער אַרבעט געבן עפּעס אַן אָרנטלעך ווײַבל, וואָס זאָל מיך אַ ביסל ליב האָבן און זײַן דאַנקבאַר פאַר מײַן ליבע!

— פאַרוואָס-זשע האָט איר נישט חתונה?

— פאַרוואָס? — האָט געענטפערט אַ ביסל אויפגעברויזט שווירסקי — ווײַל כ׳האָב מורא, ווײַל אײַנע פון צען קען פון אײַך ליב האָבן, הגם איר האָט נישט קיין אַנדערע אַרבעט.

דעם ווײַטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן הער פּלאַוויצקיס אָנקומען מיט פרוי מאַשקאַ, וואָס האָט אין פּוליאַרענעם טונקל-בלויען קלייד, מיט ווײַסע פּינטעלעך, אויסגעזען פונדער-ווײַטנס, ווי אַ פּלאַטער. הער פּלאַוויצקי האָט אויסגעזען ווי אַ צווייטער פּלאַטער און, דערנענטערנדיק זיך צום גאַנעק, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— כ׳האָב אַרויסגעריסן, אַרויסגעריסן פרוי מאַשקאַ און ברענג זי צו פירן. אַ גוטן אָוונט אײַך אַלע, אַ גוטן אָוונט מאַרינאַ! איך פאָר צו אײַך אויף אַ דראָזשקע, כ׳גיב אַ קוק די דאַמע שטייט אויפן גאַנעק — האָב איך זי צרויסגעריסן, און מיר זײַנען געקומען צופיס. די דראָזשקע האָב איך משלח געווען, ווײַל איך מיין, אַז איר וועט מיך דאָך אָפּשיקן אַהיים.

די אַנוועזנדע האָבן אָנגעהויבן באַגריסן די פרוי מאַשקאַ, זי ווידער, אַ פאַררייטלטע פונם שפּאַציר-גאַנג, האָט אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן, אַראָפּנעמענדיק פריילעך דעם הוט פון איר אַש-קאָליר-האָר, אַז הער פּלאַוויצקי האָט זי באמת טאַקע אַרויס-געריסן כמעט איבערגעוואַלט, מחמת ריכטנדיק זיך אויפן מאַגן קומען. האָט נישט זי געוואַלט אַוועק פון דער היים הער פּלאַ-

יוצקי האָט זי באַרויקט, אַז דער מאַן, נישט געפינענדיק זי אינדערהיים, וועט זיך משער זײַן ווו זי איז, און וועט פאַרן אַרויסרייסן נישט זײַן ברוגז, ווײַל דאָס איז דאָך נישט די שטאָט, ווו מענטשן מאַכן פון אַ ליאַדע זאַך אַ רכילות — (דאָ האָט ער אָנגעהויבן ציִען זײַן ווײַס וועסטל מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס וואָלט זיך נישט געחידושט, ווען מען זאָל פון אים טרײַבן רכילות) — גאָר דאָרף, וואָס האָט זײַנע רעכט און דערלויבט נישט צו לייגן אַכט אויפן עטיקעט.

דאָס זאָגנדיק האָט ער ממזריש אַ קוק געטון אויף פּרוי מאַשקאַ, אַ רײַב געטון די הענט און צוגעגעבן:

— הע, הע! דאָס דאָרף האָט זײַן רעכט... כ'האָב גוט געזאָגט: האָט זײַן רעכט, יאָ! — און דעריבער איז בײַ מיר בעסער, ווי דאָרף נישטאָ.

פּרוי מאַשקאַ האָט געלאַכט, פֿילנדיק, אַז דאָס פּאַסט איר, און אַז עמעץ קען זי באַוווּנדערן, ביגעל אָבער, וואָס איז פֿינקטלעך אין טראַכטן, האָט פון אַלעמען געפאָדערט לאָגיק, און, ווענדנדיק זיך צו הער פּלאַוויצקין, אַ זאָג געטון:

— אויב קיין בעסערס ווי דאָרף איז נישטאָ, פאַרוואָס-זשע ווילט איר נישט אויפן זומער זיך אַרויסרירן פון שטאָט?

— וואָס זאָגט איר? — האָט אַ פרעג געטון פּלאַוויצקי — פאַרוואָס איך וויל זיך נישט אַרויסרירן? כ'האָב זיך געקליבן קיין קאַרלסבאַד, נאָר...

דאָ איז ער אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, און פאַרגעסנדיק, אַז ער האָט ערשט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט נאָך געקענט אַ ייִנג ווײַבל שטעלן אין סכנה פון בייזע מענטשלעכע צינגער, האָט ער אַ קוק געטון מיט מרה־שחורהדיקן יאוש און צוגעגעבן:

— איז דען כדאי צו דאַגהן וועגן די פּאָר יאָר לעבן, אין וועלכע נישט מיר גייט, נישט עפּעצן אַנדערש.

— אָט האָסטו געהאַט! — האָט פרײַלעך אויסגעשריגן

מאַריניאַ — אויב דער טאַטעשי וועט נישט פאָרן קיין קאַרלס-באַד, וועט ער טרינקען מילברוין בײַ אונדז אין בוטשינעק.

— אין וואָס פֿאַר אַ בוטשינעק? — האָט אַ פֿרעג געטון פּלאַחיצקי.

— אמת, מען דאַרף אָנזאָגן „la grand nouvelle!“

און זי האָט אָנגעהויבן דערציילן, אַז בוטשינעק איז געוואָרן אויסגעזוכט, געדונגען, וועט מסתמא געקויפט ווערן און אַז אין פֿיר טעג אַרום וועט זי מיטן מאַן זיך איבערציִען אין בוטשינעק אויף אַ גאַנצן זומער.

פֿרוי מאַשקאַ אָבער, אויסהערנדיק די מעשה, האָט מיט חידוש אויפגעהויבן אירע אייגעלעך אויף פּאָלאַניעצקין, און קוקנדיק אויף אים אַ פֿרעג געטון:

— איר פֿאַרלאָזט אונדז טאַקע אויפֿן רעכטן אמת?

— יאָ — האָט ער געענטפערט עפּעס אַ ביסל אין כּעס.

— אָאָ!

און זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט אַ בליק פֿון אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט קיין זאַך נישט און פֿרעגט זיך, וואָס דאָס אַלץ באַטײַט נישט בײַ וומענדיק אָבער קיין שום תּשובֿה, האָט זי זיך געווענדט צו מאַריניאַן און פֿאַרפֿירט אַ ענלעכן שמועס.

זי איז געווען אַזוי געניט אין די גרויס וועלטישע פֿאָר-מען, אַז בלויז פּאָלאַניעצקי איז מסוגל געווען צו דערקענען, אַז די ידיעה וועגן בוטשינעק האָט דורכגעדרונגען די פֿלאַכן, וואָס שאַפֿנדיק עפּעס אַ מין צודעק אויף איר מוח, האָבן זיי טעמפּ געמאַכט איר פֿילנדיקייט. זי האָט זיך אָבער משער געווען, אַז איר פּערזאָן קען דאָ שפּילן אַ ראָל, און אַז דאָס פּלוצלינגע אַי-בערציִען זיך קען האָבן אַ שײַכות צו איר. פֿון מינוט צו מינוט האָט עס זיך איר פֿאָרגעשטעלט אַלץ וואָס אַמאָל קלאָרער — און איר קאַלט געוויכט האָט באַקומען נאָך אַ קעלטערן אויסדרוק, ביסלעכווײַז האָט זי באַהערשט אַ געפֿיל פֿון דערנידערונג. איר האָט זיך געדאַכט, אַז פּאָלאַניעצקי האָט עפּעס געטון אַזוינס, וואָס ס'איז פּונקט דער היפּוך פֿון דעם, וואָס זי האָט פֿון אים

געקענט דערהערטן — און אַז ער האָט נישט בלויז געהאַנדלט קעגן איר, נאָר קעגן די אַלע דינים, וואָס אַ מענטש פֿון אַ געווייסן קרייז דאַרף אָנווענדן בנוגע אַ פֿרוי. און די גאַנצע נשמה אירע האָט זיך געמאָלט אין דעם, וואָס דאָס האָט איר מער וויי געטאָן, ווי זיין אָפּפּאָרן. אין געוויסע פֿאַלן פֿאָדערן פֿרויען אַלץ מער אָרט, וואָס ווייניקער עס קומט זיי, און אַלץ מער כּבֿוד, וואָס ווייניקער זיי פֿאַרדינען עס, מחמת זיי דאַרפֿן עס, כּדי זיך אַליין צו נאַרן; און אָפּטמאָל אָנערקענט פֿאַר זיי אַלץ, וואָס זיי פֿאַרלאַנגען, די פֿאַרבלענדקייט, איידלקייט אָדער קאָמעדישקייט פֿון מאַנסלייט — לכל־הפּחות אויף אַ צייט אַרויס. דאָך, אין דער כּוונה זיך איבערצוציִען אין עטלעכע טעג אַרום פּונקט אין דער צווייטער זייט שטאָט, איז געווען אַן אָנזאָג פֿון איבערדרייען די באַציִונגען, וואָס עס פּאַסט עפּעס פֿאַר אַ גראָבן יונג. בגידה האָט אין זיך אַזעלכע מינים אָנזאָגן a posteriori און האָט זיי תּמיד, מחמת אין דער וועלט איז נישטאָ קיין ביישפּיל, אַז אַ באַציִונג, וואָס איז באַגרינדעט אויף בגידה זאָל האָבן אַ קיום, אָבער דאָסמאָל האָט די גראָביאַנישקייט איבערגעשטיגן יעדע מאָס, און די זריעה האָט צו פֿרי אַרויסגעגעבן די אמתע תּבֿואה. פֿרוי מאַשקאָס בטבֿע נישט זייער שנעלער געדאַנק האָט נישט באַדאַרפֿט קיין איבעריקע אָנשטרענגונג, כּדי צו קומען צום באַשלוס, אַז אַלץ, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט, הייסט פּשוט פֿאַראַכטונג.

און אין דערזעלבער צייט האָט אויך פּאָלאַניעצקי געטראַכט:

— ווי געוואַלטיק זי מוז מיך פֿאַראַכטן!

ביידע האָבן זיך אין דער מינוט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז דאָס איז אין בעסטן פֿאַל געווען בלויז אַ פֿראַגע פֿון צייט.

פֿרוי מאַשקאָ אָבער האָט זיך אָנגעכאַפּט נאָך אין דער האָפֿנונג, אַז אפֿשר איז עפּעס אַ מיספֿאַרשטענדניש, עפּעס אַ מינוטלעכער כּעס, עפּעס אַן איבערעגונג פֿון אַ פּראָטעסט, עפּעס אַ פֿאַרדרוס, וואָס זי האָט זיך נישט געקענט אויסטייטשן, מיט איין

וואָרט, עפּעס אַזוינס, וואָס קען זיין ווייניקער אַנטשלאָסן, ווי דאָס דאַכט זיך לפּנים אויס. איין שמועס, איין וואָרט, וואָס וועט ווערן פּאַסיק באַנוצט, האָט נאָך אַלץ געקענט אויפקלערן. האַלטנדיק, אַז אפשר פילט פּאָלאַניעצקי אויך די באַדערפעניש פון אַזאַ שמועס, האָט זי באַשלאָסן אים צו דערלייכטערן דאָס.

דעריבער האָט זי נאָכן מיטאָג-טיי זיך אָנגעהויבן קלייבן אַהיים און אַ קוק טוענדיק אויף פּאָלאַניעצקין אַ זאָג געטון:

— און איצט מוז איך בעטן איינעם פון די הערן מיך צוצופירן.

פּאָלאַניעצקי איז אויפגעשטאַנען. זיין פאַרמאַטערט און באַ דעם ביין פּנים האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי עס וואָלט געזאָגט צו פרוי מאַשקאָ: „אויב דו ווילסט דעם ריינעם אמת, וועסטו אים האָבן!" אומגעריכט אָבער האָט ביגעל צעדרייט דעם ענין, אַ זאָג טוענדיק:

— דער אָוונט איז אַזאַ שיינער, אַז מיר קענען אייך אַלע צופירן.

און אַזוי איז עס געשען. הער פּלאַוויצקי, וואָס האָט זיך געהאַלטן היינט פאַר פרוי מאַשקאָס ריטער, האָט איר זייער באַלאַנט דערלאַנגט די האַנט און דעם גאַנצן וועג זי געוויילט מיט זיין שמועס, אַזוי, אַז זי האָט צו פּאָלאַניעצקין, וואָס האָט געפירט די פרוי ביגעל, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן קיין וואָרט, אַ חוץ „אַ גוטע נאַכט" באַם טויער.

די „גוטע נאַכט" האָט באַגלייט אַ האַנט-דרוק, וואָס איז געווען אַ ביי פראַגע — אָן אַ תשובה. פּאָלאַניעצקי איז אגב געווען צופרידן, וואָס ער דאַרף נישט געבן קיין דערקלערונגען. ער האָט בלויז געקענט געבן מטושטשע, און קודם-כל אומאָנגענעמע. פרוי מאַשקאָ האָט איצט שוין געוועקט אין אים פונקט אַזוי פיל גייסטיקן בייגעשמאַק, וויפיל פיזישע גליסטונג, און צוליב אָט אַ דיביידע טעמים האָט ער געהאַלטן, אַז בלייבנדיק באַ די ביגעלס אין הויז וועט ער זי האָבן נאָענט לעבן זיך. איבעריקנס, האָט ער אויסגעזוכט בוטשינעק און עס געדונגען דער עיקר צו-

ליב דעם, וואָס אימפּולסיוו באַטורן, צו שטאַרק צוגעדריקטע, מוזן אינסטינקטיוו עפּעס פאַרגינען אין טון, ווען דאָס טון אפילו זאָל נישט האָבן קיין דירעקטן שייכות מיט דעם, וואָס זיי טוט ווי. ער האָט אָבער לחלוטין נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס אַנטלויפן פון דער סכנה איז גלייך צום אומקערן זיך אויפן דרך-הישר, אָדער אַז עס פירט צו דעם; אין דער מינוט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויף דעם איז שוין צו שפּעט, אַז דאָס איז שוין אויף אייביק אַ פאַרפאַלענע זאַך. „אַנטלויפן — האָט ער צו זיך געזאָגט — אויף דעם איז געווען צייט. איצט איז עס בלויז אַן עגאָיזם פון אַ חיה, וואָס זוכט אַ באַהאַלטענע אין איין רו-אָרט אַצווייטס". פאַררעטנדיק פרוי מאַריניאַן, איז ער איצט בוגד אין פרוי מאַשקאַ, אויס מורא, די באַציִונג מיט איר זאָל נישט ווערן צו קוועלנדיק. — און איז בוגד פונקט אַזוי געמיין, ווי גראָב, טרעטנדיק אויף איר. דאָס איז בלויז אַ נייע נידערטרעכטיקייט, וואָס עס באַגייט אַ בעל-יאוש, אין דער איבערצייגונג, אַז ווי ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען, וועט ער אַלץ זיך אַראָפּקייקלען אין תהום אַריין.

אויפן דעק פון די געדאַנקען איז געווען פאַרבאָרגן אַן אומגעהייערע פאַרוווּנדערונג. ווען דאָס אַלץ זאָל זיך טרעפן מיט עמעצן אַנדערש, וואָס נעמט לייכט דאָס לעבן, וואָלט ער געקענט אַ מאַך טון מיט דער האַנט און האַלטן, אַז מיט אים האָט פּאַסירט נאָך אַ פריילעכער פאַל. פּאָלאַניעצקי האָט משיג געווען, אַז אַ סך וואָלטן אויף דער זאַך געקוקט טאַקע אַזוי: ער האָט אָבער געהאַט אין זיך אויסגעאַרבעט פּרינציפּן, געהאַט זיי — און איז אַראָפּגעפאַלן פון זייער גאַנצער הייך; דעריבער איז זיין ירידה געווען נאָך אַ גרעסערע. — ובכן — האָט ער געטראַכט — איז אַ ז, וואָס איך האָב דערגרייכט, צו וואָס איך בין געקומען סוף-כל-סוף נישט באַשיצט פון קיין זאַך. האָבנדיק דאָס, דרייט זיך דער קאָפּ, ווי מען וואָלט קיין זאַך נישט געהאַט. און די זאַך האָט זיך אים אויסגעוויזן פּשוט נישט צום באַגרייפן. פאַרוואָס? צוליב וואָס פאַר אַ טעם? אויף דער שאלה האָט ער זיך קיין תשובה נישט געקענט געבן און צווייפלענדיק

פריער אין זיין ערלעכקייט און ערע, האָט ער אָנגעהויבן איצט זיין אין ספק בנוגע זיין שכל, מחמת ער האָט געפילט, אַז ער קען דאָ נישט תופס זיין עפּעס און זיך דערקלערן.

בכלל האָט ער זיך געפילט אַלס מענטש, וואָס איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן אין עפּעס אַ גייסטיקן חלל. וואָס קען קיין זאַך נישט צוריק געפינען, אַפילו די צוגעבונדנקייט צום חייב. איז האָט זיך געדאַכט, אַז פאַרלירנדיק אַלע מענטשלעכע מידות, האָט ער גלייכצייטיק פאַרלוירן די פעיקייט און דאָס רעכט זיך ליב צו האָבן. מיט נישט קיין קלענערן חידוש האָט ער זיך באַמערקט, אַז אין דער טיף פון האַרץ פילט ער אַ פאַרדרוס אויף עפּעס פאַר זיין אייגענער ירידה. עד־היום האָט ער קיינעם אין לעבן נישט באַעוולהט, און דעריבער האָט ער נישט געקענט וויסן, אַז מען פילט געוויינטלעך אַ פאַרדרוס, און אַפילו אַ שנאה צו דעם, וועמען מען טוט אַן עוולה.

בינו־לבינו האָט די געזעלשאַפט, נאָכן געזעגענען זיך מיט פרוי מאַשקאַ, זיך אומגעקערט אַהיים. מאַריניאַ איז איצט געגאַנגען לעבן מאַן. האַלטנדיק אָבער, אַז ער איז פאַרנומען מיט די חשבונות, וואָס זענען נוגע די קניה פון דער קאָלאָניע, און געדענקענדיק, אַז ער האָט אין אַזעלכע פאַלן נישט גערן געהאַט, מען זאָל אים שטערן, האָט זי נישט איבערגעריסן זיין שווייגן. דער אָוונט איז געווען אַזאַ וואַרעמער, אַז נאָכן אומקערן זיך אַהיים זענען זיי נאָך געבליבן אויפן גאַניק. ביגעל האָט אָנגעהויבן פאַרהאַלטן שווירסקין אויף באַנאַכט, שפּאַסנדיק דערביי, אַז פאַר אַזאַ הערקולעס וועט נישט קלעקן דאָס אָרט אין בריטשקעלע לעבן הער פּלאַוויצקין. פּאָלאַניעצקי ווידער, פאַר וועלכן די אָנוועזנהייט פון עמעצן אַ פרעמדן איז געווען צו דער האַנט, האָט געשטיצט ביגעלס עקשנותדיקע בקשה.

— בלייב — האָט ער אַ זאָג געטון — איך קלויב זיך מאָרגן פרי אין שטאָט אַריין, וועלן מיר פאָרן צוזאַמען.

— איך דאַרף נאָך בייטיק מאָלן — האָט געענטפערט שווירסקי — מאָרגן אינדערפרי האָב איך בדעה געהאַט זיך צוגע-

מען פֿאַר דער אַרבעט, און אַזוי װעט זיך אָנהײבן אַ שלעפּע־ניש.

— איר האָט עפּעס אַ דרינגלעכע אַרבעט? — האָט אַ פֿרעג געטאָן מאַרינאַ.

— ניין, מאַדאַם, די האַנט װערט אָבער אָפּגעװײנט. דאָס איז פֿון דעם מין מלאכה, װאָס מען טאָר בײַ דעם קײנמאָל זיך נישט אָפּרוען; כ׳האָב שוין אַזוי פֿיל טעג פֿאַרלוירן אויף אַרומ־שלעפּן זיך, דאָ קײן פּושי װלאַר, דאָ צו איר. און די פֿאַרב טריקנט דערװײַל אויס.

בײדע דאַמען האָבן אָנגעהויבן לאַכן, װאָס אַזוי רעדט אַ באַרימטער מײַסטער, װעלכער דאַרף דאָך נישט קײן מורא האָבן, אַז ער װעט פֿאַרגעסן דאָס מאָלן. שװירסקי האָט אָבער געענט־פֿערט:

— דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי, אַז מען קומט צו צו אַ גע־װיסער שלמות, האָט מען זי. אַ מאָדנע זאַך, דער מענטשלעכער אָרגאַניזם, װאָס האָט נאָר אויסצוװײלן: אָדער גײן פֿאָרויס, אָדער צוריק. כ׳חײס נישט, צי אין אַלעם איז אַזוי, אין קונסט טאָר מען זיך אָבער נישט זאָגן: „ס׳איז שוין גוט" — מען טאָר נישט בלײַבן שטײן. אַז איך מאָל נישט אַ װאָך צײַט, פֿאַרליר איך נישט נאָר די געשיקטקײט פֿון דער האַנט, נאָר איך פֿיל זיך שוין נישט בכּוח. די האַנט װערט אָפּגעטעמפּט — דאָס פֿאַרשטײ איך נאָך! — עס װערט אָבער בײַ דעם אָפּגעטעמפּט אויך דער קינסטלערישער חוש, עס װערט ממש צעפּגעטעמפּט דער טאַלענט. כ׳האָב געמײנט, אַז דאָס איז בלויז אין מײַן פֿאַך אַזוי, מחמת עס שפּילט בײַ דעם אַ גרויסע ראָל די טעכניק; איר װעט מיר אָבער גלײבן, אַז דער שניאַטינסקי, װאָס שרײַבט פֿאַרן טעאַטער־װעגן, האָט מיר אויך דאָסזעלבע געזאָגט. און אין דער ליטעראַ־טור למשל אין װאָז באַשטײט די טעכניק? אין דעם סײדן, אַז מען זאָל זי נישט האָבן, אָדער לכל־הפּחות, מען זאָל זי נישט אָנװען. דאָך האָט יענער געזאָגט, אַז ער קען נישט בלײַבן שטײן, אַז ער גײט צוריק, אָדער פֿאָראויס נאָך די אָנשטרענגונגען נאָך, דיבען דער קונסט! — דאָס קלינגט שײן. אָך, װאָס פֿאַר אַ הינ־

טישע דינסט, אין וועלכער קיינמאָל איז נישטאָ קיין אָפּרו און קיינמאָל נישט קיין רו! קיין זאַך נישט, אַ חוץ מי און פּחד! צי איז דאָס שוין דער גורל פון אַלע מענטשן, אָדער מיר אַליין זענען אַזעלכע פּאַרפּייניקטע נפשות.

שווירסקי האָט אייגנטלעך לחלוטין נישט אויסגעזען ווי אַ פּאַרפּייניקט נפש, ער איז אויך נישט אַריינגעפאַלן אין קיין פּאַטעטישן טאָן, באַקלאָגנדיק זיך אויף זיין מלאכה. אין זיינע צעווייגטע ווערטער איז אָבער געווען עפּעס אַ מין אויפריכטי־קייט, וואָס האָט זיי געמאַכט אינטערעסאַנט. אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער אויפגעהויבן די פויסט און דראָענדיק מיט איר דער לבנה, וואָס האָט זיך גראָד באַוויזן איבערן וואַלד, האָט ער אויסגעשריגן האַלב פרייַלעך, האַלב מיט כעס:

— אָט, אַזאַ פּרצוף! האָט זיך אויסגעלערנט אַקוראַט דרייען אַרום דער ערד, קען עס שוין זיכער די מלאכה. איין רגע כאָטש אַזעלכע צו האָבן אין לעבן!

מאַריניאַ האָט אָבער אָנגעהויבן לאַכן, און אויפהייבנדיק נישט ווילנדיק די אויגן אין דער ריכטונג פון שווירסקיס האַנט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— באַקלאָגט איך נישט. נישט בלויז קינסטלער טאָרן זיך נישט אָפּשטעלן. סיי מען אַרבעט איבער אַ בילד, סיי איבער זיך אַליין, איז אַלצייַנס, אַרבעטן מוז מען, יעדער שעה, אַנדערש וואָלט געווען שלעכט.

— מען דאַרף געוואַלטיק אַרבעטן! — האָט איר מיט אַ זיפץ איבערגעריסן פּלאַוויצקי.

זי האָט אָבער ווייטער גערעדט, זוכנדיק מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג עפּעס אַ פאַרגלייַך און אויפהייבנדיק באַ דעם די ווייַעס:

— זעט איר, ווען עמעץ זאָל כאָטש אַ רגע זאָגן צו זיך: איך בין גענוג קלוג און גענוג גוט, וואָלט דאָס אַליין שוין גע־ווען נישט גענוג קלוג און נישט גענוג גוט. מיר דאַכט זיך, אַז מיר שווימען אַלע דורך עפּעס אַ תהום. ערגעץ צו אַ בעסערן

גרעג, אָבער ווער עס וויל זיך נאָר אָפּרוען און הערט אויף צו אַרבעטן מיט די הענט, דעם ציט די אייגענע משא אַראָפּ צום גרונט.

— פּראַזן! — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצ-קי.

זי ווידער, אַ צופרידענע פון דעם געלונגענעם פאַרגלייך, האָט געענטפערט:

— ניין, סטאַך! ווי דו ביסט מיר ליב, ס'איז נישט קיין פּראַזן!

— הלוואַי גאָט זאָל געבן תמיד אַזעלכע צו האָבן — האָט לעבעדיק אַ זאָג געטון שווירסקי — איר זייט פולקאָם גערעכט.

פּאָלאַניעצקי איז אָבער אין עצם אויך געווען איבער-צייגט, אַז זי איז לחלוטין גערעכט — נאָכמער אין דעם חשכות, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, האָט עפּעס אָנגעהויבן שימערן, ווי אַ שיין. דאָס האָט ער טאַקע צו זיך געזאָגט: איך בין געווען קלוג, געווען גוט — און קען זיך אָפּרוען — דאָס האָט ער טאַ-קע פאַרגעסן אין דער גייטיקייט פונעם אָנשטרענגען זיך כסדר. ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן מיט די הענט אין דעם תהום, און תיכף האָט אים זיין אייגענע משא אַראָפּגעשלעפּט צום גרונט. אַזוי איז עס געווען! די אַלע הויכע רעליגיעזע און מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס ער האָט דערגרייכט, האָט ער אַזוי אָפּגעשלאָסן אין זיין נשמה, ווי ער האָט אין קאַסע פאַרמאַכט געלט — און האָט געמאַכט פון דעם אַ טויט קאַפּיטאַל, ער האָט עס געהאַט, אָבער ווי אַ טיפּן לאַגער. ער איז אַריינגעפאַלן אין פאַרבלענדקייט פון אַ קמצן, וואָס פרייט זיך מיט זיין אָנגעזאַמלטן גאָלד, און לעבט אָבער, ווי אַן אביון. גלייבנדיק אין זיין עשירות, האָט ער זיך געמאָלט, אַז זיינע לעבנס חשבונות זענען פאַרענדיקט, און ער קען זיך אָפּרוען. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין באַגינען אינמיטן דער נאַכט, וואָס האָט פאַרנומען זיין מוח און פונעם ש..ט האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן צו אים נאָך אַ נעפּלדיקער און אומקלאָרער אמת, אַז דער מין חשבונות קענען קיינמאָל

נישט אָפּגעשלאָסן װערן — און אַז דאָס איז אַ גרויסע, טאָג־טעגלעכע און אומאױפהערלעכע אַרבעט, װאָס, װי מאַרינינא זאָגט, ענדיקט זיך ערשט דאָרט, ערגעץ, אין דער צװייטער, בעסערער װעלט...

X

— מיין טייערער הער, פאַרוואָס טוט איר אייך נישט אָן אַזוי, ווי הער קאַפּאַוואָסקי? — האָט געטענהט צו זאַווילאַווסקין פרוי בראַניטש — פאַרשטייט זיך, אַז פעדימל שעצט מער אייער פּאָעזיע, ווי אַלע מלבושים פון דער וועלט. איר וועט אָבער נישט גלייבן, וואָס פאַר אַן עסטעט די קליינע איז און ווי אויסגעצייכנט זי קען זיך אפילו אויף אַזעלכע זאַכן. נעכטן איז זי נעבעך געקומען צו מיר און מיך געפרעגט מיט אַזאַ שיין מינעלע. וואָס ווען איר זאָלט עס זען, וואָלט איר צעשוווימען געוואָרן: „מומע — פרעגט זי — פאַרוואָס טראָגט נישט הער אייגנאַש אינדערפרי קיין ווייסן פלאַנעלענעם אָנצוג? אַלע הערן קליידט זייער דער מין אָנצוגן! מאַכט אייך אַזאַ מין, זי וועט זיין זייער צופרידן. זעט איר, יוזשאָ אָסנאָווסקי האָט אויך אַזאַ פלאַנעלענעם אָנצוג — ער האָט אפילו עטלעכע, אויסצופוצן זיך פאַר אַבעטקאַן. עס זענען קלייניקייטן — איך ווייס! — פרויען נעמט עס אָבער זייער, ווען מען גיט נאָך זייערע פאָדערונגען. איר האָט קיין השגה נישט, ווי זי זעט אַלץ. אין שוועבנבען

טראָגן אַלע ביז מיטאָג אַזעלכע אָנצוגן און עס וואָלט איר גע-
ווען אומאָנגענעם ווען עמעץ זאָל מיינען, אַז איר געהערט נישט
צו דער געזעלשאַפט, וואָס ווייסט, ווי אַזוי זיך אָנצוטון. איר זענט
אַזאַ גו-ער, איר וועט אייך קויפן אַזאַ אָנצוג — אמת? איר וועט
עס טון איר צוליב — און וועט נישט פאַריבל האָבן, וואָס איך
רעד וועגן דעם, וואָס פעדימל האָט ליב?

— צְך, מאַדאַם — האָט אַ זאָג געטון זאַווילאָווסקי —
מיטן גרעסטן כבוד!

— ואָס פאַר אַ ווילער מענטש איר זענט! אָבער! וואָס
האָב איך עס געוואָלט זאָגן?... אַהאַ! — און אַ שיינעם רייזע-
בעסעסער פון גוטן לעדער? גוט? — מיין טייערער הער! פע-
דימל האָט געוואָלטיק ליב שיינע סאַקוואַיאַזשן באַ מאַנסלייט;
אין אויסלאַנד, ווו מען זעט אייגעם, אַזוי האַלט מען אים.
נעכטן — (כ'וועל עס אייך דערציילן בסוד) — האָבן מיר באַ-
קוקט קאַפּאָווסקיס בעסעסער! זייער אַ שיינער און מיט געשמאַק...
געקויפט אין דרעזן. פעדימלען איז ער זייער געפעלן — קוקט
אים אָן און קויפט אויך עפעס אין דעם מין, אַנטשולדיקט, וואָס
איך מיש זיך אין דעם, אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט, זעט איר,
איך קען פרויען בכלל און פעדימלען בפרט, מיט איר איז נישטאָ
קיין בעסערער מעטאָד, ווי אָפּטרעטן אין קלייניקייטן. ווען עס
גייט אין גרויסקייטן, קען זי זיך אָפּזאָגן פון אַלץ. איר האָט
דאָך געהערט אין וואָס פאַר אַ שידוכים זי איז געשטאַנען, און
דאָך האָט זי אויסגעקליבן אייך. ווייזט-זשע איר אַרויס דאַנק-
באַרקייט כאָטש אין קלייניקייטן. האָט איר אַלס פּסיכאָלאָג נישט
באַמערקט, אַז נאַטורן, וואָס זענען פעיִק אויף גרויסע קרבנות,
באַהאַלטן עס אויף אומגעוויינטלעכע פאַלן, און אין טאָג-טעגלעכן
לעבן האָבן זיי ליב. מען זאָל זיי צוליב טון?

— ס'קען זיין, מאַדאַם; כ'האָב זיך עד-היום איבער דעם
עפעס נישט פאַרטראַכט:

— אָ, דאָס איז זיכער אַזוי, און אַזאַ מין נאַטור איז טאַ-
קע פעדימל. איר זייט נאָך נישט מסוגל אָפּצושאַצן, וואָס פאַר אַ
נאַטור דאָס איז, הגם איר וואָלט עס באַדאַרפט אָפּשאַצן שוין צו-

ליב דעם אַליין, וואָס זי האָט אייך אויסגעקליבן. אָבער איר, מאַנסלייט קענט נישט פילן אַזוי פיל שאַטירונגען! ווען עס זאָל קומען צו עפּעס, וואַלט איר געזען, ווי זי פאַרמאָגט נישט קיין ברעקל עגאָיזם. זאָל זי גאָט אָפּהיטן פון כּלערליי נסיונות, אָבער עס זאָל קומען צו עפּעס, וואָלט איר געזען.

— מאַדאַם — האָט זאַווילאָווסקי מיט אַ געוויסער לעבעדיקייט געענטפערט — איך ווייס, אַז איר שעצט זייער הויך פעדימלען, דאָך האַלט איר נישט אַזוי שטאַרק פון איר, ווי איך.

— אַך! ווי ליב איך האָב אייך, ווען איר רעדט אַזוי — האָט מיט שמחה אויסגעשריגן פרוי בראַניטש — מיין טייערער הער! אויב אָבער ס'איז אַזוי, וועט די מוטער אייך נאָך עפּעס איינרוימען אין אויער אַריין: זי האָט געוואַלטיק ליב שוואַרצע זיידענע זעקלעך, אָבער זיידענע באַ מאַנסלייט! נעמט עס אייך אַריין אין זין! גענוג איז זי זאָל אַ קוק טון, כּדי זי זאָל אונטערשיידן, וואָס עס איז זייד, און וואָס פיל ד'עקאָס! גאָט מיינער! זייט מיך נישט חושד, אַז איך וויל מיך אין אַלעם מישן. קיינער איז נישט מסוגל אַזוי זי אָפּצודרוקן אין אַ זייט, ווי איר, עס גייט אָבער אין דעם, פעדימל זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן, אַז איר שטייט נישט גלייך מיט אַנדערע אין וועלכער ס'איז הינזיכט, וואָס ווילט איר! איר נעמט אַן אמתע קינסטלערין, וועלכע האָט ליב, אַז אַלץ, וואָס איז אַרום איר זאָל זיין שיין. און באמת טאָקע, זי וועט דאָך גאָרנישט זיין אַזוי אָרעם, אַז זי זאָל נישט האָבן קיין רעכט אויף דעם. וואָס, מיין הער?

זאַווילאָווסקי האָט אַרויסגענומען דאָס נאָטיצביכל און אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל זיך אייערע אויפטראָגן פאַרשרייבן, כּדי נישט צו פאַרגעסן אַן עפּעס.

אין זיינע ווערטער איז געווען אַ שאָטן פון איראָניע. פרוי בראַניטש האָט מיט איר איבערפלוס פון ווערטער, מיט דעם אופן פון רעדן, און דער עיקר, מיט איר צו גרויסער ליבע צו זאַכן

פון איבערפלעכלעכן לוקסוס אים צופסמאל גזנארט. זאווילאוו־סקי האט נישט פארטראגן אין איר עפעס דעם מין פארוועניזם פון איר נאטור. היות ער האט נישט געוווסט, וואס פאר א בניגים זי האט שוין אויסגעבוים אויפן אלטן הער זאווילאווס־קיס פארמעגן, האט ער ממש נישט געקענט משיג זיין, ווי אזוי אן איידעלע פרוי האט זיך אזוי ווייניק געקענט זשענירן בנוגע צו אים אין די פאדערונגען פאר פעדימלען, ווען עס איז געגאנ־גען אין דעם מאסשטאב פון זייער קומענדיק לעבן. ער האט פריער געמיינט, אז עס וועט זיין דער היפוך, אז די דאמען וועלן ארויסווייזן שוין צופיל צערעמאניעס און איידלקייט — און דאס איז געווען זיין ערשטע אנטוישונג. פון דער צווייטער זייט ווי־דער האט אים ווי געטון די געשמאקלאזיקייט, מיט וואס פרוי בראניטש האט טאג־איין טאג־אויס כמעט דערמאנט וועגן די גרויסע שידוכים וואס פעדימל האט געקענט טון, און וועגן די קרבנות, וואס זי האט פאר אים געבראכט. די ק ר ב נ ו ת האבן זאך קיין ארט נישט געהאט. זאווילאווסקי איז נישט געווען קיין בעל־גאווה, ער האט אבער נישט געטראגן נידעריקער, ווי מען האט באדארפט, דעם קאפ — און מיט דעם, וואס ער האט אין זיך פארמאגט, האט ער זיך געהאלטן נישט פאר קיין ערגערן, באר פאר א בעסערן שידוך פון די אלע קאפאווסקיס אדער כלער־ליי קאלימאסאס, קאנ.פאראפולאסוס און אנדערע פארמעגטע אפערעטע פארשוינען. אים האט פארדראסן דער געדאנק גופא, וואס מען האט אים דערוועגט צו פארגלייכן מיט זיי. בפרט נאך אים לרעה. האבנדיק אין דער נשמה ליבע און פאעזיע, האט ער געהאלטן, אז ער פארמאגט דאס, וואס נישט אלעמאל אפילו האבן עס פרינצן אויף אונדזער ערד. ווי אזוי עס וועט אויסזען זיין פראקטיש לעבן מיט פעדימלען, האט ער ביז איצט א סך נישט געטראכט, אדער געטראכט בלויז אין צלגעמיין, אבער פילנדיק אין זיך קראפט און גרייטקייט צו גיין אין געראנגל מיט יעדן גורל, האט ער געגלייבט, אז עס וועט זיין א שפעדיקס. דינגען זיך וועגן דער שפע האט ער נישט געהאט ברעה, און ווען פרוי בראניטש האט געפלעגט ארויסווייזן חשק צו דעם, האט

ער זיך געמוזט אָפּהאַלטן, כדי נישט צו זאָגן איר, אַז דאָס ווייזט אים אויס צו זיין פלאַך.

שווירסקי, ווײַלנדיק אין פּושיטולאָוו, האָט איינמאָל אַרויסגעזאָגט אַ מאָדנעם געדאַנק, אַז ליבע איז נישט אינגאַנצן בלינד, נאָר זי ליידט אויף דאַלטאָניזם. זאַווילאָווסקי האָט געמיינט, אַז דער מאָלער, זאָגנדיק דאָס, האָט אויפן רעיון געהאַט אָסנאָווסקין. ער האָט זיך אָבער נישט משער געווען, אַז ער אַליין איז אַן אויסגעצייכנטער עקזעמפּלאַר פון אַ מענטש, וואָס ליידט אויף דער מחלה. ער איז אָבער בלויז בלינד געוואָרן בנוגע פריילין ליגעטאַ — אַ חוץ איר האָט ער אַלץ געזען און אַלץ באַמערקט, נאָך פלינקער ווי אַלעמאָל. און אַ טייל זיינע באַמערקונגען האָבן אים פאַרחידושט. נישט רעכענענדיק די באַאָבאַכטונגען איבער פרוי אַנעטאַ, איר יוזשאָן און קאָפּאָווסקין, האָט ער באַמערקט, למשל, אַז זיין אייגענע באַציִונג צו פרוי בראָניטש הייבט זיך אָן ענדערן — און אַז זינט ער איז געוואָרן נאָענט צו איר, זינט זי איז היימיש און גוט ברודעריש געוואָרן מיט אים, ווי מיט אַ קומענדיקן קרוב, און פעדימלס מאַן, האָט זי אַלץ ווייניקער אָנגעהויבן שעצן זיין פערזאָן, זיין ווערק און זיין טאַלענט. דאָס איז אפשר פאַר אַ געוויינטלעך אויג געווען אומבאַמערקלעך, פאַר זאַווילאָווסקין אָבער איז עס געווען קלאָר — ער האָט זיך אָבער נישט געקענט ענטפערן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. ערשט די צוקונפט האָט אים באַדאַרפט אויסלערנען, אַז פשוטע נאַטורן, אָנשטויסנדיק זיך אויף העכערע מענטשן אָדער זאַכן, פאַרלירן דורכן גוט ברידעריש ווערן צו זיי די אַכטונג, ווי זיי וואָלטן נישט ווײַלנדיק אַרויסווייזן, אַז דאָס, וואָס איז נאָענט געוואָרן, האָט מיט דעם גופא זיך געקענט אָבשטעקן מיט פלאַכקייט און געמיינקייט און מיט דעם גופא נישט בלייבן הויך. דערווייל האָט אים פרוי בראָנישט וואָס אַמאָל אַנטוישט, אים האָט געשטערט דער „באַקוועמער" טעאָדאָר, וואָס האָט אין דעם פאַל באַדאַרפט מיט זיין יענע וועלטישן אויטאָריטעט פאַרשטעלן יעדער טאַט. אים האָט פאַרחידושט עפּעס די פייגישע נאַוועגלעכקייט פונם אַ בטעלעקט, וואָס מיטן קוק אויפכאַפּנדיק אַלץ, וואָס

בלויזע גוטס און שיינס, האָט ער אָגב אַלץ פֿאַרביטן אין נישט־פֿאַרפּליכטנדיקע פּוסטע ווערטער.

ענדלעך האָט אים פֿאַרחידושט איר מוראדיקע נישט פֿריינטלעכקייט צו מענטשן. פֿרוי בראַניטש, וואָס האָט זיך כּמעט מכבּד געווען פֿאַר דעם אַלט זאַווילאָווסקין, האָט צווישן זיך גערעדט וועגן אים מיט אומווילן; פֿריילין העלענאַן האָט זי פּשוט נישט ליב געהאַט; וועגן פֿרוי קראַסלאָווסקאַ און פֿרוי מאַשקאָ האָט זי זיך אָפּגערופֿן מיט אייביקן חוזק, וועגן די ביגעלס מיט ביטול, דער עיקר אָבער איז איר געווען זאַלץ אין די אויגן פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ. די שבחים, וואָס שוואַסקי, זאַווילאָווסקי און אָסנאָווסקי האָבן מאַריניאַן געזונגען, האָט זי געפּלעגט אַזוי אומגעדולדיק אויסהערן, ווי זיי וואָלטן עפּעס באַעוולהט פֿריילין קאַסטעלי. זאַווילאָווסקי האָט זיך איבערצייגט, אַז פֿרוי בראַניטש האָט טאַקע קיינעם אויף דער וועלט נישט ליב אַ חוץ פּעדימלען.

דאָס אָבער דווקא האָט נאָך זיינע באַגריפֿן נאָך באַלויגט אַלע אירע חסרונות. ער האָט ע היום נישט משיג געווען, אַז אַזעלכע קנאה און בכלל געפֿילן, וואָס אָנשטאָט צו פֿאַרברייטערן דאָס האַרץ פֿאַר מענטשן, מאַכן זיי עס שמאָל און טרוקן, זענען בלויז אַ צווייקעפּיקער עגאָיזם, און אַז אַזאַ עגאָיזם קען זיין פּונקט אַזוי גראָב און אומאויסנוציק, ווי אַן איינקעפּיקער. ער אַליין ליב האָבנדיק פֿון גאַנצן האַרץ ליטעטאַן און פֿילנדיק זיך, זינט ער האָט זי ליב געקריגן פֿאַר אַ בעסערן און איידלערן, האָט ער געמיינט, אַז אַ ווען, וואָס האָט באמת ליב, קען אין עצם נישט זיין שלעכט — און האָט אין נאָמען פֿון געמיינזאַמער ליבע מוחל געווען דער פֿרוי בראַניטש אַלע אירע חסרונות.

פֿאַר דעם האָט דער פֿלינקער באַאָבאַכטער בניגע פֿריילין ליטעטקאַן קיין זאַך נישט געקענט באַמערקן. גרעסערע מע בעריסע נשמות מאַכן דערינבער אַזוי פֿיל אומגליקלעכע טעותים אין ליבע, זיי באַהאַנגען די געליבטע פֿרויען זייערע אין אַלע זייערע שטראַלן, נישט צוגעבנדיק זיך נאָכדעם קיין חשבון, אַז דער גלאַנץ פֿון וועלכן זיי שיינען, איז זייער אייגענער. אַזוי איז אויך

געװען מיט זאַװילאָװסקין. פֿרײלין ליגעטאַ איז פֿון טאָג צו טאָג געװאָרן אַלץ הײמישער הן מיט אים, הן מיט איר ראָל פֿון אַ כּלה. דער געדאַנק, אַז ער האָט זי אױסגעטײלט, זי געשטעלט העכער פֿון אַנדערע, אױסדערװײלט און ליב געקריגן, װאָס איז געװען אַמאָל אַ כּסדרדיקער לעבעדיקער קװאַל פֿון הנאה פֿון דער אײגנליבע און שטאָלץ, האָט אָנגעהױבן בײַ איר פֿאַרלירן דעם חן פֿון נײַקײט און װערן װאָכעדיק. אַלץ, װאָס זי האָט פֿון דעם געקענט אַרױסבאַקומען פֿאַר איר אײגענעם באַרימען זיך, האָט זי מיט פֿרױ בראָניצקיס הילף שױן אַרױסבאַקומען. די מענטשלעכע באַװוּנדערונג איז איצט שױן אױך, װי שװירסקי האָט זיך אױסגעדריקט, געװאָרן „פֿאַרשטײנערט", און די סטאַטוע איז איצט געװען אַזױ נאָענט פֿאַר אירע אױגן, אַז אַנשטאָט צו באַנעמען זי אינגאַנצן האָט זי אָנגעהױבן זוכן שפּאַלטערס אױפֿן מאַרמאָר. מינוטנװײַז נאָך האָט זי אונטערן אײַנדרוק פֿון פֿרעמדער באַװוּנדערונג, זיך געפֿלעגט צוריק דערמאָנען אין דעם באַװוּסטזײַן באַקומען פֿון זײַן מ ס, אָבער דאַמאָלס האָט זי באַהערשט עפּעס אַ מין פֿאַרװוּנדערונג, אַז דער פּשוטער פֿאַרליבטער, װאָס קוקט איר אין די אױגן אַרײַן, און אױף יעדן װוּנק איר געהאָרכזאַמער מענטש, אַז דער זאַװילאָװסקי, איבער װעלכן שװירסקי שאָקלט מיטן קאָפּ און װעלכן אַזאַ אָסנאָװסקי האַלט פֿאַר עפּעס אַ טײַער געזעלשאַפֿטלעך אײגנטום. זי האָט דאָך געקענט אים יעדע רגע שיקן למשל נאָך פֿרישע טרושקאַװקעס, אָדער נאָך הליטשקע. און דאָס געפֿיל האָט איר פֿאַרשאַפֿט אַ געװיסע הנאה, און מיט דעם גופֿא געמאַכט אים פֿאַר נײטיק. זי האָט באַװוּנדערט אין אים איר אײגענעם כּוח און צײַטנװײַז זיך פֿאַר אים נתוודה געװען פֿון דעם מין אײַנדרוק זײער אױפֿריכטיק.

אײנמאָל, בשעת זײ זענען פֿאַרקראָכן אױף פֿײַכטע לאָנקעס, האָט זאַװילאָװסקי זיך אומגעקערט נאָך אירע קאַלאָשן, שפּעטער, אַנידערקניענדיק לעבן אַן אָלכע, האָט ער זײ אָנגעטון אױף אירע פֿיס. װעלכע ער האָט בײַ דעם געקושט, קוקנדיק אױף דעם אַראָפּגעבױגענעם קאָפּ צו אירע פֿיס, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אייך האָלט מען פאַר אַ גרויסן מענטש, און איר טוט מיר אָן די קאָלאָש.

זאַווילאָווסקי האָט אָבער אויפגעהויבן צו איר זייגע אויגן אין אַ פאַרווילטער פון דעם צוגויפשטעלן די ווערטער, פריילעך געענטפערט, נישט אויסשטייענדיק פון די קני:

— ווייל כ'האָב געוואָלטיק ליב!

— דאָס איז גוט, כ'בין אָבער נייגעריק צו וויסן, וואָס לייט וואָלטן אויף דעם געזאָגט!

און די לעצטע פראַגע האָט דאַכט זיך איר צומייסטן אינטערעסירט. זאַווילאָווסקי אָבער האָט אין דער רגע אָנגעהויבן זיך צוקריגן מיט איר וועגן דעם, וואָס זי האָט אים געזאָגט: „הערט" — און האָט נישט באַמערקט, אַז אין איר „דאָס איז גוט!" — איז געווען עפּעס אַ מין צעשטרייטקייט, מיט וואָס מען מיידט אויס וויכטיקע זאַכן, אָדער צו גוט באַקאַנטע. מיט דעמזעלבן האַלב אומקוקן זיך האָט זי אויסגעהערט דאָס, וואָס ער האָט ווייטער גערעדט, אַז נישט זייענדיק קיין בעל-גאווה, האַלט ער זיך פאַר אַ נשטן בשר-ודם, שעצט אָבער זיין פאַך און אַז ער האַלט פאַרן גרעסטן גליק אַזאַ לעבן דווקא, אין וועלכן מען קען דינען הויך, און ליב האָבן פשוט. אינם געפיל פון דעם גליק האָט ער אַרומגענומען מיטן אָרעם איר טאַליע אַזוי, אַז ער זאָל דאָס פשוט ליב האָבן האַלטן ווי צום נאָענטן בײַ זיין ברוסט. בשעת אָבער זיין אַרויסשטאַרנדיקע גאָמבע האָט זיך נאָכמער אַרויסגערוקט פאָרויס, וואָס עס פלעגט זיך תמיד טרעפן, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אויפרעגונג, האָט קאָסטעלקאָ גענומען אים בעטן, ער זאָל זיך כּון דעם ; פגעווייגען, מחמת דאָס מאַכט אים צו שטרענג, און זי האָט ליב אַרום זיך נאָר פריילעכע פּנימער. אין איינוועגס האָט זי אים שוין דערמאָנט אויך, אַז געכטן, פירנדיק זי איבערן סטאַוו און פאַרמאַטערנדיק זיך מיטן רודערן, האָט ער זייער הויך לעבן איר געאָטעמט. זי האָט עס אים תיכף נישט געוואָלט זאָגן, ווי דאָס „האָט איר געווירקט אויף די נערוון". איר ווירקט אויף די נערוון אַ ליאַדע וואָס — אָבער

קיין זאַך נישט אַזוי, ווי דאָס, ווען איינער פֿאַרמאַטערט זיך לעבן איר און זעטעמט הויך.

דאָס זאָגנדיק, האָט זי אַראָפּגענומען דעם הוט און אָנגעהויבן זיך מאַכן דאָס פּנים. דאָס ווייען האָט אויפֿגעהויבן אירע בלאָנדע האָר, און אין דעם גרינעם שאָטן פֿון דער אַלכע, אַ באַגאָסענע דאָ און דאָרט פֿון דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די בלעטער, האָט זי אויסגעזען ווי אַ וויזיע. זאַווילאָחאָסקי האָט די אויגן פֿאַרשיכּורט מיט איר, און באַוווּנדערט אירע ווערטער קודם-כּל דעם חן פֿון אַ צעפּיעשטשעט קינד. אין דעם איז אפֿשר געווען עפּעס מער. אַבער ער האָט קיין שום זאַך מער נישט געזוכט און נישט געפֿונען, דווקא דערפֿאַר, ווייל זיין ליבע איז בײַ דער גאַנצער קראַפֿט איר'ער געווען אַ פּשוטע.

פּשטות שליסט אָבער נישט אויס קיין שווּנג. פֿרײַלין פּעדימל, האָט זיך באמת צוגעטשעפּעט ווי שפּינוועבס צו די פֿליגל פֿון אַ פֿויגל, וואָס האָט זי נישט ווילנדיק פֿאַרטראָגן אינדערהייך, וווּ מען דאַרף פֿילן יעדע באַוועגונג כּונם האָרץ, אַלץ טרעפֿן, אַלץ פֿאַרשטיין, און וווּ אפֿילו דער געדאַנק דאַרף זיך אָנשטרענגען, כּדי צו געבן אַן אויסדרוק דעם געפֿיל. און פֿרײַלין פּעדימל איז געווען „אַזאַ פֿילנדיקע!” זי האָט עס אַמאָל אַליין געזאָגט איר פֿליִער, וואָס האָט זיך איצט נישט משער געווען, אַז די הערן פֿאַרדרייען איר בלויז דעם קאָפּ און פֿאַרמאַטערן זי.

איצט פֿלעגט זיך וואָס אַמאָל אָפֿטער טרעפֿן, אַז אויפֿוועקנדיק זיך אינדערפֿרי און טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז עס וועט זיך דאַרפֿן טרעפֿן מיטן חתן און זיך פֿון דער פֿרי אָן אָנצוזיצן אויף אַ הויכן סאָן, פֿלעגט זי האָבן אַזאַ געפֿיל, ווי אַ קינד, אויף וועלכן ס'וואַרט אַ שווערע לעקציע, זי האָט די לעקציע שוין אַרויסגעגעבן; זי האָט שוין מער אָדער ווייניקער אַלץ אַרויסגעזאָגט, וואָס מען האָט זי אויסגעלערנט און האָט געמיינט, אַז דאָס זיין אַ כּלה דאַרף איר ברענגען וואַקאַציעס. אַ חוץ דעם זענען איר שוין נמאס געוואָרן אירע און פֿרעמדע אומגעווינטלעכקייטן, די אָריגינעלע דעפֿיניציעס, די געלונגענע אָפּרופֿונגען, מיט וועלכע זי האָט ביז איצט מלחמה געהאַלטן אויף דער וועלט. זי האָט אָנגע-

געפילט, אַז דער רעזערוו לאָזט זיך אויס און אַז אין דעם ברוי-
נעם זעט מען שוין דעם דנאָ. איר זענען נאָך געבליבן עפּעס
קינסטלערישע איינדרוקן, און דער אומדערטרעגלעכער „הער איג-
נאַש" האָט זיך געקענט דאָך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס זי האָט
אים פון צייט צו צייט געוויזן עפּעס אַ ברייטע לאַנקע, אַ שטיקל
וואַלד, אַ פּיצל פעלד מיט הוילער אַ ביסל צעשטויבטער אין שיין
תּבֿואה און געזאָגט: שיין! שיין! דאָס איז געווען לייכטער! ער
האָט אייגנטלעך נישט געקענט געפינען גענוג קיין ווערטער און
באַוווּנדערונג. פאַר דער טיפער קינסטלערישער נשמה וואָס עס
איז פאַרבאָרגן אין דעם איינעם וואָרט: „שיין" — אויב אָבער
ס'איז אַזוי, וואָס-זשע האָט ער נאָך געוואָלט — פאַרוואָס-זשע
האָט ער אין שמועס, אין געפיל, אין אופן פון ליב האָבן, זי געצוווּנגען
צו עפּעס אומבייטיקע אָנשטרענגונגען? אויב ער האָט ווידער נישט
געצוווּנגען, אויב דאָס איז געקומען אָן זיין וויסן, איז ערגער
פאַר אים, אַז זייענדיק בטבע אַזאַ שטילינקער, האָט ער צו דעם
נאָך פון דעם נישט געוווּסט. — זאָל ער אויב אַזוי רעדן מיט
סטעפּטשאַ ראַטקאָווסקאַ!

מיט קאָפּאָשן פאַר דעם דאַרף מען נישט האָבן קיין אָנ-
שטרענגונגען, און זיין געזעלשאַפט איז דעריבער פאַר פרייליין
קאַסטעלי געווען אַן אָפּרו. בלויז דאָס זען אים פלעגט זי מאַכן
פריילעך, אַרויסרופן אַ שמייכל אויף איר געזיכט און אַרויסרופן
אַ שטימונג אויף לצנות. אַזאַ פּאָלאַניעצקי איז איינמאָל אין לעבן
טאַקע געווען אייפערזיכטיק אין קאָפּאָווסקין, אָבער זאַווילאָו-
סקין, אַלס אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך מער געלעבט מיט אַן
אינטעלעקטועל לעבן, איז אפילו דורכן רעיון נישט דורכגעגאַנגען,
אַז אַזאַ „גייסט-ריך" און „קלוג" מיידל, ווי פעדימל, זאָל אפילו
אַ רגע קענען אַנדערש קוקן אויף קאָפּאָווסקין, ווי אויף אַ זאַך
צו טרייבן לצנות, וואָס זי האָט זיך כסדר דערלויבט. האָט
דען פרוי בראַניטש, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער אויבער-
פלאַכלעכקייט פון איר געדאַנק נישט געהאַט קיין טרעומות שוין
באַם געדאַנק וועגן אָפּגעבן פעדימלען קאָפּאָווסקין? דאָס, וואָס
זאַווילאָווסקי האָט געזען צווישן אים און פרוי אַנעטאַ איז פאַר

אים נישט געווען קיין שום מוס־השכל, מחמת ער האָט זיין פּעדימל געהאַלטן פאַר אַנעטאַס קעגנזײַטלעכן פּאַלוס. פּעדימל האָט דאָך אים אויסדערוויילט, ער איז ווידער געווען דער היפּוך פון קאַפּאַשן. דאָס אײַנע האָט באַזײַטיקט יעדן ספק. פּעדימל האָט זיך געשפּילט מיט קאַפּאַשן, געמאָלט אים, געפּירט מיט אים עפּעס אַזעלכע שמועסן, אַז זאַווילאָווסקי האָט זיך נישט געקענט אַנחידושן, ווי מען קען לעבן זיי נישט אַנגעשלאָפן ווערן, געמאַכט חוזק פון אים, אים נאָכגעקוקט פרייַלעך — אָבער בלויז דערפאַר, ווייל זי איז נאָך געווען אַ קינד, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן פאַרווײַלונגס מינוטן, און אפילו פּוסטקייט. פאַר דעם אָבער האָט קיינער נישט בעסער אָנגעזען בײַ אים זיין טפשות אָן אַ ברעג — און קיינער האָט פון דעם אַזוי אָפּט נישט גערעדט. וויפיל מאָל האָט זי געפּלעגט פון דעם מאַכן חוכא־וטולא פאַר זאַזילאָווסקין!...

נישט אַלע אויגן אָבער האָבן גלייך געקוקט אויפן דאָזיקן שפּיל — קודם־כל האָט אויף דעם אַנדערש געקוקט פרוי אַנעטאַ, וואָס האָט פון צייט צו צייט געזאָגט פשוט דעם מאַן, אַז קאַסטעלקאַ פוצט זיך צו קאַפּאָווסקין. „יוזשאָן“ פלעגט זיך טייל־מאָל אויך דאַכטן, אַז עס איז אַזוי, און האָט חשק געהאַט אויף אַ העפלעכן אופן משלח צו זיין קאַפּאַשן פון פּושיטולאָוו, דאָס האָט אָבער פרוי אַנעטאַ נישט דערלאָזט. — „קוים שדכנט ער זיך צו סטעפעטשאַן, האָבן מיר נישט קיין רעכט דעם אָרימען מיידל נעבעך צו פאַרבינדן דאָס מזל“ — אָסנאָווסקין איז אַ שאָד געווען די זיסע סטעפּעטשאַ זאָל חתונה האָבן מיט קאַפּאָווסקין, היות אָבער זי האָט קיין שום פאַרמעגן נישט געהאַט און אַנעטקאַ האָט גע־וואָלט, אַז עס זאָל פון דעם עפּעס אַרויסקומען, האָט ער זיך נישט דערוועגט זיך אַ קעגנצושטעלן.

פאַרדעם אָבער האָט ער נישט געקענט זיך אַנחידושן און באַהערשן זיין פאַרדרוס אויף קאַסטעלקאַן: „האָבנדיק אַזאַ איגנאַשן, און פוצן זיך צו אַזאַ טפש — אויף דעם דאַרף מען כאַקע זיין אַ ליאַלקע נאָר אַ נשמה“. תחילת האָט זיך אים דאָס נישט געלייגט אויפן שכל, האַלטנדיק, אַז אַנעטקאַ האָט

אודאי געהאַט אַ טעות, האָט ער אָנגעהויבן אויפֿמערקזאַמער זיך צוקוקן צום יונגן מיידל — און היות, נישט רעכענענדיק זיין פּערזענלעכע באַציונג צום חייב, איז ער לחלוטין נישט געווען קיין נאַר, האָט ער באַמערקט אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן, וואָס האָבן אים צוליב זיין גוטפֿריינטשאַפֿט צו זאַווילאָווסקין שטאַרק באַאומרויקט. ער האָט לעולם נישט געהאַלטן, אַז עס זאָל געשען עפּעס אַ צופֿאַל, וואָס קען ענדערן די לאַגע. ער האָט זיך אָבער געשטעלט די שאלה, ווי אַזוי איגנאַשס צוקונפֿט וועט אויסזען מיט אַ פֿרוי, וואָס קען אַזוי ווייניק שעצן און וואָס איז גייסטיק אַזוי קנאַפּ אַנטוויקלט, אַז נישט בלויז זי האָט געפֿונען אינטערעס אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַזאַ שיינקייט אָן אַ קאָפּ, נאָר דערלויבט זיך אים צוציען און דרייען אַ קאָפּ. „אַנעטקאַ משפּט אַלע נאָך זיך (האָט געטראַכט אָסנאָווסקי) — און האָט באמת זיך טועה געווען, צושרייבנדיק קאַסטעלקאַן עפּעס טיפֿערע געפֿילן: דאָס איז אַ מאַריאָנעטע, אויף וועלכער, אויב עס האָבן נישט געהאַט קיין השפּעה אַזעלכע נשמות, ווי אַנעטקאַ און איגנאַש, וועט זי שוין קיין זאַך נישט אויפֿוועקן". אַזוי אַרום איז דער אומגליקלעכער קראַנקער מענטש אויפֿן ליבע-דאַלטאָניזם, אַנטפּלעקנדיק פֿון איין זייט דעם אמת, אַריינגעפֿאַלן פֿון דער צווייטער זייט אין וואָס צומאָל אַ גרעבערן טעות. אויף קאַסטעלקאַן האָט ער פֿאַר דעם געקוקט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ טרעפֿלעכער און נישט באַדאַרפֿט האָבן קיין איבעריקע אָנשטרענגונגען, כדי צו קומען צום באַשלוס, אַז אין דער באַציונג פֿון דעם „אידעאַלן" פּעדימל צו קאַפּאָשן שטעקט טאַקע לצנות, פֿאַרהאַן אַ סך טשעפּען, רייצן זיך, אפֿילו חוזק, אָבער פֿאַרהאַן אויך אַן אומגעהייערע חולשה און אַזאַ מין תשוקה, וואָס פֿרויען מיט נשמות פֿון מאָדיסטינס פֿילן צו שיינע און שיין געקליידטע בחורים. קאַפּאָווסקיס טפּשות ממש אויף חידושים האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט געוואַקסן אויף פֿרישער לופֿט, פֿאַר דעם האָט די זון אָבער באַגילדט זיין איידעלע הויט, און די אויגן זיינע זענען געוואָרן אויסדריקלעכער, די ציין ווייסער, די באָרד העלער און גלאַנציק ווי זייד, באמת טאַקע די ווייַ-

קייט האָט נישט בלויז געשלאָגן פון זיין יונגשאַפט און שיינקייט, נאָר אויך פון זיין וועש פון די קראַוואַטן, פון די עלעגאַנטע, און גלייכצייטיק פשוטע מלבושים. אינדערפרי, אָנגעטון צום לאָן-טעניס אין ענגלישע פלאַנעלן, האָט ער געהאַט אין זיך עפעס פרישקייט פון פרימאָרגן און פאַרחלומטקייט פון שלאָף. זיין שטאַלטנע און אגב געטאָקטע ליניען פון דער פיגור האָבן זיך עפעס געפעסטעט דורך די ווייכע געוועבן — און ווי האָט זיך דאָס דער ביינערדיקער זאַווילאָווסקי געקענט גלייכן צו אים אין די דאַמענס אויגן צוזאַמען מיט זיינע וואַגנערישע קינבאַקן און מיט די לאַנגע פיס, מיט דעם „מיניאָן" וואָס דערמאַנט גלייכצייטיק גריכישע געטער און מאָדע-זשורנאַלן, מיט אַליטבישע גליפּזאַבען און טאַבל-ד'אָטן פון ביאַריץ און אָסטענדע. און האָט באַדאַרפט זיין אַזאַ מאָדנע בריאה, ווי דאָס שטילע וואַסער, סטעפּטשאַ ראַטקאָווסקאַ, כדי צו האַלטן (סיידן אויף צו להכעיס) אַז דאָס איז אַן אומדערטרעגלעכע ליאַלקע. קאַסטעלקאַ האָט אייגנטלעך געלאַכט, ווען שווירסקי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז קאָפּאָווסקי, דער עיקר ווען מען פרעגט אים עפּעס, קוקט אַזוי אָן, אַז מען זעט איבם בליק זעכצען דורות פון טפשות פון טאַטנס און מאַמעס צד. ער האָט באמת געהאַט אַן אומבאַוווסטזיניקן בליק און האָט געוויינטלעך תיכף נישט געקענט תופס זיין, וואָס מען וויל פון אים האָבן. פאַר דעם אָבער איז ער געווען אַזאַ פריילעכער, אויסגעזען אַזאַ מילדער און נישט קוקנדיק אויף דעם נישט זייער שנעלן געדאַנק אַזאַ גוט דערצויגענער, און ענדלעך אַזאַ שיינער און אויפגעפרישטער, אַז מען האָט אים אַלץ געקענט מוחל זיין.

זאַווילאָווסקי האָט געהאַט אַ טעות מיינענדיק, אַז בלויז פרוי בראָניטש חלשט צו אויבערפלאַכלעכן לוקסוס, און אַז זיין כלה האָט אַפילו קיין השגה נישט וועגן די אַלע פאַרלאַנגען, מיט וועלכע די מומע טרעט אַרויס. קאַסטעלקאַ האָט וועגן זיי געוווּסט. פאַרלירנדיק די האָפנונג, אַז „הער איגנאַש" זאָל ווען עס איז זיך קענען אויסגלייכן מיט קאָפּאָווסקין, האָט זי געוואָלט לכל הפחות, ער זאָל זיין ענלעך צו אים. צום אויבערפלאַכלעכן

לוקסוס האָט זי געהאַט אַן איינגעבוירענע גליסטונג — און בעטנ־דיק זאַווילאָווסקין, ער זאָל זיך קויפן דאָס און יענץ, האָט די מומע בלויז דערפילט אירע פאַרלאַנגען. פאַר איר איז באמת טאַקע געווען אַ קוק צו טון, אונטערצושיידן פון זיידנס ביז פיל־דעקאָס, און די גאַנצע נשמה האָט אינסטינקטיוו זיך גע־צויגן צום זיידנס. קאַפּאָווסקי איז געווען פאַר איר צווישן לייט, ווי די זיידנס צווישן געוועבן. ווען נישט פרוי אַנעטאַ, וואָס האָט דעם יינגמאַן אָפּגעהאַלטן, און ווען נישט די פאַרשידענע הויכע גע־פילן, וואָס זי האָט איינגעשמועסט קאַסטעלקאַן, וואָלט קאַסטעל־קאַ זיכער געווען חתונה געהאַט מיט אים. אָסנאָווסקי, נישט ווייסנדיק וועגן דעם אַלעם, האָט זיך אַפילו געחידושט, וואָס עס איז אַזוי נישט געשען, מחמת צום סוף פון זיינע באָאַבאַכטונגען איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס וואָלט אפשר גלייכער געווען הן פאַר ליבעטאַן, הן פאַר זאַווילאָווסקין.

און איינמאָל האָט ער די געדאַנקען אַרויסגעזאָגט פאַר זיין פרוי, זי איז אָבער אין כעס געוואָרן און זייער לעבהאַפט געענטפערט:

— ס'איז נישט געשען, ווייל עס האָט נישט געקענט גע־שען. קיינער איז נישט מחויב זיך צו צופאַסן צו יוזשאָס המצאות איך האָב די ערשטע באַמערקט, אַז קאַסטעלקאַ פּוצט זיך צי קאַפּאָווסקין. ווער האָט געקענט וויסן, אַז זי איז אַזאַ באַטור. זיין כלה און פּוצן זיך צו אַנדערע — דאָס גייט דאָך שוין איבער יעדן מענטשלעכן באַגריף. זי טוט עס אָבער אויס גאווה, אויף גו־להכעיס סטעפּטשאַ ראַזקאָווסקאַ, און אפשר פאַר דעם, כדי צו־וועקן אייפערזוכט בא זאַווילאָווסקין. ווער ווייסט זי דאָרט! יוזשאָן איז איצט לייכט צו רעדן און אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף מיר, אַז איך האָב עס געמאַכט דעם שידוך; זאָל זיך יוזשאָ בע־סער דערמאָנען וויפיל מאָל ער פלעגט מיך אָנטציקן מיט קאַס־טעלקאַן, וויפיל מאָל ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אומגע־ווייניטלעכע באַטור, און אַז אַזעלכע וואָלט גליקלעך געמאַכט הער איגנאַשן! אַ שיינע אומגעוויינטלעכע באַטור! איצט פּוצט זי זיך צו קאַפּאָווסקין, און ווען זי זאָל געווען זיין זיין כלה, וואָלט זי

זיך געפּוצט צו זאַווילאָווסקין. אַז עמעץ איז פּיסח, בלייבט ער פּסח אויף אייביק. יוזשאַ זאָגט, אַז זי וואָלט גיכער געווען צוגעפּאַסט צו קאַפּאָווסקין. מען האָט פֿריִער באַדאַרפֿט האָבן שכל, נישט דעמאָלט, ווען זי איז שוין זאַווילאָווסקיס כּלה. יוזשאַ זאָגט אָבער בכּיוון אַזוי, כּדי מיר צו ווייזן, וואָס פֿאַר אַ שטות כ׳האָב געטאָן צוהעלפֿנדיק הער אײַנגאַשן.

און דער גאַנצער ענין האָט באַקומען אַזאַ אויסזען, אַז זאַווילאָווסקי און קאַסטעלקאַ זענען אַוועק אויפֿן צווייטן פּלאַן, אויפֿן ערשטן אָבער האָט זיך אַרויסגערוקט יוזשאַס אַכזריות און רשעות. אָסנאָווסקי האָט זיך אָבער גענומען פֿאַרענטפֿערן און, צעשפּרייטנדיק די הענט, אַ זאָג געטאָן:

— אַנעטקאַ! ווי קענסטו אַפֿילו צולאָזן דעם געדאַנק, אַז איך האָב דיר געוואָלט עגמת־נפֿש פֿאַרשאַפֿן? איך ווייס דאָך וואָס פֿאַר אַן ערלעכע און האַרציקע כּוונות דו האָסט געהאַט; פֿאַרשטייסטו מיך אָבער. מיך שרעקט אײַנגאַשס צוקונפֿט, ווײַל כ׳האָב אים ליב. כ׳וואָלט פֿון גאַנצן האַרץ וועלן, גאָט זאָל אים געבן אַזאַ ווײַב, ווי דו ביסט. מײַן טײַער פֿייגעלע, דו ווייסט דאָך, אַז איך וואָלט גיכער געוואָלט דאָס לשון פֿאַרלירן, איידער זאָגן דיר עפּעס אומאָנגענעמס. איך בין געקומען אָט אַזוי, אַ שמועס טאָן מיט דיר און זיך אַן עצה האַלטן, ווײַל איך ווייס, אַז אין דעם טײַערן קעפּל וועט זיך תּמיד געפֿינען עפּעס אַ מיטל צו יעדער זאַך.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעהויבן קושן אירע הענט, נאָכדעם די אַקסלען און דאָס געזיכט מיט געוואַלטיקער ליבע און וואָס אַ מאָל גרעסערער אויפֿרעגונג. זי האָט אָבער אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אויסדרייענדיק זיך פֿון די קושן און געזאָגט:

— אַך, ווי פֿאַרשוויצט יוזשאַ איז!

ער איז טאַקע כּמעט תּמיד געווען פֿאַרשוויצט, ווײַל גאַנצע טעג פֿלעגט ער שפּילן אין טעניס, רײַטן אויף פֿערד, רודערן, זיך שלעפּן איבער וועלדער און פֿעלדער, אַבי אָפּצופּאַלן נאָך איר פֿאַרלאַנג נאָך.

— זאָג גאָר, אַז דו ביסט נישט בייז — האָט ער אַ זאָג

געטון, אָפּלאָזנדיק איר האַנט און קוקנדיק איר האַרציק אין די אויגן.

— נו, ניין! וואָס־זשע פאַר אַן עצה קען איך געבן. זאָלן זיי וואָס גיכער פאָרן קיין שעוועניגען, און קאָפּאָווסקי וועט דאָ בלייבן מיט סטעפּטשען.

— זעסטו, אַז דו האָסט געפונען אַן עצה. זאָלן זיי פאָרן תחילת אויגוסט. האָסטו אָבער באַמערקט, אַז סטעפּאַשע איז עפּעס נישט זייער... עפּעס קאָפּאָשאַ האָט בײַ איר שטאַרק נושא־חן געווען?

— סטעפּטשע איז אַ באַהאַלטענע, ווי זעלטן ווער. יוזשאַ קען נישט קיין פּרויען.

— מסתמא ביסטו אויך דאָ גערעכט. איך זע אפילו, אַז זי האָט נישט ליב קאַסטעלקאַן. אפשר איז זי אין האַרצן אין כעס אויף קאָפּאָווסקין.

— וואָס איז דען? — האָט לעבהאַפט אַ פרעג געטון אַנעטאַ — יוזשיאַ האָט עפּעס געזען אַזוינס פון איר זייט בנוגע קאַסטעלקאַן?

— קאָפּאָשאַ, ווי קאָפּאָשאַ. ער לאַכט צו איר, ווייל ער האָט שיינע ציין, ווען ער זאָל אָבער געווען עפּעס באַמערקן, וואָלט ער שוין אין פּושיטולאָוו נישט געווען, אפשר פּוצט זיך צו אים קאַסטעלקאַ דערפאַר, ווייל איר נאַטור איז אַזאַ... sans le savoir... דאָס אַליין איז שוין שלעכט, עס זאָל אָבער זיין, וואָס אונטערצוקוקן — האַלט איך נישט.

— מען דאַרף פונדעסטוועגן אַ פאָרש טון קאָפּאָווסקין בנוגע סטעפּטשאַן. יוזשאָ, ווייסט וואָס? איך פאָר תיכף היינט ריינענדיק קיין לעשניטשעווקע און וועל אַ שמועס טון ערנסט אַ ביסל... פאָרט איר אויך אין דער אַנדער זייט אַריין.

— גוט, קינדלעבן, זע, ווי דאָס קעפּל הייבט אָן פונדעסטוועגן צו געפינען אַן עצה!

און ער האָט זיך גענומען קלייבן אַוועקצוגיין, אויף דער שוועל אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ טראַכט געטון אַ ווײַלע און געזאָגט:

— ווי מאָדנע און אומבאַגרייפלעך דאָס איז אָבער: דער איגנאַש כאַפּט דאַכט זיך אַלץ אויף מיטן קוק — דערווייל אָבער פאַרגעסט ער די קאַסטעלקאַ, און זעט קיין זאַך נישט.

נאָכמיטאָג אָבער, ווען קאַפּאָווסקי מיט פרוי אַנעטאַ זענען דורכן שאָטנדיקן שליאַך געפאָרן צום הייזל אין וואַלד, האָט זאַווילאָטסקי, באַגלייטנדיק זי מיט די אויגן און קוקנדיק אויף איר פיגור, וואָס האָט אויפן פערד אין איר געפאַסטער אַמאַזאָנע אויסגעזען ווי אַ שאַלטע קריגל, אַ טראַכט געטון:

— ווי שטאַלטנע און רייצנדיק זי איז! עפעס איז אַמין איראָניע פון גורל, וואָס דער האַרציקער אָסנאָווסקי איז זיך קיין זאַך נישט משער.

און באמת איז אין דעם געווען אַן איראָניע פון גורל — אָבער נישט בלויז אין דעם אַליין.

XI

זינט פרוי אַנעטאַס און קאַפּאָווסקיס געמיינזאַמען אויספליג קיין לעשניטשעווקע, האָט זיך עפּעס געענדערט אין דער שטימונג פון דער געזעלשאַפט בײַ די איינוווינער פון פּזשיטולאָוו. זאַווילאָווסקי האָט אייגנטליך ווי פריִער געקוקט דער כּלה אין די אויגן אַרײַן און זיך אַנטציקט מיט איר אָן אַ שיעור, פאַר דעם אָבער איז אין דעם באַגײַן זיך מיט אים און מיט אַנדערע מצד איר געווען עפּעס אַ לײַכטער שאָטן פון שלעכטן הומאָר. קאַפּאָווסקי האָט זיך געפילט עפּעס געבונדן; אויף קאַסטעלקאַן פלעגט ער קוקן בלויז בגנבה, ער פלעגט זיך דערנענטערן צו איר מיט אינטערעס, אָבער בלויז אין פרוי אַנעטאַס אָפּוועזנהייט, און פלעגט פאַרקערט זיך צוזעצן צו פרײַלין ראַטקאָווסקאַ, מיט וועלכער ער האָט גערעדט עפּעס ווי צערודערט. פרוי אַנעטאַ איז נעהען נאָך דרייסטער ווי אַלעמאָל און צו יוזשאָס גרויס הנאה איצט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף אַלע ענינים אין פּזשיטולאָוו, אַז זי האָט צווײמאָל נאָך גענומען אַ שמועס ביחידות. קאַסטעלקאַן בליק האָט זיך געיאָגט נאָך קאַפּאָשן מיט אַזאַ האַלב פריי-

לעכער, האַלב איראָנישער פרייקייט, ווי אַמאָל — פאַר דעם האָבן פריילין ראַטקאָווסקאַס מרה-שחורהדיקע אויגן זיך געווענדט צו זאַווילאָווסקין מיט אַ געוויסן מיטגעפיל; מיט איין וואָרט: עס האָט זיך עפעס געביטן הן אין די בליקן, הן אין די באַציִונגען.

דאָס זענען אָבער געווען שנויים, וואָס לאָזן זיך בלויז באַמערקן פון אַ געניט אויג, וואָס איז געווינט צו קוקן אויף אַזאַ מין לעבן, אין וועלכן די קלענסטע שאַטירונגען פון געפילן, די סובטילסטע באַרירונגען פון געדאַנק און אפילו שטימונגען, באַקומען צוליב דעם אויספעלן פון העכערע צילן און גרעסערע טאָג-טעגלעכע אַרבעט, ניט בלויז אַן אויסזען פון וויכטיקע געשעענישן, נאָר באַהאַלטן אָפטמאָל אין זיך זייערע אמתע עמבריאָנען: אויסערלעך, איז דאָס לעבן פאַרבליבן אַזוי ווי ס'איז געווען, דאָס הייסט, אַ טאָג-טעגלעכער יום-טוב, אַ מאַיאָווער דורך-אָפרו. וואָס איז צווישנגעפלאָכטן פון ליבע, עסטעטישע איינדרוקן, מער אָדער ווייניקער סובטעלע שמועסן און ענדלעסע פאַרוויילונגען, אַזוי, אַז דער טאָג זאָל ווערן פאַרפולט, איז געווען די איינציקע אויפגאַבע, וואָס האָט באַלעסטיקט דעם מוח, און דעם גרעסטן חלק פון דעם האָט אויף זיך גענומען אַלס באַלעבאָס ה. ר. אָסנאָווסקי.

איין שיינעם פרימאָרגן האָט די מאָנאָטאָנע רוהקייט פון לעבן איבערגעריסן אַ דינער, אין דער פאָרם פון צוויי בריוו מיט שוואַרצע קעסטלעך, אַדרעסירט צו אָסנאָווסקין און זאַווילאָווסקין. בשעת מען האָט זיי געבראַכט, איז די גאַנצע געזעלשאַפט געזעסן באַ דער נאָכמיטאָג-קאַווע — און די דאַמענס אויגן האָבן זיך געווענדט מיט נייגעריקייט און אומרו צו די לייענענדיקע, וואָס האָבן אַרויסנעמענדיק די קאַרטן פון די אָפענע קאָנווערטן גלייכצייטיק כמעט אויסגעשריגן:

— הער זאַווילאָווסקי איז געשטאָרבן!

די בשורה האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם. פרוי בראַניטש, אַלס מענטש פון דער אַמאָליקער שול, וואָס האָט געדענקט די צייטן, ווען דאָס אָנקומען פון אַ שטאַפעט אין דאָרף

האָט פאַרפליכטעט פילנדיקערע נפשות צו חלשן, איידער נאָך ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, וואָס דער שטאָפּעט האָט געבראַכט צו פירן — איז אַ יינגעפאַלן אין אַ מין פאַרגליווערט חערן, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פאַרלירן דאָס לשון; פריילין ראַטקאָווסקאַ, וואָס האָט אַ צייט פאַרבראַכט בײַ די זאַווילאָווסקיס אין הויז און געווען זייערס אַ פריינדין, איז אויפן רעכטן אמת בלאַס געוואָרן; פריילין קאַסטעלי האָט, אָנכאַפנדיק פרוי בראַניטשס האַנט, זיך באַמיט זי אָפּצומונטערן, שעפּטשענדיק מיט אַ האַלבער שטים: „Voyons, chèrie tu n'es pas raisonnable!“ פרוי אַנעטאַ ווידער, ווי זי וואָלט וועלן מיט די אייגענע אויגן קאָנטראָלירן דעם אינהאַלט פון דער ידיעה, האָט זיי אַרויסגענומען פון מאַנס האַנט און אָנגעהויבן לייענען:

— ה. א. עוסטאַכי זאַווילאָווסקי האָט זיך צעשיידט מיט דער וועלט דעם 25־סטן יולי א. א. ח. די פאַרבליבענע אין טיפן צער טאָכטער פאַרבעט די קרובים און פריינט אויף דער לוויה אין פאַראַפיאַלן־קאָשטשאָל אין יאַשמיען, דעם 26־סטן ה. ח. א. א. ו.

נאָכדעם איז אַנטשטאַנען אַ ווײַלע פון שווייגן, וואָס זאַווילאָווסקי האָט דער ערשטער איבערגעריסן:

— איך האָב אים ווייניק געקענט — האָט ער אַ זאָג געטון — און כ'האָב אַמאָל געהאַט צו אים אַ פאָראורטייל, אָבער איצט איז ער מיר באמת אַ שאָד, מחמת כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז ער איז אין תוך גענומען געווען אַן ערלעכער מאַן.

— ער האָט דיך אויך אמתדיק ליב געקריגן — האָט געענטפערט אָסנאָווסקי — כ'האָב געהאַט ראיות.

פרוי בראַניטש, וואָס איז בינו־לבינו צו זיך געקומען, האָט דערקלערט, אַז די ראיות קענען זיך ערשט איצט בולט אַרויסווייזן אין גאַנצן פאַרנעם, און אַז הער עוסטאַכיס האַרץ וועט מסתמא זיך אַרויסווייזן פאַר אַ ־ך אַ גרעסערס, ווי מען איז זיך משער. „הער עוסטאָכיס האָט תמיד זייער ליב געהאַט פעדימלען, און אַזאַ מענטש האָט קיין שלעכטער נישט געקענט זיין“. איר, דאָס הייסט, דער פרוי בראַניטש, האָט ער צייטנווייז דערמאַנט

אָן טעאַדאָרן, און דעריבער האָט זי זיך צו אים אַזוי צוגעבונדן. ער פלעגט אפילו אַמאָל זיין פונקט אַזוי שאַרף, ווי טעאַדאָר מילד, ביידע האָבן זיי אָבער געהאַט דיזעלבע ערלעכע נשמות, וואָס דער רבונו-של-עולם קען צום בעסטן משפטן.

נאָכדעם האָט זי זיך געוועבדיט צו פעדימלען, דערמאָנענ-דיק זי, אַז די קלענסטע אויפרעגונג רופט באַ איר אַרויס אַ דריקעניש אין גריבעלע און געבעטן, אַז זי זאָל דאָס מאָל זי' נישט אונטערגעבן דער איינגעבוירענער פילנדריקייט. זאַוילאָוו-סקי ווידער האָט אויס געפיל, אַז הן אים, הן פעדימלען האָט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן עפעס אַ געמיינזאַמער טרויער, אָנ-געהויבן זי קושן אין דער האַנט, די שטימונג האָט ערשט איבערגעריסן קאָפאָווסקי, וואָס האָט אַ זאָג געטון, עפעס ווי פאַר-טראַכט איבער דער איידלקייט פון מענטשלעכע ענינים:

— אינטערעסאַנט וואָס פריילין העלענאַ וועט טון מיט די ליולקעס, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך הער זאַווילאָוו-סקין?

— באמת טאַקע, דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט געהאַט אַ קאָלעקציע ליולקעס, וואָס האָט געשמט אויף דער גאַנצער שטאָט, און ער פלעגט בשעתו אויס אַמווילן צו פאַפיראָסן און ציגאַרן, איינאָרדנען אפילו באַ זיך פאַרזאַמלונגען פ ר ליבהאָבער פון ליולקע-ציבעק. קאָפאָווסקיס דאגה וועגן די ליולקעס איז אָבער נישט געוואָרן באַפרידיקט ראשית דערפאַר, ווייל מען האָט אין דער ווייל געבראַכט זאַווילאָווסקין אַ בריוו פון פאָלאַניעצקין, וואָס האָט אין זיך אויך אַנטהאַלטן די ידיעה וועגן דעם אַלטנס טויט מיט אַן איינלאַדונג אויף דער לויה, שנית צוליב דעם, וואָס אָסנאָווסקי האָט זיך אָנגעהויבן מיישב זיין מיטן ווייב וועגן זייער פאָרן קיין יאַשמיען.

מען האָט באַשלאָסן, אַז אַלע וועלן תיכף פאָרן אין שטאָט אַריין, ווו די דאַמען וועלן נאָך באַווייזן איינצוקויפן כל-המינים טרויער קלייניקייטן, און צומאָרגנס, אין טאָג פון דער לויה, וועלן זיי זיין אין יאַשמיען, אַזוי איז אויך געשען. זאַווילאָווסקי איז תיכף נאָך זיין קומען, אַריין צו זיך אַ היים, כדי אָוועקצולייגן

די זאַכן און זיך צוגרייטן אויף מאָרגן אַ שוואַרצן אַנצוג, נאָך דעם, איז ער אַוועק צו די פּאָלאַניעצקיס, מיינענדיק, אַז זיי זענען אויך געקומען צופאָרן פון די ביגעלס, דער באַדינער האָט אים געזאָגט, אַז נעכטן איז בלויז געווען דער באַלעבאָס, וואָס איז אָבער תיכּף אָפּגעפאָרן קיין יאַשמיען, לעבן וועלכן די באַלעבאַטים האָבן מיט צוויי וואָכן צוריק געדונגען, אָדער אפילו געקויפט אַ הויז.

דערהערנדיק דאָס, האָט ער זיך אומגעקערט צו די אָסנאָווסקיס אין דער ווילע אַריין, כּדי צו פאַרברענגען דעם אָוונט מיט דער כּלה. אין פאָדערצימער, האָבן אים פאַרחידושט די טענער פון שטראַוסישן וואַלס, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון דער טיף הויז, טרעפנדיק דעריבער אין צווייטן זאַלעכל די פריילין ראַטקאָווסקאַ, האָט ער גענומען אויספרעגן, ווער עס שפּילט.

— פעדימל שפּילט מיט הער קאָפּאָווסקין — האָט געענטפערט פריילין ראַטקאָווסקאַ.

— הער קאָפּאָווסקי איז שוין דאָ?

ער איז געקומען מיט אַ פערטל שעה צוריק.

און די אָסנאָווסקיס?

— זענען נאָך נישט צוריקגעקומען פון שטאָט. אַנעטקאַ קויפט איין.

זאַווילאָווסקי האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט אַ געוויסע אומצופרידנקייט פון פעדימלען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער פאַרשטאָרבענער שליאַכטשיץ איז זי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, דאָך האָט די צייט צו שפּילן אַ וואַלס אין פיר הענט אויסגעוויזן אים פאַר נישט פּאַסיק. ער האָט געפילט, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אַ געשמאַקלאָזיקייט. און פרוי בראַנישט, וועלכער עס האָט נישט געפעלט קיין וועלטלעכער שכל, האָט משמעות תופס געווען דעם איינדרוק אויף זיין געזיכט.

— פעדימל איז געווען געוואַלטיק גערירט און פאַרמאַטערט — האָט זי אָנגעהויבן — און זי באַרויקט קיין זאַך נישט אַזוי, ווי מוזיק. כ׳האָב זיך שטאַרק באַאומרויקט, מחמת איר האָט

שוין אָנגעהויבן שזאַן באַם גריבל. דעריבער האָב איך אַליין פאַרגעלייגט הער קאַפּאַווסקין, ווען ער איז אָנגעקומען, זיי זאָלן עפּעס אויסשפּילן.

זיי האָבן אָבער אויפגעהערט צו שפּילן — און זאַווילאַווסקיס אומאָנגענעמער איינדרוק האָט פּאַמעלע אָנגעהויבן צעווייעט ווערן. אין דער ווילע האָט ער געהאַט אַ סך פרישע, טייערע זכרונות בין־השמשות־צייט האָט ער אָנגעהויבן שפּאַצירן מיט פעדימלען געאָרעמט איבער די צימערן און, פאַרהאַלטנדיק זיך אין פאַרשידענע ערטער, אַלע רגע זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— געדענקסט? — האָט ער אַ זאָג געטון — אין איטאַליע דאָ באַם מאַלן האָסטו מיך געצוווּנגען פאַר די שלייפן, כדי מיר אויסצודרייען דעם קאָפּ און איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דיר אַ קוש געטון אין האַנט. ווען דו האָסט אַ זאָג געטון: „רעדט איבער מיט דער מומען". — האָב איך נישט נאָר דעם באַוווסטזיין פאַרלוירן, נאָר אויך דעם אָטעם... דו מיין אויסדערוויילטע, מיין טייערסטע...

זי ווידער האָט געענטפערט:

— און ווי בלאַס דו ביסט אַמאָל געווען!

— שווער איז נישט צו זיין בלאַס, ווען דאָס האַרץ שטאַרבט באַ עמעצן אָפּ פון געצירטקייט. איך האָב דאָס דיך שוין ליב געהאַט אָן אַ קאָפּ.

פריילין קאַסטעלי האָט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך און אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטון:

— ווי מאָדנע דאָס אַלץ איז!

— וואָס, פעדימל?

— אַז דאָס אַלץ הייבט זיך אָן און הייבט זיך אָן, ווי עפּעס אַ פּרווו, ווי עפּעס אַ שפּיל... נאָכדעם גייט מען וואָס אַמאָל מער אין דעם אַריין — און פּלוצלינג די קליאַמקע פאַלט צו.

זאַווילאַווסקי האָט אָנגעהויבן צודריקן איר אָרעם צו דער ברוסט און אַ זאָג געטון:

— אַ יאָ! די קליאַמקע פֿאַל צו! איך האָב מײַן ליכטיק מיידל און װעל זי שוין נישט אָפּלאָזן.

נאָכדעם, גייענדיק כּסדר געאָרעמט, זענען זיי אַריבער אין גרויסן זאַל. זאַווילאָווסקי האָט איר אָנגעוויזן אויף דער שויבן־טיר און געזאָגט:

— אונדזער באַלקאָן און אונדזער ענין.

וואָס אַמאָל איז פֿינסטערער געוואָרן. די זאַכן אין צימער זענען פֿאַרזונקען געוואָרן אין שאָטן; וװו־נישט־וװו בלויז אויף די באַגילדטע ראַמען פֿון די בילדער האָט געגלאַנצט אַ שימער, ווי עפּעס אויגן, װאָס קוקן נאָך דעם יונגן פּאָר.

— האָסט מיך ליב? — האָט פֿלוצלינג אַ פֿרעג געטון זאַווילאָווסקי.

— דו ווייסט.

— זאָג: יאָ!

— יאָ.

דעמאָלט האָט ער נאָך שטאַרקער צוגעדריקט איר אָרעם און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געענדערטער פֿון געפֿיל־צופֿלוס שטים:

— דו האָסט פּשוט קיין השגה נישט, וויפֿיל גליק אין דעם איז פֿאַרהאַן. אויף מײַן וואָרט: דו האָסט קיין השגה נישט! דו ווייסט גאָרנישט, ווי ליב איך האָב דיך, איך וואָלט פֿאַר דיר אָפּגעגעבן דאָס לעבן, איך וואָלט די וועלט אָפּגעגעבן פֿאַר איין האָר דײַנע! דו ביסט מײַן וועלט, מײַן לעבן, מײַן אַלץ! איך וואָלט אָן דיר איצט געשטאָרבן.

— לאָמיר זיך זעצן — האָט פֿריילין קאַסטעלי אַ שעפּטשע געטון — איך בין אַזוי מיד.

און זיי האָבן זיך געזעצט, אָנגעלעגט איינס באַם אַנדערן מיט די אָרעמס, פּאַ־באָרג, אין חשכות. אַ ווײַלע איז אַנטשטאַנען אַ שווײַגן.

— וואָס איז דיר? דו ציטערסט אינגאַנצן? — האָט אַ שעפּטשע געטון פֿריילין ליגעטאַ.

זי איז אָבער, צי אַ פֿאַרוויגטע פֿון אירע זכרונות, צי אַ

מיטגעריסענע פון זייבע געפילן, אָדער פון זיין נאָנטקייט, האָט אָנגעהויבן שנעלער צו אָטעמען, און פאַרמאַכנדיק די אויגן, די ערשטע איבער דערנענטערט די ליפּן.

קאַפּאָוסקי משמעות האָט דערווייל זיך איינגעשפּאַנט שכנותדיקן צימער געלאַנגווײַלט מיט פרייַלין ראַטקאָווסקאַ און פרוי בראָגיטש, מחמת אין דערזעלבער רגע האָבן זיך דערהערט די טענער פון וואַלס, וואָס ער האָט פריער געהאַט געשפּילט מיט לינעטאַן.

בשעת זאַווילאָווסקי איז אַהיימגעקומען, האָט זיין אייגענע בחורישע דירה, אויסגעזען אים ווי אַ בילד פון פוסטקייט און טרויער, עפּעס אַ נע-ווַנד-אָרט אָן אַ תכלית, נאָך וועלכן עס בלייבט אפילו קיין זכר נישט — און ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס גאָלדענע פעדימל האָט זיך שוין אַזוי אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַרץ, אַז ער וואָלט באמת אָן איר נישט געוואָלט און נישט געקענט לעבן.

הער זאַווילאָווסקיס לוויה איז פאָרגעקומען צומאָרגנס בײַ זייער נישט קיין גרויסן עולם מלוים. די אַרומיקע גיטער, וואָס האָבן זיך געפינען נאָנט פון דער שטאָט, האָבן על-פּי-רוב אָנגעקערט צו פאַרמעגלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זומער-צייט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, און צוליב דעם טאַקע זענען זייער ווייניק פון הער זאַווילאָווסקיס באַקאַנטע פאַרבליבן אין שטאָט. געקומען בלויז זענען אַ היפּשע חברה פּויערים, וואָס האָבן, שטופּנדיק זיך אין קאָשטשיאָל, געקוקט מיט עפּעס אַ מין חידוש אויף דער טרומנע, ווי אַזאַ גרויסער עושר, וואָס האָט אַ וועלט מיט ערד, געלט און שיפן, גייט אין קבר אַריין, גלייך מיט אַ ליאַדע פּויער, וואָס זיצט ערגעץ אויף אַ געדונגענער ליפּעצע. אַנדערע ווידער האָבן געקוקט מיט קנאה אויפן מיידל, אויף וועלכער „אַזוי פיל גוטס" האָט באַדאַרפט אַראָפּפאַלן. און אַזוי איז שוין די טבע פון מענטשן, אַז נישט בלויז פּויערים, נאָר אויך עלעגאַנטע לייט, הער זאַווילאָווסקיס ווייטערע צי נאָנטערע קרובים, האָבן אפילו בײַ דער לוויה-צערעמאָניע גופא נישט געקענט זיך איינהאַלטן פון טראַכטן, וואָס פרייַלין העלענאַ וועט טון מיט די

מיליאָנען, וואָס וועלן איר בלייבן אויף אָפּצווישן די טרערן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך משער געווען, אַז זאַווילאָווסקי וועט אַלס דער לעצטער קרוב מיט דעמזעלבן פֿאַמיליענאָמען, ירשענען אַ גרויס חלק, און זיך שטילערהייט געשטעלט די פֿראַגע, צי דער גליקלעכער דיכטער, און מאָרגן אפשר מיליאָנער, וועט נישט אויפֿהערן צו שרייבן קיין לידער. און זיי האָבן געטראַכט, מיט עפּעס אַ מין אומדערקלערלעכער הנאה, אַז ער וועט מסתּמא יאָ אויפֿהערן.

דער עיקר האָט געצויגן אויף זיך אויפֿמערקזאַמקייט פֿריי־לין העלענאַ. מען האָט זיך אומעטום געחידושט אויף דער הכנעה, מיט וועלכער זי האָט איבערגעטראָגן די אבדה, וואָס איז געווען ווייטיקלעך דערפֿאַר, ווייל נאָכן פֿאָטערס טויט איז זי געבליבן עלנט אויף דער וועלט, אָן נענטערע קרובים. ווי דער יונגער דיכטער — אפֿילו אָן פֿריינט, וועגן וועלכע זי האָט אויפֿגעהערט זיך צו באַמיִען. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער טרומנע מיט אַ פּנים, פֿון וועלכן עס האָבן אַראָפּגערינען טרערן, אָבער וואָס איז געווען רויִק, מיט דער געוויינטלעכער באַ איר, אַ ביסל טוי־טער און שטיינערנער רו, און אומקערנדיק זיך אַהיים פֿון דער לוויה, האָט זי דערציילט וועגן פֿאָטערס טויט אַזוי, ווי עס וואָלט שוין פֿון דאַמאָלס אָן אַוועק לכל־הפּחות עטלעכע חדשים. די דאַמען פֿון פּשיטולאָוו האָבן נישט געקענט משיג זיין, אַז עס רעדט פֿון איר אַרויס די געוואַלטיקע אמונה, און אַז אויפֿן גרונט פֿון דער אמונה, איז דער טויט, לגבי יענעם, וואָס זי האָט שוין איבערגעלעבט און וואָס האָט צעריסן איר האַרץ, אויסגעוויזן איר באמת טרויעריק, אָבער גלייכצייטיק געבענטשט, וואָס דרוקט אויס טרערן פֿון צער, אָבער נישט פֿון יאוש. דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי איז אגב געהאַט געשטאָרבן זייער ערלעך, הגם כּמעט פּלוצלינג. זינט ער איז געקומען קיין יאַשמיען, האָט ער זיך נוהג געווען, אַז ער פֿלעגט צוויי מאָל אַ וואָך אָפּזאָגן ווידוי, אַזוי, אַז קיין רעליגיעזע טרייסט האָט אים נישט געפֿעלט. ער איז געשטאָרבן מיטן תּפֿילה־רייזעלע אין דער האַנט, אויף זיין שטול, ווערנדיק פֿריִער לייכט אַנטשלאָפֿן, אָן שום יסורים.

מחמת זיין טאָג־טעגלעכער וויטיק האָט אים מיט עטלעכע טעג פריער געהאַט באַכגעלאָזט. אַזוי, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן האָפן אײַנגאַנצן געזונט צו ווערן. פרײַלין העלענאַ האָט דערציילנדיק וועגן דעם מיט איר געשטילטער און מאָנאָטאָנער שטים, זיך ענדלעך געווענדט צו זאַווילאָווסקין און אַ זאָג געטון:

— ער האָט אײַך זייער אָפּט דערמאַנט. אפשר אַ שעה נאָך פאַרן טויט האָט ער געזאָגט, אַז אויב איר וועט קומען קיין בוטשינעק צו די פּאָלאַניעצקיס, זאָל מען אים תיכף מודיע זיין, ווייל ער וויל דורכאויס מיט אײַך זיך זען. דער טאַטע האָט אײַך זייער און זייער ליב געהאַט און געשעצט.

— ליבע פרײַלין — האָט אַ זאָג געטון זאַווילאָווסקי, אויפהייבנדיק איר האַנט צו די ליפּן — איך בין זיך צוזאַמען מיט אײַך האַרציק מצער איבער אים.

געווען איז עפּעס איידלס און אויפריכטיקס הן אין זיין טאָן, הן אין די ווערטער, דעריבער זענען פרײַלין העלענאַס אויגן פאַרגאַנגען מיט טרערן, פרוי בראָניטשס געוויין ווידער האָט זיך געלאָזט אַזוי הויך הערן, אַז ווען נישט דאָס פלאַקאָנדל מיט חלשות־טראָפּנס, וואָס פרײַלין קאַסטעלי האָט איר דערלאַנגט, וואָלט עס זיכער געווען אַריבער אין אַ נערוועזן צופאַל.

פרײַלין זאַווילאָווסקאַ אָבער האָט, ווי זי וואָלט נישט הערן דאָס כליפּען, אָנגעהויבן דאַנקען פּאָלאַניעצקין פאַר דער מיטהילף פון זיין זייט, מחמת ער האָט זיך מתעסק געווען בײַ דער לוויה און מיט די דאגות, וואָס דער טויט פון נאָענטע מאַכט אָן, אַלס צולאָג צו דעם אומגליק פון די, וואָס פאַרלירן די נאָענטע. ער ווידער האָט אַלץ געהאַט גענומען אויף זיך הן אויס ווילן צו טון אַ טובה, הן דערפאַר, ווייל ער האָט איצט אויפגעכאַפּט יעדער געלעגנהייט זיך מיט עפּעס צו פאַרנעמען, צו פאַרטרייבן און אַרויסצוגיין פון דעם פּייניקנדיקן קרייז פון רעיונות.

מאַרינייאַ איז אויף דער לוויה נישט געווען, מחמת דער מאַן האָט נישט געוואָלט, זי זאָל זיך שטעלן אין סכנה פון געדרענגעניש און מידעקייט, פאַר דעם האָט זי אָבער אונטערגעהאַלטן פרײַלין זאַווילאָווסקאַן אינדערהיים, פאַרשאַפנדיק איר, ווי

ווייט מ׳נגלעך, טרייסט. איצט האָט זי צוזאַמען מיט די פּזשיטולאָ־
ווער דאַמען געיאָלט זי נעמען קיין בוטשינעק, און אַפילו פאַר־
האַלטן זי עטלעכע טעג בא זיך. פּאָלאַניעצקי האָט די בקשה גע־
שטיצט, פרײַלין העלענאַ האָט אָבער אָפּגעזאָגט, מחמת זי האָט
בא זיך געהאַט אינדערהיים איר אַלטע לערערין, און מבטיח גע־
ווען פרוי מאַריניאַן, אַז אין יאַנואַר ווען איר לחלוטין נישט
זיין אומאָנגענעם און אַז זי וואָלט די ערשטע טעג נאָך בפרט
נישט וועלן עס פאַרלאָזן.

פאַר דעם זענען די דאַמען פון פּזשיטולאָוו, וואָס האָבן אַזוי
אויך חשק געהאַט צו באַזוכן פּאָלאַניעצקי׳ן, צוגערעדט פון שווירס־
סקין, געגאַנגען צוזאַמען מיט די באַקאַנטע הערן קיין בוט־
שינעק — בפרט נאָך, אַז פרוי בראַניטש האָט חשק געהאַט זיך
צו דערוויסן פון פּאָלאַניעצקין נענטערע פּרטים וועגן דעם פאַר־
שטאָרבענעמס לעצטע מינוטן. פרוי מאַריניאַ וואָס האָט מיט גרויס
אינטערעס זיך צוגעקוקט צו פרײַלין ראַטקאָווסקאַ, האָט זי איצט
ריינגענומען צו זיך אין קאָטש אַריין — און געשען איז דאָס
וואָס עס געשעט אַ מאָל אויף דער וועלט: ביידע דאַמען האָבן
פּלוצלינג דערפילט צו זיך אַן אומגעהייערע נטיה. אין פרײַלין
ראַטקאָווסקאַס טרויעריקע אויגן, אין איר אויסדרוק, אין איר
„געשטילט״ געזיכט, ווי שווירסקי האָט זיך אויסגעדריקט, איז
געווען עפּעס אַזוינס, אַז פרוי מאַריניאַ האָט גלייך פונם ערשטן
קוק דערקענט אין איר אַן אומדרייסטע נאַטור, וואָס איז געווינט
זיך אָפּצושליסן אין זיך, אָבער אַן איידעלע און האַרציקע. פון
דער צווייטער זייט האָט פרײַלין ראַטקאָווסקאַ זיך אַזוי פיל אָנ־
געהערט פונם יינגן זאַווילאָווסקי וועגן מאַריניאַן (און אָנגעהערט
האָט זי זיך דערפאַר, ווייל די איבעריקע דאַמען אין פּזשיטו־
לאָוו האָבן נישט זייער גערן זיך צוגעהערט צו שבחים אויף
באַנטע), אַז זעענדיק אין אירע אויגן אינטערעס און סימפּאַטיע,
צו וועלכע זי איז בא איר אָרימקייט און איינזאַמקייט נישט גע־
ווינט געווען, איז זי צו איר צוגעקלעפּט געוואָרן מיטן גאַנצן
האַרץ. אַזוי אַרום זענען זיי געקומען קיין בוטשינעק, אַלס גוטע
פריינדינס, און שווירסקי, וואָס איז צוזאַמען מיט פּאָלאַניעצקין,

אָסטראָווסקין און קאַפּאָווסקין, געקומען תּיכּף נאָך זיי, האָט נישט באַדאַרפֿט קיין איבעריקע חכמה, צו טרעפֿן, אַז מאַריניאַנס מיי־נונג וועגן פֿרײַלין סטעפּטשאַ וועט זײַן אַ גינסטיקע.

ער האָט עס אָבער געוואָלט הערן. מאַריניאַ האָט אָנגע־הויבן די געסט ווײַזן איר נײַע רעזידענץ, וואָס האָט געוואָלט ווערן איר אייגנטום, פּאָלאַניעצקי האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו קויפֿן ביטשינעק. מען האָט דער עיקר באַקוקט דעם גאָרטן, אין וועלכן עס האָבן געוואַקסן אומגעהײַער אַלטע ביק־ביימער. שווירסקי האָט, אויסנוצנדיק דעם שפּאַציר, דערלאַנגט מאַריניאַן די האַנט, און אויפֿן וועג אַהיים, בשעת די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט זיך אַ ביסל צעטיילט איבער אַלע אַלייען, האָט ער מיט גרויס אימ־פּעט אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, מאַדאַם? ווי איז דער ערשטער אײַנדרוק?

— ווי צום בעסטן. וואָס פֿאַר אַ גוט און האַרציק קינד דאָס מוז זײַן. באַמת זיך זי צו דערקענען.

— איך? צו וואָס? איך בעט הײַנט די האַנט. איר מיינט, איך וויל עס נישט טאָן? אויף מײַן וואָרט, אַז נאָך הײַנט. — און צו דעם אין ביטשינעק. איך האָב שוין נישט קיין צײַט אויפֿצוקוקן זיך און ישוב הדעת. אין די זאַכן מוז זײַן אַ ביסל אַזאַרט. איך וועל הײַנט בעטן די האַנט, ווי איר זעט מיך לעבן.

פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן, מיינענ־דיק, אַז ער טרײַבט לצנות, ער אָבער האָט געענטפֿערט:

— איך לאַך אויך, ווײַל אין דעם איז גאָר קיין טרויע־ריקס נישטאָ. עס מאַכט נישט אויס, וואָס אין טאָג פֿון דער לחיה: איך בין נישט קיין אָבערגלויבישער. אדרבא! איך בין — און גלייב, אַז פֿון אײַער האַנט קען קיין שלעכטס נישט זײַן.

— ס׳איז דאָך אָבער נישט פֿון מײַן האַנט. איך האָב זיך דאָך נאָר וואָס ערשט באַקענט מיט איר...

— דאָס איז אַלצײַנס, איך האָב דאָס גאַנצע לעבן מורא געהאַט פֿאַר פֿרויען, און פֿאַר דער נפֿש אויף קיין

האָר נישט! דאָס קען פּשוט נישט זיין קיין אומדאַנקבאַר האַרץ.

— ניין, איך מיין אויך, אַז נישט.

— זעט איר, אויף מיר איז געקומען די לעצטע צייט. ווען זי מיך אָננעמען, וועל איך זי דאָס גאַנצע לעבן אָט דאָ טראָגן! — (דאָ האָט ער אַריינגערוקט די האַנט אין בוזעם-קעשענע פון סורדוט), — אַ נישט וועל...

— איז וואָס?

— וועל איך זיך אָפּשליסן און וועל אַ וואָך צייט מאַכן פון אינדערפרי ביזן אָוונט. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל נאָכן כאַפּן ענטלעך — אָבער, ניין! דאָס איז וויכטיקער, ווי איר מיינט. איך מיין אָבער, אַז זי איז מחויב מיך אָנצונעמען. איך ווייס, אַז זי האָט דעם דאַמען-ליבלינג, דעם קאַפּיטאַן, נישט ליב; זי איז עלנט אויף דער וועלט און אַ יתומה און וועט מיר טון אַ חסד, פאַר וועלכן איך וועל מסוגל זיין איר דאַנקבאַר צו זיין דאָס גאַנצע לעבן, ווייל אין תוך גענומען בין איך דאָך אַ גוטער מענטש — און כ'האָב מורא, כ'זאָל נישט ווערן פאַרביטערט.

מאַריניאַ האָט איצט ערשט באַמערקט, אַז שווירסקי קען אויך רעדן ערנסט — און האָט געענטפערט:

— איר זענט באמת אַ גוטער מענטש, און איר וועט קיינמאָל דעריבער נישט ווערן פאַרביטערט.

ער ווידער האָט זיך אָפּגערופן זייער לעבהאַפט:

— אדרבה. מיט דעם וואָלט זיך עס געקענט ענדיקן. מיט אייך וועל איך זיין אויפריכטיק. איר מיינט טאַקע, אַז איך בין אַזוי גליקלעך, ווי איך ווייז אויס באמנות — ניין! כ'האָב זיך דערוואָרבן אַ ביסל געלט און רום — דאָס איז אמת. אָבער, צווישן מאַנסלייט אפשר איז נישט געווען דער צווייטער, וואָס זאָל אַזוי אויסזען די הענט נאָך עפּעס אַ פרויען-אידעאַל, ווי איך און וואָס? כ'האָב געטראָפן אייך? פרוי ביגעל, אפשר נאָך צוויי דריי — ערלעכע ברונע, קלוגע, ריינע ווי טרערן... דערלויבט! איך ווייל אייך נישט טרעלן, און אין דעם, וואָס איך

וועל עפּעטער זאָגן, ווײַל איך נישט פֿרײדיקן קײן קריטיק, נאָר אַנטפּלעקן מײַן חייטיק: כ'האָב געזען צווישן אונדזערע פֿרויען אַזוי פֿיל שטיק, אַזוי פֿיל פֿלאַכע און פֿלאַטשיקע נאַטורן, אַזאַ עגאָיזם, אַזוי פֿיל איך, אַזוי פֿיל אומדאַנקבאַרע הערצער, אַזוי פֿיל טאָוולענע ליאַלקעס, אַזוי פֿיל נישט אויסגעריכטיקע באַגערן, אַז צען אַזעלכע האָבן פֿון דעם אָנזען זיך, געקענט פֿאַרביטערט ווערן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— דאָס קינד הײסט אויס צו זײַן אַנדערש: אַ שטילס, אַ זיס און זײער אַן ערלעכס. זאָל גאָט געבן, אַז זי זאָל טאַקע זײַן אַן ערלעכע — און זי זאָל מיך וועלן.

דערווײַל האָט פֿרוי בראָניטש, נעמענדיק פּאָלאַניעצקין עפנטלעך אָן אַ זײַט, גערעדט מיט אויפֿגעהויבענע אויגן:

— אַ יאָ! ער האָט מיך דערמאָנט אָן מײַנע יונגע יאָרן — און ווי איר זעט, הגם אונדזערע באַציִונגען זענען אַ לענגערע צײַט געווען איבערגעריסן, בין איך ביזן טויט אַרײַן געבליבן זײַנס אַ גוטער פֿרײַנט. איר האָט אוודאי געהערט... אָדער נײן! איר האָט נישט געקענט הערן, ווײַל כ'האָב קײנמאָל פֿאַר קײנעם נישט דערמאָנט עס, אַז געווענדט האָט זיך עס בלויז אָן מיר צו ווערן... העלענקאַס מוטער. איצט איז שוין נישטאָ וואָס צו פֿאַרבאָרגן דעם סוד. ער האָט צוויי מאָל בײַ מיר געבעטן די האַנט, איך האָב צוויי מאָל אים אָפּגעזאָגט. כ'האָב אים תּמיד ליב געהאַט און געשעצט, איר פֿאַרשטײט אָבער, אַז ווען מען איז יונג זוכט מען עפּעס אַנדערש, זוכט מען דאָס, וואָס איך האָב געפֿונען אין טעאַדאָרן... אַ יאָ! אײנמאָל איז עס געווען אין אישל, און דאָס צווײטע מאָל אין וואַרשע. ער האָט שטאַרק געליטן — אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן צו דעם? איר אויף מײַן אָרט, וואָלט אַנדערש געטאָן? זאָגט דעם אמת?

פּאָלאַניעצקי, נישט האָבנדיק דעם קלענסטן חשק צו ענט-פֿערן נישט אמת, ווי ער וואָלט געטאָן אויף פֿרוי בראָניטשס אָרט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט אײַך געוואָלט בײַ מיר עפּעס פֿרעגן?

— יאָ! אַ יאָ! איך האָב אײַך געוואָלט פרעגן וועגן זײַנע לעצטע מינוטן. העלענקאַ האָט געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן פלוצלינג, אָבער איר, וווינענדיק אַזוי נאָענט, האָט דאָך אים געמוזט מבקר-חולה זײַן, איז אפשר געדענקט איר, וואָס ער האָט געזאָגט, אפשר ווייסט איר, וואָס זײַנע לעצטע כוונות און געדאַנקען זענען געווען? איך פערזענלעך האָב אין דעם נישט די מינדסטע פניות מײַן גאָט! דאַכט זיך נאָכמער אַ פניות האָט מען שוין נישט געקענט האַנדלען. איר קענט נישט פעדימלען! הער זאַווילאָווסקי האָט מיר אָבער געגעבן אַ וואָרט, אַז ער וועט איגנאַש' אָפּשרײַבן זײַנע פּיזנער גיטער. אויב ער האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטן, אָדער נישט באַוויזן צו האַלטן, זאָל איך דער אייבערשטער מוחל זײַן, ווי איך בין אים מוחל, פאַרמעגן! — אוודאי! ס'איז גאָרנישט! ווער האָט געגעבן פעדימלען אַ בעסערן בײַשפּיל נישט צוקוקן אויף פאַרמעגן? ווען עס זאָל געווען זײַן אַנדערש, וואָלט זי נישט געווען זיך אָפּגעזאָגט פון אַזעלכע שדוכים, ווי מאַרקיז יאַקאָלימאַסאַ, אָדער הער קאָנאַפּאַראַפּולאָס. איר האָט דאָך אוודאי אויך געהערט פון הער אַפּינס זון? (דעם, וואָס האָט פאַר זײַנע באַרימטע סילועטן זיך שוין געקויפט אַ פּאַלאַץ אין ווענעציע. לעצטנס האָט ער אויסגעשניטן דאָס בילד פון פרינץ פון וועלס) ער האָט ערשט הײַיאָר געבעטן פעדימלס האַנט. אַ יאָ, ליבער הער! אויב עמעץ האָט געזוכט געלט — איז נישט מיר. כ'וואָלט אָבער נישט וועלן, אַז פעדימל זאָל ווען עס איז קענען מיינען, אַז זי האָט געבראַכט אַ קרבן — ווײַל סוף כל סוף, צווישן אונדז גערעדט, ברענגט זי דאָך אַ קרבן, און נעמענדיק גרויסוועלטיש — אַ גרויסן קרבן!

אויף דעם האָט הער פּאָלאַניעצקי, וואָס איז געווען אַ מענטש אַ לעבעדיקער, און וועלכן פרוי בראָניטשס ווערטער האָבן פאַרדראָסן, געענטפערט:

— כ'האָב דאָרט נישט געקענט נישט דעם מאַרקיז יאַקאָלימאַסאַ, נישט דעם הער קאָנאַפּאַראַפּולאָס, אָבער בײַ אונדז קלינגען די נעמען עפּעס אַ ביסל... מאָדנע. איך האַלט, אַז פרײַלין קאַסטעלי האָט חתונה מיט זאַווילאָווסקין אויס ליבע, און

אין דעם פאל איז יעדער קרבן אויסגעשלאסן. איך, מאדאם, בין אן אפענער מענטש און זאג דאס, וואס איך טראכט: צי זאווילאווסקי איז א פראקטישער מענטש, איז א פראגע פאר זיך, זאווילאווסקי וועט אבער נישט און וויל זיך נישט פרעגן, וואס פריילין קאסטעלי ברענגט אים; איר ווידער ווייסט אויסגעצייכנט וואס ער ברענגט אייך אפילו אין גרויסוועלטישן זין.

— אך, האט איר, זע איך, נישט געהערט, אז די קאסטעליס שטאמען פון מאריא פאלערן...

— כ'האב טאקע, מאדאם, נישט געהערט, נישט אזוי איך נאר אויך קיין שום אנדערער נישט. לאמיר אננעמען, אז פאר מיר און פאר אייך האט דאס נישט קיין באדייטונג, קוים האט איר אבער דערמאנט די ערשטע, אז פריילין ליבעטא ברענגט א גרויסן קרבן — דערוועג איך עס זיך אפצולייקענען און צו זאגן, אז נישט רעדנדיק שוין וועגן זאווילאווסקיס טאלענט און ארט — איז דער שידוך פאר ביידע צדדים א גלייכער.

פונם טאן אין געזיכט האט מען אנגעזען, אז אויב פריי בראניטש וועט זיך נישט באגנוגענען מיט דעם, וואס ער האט געזאגט, איז ער גרייט צו רעדן נאך אפענער; פריי בראניטש האט משמעות אבער נישט איין פייל געהאט אין קוילנטאש, און אנכאפנדיק פאלאניעצקין פאר דער האנט, זי שטארק געטרייסלט און אויסגעשריגן.

— אך, וואס פאר א הווילער מענטש איר זענט, וואס איר נעמט זיך אזוי הייס אן פאר איגנאשן, און ווי ליב איך האב אייך פאר דעם! אבער פאר מיר דארף מען אים נישט פארטיידיקן, ווייל איך האב אים אליין אויך ליב געקריגן, ווי א אייגענעם זון. וועמען האב איך דען אויף דער וועלט, אויב נישט די ביידע. און אויב איך פרעג זיך, צי איר ווייסט נישט עפעס וועגן הער זאווילאווסקיס א פארארדענונג, איז עס בלויז אויס ליבע צו איגנאשן. איך ווייס, אז אלטע לייט האבן ליב אפצולייגן און אפצולייגן, ווי דער טויט וואלט זיך לאזן דורכרעדן אפלייגן. אך, מיין הער, דער טויט לאזט זיך נישט אפלייגן!... ביין! בא העלקאן זענען אבער די מיליאנען גארנישט...

און איגנאַש... וואָלט ערשט דאַמאָלס געקענט אמתדיק צעשפּרייטן די פֿליגל... מיר און פֿאַרדימלען גייט קודם־כּל אין זיין טאַלאַנט. ווען עס זאָל אָבער זיך עפּעס טאָן...

— וואָס קען איך אייך דען זאָגן — האָט געענטפֿערט פּאָלניעצקי — אַז הער זאַווילאָווסקי האָט געטראַכט וועגן איגנאַשן, איז בײַ מיר קיין ספק נישט, און כ'וואָלט אייך זאָגן פֿאַר וואָס. מיט אַ צען טעג צוריק האָט ער געהייסן זיך אַרײַנברענגען עפּעס אַלט כּלי־זיין, מיר עס צווייזן, דערבײַ האָט ער זיך געווענדט צו דער טאָכטער און כ'האָב געהערט, ווי ער האָט צו איר געזאָגט אַזוי: „דאָס איז נישט כּדאַי אויסצושרײַבן אין דער צוואה, אָבער נאָך מײַן טויט זאָלסטו עס געבן איגנאַשן, ווײַל דו וועסט גאָרנישט מאַכן מיט דעם". פֿון דעם דרינג איך, אַז אָדער ער האָט פֿאַרשריבן עפּעס אַ חלק פֿאַר איגנאַשן אָדער געטראַכט פֿון דעם. מער ווייס איך נישט קיין זאַך — ווײַל כ'האָב קיין זאַך נישט געפֿרעגט. אויב ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ נײַע צוואה, וועט מען אין עטלעכע טעג אַרום וויסן. פֿרײַלין העלענאַ וועט זיכער זי נישט באַהאַלטן...

— איר קענט גוט די ווילע העלענקאַ? אָבער יאָ! איר קענט זי נישט אַזוי, ווי איך, און איך קען פֿאַר איר ערבֿ זיין. אין מײַן קעגנוואַרט זאָלט איר זי קיינמאָל נישט חושד זיין! העלענקאַ וועט באַהאַלטן אַ צוואה? — קיינמאָל נישט, מײַן הער!

— איר וועט אַזוי גוט זיין נישט צושרײַבן מיר אַזעלכע געדאַנקען, וואָס כ'האָב נישט געהאַט און בנוגע צו וועלכע איך באַוואָרן מיך. קיין צוואה קען מען פֿאַר קיין פֿאַל נישט באַהאַלטן, מחמת מען מאַכט עס פֿאַר עדות.

— זעט איר, אַז מען קען עס אַפֿילו נישט באַהאַלטן, ווײַל מען מאַכט עס פֿאַר עדות, כ'בין זיכער געווען, אַז מען קען עס נישט באַהאַלטן. איבעריקנס האָט הער זאַווילאָווסקי אַזוי ליב געהאַט פֿעדימלען, אַז שוין צוליב איר אַליין, האָט ער שוין נישט געקענט פֿאַרגעסן אָן איגנאַשן, ער האָט זי אויף דער האַנט געטראָגן, ווען זי איז נאָך געווען אַזאַ, אָט...

דאָ האָט פֿרוי בראָניטש פֿאַרלייגט איין הענט אויף דער

אַנדערער, כּדי אַזוי אַרום געבן צו פֿאַרשטיין פּאָלאַניעצקין, ווי גרויס פּעדימל האָט דאַמאָלס געקענט זיין, אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אפשר אַזוי גרויס אויך נישט!

נאָכדעם האָבן זיי זיך אומגעקערט צו דער רעשט געזעל־שאַפֿט, וואָס האָט פֿאַרענדיקט באַטראַכטן דעם גאָרטן און זיך צונויפגעקומען אויף פּרישטשיק. פּאָלאַניעצקי, קוקנדיק אויף פּריי־לין קאַסטעליס באַהנט געזיכט, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאַ־מאָלס, ווען הער זאַווילאָווסקי האָט זי געטראָגן אויף דער האַנט, האָט זי באמת געקענט זיין אַ שיין און ליב קינד. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט אָן ליטקאַן, וואָס ער האָט אויך געטראָגן אויף דער האַנט, און אַ פֿרעג געטאָן:

— זענט איר דעם פֿאַרשטאָרבענעמס אַן אַלטע באַ־קאַנטע?

— אַ יאָ! — האָט געענטפֿערט פֿריילין קאַסטעלי — עס וועט שוין זיין אַ יאָר... פֿיר... מומע? ווי לאַנג איז, ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט הער זאַווילאָווסקין?

— וועגן וואָס דאָס פֿאַרליבטע קעפּל טראַכט אַלץ! — האָט אויסגעשריגן פּאַני בראָניטש — אַך, מיין טייערע הער! וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע צייט און וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע תּקופֿה!

דערווייל האָט שווירסקי, זיצנדיק לעבן פֿריילין ראַטקאָוו־סקאַן, געפֿילט, אַז עס וועט אים נישט זיין אַזוי לייכט דורכצו־פֿירן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט מאַריניאַן געגעבן, ווי דאָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט. אים האָבן געשטערט די עדות און נאָך מער עפּעס אַן אומרויקייט באַם האַרץ, צוזאַמען מיטן פֿאַרלוסט פֿון זיין געוויינטלעכער ניכטערקייט און פֿרייהייט. „אינטערעסאַנט — האָט ער אַ זאָג געטאָן — אַז איך בין אַ גרעסערער פּחדן, ווי כ׳האָב געמיינט.” און אים איז נישט געגאַנגען. ער האָט לכל־פּחות געוואָלט צוגרייטן אַ באָדן, און גערעדט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, ווי ער האָט געוואָלט. ער האָט איצט באַמערקט, אַז פֿריילין ראַטקאָווסקאַ האָט אַ שיינעם האַלדז, מיט פּערלדיקע טע־בער אַרום די אויערן, און זייער אַ שיינעם קלאַנג פֿון דער

שטים — ער האָט אָבער באַמערקט אַ ביסל פאַרחידושט, אַז דאָס מאַכט אים גאָר מער אומדרייסט. נאָכן פרישטיק האָט די גאַנצע געזעלשאַפט זיך געהאַלטן, ווי אויף צו להכעיס, צוזאַמען. די דאַמען זענען געווען פאַרמאַטערט פון דער לוויה. און ווען פרוי אַנעטאַ האָט אין אַ שעה אַרום געמאָלדן, אַז ס'איז צייט אַהיימצו-פאָרן, האָט ער דערפילט צוזאַמען אַן אומאָנגענעמלעכקייט און דערלייכטערונג. „איך בין נישט שולדיק (האָט ער אַ טראַכט גע-טאָן), איך האָב געהאַט אַ פעסטע כוונה.

בשעת די דאַמען האָבן שוין גענומען אַריינשטייגן, האָט דאָס געפיל פון דערלייכטערונג זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון רחמנות אויף זיך אַליין. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין איינזאַמקייט, וועגן דעם אַז ער האָט נישט וועמען זיין רכוש אָפּצוגעבן, זיין האָב און גוטס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין מיטגע-פיל צו פריילין ראַטקאָווסקאַ, וועגן דעם צוטרוי, וואָס זי האָט אין אים געוועקט, וועגן דער [illegible] סימפּאַטיע, וואָס ער האָט פונעם ערשטן קוק אָן געקריגן פאַר איר — און האָט די לעצטע רגע אָנגענומען דרייסטקייט.

דערלאַנגענדיק דעם מיידל די האַנט אַריינצושטייגן אין קאָטש אַריין, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— הער יוזעף האָט מיך געבעטן, איך זאָל אַמאָל אַריינ-פאָרן קיין פּזשיטולאָוו — אדרבה: איך וועל זיך אַריינכאַפּן, אָבער מיט דער פּאַליטרע און פּענזלען. איך וואָלט אַזוי וועלן האָבן אייער קאָפּ!...

און ער האָט איבערגעהאַקט, זוכנדיק אַן אופן, ווי אַזוי אַריבערצוגיין צום ענין, און געפילט באַ דעם, אַז מען מוז זיך שטאַרק איילן, ווייל ס'איז נישטאָ קיין צייט. פריילין ראַטקאָווסקאַ אָבער, משמעות נישט צוגעווינט, אַז עמעץ זאָל זיך מיט איר אינטערעסירן, האָט מיט נישט געקענט באַהאַלטן חידוש אַ פרעג געטאָן:

— מיינעם?

אויף דעם האָט שווירסקי שנעל, מיט אַ ביסל אַ געשטילטער שטים, אַ זאָג געטאָן:

— דערלויבט מיר צו זיין אייער ווידערקול און איבער־חזרן דאָס וואָרט.

פריילין קאַפּאָווסקאַ האָט אויף אים אַ קוק געטון, ווי זי וואָלט נישט משיג זיין, וואָס דאָ גייט, דיזעלבע רגע האָט אָבער פרוי אַגעטאַ זי צוגערופן צו דער קאַטש, אַזוי, אַז שווירסקי האָט קוים צייט געהאַט איר אַ דריק צו טון די האַנט און געזאָגט:

— צום ווידערזען.

די קאַטש האָט זיך גערירט פון אָרט. די געעפנטע טי־רעמס האָבן תיכף פאַרשטעלט פריילין ראַטקאָווסקאַס געזיכט, דער מאָלער האָט דאַמאָלס געוואָרפן אַ בליק אויף די זאַפּאַרע־דיקע און ענדלעך זיך אַליין געשטעלט די פראַגע:

— איך האָב זיך איר דערקלערט אין ליבע, צי ניין?

ער איז אָבער זיכער געווען, אַז פריילין ראַטקאָווסקאַ וועט איצט איבערן גאַנצן וועג טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט איר געזאָגט. ער האָט צו זיך אויך געזאָגט, אַז די המצאה איז געווען אַ גוטע און אַז ער האָט פלינק אויסגענוצט די פראַגע; אין דעם פרט איז ער געווען פון זיך צופרידן, גלייכצייטיק האָט ער זיך אָבער געחידושט, וואָס נישט ער פילט קיין גרויסע שמחה, נישט קיין גומרו, און אַז ער האָט עפּעס אַ טרויער־געפיל, ווי עס וואָלט אין דעם אַלעם פעלן עפּעס.

אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויף אַזאַ וויכטיקער מינוט, איז ער צו ווייניק גערירט. און ער האָט פאַרטראַכטערהייט זיך אַוועקגעדרייט פון הויז־טויער. באַ פרוי פּאַלאַנעצקאַ, וואָס האָט פונדערווייטנס געזען דאָס געזעגענען זיך, זענען די אויגן רויט געוואָרן פון נייגעריקייט, און הגם דער מאַן איז אין דער מינוט אין שטוב נישט געווען, האָט זי דאָך נישט דערוואַרט זיך די ערשטע צו שטעלן די שאלה, פאַר דעם האָט שווירסקי אין אירע אויגן געלייענט קלאָר די פראַגע: „איר האָט זיך דערקלערט?“ אַז ער האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט אַזוי, ווי זי וואָלט עס געשטעלט:

— יאָ, מאַדאַם!... כמעט, נישט אינגאַנצן. כ'האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט ברייטער צו רעדן, דעריבער האָב איך קיין תשובה נישט געקענט באַקומען; איך ווייס אפילו נישט, צי זי האָט מיך פאַרשטאַנען.

מאַריניאַ, נישט זעענדיק אין אים די לעבהאַפטיקייט, מיט וועלכער ער האָט פריער גערעדט, און צושרייבנדיק עס זיין אומרויִקייט, האָט אים געוואָלט צוגעבן מוט, אָבער איר האָט געשטערט פּאָלאַניעצקיס אָנקומען:

— אַלנפאַלס מאָרגן אין פּושיטולאָוו וועל איך זיין, אָדער איך וועל שרייבן אַ בריוו; איך האָף, אַז די תשובה וועט זיין אַ גינסטיקע.

נאָכדעם האָט ער מיט גרויס פריינטשאַפט איר אַ קוש געבן אין די הענט און אַליין אין אַ ווײַלע אַרום זיך געפינען אין זיין דראָזשקע, פאַרזונקען אין קנוילן העלן שטויב און אין זיינע אייגענע מחשבות.

אַלס מאָלער, איז ער אַזוי געוויינט געווען אויפצוכאַפּן מאָלעריש כלערליי דעטאַלן, וואָס האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן אַריין, אַז ער האָט עס געטאָן אפילו איצט, אָבער נישט ווילנדיק, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, ווי בלויז עפּעס מיט דער אויבערפלאַך פונעם מוח. אין דער טיף אָבער האָט ער זיך פאַרטראַכט איבער אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

— וואָס איז עס, צו אַלדי רוחות, שווירטש — האָט ער צו זיך געזאָגט — וואָס טוט זיך עס מיט דיר? האָסט זיך דען פינף און צוואַנציק יאָר נישט צעיאָגט, כדי אַריבערצושפּרינגען דעם ראָוו? איז דען נישט געשען דאָס, צו וואָס האָסט ערשט היינט אינדערפרי געקרייעט? ווו איז אַהינגעקומען דיין אימפּעט? וווּ איז דיין פרייד? פאַרוואָס שרייסטו נישט: ענדלעך! האָסט חתונה! — פאַרשטייסט? דו אַלטער חילד-חזיר? ענדלעך! ענדלעך!

דאָס איז אָבער געווען אַן אומזיסט אויפהעצן זיך, דער אינעווייניקסטער מענטש איז געבליבן קאַלט: ער האָט פאַרשטאַ-

זען, אַז דאָס, וואָס מיט אים איז געשען, דאַרף זיין גליק, ער האָט עס אָבער נישט געפילט.

אים האָט אָנגעהויבן באַהערשן וואָס אַמאָל אַ גרעסערער חידוש, ער האָט, דאַכט זיך, געהאַנדלט מיטן גאַנצן באַוווסטזיין און ווילן. ער איז נישט געווען קיין קינד, און נישט קיין פלאַטער-קאָפּ, נישט קיין היסטעריקער, וועלכער ווייסט אַליין, וואָס ער וויל. קומענדיק איינמאָל צום באַשלוס, אַז אַזוי וועט גוט זיין — האָט ער זיין מיינונג נישט געביטן. פריילין ראַטקאָווסקאַ איז דאָך תמיד געווען דאָס זעלבע זיסע „געשטילטע", זייער זיכער וועגן — פאַרוואָס־זשע האָט דער געדאַנק אַז זי ווערט אַט, דאָס פון לאַנג געגאַנטע „ווייבעלע" אים שטאַרקער נישט דערוואַרעמט? פאַרוואָס האָט די האָפענונג, וואָס איז שוין כמעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערע זאַך, זיך נישט פאַרוואַנדלט אין פרייד, און אויפן דעק פון דער נשמה איז בײַ אים פאַרבליבן עפּעס אַ מין געפיל פון אַנטוישונג?

— דאָס, וואָס איך האָב איר געזאָגט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — האָט געקענט זיין געלונגען, אָבער טרוקן, זאָל מיך אַ דונער טרעפן, צי ס'איז נישט געווען טרוקן, און צו דעם נישט פּולקאָם. כ'האָב ממש נישט די זיכערקייט און איך פיל נישט די זאַך, וואָס איז שוין כמעט ווי דערפילט.

דאָ האָבן די מאָלערישע איינדרוקן איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען. די שאָף, וואָס זענען צעשפּרייט געווען אויף דער שכנותדיקער משופּער לאָנקע, פאַרשטעלטע פון דער ווייט און אויסגעבילדעטע אין דער זון, האָבן אויפן גרינעם פאָן אויסגעזען, ווי עפּעס העלע פלעקן, מיט אַ שטאַרקן בלויען שאָטן, אַרומגעצוימט אין גאָלד.

— די שאָף זענען בלוי; די אימפּרעסיאָניסטן זענען אַ ביסל גערעכט — האָט אַ מרוק געטאָן שווירסקי — זאָל זיי אָבער דער רוח כאַפּן! איך האָב חתונה!

און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע רעיונות. יאָ.. דער רעזולטאַט האָט נישט אויסגעשפּראָכן די האָפענונגען אין דערוואַרטונגען. עס זענען פאַרהאַן פאַרשידענע געדאַנקען, וואָס

אַ מענטש הילט זיך זיי נישט אַרויסזאָגן הויך, עס זענען פֿאַרהאַן אָבער אויך געפֿילן, וואָס ער וויל נישט פֿאַרוואַנדלען אין קלאָ- רע געדאַנקען. אַזוי איז געווען מיט שווירסקין. ער האָט נישט ליב געהאַט די פֿריילין ראַטקאָווסקאַ און דאָס איז געווען אַ גרייטע פּשוטע תּשובה אויף אַלע פֿראַגן, וואָס ער האָט זיך גע- שטעלט. ער האָט זי אָבער אויסגעמיטן, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט. ער האָט נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער נעמט דאָס מיידל בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט גרויס חשק חתונה צו האָבן. ער האָט זיך געוואָלט אויסטייטשן, אַז ער פֿילט נישט די זאַך אַלס שוין דערפֿילטע, און דאָס איז געווען אַ תּירוץ. ער האָט נישט ליב געהאַט! אַנדערע קומען דורך אַ פֿרוי צו ליבע, ער ווידער האָט צו זיין אַלגעמיינער, איבערלעכער באַדערפֿעניש ליב צו האָבן געוואָלט צופּאַסן אַ פֿרוי. דאָס הייסט, ער איז גע- גאַנגען מיט אַ פֿאַרקערטן וועג. אַנדערע, האָבנדיק אַן אָפּגאָט, האָבן געבויט פֿאַר אים אַ טעמפּל, ער ווידער, האָבנדיק אַ גרייטן טעמפּל, האָט אַן איינגעפֿירט אין אים דעם אָפּגאָט, נישט דערפֿאַר ווייל ער האָט אים פֿריִער ליב געקריגן מיטן גאַנצן כּוח, נאָר ווייל אים האָט זיך עס אויסגעוויזן נישט שלעכט צוגעפּאַסט צו דער אַרכיטעקטור פֿונם היכל. יעצט האָט ער משיג געווען, פֿאַרוואָס ער האָט ערשט היינט אינדערפֿרי אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל התלהבות און אַנטשלאָסנקייט, און איצט איז ער געבליבן אַזאַ קאַלטער. מיט דעם האָט זיך אויך דערקלערט זיין גרויסער אימ- פּעט באַם פֿאַרווירקלעכן זיין כּוונה, און דאָס פֿעלן פֿונם גייס- טיקן „הללויה" נאָכן דורכפֿירן עס.

שווירסקיס חידוש האָט אָנגעהויבן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין טרויער. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אפשר וואָלט ער בעסער געווען געטון, ווען ער זאָל נישט אַזוי פֿיל טראַכטן וועגן אַ פֿרוי, אַנשטאָט שאַפֿן טעאָריעס, ווי אַ פֿרוי איז מחויב צו זיין, כאַפּן דאָס ערשטע מיידל, וואָס וועט אים זיין צום האַרץ און צו די חושים. איצט האָט ער משיג געווען, אַז ליב האָט מען די פֿרוי, וואָס מען האָט ליב, און נישט מען פּאַסט צו איר צו קיין שום פֿאָרויס באַשטימטע באַגריפֿן וועגן ליבע, מחמת די באַגריפֿן

קענען — ווי קינדער — ערשט פון אַ פרוי געבוירן ווערן. דאָס האָט אים באַכמער ווי געשטן דערפאַר, ווייל ער האָט סוף כל־סוף געפֿילט, אַז ער וואָלט געקענט געוואַלטיק ליב האָבן און האָט וואָס אַמאָל מצער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער האָט נישט אַזוי ליב, ווי ער וואָלט געקענט. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט אים בשעת דערציילט נאָך אין רוים וועגן עפּעס אַ יונגן דאָקטאָר, וואָס האָט, אַ צעטשעפּעטער פון עפּעס אַן אומזיניקע ליאַלקע, געזאָגט: „איך ווייס, וואָס פאַר אַ זי איז, איך קען אָבער פון איר די נשמה נישט אָפּרייסן." אָט דאָס איז געווען אַ ליבע, שטאַרק ווי דער טויט — אָט דער האָט ליב געהאַט... כ'ווייס נישט פאַרוואָס שווירסקין איז פּלוצלינג געקומען אויפן רעיון פריילין קאַסטעלי און זאַווילאָווסקי; ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין זיין פאַרקוקן און גליקלעך געזיכט וואָס ער האָט געזען אין פּאָשיטולאָוו.

און ווידער האָט זיך אין אים דערוועקט דער קינסטלער, וואָס האָט צוליב גאַנצע יאָרן רגילות, זיך אונטערגעשטעלט דעם מענטש אפילו דעמאָלט, ווען דער מענטש האָט געטראַכט וועגן די פּערזענלעכסטע זאַכן. ער האָט אַ ווייל פאַרגעסן אָן זיך, אָן פריילין ראַטקאָווסקאַ און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זאַווילאָווסקיס געזיכט און וועגן דעם, אין וואָס עס איז אייגנטלעך באַשטאַנען זיין ווונדערלעכער אויסדרוק? עפּעס אַ קאָנצענטרירטע עקזאַלטאַציע? — יאָ! — אָבער געווען איז עס עפּעס אַנדערש — עפּעס נאָך ווונדערלעכערס.

אין פּלוצלינג האָט ער אַ ציטער געטון:

— אַ מאָדנע זאַך — האָט ער אַ טראַכט געטון — דאָס איז אַ טראַגישער קאָפּ!

XII

אין עטלעכע טעג אַרום איז זאַווילאָווסקי, אַן אייַנגעלאַדע־
נער פון פּאָלאַניעצקין, געפאָרן אין שטאָט אַריין. דעם יונגנמאַן
האָט זיך שטאַרק נישט געגלוסט פאַרלאָזן פּושיטולאָוו, פריילין
העלענאַ האָט אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל זיין בײַם עפענען דעם
פאָטערס צוואה. ער מיט פּאָלאַניעצקין און דעם אַלטן דער זאַ־
ווילאָווסקיס יוריסט, אַדוואָקאַט קאַגאַנאָוויטש זענען צוליב דעם
געפאָרן קיין יאַשמיען. בשעת אָבער זאַווילאָווסקי האָט אין משך
פון די צוויי שפּעטערדיקע טעג, אין זיינע בריוו צו „פּעדימלען״
אויסגעגאָסן בלויז זיינע געפילן אויפן פּאַפּיר, נישט מכּוונדיק קיין
שום באַמערקונג וועגן דער צוואה, האָט פרוי בראָניטש, וואָס
פריִער האָט זי דאָס השתּפּכות־הנפש אַריינגעבראַכט אין התפּעלות,
איצט בסוד געזאָגט פרוי אַנעטאַן, אַז ראשית איז עס אַ נאַרישער
אופן צו שרייבן צו דער כּלה, שנית, אַז עס איז „Que lquechoe
de louche“ אין אַזאַ עפּעס בכּיוונדיק שווייגן. אמת, דער
ערשטער בריוו איז געשריבן געוואָרן פון שטאָט, אָבער דער
צווייטער — נאָך זיין קומען קיין יאַשמיען. די אַלטע דאַמע האָט

אָבער געהאַלטן, אַז זאַווילאָווסקי האָט באַדאַרפֿט אין זיי לכל־הפּחות דערמאָנען וועגן זײַנע האָפֿענונגען, מחמת שווײַגנדיק, האָט ער אַרויסגעוויזן בנוגע צו „פּעדימלען" תּייניק צוטרוי און זי פּשוט באַליידיקט.

אָסנאָווסקי האָט פֿאַרקערט געהאַלטן, אַז זאַווילאָווסקי האָט פֿאַרשוויגן זײַנע האָפֿנונגען אויס איידלקייט בנוגע צו פֿריילין לינעטאַ און צוליב דעם איז געקומען צו אַ קליינעם סכסוך צווישן אים און פֿרוי בראָניטש, וואָס האָט בײַ דער געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט אַ פּסיכאָלאָגישע אַקסיאָמע, אַז מאַנסלײַט האָבן בכלל אַ קנאַפּע השגה וועגן צוויי זאַכן, דהײַנו: וועגן לאָגיק און איידלקייט... „אַך יאָ! — און וועגן לאָגיק! אפֿשר נישט אייער שולד, וואָס איר זענט אַזעלכע, מײַן יוזשיאָ, אַלע!" נישט קענענדיק אָבער אײַנזיצן אויף איין אָרט, איז זי אין צוויי טעג אַרום, מיט עפּעס אַ תּירוץ, געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, כּדי עפּעס געוויר צו ווערן וועגן דער צוואה.

אומקערנדיק זיך צומאָרגנס, האָט זי קודם־כּל מיטגעבראַכט מיט זיך די פֿרוי מאַשקאָ, מיט וועלכער זי האָט זיך געטראָפֿן אויף דער פּזשיטולאָווער סטאַנציע און וואָס האָט שוין לאַנג געוואָלט באַזוכן „די ליבע אַנטאָסקאַ", שנית, די ידיעה, אַז מען האָט קיין שום נײַע צוואה נישט געפֿונען, און אַז די איינציקע יורשטע פֿונעם ריזיקן פֿאַרמעגן איז געבליבן פֿריילין העלענאַ זאַווילאָווסקאַ. די ידיעה האָט מען אין פּזשיטולאָוו שוין געוווּסט פֿון הער איגנאַצי דריטן בריוו, וואָס פֿריילין לינעטאַ האָט בינו־לבינו באַקומען, דאָך האָט פֿרוי בראָניטשס באַשטעטיקונג געמאַכט אַן אומגעהײַערן רושם, אַזוי, אַז כּדי מאַשקאָס אָנקומען איז פֿאַרבײַ אומבאַמערקט. דאָס אַלץ איז געווען געוואַלטיק מאָדנע. מיט זאַווילאָווסקין האָבן די דאַמען זיך באַקענט, ווי מיט אַ מענטש אָן געלט, פֿריילין לינעטאַ איז געוואָרן זײַן כּלה דאַמאָלס, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין שום אויסזיכטן אויף אַ צוואה. ס'איז געשען קודם כּל אונטער פֿרוי אַנטאָסקאַס השפּעה, וואָס „האָט געברענט אונטער די קעסלען", אַזוי, אַז מען האָט באַדאַרפֿט פֿאָרן און פֿאָרן שנעל;" ס'איז אויך געשען אונטער דער השפּעה פֿון

דער אַלגעמיינער התלהבות וואָס זאַווילאַווסקיס לידער האָבן געוועקט, אונטער דער השפעה פֿון זיין רום; דורך פריילין לינעטאַס און פרוי בראָניטשס אייגנליבע, וועלכע האָט זיך געפילט נישט בלויז צופרידן נאָר אויך מיטגעריסן, וואָס דער באַרימטער און שרייַבדיקער זאַווילאַווסקי, וועלכער ווענדט אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, איז געפאַלן אויף די קני פון נישט קיין אַנידערער — ווי „פעדימל", ענדלעך איז עס געשען צוליב דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס האָט געקענט מאַכן רום אַזאַ מיידל, וועלכע זוכט נישט קיין פאַרמעגן, נאָר דאָס עשירות וואָס זאַווילאַווסקי פאַרמאָגט. אמת, אַז אַנהייבנדיק זיך אויף אַזאַ אופן, איז אַלץ אַוועק ווייטער און מיט דער קראַפט פון דעם לעבנס־אימפעט, וואָס מיט רייסנדיק אייגנמאָל מענטשן, טראָגט עס זיי אַזוי, ווי כוואַליעס פון טייכן טראָגן מיטגעריסענע זאַכן, — קעגן זייער ווילן. ווי די מעשה זאָל נישט זיין איז פריילי, קאַסטעלי געוואָרן אַ כלה פון אַ מענטש, וואָס האָט קיין פאַרמעגן נישט געהאַט — און ווען נישט די האָפענונגען, וואָס האָבן זיך שפעטער פאַר אים געעפנט, וואָלט הן זי אַליין, הן פרוי בראָניטש, הן עמעץ אַנדערש נישט געקענט האַלטן פאַר קיין עוולה זאַווילאַווסקין דאָס פעלן פון פאַרמעגן. אַזוי איז אָבער די טבע פון מענטשן, אַז דווקא דערפאַר, ווייל די האָפענונגען זענען אַנטשטאַנען און אַנטשטייענדיק, האָבן זיי פון זאַווילאַווסקין געמאַכט אַ גלענצנדן שידוך, אַז איצט, בעת דער ווינט פון דער גליקלעכקייט האָט זיי צעווייעט, האָט קיינער נישט געקענט ביישטיין דאָס געפיל פון אַ געוויסער אַנטוישונג. אַ טייל האָבן געהאַט אמתדיק עגמת־נפש פון דעם, אַנדערע ווידער, ווי קאָפּאָווסקי אין פרוי מאַשקין (וואָס האָט אויך נישט געוווּסט פאַרוואָס) האָבן געפילט אַ געוויסע הנאה פון אַזאַ מין ווענדונג, אָבער דעם געפיל פון אַ געוויסער אַנטוישונג האָט זיך אייך נישט געקענט אײַנגעשטעלן אפילו זאַווילאַווסקיס אַזאַ הארציקער פריינט, ווי אָסאָווסקי.

זאַווילאַווסקי האָט אין זיין לעצטן בריוו צו פריילין לינעטאַ געשריבן צווישן אַנדערן אַט וואָס: „איך וואָלט וועלן זיין

רער גרעסטער עושר — פאַר דיר, אָבער וואָס גייט מיך דאָס אַלץ אָן לגבי דיר גופא. איך זאָג דיר דעם אמת, אַז כ׳האָב אויפגעהערט טאַרכטן פון דעם, און כ׳חייס, אַז דו, וואָס גייסט נישט אויף דער ערד, וואָלסט האָבן עגמת-נפש אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל איך וואָלט געהאַט. און איך — אויף קיין האָר נישט! ווי דו ביסט מיר ליב! דאָס איז באַ מיר אַ גרויסע שבועה, זייער אַ הייליקע פאַר מיר, דעריבער ביסטו מיר מחויב צו גלייבן. מענטשן דראָט אין לעבן כלערליי בויט און מאַנגל, איך זאָג דיר אָבער פשוט, אַז איך וועל דיך זיי נישט אָפּגעבן. דו מיין גאָלדענע! מיין אמתדיק קינד אין האַרין" — א. א. וו. „פריילין פעדימל" האָט דעם בריוו געוויזן דער פרוי אַנעטאַ, פריילין ראַטקאָווסקאַ, און נאָך דער מומעס קומען — פאַרשטייט זיך דער מומען גופא. זאַווילאַיוסקי האָט נישט געהאַט קיין טעות בנוגע צו איר, לכל-הפחות אין דעם פרט, וואָס בשעת מען האָט אין גאַנץ פּזשיטולאָוו וועגן קיין אַנדערער זאַך נישט גערעדט, ווי וועגן דעם אַלטן הער זאַווילאָווסקיס צוואה, האָט פריילין ליגנעטאַ אין מיך פון די אַלע שמועסן און עגמת-נפשן געשוויגן. אירע אויג האָבן אפשר אין אַ געוויסער מאָס בלויז באַקומען דעם אַמאָליקן שלעפעריקן אויסדרוק, אפשר האָט זיך באַ די סאַמע עקן מויל, ווען מען האָט גערעדט וועגן זאַווילאָווסקין, צונויפגעזאַמלט עפּעס אין דער פאָרם פון אַ קליין פאַראַכטונג-פעלבל, אפשר האָט זי ענדלעך אין אָווגט זייער אַ סך גערעדט מיט דער „מומען". בשעת זיי זענען נאָך דער אַלגיימיינער געטער נאַכט אַוועק צו זיך אויפן געלעגער. זי האָט אָבער קיין איינמאָל נישט, ווי אַן אמת ווען, וואָס „גייט נישט אויף דער ערד", נישט גענומען קיין וואָרט אין דעם ענין אין אָנוועזנהייט פון מענטשן.

„קאָפּאָשאַ" האָט איינמאָל, בשעת זיי זענען אַ ווײַלע געבליבן אויג אויף אויג, אָנגעהויבן פון דעם צו רעדן, זי האָט אָבער פריער אַרויפגעלייגט איר פינגערל אויף די ליפּן, נאָכדעם פונדערווייטנס אויסגעדרייט עס צו זייַנע ליפּן, אַלס סימן, אַז זי פאַרלאַנגט עס נישט. נאָכמער, אפילו פרוי בראָניטש האָט אין

איר קעגנוואַרט זיך אָפּגערופן ווייניק און פאַרזיכטיק וועגן אירע אַנטוישונגען. פאַר דעם, ווען זי איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי נישט געקענט איינהאַלטן דעם צופלוס פון דער אָנגעזאַמלטער ביטערניש פון האַרץ צום מויל, און דער צופלוס האָט עטלעכע מאָל אַזוי ווייט זי פאַרטראָגן, אַז זי האָט זיך שיער נישט צעקריגט מיט אָסנאָווסקין.

אָסנאָווסקי ווידער, מאַכנדיק זיך אין האַרצן פאָרוווּרף פונם געפיל פון אַנטוישונג, פון וועלכן ער האָט זיך אויך נישט געקענט באַשיצן, האָט איצט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו פאַרקלענערן די באַדייטונג פון דער קאַטאַסטראָפע און דערוויזן, אַז איגנאַש איז בכלל אַן אויסערגעוויינטלעכער שידוך, און איז אפילו אין פינאַנציעלן זין אויך גאָרנישט שלעכט.

— איך האַלט נישט — האָט ער אַ זאָג געטון — אַז ירשנדיק דעם אַלטן הער זאַווילאָווסקי, וואָלט ער געוויזן אויפגעהערט צו שרייבן, דאָס פאַרוואַלטן מיט אַזאַ פאַרמעגן וואָלט אָבער בא אים אָפּגענומען אַזויפיל צייט, אַז זיין טאַלאַנט וואָלט בא דעם געקענט ליידן. ווען עס גייט אין איגנאַשן, פאַרשטייט די מומע, קומט נישט ווילנדיק אויפן רעיון, וואָס הענרי דער VIII האָט געזאָגט, בשעת איינער פון די פירשטן האָט געדראָט האַלביענען: „פון צען פויערים וועל איך מאַכן, אַז עס וועט מיר געפעלן, צען לאָרדן, אָבער פון צען לאָרדן וועל איך נישט מאַכן קיין איין האַלביין". איגנאַש איז אַן אומגעוויינטלעכער מענטש. זאָל מיר די מומע גלייבן, אַז כ'האָב תמיד געהאַלטן פעדימלען פאַר אַ שיין און ערלעך קינד און האָב זי תמיד ליב געהאַט, אָבער אויסגעוואַקסן בא מיר אין די אויגן איז זי ערשט, זינט זי האָט זיך דערקענט אויף איגנאַשן... זיין עפעס אינם לעבן פון אַזאַ מענטש, איז דאָך אַן אויפגאַבע, וואָס יעדע פרוי מעג זי מקנא זיין. אמת, אַנטקאַ?

— פאַרשטייט זיך — האָט געענטפערט פרוי אָסנאָווסקאַ — אַז אַ פרוי איז אָנגענעמער, ווען זי געהער צו אַ מאַן, וואָס איז עפעס.

אָסנאָווסקי ווידער האָט האַלב לאַכנדיק, האַלב ערנסט גע־ענטפערט:

— און דו מיינסט, אַז מיר טוט דאָס טײַלמאָל נישט חיי, וואָס אַזאַ ווענן, ווי דו, געהערסט צו אַזאַ גול, ווי הער יוזעף אָסנאָווסקי איז. פאַרפאַלן צבער! ס'איז געשען! אַ חוץ דעם האָט דער גול געוואַלטיק ליב...

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פרוי בראַניטש:

— זאָל די מומע אַ טראַכט טון — האָט ער געזאָגט — איינגאַנץ האָט העכער אַ צענדליק טויזנט רובל, און נאָכן פאָטערס טויט וועט ער נעמען דאָס, וואָס דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי האָט אים באַשאָרנט. אַרום וועט ער שוין נישט זײַן...

פרוי בראַניטש האָט מיט פאַראַכטונג אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— צך, פאַרשטייט זיך — האָט זי געענטפערט — פעדימל האָט מסכּים זײַענדיק אויף הער זאַווילאָווסקין, נישט געזוכט דאָך קיין געלט, מחמת, ווען זי זאָל געוועץ זוכן געלט, איז געגנג געווען אַ רוף צו טון מיט דער האַנט הער קאָנאָפּאַראָפּו־לאַסן...

— מומע! רחמים! — האָט לאַכנדיק אויסגעשריגן פרוי אַנעטאַ.

— אַלזאָ, איז קיין שום זאַך נישט געשען — האָט אַ זאָג געטון אָסנאָווסקי — פרײַלין העלענע וועט זיכער נישט חתונה האָבן, וועט אַזוי אַרום סיי ווי דאָס פאַרמעגן אַמאָל אַריבער, אויב נישט צו איינגאַשן, איז צו זײַנע קינדער — אָט איז די גאַנצע מעשה!

זעענדיק אָבער פרוי בראַניטשס כּסדרדיק צעגעדריקט געזיכט, האָט ער איין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— נו, מומע! אַ ביסל מער הסכּמה אויף גאָטס רצון! אַ ביסל מער צופרידנקייט! איינגאַש איז אויף קיין צאָל נישט קלע־נער געוואָרן!...

— אָך. פאַרשטייט זיך — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ

שאַטן פון שלעכטער שטימונג — פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ וועט זיך נישט ענדערן. זאַווילאָווסקי האָט זיין טאַלענט. פון דער צווייטער זייט, מוז אָבער יעדער איינער מודה זיין, אַז ער טוט אַ שידוך אַן אומגעריכט גוטן. אַ יאָ! אין דעם קען גאָר קיין שום ספק נישט זיין. פאַרשטייט זיך, אַז עס גייט אים פאַרמעגן, בפרט נאָך, אַז מענטשן רעדן פאַרשידנס וועגן די אופנים, מיט וועלכע הער זאַווילאָווסקי האָט עס פאַררעסערט. זאָל דער אייבערשטער טון מיט אים חסד און מוחל זיין, וואָס ער האָט מיך פאַרפירט, כ׳וויס נישט פאַרוואָס... איך האָב היינט ערשט מיט פעדימלען מתפלל געווען פאַר אים. נישטאָ קיין עצה!... פאַרשטייט זיך, אַז ליבער וואָלט מיר געווען, ער זאָל נישט געווען האָבן די נטיה צו זאָגן ליגן, ווייל דאָס קען נאָך זיין אַ משפּחה־פעלער. מיר און פעדימלען וואָלט אויך ליבער געווען, ווען ה״ר איגנאַצי זאָל וויניקער געבן אָנצוגעהערן, אַז ער וועט זיין הער זאַווילאָווסקיס יורש...

— אַנטשולדיקט זייער — האָט לעבהאַפט איבערגעריסן אָסנאָווסקי — ער האָט עס קיינמאָל נישט געגעבן!... די מומע וועט דערלויבן! דאָס איז שוין צופיל! ער האָט נישט געוואָלט אַהינגיין, און די מומע האָט אים אַליין אין מיין אָנוועזנהייט געשיקט.

פרוי בראַניטש איז שוין אָבער געווען צעיאָגט, און קיין זאַך האָט זי נישט געקענט אָפּהאַלטן, און האָט דעריבער מיט וואַקסנדיקער אויפרעגונג געענטפערט.

— יוזשאָן האָט ער נישט געגעבן, און מיר האָט ער געגעבן. פעדימל קען זיין אַן עדות. כ׳האָב איבעריקנס שוין געזאָגט יוזשאָן, אַז איך בין שוין דאָס מוחל. פאַרשטייט זיך, אַז קיין זאַ וועט זיך נישט ענדערן, און אויב איך האָב אַ ביסל עגמת־נפש, איז לחלוטין נישט צוליב דעם. יוזשאָ איז קיינמאָל קיין מוטער נישט געווען און איז אַלס מאַנסביל נישט מסוגל צו פאַרשטיין, ווי מורא מיר, מוטערס, האָבן די לעצטע מינוט איידער מיר גיבן אָפּ אַ קינד אין פרעמדע הענט. איך האָב זיך ערשט איצט דערוווסט, אַז זאַווילאָווסקי האָט בײַ אַלע זיינע מעלות אַ

שטורמישן כאַראַקטער... און נאָך וואָס פאַרן! איך האָב תמיד אים עפּעס חושד געווען אין דעם... און אויב אַזוי, וואָלט עס ממש פאַר פעדימלען געווען אַ טויט-קלאַפּ... הער פּאַלאַניעצקי האָט נישט געלייקנט, אַז ער האָט אַ שטורמישן כאַראַקטער... פּאַלאַניעצקי אַליין, כּלומרשט זיין גוטן פריינט (אויף וויפיל מאַגנאַטן זענען בכלל פעיִק צו זיין פריינט) האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז זיין פאָטער האָט אויך געהאַט אַ שטורמישן כאַראַקטער און איז צוליב דעם משוגע געוואָרן, און דאָס קען קומען בירושה. איך ווייס, אַז הער איגנאַצי האָט כּלומרשט פעדימלען ליב (אויף וויפיל מאַגנאַטן זענען בכלל פעיִק עמעצן אמתדיק ליב צו האָבן) די ליבע וועט דען אָבער לאַנג דויערן? אַז ער איז אַ ביסל אַן עגאָיִסט — וועט יוזשאַ אַליין אויך נישט לייקענען (איבעריקנס זיינען איר אַלע עגאָיִסטן); זאָל זיך דעריבער יוזשאַ נישט חידושן, אויב עס כאַפּט מיך די לעצטע מינוטן אָן אַ אימה, ווען איך טראַכט, אַז מיין קינדלעך קען אַרייַנפאַלן אין די הענט פון אַזאַ אכזר, אַ משוגענעם און עגאָיִסט...

— ניין! — האָט אויסגעשריגן זאַסנאַווסקי, ווענדנדיק זיך צום ווייב — ווי דו ביסט מיר ליב, די אויערן הייבן ממש אָן וועלקן! מען קען ממש דעם קאָפּ פאַרלירן?

פרוי אַנעטאַ האָט זיך געוויילט פון דאָזיקן שמועס, ווי אין טעאַטער. פרוי בראַניטשס סכסוכים מיטן מאַן האָבן זי תמיד געוויילט, איצט אָבער האָט זיך עס געשניטן אויף עפּעס גרעסערס, ווי אַלעמאָל, מחמת פרוי בראַניטש האָט, אַ קוק טוענדיק אויף זאַסנאַווסקין ווי עפּעס מיט רחמנות, ווייטער געזאָגט:

— צו דעם די געזעלשאַפט!... די אַלע שווירסקיס, פּאַלאַניעצקיס, ביגעלס! מיר זענען אַלע געווען און מיר זענען נאָך פאַרבלענדט אין זאַווילאָווסקין, אָבער דעם אמת גערעדט, איז דען דאָס אַ פּאַסיקע געזעלשאַפט פאַר פעדימלען?... מילא! דעם אונטערשיד צווישן מענטשן האָט דער רבונו-של-עולם אַליין איינגעשטעלט, און פונדאַנען נעמט זיך דער חילוק אין דער דערציִונג. יוזשאַ גיט זיך פון דעם נישט גענוי אָפּ קיין חשבון (מחמת מאַגנאַטן גיבן בכלל זיך פון זעלכע זאַכן נישט אָפּ

קיין חשבון), איך זאָג אָבער יוזשאָן, אַז עס זענען פֿאַראַן שאַטירונגען, וואָס האָבן אין לעבן אַ סך צו זאָגן. יוזשאַ האָט שוין מסתּמא פֿאַרגעסן, ווער פּעדימל איז, און אַז אויב אַזאַ פּעדימל וועט איינמאָל עפּעס אָנהייבן וויי טון, עפּעס אָפּשרעקן, קען זי אַמאָל מיטן לעבן באַצאָלן. זאָל יוזשאַ אַ טראַכט טון, ווער זענען עס, צווישן אונדז גערעדט, אַזעלכע פּאָלאַניעצקיס, אַזאַ שווירסקי און די גאַנצע חברה, מיט וועלכע זאַווילאָווסקי לעבט און מיט וועלכע עס וועט מוזן אויך לעבן פּעדימל!

— אַ! ווען מיר נעמען די זאַך פֿון דעם שטאַנדפּונקט? — האָט איבערגעריסן אָסנאָווסקי — גוט! זאָל זיין פֿון דעם שטאַנדפּונקט. קודם־כּל ווייסט די מומע, ווער ס׳איז געווען דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי, שוין פֿון אייגענער באַציִונג צו אים. אויב דער מומען גייט אין דער געזעלשאַפֿט, האָב איך דעם כּבֿוד צו זאָגן, אַז מיר אַלע זענען בנוגע אַזעלכע פּאָלאַניעצקיס פּאַרוועניער, און אַז מיר זוכן מיט זיי דווקא צו ווערן גוטע ברודער. איך פֿאַרנעם זיך קיינמאָל נישט מיט קיין יחוס, אויב די מומע וויל אָבער, טאָ האָט די מומע. וועגן די שווירסקיס האָט די מומע מסתּמא געהערט, אַז זיי זענען פּירשטן. די ליניע, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן קיין גרויס פּוילן, האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם טיטול, אָבער געבליבן באַם רעכט צו דעם. אָט ווער זיי זענען. וואָס שייך אונדז, איז מיין זיידע געווען אַ באַפֿולמעכטיקטער אין אוקראַינע, און איך האָב נישט בדעה צו לייקענען עס, פֿונדאַנען ווידער עס שטאַמען די בראָניטשס, ווייסט די מומע בעסער פֿאַר מיר. איך האָב דעם ענין נישט באַרירט, היות אָבער מיר זענען אַליין, קענען מיר רעדן אָפֿן. וועגן די קאַסטעליס, ווייסט די מומע אויך.

— די קאַסטעליס שטאַמען פֿון מאַרינאַ פּאַליערי!... — האָט אויפֿגערעגטערהייט אויסגעשריגן פּרוי בראָניטש.

— ליבע מומע, איך דערמאָן, אַז מיר זענען אַליין.

— אָן פּעדימלען האָט זיך דאָך אָבער געוועגדט צו ווערן מאַרקיזין קאָלימאַסאָ.

— „La vie parisienne!“ — האָט געענטפֿערט אָסנאָוו־

סקי — קען די בוזם? די אַפּטרעטע? דאָרט איז אויך פאַרהאַן אַ שווייצאַרישער אַדמיראַל.

פרוי אַגנעטאַ האָט זיך אויסגעצייכנט געוויילט. אַסנאַוו־סקין איז אָבער פלוצלינג געוואָרן אומאַנגענעם, וואָס ער האָט באַ זיך אין הויז באַרירט אומאַנגענעמע זכרונות פאַר דער פרוי בראָניטש, און ער האָט דעריבער צוגעגעבן:

— אָבער, צו וואָס טויג דאָס אַלץ? די מומע ווייסט דאָך, אַז איך האָב פּעדימלען תמיד ליב געהאַט און איך וואָלט מיט לייב און לעבן וועלן, עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז זי איז ווערט אינגנאַשן.

דאָס אָבער האָט געהייסן צוגיסן אייל צום פייער, מחמת פרוי בראָניטש האָט, דערהערנדיק אפּיקורסות, פאַרלוירן די רעשט קאַלטבלוטיקייט און אויסגעשריגן מיט אַ פרישן שטורם פון אויפרעגונג:

— פּעדימל?... אַרויסווייזן זאָל זיך, אַז זי איז ווערט איגנאַשן?... אַזאַ...

צום גליק, האָט פרוי מאַשקאַס אַריינקומען איבערגעריסן דעם ווייטערדיקן שמועס. די מומע בראָניטש איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי דער פאַרדרוס וואָלט איר די ווערטער פאַרשפאַרט אין מויל. פרוי אַגנעטאַ האָט תיכף גענומען אויספרעגן די פרוי מאַשקאַ, וואָס עס טוט זיך מיט דער רעשט געזעלשאַפט, און וו זי האָט זיי איבערגעלאָזט.

— הער קאַפּאַוסקי, פּעדימל און סטעפטשע זענען פאַרבליבן אין דער אָראַנזשעריע — האָט געענטפערט פרוי מאַשקאַ — זיי ביידע מאַלן אָרכידעען, און הער קאַפּאַוסקי האָט אונדז געווילט.

— מיט וואָס? — האָט אַ פרעג געטון אַסנאַווסקי.

— מיט שמועסן... מיר האָבן זיך האַרציק אָנגעלאַכט. ער האָט אונדז דערציילט, אַז זיין באַקאַנטער, הער וויזש, וואָס איז דאָכט זיך אַ גרויסער הערעפעלדיקער, האָט אים זייער ערנסט

ערוב געחען, אַז זיין משפחה אין פוילן האָט אַ הערב „טישפוס“.

— בלויז איינע? — האָט פרייליך אַ מרוק געטון אָסנאָווסקי — די משפחה קאָפּאָווסקי זיכער!

— סטעפּטשע איז אויך געבליבן אין דער אָראַנזשעריע? — האָט איר אַ פרעג געטון פרוי אַנעטאַ.

— יאָ. זיי מאָלן ביידע.

— דו ווילסט גיין צו זיי?

— גוט.

באותו-הרגע אָבער האָט דער באַדינער געבראַכט צו טראָגן בריות, וועלכע הער אָסנאָווסקי האָט דורכגעקוקט און צעטיילט; „פאַר אַנעטקאַן, פאַר אַנעטקאַן! — האָט ער געזאָגט — די קליינע ליטעראַטין האָט תמיד אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ... פאַר אייך (האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו פרוי מאַשקאַן) פאַר דער מומען... און דאָס איז פאַר סטעפּטשען... עפּעס אַ באַקאַנטע האַנטשריפט... גאָר אַ באַקאַנטע. די דאַמען וועלן דערלויבן, אַז איך זאָל איר אָװעקטראָגן דעם בריוו“.

— אדרבה, גיי אַהין — האָט לעבהאַפט געענטפערט פרוי אַנעטאַ — מיר וועלן דערווייל איבערלייענען אונדזערע.

אָסנאָווסקי האָט גענומען דעם בריוו און איז אַוועק אין דער זייט פונם אינספּעקט, צוקוקנדיק זיך צו אים, און חזרנדיק איבערן וועג:

— פונוואַנען קען איך עס די האַנטשריפט... דאָס איז עפּעס... איך ווייס, אַז כ'האָב די האַנטשריפט שוין געזען!

אינם אינספּעקט האָבן זיך געפונען די דריי יונגע מענטשן, וואָס זענען געזעסן אונטערן גרויסן שויבנדאַך, בײַ אַן אייזערן געפֿל טישל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַן אָרכידעע. ביידע מיידלעך האָבן זי איבערגעמאָלט אין מאָלערישע אַלבאָמען, קאָפּאָווסקי ווידער, אַ ביסל הינטער זיי, אָנגעטון אין אַ פלאַנעלענעם ווייסן אָנצוג און שוואַרצע זאָקן, האָט דורך די מיידלעכס העבט געקוקט אין די אַלבאָמען אַריין, רייכערנדיק בײַ דעם אַ דינינקן פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט מיט אַ רגע פריִער געהאַט אַרויס-

בענומען פון עלעגאַנטן פּאָרטאַבאַק, וואָס איז געלעגן לעבן דעם בלומענטאָפּ.

— גוט מאָרגן! — האָט אַ זאָג געטון אָסנאָווסקי — וואָס זאָגט איר צו מײַנע אַרכידעען? פּראַכטפולע, אמת? וואָס פאַר אַן אומגעוויינטלעכע בלומען! סטעפּטשאַ, צו דיר איז פאַרהאַן אַ בריוו... בעט איבער די הערשאַפט און לייען איבער, מחמת מיר דאַכט זיך, אַז איך קען די האַנטשריפט. נאָר כ'קען זיך בשום אופן נישט דערמאַנען, וועמעס עס איז.

פרײַלין ראַטקאָווסקאַ האָט געעפנט דעם בריוו און גענומען לייענען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך איר פּנים פאַרענדערט, איבער איר שטערן איז דורך אַ פלאַם, נאָכדעם אַ בלאַסקייט און ווידער אַ פלאַם. אָסנאָווסקי האָט אויף איר געקוקט מיט נײַגער, זי ווידער, ענדיקנדיק לייענען, האָט אים געוויזן דעם אונטערשריפט און אַ זאָג געטון מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— אָט פון וועמען דער בריוו איז...

— אַ! — האָט אַ זאָג געטון אָסנאָווסקי, וואָס האָט פּלוצלינג אַלץ פאַרשטאַנען.

— איך קען דיך בעטן אויף אַ מינוט צו שמועסן?

— תּיכף, מײַן קינד — האָט אָסנאָווסקי געענטפערט מיט עפּעס אַ האַרציקייט — איך דין דיר.

און זיי זענען אַרויס פונם אינספּעקט.

— כאָטש איינמאָל אונדז געלאָזט ביידע אַליין! — האָט זיך אָפּגערופן בתמימות קאַפּאָווסקי.

פרײַלין לינעטאַ האָט קיין זאַך נישט געענטפערט, נאָר נעמענדיק קאַפּאָווסקיס אירכענעם פּאָרט-טאַבאַק פון טיש אַראָפּ, האָט זי אָנגעהויבן מיט אים גלעטן דאָס פּנים. ער ווידער האָט געקוקט אויף איר שיין פּנים מיט זײַנע וווּנדערלעכע אויגן, אונטער וועלכע זי איז ממש צעגאַנגען געוואָרן... פרײַלין לינעטאַ האָט פון לאַנג אָן געוווּסט, וואָס וועגן וועמען צו משפּטן, זײַן אומענדלעכע טפּשות האָט שוין פאַר איר קיין סודות נישט געהאַט, און דאָך האָט די עלעגאַנץ און די אומפאַרגלײַכלעכע שיינקייט פון דעם טפּשל אַרײַנגעטריבן אין עפּעס אַן אומגעוויינט-

לעכץ באַהעגונג איר האַלב איטאַליעניש בלוט. יעדער האָר פֿון זיין באָרד האָט גזהאָט פֿאַר איר עפּעס אַ מאָדנעם און אומגעהייערן רייץ.

— איר באַמערקט, אַז פֿון עפּעס אַ צייט אָן קוקט מען אונדז אַזוי נאָך, ווי כ׳ויס אַליין נישט וועמען? — האָט ווייטער אַ זאָג געטון קאַפּאַחסקי.

און זי, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זי הערט נישט, האָט כסדר געגלעט מיט דעם פּאָרט-טאַבאַק איר איידל געזיכט און, דערנענטערנדיק זי וואָס אַ מאָל מער צו די ליפּן, אַ זאָג געטון:

— ווי אָנגענעם די אירכע איז באַם אָנרירן! זעט, ווי אָנגענעם עס איז...

קאַפּאָזסקי האָט גענומען דעם פּאָר-טאַבאַק, ער האָט אים איבער צוגעלייגט צו די ליפּן און אָנגעהויבן לייכט קושן דאָס אָרט, וואָס האָט מיט אַ רגע צוריק געהאַט באַרירט ליגעטאַס געזיכט.

דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן שווייגן.

— מיר מוזן פֿונדאַנען אַוועקגיין — האָט אַ זאָג געטון פֿריילין קאַסטעלי.

און נעמענדיק דעם בלומענטאָפּ מיט דער אַרכידעע, האָט זי געוויאָלט אים אַוועקשטעלן אויף די אינספּעקטן-טרעפּלעך, וואָס זי האָט אָבער צוליב זייער משופּעדיקייט נישט געקענט טון

— דערלויבט — האָט אַ זאָג געטון קאַפּאָווסקי.

— ניין, ניין! — האָט זי געענטפֿערט — עס וועט אַראָפּפֿאַלן און זיך צעברעכן. איך וועל פֿון דער צווייטער זייט אַוועקשטעלן.

און זאָגנדיק דאָס, איז זי מיטן בלומענטאָפּ אין דער האַנט, אויסמיידנדיק די טרעפּלעך, אַוועק אין דער צווייטער זייט, וווּ צווישן זיי אין דער וואַנט איז געווען אַ שמאָל קאָרידאָרל. קאַפּאָווסקי איז איר נאָך.

דאָרט, אַראָפּגייענדיק אויפֿן קופּקעלע ציגל, האָט זי אַוועק-

געשטעלט דעם בלומענטאָפּ אויף דעם העכסטן טרעפּ, אָבער אין דער מינוט, וואָס זי האָט געוואָלט אַראָפּגיין, האָבן די ציגל אָנגעהויבן זיך רירן אונטער אירע פיס, אַזוי, אַז זי האָט זיך גענומען וואַקלען. אין דער זעלבער רגע האָט קאַפּאָווסקי, וואָס איז הינטער איר געשטאַנען, זי צוגענומען ביז אין דער העלפט.

— וואָס טוט איר.. דאָס איז נישט פיין? — האָט זי אָנגעהויבן שעפּטשען מיט אַ וויגנדיקער ברוסט, באַגיסנדיקע אים מיט הייסן אָטעם.

ער ווידער, אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט איינגעזויגן זיינע וואָנסעס אין אירע ליפּן. פּלוצלינג האָבן אירע אָרעמס מיט אַ ליידנשאַפטלעכער באַוועגונג אַרומגענומען זיין האַלדז און זי האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אָן באַוווסטזיין, אים אָנגעהויבן צוריק צו קושן.

און זיי, פאַרגעסנדיק זיך, האָבן נישט באַמערקט, ווי אָסבאָווסקי, וואָס האָט זיך דורך דער אָפענער טיר פונעם אינספּעקט אומגעקערט, איז איבערן ווייכן זאַמד אַריבער אויף די טרעפּלעך און געקוקט אויף זיי מיט אַ פאַרענדערט און בלאַס, ווי לייוונט, פון אויפרעגונג געזיכט.

XIII

זאַװילאָװסקי האָט דערװײַל זיך געפינען צװישן װאַרשע און בוטשינעק, פאַרנדיק יעדן טאָג און פאַרברענגענדיק עטלעכע שעה דאָ, עטלעכע שעה דאָרט, לויט די געשעפטן און די ענינים האָבן אים געבאָטן. היות זײַן חתונה האָט באַדאַרפט פאַרקומען האַרבסטצײַט, תיכף נאָכן צוריקקומען פון שװעבונגען — האָט פּאָלאַניעצקי אים געזאָגט, אַז עס איז שוין צײַט צו דינגען אַ דירה און װי עס איז זי אײַנאָרדענען. ער מיט ביגעלן האָבן אים צוגעזאָגט צו העלפן אין דעם ענין, פרוי ביגעל װידער האָט זיך געזאָלט פאַרנעמען מיטן װירטשאַפטלעכן טײל פונם אײַנאָרדענען. אין בוטשינעק איז זאַװילאָװסקיס אָנװעזנהײט אויך נײטיק געװען צוליב די פאַרבינדונגען מיט פרײַלין העלענאַ. הגם די צװאָה װאָס איז געװען דאַטירט מיט אַ יאָר צוריק האָט זי באַשטימט פאַר דער אײנציקער יורשטע פונם גאַנצן ריזיקן פאַרמעגן, האָט זי דאָך לחלוטין נישט פאַרבאָרגן, אַז זי װײסט, אַז דער פאָטער אירער האָט נישט געמאַכט קײן אַנדערע צװאָה בלויז דערפאַר, װײל אָדער ער האָט נישט פאַרגעזען דעם גיכן טויט, אָדער לויטן רגילות פון זקנים אָפּגעלײגט די זאַך פון טאָג אויף טאָג.

זי האָט אָבער נישט געהאַט דעם קלענסטן ספק, אַז דער פֿאָטער האָט געוואָלט עפּעס טון פֿאַר דעם קרוב מיט זיין פֿאַמיליע-נאָמען — און האָט אָפֿן געזאָגט, אַז זי האַלט פֿאַרן חוב פֿון איר באמנות צו דערפֿילן דעם פֿאָטערס רצון. קיינער האָט לעולם נישט געקענט פֿאַרזען, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס זי באַשליסט עס צו טון, און איר אַליין האָלט אויך, פֿאַרן מאַכן די רשימה פֿונם גאַנצן אינווענטאַר פֿון גיטער און קאַפּיטאַלן, שווער געווען אויף דער פֿראַגע צו ענטפֿערן עפּעס; דערווייל אָבער האָט זי אָנגעהויבן זאַחילאָווסקין צו באַשענקען מיט דעם, וואָס מאַנסלייט — יורשים, האָלטן, לויט איר מיינונג נאָך, באַדאַרפֿט באַקומען. אַזוי האָט זי אים אָוועקגעגעבן אַ טייל בופֿעט נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם, אַ באַדייטנדע און טייערע קאָלעקציע כּלי-זיין, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער האָט ליב געהאַט, דעם אַלטנס באַליבטע לוקסוס-פֿערד, וועלכע פּאָלאַניעצקי האָט גענומען אין פֿאָרט — און די זאַמלונג ליולקעס, וואָס קאָפּאָווסקי האָט בשעתו אַזוי געדאגהט וועגן זייער גורל.

אַ קאָלטע און אויסערלעך אַ גלייכגילטיקע צו אַלע, אַן אומדרייסט-מאַכנדיקע מיט איר שטרענגן און קאָנצענטרירטן אויסדרוק פֿון געזיכט, האָט זי בלויז פֿאַר איין זאַווילאָווסקין געהאַט כמעט מוטערלעכע טענער אין דער שטים און אינם בליק, ווי זי וואָלט צוזאַמען מיט דעם פֿאַרמעגן אויך געירשנט פֿונם פֿאָטער די פֿריינטלעכקייט צום יונגנמאַן. ער איז באמת געווען דאָס איינציקע וועזן אין דער וועלט, מיט וועלכן ס'האָבן זי פֿאַרבונדן בלוט-קניפּן, אָדער לכל-הפּחות דער געמיינזאַמער פֿאַמיליענאָמען. דערוויסנדיק זיך פֿון די פּאָלאַניעצקיס וועגן זאַווילאָווסקיס באַמיונגען זיך איינצואָרדנען אַ דירה, האָט זי געבעטן פּאָלאַניעצקין, אַז ער זאָל אויף די הוצאות פֿון דעם לייגן פֿון איר זייט אין באַנק אַריין אויף „העך איגנאַשס נאָמען" אַ באַדייטנדיקע סומע, בעטנדיק אָבער, אַז ער זאָל אים דערווייל וועגן דעם נישט זאָגן.

זאַחילאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ יונג און דאַנקבאַר האַרץ, האָט זיך צו איר זייער שנעל צוגעבונדן — ווי צו אַן עלטערער

שוועסטער — און זי האָט עס אויסגעצייכנט געפילט. דאָס אי־
געווען אַקעגנזייטיקע סימפּאַטיע פון צוויי נאַטורן, וואָס ווינטשן
זיך גוטס און האָבן צו זיך צוטרוי. די צייט ענדערט געוויינטלעך
איבער דעם מין תּחילתדיקע סימפּאַטיעס אין פעסטער פריינטשאַפט,
וואָס קען די שלעכטע שנויים אין לעבן זיין אויך אַ גרויסע שטי־
צע. אָבער אין דער מינוט האָט זאַווילאַווסקי בעקענט איר ווידי־
מען קוים אַ קליינטשיקן טייל פון זיין נשמה, מחמת ער האָט
דאָס האַרץ זיינס, די נשמה, און אַלע כּוחות מיט דער גאַנצער
אויסשליסלעכקייט פון אַ פאַנאַטיקער אַריינגעלייגט אין דער ליבע
פון דעם וואָס אַ מאָל מער פאַרגעטערטן „פעדימל“.

דערווייל אָבער האָט ער זיך געדרייט, ווי אַ פליג אין זי־
דיק וואַסער, און ער האָט צווישן בוטשינעק און דער שטאָט
געשלאָגן אפילו נייע באַקאַנטשאַפט. איינע פון זיי איז געווען
פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי, וואָס האָט זיך געהאַט אומגעקערט פון
זיין נסיעה צווישן די „יינגסטע פון די אַריער“. ער האָט באַזוכט
אַלע ברעגן פונעם אַדריאַטישן ים און דעם גאַנצן באַלקאַנישן
האַלב אינדזל, זיין געזונט-צושטאַנד איז אָבער געווען אַזאַ קלאָ־
געדיקער, אַז די פּאָלאַניעצקיס האָבן אים גענומען אויף אַ צייט
קיין בוטשינעק, כּדי אים אָפּצוהיטן פון אויסנוצן און צו עבן
אויף אים די געהעריקע השגחה. וועלכע ער וואָלט ערגעץ אַנ־
דערש בײַ זיין איינזאַמקייט נישט געפונען. זאַווילאַווסקי, וואָס
איז אַליין געווען אַן עקזאַלטירטער מענטש און איז גרייט געווען
צו פילן יעדער ברייטערע אידעע, הגם זי זאָל אַלע קלוגע באַ־
ראַנים זיך אויסחיין נישט צו דער זאַך, האָט פונעם ערשטן טאָג
אָן ליב געקריגן דעם אַלטן פּראָפעסאָר צוזאַמען מיט זיין טעאָ־
אַריע וועגן היסטאָרישן שליחות, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר
די יינגסטע אַריער. וועגן דער טעאָריע האָט ער פריער געהאַט
געהערט נישט איינמאָל פון שווירסקין און די פּאָלאַניעצקיס —
און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּראַכטפולן טרוים. ווען מען האָט
אים געפרעגט וועגן זיין ביכל און דער ריזע, האָט ער בלויז
געענטפערט: „קיינער קען זיך נישט אָפּזאָגן פון דער עבודה,
וואָס קריסטוס האָט פאַר אים באַשטימט“ — נאָכדעם פלעגט ער

אָנשטעלן פֿאַר זיך זײַנע מיסטישע אויגן, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן, אָדער עפּעס אָפּקוקן אינעם אין-סוף — און זײַן אַלט פּנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פֿון טיפֿן טרויער און ווייטיק אַפֿילו, אַז קיינער האָט שוין נישט געהאַט קיין האַרץ צו באַרירן מער דעם ענין. דער פֿאַרבעטענער דורך די פּאָלאַניעצקיס דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז די צו פֿעטע קיך פֿון די ייִנגסטע אַריער האָט דעם אַלטן אָנגעמאַכט אַ שווערן מאָגן-קאַטאַר, צו וועלכן ס'איז נאָך צוגעקומען אַ „marasmus senilis". דער אַלטער האָט טאַקע געהאַט אַ שווערן מאָגן, זאַווילאָווסקי האָט זיך אָבער משער געווען אין אים נאָך עפּעס אַנדערש, דהײַנו — דעם פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף צווישן דעם, אין וואָס ער האָט געגלייבט און דעם, וואָס ער האָט, אַלס אמתער אידעאַליסט-מאָנאַך, אָפּגעגעבן זײַן גאַנץ לעבן — די ספֿקות גופֿא. איין זאַווילאָווסקי האָט משיג געווען די גאַנצע טראַגעדיע פֿון אַזאַ אויסלאָז: „ergo erravi" — און איז טאָפּלט גערירט געווען, מחמת אַלס מענטש מיט אַ האַרץ און אַלס דיכטער, וואָס האָט תּיכּף דערזען אַ טעמע פֿאַר אַ פּאָעמע: דאָס בילד פֿון אַ זקן, וואָס זיצט קעגן דער זון פֿאַר זײַן הויז, אויף דער חורבה פֿון לעבן, אמונה, און וואַרט מיט די ווערטער: „הבֿל הבֿלים" אויפֿן טויט, וואָס זײַנע טריט הערט מען שוין פֿון דערווײַטנס.

מיטן פּראָפֿעסאָר האָט אָבער נאָך נישט געהאַלטן אַזוי שמאָל, ווי זאַווילאָווסקי האָט זיך געמאָלן. „די ייִנגסטע פֿון די אַריער" האָבן אים אייגנטלעך געקענט פֿאַרפֿירן, אָבער געבליבן איז נאָך די אמונה, אַז דאָס קריסטנטום האָט נאָך נישט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, און אַז די קומענדיקע תּקופֿה פֿון מענטשלעכן לעבן וועט זײַן נישט עפּעס אַנדערש, נאָר אַ פֿאַרברייטערונג פֿון קריסטוסעס גייסט און אַן איבערפֿלאַנצונג פֿון דער באַציִונג צווישן יחידים אויף אַלגעמיין-מענטשלעכע באַציִונגען. „קריסטוס אין דער געשיכטע" האָט נישט אויפֿגעהערט צו זײַן פֿאַר אים אַ וויזיע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. ער האָט תּמיד געגלייבט אַפֿילו, אַז דאָס שײַכות פֿון אַרײַנפֿירן די ליבע אין דער געשיכטע איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר די ייִנגסטע אַריער — נאָר

זינט זיין נסיעה האָט אים באַהערשט אַ טיפער טרויער, מחמת ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פריִער מוזן נישט בלויז ער, נאָר גאַנצע דורות אויסשטאַרבן אויף מאָגן-קאַטאַר, וואָס עס האָט גורם געווען די שלעכטע קיך פון די פירשטנטימער באַם דוינאַי.

דערווייל אָבער האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיך און אין שווייגן, וואָס האָט גיכער געהאַט אַ פּנים פון לעבנס-צער, ווי ס'איז געווען אינדערצייט. וועגן זיין „אידעע" האָט ער פשוט נישט גערעדט, מען האָט אָבער אָנגעזען, אַז, פּונקט ווי ווייזערס פון אַ זייגער, וואָס ווערן פאַרהאַלטן אין אַ געוויסער שעה, ווייזן תמיד די זעלבע צייט, אַזוי איז דער ווייזער פון זיין מוח נישט אַראָפּ פון דער אידעע; מחמת אויף כל-המינים פראַגן האָט ער געענטפערט מיט ווערטער, וואָס האָבן זיך גיכער געפּונען אין צוזאַמענהאַנג מיט איר, ווי מיט דער זאַך, וועגן וואָס מען האָט אים געפרעגט. וויפיל מאָל מען פלעגט אים וועלן צופירן צו דער ווירקלעכקייט, האָט מען באַדאַרפט אים וועקן! ער האָט זיך די רעשט אָפּגעלאָזט אינם אָנטון און וואָס אַ טאָג אַלץ מער געפלעגט פאַרגעסן, צ. ל., למשל, די קנעפּלעך באַם וועסטל זענען געמאַכט אויף צו פאַרקנעפּלען. מיט זיין אייביקער צעשטרייטקייט, מיט זיינע אויגן פון אַ קורצזיכטיקן און אגב פון אַ קינד, וואָס האָבן עפּעס מעכאַניש אָפּגעשפּיגלט די אינערלעכע איינדריקן, מיט זיין פאַרטראַכט געזיכט, אויף וועלכן די פלעקן זענען צוליבן שלעכטן פאַרדייען געוואָרן נאָך שטאַרקער, ענדלעך מיט זיין אָפּגעלאָזטער הלבשה, אויסטערלישע פלודערן, וואָס זענען ווער ווייסט צוליב וואָס געווען צוויי מאָל אַזוי ברייט, ווי אַלע אַנדערע, האָט ער באַ פרעמדע דערוועקט פריילעכקייט און איז געוואָרן אָפּט אַן אָביעקט פון מער אָדער וויניקער בייזער לצנות. דאַכט זיך, אַז ענלעכע געפילן האָט ער דערוועקט קודם-כל באַ די „יינגסטע אַריער", בכלל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש, וואָס די קלעפּקעס אין קאָפּ פעלט אַ רייף, אַ טייל האָבן אפילו אַרויסגעוויזן צו אים אַ רחמנות-געפיל. דער אויסדרוק „אַיס-

שנדלעכער" האָט זיך אָפּט געלאָזט הערן אין זײַנע אויערן, ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק.

ער האָט אָבער געפֿילט, אַז בײַ די פּאָלאַניעצקיס איז אים גוט, אַז קײַנער לאַכט אים נישט אויס, נישט מען האָט אויף אים רחמנות, ווי אויף אַן אידיאָט. איבעריקנס, האָבן נישט די צופּעטע קוך פֿון די „ייִנגסטע אַריער", נישט דער מאָגן-קאַטאַר, נישט צוגעגעבן בײַ אים זײַן אומגעהײַערע אײַנזעעוודיקייט און פֿרײַנטלעכקייט צו מענטשן. דאָס איז תּמיד געווען דער זעלבער אַלטער פּראָפֿעסאָר, וואָס פֿלעגט פֿאַרגעסן אָן זיך, און באַקומען דאָס באַוווסטזײַן, בשעת עס איז געגאַנגען אין אַנדערע, ער האָט ווי אַמאָל ליב געהאַט מאַריניאַ פּאָלאַניעצקאַן, פֿרוי עמיליאַן, שווירסקין, די ביגעלס, אַפֿילו מאַשקאָן, מיט איין וואָרט — די אַלע, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט אים דערנענטערט. בכלל האָט ער געהאַט עפּעס אַ מאָדנע השגה וועגן מענטשן, אַז אַלע, סײַ ווילנדיק, סײַ נישט ווילנדיק, זײַנען צו עפּעס, און זײַ זענען עפּעס מינים ציגעלעך, וואָס גאָטס האַנט, רוקט איבער צוליב אים אַליין בלויז באַקאַנטע צילן. אַזעלכע קינסטלער, ווי שווירסקי, האָט ער געהאַלטן פֿאַר שליחים, וואָס „מאַכן שלום".

אַזוי האָט ער אויך געקוקט אויף זאַווילאָווסקין, וואָס זײַנע לידער האָט ער פֿריִער געהאַט געלייענט. דערקענענדיק דעם מחבר זייערן, האָט ער נײַגעריק זיך צוגעקוקט צו אים, ווי צו עפּעס אַ זעלטענער זאַך, און אויפֿצומאַרגנס, ווען דער ייִנגערמאַן איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן, און מען האָט בײַ דער טיי אָנגעהויבן וועגן אים רעדן, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם פֿינגער, און ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן, אַ זאָג געטון מיט אַ געהיימנישפֿולער מינע:

— אָ! דאָס איז גאָטס-פֿויגל! נישט ער ווייסט, וואָס דער אייבערשטער האָט אים אויפֿן קאָפּ אָנגעצייכנט, נישט צו וואָס ער האָט אים באַשטימט.

מאַריניאַ האָט אים גענומען דערציילן וועגן זאַווילאָווסקיס חתונה, וואָס וועט איינגיכן פֿאַרקומען, וועגן זײַנע גנעפּילן צו

פרײלין לינעטאַ און װעגן איר גופא, לױבנדיק איר גוטסקײט און שײנקײט.

— יאָ! — האָט אַ זאָג געטון, אױסהערנדיק דער פּראָפּעסאָר — װעסטו? זי האָט אױך איר שליחות און איז אַן „אױסדערװײלטע". דער אײבערשטער האָט איר געהײסן אָפּהיטן דעם פּלאַץ. און קױם איז זי געװאָרן אױסדערװײלט, דאַרף מען איר אָפּגעבן כּבוד, װי אַן אױסדערװײלטע... װעסטו? די געגנאַד רוט אױף איר.

נאָכדעם האָט ער זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— דאָס אַלץ איז פאַר דער מענטשהײט. אַװעק אין דער צוקונפט.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ קוק געטון אױפן װײב, װי ער װאָלט איר װעלן מיטן קוק זאָגן, אַז דער פּראָפעסאָר חלומט אַן שום צוזאַמענהאַנג, ער האָט אָבער אַ ביסל פאַרמאַכט די אױגן און קוקנדיק פאַר זיך װײטער גערעדט:

— אין הימל איז פאַרהאַן אַ מילך־װעג, און אַז דעם רבונו־של־עולם גלוסט זיך בעמט ער פון דאָרט דעם שטױב און מאַכט פון דעם נײע װעלטן. װעט איר, איך מײן, אַז עס איז אױך פאַרהאַן אַ גײסטיקער מילך־װעג אױבערפלעכער, װאָס באַשטײט פון אַלץ, װאָס מענטשן האָבן געטראַכט און געפילט. אַלץ איז אין דעם דאָ: פון דעם, װאָס עס האָבן אױפגעטון גאונים, הן װערק פון טאַלענטן, הן באַמיונגען פון מענטשישן געדאַנק, הן די ערלעכקײט פון פרױען־הערצער, הן מענטשלעכע גוטסקײט, הן מענטשלעכע יסורים. קײן זאַך גײט נישט לאיבוד, הגם אַלץ װערט פאַרװאַנדלט, מחמת פון דעם שטױב שאַפט זיך, פון גאָטס װילן, נײע גײסטיקע װעלטן פאַר מענטשן.

— און דאָס מײדעלע מוז האָבן אַ נשמהלע אַ רײנס װי אַ טרער, קױם האָט דער אײבערשטער מיט דעם פינגער אָנגעװיזן אױף איר און זי באַשטימט פאַר דער היטערין פונעם פײער.

שװירסקיס קימען האָט איבערגעריסן דעם װײטערדיקן שמועס. פאַר מאַריניאַן איז ער קײן סיורפּריז נישט געװען, מחמת

דער מאָלער האָט צוגעזאָגט, אַז אָדער ער וועט קומען אַליין, אָדער ער וועט איר שרייבן, וואָס פאַר אַ ווענדונג זיין ענין האָט אָנגענומען. מאַריניאַ, דערזעענדיק אים איצט דורכן פענסטער, איז כמעט געווען זיכער, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט גוט, ער אָבער, אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין און באַגריסנדיק זיך מיט אַלע, האָט אויך איר געקוקט מיט אַזאַ מאָדנער מינע, אַז זי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טראַכטן.

ער האָט משמעות געהאַט חשק צו רעדן וועגן זיין ענין און צו דעם תיכף. ער האָט אָבער נישט געוואָלט עס טון אין פּאָלאַניעצקיס און וואָסקאָווסקיס אַנוועזנהייט. פּאָלאַניעצקי, פאַר וועלכן מאַריניאַ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אין וואָס עס גייט, איז אים געקומען צו הילף און אָנווייזנדיק אויפן ווייב, האָט ער אַ זאָג געטון:

— זי דאַרף אַ סך גיין; נעמט זי אין גאָרטן אַריין, ווייל איך ווייס, אַז איר האָט עפּעס צווישן זיך צו רעדן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך געפונען אין דער אַלעע צווישן די ווייסע ביימער. זיי זענען אַ צייט געגאַנגען און געשוויגן, ער, וויגנדיק זיך אויף זיינע ברייטע היפטן פון אַן אַטלעט און זוכנדיק פון וואָס אָנצוהייבן, זי אַ ביסל אַרויסגעדרוקט פאָרויס, מיט אַ גוט און נייגעריק געזיכט. ביידע האָבן זיי זיך געאיילט צו רעדן, שווירסקי האָט אָבער אָנגעהויבן פון עפּעס אַנדערש.

— איר האָט אַלץ דערציילט אייער מאַן? — האָט ער פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

מאַריניאַ איז רויט געוואָרן, ווי ער וואָלט זי געכאַפּט בײַ אַ פאַרברעכן, און האָט געענטפערט:

— ...ווייל סטאַך איז אייערס אַזאַ גוטער פריינט, און איך וויל נישט האָבן פאַר אים קיין סודות.

שווירסקי האָט איר אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— אדרבה! ס'איז גוט אַזוי! איך שעם זיך נישט מיט דעם, פונקט ווי מיט דעם, וואָס איך האָב באַקומען אַן אָפּזאָג.

— עס קען נישט זיין! איר מאַכט חוזק — האָט מאַריניאַ, פאַרהאַלטנדיק זיך, אַ זאָג געטון:

— אויף מיין וואָרט!

און זעענדיק די אומאַנגענעמלעכקייט, וואָס זיין בשורה האָט פאַרשאַפט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן, ווי מיט זאָרג:

— נעמט זיך עס אָבער נישט מער צום האַרצן פאַר מיר, עס איז געשען, וואָס עס האָט באַדאַרפט געשען. אָט, בין איך אַהערגעקומען, איך שטיי פאַר אייך, כ'האָב זיך נישט געלאָזט קיין קויל אין קאָפּ אַריין און האָב עס נישט בדעה צו טון, אָבער אַן אָפּזאָג האָב איך פאַר זיך באַקומען.

— אָבער פאַרוואָס? וואָס האָט זי אייך געענטפערט?

— פאַרוואָס? וואָס זי האָט מיר געענטפערט? — האָט איבערגעחזרט שווירסקי — זעט איר, אין דעם שטעקט טאַקע אַזוינס, פון וואָס מיר איז אַ ביסל ביטער געוואָרן אין מויל. כ'וועל זיך אייך אמתדיק מודה זיין, אַז שטאַרק זיין פאַרליבט אין פריילין ראַטקאָווסקאַ, בין איך נישט געווען. זי איז מיר געפעלן (זיי געפעלן מיר אַלע) כ'האָב געמיינט, אַז דאָס וועט זיין אַ דאַנקבאַר און ערלעך האַרץ, און דעריבער האָב איך זיך כלומרשט דערקלערט אין ליבע, אָבער מער מיט שכל — און אַז ס'איז שוין צייט! נאָכדעם האָב איך געהאַט אַפילו אַ ביסל ברענונג, געווען איז אַפילו אַ מינוט, ווען כ'האָב צו זיך געזאָגט: „דיין דערקלערן זיך אין בוטשינעק איז נישט געווען גענוג קלאָר, בעסער איז עס צו לאָזן אין ווינקל.” כ'האָב זיך אָבער פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס צו אַלדי רוחות, מיין איך מיט זיך, האָסט איבערגעטרעטן די שוועל מיט איין פוס, טרעט-זשע איבער שוין מיטן צווייטן. און איך האָב געשריבן צו איר אַ בריוו, דאָס מאָל שוין גאָר אַ קלאָרן, און אָט, וואָס מען האָט מיר געענטפערט!

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַרויסגענומען פונם סורדוט-טאַש אַ בריוו, איידער אָבער ער האָט אים גענומען לייענען, האָט ער נאָך אַ זאָג געטון:

— באַם אָנהייב גייען געווייטלעכע שאַבלאָנען... ווי איר

חייסט דאָך! זי שעצט מיך גערואַלטיק, זי וואָלט געוועזן שטאָלץ און גליקלעך (זי וויל אָבער ליבערשט נישט זיין) פלעגט פאַר מיר אמתע סימפּאַטיע (אויב זי ווייסט אַזוי פלעגן דעם מאַן, ווי די סימפּאַטיע, וועט ער דיק נישט זיין.) צום סוף זאָגט זי אַזוי:

„איך בין נישט אימשטאַנד אייך אָפּצוגעבן דאָס האַרץ מיט אַזאַ פרייד, ווי איר פאַרדינט עס. איך האָב אויסגעקליבן אַנדערש — און אויב איך וועל נישט זיין גליקלעך קיינמאָל, וויל איך זיך שפּעטער לכל־הפּחות נישט מאַכן קיין פאַרוואָרף, אַז איך בין געווען נישט אויפריכטיק. נאָכדעם, וואָס בײַ אונדז איז פאָרגעקומען, קען איך לעגגער נישט שרייבן, גלייבט מיר אָבער, אַז איך וועל אייך דאָס גאַנצע לעבן זיין דאַנקבאַר פאַרן צוטרוי און וועל פון היינט און ווייטער יעדן טאָג בעטן גאָט, ער זאָל אייך דערלויבן געפינען אַ האַרץ, וואָס איר זייט עס ווערט און דאָס גאַנצע לעבן עס בענטשן...

— דאָס איז אַלץ!

אַנטשטאַנען איז אַ ווײַלע פון שווייגן, נאָכדעם האָט שווירסקי אַ זאָג געטון:

— דאָס זענען בנוגע מיר פּוסטע ווערטער, אָבער דאָס הייסט: איך האָב ליב אַן אַנדערן.

— דאַכט זיך אַזוי — האָט טרויעריק אַ זאָג געטון מאַריניאַ. — אַן אָרים מיידל, נעבעך, ווייל דאָס איז דאָך אַן ערלעכער בריה.

— אַן ערלעכער בריה! אַן ערלעכער בריה! — האָט אויסגעשריגן שווירסקי — אַלע זענען זיי אַזוי ערלעך! אָט פאַרוואָס מיר איז אַ ביסל ביטער. זי וויל מיך נישט? גוט! דאָס מעג יעדע איינע. אין וועמען אָבער ליבט זי זיך? פאַרשטייט זיך, נישט אין אָכבאָווסקין, נישט אין זאַווילאָווסקין, אין וועמען זשע דען? אין דער גאַלקע פּונם שטעקן, אין דעם ליאַלקעלע, אין דעם שיינקייטל, אין דעם שניידערישן מאָדעל, אין דעם אידעאַל פון די דינסטמיידלעך. איר האָט געזען אַזעלכע שיינע הערן אויף שטיקער פּערקאַל? — אָט איז ער! ווען ער זאָל שטיין בײַ אַ

פריזירער אין פענצטער, וואָלטן די מיידלעך די שייבן אויסגע-
בראָכן. איר געדענקט, וואָס איך האָב וועגן אים געזאָגט: אַ ראַ-
מען-הוריס! און דאָס איז טאַקע ביטער! און דאָס איז טאַקע דער
אומטצם — (ער האָט גערעדט וואָס אַ מאָל מער אויפגערעגט,
באַטאָנענדיק מיט באַזונדערער קראַפט דאָס וואָרט: אײַ) און
דאָס זאָגט טאַקע שלעכטע עדות וועגן פרויען, ווייל גיי זיי דאָ אַ
ביוטאָן, אַ רעפאַעל, אַ נאַפּאָלעאָן — און וויל אַלס שכר בלויז
איין האַרץ, איין פרויענקאָפּ. נישט אמת! זי וויל בעסער עפּעס
אַ באַצוקערטן לעקיש. אָט, וואָס זיי זענען!

— נישט אַלע, מיין הצר, נישט אַלע! איבעריקנס איז אַלס קינסטלער, זענט איר מחויב צו וויסן, וואָס עס הייסט געפיל. פאַלט עפּעס אויף אַ מענטש אַראָפּ, איז אַ סוף צו יעדן מין באַ-טראַכטן.

— ניין — האָט רויִקער אַ זאָג געטון שווירסקי — איך ווייס, אַז נישט אַלע. וואָס שייך ליבע, ווי זאָגט איר: „פאַלט עפּעס אַראָפּ איז אַ סוף". קען זיין! דאָס איז עפּעס אַ מין חולאת... פאַראַן זענען אָבער קראַנקהייטן, אויף וועלכע די איידעלערע מינים וועזנס זענען אויף זיי נישט קראַנק. פאַראַן איז למשל אַ לעבנס-קראַנקהייט. דערלויבט אייך צו זאָגן, אַז כדי צו כאַפּן די קראַנקהייט דאַרף מען האָבן לעבן. נישט געווען איז אָבער נאָך אַ פאַל, אַז אַ טויב, למשל זאָל זיך פאַרליבן אין אַ וואַלד-שנעפּ, הגם דאָס איז זייער אַ שיינער פויגל. זעט איר, — אויף קיין טויב וועט עס נישט פאַלן... אין שנעפּן פאַרליבן זיך שנעפּעריגס. און זאָלן זיי זיך ליב האָבן, אַבי נישט מאַכן דעם אָנשטעל פון טויבן. מיר גייט בלויז אין דעם... דערמאָנט אייך, וואָס כ'האָב אַמאָל באַ די ביגעלס אויסגערעדט אויף פריילין קאַסטעלי. און דאָך האָט זי סוף-כל-סוף געוואָלט ליבערשט זאַווי-לאָווסקין. מיר גייט אין די פאַלשע שטרעבונגען, אין דער נישט אויפריכטיקייט, אין דער פּראָזע. ביסטו אַ שנעפּערין — האָב-זשע דרייסטקייט זיך מודה צו זיין אין דעם. מאַך נישט דעם אָנשטעל; זאָג נישט קיין ליגן, פאַרפיר נישט, איך, אַ מענטש אַ בעניטער, וואָלט דאָך געווען דעם קאָפּ צעפּגצגבן פאַר דעם, צו

אַזאַ פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ איז פּשוט נישט מסוגל זיך צו פֿאַרליבן אין אַזאַ קאַפּאַש, און דאָך איז עס נישט אַזוי! איך וועל אַ טרייסט געפֿינען, מיר גייט נישט דאָ אין זיך, נאָר אין דער קאָמעדיע, אין דעם קאָנווענציאָנעלן שקר — און נישט אין פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ, נאָר אין דעם, וואָס אַזאַ טיפּ, ווי קאַפּאַשיאַ איז מנצח.

— יאָ — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — מען האָלט אָבער באַדאַרפֿט וויסן, פֿאַרוואָס דאָס האָט זיך אַלץ אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט.

שווירסקי האָט אָבער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— אייגנטלעך — האָט ער אַ זאָג געטון — האָט זיך עס אויפֿגעפּלאָנטערט. ווען זי זאָל געווען מיט מיר חתונה האָבן, וואָלט איך זי סוף־כּל־סוף געווען מסתּמא געטראָגן אויף די הענט. אויף מײַן וואָרט... בײַ מיר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך האַרציקייט. איך וואָלט גוט געהיטן צו איר, און אונדז וואָלט גוט געווען. דאָס איז מיר איצט אַ ביסל אַ שאָד, זי איז אָבער דאָך נישט איינע אויף דער וועלט, איך וועל מיר געפֿינען אַזאַ ערלעכע נשמה, וואָס וועט מיך וועלן. און שנעל, מײַן טײַערע מאַדאַם, ווײַל איך קען באמת צײַטנווײַז שוין נישט אויסהאַלטן, גוט?

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן פֿריילעך ווערן, זעענדיק, אַז שווירסקי אַליין נעמט זיך נישט אַזוי שטאַרק צום האַרצן דאָס אָנווערן די פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ. פֿאַרטראַכטנדיק זיך אָבער איצט רויִקער איבער איר בריוו, האָט זי זיך דערמאָנט אָן איין פֿראַזע, אויף וואָס זי האָט פֿריִער, אײַנגאַנצן פֿאַרנומען מיטן אָפּזאָג, קיין אַכט נישט געלייגט — און האָט זיך צוליב איר באַאומרויִקט.

— איר האָט באַמערקט — האָט זי אַ זאָג געטון — אַז זי האָט אויף איין אָרט געשריבן: „נאָכדעם, וואָס עס איז בײַ אונדז פֿאָרגעקומען, קען איך לענגער נישט שרײַבן". זײַט איר זיך נישט משער, וואָס דאָרט האָט געקענט פֿאָרקומען?

— אפֿשר האָט קאַפּאַשיאַ זיך שוין דערקלערט איר אין ליבע.

— ניין, אין דעם פאַל וואָלט זי עס געשריבן קלאָרער. אויב זי האָט זיך צו אים צוגעבונדן, איז זי באמת אַן אָרים מיידל, נעבעך, מחמת זי האָט, דאַכט זיך, נישט קיין געלט, און הער קאַפּאַווסקי איז אויך ווייזט אויס נישט רייך, איז אַלזאָ אַ ספק, צי ער וועט זיך אַנטשליסן.

— אמת — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — איר ווייסט, מיר אַליין איז דאָס שוין געקומען אויפן רעיון. אַז זי ליבט זיך אין אים, איז קיין ספק נישט, ער וועט אָבער מיט איר נישט חתונה האָבן.

פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אַ זאָג געטון:

— אויב אַזוי, צוואָס זיצט ער דאָרט?

— מען ווילט זיך מיט אים. ער אַליין ווילט זיך אויך — האָט שנעל געענטפערט מאַרינאַ, וויסדרייענדיק באַ דעם דאָס געזיכט, אַז שווירסקי זאָל נישט באַמערקן איר צעמישונג.

אין זי האָט געענטפערט נישט אויפריכטיק, זינט פּאָלאַניעצקי האָט זיך געטיילט מיט איר זיינע באָאַבאַכטונגען בנוגע קאַפּאַווסקין און פרוי אָסנאָווסקאַ, האָט זי אָפּט פון דעם געטראַכט, און דעם בחורס זיין אין פּושיטולאָוו האָט זיך איר אַליין אויסגעוויזן טיילמאָל פאַרדעכטיק, און דאָס פאַרשטעלן זיך מיט פריילין ראַטקאָווסקאַ פאַר אַן אומווירדיקייט. די אומווירדיקייט איז געוואָרן נאָך גרעסער מיט דעם, אויב פריילין ראַטקאָווסקאַ האָט זיך באמת טאַקע פאַרליבט אין קאַפּאַווסקין. די אַלע אינטריגעס האָבן אָבער אַ ליאַדע רגע געקענט אַרויפשווימען אינדערהייך. און מאַרינאַ האָט איצט אומרויִק געטראַכט, צי פריילין ראַטקאָווסקאַס וועדטער: „נאָכדעם, וואָס עס איז באַ אונדז געשען" — האָבן נישט טאַקע אַזאַ באַדייטונג, אויב אַזוי וואָלט עס געווען אַן אמתע קאַטאַסטראָפע, הן פאַרן ערלעכן הצר אָסנאָווסקי, הן פאַרן פריילין סטעפּטשאַ.

באמת, אַלץ האָט געקענט אויף אַ טראַגישן אופן ווערן פאַרפּלאָנטערט.

— איך קלויב זיך מאָרגן קיין פּושיטולאָוו — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — איך וועל בכיון זיין באַ די אָסנאָווסקיס, כדי

צו הייזן, אז איך האָב אויף קיינעם נישט קיין תרעומות, אויב דאָרט איז באמת עפּעס געווען, אָדער אויב עמעץ איז דאָרט קראַנק געוואָרן, וועל איך וויסן און אייך מודיע זיין. זאַווילעק איז דאָך איצט נישטאָ.

— ניין, הער איגנאַש איז אין שטאָט. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט ער זיכער זיך אַריינכאַפּן אַהער, אָדער קיין יאַשמיצן, סטאַך קלויבט זיך אויך היינט אין שטאָט אַריין. מיין פריינדין, די שוועסטער אַניעלאַ, איז זייער קראַנק, און מיר וועלן זי אַהערברענגען, היות אָבער איך קען נישט פאָרן, פאָרט סטאַך.

— די שוועסטער אַניעלאַ? די, וואָס אייער מאַן רופט פרוי עמיליאַ... פרוי אַנושעלקאַ!... אַן אמת פּנים פון אַ הייליקער, אַ פּראַכטפול געזיכט! איך האָב זי געזען אַמאָל צוויי בײַ אייך. אָט, ווען אַזעלכע זאָל נישט זיין קיין מאַנאַכין...

— און קראַנק, נעבעך, זי קען שוין כמעט נישט גיין... זי האָט פון צופיל אַרבעט באַקומען אַ קריינץ-קראַנקהייט.

— אוי, דאָס איז אַ צרה — האָט געענטפערט שווירסקי — איר וועט האָבן דעם פּראָפעסאָר און זי, נעבעך... וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן איר זענט עס ¡

— דאָס איז סטאַך! — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

באותו-הרגע האָט זיך אין דער עק אַלעע באַוויזן פּאָלאַניעצקי — און איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו זיי.

— כ'האָב געהערט, אַז איר פאָרט? — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — מיר וועלן זיך צוזאַמען קלויבן אין וועג אַריין.

— גוט.

און ווענדנדיק זיך צום ווייב, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מאַריניאַ, ביסט נישט צופיל געגאַנגען אַמאָל? ווילסט זיך אָן מיר אָנלעבען?

מאַריניאַ האָט אים גענומען אונטער דער האַנט, און זיי זענען צוזאַמען צוגעגאַנגען צו דער וועראַנדע, נאָכדעם איז ער

אריין אין שטוב אריין, כדי צו הייסן דערלאנגען דעם באַכמי־טאַג־טיי.

פּאַלאַניעצקי ווידער האָט זיך שנעל דערנענטערט צו שווירסקין.

— כ'האָב היינט באַקומען אַ מאָדנע דעפּעשע, וואָס איך האָב נישט געוואָלט ווייזן אין ווייבס צוזעונגהייט. אָסנאַוסקי פרעגט מיך אָן, ווו איגנאַש איז און פאָדערט מיך, אַרויסצוקומען מאָרגן אין זיינס אַן ענין אין שטאָט אריין. וואָס קען עס זיין?

— דאָס איז אַ מאָדנע זאַך — האָט געענטפערט שוויר־סקי — מיר האָט פריילין ראַסקאָוסקאַ געשריבן, אַז דאָרט איז עפּעס געשען.

— עמעץ זאָל האָבן קראַנק געוואָרן?

— וואָלט מען אַרויסגערופן דירעקט זאַווילאָווסקין... ווען פריילין קאַסטעלי, אָדער פרוי בראַניטש... וואָלט מען אים תיכף אַרויסגעפאָדערט...

— ווען אָסנאַווסקי זאָל אים נישט וועלן איבערשרעקן, וואָלט ער צו מיר טעלעגראַפירט.

און זיי האָבן ביידע זיך אָנגעהויבן אומרויק קוקן אין די אויגן אריין.

XIV

צומאָרגנס, אין אַ האַלבע שעה אַרום נאָך פּאָלאַניעצקיס קומען, האָט צו אים אָנגעקלונגען אָסנאָווסקי. אויפן קלונג פון גלעקל איז פּאָלאַניעצקי אַליין אַוועק אים עפענען. פון נעכטן אָן האָט ער געלעבט אין גרויס אומרו. ער האָט פון לאַנג אָן שוין זיך משער געווען, אַז אין פּושיטולאָוו קען אַ ליאַדע טאָג פּלאַצן אַ באָמבע, ער האָט אָבער בתּום זיך געשלאָגן מיט די רעיונות, וואָס פאַר אַ שייכות דער אויסברוך קען האָבן צו זאַווילאָווסקין.

אָסנאָווסקי האָט צ ם באַגריסן מיט אַ באַזונדערע קראַפט, ווי מען טוט בײַ אומגעוויינטלעכע לעבנס-אומשטענדן, אַ דריק געטון זײַן האַנט, און ווען פּאָלאַניעצקי האָט אים אַרײַנגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, האָט ער אויפן וועג אים אַ פרעג געטון:

— איר געפינט זיך אין בוטשינעק?

— יאָ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — מיר זענען יבגאַנצן אַליין.

אין קאַבינעט האָט אָסנאָווסקי, אַרומקוקנדיק זיך אויפן אָנגעוויזענעם אָרט, אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ און אַ ווײַלע געשוויגן, אָטעמענדיק באַ דעם שנעל, מחמת פון צופיל טרעגירן זיך האָט ער געליטן אַ ביסל אויף צעשפּרייטונג פון די לונגען, איצט ווידער האָבן די אויפרעגונג און די טרעפּ נאָכמער פאַרהאַלטן אים דעם אָטעם. פּאָלאַניעצקי האָט אַ צײַט געדולדיק געוואַרט, ענדלעך האָט זײַן אײַנגעבוירענע לעבהאַפטיקייט גובר געווען, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, מײַן הער?

— געשען איז אַן אומגליק — האָט מיט גרויס צער געענטפערט אָסנאָווסקי — איגנאַשעס שידוך איז אָפּגעלאָזט.

— דעם שידוך אָפּגעלאָזט? פאַרוואָס?

— דאָס זענען אומאָנגענעמע זאַכן, אַז עס איז בעסער איגנאַש זאָל די סיבות נישט וויסן. איך האָב אַ צײַט זיך געוואַקלט, צי זאָל איך זיי נישט פאַרשווײַגן, אָבער ניין! מען דאַרף, ער זאָל זיך וועגן אַלעם דערוויסן, ווײַל דאָ גייט אין עפּעס מער, ווי אין זײַן אײַנגליבטע. אפשר וועט דער פאַרדרוס און עקל אים העלפן פאַרטראָגן דאָס אומגליק, דער שידוך איז אָפּגעלאָזט, ווײַל פרײַלין קאַסטעלי איז נישט ווערט די האַנט פון אַזאַ מענטש, ווי ער איז — און ווען עס זאָל הײַנט נאָך קענען זײַן אַ רייד וועגן פאַריכטן די באַציונגען, וואָלט איך דער ערשטער געלייגט אַ קאַטעגאָרישן וועטאָ אויף דעם.

דאָ האָט הער אָסנאָווסקי ווידער אָנגעהויבן כאַפּן דעם אָטעם, פּאָלאַניעצקי ווידער, וואָס האָט ביז איצט זיך צוגעהערט צו זײַנע ווערטער, ווי אַן אײַזן-געמויערטער, האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסן:

— אָבער, אום גאָטס ווילן, וואָס איז אַזוינס געשען?

— געשען איז דאָס, וואָס די דאַמען זענען מיט דרײַ טעג צוריק אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד מיט קאַפּאָווסקין, אַלס פרײַלין קאַסטעליס חתן.

פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק זיך געהאַט אַרויסגעטאָן פון אָרט, האָט זיך איצט צוריק אַנידערגעזעצט. אויף זײַן פּנים האָט, בײַ דער גאַנצער אויפרעגונג און אַ מורא, זיך אָפּגעשפּיגלט אומגעהײַערע פאַרוווּנדערונג. ער האָט אַ צײַט געקוקט אויף אָסנאָווסקין, נאָכדעם, ווי ער וואָלט נישט קענען צונויפנעמען די געדאַנקען, אַ זאָג געטאָן:

— קאַפּאָווסקי?... אויך אַן מיט פרײַלין קאַסטעלי?...

אָסנאָווסקי איז אָבער געווען פאַרנומען מיטן ענין גופא, ער זאָל קענען לייגן אַכט אויף דער באַזונדערער פאָרעם פון פּאָלאַניעצקיס פראַגע.

— לײַדער! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איר ווייסט דאָך, אַז איך בין די דאַמעס אַ קרוב; מײַן מוטער איז געווען פרוי בראַניטשס אַ שוועסטער-קינד, און דעריבער אויך האָבן זיי זיך אַ צײַט צוזאַמען אויפגעצויגן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך וואָלט ליבער וועלן זיי שוינען. אָבער דאָס בין איך שוין מוחל. אונדזערע באַציִונגען זענען איבערגעריסן. אַחוץ דעם, ווען פרײַלין קאַסטעלי זאָל זײַן מײַנס אַפילו אַ לײַבלעכע שוועסטער, וואָלט איך אויך געזאָגט וועגן איר דאָס אייגענע, וואָס כ'וועל אײַך זאָגן איצט. וואָס שייך זאַווילאָווסקין, איז היות איך פאָר אויך אָפּ מיט מײַן ווײַב — און צו דעם נאָך הײַנט, איז מעגלעך, כ'זאָל אים נישט געפינען. כ'וועל זאָגן אַפילו אָפן, אַז מיר קלעקט נישט קיין מוט צו רעדן מיט אים, כ'וועל אָבער פאַר אײַך איבערחזרן אַלץ, וואָס איך האָב געזען. איר, אַלס זײַן נאָענטסטער פרײַנד, וועט אפשר בכּוח זײַן צו לינדערן דעם קלאַפּ; מען דאַרף אָבער, איגנאַש זאָל וועגן אַלץ וויסן, ווײַל אויף אַזאַ מין אומגליק איז קיין בעסערע רפואה, ווי עקל, נישטאָ.

דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן פּאָלאַניעצקין, וואָס ער האָט געזען אינם אינספּעקט, אויפרעגנדיק זיך בײַ דעם, פאַרלירנדיק מינוטנווײַז דעם אָטעם, און נישט קענענדיק גלײַכצײַטיק בײַשטיין דעם געוויסן חידוש, צוליב דער פיבערדיקייט, מיט וועלכער פּאָלאַניעצקי האָט זיך צוגעהערט צו אים. ער האָט זיך געריכט אויף מער קאַלטבלוטיקייט מצד אים; ער האָט אָבער

זיך נישט געקענט משער זיין, אַז פּאָלאַניעצקי האָט פּערזענלעכע טעמים, צוליב וועלכע די מעשה האָט מער געשפּילט אויף זיינע נערוון, ווי אפילו די ידיעה וועגן זאַווילאָווסקיס אָדער פריילין קאַסטעליס טויט.

— די ערשטע מינוט האָב איך דעם קאָפּ פאַרלוירן — האָט אָסנאָווסקי ווייטער גערעדט — איך בין נישט קיין שטורמישער מענטש, אָבער ווי אַזוי איך האָב אים נישט די ביינער צעבראָכן — ווייס איך נישט. אפשר האָב איך געדענקט, אַז ער איז מיינס אַ גאַסט, צפשר, אַז עס גייט אין ווייטיקערע זאַכן, ווי ער, אפשר האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן איגנאַשן, אפשר האָב איך וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט. איך האָב פאַרלוירן דעם קאָפּ און בין אַרויס. אין אַ ווייַלע אַרום, אומקערנדיק זיך, האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל גיין מיט מיר. איך האָב געזען, אַז ער איז געווען בלאַס, אָבער אַנטשלאָסן. באַ זיך האָב איך אים געזאָגט, אַז ער איז זיך באַגאַנגען נישט פּאַסיק, אַז ער האָט מיסברויכט מיט דער גאַסטפריינדלעכקייט פון אַן אָנשטענדיק הויז און אַז לינעטאַ איז אַ נידערטרעכטיקע ברואה, פאַר וועלכער מיר פעלן אויס ווערטער פון פאַראַכטונג, אַז איר שידוך מיט זאַווילאָווסקין איז מיט דעם גופא איבערגעריסן, און אַז איך וועל אים צווינגען מיט איר חתונה צו האָבן, ווען איך זאָל אפילו זיך דאַרפן באַנוצן מיט די לעצטע מיטלען. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן איבער דער צייט, וואָס איך האָב זיי געלאָזט אַליין, זיך געמוזט שוין באַראַטן, מחמת ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער ליבט זיך שוין פון לאַנג אָן אין לינעטאַן, און איז גרייט צו יעדער מינוט מיט איר חתונה צו האָבן. וואָס שייך זאַווילאָווסקין — האָב איך געפילט, אַז קאָפּאָווסקי חורט איבער די ווערטער, וואָס לינעטאַ האָט אים דיקטירט, מחמת ער האָט מיר געזאָגט דאָס, אויף וואָס ער אַליין וואָלט נישט געווען מסוגל: אַז ער איז גרייט זאַווילאָווסקין צו געבן, וואָס פאַר אַ באַפרידיקונג מען וויל, נאָר אַז ער האָט זיך נישט באַדאַרפט מיט אים רעכענען, מחמת ער האָט נישט קיין שום התחייבותן לגבי אים... „אַז פריילין לינעטאַ האָט סוף-כל-סוף אויסגעקליבן מיך — זאָגט ער — מילא איז

ווי צו אים, אָבער דאָס איז איר זאַך...״ וואָס עס איז דערווייל
געשען צווישן דער מומען און ליִנעטשקאַן, ווייס איך נישט. — געוויינ-
נוג, אַז איידער כ׳האָב פאַרענדיקט מיט קאַפּאָווסקין, איז די מו-
מע בראָניכש אַריין — צו מיר צוגעפֿאַלן, ווי אַ פֿוריע, אונדז
פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז דאָס האָב איך בײַם מײַן הייב נישט געלאָזט
ליִנעטשקאַן נאָכן נאַטירלעכן אינסטינקט פֿון איר האַרץ, אַז מיר
האָבן איר אָנגעוואָרפֿן זאַווילאָווסקין, וועלכן זי האָט קיינמאָל
נישט ליב געהאַט, אַז ליִנעטשקאַ האָט גאַנצע נעכט געוויינט, אַז זי
וואָלט געוועזן באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר דעם שידוך, אַז דאָס אַלץ,
וואָס עס איז געשען, איז בפירוש געווען מן השמים... אַזוי אַן
ערך אַ שעה!... מיר זענען שולדיק, זאַווילאָווסקי איז שולדיק,
נאָר זיי זענען אָן אַ פּגימה!

דאָ האָט אָסנאָווסקי אָנגעהויבן רײַבן מיט דער האַנט דעם
שטערן און געזאָגט:

— אָך, מײַן הער! איך בין אַלט אין זעקס און דרײַסיקסטן
יאָר און האָב זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, וואָס ווײַבערי-
שע פֿאַלשקייט הייסט, איר ווייסט, אַז אַזאַ פֿעיִקייט איבערצו-
דרייען זאַכן מיטן אונטערשלאַק קאַפּויר לייגט זיך מיר גאָרנישט
אויפֿן שכל. איך פֿאַרשטיי דאָך, ווי די לאַגע איז געווען. איך
פֿאַרשטיי, אַז זיי האָבן תּופֿס געווען, אַז מיט זאַווילאָווסקי האָט
זיך שוין אַלץ גענדיקט שוין דערפֿאַר, ווײַל איך וועל שטערן,
און עס בלײַבט זיי מער נישט איבער — ווי קאַפּאָווסקי. אָבער
די לײַכטקייט צומאַכן פֿון שוואַרץ — ווײַס, און פֿון ווײַס —
שוואַרץ!... דאָס פֿעלן פֿונם מאָראַלישן חוש פֿאַר אמת און
יושר... דער עגאָיזם אָן אַ מאָס און אָן אַ גרונט!... דער רוח
וואָלט זיי ענדלעך געמעגט נעמען, ווען נישט דאָס, וואָס עס גייט
אין איגנאַשן!... ער וואָלט מיט זיי געווען אומגליקלעך, אָבער
פֿאַר אַזאַ פֿאַרליבטן און עקזאַלטירטן מענטש איז דאָס שוין
איינמאָל אַ קלאַפּ!... אַזאַ אַנטוישונג!... היינט-ז'שע די ליִ-
נעטשקאַ!... ווער וואָלט זיך עס געקענט ריכטן!... אַזאַ שוטה!...
אַזאַ שוטה!... און דאָס איז אַ מיידל כּלומרשט פֿול מיט שוווּנג,
וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געביטן זיך מיט די

פינגערלעך, געגעבן אַ וואָרט!... און צו דעם אַזאַ זאַווילאָווס זיס אַ כּלה!... בנאמנות, ס'איז משוגע צו ווערן!

— ס'איז משוגע צו ווערן — האָט ווי אַ ווידערקול איבערגעחזרט פּאָלאַניעצקי.

אַנטשטאַנען איז אַ ווײַלע פֿון שווײַגן.

— דאָס איז שוין לאַנג געשען? — האָט ענדלעך אַ פֿרעג געטון פּאָלאַניעצקי:

— שוין דרײַ טעג, אַז זיי זענען צוזאַמען אָפּגעפֿאָרן קיין שעווענינגען. זיי זענען גלײַך דעמזעלבן טאָג אָפּגעפֿאָרן. קאָפּאָווסקי האָט געהאַט דעם פּאַס מיט זיך. קוקט נאָר, ווי דער גרעסטער חוכר, האָט זיך זײַן שׂכל! ער האָט געהאַט אַ גרייטן פּאַס, מחמת ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שדכנט זיך צו מײַן קוזינע ראַטקאָווסקאַ, און האָט בדעה געהאַט מכּלומרשט צו פֿאָרן צוזאַמען מיט אונדז קיין אויסלאַנד. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שדכנט זיך צו דער, כּדי ער זאָל יענער קענען דעם קאָפּ פֿאַרדרייען. איי, דער אָרימער איגנאַש, נעבעך, נעבעך! אויף מײַן וואָרט, ווען ער זאָל זײַן מײַנס אַ ברודער, וואָלט איך נישט געהאַט קיין גרעסער מיטלייד מיט אים... ס'איז בעסער!... בעסער, וואָס ער האָט זיך נישט פֿאַרבונדן מיט אַזאַ — ליגנטאַ, מיט אַזאַ האַלב איטאַליענערין, אָבער וואָס פֿאַר אַ צערייסן!...

דאָ האָט אָסנאָווסקי אַרויסגענומען דאָס טיכל און אָנגעהויבן ווישן די ברילן, מרוגנדיק באַ דעם מיט די אויגן, מיט אַ באַצערט און הילפֿלאָז געזיכט; פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ פֿרעג געטון:

— פֿאַרוואָס האָט איר פֿריער נישט צו וויסן געטון?

— פֿאַרוואָס כ'האָב פֿריער נישט צו וויסן געטון? ווײַל דאָס ווײַב מײַנס איז מיר קראַנק געוואָרן, נערוועזע אָנפֿאַלן... גאָט ווייסט וואָס... איר וועט נישט גלייבן, ווי זי האָט זיך די מעשׂה גענומען צום האַרץ. און וואָס איז דער חידוש!... אַזאַ פֿרוי — און נאָך צו דעם באַ אונדז אין הויז! באַ איר פֿילבאַרקייט, איז עס פֿאַר איר געווען אַ קלאַפּ, אַן אַנטוישונג מצד לי-

געשאַן, װעלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט, און דאָס רחמנות אויף איגנאַשן, הײנט־זשע דאָס צונױפֿקומען זיך פּנים אל־פּנים מיטן בייז, דער עקל!... פֿאַר אַזאַ רײנע און ערלעכע נאַטור, איז דאָס שוין צופֿיל... די ערשטע מינוטן האָב איך געמײנט, אַז זי װעט װערן שװער קראַנק. און איצט זאָג איך נאָך: גיב גאָט, אַז דאָס זאָל זיך נישט אָפּרופֿן שלעכט אויף אירע נערװן! מיר זײַנען גאָרניש באַכּוח זיך אָנצוגעבן מיט קײן חשבון, װאָס עס טוט זיך אָפּ אין אַזאַ נשמה בלויז בײַם צוזען דאָס בייז.

פּאָלאַניעצקי האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אָסנאָװסקין, פֿאַרביסן די װאָנסעס און געשװיגן. דער װידער האָט אין אַ װײַלע אַרום װײַטער גערעדט:

— איך האָב געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר און האָב דאָס צװײטע מאָל דעם קאָפּ פֿאַרלוירן. צום גליק איז דאָרט געװען סטעפּטשאַ ראַטקאָװסקאַ און די װילע פֿרוי מאַשקאָ. ביידע האָבן זיך זיך האַרציק פֿאַרנומען מיט אַנעטקאַן, אַז דאָס גאַנצע לעבן מײַנס װעל איך זיי זײַן דאַנקבאַר. פֿרוי מאַשקאָ װײַזט אויס אויפֿן קוק אַזאַ קאַלטע, באַ דעם איז זי אַזאַ האַרציק װעזן...

— איך מײן פּשוט — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי, װעלנדיק אָפּװענדן דעם שמועס פֿון פֿרוי מאַשקאָ — אַז װען דער אַלטער זאַװילאָװסקי זאָל איגנאַשן געװען איבערלאָזן עפּעס אַ פֿאַרמעגן, װאָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען.

— ס'קען זײַן — האָט געענטפֿערט אָסנאָװסקי — פֿאַר מיר איז אָבער קײן ספֿק נישט, אַז װען ליגנעטאָ זאָל חתונה האָבן מיט איגנאַשן, האָט עס געמעגט צו דעם האָבן נאָך הונדערט זאַװילאָװסקיס גאַנצן פֿאַרמעגן, װאָלט זי דער אינסטינקט געװען געצויגן צו אַזעלכע מינים קאָפּאָװסקיס, װאָס איר װאָלט אין לעבן אויסגעקומען צו טרעפֿן! דאָס איז שוין אַזאַ מין נשמה. טײל זאַכן בין איך אָבער משיג. איך האָב געזאָגט, אַז מען קען משוגע װערן בײַם געדאַנק, אַז עס איז אַזוי. װי עס איז, טײלװײַז גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון פֿון דעם, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען. זי איז אַ צו פֿלאַכע נאַטור, אַז זי זאָל באמת מסוגל זײַן ליב צו האָבן אַזאַ זאַװילאָװסקין. זי דאַרף האָבן קאָפּאָװסקיס. מע האָט

איר אָבער אײַנגערעדט שװוּנג, ענדלעך האָט זי זיך אַלײן אײַנגערעדט דאָס, װאָס עס איז אינדעראמתן נישט געװען. מען האָט איגנאַשן צוגעצויגן אויס פּוסטער גאווה אויס אײַנגליבע פאַר דער װעלט און אויס נישט קענען זיך אַלײן. אָבער װאָס עס איז נישט אויפריכטיק, קען קײן קיום נישט האָבן. פון דער מינוט אָן, װאָס זײער גאווה איז געװאָרן באַפּסידיקט, האָט איגנאַש אויפגעהערט זײ צו קלעקן. נאָכדעם האָבן זײ זיך דערשראָקן, אַז אפשר װעט מיט אים נישט זײן אַזאַ לעבן, װאָס זײ שעצן, אפשר האָט בײדע אָנגעהויבן זײן שװער צו הויכן שטימונג. לײגט צו צו דעם די געשיכטע מיט דער צוואה. װאָס נישט זײענדיק די הויפּט סיבה פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט עס דאָך פאַרקלענערט איגנאַשן אין אירע אויגן, גיט צו קודם-כל ליגנעטאָס אינסטינקטן, גיט צו קאַפּאָװוסקין, און איר װעט אויף אַלעם באַקומען אַ תשובה. עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע פרויען, װי אײַערע, אָדער װי מײַן אַנעטקאַ, און עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע, װי זײ!...

דאָ איז אָסנאַװסקי װידער אַנטשװיגן געװאָרן אויף אַ װײַלע, און נאָכדעם אַ זאָג געטון:

— איך זע שוין, אי דאָס עגמת-נפש, אי דעם פאַרדרוס פון אײַער פרוי און איך באַדויער, װאָס איר האָט נישט געזען, װי מײַנע האָט דאָס אויפגענומען... אָדער אפילו אַזאַ פרוי מאַשקאַ. יאָ! עס זענען פאַרהאַן פרויען און פרויען... אײ, מײַן הער, מײַן הער! מיר דאַרפן יעדן טאָג דאַנקען אויף די קני דעם אײבערשטן, װאָס ער האָט אונדז געגעבן אַזעלכע, װי מיר האָבן!

און זײַן שטים האָט אַ ציטער געטון פון גערירטקײט.

פּאָלאַניעצקי װידער, הגם עס איז אים דערװײַל געגאַנגען דער עיקר אין זאַװילאָװסקין, האָט ממש זיך געחידושט, װי אַזױ אַזאַ מענטש, װאָס האָט ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק אַזױ געלונגען און טיף דורכגענומען די זאַך, קען גלײַכצײַטיק זײַן אַזױ נאַיװ. ס'האָט אים אויך אָנגעכאַפּט אַ ביטער בעלעבאָטיש

ליב אָסנאָווסקיס וואָרט וועגן פרוי מאַשקאָס פּאַרדרוס. בכלל האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון עפּעס אַ צוזדריקנדיקע איראָניע פון לעבן, וואָס ער האָט זיין גאַנצן אין־סוף קיינמאָל עד־היום אַזוי קלאָר נישט געזען.

— איר וועט זאַווילאָווסקין נישט זען? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום אַ פרעג געטון.

— איך חזר אייך איבער אָפן, אַז איך פיל זיך נישט גע־ניג מוטיק אויף דעם; היינט פאָרן מיר נאָך פון אונדזער סטאַ־ציע אָפּ. איך מוז דאָס ווייב מיינס אַוועקפירן. קודם כל דערפאַר, ווייל זי האָט מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן, שנית, חייל פון ענדערן די איינדרוקן איז אָפּהענגיק איר געזונט. מיר וועלן פאָרן ערגעץ איבערן ים, אַבי נישט קיין שפּוּענינגען, אַהין, וווּ זיי מיט קאָפּאָווסקין זענען געפאָרן. כ׳האָב אָבער צו אייך נאָך אַ בקשה. איר ווייסט, ווי איך האָב ליב און שעץ איגנאַטן. שרייבט מיר, ווי ער וועט עס נעבעך אויפנעמען און וואָס עס וועט מיט אים געשען, איך וואָלט געבעטן שווירסקין, איך וועל אים אָבער שוין אפשר נישט זען.

דאָ האָט ער פאַרדעקט דאָס פּנים און געזאָגט:

— איי, הוי טרויעריק דאָס אַלץ איז! ווי טרויעריק!

— גוט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — שיקט מיר צו אייער אַדרעס, וועל איך אייך שרייבן, וואָס פאַר אַ ווענדונג די ענינים האָבן אָנגענומען. קוים אָבער איז אויף מיר געפאַלן די שווערע מיסיע, צו זאָגן זאַווילאָווסקין, וואָס עס איז געשען, מאַכט זי מיר לייכטער. מען דאַרף, ער זאָל די ידיעה באַקומען נישט פון דער דריטער, אָדער פירטער פּערזאָן, נאָר פון עמעצן, וואָס האָט אַלץ צוגעזען, אויסהערנדיק וועגן דעם געשעעניש פון מיר, וואָלט ער געקענט מיינען, אַז איך שטעל די זאַך פאָר נישט פּינקטלעך. אין אַזעלכע פאַלן כאַפּט דער מענטש זיך אָן אין יעדן שאָטן פון האָפנונג. זעצט אייך אַוועק און שרייבט צו אים אָן. איך וועל אים אייער בריוו איבערגעבן, אַלס אַ באַשטעטיקונג פון דעם, וואָס איך וועל אים זאָגן. צוליב דעם. קען ער אפשר גרייט

זיין צו פליען נאך זיי קיין שעוועניגעגן. איך האלט אזא בריוו פאר א לחלוטין גייסטיקע זאך.

— ער האט דערווייל נישט צוגעקומען אמאל?

— ניין, דער פאטער זיינער איז קראנק און ער איז מיט אים צוזאמען. אויף ביין קומען ריכט ער זיך ערשט נאכמיטאג. שרייבט אומבאדינג אן.

— איר זענט גערעכט, פולקאם גערעכט — האט א זאג געטון אסנאווסקי.

און ער האט זיך געזעצט צום ביורא-טיש.

— די איראניע פון לעבן! די איראניע פון לעבן! — האט דערווייל געטראכט פאלאניעצקי, שפאנענדיק אויפגערעגט ערהייט איבערן שכנותדיקן צימער — וואס-זשע דען איז עס, אויב נישט בלויז טיקע איראניע דאס, וואס עס האט געטראפן מיט זאווילאָווסקין?... וואס איז דען אזא פריילין קאסטעלי מיט איר שוואנען-פיגור און אינסטינקטן פון א הויז-מיידל, אויב נישט גאטס אויסדערוויילטע, ווי ס'האט ערשט נעכטן געזאגט וואסקאווסקי? וואס-זשע דען איז פרוי בראניטש, און אסנאווסקי מיט זיין גלייבן אין דער פרוי, און די נערוועזע אנפאלן פון זיין פרוי, וואס זענען ארויסגערופן פון בלויזן קומען פנים-אל-פנים מיטן ביז מצד אזא ריינער נשמה, און פרוי מאשקאס פארדרוס?... נישט קיין אנדערע זאך, נאר מענטשלעכע קאמעדיע, אין וואס איינס נארט דאס אנדערע, אנדערע ווידער נארן זיך אליין אפ; נישט קיין אנדערע זאך, ווי אפגענארטע און נארנדיקע; נישט קיין אנדערע זאך, ווי טעותים, פארבלענדעניש, פעלערן, לעבנס-שקרים, קרבנות פון טעותים, קרבנות פון שווינדל, קרבנות פון אילוזיע, א פלאנטער אן אן אויסוועג; א פריילעכע און אגב א פארצווייפלטע איראניע, וואס פארדעקט די מענטשלעכע געפילן, די ליידנשאפטן, די האפנונגען, ווי שניי פארדעקט היגטער די פעלדער — און אט איז דאס לעבן!

און די געדאנקען זענען פאר פאלאניעצקין געווען נאך שווערער דערפאר, ווייל צנטשטייענדיק אויף א ריין פערזענלעכן זענען זיי געווארן א מין חשבון-הנפש. ער איז געווען גענוג

עגאָיסט, אַז ער זאָל אַלץ צופּאַסן צו זיך, אָבער נישט גענוג טפּש, ער זאָל נישט וויסן, אַז אין דער אומגעהייערער איראָנישער מענטשלעכער קאָמעדיע האָט ער געשפּילט אַ געוואַלטיק אָרימע ראָל. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז ער וואָלט מיטן גאַנצן כּוח וועלן אַזאַ פֿריילין קאָסטעלי אויספּײַען, אָבער ער האָט גלײַכצײַטיק פֿאַרשטאַנען, אַז ווער־זשער, אָבער ער טאָר זי אַפֿילו נישט משפּטן. מיט וואָס איז ער דען בעסער געווען? מיט וואָס ווייניקער נידערטרעכטיק? זי האָט אַ מענטש פֿאַרראַטן צוליב אַ שוטה — ער האָט דאָס ווײַב פֿאַרראַטן צוליב אַן אומזיניקער ליאַלקע. זי איז געגאַנגען נאָך איר אינסטינקט פֿון אַ מאָדיסטין, ער נאָך זײַנעם — פֿון אַ פּאַוויאַן. זי האָט אָבער בלויז צעטרעטן געקינצלטע פֿראַזן, מיט וואָס זי האָט זיך און יענעם גענאַרט, ער האָט צעטרעטן פּרינציפּן. זי האָט פֿאַרראַטן דעם צוטרוי און געבראָכן דאָס וואָרט — ער האָט אויך פֿאַרראַטן דעם צוטרוי און געבראָכן עפּעס מער, ווי אַ וואָרט, וואָרום אַ שבֿועה. ובכן איז וואָס? האָט ער רעכט זי צו משפּטן? אויב ער איז ווידער נישט בכּוח זי צו פֿאַרענטפֿערן, אויב ער איז גרייט מודה צו זײַן, אַז עס וואָלט געווען נישט יושרדיק און פֿאַרדראָסיק, אַזאַ נפֿש זאָל ווערן זאַווילאָווסקיס ווײַב, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט איז ער עס מאַריניאַס מאַן? אויב ער וועט כאָטש איין וואָרט פֿון פֿאַרמשפּטן געפֿינען פֿאַר פֿריילין קאָסטעלי (און עס איז דאָך אוממעגלעך עס נישט צו געפֿינען), איז וועלנדיק זײַן קאָנסעקווענט, וואָלט ער באַדאַרפֿט זיך גטן מיט מאַריניאַן, וואָס ער וועט אָבער קיינמאָל נישט טון און וואָלט עס נישט בכּוח געווען צו טון, עס איז אַ פֿאַרכּישופֿטער קרייז! פּאָלאַניעצקי האָט שוין נישט איין טײַערע רגע געהאַט צוליב זײַן נצחון, די איצטיקע איז אָבער געווען אַזאַ שווערע. אַז זי האָט אים ממש פֿאַרחידושט. זי איז בהדרגה געוואָרן פּשוט אַ פּײַן. ענדלעך האָט ער צוליבן פּשוטן געפֿיל פֿון זעלבסטשוץ אָנגעהויבן עפּעס זוכן אַזוינס, וואָס זאָל אים ברענגען לכל־הפּחות אַ צײַטווײַליקע דערלײַכטערונג. בתום אָבער האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז, למשל, אַזעלכע מענטשן, ווי קאָפּאָווסקי, וואָלטן אין זײַן לאַגע, נישט געפֿונען זיך אַזוי די

זאַך צום האַרץ. ער וואָלט דיזעלבע נחמה געהאַט, ווען ער וואָלט געווען אַ טראַכט געטון, אַז עס וואָלטן עס אויך נישט גענומען צום האַרץ קיין קאַץ און קיין פערד. בחנם האָט ער זיך דערמאָנט אין באַלזאַקס ווערטער: בגידה, ווען זי גיט זיך נישט אויס, איז גאָרנישט, ווען זי גיט זיך אויס, אַ קלייניקייט. „עס איז ליגן! — האָט ער געחזרט, פאַרקריצנדיק די ציין — אַ שיין גאָרנישט, וואָס בראַט אַזוי"! ער האָט אייגנטלעך פאַרשטאַנען, אַז אויסער דעם פאַקט קען זיין עפּעס, וואָס מאַכט דעם פאַקט גופא פאַר מער אָדער ווייניקער פאַרברעכעריש; ער האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז בײַ זיין פאַל זענען די אומשטענדן אַלע אַזעלכע, אַז זיי מאַכן די שולד אומגעהייער גרויס און אומדערלאָזבאַר. „אַט שוין איצט — (האָט ער געטראַכט) — נעמט זי בײַ מיר אָפּ דאָס רעכט צו משפּטן. דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן געוויסן! מען האָט אַ מענטש מקריב געווען פאַר אַ שוטה, מען האָט אים צעטרעטן, אַריינגעשטופּט אין אַן אומגליק, אין אַ טראַגעדיע, וואָס קען אים חרוב מאַכן; מען האָט עס געטון אויף אַ געמיינעם און פּלאַכן אופן — און איך — אַ פייג מעג איך אפילו בײַ זיך אין נשמה שטעמפּלען צו אַ פריילין קאַסטעליו!" און אים איז קיינמאָל עד־היום נישט געווען אַזוי כמעט אַנרירלעך דער אמת, אַז פּונקט, ווי מען קען צוליב געוויסע חטאים ווערן באַרויבט פון אָנטיילנעמען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַזוי איז ער געוואָרן באַרויבט פון אָנטיילנעמען אין מאָראַלישן לעבן. וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זאַווילאָווסקיס טראַגעדיע, און וואָס מער ער האָט אַרומגענומען איר גאַנצן פאַרנעם, האָט אים אָנגעהויבן באַהערשן אַ טויבער אומרו, וואָס איז ענלעך צום געפיל, אַז אויפן סמך פון עפּעס אַ העכערער געהיימער לאָגיק, מיז אויך אין זיין גורל געשען עפּעס שרעקלעכס. ווער עס טראָגט אין זיך דעם זוימען פון אַ שטערבלעכער קראַנקייט, פאַר דעם איז דער טויט בלויז אַ פראַגע פון צייט.

ענדלעך האָט ער אָבער געפונען די דערלייכטערונג, וואָס זיינע געדאַנקען האָבן זיך ביז דער איצטיקער מינוט געווענדט

אויסשליסלעך אויף זאַווילאָווסקין. ווי וועט ער עס אויפנעמען? ווי וועט ער עס איבערטראָגן? צוליב זאַווילאָווסקיס עקזאַלטירטקייט, צוליב דער טיפער פאַרבלענדטער אמונה אין דער כּלה און אין דער ליבע זיינער צו איר, זענען דאָס געווען ממש כּנבֿותדיקע פראַגן. „אַלץ וועט זיך בײַ אים איינרייסן און אַלץ וועט זיך אים צעפֿגררוקן מיטאַמאָל פון אונטער די פֿיס" — האָט געטראַכט פּאָלאַניעצקי. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס עקלהאַפֿטס און משונהדיקס אין דעם, אַז אַפֿילו אַזעלכע לעבנס־באַציִונגען, וואָס האָבן אין זיך נישט קיין זוימען פֿון טראַגעדיע און וואָלטן זיך באַדאַרפֿט ענדיקן גוט, האָבן אָן שום רעכטער סיבה אַ שלעכטן סוף, און אַז דאָס לעבן איז אַזאַ מין וואַלד, אין וועלכן די אומגליקן יאָגן נאָך דעם מענטש, ערגער ווי הינט אַ חיה, מחמת זיי יאָגן נאָך שטילערהייט. פּאָלאַניעצקי האָט פּלוצלינג דערפֿילט, אַז אַ חוץ דעם גלויבן אין זיך אַליין, וואָס ער האָט פֿון לאַנג אָן שוין פֿאַרלוירן, קען אין אים זיך אַ וואַקל טאָן נאָך פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן, נאָך וויכטיקערע, מחמת מער גרונטלעכע. אין דער מינוט אָבער האָט ער מער געטראַכט פֿון זאַווילאָווסקין, ווי וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, און זאַווילאָווסקי איז אים געווען נאָענט, דעריבער איז ער אמתדיק געריִרט געוואָרן פֿון זיין אומגליק. „און יענער שרייבט אים פּשוט עפּעס אַ מין פּסק־דין — האָט ער אַ טראַכט געטון, הערנדיק פֿון דער צווייטער שטוב דאָס סקריפּען פֿון אָסנאָווסקיס פּעדער — אַ ריין יינגל, נעבעך! אין אַזוי אומפֿאַרדינט!"

אָסנאָווסקי האָט ענדלעך אָפּגעשריבן דעם בריוו — און, עפֿענענדיק די טיר, אַ זאָג געטון:

— כ'האָב געשריבן פֿאַרזיכטיק, אָבער דעם גאַנצן אמת. זאָל אים דער אייבערשטער געבן כּוחות! האָב איך זיך דען געריכט, אַז איך וועל אים מוזן אָנזאָגן אַזאַ בשׂורה!

אָבער אונטער זיין אויפֿריכטיקן צער, האָט מען אָנגעזען אַ געוויסע הנאה פֿון זיין אייגענער אַרבעט, ער האָט משמעות

געמיינט, אַז ער האָט עס בעסער געמאַכט, ווי ער האָט זיך אַליין געריכט.

— און איצט חזור איך איבער נאָכאַמאָל מיין הייסע בקשה — האָט ער אַ זאָג געטון — איר זאָלט מיר שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן איגנאַשן — אָך, ווען דאָס זאָל נישט זיין אַזוי שרעקלעך! — האָט ער צוגעגעבן, אַרויסציִענדיק די האַנט צו פּאָלאַביעצקין — צום ווידערזען! צום ווידערזען!... איך וועל אויך שרייבן צו איגנאַשן, אָבער איצט מוז איך פאָרן, ווייל דאָס ווייב וואַרט... זאָל גאָט געבן זיך צו זען בײַ גליקלעכערע אומשטענדן. צום ווידערזען! אַ האַרציקן גרוס פאַר דער פרוי.

און ער איז אַוועק.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי — זיך באַגנוגענען מיטן איבערשיקן דעם בריוו צו זאַווילאָווסקין אַהיים, אָדער זוכן אים, ציִ וואַרטן דאָ? אין אַזעלכע מינוטן וואָלט כ'ראַי געווען בעסער נישט צולאָזן אים אַליין, איך מוז אָבער אין אָוונט זיך אומקערן צו מאַריניאַ, וועט ער אַזוי אויך בלייבן אַליין. איבעריקנס, ווער וועט אים פאַרווערן זיך אויסצובאַהאַלטן פון מענטשן. איך אויף זיין אָרט וואָלט זיך אויך באַהאַלטן... איך מוז זיין בײַ פרוי עמיליאַ...

ער האָט זיך געפילט אַזוי פאַרמאַטערט הן פון דער אומגעריכטער טראַגעדיע, הן פון די מחשבות וועגן זיך, הן פונעם געדאַנק וועגן דער שווערער ראָל, וואָס אים וועט אויסקומען צו שפּילן פאַר זאַווילאָווסקין, אַז ער האָט מיט אַ געוויסער הנאה זיך דערמאָנט אָן דעם, אַז ער מוז זיין בײַ פרוי עמיליאַ און באַכדעם זי צאָפּפירן קיין ביטשינעק. ער האָט אַ ווײַלע חשק געהאַט אָפּצולייגן דאָס זען זיך מיט זאַווילאָווסקין און דאָס אָפּגעבן אים דעם בריוו ביז אויפצומאָרגנס. ער האָט אָבער זיך איבערגעקלערט, אַז זאַווילאָווסקי וואָלט נישט טרעפנדיק קיינעם אין דער היים, געקענט נאָכקומען קיין בוטשינעק.

— זאָל ער זיך בעסער דאָ דערוויסן וועגן אַלעם — האָט ער צו זיך געזאָגט — צוליב מאַריניאַס צושטאַנד דאַרף מען פאַר איר האַלטן בסוד, וואָס עס איז געשען, און וואָס עס קען גע-

שען. מען דאַרף אויך אַלע זאָגן, זיי זאָלן שווייגן: זאַזילאַווסקי וואָלט צום בעסטן געטון, ווען ער זאָל אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד. מאַריניאַן וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז אין שווענינגען, און נאָכדעם, אַז זיי האָבן זיך דאָרט מיישבֿ געווען און צוגעזאָגן.

דאָ האָט ער ווידער אָנגעהויבן שפּרייזן מיט גרויסע טריט איבערן צימער און חזרן:

— די איראָניע פֿון לעבן! די איראָניע פֿון לעבן!

נאָכדעם זענען דער עגמת-נפֿש און די פֿאַרוואָרפֿן צוגע-פֿלאָסן מיט אַ נייעם שטראָם: צו זיין נשמה אים האָט באַהערשט אַ געפֿיל, אַ מאָדנער, פֿון עפּעס אַ מין אחריות פֿאַר דעם, וואָס עס איז געשען. „וואָס איז דאָס צו אַלדי רוחות — האָט ער גע-חזרט צו זיך — איך האָב דאָך גאָרנישט געזינדיקט!" אין אַ ווײַלע אַרום איז אים אָבער געקומען אין קאָפּ אַרײַן, אַז אויב ער פּערזענלעך האָט נישט געזינדיקט, איז ער אַלנפֿאַלס אַ ביים פֿון זעלבן וואַלד, וואָס פּרייליין קאַסטעלי, און אַז אַזעלכע, ווי ער, האָבן עס געשאַפֿן די געזעלשאַפֿטלעך-מאָראַלישע אַטמאָס-פֿערע, אין וועלכע אַזעלכע מינים ביימלעך קענען אויפֿוואַקסן, זיך אַנטוויקלען און בליִען. בײַ דעם געדאַנק האָט אים אָנגע-כאַפּט אַ ווילדער כּעס.

דערווײַל האָט זיך אין פֿאָדערצימער געלאָזט הערן דאָס גלעקל, פּאָלאַניעצקי איז געווען אַ דרייסטער מענטש, דאָך האָט ער בײַ דעם בלויז געפֿילט, אַז דאָס האַרץ הייבט אים אָן אומ-רויִק קלאַפּן. ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט זיך אָפּגע-שמועסט מיט שווירסקין צו גיין צוזאַמען אויף פֿרישטיק, און ער איז די ערשטע רגע זיכער געווען, אַז דאָס קומט זאַווילאָו-סקי צו. ער האָט זיך ערשט אָפּגעקילט דאַמאָלס, ווען ער האָט אין פֿאָדערצימער דערהערט דעם ביגלעס שטים, ער איז אָבער געווען אַזוי פֿאַרמאַטערט, אַז זיין אָנקומען איז אים געווען אַ מאַנגענעם.

— ער וועט ערשט אָנהייבן דערלאַנגען לשון! — האָט

ער מיט אויסחילן אַ טראַכט געטון — ער וועט עס ערשט אַ ביסל רעדן!

ער האָט אָבער באַשלאָסן אים אַלץ צו דערציילן, כאָטש די זאַך האָט אַזוי אויך קיין סוד נישט געקענט בלייבן. אים איז אָבער געגאַנגען אין דעם, אַז שווירסקי, אין פאַל, ווען ער וועט קומען קיין בוטשינעק, זאָל וויסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט מאַריניאַן. ער האָט אגב זיך טועה געווען, מיינענדיק, אַז שווירסקי וועט אים פאַרפייניקן צום רעשט מיט זיינע טעאָריעס וועגן אומדאַנקבאַרע הערצער. דער מאָלער האָט גענומען די זאַך נישט מצד דעם אַלגעמיינעם אויספיר, נאָר מצד זאַווילאָווסקין, אויף צו מאַכן אויספירן האָט ער צייט געהאַט שפּעטער, איצט, הערנדיק פּאָלאַניעצקין, האָט ער בלויז געחזרט: „אַט אַן אומגליק! זאָל גאָט אויסהיטן!“ — מינוטנווייז ווידער: „זאָל עס אַנדערש טרעפן!...“ — בײַ דעם האָבן זיינע הערקולעס-פויסטן זיך צונויפגעדריקט פון כעס.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט זיך אַ ביסל אויפגערעגט און אָנגעפאַלן אויף פריילין קאַסטעלי אָן רחמנות, פאַרגעסנדיק, אַז מיט דעם גופא גיט ער אַרויס אַ פּסק-דין אויף זיך אַליין. בכלל אָבער האָט דער שמועס אים געבראַכט אַ דערלייכטערונג, ער האָט ענדלעך צוריק באַקומען זיין געוויינטלעכן שכל-ישר. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז זאַווילאָווסקין טאָר מען אין אַזאַ מינוט נישט אָפּלאָזן, און דעריבער אָנגעהויבן בעטן שווירסקין, ער זאָל אָנשטאָט אים, אָפּפירן פרוי עמיליאַן קיין בוטשינעק און מאַריניאַן פאַרענטפערן זיין אָפּוועזנהייט מיט ביוראָ-טעמים. שווירסקי, וועלכער האָט שוין נישט געהאַט צוליב וואָס צופאָרן קיין פּושיטולאָוו האָט זייער גערן מסכים געווען, און ווען פּאָלאַניעצקיס באַשטעלטע קאַטש איז אָנגעפאָרן, האָבן זיך ביידע געלאָזט פאָרן צו פרוי עמיליאַ.

די אַרבעט, אַלס באַרעמהערציקע שוועסטער, וואָס איז פאַר איר געווען איבער אירע כוחות, האָט איר צוגעבראַכט אַ קרייצקראַנקהייט. זיי האָבן זי געפונען אַן אויסגעדאַרטע און אַ פאַרענדערטע מיט אַ דורכזיכטיק געזיכט און מיט האַלב צוגע-

פאַלענע וויעס. זי איז גיך געגאַנגען, אָבער אָנגעשפּאַרט אויף צוויי שטעקנס און נישט נאָרמאַל זיך באַוועגן אויף די פיס. פונקט ווי פריער האָט די אַרבעט זי דערנענטערט צום לעבן, האָט איצט די קראַנקהייט זי אָנגעהויבן דערווייטערן פון דעם. זי האָט געלעבט בלויז אינם קרייז פון אירע רעיונות און זכרונות, קוקנדיק אויף די מענטשלעכע ענינים ווי אויסן חלום, עפּעס אַ ביסל ווי פון צווייטן ברעג. זי האָט זייער ווייניק געהאַט יסורים, וואָס די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן; זי אָבער, באַקענענדיק זיך אַלס באַרעמהאַרציקע שוועסטער, האָט געוווּסט, אַז פאַר איר איז שוין קיין רעטונג נישטאָ, אָדער לכל-הפּחות, אַז די רעטונג אירע געפינט זיך נישט אין דער מענטש-לעכער מאַכט, און איז געבליבן רויק. בשעת פּאָלאַניעצקי האָט זי געפרעגט, וואָס זי מאַכט, האָט זי, אויפהייבנדיק מיט אָנ-שטרענגונג די וויעס, געענטפערט:

— איך גיי שלעכט, אָבער ווייטער איז מיר גוט!

און איר איז טאַקע גוט געווען. איר האָט בלויז געפייניקט זיין עגמת-נפש. זי האָט אין האַרצן טיף געגלייבט, אַז ווען זי זאָל פאַרן קיין לורד, וואָלט זי זיכער געזונט געוואָרן, זי האָט עס אָבער נישט געוואָלט טון אי צוליב דעם מרחק פון ליטקאָס קבר ביז לורד, אי צוליב איר בענקשאַפט נאָכן טויט. זי האָט אָבער נישט געוווּסט, צי זי האָט רעכט אויף עפּעס מותר צו זיין לעם אונטערצוהאַלטן איר לעבן, בפרט נאָך, צו זי האָט רעכט צו שטערן דעם חסד און די נסים, — און זיך מיט דעם באַ-אומרויקט.

איצט האָט איר אָבער געשמייכלט דער געדאַנק צו זען זיך מיט מאַריניאַן, און זי איז שוין גרייט געווען אין וועג אַריין; שווירסקי האָט געזאָלט נאָך איר צופאָרן אַ זייגער פינף, דערווייל איז ער אָבער אַוועק מיט פּאָלאַניעצקין צום באַשטעלן מיטאָג, מחמת שווירסקי איז בײַ זיין גאַנצן דורכנעמען זיך מיטן ענין זאַווילאָווסקי געווען הונגעריק, ווי אַ וואָלף. צוהינקומענדיק, זענען זיי אַ צייט געזעסן און געשוויגן. ענדלעך האָט פּאָלאַניעצ-קי אַ זאָג געטון:

— איך האָב אײַך געוואָלט בעטן וועגן נאָך איין זאַך, דהײַנו: איר זאָלט מודיע זײַן פֿרײַלין העלענאַ וועגן אַלץ, וואָס עס איז געשען, און אגב זאָגן איר, אַז זי זאָל פֿאַר מײַן ווײַב קיין זאַך נישט דערצײלן.

— גוט — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — איך וועל נאָך הײַנט גיין קאָנסטאַנטינען, כּלומרשט שפּאַצירן, און זיך באַמיִען זי צו זען. אויב זי וועט מיך נישט אויפֿנעמען, וועל איך אָנשרײַבן אויף דער וויזיט-קאַרט, אַז עס גייט וועגן זאַווילאָווסקין. אויב זי וועט וועלן צוהערקומען, וועל איך זי צופֿירן, מחמת איך וועל זיך נאָך הײַנט אומקערן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— אָסנאָווסקי האָט אײַך נישט געזאָגט, צי פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ פֿאָרט מיט זיי, אָדער זי בלײַבט אין פּאָטיטולאָוו?

— ער האָט קיין זאַך נישט געזאָגט — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ וועט געוויינטלעך בײַ אירס אַן אַלטער קרובה, פֿרוי מיעלניצקאַ. אויב זי וועט פֿאָרן, איז סײַדן, כּדי צו באַגלײטן פֿרוי אָסנאָווסקאַ. וואָס איר מאַלערישע נאַטור האָט באַקומען האַרץ-קלאַפּעניש, דערזעענדיק, וואָס עס איז געשען.

— אַ! — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי.

— יאָ. אַנדערש קען עס נישט זײַן. ראַטקאָווסקאַ האָט געוואָלט בײַ די אָסנאָווסקאַס דערפֿאַר, ווײַל קאָפּאָווסקי האָט כּלומרשט געזאָלט זיך שדכנען צו איר, קוים האָט אָבער קאָפּאָווסקי געקריגן אַן אַנדערע, האָט דאָך איר ווײַטערדיק זײַן דאָרט קיין זכות-הקיום נישט.

— בנאמנות, ס'איז מעשי-פּלאים! — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — אַלע האָבן זיי אַ חוץ איין אָסנאָווסקאַ זיך געליבט דאָרט אין דעם שנעע.

פּאָלאַניעצקי האָט איראָניש אַ שמייכל געטון און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— „אַן אויסנאַם! אַן אויסנאַם!...

שווירסקי האָט אָבער אָנגעהויבן איצט מאַכן זײַנע אויס-

פירונגען ווען פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך ביז איצט צו־ריקגעהאַלטן.

— צַט, זעט איר! אַט, זעט איר! — האָט ער געזאָגט — איך קען דייטשקעס, פראַנצויזינס, און דער עיקר איטאַליענערינס; די איטאַליענערינס האָבן בכלל ווייניקער שוונג, ווייניקער בילדונג, מער טעמפּעראַמענט, זיי זענען אָבער פּשוטער און אויפריכטיקער. זאָל איך די לאָקשן נישט אויפעסן, צי איך האָב ערגעץ־ווו געזען אַזוי פיל פאַלשע אַספּיראַציעס און אַזאַ פרעמד־קייט צווישן דער נאַטור, וואָס איז פלאַך, און דער פראַזע, וואָס איז הויך. איר זאָלט וויסן, וואָס אַזאַ פריילין ראַטקאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט וועגן קאָפּאָווסקין! אָדער, למשל, דאָס „טאָפּאָלעכל" דאָס „ווייַלעכל", דאָס „פעדימל," די פריילין קאַסטעלי. אַ ליליע — וואָס? איר וואָלט געשווירן? אַ מימאָזע — האַ? אַ קינסטלערין? אַ סיבילע? אַ גאָלד־האָריקער און שוואַרצאויגיקער אידעאַל אויף לאַנגע פיס? — וואָס? און אָט האָסטו געהאַט! ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן! זי האָט אויסגעקליבן נישט אַ מענטש, נאָר אַ שווייצער, נישט קיין מאַנספּיל, נאָר אַ ליאַלע. אַז עס איז געקומען צו עפּעס איז פון דער סיבילע געוואָרן אַ גאַרדעראָב־מיידל: און איך זאָג איך, אַז באַ זיי קלאַפּט אַלע דאָס האַרץ צו מאָדנע שווייצערס — און זאָל זיי אַלע טרעפן אַ דונער!

דאַ האָט שווירסקי צונויפגעלייגט זיין ריזיקע פויסט און געוואָלט מיט איר אַ זעץ טון אינם טיש, פּאַלאַניעצקי אָבער האָט זי באַצייטנס אָפּגעהאַלטן און געזאָגט:

— איר וועט דערלויבן, אַז ס'איז דאָך געשען עפּעס אויס־געטיינטלעכס!

שווירסקי האָט אָנגעהויבן זיך שפּאַרן און האַלטן, אַז „זיי זענען אַלע אַזעלכע" — און אַז אַלע איז זיי ליבער אַ שניידע־רישע מאָס, ווי פידיאַסעס; בהדרגה אָבער האָט ער באַקומע גלייכגעוויכט און מודה געווען, אַז פריילין קאַסטעלי קען זיין אַן אויסנאַם.

— איר געדענקט, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט, ווען איר האָט אייך געפרעגט אויף די בראָניטשעס? — האָט ער אַ זאָג געטון —

ניסט קיין פרינציפן, ניסט קיין כאראקטער, גייסטיקער פאַרוועניזם — ניסט מער! ער איז געווען אַ שוטה, און זי קענט איר דאָך... דער אייבערשטער האָט מיך אָפּגעהיטן, וואָרים, ווען זיי זאָלן דאַמאָלס געווען וויסן, אַז איך האָב עפּעס פון די באַרישע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס זיי האָבן ניסט, וואָלטן זיי ניסט געווען געמאַכט קיין מינעס, און כ׳וואָלט זיך שוין געווען באַקליידט! זאָל מיך פרײַער געווען אַ פייער אַרומנעמען!... ווי איר זעט מיך לעבן, איך פאָר מיט זאַווילאָווסקין קיין אויסלאַנד, ווײַל מיר איז עס שוין איבערדריסיק.

זיי האָבן באַצאָלט און זענען אַרויס. אויף דער גאַס האָט שווירסקי אַ פרעג געטון:

— וואָס טוט איר איצט?

— איך גיי זוכן זאַווילאָווסקין.

— וווּ וועט איר אים געפינען?

— איך מיין, אַז בײַ די משוגעים, בײַם פּאַטער, און אויב ניסט, וועל איך וואַרטן אויף אים בײַ זיך אינדערהיים.

גראָד אָבער האָט זאַווילאָווסקי באַוויזן זיך דערנענטערט צום רעסטאָראַן. שווירסקי האָט אים דער ערשטער באַמערקט פֿינדערווײַטנס.

— אָט, גייט ער! — האָט ער אַ זאָג געטון.

— וווּ?

— אויף דער צווייטער זײַט גאַס. איך וואָלט אויף אַ וויאָרסט ווײַט דערקענט אים לויט זײַן גאַמבע. איר וועט אים תיכף אַלץ זאָגן? אויב אַזוי, גיי איך אַוועק. איר דאַרפט ניסט קיין עדות.

— גוט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

זאַווילאָווסקי האָט זיי אויך באַמערקט, און אָנגעהויבן שנעלער גיין, צוקומענדיק עלעגאַנט אָנגעטון, כמעט אַ שטאָלצנער מיט אַ פרײַלעך געזיכט.

— מײַן טאַטן איז בעסער! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ביסל אַ פּאַרסאַפּעטער שטים. דערלאַנגענדיק זיי די האַנט — איך האָב צײַט און כאַפּ זיך היינט קיין פּאָטשיטולאָק.

שווירסקי האָט שטאַרק אַ דרוק געטאָן זײַן האַנט און איז שווײַגנדיק אַוועק. דער ייִנגערמאַן האָט אַ פֿאַרחידושטער אים נאָכגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— שווירסקי האָט זיך עפּעס באַליידיקט?

און טוענדיק אַ קוק אויף פּאָלאַניעצקין, האָט ער ערשט באַמערקט, אַז דער אויסדרוק אויף זײַן געזיכט איז אויך אַן ערנסטער, כמעט אַ שטרענגער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן — וואָס איז געשען?

פּאָלאַניעצקי אָבער, נעמענדיק אים פֿאַר דער האַנט, האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ גערירטער און האַרציקער שטים:

— מײַן הער איגנאַש, איך האָב אײַך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַן אומגעוויינטלעכן טאַלענט, אָבער אויך פֿאַר אַן אומגעוויינטלעכן כאַראַקטער. איך האָב אײַך צו זאָגן זייער שלעכטע בשׂורות, כ׳בין אָבער זיכער, אַז איר וועט געפֿינען אין זיך גענוג כּוח און זיך נישט אונטערגעבן דעם אומגליק.

— וואָס איז דען געשען? — האָט אַ פֿרעג געטאָן זאַווילאָווסקי, באַקומענדיק אין איין רגע גאָר אַן אַנדער פּנים.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ רוף געטאָן אַ דראָזשקע און אַ זאָג געטאָן:

— זעצט אײַך!... אויף דער בריק! — האָט ער אויסגעשריגן ווענדנדיק זיך צום דראָזשקאַזש.

נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אָסנאָווסקיס בריוו און דערלאַנגט אים זאַווילאָווסקין.

דער ייִנגערמאַן האָט שנעל אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לייענען. פּאָלאַניעצקי האָט זייער האַרציק אים אַרומגענומען ביז אין דער העלפֿט, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פֿון זײַן געזיכט, אויף וועלכן, וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער האָט זיך אָפּגעשלאָגן חידוש, אומגלויבן אין דעם, וואָס ער האָט געלייענט, פֿאַרטרײַבטקייט, און קודם־כּל פּחד, אָן אַ גבול. זײַנע באַקן זענען אים געוואָרן ווײַס, ווי לײַוונט, מען האָט אָבער אָנגעזען, אַז פֿילנדיק דאָס אומגליק, באַנעמט ער עס נאָך

שט און איז עס אינגאנצן נישט משיג, כחבת ער האָט א קוק געטון אויף פּאָלאַניעצקין עפּעס אָן א זין און א פרעג געטון מיט א שטאַמלדיקער שטילער שטים:

— ווי הייסט?.. ווי האָט זי עס געקענט?...

נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען דעם הוט און אָנגעהויבן זיך גלעטן די האָר.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט א זאָג געטון:

— איך ווייס נישט, וואָס אָסנאָווסקי האָט אייך געשריבן, אָבער אַזוי איז עס!... ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרקלענערן דעם ענין, האָט אין זיך דרייסטקייט צו זאָגן, אַז עס איז געשען און וועט זיך שוין נישט אומקערן. איר זענט פאַר איר געווען א שאַד, — ווייל איר זענט מער ווערט, ווי דאָס אַלץ. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס שעצן אייך באמת און האָבן ליב. איך ווייס, אַז דאָס איז א געוואַלטיק אומגליק, — און א לייבלעכער ברודער וואָלט קיין גרעסערע יסורים פאַר מיר נישט געהאַט פון דעם. ס'איז אָבער געשען!... מיין טייערער הער איגנאַש, זייט זשע אַזוי גוט, זייט א מענטש! דאָס וואָס איז שוין געשען איז א פאַקט, וואָס דאַרף אויסגעטראָגן ווערן... זענען אָפּגעפאָרן, גאָט ווייסט וווּהין. אָסנאָווסקאַ אויך. אין פּושיטשולאָוו איז קיינער נישטאָ, אין פאַרשטייט, וואָס איך מוז זיך טון, איר האָט אָבער פאַר אייך א בעסערע צוקונפט, ווי מיט פריילין קאַסטעלי. דער אייבערשטער האָט אייך באַשטימט פאַר גרעסערע זאַכן — און האָט אייך מסתמא געגעבן אויך מער כוחות, ווי אַנדערע. איר זענט דאָס זאַלץ פון דער ערד, איר האָט אומגעווייטלעכע פליכטן אי לגבי זיך, אי לגבי מענטשן... איך ווייס, אַז עס איז שווער א מאַך צו טון מיט דער האַנט אויף דעם, וואָס מען האָט ליב געהאַט — און דאָס פאַרלאַנג איך נישט פון אייך, איר טאָרט זיך אָבער נישט אונטערגעבן, ווי א לייַדע ווער, דעם יאוש. מיין טייערער אָרימער הער געגעך!

פּאָלאַניעצקי האָט נאָך לאַנג גערעדט און גערעדט מיט קראַפט, ווייל ער איז אַליין אויך געווען גערירט. ער האָט אפילו בסדר נאָך אַרויסגעזאָגט נישט בלויז האַרציקע, נאָר אויך קלוגע זאַכן! אַז אומגליק האָט א טבע צו שטיין, און א מענטש,

צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט מוז גיין אין דער צוקונפט, און גייט דעריבער וואָס אַמאָל ווייטער פון דעם אַוועק. עס שלעפט זיך אפילו נאָכן מענטש נאָך דער פאָדעם פון יסורים און זכרונות, אָבער וואָס אַמאָל אַ דינערער, מחמת די טבע איז, אַז ער לעבט מיטן מאָרגן. דאָס אַלץ איז געווען אַן אמת, אָבער אַ צווייטער, אַ סך נעבנטערער, אַ סך רעאַלערער און אָנרירלעכער — אמת, איז געווען דאָס, וועגן וואָס עס האָט דערציילט אָסנאָווסקיס בריוו. אויסער דעם פאַקט האָבן עקזיסטירט פעסטע קלאַנגען, וואָס שלאָגן זיך אָפּ בלויז אויסערלעך אָן די אויערן, זענען אַזוי אומפאַרשטענדלעך און — האָבן פאַר זאַווילאָווסקין אַזוי קיין זין נישט, פונקט, ווי דער קלאַנג פון די אייזערנע קראַטן פון דער בריק, דורך וועלכער ער מיט פּאָלאַניעצקין זענען איצט דורכגעפאָרן. זאַווילאָווסקי איז מסוגל געווען צו פילן און טראַכטן בלויז אויף אַ געוואַלטיק מוטנעם אופן, ער האָט אָבער געפילט קודם-כל, אַז דאָס, וואָס עס איז געשען, איז ממש אוממעגלעך, און דאָך איז עס פאַרהאַן, שנית, אַז ער וועט בשום-אופן נישט מסכים זיין נאָכדעם — וואָס עס האָט אָבער נישט די קלענסטע באַדייטונג. אויף קיין שום אַנדערע זאַך איז אין זיין מוח קיין אָרט נישט געווען. ער האָט זיך אפילו נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן, אַ חוץ פריילין ליגעטאַ, נישט פון זיין צער, נישט פון די יסורים, נישט פון דער חורבה, נישט פון דער פוסטקייט, נישט פון דעם פאַרלירן אַלע יסודות פון לעבן; ער האָט בלויז געוווסט, אַז פריילין ליגעטאַ איז שוין מער נישטאָ, אַז זי האָט אים נישט ליב געהאַט, אַז זי האָט אים פאַרלאָזט, אַז זי איז אַוועק מיט קאָפּאָווסקין, אַז דער שידוך איז אָפּגעלאָזט, אַז ער איז געבליבן איינזאַם, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַ פאַקט, און אַז ער וויל עס נישט, ווי אַן אוממעגלעכע, אומוואַרשיינלעכע און שרעקלעכע זאַך.

און דאָך איז דאָס געשען.

די דראָזשקע האָט נאָך דער בריק אָנגעהויבן פאָרן פּאַמעלעך, מחמת זיי האָבן אויסגעמיטן די סטאַרע אָקסן, וואָס מען

האָט געטריבן אין שטאָט אַריין און צווישן דעם שווערן טופּן זייערן האָט פּאָלאַניעצקי הייסער גערעדט. אָן זאַווילאָווסקיס אוי-ער, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די ווערטער: „שווירסקי, אויסלאַנד, איטאַליע, קונסט״; ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז שוויר-סקי, דאָס הייסט אַ באַקאַנטער מענטש, אויסלאַנד — אַוועקפאָרן, און איטאַליע — אַ לאַנד... ער האָט אים געזאָגט צו פרייליין ליניעטאַן: „דאָס איז אַלץ גוט, אָבער וואָס וועט זיין מיט מיר; ווי האָסטו געקענט טראַכטן נישט פון דעם, אַז איך האָב דיך אַזוי געוואַלטיק ליב?„ און אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ווען ער זאָל זי זען, ווען ער זאָל איר קענען זאָגן, אַז מיט מענטשלעכע יסורים דאַרף מען זיך רעכענען, וואָלט זי זיך צע-וויינט און זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז. „אונדז בינדן דאָך אַזוי פיל זאַכן — האָט ער צו איר געזאָגט — איך בין דאָך דערזעלבער, דיין...״ און פּלוצלינג האָט אים זיין אַרויסשטאַרב-דיקע גאָמבע אָנגעהויבן ציטערן. די אָדערן האָבן זיך אים באַ-וויזן אויפן שטערן, און די אויגן זענען אים פאַרגאַנגען מיט אַ נעפּל טרערן. פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעוויינטלעך גוט האַרץ, און וואָס האָט אַ חוץ דעם געמיינט, אַז ער האָט אים דאָס געריירט, האָט אים פּלוצלינג אַרומגענומען באַם האַלדז און אַליין אַ גערירטער, אָנגעהויבן אים קושן אין דער באַק. זאַווי-לאָווסקיס גערירטקייט האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, מחמת ער האָט זיך אומגעקערט צום באַוווסטזיין אין דער ווירקלעכקייט.

„איך וועל עס איר נישט זאָגן — האָט ער אַ טראַכט געטון — ווייל כ׳וועל זי נישט זען, מחמת זי איז אַוועקגעפאָרן מיט איר חתן — קאָפּאָווסקי״ בײַ דעם געדאַנק איז אים דאָס פּנים ווידער פאַרשטיינערט געוואָרן. ער האָט איצט זיך בעסער אָנגעהויבן אַ חשבון צו געבן וועגן זיין אומגליק. דאָס ערשטע מאָל איז אים דורכגע-פלויגן דער געדאַנק, אַז ווען ליניעטאַ זאָל געווען שטאַרבן, וואָלט די אבודה געווען אַ קלענערע. ער תהום פון טויט לאָזט איבער פאַר דער גלייכקייט די האָפנונגען פון געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן אויף יענעם ברעג, נישט גלייכע — געמיינזאַמע נישטיקייט, און אַזוי אַרום די האָפנונג פון עפּעס אַ געמיינזאַם גורל און פאַר-

אייניקן זיך. אַ חוץ דעם איז דער טויט אָנמעכטיק לגבי דער ליבע, וואָס גייט אין קבר אַריין; זי קען די צווייטע נשמה צונעמען, זי קען אונדז אָבער נישט פאַרווערן זי ליב צו האָבן און קען אין איר נישט נוגע בכבוד זיין — אַדרבה, זי איז מגלגל זי אין פאַרגעטערונג און מאַכט זי נישט בלויז געליבט, נאָר אויך הייליק. ליוּבאַ ווידער האָט, אַוועקנעמענדיק זיך פון זאַווילאָווסקין, דאָס הייסט די טייערסטע נשמה, גלייכצייטיק אויך צוגענומען די האָפענונג און דאָס רעכט ליב צו האָבן, דאָס רעכט אויף צער, דאָס רעכט אויף בענקשאַפט, און דאָס רעכט אויף צכמן; אַוועקגייענדיק אַליין האָט זי צו דעם אַלעם איבערגעלאָזט אַ באַפלעקטן זכר. זאַווילאָווסקי האָט איצט קלאָר געפילט, אַז אויב ער וועט זי נישט אויפהערן ליב צו האָבן, וועט ער אַליין אויך זיין אַ געמיינער מענטש, און ער האָט געפילט, אַז ער וועט פון דעם נישט בכוח זיין! און ערשט פון דער מינוט אָן האָט אים באַהערשט דער גאַנצער פאַרנעם פונם חלל, חורבה און יסורים. פון איצט אָן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס מער, ווי מען קען פאַרטראָגן.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט געזאָגט:

— פאָר מיט שווירסקין קיין איטאַליען, חייטק עס אָבער, מיין טייערער, לייד דורך!... אַנדערש קען נישט זיין. די וועלט איז אָבער אַ ברייטע! ס'איז פאַראַן אַזוי פיל זאַכן צו זען, ליב צו האָבן! פאַר דיר שטייט אַלץ אָפן. און פאַר קיינעם נישט אַזוי, ווי פאַר דיר. דיר קומט אַ סך פון דער וועלט, דער וועלט קומט אָבער אויך אַ סך פון דיר, מיין טייערער! פאָר! — דאָס לעבן איז אַרום, דאָס לעבן איז אומעטום. עס וועלן קומען נייע איינדרוקן, וועלכע דו וועסט נישט קענען בייַשטיין, און זיי וועלן פאַרנעמען דיין געדאַנק, לינדערן דיין צער. דו וועסט זיך נישט דרייען אַרום איין דערמאַנונג. שווירסקי וועט דיר ווייזן איטאַליען. דו וועסט זען, וואָס פאַר אַ באַגלייטער דאָס איז, און וואָס פאַר אַ האָריזאָנטן ער וועט פאַר דיר עפענען, אַ חוץ דעם, וועל איך דיר זאָגן, אַז אַזאַ מענטש, ווי דו, איז מחויב צו האָבן דעם כוח, וואָס עס פאַרמאָגט אַ פערל־מאָשל, און אַלץ

נאַ־וואַנדלען פּשוט אין פּערל. און איצט הער, וואָס עס זאָגט דיר אַן אמתער ידיד פאַר, און צו דעם תּיכּף. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט פאָרן, דער אייבערשטער וועט געבן, אַז מיין פּדיון וועט מיט מזל איבערקומען, וועלן מיר צום פרילינג זיך אויך אַהינקלויבן. וועסט זען, ווי גוט עס וועט אונדז זיין. נו, איגנאַש, וועסט מיר צוזאָגן — גוט?

— גוט — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, דערהערנדיק דאָס לעצטע וואָרט און בכלל נישט געוווּסט, אין וואָס עס גייט.

— נו, געלויבט איז גאָט! — האָט אויסגעשריגן פּאָלאַניעצקי — לאָמיר זיך אומקערן אין שטאָט אַריין און מיר וועלן דעם אָוונט פאַרברענגען צוזאַמען. איך האָב אַ ביסל אַרבעט אין בוראַ, בין איך אַהערגעקומען אויף צוויי טעג.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער געהייסן אויסדרייען, מחמת די זון האָט אַגב געהאַלט באַם אונטערגיין. ס'איז געווען אַ שיינער טאָג, אַזאַ, וואָס טרעפט זיך סוף זומער. איבער דער שטאָט האָט זיך געטראָגן אַ גאָלדיקער איידעלער שטויב; די דעכער, דער עיקר פון די קאַשטשאָלן, האָבן געגלאַנצט בײַ די ראַנדן, ווי מיט אַ בורשטינענעם שימער, און מאָלנדיק זיך ריין אין דער דורכזיכטיקער לופט, האָבן זיי געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך אין איר צערטלען. זיי זענען אַ צייט געפאָרן און געשוויגן.

— וווּהין ווילסטו בעסער פאָרן, צו מיר, אָדער צו זיך? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי, בשעת זיי זענען אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן

די שטאָט־באַוועגונג האָט, ווייזט אויס, זאַווילאָווסקין אַ ביסל אויסגעניכטערט, מחמת ער האָט איינגאַנצן באַוווּסטזיניק אַ קוק געטון אויף פּאָלאַניעצקין און געזאָגט:

— פון נעכטן אָן בין איך נישט געווען אינדערהיים ווייל כ'האָב גענעכטיקט באַם פאָטער. אפשר זענען דאָרט פאַרהאַן עפּעס בריוו, לאָמיר פאָרן צו מיר.

און זאַווילאָווסקי האָט ריכטיק פאַרגעזען, מחמת אין שטוב האָט אויף אים געוואַרט אַ בריוו פון פרוי בראַניטש פון בערלין זאַווילאָווסקי האָט פיבעריק אויפגעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לייענען. פאַלאַניעצקי ווידער, קוקנדיק אויף זיין פּנים וואָס בייט זיך, האָט אַ טראַכט געטון:

— זאָל איך זאָגן, אַז אין אים איז נאָך פאַרבאָרגן אַ האָפנונג.

דאָ איז אים געקומען פלוצלינג אויפן רעיון דער יונגער דאָקטאָר, וואָס האָט בשעתו אים געזאָגט וועגן פריילין קראַסלאָווסקאַ:

— איך ווייס, וואָס זי איז, איך קען אָבער פון איר די נשמה נישט אָפּרייסן...

זאַווילאָווסקי האָט געענדיקט לייענען און אָנשפאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט, האָט ער אומזיניק אָנגעהויבן קוקן אויפן טיש און אויף די פאַפירן, וואָס זענען פאַר אים געלעגן. ענדלעך, אויפכאַפנדיק זיך, האָט ער דעם בריוו דערלאַנגט פאַלאַניעצקין.

— לייענט — האָט ער אַ זאָג געטון.

פאַלאַניעצקי האָט דעם בריוו גענומען און איבערגעלייענט אַט-וואָס:

„איך ווייס, אַז איר האָט בזמנו געגלייבט אין אייער געפיל צו פעדימלען, און אַז דאָס, וואָס איז געשען, וועט אייך די ערשטע רגע אויסווייזן פאַר אַן אומגליק; גלייבט מיר אָבער, אַז מיר איז אויך נישט לייכט געווען צו מאַכן אַנטשלאָסן דעם שריט. איר זענט אפשר נישט בכוח גוט אָפּצושאַצן פעדימלען (מאַנסלייט קענען אַזוי פיל זאַכן נישט אָפּשאַצן) איר האָט אָבער באַדאַרפט אויף אַזוי פיל זי דערקענען, אַז איר זאָלט וויסן, וויפיל עס קאָסט זי, בשעת זי מוז טון די קלענסטע עוולה אפילו אַ פרעמדן. פאַרפאַלן אָבער! אַזוי איז גאָטס רצון, וואָס נישט האָרכן אים איז אַן עבירה, מיר טון ביידע דאָס, וואָס דאָס געוויסן הייסט אונדז — און פעדימל איז צו צאַרטלעך, זי זאָל אייך

קען געבן די האנט, און אמתער צוגעבונדנקייט. דאס וואס עס איז געשען, איז געשען נישט בלויז בהסכם מיט גאנצן רצון, נאר בהסכם מיט אייער און איר גוטס; ווארים, ווען זי זאל נישט ליב האבנדיק אייך גענוג, ווער אייער חייב, ווי־אזוי וואלט זי געקענט ביישטיין די נסיונות. לגבי וואס אזא ווען וואלט זיכער, צוליב דער וועלטלעכער פארדארבנקייט, געווארן אויסגעשטעלט? אחוץ דעם, האט איר דאך אייער טאלענט, האט איר לכל־הפחות עפעס פעדימל? אבער האט נאר א הארץ, וואס דער צוואנג וואלט אין איין רגע צעבראכן — און אויב אייך דאכט זיך, אז זי האט אייך פארפירט, גיט ערלעך א טראכט, וועמענס שולד איז גרע- סער? איר האט א סך שלעכטס געטאן פעדים'ען, ווייל איר האט דעם ווילן איר געבונדן און נישט דערלויבט איר צו גיין לויטן נאטירלעכן אינסטינקט פון איר הארץ, און מיט דעם אליין מקריב געווען, אדער גורם געווען, מקריב צו זיין אויס עגאָיזם איר גליק, און אפילו דאס לעבן מחמת איך בין איבערצייגט, אז בא אזעלכע באדינגונגען וואלט זי קיין יאר אפילו נישט אויס- געלעבט, זאל אייך אבער דאס דער אייבערשטער מוחל זיין, פונקט, ווי מיר זענען עס אייך מוחל — און ווייסט, אז היינט ערשט האבן מיר פאר אייך מתפלל געווען אויף דער ספעציעל פאר אייך באשטעלטער תפילה בא דער הייליקער יאָד- וויגא.

דאס פינגערל וועט איר אזוי גוט זיין אפשיקן צו די אָס- באווסקיס אין ווילנע אריין; אייערס היות די אָסבאָווסקיס האבן אייך געוואלט תמיד אפפארן, וועט צו אייך קומען דורך פריילין ראטקאָווסקא. נאכאמאל, זאל אייך דער אייבערשטער אלץ מוחל זיין און נעמען אייך אונטער זיין השגחה".

— דאס איז דאך אומדערהערט! — האט א זאג געטון פא- לאניעצקי.

זאווילאָווסקי האט אבער מיט א הארץ־רייסנדיקן צער גע- ענטפערט:

— מען זעט, אז פון אמת קען מען דאס אייגענע מאכן,

יוי פון ליבע, און איך האָב זיך עס אפילו נישט משער געווען.

— הצר, איגנאַש — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט אונטער דער השפעה פון מיטגעפיל אָנגעהויבן זאַווילאָווסקין זאָגן „דו" — דאָס איז שוין אַ פראַגע נישט בלויז פון דיין אומגליק, נאָר פון דיין כבוד. לייד, וויפיל דו ווילסט, דו דאַרפסט אָבער געפינען כוח אַרויסצוווייזן, אַז דו מאַכסט דיר פון דעם אַלעם גאָרנישט.

אַנטשטאַנען איז אַ לאַנג שווייגן. בלויז פּאָלאַניעצקי, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם בריוו, האָט פון צייט צו צייט געחזרט:

— דאָס גייט שוין איבער יעדער מענטשלעכער השגה!

לסוף האָט ער זיך געווענדט צו זאַווילאָווסקין:

— שווירסקי קומט נאָך היינט צוריק פון בוטשינעק און וועט שפּעט אין אָוונט אַרײַנפאַלן צו מיר, קום דו אויך מיט, מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען דעם אויפדערנאַכט. און איר וועט אַ שמועס טון וועגן דער רייזע.

— ניין — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי — איך האָב נאָך מיין קומען פון פּושיטולאָוו געזאָלט די נאַכט זיין בײַ מיין פאָטער — און איך מוז צו אים אַהינגיין. מאָרגן איינדערפרי וועל איך קומען צו אייך און זיך זען מיט שווירסקין.

ער האָט אָבער געזאָגט עס אַזוי, ווייל ער האָט געוואָלט בלייבן אַליין, פּאָלאַניעצקי האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט זיין ווילן: צו זיין בײַנאַכט אין שפּיטאָל, מחמת ער האָט געמיינט, אַז דאָס פאַרנעמען זיך מיטן חולה און די השגחה איבער אים וועלן פאַרשלינגען זאַווילאָווסקיס געדאַנקען, אַ חוץ דעם וועט קומען די מידעקייט און די באַדערפעניש צו שלאָפן, ער האָט אָבער באַשלאָסן אים צו צופירן ביזן שפּיטאָל.

זיי האָבן זיך געזעגנט ערשט בײַם טויער. זאַווילאָווסקי אָבער, פאַרברענגענדיק עטלעכע מינוט אין אַנשטאַלט און אויס-

פרעגנדיק זיך וועגן פאָטער באַם וועכטער, איז ער בגנבה אוועק אַ היים.

אָנצינדנדיק אַ ליכט, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט פרוי בראָניטשס בריוו און, פאַרדעקנדיק מיט די הענט דאָס פנים, אָנגעהויבן טראַכטן. נישט קוקנדיק אויף אָסנאָווסקיס בריוו און נישט קוקנדיק אויף אַלץ, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט אים געזאָגט, האָבן זיך עפּעס ספקות און עפּעס אַ האָפנונג באמת פאַרבאָרגן אין זיין נשמה. ער האָט געוווסט, אַז עס איז געשען, מ׳נוטנבווייז האָט ער אָבער געהאַט אַזאַ געפיל, ווי דאָס וואָלט נישט זיין קיין ווירקלעכקייט, נאָר עפּעס אַ חלום. ערשט פרוי בראָניטשס בריוו האָט דערגרייכט ביז צום ווינקעלע פון דער נשמה, וואָס האָט נאָך נישט געוואָלט גלייבן — און אויסגעבערנט דאָרט די רעשט אילוזיע. יאָ, ס׳איז שוין נישט געווען קיין ליגנטאַ, ס׳איז שוין נישט געווען קיין צוקונפט, ס׳איז שוין נישט געווען קיין גליק! דאָס אַלץ האָט שוין געהאַט קאַפּאָווסקי, באַ אים אָבער איז געבליבן די איינזאַמקייט, די דערנידערונג, און די שרעקלעכע פּוסטקייט. אים איז אויך געבליבן דער איינדרוק, אַז ווען „פּעדימל" זאָל קענען באַ אים אַרויסרייסן אויך דעם טאַלענט, וועגן וועלכן פרוי בראָניטש האָט דערמאָנט, וואָלט זי אים זיכער אַרויסגעריסן און געשאָנקען קאַפּאָווסקין. וואָס איז ער דען געווען באַ איר לגבי קאַפּאָווסקין!? „איך וועל דאָס קיינמאָל נישט משיג זיין — האָט ער אַ טראַכט געטון — אָבער אַזוי איז עס געווען!... און ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן וואָס אין אים איז פאַרהאַן געמיינס, צוליב וועלכן מען זאָל אים אַזוי אָן רחמנות ברענגען פאַר אַ קרבן, אָן שום איינזען, מען זאָל זיך מיט אים ווייניקער רעכענען, ווי מיט דעם געמיינסטן וואָרעם. „פאַרוואָס האָט זי ליב קאַפּאָווסקין און נישט מיך, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט ליב?" — און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אַמאָל געציטערט אין זיינע אָרעמס — בשעת ער האָט נאָכן תנאים-מאָל איר געזאָגט אַ „גוטע נאַכט," און איצט ציטערט זי פּונקט אַזוי אין קאַפּאָווסקיס אָרעמס. און באַ דעמדאָזיקן געדאַנק האָט ער, אָנכאַפּנדיק דאָס טיכל, אָנגעהויבן עס בייסן מיט די ציין, כדי נישט

צו שרייען פון יסורים און באַסט. „וואָס איז עס, פאַרוואָס איז עס געשען?״ געווען איז דאָך אַ צייט, וואָס ער האָט זי נישט ליב געהאַט, פאַרוואָס האָט זי דאַמאָלס נישט חתונה געהאַט מיט קאָפּאָווסקין? וואָס האָט איר דען געקענט אַרויסקומען פון דעם, צו צעטרעטן אים אָן שום באַדערפעניש?

און ער האָט ווידער אַ כאַפּ געטון פרוי בראַניטשס בריוו, ווי ער וואָלט זיך ריכטן אין אים אויסצוגעפינען אַן ענטפער אויף די שרעקלעכע שאלות. ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם זאַץ וועגן דעם אייבערשטנס רצון און וועגן דעם, אַז ער איז שולדיק געווען אין דעם, אַז ער האָט אויך שלעכטס געטון „פּעדימלען״ — און וועגן דעם, אַז זי איז אים מוחל, און וועגן דער תפילה, וואָס זי האָט פאַר זייַנעטוועגן אָפּגעריכט בײַ דער הייליקער יאַדוויגאַ. און, ענדיקנדיק, אָנגעהויבן קוקן אין ליכט אַריין, מרוגען מיט די אויגן און געזאָגט:

— ווי הייסט?... און ווען אַלזאָ אַזוי?... אין וואָס אייגנטלעך האָב איך זיך עס פאַרזינדיקט?...

און ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז עס הייבט אים אָן פאַרלאָזן די השגה, וואָס איז אמת און וואָס איז שקר, וואָס אַן עולה און וואָס מעשים־טובים, וואָס רעכט און וואָס אומרעכט. לינעטאַ איז פון אים אַוועק, צוגענומען זיך גופא, צוגענומען די צוקונפט און איצט האָבן זיך אָנגעהויבן איינס נאָכן אַנדערן אָפּרוקן אַלע יסודות פון זיין לעבן — דער שכל, די חושים, און דאָס לעבן גופא... ער האָט נאָך געוווּסט, אַז ער האָט דאָס פּעדימל זיינס תמיד ליב געהאַט דאָס לעבן און האָט בשום־אופן נישט געקענט ווען זי צובאַצוולען, אָבער אויסער דעם איינדרוק האָט אַלץ, וואָס עס דענקט אין אים, זיך געבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך און צעפלויגן ווי שטויב אין דעם געוואַלטיקן ווינט פון אומגליק.

און דאָך האָט ער ליב געהאַט. לינעטאַ האָט זיך איצט אין אים געשפּאָלטן אויף צוויי, אין אַ הייַנטיקער און אין אַן אַמאָליקער. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אָן איר שטים, איר

געזיכט, אירע העל גאָלדענע האָר, אירע הענט און די וואַרעמ־קייט וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געפילט דורך זײַנע ליפּן פון זי אַרויס. זײַן ריזיקע פאַנטאַזיע האָט זי כמעט אַנגרירלעך איבערגעשאַפן, און ער האָט זיך אַ בערצייגט, אַז ער האָט נישט בלויז ליב געהאַט די אַמאָליקע, נאָר עד־היום האָט ער זי נאָך ליב, אַז ער בענקט אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך נאָך איר און לײַדט אָן אַ שיעור צוליב דעם פאַרלירן זי.

און איבערצײַגנדיק זיך אין דעם, האָט ער ווײַטער אָנגעהויבן רעדן:

— ווי האָסטו עס געקענט האַלטן, אַז איך וועל בכוח זײַן עס איבערצולעבן?

און ער האָט די רגע נישט געהאַט דעם קלענסטן ספק, אַז דער איבערשטער, למשל, ווייס עס זייער גוט, ער איז אַ לאַנגע צײַט נאָך געזעסן און געשוויגן, און דאָס ליכט איז כמעט ביז אין דער העלפט שוין געווען אויסגעברענט, בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דאַמאָלס איז מיט אים געשען עפּעס אומגעווייג־לעכס.

ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט אין אַ שיף אַוועקגעשוואומען פון דער יבשה און ס'האָט זיך אים געדאַכט, וואָס עס דאַכט זיך תמיד דאַמאָלס אויס; אַז דאָס דערווײַטערט נישט ער זיך, נאָר אַז דער ברעג, אויף וועלכן ער איז ביז איצט געווען, און בכלל זײַן גאַנץ לעבן, אַלע זײַנע רעיונות, זײַנע האָפענונגען, אַמביציעס, צילן, כוונות, אַפילו ליבע, אַפילו פרײַלין ליבעטאַ, אַפילו איר אבדה — און די פאַרכישופטע קרײַזן, די יסורים, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָבן זיך אים אויסגעוויזן שוין נישט בלויז אָפּגעזונדערט, נאָר עפּעס פרעמד און וואָס געהערן אויסשליסלעך צו יענער יבשה, און ביסלעכווײַז זענען זיי פאַרשוונדן, ביסלעכווײַז צעגאַנגען געוואָרן — וואָס אַמאָל קלענערע, וואָס אַמאָל געשפּענסטלעכע, וואָס אַמאָל ענלעכע צו אַ חלום. און ער האָט זיך דערווײַטערט, פילנדיק, אַז ער וויל

אין דעם פרעמדן לאַנד שוין זיך נישט אומקערן, אַז ער קען
שוין נישט - און אַז אַלץ, וואָס עס איז פון אים געבליבן גע-
וואָרט צום אין-סוף, וואָס האָט אים צו זיך גענומען און פאַר אים
זיך געעפנט אַן אומגעהייערער און געהיימנישפולער. —

XV

אין פיר טעג אַרום, אין טאָג פון הימל אַרויפנעמען פון דער הייליקער יינגפרוי, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער נאָמענ-טאָג פון פרוי פּאָלאַניעצקאַ, זענען די ביגעלס און שווירסקי גע-קומען קיין בוטשינעק. מאַריניאַן האָבן זיי אינדערהיים נישט גע-טראָפן, מחמת זי איז צוזאַמען מיט פרוי עמיליאַן געווען אין יאַש-מינער קאַשטשאָל אויף וועספערן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, איז פרוי ביגעל מיט איר גאַנצער מחנה ביגעלעך אַוועק נאָך זיי. די מאַנסלייט האָבן, פאַרבלייבנדיק אַליין, גערעדט וועגן דעם געשעניש, פון וועלכער די גאַנצע שטאָט האָט פון עטלעכע טאָג גערעדט, דאָס הייסט פון זאַווילאָווסקיס פרוי צו באַגיין זעלבסט-מאָרד.

— איך בין היינט געווען בײַ אים דאָס דריטע מאָל — האָט אַ זאָג געטון ביגעל. — פרײַלין העלענע זאַווילאָווסקאַס די-נערשאַפט האָט אָבער באַקומען אַ באַפעל, קיינעם, אַ חוץ די דאָק-טוירים, נישט צוצולאָזן.

— מיך אויך — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — היינט, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אים נישט געקענט באַזוכן, אָבער

ביז איצט האָב איך יעדן טאָג בײַ אים פֿאַרבראַכט צו עטלעכע שעה. דעם װײַב זאָג איך, אַז איך זיץ אין ביוראָ צוליב געשעפֿט.

— זאָג מיר, װי אַזױ איז עס געשען? — האָט אַ פֿרעג געטון ביגעל, װאָס האָט געװאָלט װיסן אַלע פּרטים, כּדי שפּעטער זײ אױף זײַן שטײגער צו באַטראַכטן.

— עס איז אַזױ געשען — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — אַז איגנאַש האָט מיר געזאָגט, אַז ער גײט אין משוגעים־הױז צו זײַן פֿאָטער. איך בין פֿון דעם געװען צופֿרידן, מחמת כ'האָב גערעכנט, אַז דאָס װעט אים אָפּרײַסן פֿון זײַנע רעיונות. איך האָב אים פֿונדעסטװעגן צוגעפֿירט בּיז טויער, און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז צוממאָרגנס װעט ער צו מיר קומען. דערװײַל האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז דאָס האָט ער פֿון מיר געװאָלט פּטור װערן, כּדי רויק זיך צו לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן.

— איז נישט דו האָסט אים דער ערשטער געפֿונען?

— נײן. איך האָב זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ זאַך און װאָלט געװאַרט בּיז מאָרגן. צום גליק איז פֿרײַלין העלענאַ געקומען צופֿאָרן בײַ דער בלױזער ידיעה, אַז דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען...

— איך האָב עס איר מודיע געװען — האָט שװירסקי איבערגעהאַקט — און זי האָט עס אַזױ זיך גענומען צום האַרצן, אַז איך בין ממש נשתּומם געװאָרן — װי זי װאָלט פֿאַרפֿילן, װאָס עס װעט געשען!

— אַ מאָדנע באַשעפֿעניש — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — איך האָב זיך נישט געקענט דערװיסן, װי אַזױ דאָס איז געשען, גענוג, אַז זי האָט אים די ערשטע געפֿונען, זי האָט אים די ערשטע געגעבן הילף, זי האָט די ערשטע גערופֿן אַ גאַנצע מחנה דאָקטױרים — און האָט אים ענדלעך געהײסן אַריבערפֿירן צו זיך.

— די דאָקטוירים האַלטן דאָך אָבער, אַז ער וועט לעבן ?

— אייגנטלעך הייסן זיי עד־היום קיין זאַך נישט. ער האָט בשעתן שאָס געמוזט דאָס געווער איינבייגן, אַזוי, אַז די קויל איז דורכהאַקנדיק דעם שטערן, גרויף אינדערהייך און זיך פאַרהאַלטן אינטערן שאַרבן. מען האָט זי געפונען און גאַנץ לייכט אַרויסגענומען, צי ער וועט אָבער לעבן — און אויב ער וועט לעבן, צי וועט דער מוח בלייבן גאַנץ — איז נישט באַוווּסט. איין דאָקטאָר האָט מורא פאַר אַ השפעה אויפן לשון, דערווייל אָבער גייט גאָך וועגן לעבן גופא.

דער פאַ־פאַל, הם ער איז שוין איבעראַל געווען באַוווּסט און יעדן טאָג ביז איצט באַשריבן געוואָרן אין די בלעטער, האָט דאָך געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, אַז עפּעס אַ צייט האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. שווירסקי, וואָס האָט בײַ זײַנע אַטלעטן־מוסקולן געהאַט אַ ווייבעריש פילנדיקייט, איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן און אויסגעשאָסן:

— דורך אַזעלכע קאָמעדיאַנטינס !

פּראָפעסאָר וואָסקאָווסקי אָבער, וואָס איז געזעסן דערלעבן, האָט שטילערהייט זיך אָפּגערופן:

— לאָזט זי איבער אויף גאָטס באַראָט.

— איך בעט דיך — האָט אַ זאָג געטון ביגעל, ווענדנדיק זיך צו פּאָלאַניעצקין — און דו האָסט גאָרנישט חושד געווען ?

— מיר איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, ער זאָל זיך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן. פאַרשטייט זיך, כ'האָב געזען, אַז ער ראַנגלט זיך מיט זיך, אַ ווײַלע, ווען מיר זענען געפאָרן צוזאַמען, האָט זיך זײַן גאַמבע אָנגעהויבן טרייסלען, ווי ער וואָלט וועלן אויסברעכן מיט אַ כליפעריי, דאָס איז אָבער אַ האַרט נפש. ער האָט זיך תיכף איינגעהאַלטן און זיך לפנים באַרויִקט. דער עיקר האָט ער מיך פאַרפירט מיט זײַן הבטחה, אַז ער וועט מאָרגן קומען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווײַטער געזאָגט:

— איר ווייסט, וואָס מיר דאַכט זיך? אַז דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפּילט דאָס מעסטל איז געווען פּרופֿ׳ בראָנישטס בריוו. איגנאַש האָט מיר אים געגעבן צו לייענען: זי האָט אים געשריבן, אַז דאָס איז מן־השמים, אַז שולדיק איז ער, וואָס איז געווען אַן עגאָיסט, זיי אָבער גייען נאָך דער שטים פֿון געוויסן און ערלעכקייט, אַז זיי זײַנען אים מוחל און בעטן גאָט, ער זאָל אים אויך מוחל זיין, מיט איין וואָרט: אומדערהערטע זאַכן! איך האָב געזען, אַז דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ פֿאַרצווייפֿלטן אײַנדרוק — און כ׳מאָל זיך, וואָס עס האָט זיך געמוזט טאָן מיט אַזאַ באַוווּסטן עקזאַלטירטן מענטש, בעת ער האָט גענויך צו דעם אַלעם געזען, אַז מען שרייבט אים צו די עוולה, בשעת ער האָט משיג געווען, אַז מען קען פֿון אַלעם אַ תּל מאַכן, איבערדרייען; אַז מען קען דעם שכל צעטרעטן, דעם אמת, די פּשוטסטע יסודות פֿון יושר — און זיך פֿאַרשטעלן מיטן רבונו־של־עולם. דאָס האָט דאָך מיך נישט אָנגערירט, און דאָך, ווען כ׳האָב דערזען דעם ציניזם, אָדער דאָס אויספֿעלן פֿונם מאָראַלישן חוש, בנאמנות, ווי כ׳האָב זיך געשטעלט אַ שאלה, צי בין איך משוגע געוואָרן, אָדער אויף דער וועלט זענען אמת און ערלעכקייט בלויז אַן אילוזיע.

דאָ האָט פּאָלאַניעצקי פּיבערדיק אָנגעהויבן ציפּן די באָרד, אַזוי האָט אים אויפֿגערודערט דאָס גלויזע דערמאָנען זיך אַן פּרופֿ׳ בראָניטשס בריוו, שווירסקי ווידער האָט אַ זאָג געטון:

— איך פֿאַרשטיי, אַז ווען מען איז אפֿילו אַ גלויביקער מענטש קען מען אין אַזעלכע מינוטן אויך אַ שפּיי טון אויפֿן לעבן.

וואַסק ווכקי האָט אָבער אָנגעהויבן רייבן מיט דער האַנט דעם שטערן און באַכּדעם זיך אָפּגערופֿן, ווי צו זיך אַליין:

— יאָ. כ׳האָב געזען אַזעלכע אויך... מחמת עס זענען פֿאַרהאַן מענטשן, וואָס גלייבן נישט אויס ליבע, נאָר עפּעס צוליב דעם, ווייל דער אַטעיזם האָט באַנ ראָטירט... עפּעס מחמת יאוש. ווער עס מאָלט זיך, אַז ערגעץ דאָרט, מחוץ די דערשייגונגען, איז נישט פֿאַרהאַן נישט קיין באַרעמהאַרציקער פֿאָטער, וואָס לייגט אַ וויף די האַנט אויף יעדן אומגליקלעכן קאָפּ, נאָר

עפּעס ער, אַ נישט צוטריטלעכער, אַ נישט אויסגעפאָרשטער און גלייכגילטיקער — ס'איז אַלציינס, צי מען וואָלט עס אָנגערופן: אַבסאָלוט, נירוואַנאַ דעמאָלט איז ער נאָר אַ באַגריף, נישט קיין ליבע — און מען קען אים נישט ליב האָבן, און אַז עס קומט דאָס אומגליק, שפּייט מען אויפֿן לעבן.

— דאָס איז גוט — האָט מיט כעס געענטפֿערט שווירסקי — דערווייל ליגט זיך זאַווילאָווסקי מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן, און זיי זענען ערגעץ אַוועק איבערן ים און לעבן אַ טאָג!

— פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז זיי לעבן אַ טאָג? — האָט אַ פֿרעג געטון וואַסקאָווסקי.

— כאַפּט זיי דער רוח!

— און איך זאָג אייך, אַז זיי זענען אומגליקלעכע פֿרויען. מען טאָר נישט אומבאַשטראָפֿט טרעטן אויף אמת, זיי וועלן איינער דעם אַנדערן איינרעדן פֿאַרשידענע זאַכן, איין זאַך וועלן זיי אָבער נישט בכּוח זיין זיך איינצורעדן, אַכטונג צו זיך אַליין, זיי וועלן שטילערהייט אָנהייבן זיך צו אַראַכטן — און ענדלעך וועט אפילו די צוגעבונדנקייט, וואָס זיי פֿילן צו זיך, אויך פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿאַרבאָרגענעם ווידערווילן. דאָס מוז קומען.

— כאַפּט זיי דער רוח — האָט איבערגעחזרט שווירסקי.

— גאָטס חסד איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר שלעכטע, נישט פֿאַר קיין גוטע — האָט פֿאַרענדיקט וואַסקאָווסקי.

דערווייל האָט ביגעל גערעדט מיט פּאָלאַניעצקין, באַוווּנדערנדיק פֿריילין העלענעס זאַווילאָווסקאַס גוטסקייט און דרייסטקייט.

— וועלן עס לייט האָבן פֿון דעם אַ ביסל צו רעדן, אַ מחיה — האָט ער אַ זאָג געטון.

— זי קוקט נישט אויף דעם — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — מיט דער וועלט רעכנט זי זיך נישט. דאָס איז אויך אַ האַרט נפֿש. צו זאַווילאָווסקין האָט זי אַלעמאָל אַרויסגעוויזן אומגעוויינטלעכע צוגעבונדנקייט, און זיין טאַט האָט איר געמוזט

געוואַלטיק אופּרודערן. איר ווייסט?... די געשיכטע מיט פּלאַ־שאַווסקין?...

— איך האָב אים פּערזענלעך געקענט — האָט אַ זאָג גע־טון שווירסקי — זיין פאָטער האָט דער ערשטער אויף מיר נביאות געזאָגט, אַז איך וועל אַרויסשווימען... וועגן פריילין העלענאַ האָט מען אַפילו געזאָגט, אַז זי איז געווען פּלאַשאַווסקיס כּלה.

— זי איז עס קיינמאָל נישט געווען, אָבער פאַרבאָרגן אין האַרץ האָט זי אים געוואַלדיק ליב געהאַט. ער האָט שוין געהאַט אַזאַ מזל... איינס איז זיכער, אַז זינט איר טויט איז זי געוואָרן איינגאַנצן אַנדערש. פאַר אַזאַ גלייביקער פרוי האָט זיין זעלבסט־מאָרד געמוזט זיין אַ שרעקלעכער קלאַפּ, מחמת וואָס קען שוין זיין מער, ווי נישט קענען אפילו מתפּלל זיין פאַר אַ מענטש, וואָס מען האָט אים ליב געהאַט!... היינט־זשע ווידער זאַווילאַוו־סקי!... אויב עמעץ וועט אַלץ טון אים מציל צו זיין, וועט עס זיין זי. נעכטן, בשעת איך בין דאָרט געווען, איז זי צו מיר אַרויס קוים אַ לעבעדיקע — אַ בלאַסע, אַ פאַרמאַטערטע, אַ נישט דערשלאָפענע. און דאָרט איז דאָך יאָ פאַרהאַן, ווער עס זאָל אים אומגיין. פריילין ראַטקאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט וועגן איר, אַז זי איז שוין דורך די פיר טעג קוים אפשר געשלאָפן אַ שעה.

— פריילין ראַטקאָווסקאַ? — האָט לעבהאַפט אַ פרעג געטון שווירסקי.

— יאָ! כ׳האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן: זי האָט פון די ציישונגען זיך דערוווּסט וועגן פאַרפאַל און איז דעמועלבן טאָג געקומען צו פריילין העלענאַ, כּדי אומצוגיין באַ זאַווילאָווסקין. זי איז שוין אויך ענלעך מער נעבעך צו אַ שאָטן, ווי צו אַ מענטש.

— פריילין ראַטקאָווסקאַ!... — האָט איבערגעחזרט שוויר־סקי.

און ער האָט מעכאַניש אָנגעהויבן זוכן מיט דער האַנט

אין קעשענע פון סורדוט דעם טייסטער, אין וועלכן ער האָט גע-האַלטן איר קאַרטל.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן אירע ווערטער: „איך האָב אַנדערש אויסגעקליבן — און אויב איך וועל קיינמאָל נישט זיין גליקלעך, וויל איך זיך לכל-הפחות שפּעטער נישט מאַכן קיין פאַרוואורף, אַז איך בין געווען נישט אויפריכטיק". איצט ערשט האָט ער באַנומען וואָס די באַדייטונג, ווען די אמתע טראַ-גע דיע פון די ווערטער. נישט קוקנדיק אויף דער וועלט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מענטשלעכע צינגער, איז דאָס יונגע מיידל איצט אַוועק אומצוגיין בא דעם זעלבסמערדער. וואָס האָט עס דען געקענט הייסן? דער ענין איז געווען קלאָר, ווי די זון. קאַפּאַוסקי איז זיך טאַקע אַוועק מיט אַן אַנדערע, זי האָט אָבער תמיד אָפן געזאָגט, וואָס זי טראַכט וועגן קאַפּאַוסקין, און ווען זי זאָל זיין צו זאַווילאַווסקין גלייכגילטיק, וואָלט זי נישט אַוועק צו זיין בעט אים אָפּהיטן.

— דאַכט זיך, אַז איך בין אַן אייזל — האָט אַ מ־וק גע-טון שווירסקי.

דאָס איז אָבער נישט געווען דער איינציקער אויספיר צו וועלכן ער איז נאָך אַ רייפער באַטראַכטונג געקומען. פּלוצלינג האָט אים באַהערשט אַ בענקשאַפט צו פריילין ראַטקאָווסקאַ, אַזאַ מין צער, וואָס עס איז נישט געשען דאָס, וואָס עס האָט געקענט געשען, און אַ גרויס אומענדלעך רחמנות אויף איר: „האָסט ווייטער נישט געטראָפן, אַלטער ווילד-חזיר!" — האָט ער ווי-טער געזאָגט — און רעכט אויף דיר! אַ גוטער מענטש וואָלט אָבער רחמנות געהאַט, און דו האָסט אָנגעהויבן קריצן מיט די ציינער; האָסט זי חושד געווען אין ליבע צו דעם שוטה, אין דעם, אַז זי מ:כט דעם אָנשטעל פון אַספּיראַציעס, פון נשמה-פלאַכקייט; האָסט זי באַרעדט פאַר פרוי פּאָלאַניעצקאַ און פאַר אים; האָסט באַצאָלט אַ זיס און אומגליקלעך באַשעפעניש, נישט דעפאַר, ווייל איר אַפּזאָג זאָל דיר האָבן צופיל ווייגעטון, נאָר אויס ז.יגנליבע. רעכט אויף דיר אַזוי! רעכט! ביסט אַן אייזל. ביסט זי נישט ווערט און וועסט זיך אַליין דרייען ביזן טויט.

אַרײַן, װי אַ חיה הינטער דער קראַט אין דער מענאַזשעריע.

אין די פֿאַרװאָרפֿן איז געװען אַ חלק אמת. שװירסקי איז נישט געװען אַזױ שטאַרק פֿאַרליבט אין פֿרײַלין ראַטקאָװסקאַ, איר אָפּזאָג האָט אים אָבער טיפֿער אָנגערירט, װי ער האָט זיך אַלײן מודה געװען אין דעם, נישט קענענדיק אָבער באַהערשן זײַן צער, האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַלגעמײנע אױספֿירן װעגן פֿרױען, ברענגענדיק בײַ דעם אַלס בײַשפּיל פֿרײַלין ראַטקאָװסקאַ צום שאַדן פֿאַר איר.

איצט אָבער האָט ער דערקענט די גאַנצע נישטיקייט פֿון זײַנע אױספֿירן. — די נאַרישע סענטענץ, האָבן מיך תמיד אַװעקגעפֿירט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — פֿרױען זענען אַזעלכע באַשעפֿענישן גלײַך װי אַלע מענטשן — און דער אַלגעמײנער באַגריף איז: אַז אַ פֿרױ גיט גאָרנישט צו פֿאַרשטײן, איז זיך פֿאַרהאַן אַ פֿרײַלין קאַסטעלי, פּונקט װי אַ פֿרױ אָסנאָװסקאַ, װאָס איז פּעזק, װי איך בין מיך משער, אױף מעשים-תעתועים, הגם איך האָב נישט קײן ראיות צו דעם; פֿון דער צװײטער זײַט איז אָבער פֿאַרהאַן אױך פֿרױ פּאָלאַניעצקאַ, פֿרױ ביגיעל, פֿאַרהאַן די שװעסטער אַניעלאַ, און פֿרײַלין העלענאַ, און פֿרײַלין סטעפּטשאַ. אָרים קינד, נעבעך — רעכט אױף מיר אַזױ! זי האָט דאָרט שטילערהײט זיך געפּײַניקט און איך האָב מיט די צײן געקריצט. אױך דאָס מײדל איז נישט צען מאָל אַזױ פֿיל װערט, װי איך, איז די זון נישט װערט מײַן ליולקע. זי איז געװען פֿולקאָם גערעכט, װאָס זי האָט אָפּגעזאָגט אַזאַ װילדן אָקס, װי איך! איך װעל זיך פֿאָרן אױפֿן מזרח און פּטור! אַזאַ שײן, װי אין מצרים, איז אױף דער װעלט נישטאָ!... װאָס עס הײסט אַן ערלעכע פֿרױ: זי האָט דאָך מיר געטאָן אַ טובה אפֿילו מיט איר אָפּזאָג, מחמת כ׳האָב דורך איר זיך איבערצײַגט, אַז אין מײַנע שיטות װעגן פֿרױען קען אפֿילו אַ הונט רוקן און לענד צעברעכן. װען פֿרײַלין זאַװילאָװסקאַ זאָל אָבער אפֿילו אַװעקשטעלן אַ גאַנץ פֿולק דראַגונער פֿאַר דער טיר, מוז איך יענץ מײדל, נעבעך, זען און איר זאָגן, װאָס איך טראַכט װעגן איר.

אויפצומאָרגנס איז ער אַוועק צו פרײַלין העלענאַ אין הויז. מען האָט אים נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, ער האָט אָבער אַזוי זיך אײַנגעעקשנט, אַז ער איז ענדלעך אויפגענומען געוואָרן. פרײַלין העלענאַ, מײַנענדיק, אַז ער טוט עס בלויז מחמת פרײַנטשאַפט און דאגה, האָט אים אפילו אַרײַנגעפירט אין צימער, ווי דער פאַרוווּנדעטער איז געלעגן. דאָרט, אין חשכות פון די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן, האָט ער דערזען זאַווילאָווסקין, פון וועלכן ס'האָט געשלאָגן אַ ריח פון יאָדאָפאָרם — מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ און מילדער אַרויסשטאַרנדיקער גאָמבע. און לעבן אים צוויי אויסגעמאַטערטע פרויען, מיט אַ היץ פון נישט שלאָפן אויף די פנימער, וואָס זענען באמת געווען ענלעך צו שאָטנס.
זאַווילאָווסקי איז געלעגן אַ פאַרענדערטער, מיט אַן אָפן מויל, כמעט נישט ענלעך צו זיך, עפּעס אָן אַ שיעור עלטער, מיט אָנגעשוואָלענע ווײַעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטערן באַנדאַזש. שווירסקי האָט אים זייער ליב געקריגן — און האָט בײַ זײַן פילנדיקייט געהאַט צו אים מער מיטגעפיל, ווי פּאָלאַניעצקי אָדער אָסנאָווסקי — דאָך האָט אים איצט אַ וואָרף געטון אין די אויגן זײַן העסלעכקייט — „ער האָט זיך עס שוין אַמאָל אָנגעמאַכט — האָט ער אַ טראַכט געטון, און ווענדנדיק זיך צו פרײַלין העלענאַ, מיט אַ האַלבער שטים אַ פרעג געטון:

— ער איז נאָך נישט געקומען צום באַוווּסטזײַן?

— ניין — האָט זי מיט אַ מורמל געענטפערט.

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

פרײַלין העלענאַ האָט אַ ריר געטון מיט אירע אויסגעדאַרטע הענט אַלס סימן, אַז אַלץ איז נאָך נישט זיכער. נאָכדעם האָט זי ווידער אַ זאָג געטון:

— הײַנט איז דער פינפטער טאָג...

— און די היץ איז קלענער — האָט צוגעגעבן פרײַלין ראַטקאָווסקאַ.

שווירסקי האָט איר געוואָלט פאָרלייגן זײַן גרייטקייט אומצוגיין אַרום חולה, פרײַלין זאַווילאָווסקאַ האָט אים אָבער מיט די אויגן אָנגעוויזן, אויפן ייִנגן דאָקטאָר, וועלכן ער האָט בשעת-

מעשה אינם חשבות נישט געקענט באמערק׳, און וואָז האָט פון מידעקייט געדרעמלט אין פאָטעל לעבן טיש מיט דער מידניצע און שטויסן יאָדאָפאָרמירטער וואטע, וואַרטנדיק ביז אַ צווייטער וועט אים נישט פאַרבייטן.

— מיר האָבן צווי — האָט געשעפטשעט פריילין ראָס־קאָוסקאַ — אַ חוץ זיי, זענען פאַרהאַן מענטש, פון שפּיטאָל, וואָס קענען ארומגיין באַ אַ קראַנקן.

— איר מאַטערט אייך אָבער געוואַלטיק

— עס גייט אויך וועגן קראַנקן!... — האָט זי געענטפערט, קוקנדיק אין דער זייט פון בעט.

שווירסקי האָט איר נאָכגעקוקט. זיינע אויגן האָבן זיך שוין בעסער צוגעוויינט צו דער פינסטערניש און ער האָט איצט בולט באַמערקט זאַווילאָווסקיס פנים, אַן אומבאַוועגלעכס, מיט כמעט שוואַרצע ליפּן. זיין לאַנגער גוף איז אויך געווען אומבאַוועגלעך, בלויז די פינגער פון דער אויסגעדאַרטער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער קאָלדערע האָט זיך מאָנאָטאָן גערירט, ווי זי וואָלט זיך דראַפּען.

— מען וועט אים אין עטלעכע טעג אַרום אַרויספירן, ווי מיר האָבן אַ גאָט אין הימל! — האָט ער אַ טראַכט געטון, דער־מאָנענדיק זיך אָן זיינס אַ חבר, דעם „סלאָוו״, מיט וועלכן בּוּקאַצקי האָט זיך בשעתו געריצט, און וואָס איז שיסנדיק זיך אין קאָפּ אריין, געשטאָרבן ערשט נאָך צוויי וואָכן ליידן יסורים.

וועלנדיק אָבער צוגעבן מוט די פרויען, האָט ער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען זיכער, אַ זאָג געטון:

— אַזעלכע מינים וונדן, אָדער זיי זענען תיכף שטערבעלעכע, אָדער זיי היילן זיך אויס.

פריילין העלענאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, איר פנים האָט זיך בלויז צונויפגעצויגן אין אַ קראַמף און די ליפּן זענען בלאַס געוואָרן. אין איר נשמה איז משמעות אויך געווען דער שרעקלעכער געדאַנק פאַרבאָרגן, אַז ער קען אויך שטאַרבן,

און זי האט אים נישט געוואלט גאר צולאזן, פאר איר איז געווען שוין יענער זעלבסטמארד — אגב איז דא געגאנגען איר אין עפעס מער, ווי אין מציל זיין זאחילאווסקין.

שווירסקי האט זיך אנגעהויבן געזעגענען. ער איז אהער־געקומען מיט א גרייטע ריידע צו פריילין ראטקאווסקאן, פאר וועלכער ער האט געהאט באשלאסן זיך מודה צו זיין, אז בחנם האט ער זי חושד געווען, ער האט איר געוואלט אויסדריקן זיין גאנצע אכטונג, וואס ער האט צו איר געפילט, און בעטן בא איר פריינטשאפט, צוליב אבער דער אמתער טראגעדיע פון די ביידע פרויען, צוליב דער סכנה פונם טויט און דעם האלבן בר־מנן, האט ער תיכף אנערקענט, אז אלץ, וואס ער האט בדעה געהאט צו זאגן, איז געווען שלעכט, קליין, און אז איצט איז נישט די צייט אויף אזעלכע נישטיקע פערזענלעכע זאכן.

ער האט בלויז שווייגנדיק צוגעדריקט צו די ליפן פריילין העלענאס האנט, און נאכדעם אויך פריילין ראטקאווסקאס — און ארויסגייענדיק פונם צימער, וואס איז געווען דורכגעזאפט מיט אומגליק און יאדאפארם, האט ער טיף אפגעאטעמט.

אין זיין מאלערישער פאנטאזיע האט זיך איצט בולט פאר־געשטעלט זאחילאווסקי, א פארענדערטער, מיט צען יאר עלטער, מיט א פארבונדענעם קאפ און מיט שווארצע ליפן.

און נישט קוקנדיק אויפן גאנצן מיטגעפיל, וואס ער האט געהאט צו אים, האט אים פלוצלינג באהערשט א כעס.

— ער האט זיך דורכגעלעכערט דעם שארבן — האט ער א מרוק געטון — דורכגעלעכערט דעם טאלענט — און א סוף! און זיי, נעבעך, וועלן פון זיך די נשמות ארויסציען און זיך טרייסלען ווי בלעטער.

נאכדעם האט אים ארומגעכאפט א געפיל פון קנאה, א מין צער אויף זיך אליין און ער האט אנגעהויבן רעדן צו זיך:

— נו, אלטער, ווען דו, למשל, זאלסט זיך ארייגשפארן א שטיקל בליי אינם טאלענט, וואלט קיינער נישט געגאנגען ארום דיר אויף די פינגער!

די ווייטערדיקע מחשבות זיינע האָט איבערגעריסן הער פּלאַוויצקי, וואָס האָט, באַגעגנדיק אים אויפן ראָג גאַס, אים פאַרהאַלטן און אָנגעהויבן רעדן.

— איך קום נאָר וואָס פון קאַרלסבאַד — האָט ער אַ זאָג געטון — מיין הער! וויפיל שיינע פּרויען! היינט פאַר איך קיין בוטשינעק... איך האָב שוין געזען פּאַלאַניעצקין און הייס, אַז די טאָכטער איז געזונט, ער איז אָבער אָפּגעפאַלן.

— ער האָט געהאַט עגמת-נפש. איר האָט געהערט וועגן זאַווילאָווסקין?

— געהערט! געהערט! נו, מיין הער? — וואָס זאָגט איר צו דעם?

— אַן אומגליק!

— אַן אומגליק, אָבער דאָס אויך, וואָס היינט זענען קיין פּרינציפּן נישטאָ. דאָס זענען אַלץ די נייע אויסטראַכטיגגען, אַלע אייערע היפּנאָטיזמען, אַטעיזמען, סאָציאַליזמען. די יוגנט האָט נישט קיין פּרינציפּן — אָט, וואָס!...

XVI

פּאָלאַניעצקי, אונטערן איינדרוק פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט לגמרי פאַרגעסן אָן דער הבטחה, וואָס ער האָט אָסנאָווסקין געגעבן, אַז ער וועט אים שרייבן, ווי זאַווילאָווסקי האָט איבערגעטראָגן דאָס אָפּלאָזן דעם שידוך און פריילין קאַסטעליס אָפּפאָר. אָסנאָווסקי אָבער, דערוויסנדיק זיך וועגן פאַרפאַל פון די צייטונגען, האָט יעדן טאָג אָנגעהויבן דורך דעפּעשן זיך נאָכפרעגן וועגן חולהס געזונט-צושטאַנד — און זיך געוואַלטיק באַאומרויִקט. אין דער פּרעסע און צווישן עולם האָבן זיך אומגעפלאָנטערט פאַרשידענע ידיעות. וואָס איינס האָט סותר געווען דאָס אַנדערע. אַ טייל צייטונגען האָבן מודיע געווען, אַז דער צושטאַנד איז אַ האָפענונגסלאָזער, אַנדערע ווידער האָבן פאַרגעזאָגט אַ שנעל געזונט ווערן. פּאָלאַניעצקי האָט אַ לענגערע צייט אים קיין שום זיכערס נישט געקענט מודיע זיין, און ערשט אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער געשיקט אַ דעפּעשע, אַז דער חולה האָט זיך אויפגעהערט ראַנגלען צווישן לעבן און טויט — און

אַז די דאָקטוירים זײַנען שוין קאַטעגאָריש ערב פאַר זײַן געזונט װערן.

אָסנאָװסקי האָט אים געענטפערט מיט אַ בריסערן בריװ, אין װעלכן ער האָט אגב מיטגעטײלט פאַרשידענע נײַעס פון אָסטענדע.

— דער אײבערשטער זאָל אײַך באַצאָלן פאַר דער ידיעה. איז שוין אַלזאָ זיכער קײן שום סכנה נישטאָ? איך קען אײַך נישט זאָגן, װאָס פאַר אַ משא אונדז בײדע איז פון האַרץ אַראָפּגעפאַלן. זאָגט איגנאַש, אַז נישט בלױז איך, נאָר מײַן װײַב האָט אױך מיט טרערן אױפגענומען די בשורה װעגן זײַן לעבן בלײַבן. זי רעדט איצט װעגן קײנעם נישט, און טראַכט װעגן קײנעם נישט, נאָר װעגן אים, אָך, מײַן הער, װאָס פרױען זײַנען — גאַנצע בענדער צו באַשרײַבן! אַנעטקאַ, איז דאָ אַן אױסנאַם. איר װעט אָבער גלײבן, אַז נישט קוקנדיק אױף דער גאַנצער שרעק, אױפן צער און מיטגעפיל, איז איגנאַש ערשט גאָר אױסגעװאַקסן אין אירע אױגן דורך דעם אומגליקלעכן טאַט. זײ זוכן תמיד די ראָמאַנטישע זײַט, אַזױ װײַט, אַז אפילו אין קאָפּאַחסקין זעט אַנעטקאַ, װאָס קען זײַן גאַנץ טפשות, איצט אַלס גורם פונם אומגליק אײן עפּעס דעמאָניש. קודם-כל אָבער געלױבט איז גאָט פאַרן לאָזן לעבן איגנאַשן! זאָל ער לעבן צום רום פון אונדזער געזעלשאַפט און זאָל ער געפינען אַ װעזן, װאָס זאָל אים װערט זײַן. פון אײער דעפעשע בין איך זיך משער, אַז ער געפינט זיך אונטער פרײַלין העלענאַס השגחה. זאָל איר אױך דער אײבערשטער געבן אַלדאָס גוטס פאַר איר ערלעך האַרץ. זי האָט באמת נישט קײן נעענטערן מענטש אױף דער װעלט — און איך שטעל זיך פאָר, אַז איגנאַש איז צוליב דער דערמאָנונג פון פּלאָשאָװסקין איר נאָך טײַערער.

„איצט, װען איר האָט מיך שוין באַרויִקט װעגן זײַן לעבן, קען איך אײַך שיקן עטלעכע ידיעות װעגן דער מומע בראָניטש און ליגנעטאַ. ס'קען זײַן איר, האָט שוין געהערט, אַז זײ זײַנען פאַרהאַן דאָ, צוזאַמען מיט קאָפּאַחסקין. זײ זײַנען פריִער געפאָרן קײן שװײצינגען, זײ האָבן זיך אָבער דערװוּסט, אַז דאָרט

גייען אום פּאָקן, זענען זי אַנטלאָפן קיין אָסטענדע, נישט ווייסנדיק אַז מיר זענען אויך דאָ. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל געטראָפן אין קורזאַל — און זיך געמאַכט נישט קוקנדיק. קאַפּאָווסקי האָט באַ אונדז איבערגעלאָזט אפילו וויזיט-קאַרטן, איך האָב אים אָבער נישט רעוויזיטירט, הגם, ווי מיין ווייב זאָגט מיט רעכט איז ער אַ סך ווייניקער שולדיק, ווי זי. ערשט נאָכן דערהאַלטן די דעפּעשע, פון וועלכער איר זענט מודיע, אַז אַ גנאַש איז באַשטימט געראַטעוועט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מענטשלעכקייט אַליין הייסט זיי זי אַהינשיקן — און איך האָב אַזוי געטון, זיי איז דאָ אַזוי אויך שלעכט, מחמת די באַקאַנטע ווייכן זיי — האָב איך געהאַלט, זיי זאָלן כאָטש וויסן, אַז זיי האָבן נישט קיין מענטשנלעבן אויפן געוויסן, בפרט נאָך, ווען ליזעטאַ זאָל משמעות האָבן דערפילט איגנאַשס טאָט. דעמזעלבן טאָג זענען זיי געווען באַ אונדז מיט אַ וויזיט, און מיין פרוי האָט זיי אויפגענומען. זי זאָגט מיט רעכט, אַז שלעכטס איז אַ מאָראַלישע קראַנקהייט, און בשעת אַ קראַנקהייט איז נישט ווירדיק צו פאַרלאָזן קרובים. בכלל איז די ערשטע באַגעגעניש געווען שווער און פאַרלעגנהייטלעך פאַר ביידע צדדים. וועגן איגנאַשן האָבן מיר קיין וואָרט נישט גערעדט, קאַפּאָווסקי גייט דאָ אָן פאַר ליזעטאַס חתן, זיי זענען אָבער נישט אויס איבערגליקלעך, הגם דעם אמת גערעדט, איז זי אַ סך פּאַסיקער פאַר אים, ווי פאַר איגנאַשן, און אין דעם פּרט קען מען האַלטן אַלץ, וואָס עס איז געשען, אַז עס איז מן השמים איך ווייס פון זייטיקע מענטשן, אַז אויך די מומע בראָניטש, שטעלט פאָר אַזוי די זאַך. איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגן, ווי מיך פאַרדריסט דאָס מיסברויכן מיט גאָטס נאָמען: איך ווייס, אַז אַ טייל באַקאַנטע האָט זי געפּרוּווט איינשמועסן, אַז זיי האָבן איבערגעריסן מיט איגנאַשן, ווייל ער איז נישט קיין פרומער. אַנדערע ווידער האָט זי אָנדערציילט באָבע-מעשיות וועגן זיין דעספּאָטיזם און נישט צוגעפּאַסטקייט פון זיין כאַראַקטער צו ליזעטאַס. דאָס אַלץ הייסט, נאַרן נישט בלויז די וועלט, נאָר זיך אַליין אויך. די מומע האָט דורך איר כסדרדיק איינרעדן זיך און אַנדערע, סוף-כל-סוף אַליין אַנגע-

הויבן גלייבן אין לינעטאַס דערהויבענעם כאַראַקטער און אין דעם פּרט האָט זי זיך געהאַלטיק אַנטוישט. זי האָלט אפילו פאַר איר חוב זי צו פאַרשטעלן, טראַכט אויס גאָט ווייסט וואָס זי צו פאַרטיידיקן און וואַרפט זיך, ווי אַ משוגענע, אין איר שטעקט אָבער דאָס געפיל פון אַנטוישונג, אַז כ'מיין, אַז דאָס ערגערט זי, מחמת זי איז זייער אָפּגעפאַלן. זיי גייט משמעות אויך צו לעבן מיט אונדז בשלום; זיי מיינען, אַז דאָס וועט זיי ווי עס איז צוריק פאַרבינדן מיט דער וועלט, הגם אָבער מיין ווייב האָט זיי אויפגענומען, קענען אונדזערע באַציונגען נישט בלייבן, פאַרשטייט זיך, צוריק ווי אַמאָל. איך וואָלט דער ערשטער נישט געקענט זיך אויף דעם דערלויבן, אויס מיין חוב צוצוקלויבן פאַר מיין פרוי אַ פּאַסיקע געזעלשאַפט. לינעטאַס חתונה מיט קאַפּאַווסקין קומט, דאַכט זיך, פאַר אין צוויי חדשים אַרום אין פאַריז. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן נישט זיין. מיין ווייב קוקט אַגב אויף דער זאַך סקעפּטיש, איך האָב זיך ברייט צעשריבן, אין דער האָפנונג, אַז אַזוי אַרום וועל איך אויך פאַרפליכטן צו דער זעלבער ברייטער תשובה מיט אַלע פּרטים וועגן איגנאַשן. ווען זיין געזונט צושטאַנד וועט אים דערלויבן, זאָלט איר אים אין מיין נאָמען אַרומנעמען און זאָגן אים, אַז ער האָט און וועט תמיד האָבן אין מיר אַ האַרציקסטן, מיט נשמה און האַרץ איבערגעגעבענעם פריינט.

פרוי מאַריניאַ האָט, נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטער צייט, נאָך געוווינט אין בוטשינעק, פּאָלאַניעצקי ווידער, אָפּגעמענדיק דעם בריוו אין ביוראָ, האָט אים ראשית־כּל געוויזן די ביגעלס, באַ וועלכע ער איז געווען אויף מיטאָג.

— פון איין זאַך האָב איך הנאה — האָט אַ זאָג געטון פרוי ביגעל, איבערלייענענדיק דעם בריוו — וואָס זי האָט תיכּף חתונה מיט דעם קאַפּאַווסקין, אַ נישט וואָלט איך מורא געהאַט, אַז איגנאַשן זאָל זיך נישט עפּעס צוריק אָפּרופן און געזונט ווערנדיק זאָל ער נישט גרייט זיין זיך אומצוקערן צו איר.

— ניין. זאַווילאָווסקי האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, און

איך מיין, אַז ער וואָלט בשום אופן זיך נישט אומגעקערט — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — ווי מיינסטו, סטאַך?

ביגעל איז אַזוי געוווינט געווען וועגן יעדער זאַך צו פרעגן די מיינונג פון זיין שותף, אַז אויך אין דעם פאַל האָט ער זיך נישט געקענט באַגיין אָן דעם.

— איך מיין, אַז זיי, ווען זיי וועלן זיך אומקוקן, וואָס זיי האָבן געטון, וועלן גיכער גרייט זיין זיך אומצוקערן; וואָס שייך אים, האָב איך שוין אַזוי לאַנג געלעבט און געזען אַזוי פיל אומוואַרשיינלעכע זאַכן, אַז איך קען פאַר קיינעם שוין נישט ערוב זיין.

אין דער רגע האָט זיך פאַלעניצקי ווידער דערמאָנט אָן די ווערטער: „איך ווייס וואָס זי איז, כ'קען אָבער פון איר די נשמה נישט אָפּרייסן".

— און דו אויף זיין אָרט וואָלסט זיך אומגעקערט? — האָט אַ פרעג געטון ביגעל.

— איך מיין, אַז נישט, איך קען אָבער פאַר זיך אויך נישט ערוב זיין. קודם-כל וואָלט איך זיך קיין קויל אין קאָפּ נישט אַריינגעלאָזט. איבעריקנס, ווייס איך קיין זאַך נישט!

און ער האָט דאָס געזאָגט זייער אומגערן. כאָטש ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אויב עמעץ האָט נישט קיין רעכט פאַר זיך ערוב צו זיין, איז דאָס ער גופא טאַקע.

פרוי ביגעל האָט אָבער אָנגעהויבן רעדן:

— איך וואָלט געגעבן וויפיל, איך זאָל זען איגנאַשן, אָבער כלעבן, לייכטער איז אַ פעסטונג צו נעמען, ווי צו צוקומען צו אים. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס פרייִלין העלענאַ היט אים אָפּ אפילו פון אַזעלכע פריינט זייערע, ווי מיר.

— זי היט אים אָפּ פון מענטשן, ווייל דער דאָקטאָר האָט געהייסן ער זאָל זיין לחלוטין רויק. איבעריקנס, זינט ער איז צו זיך געקומען, איז אים זייער אומאָנגענעם דאָס זען, אפילו די פריינטלעכסטע מענטשן. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך. ער קען דאָך מיט זיי נישט רעדן וועגן זיין טאַט, און זעט, אַז יעדער

אייבער, וואָס דערנענטערט זיך צו אים, טראַכט נישט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן אים.

— און איר זענט בײַ אים יעדן טאָג דאָ?

— מען לאָזט מיך צו, מחמת איך האָב אין אַ געוויסער מאָס געהערט צום ענין פון אָנהייב אָן. איך האָב דאָך דער ערשטער אים מודיע געווען וועגן אָפּלאָזן דעם שידוך — און האָב אים דאָך כּלומרשט אָפּגעהיטן.

— ער דערמאָנט אַמאָל נאָך דאָס מיידל?

— כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט בײַ פרײַלין העלענאַ און פרײַלין ראַטקאָווסקאַ; זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז קיין איינמאָל נישט. אַליין זיץ איך לעבן אים שעהן און האָב קיין איינמאָל גאָרנישט געהערט. אַ מאָדנע זאַך: ער איז בײַם באַוווּסטזיין, ווייס, אַז ער איז פאַרוווּנדעט, אַז ער איז קראַנק — מאַכט אָבער אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט לחלוטין נישט געדענקט די פאַרגאַנגענע זאַכן, ווי דער עבר וואָלט פאַר אים קיינמאָל נישט עקזיסטירט. די דאָקטוירים זאָגן, אַז ווונדן אין קאָפּ זענען גורם כּלערליי אַזעלכע אומגעוויינטלעכע דערשײַנונגען. איבעריקנס, דערקענען, דערקענט ער יעדן, ווער עס דערנענטערט זיך צו אים. ער ווײַזט אַרויס גרויס דאַנקבאַרקייט צו פרײַלין העלענאַ און צו פרײַלין ראַטקאָווסקאַ. דער עיקר האָט ער ליב פרײַלין ראַטקאָווסקאַ און בענקט נאָך איר, ווען זי גייט נאָר אויף אַ רגע אַוועק. זיי ביידע אָבער — באמנות! — ס'איז גאָר קיין ווערטער נישטאָ — וואָס פאַר אַן ערלעכע נפשות דאָס זענען:

— מיך רירט דער עיקר, פרײַלין ראַטקאָווסקאַ — האָט אַ זאָג געטאָן פּרוי ביגעל.

ביגעל ווידער האָט זיך אָפּגערופן:

— דאָס אַלץ באַטראַכטנדיק גוט, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט זיך געמוזט אין אים ליבן.

— האָסט בחנם פאַרלוירן צײַט אויפן טראַכטן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — מחמת די זאַך איז קלאָר, ווי די זון. זי האָט געבעך באַהאַלטן אין זיך דאָס געפיל, כּל־זמן ס'האָט זיך נישט געמאַכט דאָס אומגליק. דעריבער האָט זי זיך אָפּגעזאָגט

פון אזא שידוך, ווי שווירסקי. איך מאך נישט פון דעם קיין סוד, ווייל שווירסקי אליין דערציילט עס אין אלע זייטן. אים דאכט זיך אויס, אז עס קומט איר פאר דעם א פארגיטיקונג, ווייל ער האט זי חושד געווען אין ליבע צו קאפאווסקין. ווען זאווילאווסקי האט צו זיך געשאסן, איז זי נאך די אסנאווסקיס צפפאר געווען בא אירס א קרובה, די פרוי מיעלניצקא. דערוויסנדיק זיך אבער, אז פריילין העלענא האט צו זיך גענומען איגנאשן, איז זי געקומען צו איר און אייגגעבעטן זיך צוצולאזן. אלע ווייסן אויסגעצייכנט, ווי דאס צו פארשטיין, זי רעכנט זיך אבער נישט מיט אזעלכע זאכן, פונקט ווי פריילין העלענא.

דא האט פאלאניעצקי זיך געווענדט צו פרוי ביגעל:

— אך, מאדאם! אייך רירט צומיינסט פריילין ראטקאווסקא, גיט אבער א טראכט וואס פאר א טראגישע פיגור עס איז באמת פריילין העלענא. זאווילאווסקי לעבט לכל-הפחות, פלאשאווסקי האט אבער בעסער געצילט און לויט אירע השגות נאך, האט ער אפילו נישט קיין חסד אויף יענער וועלט. און זי האט אים ליב, אט איז א לאגע! ענדלעך נאך איין זעלבסטמארד קומט א צווייטער, צערייצט אלע ווונדן, פרישט אפ אלע זכרונות. פריילין ראטקאווסקא קען זיין ווי רירנדיק, אבער יענע האט איר לעבן איינמאל פאר אלעמאל א צעבראכנס, און האט נישט קיין שום האפנונג, א חוץ יאוש.

— אמת, אכת! זי האט אבער געמוזט זיך צובינדן צו איגנאשן, קוים דאגהט זי אזוי וועגן אים...

— איך פארשטיי, צוליב וואס זי טוט דאס. זי וויל פאר זאווילאווסקיס רעטונג אויסבעטן בא'ס רבונו-של-עולם חסד פאר יענעם.

— דאס קען זיין — האט א זאג געטון ביגעל — זאווילאווסקי ווידער, ווער ווייסט, צי ער וועט נאכן געזונט ווערן נישט חתונה האבן מיט פריילין ראטקאווסקא.

— אויב ער וועט פארגעסן אן יענער, אויב ער וועט זיך נישט צעשרעקן און געזונט ווערן.

— ווי הייסט, אויב ער וועט געזונט ווערן? דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז שוין מחוץ יעדן ספק.

— קיין ספק איז נישט, אַז ער וועט לעבן, אַ פראַגע אָבער איז, צי וועט ער בלייבן דער אַמאָליקער זאַווילאָווסקי. ווען ער זאָל זיך כאָטש נישט געווען לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַריין, וואָלט דאַמאָלס אויך שווער געווען צו זאָגן, צי אַזאַ איבערלעבעניש וואָלט נישט צעבראָכן אַזאַ עקזאַלטירטן מענטש. הייַנט-זשע דער צעבראָכענער קאָפּ! פאַר דעם צאָלט מען דאָך עפּעס. ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין ווייטער, אָבער איצט, למשל, איז ער כלומרשט באַם באַוווסטזיין, רעדט כלומרשט מיט אַ זין. און גיט טייל מאָל זיך אַ פאַרהאַק דאָס פּשוטסטע וואָרט זיך נישט צו דערמאָנען. אַמאָל האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרהאַקט. מאָדנע איז אויך, וואָס זיין נאָמען געדענקט ער גוט, ווען עס גייט אָבער אין עפּעס אַ סאַך, בלייבט ער אָפּטער פאַר אַלץ שטיין, און אָדער ער דערמאָנט זיך מיט גרויס מי, אָדער לחלוטין נישט.

— און וואָס זאָגט דער דאָקטאָר!

— מען האָפט צו גאָט, אַז עס וועט אַריבער — דער דאָקטאָר פאַרליַרט אויך נישט די האָפענונג. דאָך ערשט נעכטן, בשעת איך בין נאָר אַריין, האָט ער אַ זאָג געטון: „מאַדאַם"... און זיך פאַרהאַקט. אים איז משמעות געגאַנגען עפּעס אָן מאַריאַן, אָן וועלכער ער האָט זיך דערמאָנט — ער האָט אָבער נישט געקענט זיך פרעגן וועגן איר. פון טאָג צו טאָג רעדט ער מער — דאָס איז אמת, אָבער איידער ער וועט צו זיך קומען, קען נאָך אַוועקגיין אַ סך צייט, און עפּעס שפּורן קענען תמיד בלייבן.

— מאַריניאַ ווייסט שוין וועגן אַלעם?

— כל-זמן מען איז נישט געווען זיכער, צי ער וועט לעבן, האָב איך אַלץ געהאַלטן בסוד, שפּעטער אָבער האָב איך איר בעסער דערציילט, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען זייער פאָרזיכטיק. דעם גאַנצן סוד האַלטן לעבנער איז געווען שווער. לייט רעדן פון דעם שוין צו פיל, און האָב מורא געהאַט

זי זאָל נישט געהאַר הערן מן־הצד. איך האָב איר אגב געזאָגט, אַז ער איז לייכט פאַרוואונדעט, און עס דראָט אים קיין זאַך נישט, די דאָקטוירים פאַרהערן אים אָבער צו באַזוכן. זי האָט אַזוי אויך געהאַט געוואָלטיק עגמת נפש.

— ווען וועט ער זי נעמען אין שטאָט אַריין?

— כּל־זמן ס׳איז אַ שיין וועטער, וויל איך ליבער זי זאָל זיצן אין דאָרף.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן דער בריוו, וואָס דער דינער האָט דערלאַנגט פּאָלאַניעצקין. דער בריוו איז געווען פון מאַשקאַן און האָט אַנטהאַלטן אָט די ווערטער:

„איך וויל אין דיינע אייגענע אינטערעסן זיך זען מיט דיר, איך וועל אויף דיר וואַרטן בײַ זיך ביז פינפן".

— אינטערעסאַנט, וואָס דער וויל אַזעלכעס? — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

— ווער אַזוינס?

— מאַשקאָ. ער וויל זיך מיט מיר זען.

— געשעפט און געשעפטן — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — דער האָט זיי ביז איבערן קאָפּ. איך חידוש מיך באמת צייטנווייז, פונוואַנען אים קלעקט כּוח און האָב אויף דעם אַלעם, ווייסט, אַז די פרוי קראַסלאַווסקאַ איז געקומען און אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די ראיה? זי זעט שוין גאָרנישט — אָבער לחלוטין גאָרנישט! מיר זענען געווען בײַ די דאַמען פאַרן אַרויספאָרן פון דאָרף. ווו מען גייט זיך אַ קער — מענטשלעכע צרות, אַזאַ רחמנות צוצוקוקן.

— אין אומגליק ווייזט זיך אָבער יעדער איינער אויך אַרויס, וואָס ער איז — האָט אַ זאָג געטון פרוי ביגעל — איר געדענקט, מיר האָבן געהאַלטן פרוי מאַשקאָ פאַר אַ ביסל אַ טרוקענעם כאַראַקטער, דערווייל וועט איר אָבער נישט גלייבן, ווי גוט זי איז צו דער מוטער, זי דערלויבט נישט דער דינסט זיך צוצורירן, פירט זי אומעטום, באַדינט זי, לייענט איר. זי האָט איר געמאַכט אַן אמתן סיורפּריז, ריכטיקער ביידע, מחמת פרוי קראַסלאַווסקאַ האָט אינגאַנצן פאַרלוירן איר אַמאָליקע גאווה.

ס'איז אַ נחת צוצוקוקן, ווי ליב זיי ביידע האָבן זיך. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין פרוי מאַשקאָ איז פאַרט געווען עפּעס אַזוינס, אויף וואָס מיר האָבן זיך נישט דערקענט.

— זיי זענען ביידע געווען אויפגעקאָכט אויף פריילין קאָסטעליס האַנדלונג — האָט צוגעגעבן ביגעל — פרוי קראַסלאָוסקאַ האָט אונדז געזאָגט: „ווען מיין טערקאָ זאָל אַזוי האַנדלען, וואָלט איך, ווי איך בין בלינד און בייטיק זיך אין השגחה, זיך אָפּגעשאָקלט פון איר". פרוי מאַשקאָ איז אָבער אַזוי ווי זי איז, און וואָלט אויף אַזאַ אופן נישט געהאַנדלט, מחמת זי איז גאָר אַן אַנדער מין פרוי.

פּאָלאַניעצקי האָט אויסגעטרונקען זיין שעלעכל שוואַרצע קאַווע און גענומען זיך געזעגענען. יעדער שמועס וועגן פרוי מאַשקאָ איז פון אַ געוויסער צייט אָן געוואָרן אומדערטרעגלעך, א חוץ דעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט ווידער עפּעס אַ קאַפּיטל פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע, וואָס ווערט אַרום אים געשפּילט, און אין וועלכער ער האָט אויך אָפּגעשפּילט זיין געמיינע ראָל. אים איז אויפן רעיון נישט געקומען, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז אפילו אין דער ערגסטער קענען זיך נאָך געפינען עפּעס גוטע עלעמענטן, און אַז פרוי מאַשקאָ, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, קען זיין אַ ליבנדיקע טאָכטער, בכלל האָט ער ליבער וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן, און האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע, וואָס קען עס פון אים פאַרלאַנגען מאַשקאָ. פאַרגעסנדיק, אַז מאַשקאָ האָט אים געשריבן בריוו, אַז ער וויל אים זען נישט אין יענעמס, נאָר אין זיינס אָן ענין גופא, האָט ער מיט אַ געוויסער אומרוקייט געמיינט, אַז ער וויל פון אים ווייטער געלט.

— און איך — האָט ער אַ טראַכט געטון — וועל אים איצט אין דעם נישט אָפּזאָגן.

און אים איז געקומען אויפן רעיון, אַז דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ געווערק פון אַ זייגערל, בשעת איין רעדעלע ווערט עפּעס קאַליע, הייבן אָן אַלע נישט ריכטיק זיך צו דרייען. וואָס פאַר אַ שייכות האָט געקענט האָבן זיין ענין מיט דער פרוי מאַש

קאַ, מיט די געשטעפּטן, מיט זיין קאַסע און זיין סוחרשאַפט? דאָך האָט ער געפילט, אַז אפילו אַלס סוחר האָט ער נישט — לכל-הפּחות בנוגע צו מאַשקאָן — אַזאַ פרייהייט, ווי ער האָט געהאַט אַמאָל.

דאָך האָבן זיינע השערות זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע. מאַשקאָ איז נישט געקומען קיין געלט פאַרלאַנגען.

— איך האָב דיך געזוכט אין ביוראָ און אינדערהיים — האָט ער אַ זאָג געטאָן — ענדלעך האָב איך זיך משער געווען, אַז דו מוזט זיין בײַ די ביגעלס און האָב דיר אַהינגעשיקט די קאַרט. איך וועל מיט דיר רעדן וועגן דיינס און אייגענעם ענין.

— מיט וואָס קען איך דיר דינען? — האָט אַ פרעג געטאָן פאַלאַניעצקי.

— קודם-כל בעט איך דיך, אַז דאָס, וואָס איך וועל דיר זאָגן, זאָל בלייבן צווישן אונדז.

— גוט. איך הער דיך.

מאַשקאָ האָט אַ ווײַלע שווייגנדיק געקוקט אויף פאַלאַניעצקין, ווי ער וואָלט מיט דעם שווייגן איך וועלן צוגרייטן צו עפּעס אַ וויכטיקער ידיעה, ענדלעך האָט ער מיט אַ מאָדנער רויִקייט, אָפּמעסטנדיק יעדעס וואָרט, אַ זאָג געטאָן:

כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז כ'בין פאַרלוירן צון רע-טונג.

— האָסט פאַרשפּילט דעם פּראָצעס?

— ניין. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען ערשט אין עט-לעכע וואָכן אַרום, איך ווייס אָבער, אַז איך וועל עס פאַר-שפּילן.

— פונוואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער?

— געדענקסט וואָס איך האָב דיר געזאָגט אַמאָל, אַז פּראָצעסן וועגן מבטל מאַכן צוואות געווינט מען כמעט תמיד דערפאַר, ווייל דער אָנגריף איז געווייִנטלעך עבערגישער ווי די פאַרטיידיקונג, אַז אין מבטל מאַכן איז עמעץ פאַראינטערעסירט, און אינם איינהאַלט קיינער נישט. צו אַלץ אין דער וועלט קען

מײַן זיך צוטשעפּען, בחמת, הגם ס'איז אין הסכּם מיטן גײַסט פֿון רעכט, איז כּמעט תּמיד, מער אָדער װײניקער געפֿינט זיך עס נישט אין הסכּם מיטן רעכט אות־באות, און געריכטן מוזן זיך אַלעמאָל האַלטן באַם אות.

— יאָ, דאָס אַלץ האָסטו געזאָגט.

— דאָסזעלבע איז אויך מיט דעם פּראָצעס, װאָס איך האָב זיך אונטערגענומען, עס איז נישט געװען אַזױ אַװאַנטוריסטיש, װי דאָס דאַכט זיך. מיר איז אַלץ געגאַנגען אין מבטל מאַכן די צװאה — און איך װאָלט אפשר מסוגל געװען אויפֿצװײַזן אַ טײל נישט געזעצלעכקײטן, װען עמעץ װאָלט אויך זיך נישט באַמיט אַזױ לײדנשאַפֿטלעך אױסצװײַזן, אַז זײ זענען נישטאָ. איך װעל דיר לאַנג נישט ברײען װעגן דעם, גענוג, זאָלסט װיסן זײַן, אַז איך האָב צו טון נישט בלױז מיט אַ קעגנער אַן אַדװאָקאַט — און צו דעם אַ געשמידט אויף אַלע פֿיר, נאָר מיט אַ פּערזענלעכן שונא, װעלכן עס גײט נישט בלױז אין פּראָצעס, נאָר מיך אומצוברענגען. איך האָב פֿון אים אַמאָל אַ תּל געמאַכט, איז ער זיך איצט דאָס נוקם.

— איך פֿאַרשטײ בכלל נישט, װי אַזױ דו האָסט נישט צו טון אױסשליסלעך מיט דעם פּראָקוראַטאָריום.

— װײל דאָס זײַנען פּריװאַטע לעגאַטן און דער צד שכּנגד האָט זיך געװענדט צו דעם שלעדזש. איבעריקנס, לאָמיר דאָס לאָזן. דעם פּראָצעס מוז איך פֿאַרשפּילן. בחמת ער געפֿינט זיך אין די תּנאים פֿון פֿאַרשפּילן, און װען איך זאָל זײַן שלעדזש װאָלט איך אים געװוּנען, פּונקט װי ער װעט אים געװינען. איך װײס עס פֿאָרױס — און נאָר זיך נישט, גענוג שױן מיט דעם.

— װעסטו גײן װײטער; װעסט אָפּ לירן.

— נײן, מײַן ליבער. איך קען װײטער שױן נישט גײן.

— פֿאַרװאָס?

— פֿאַר דעם, װײל כ'האָב חובות מצר, װי האָר אויפֿן קאָפּ, װײל נאָכן ערשטן מאָל פֿאַרשפּיל װעלן זיך מײַנע בעל־

דברים אַ וואָרף טון אויף מיר — זון חייל (דאָ האָט מאַשקאָ נידעריקער געמאַכט זיין שטים) איך מוז אָפּפאָרן...

ס'איז אַנטשטאַנען אַ שווייגן. מאַשקאָ האָט אָנגעשפּאַרט זיין עלנבויגן אָן די קני, דעם קאָפּ אויף דער האַנט און געזעסן אַ צייט איינגעבויגן — אין אַ ווײַלע אַרום ווידער האָט ער, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, ווידער אָנגעהויבן רעדן, ווי צו זיך אַליין:

— ס'האָט זיך איבערגעריסן. כ'האָב פאַרצווייפלט געבונדן, כּל-זמן די הענט זענען מיר נישט אָפּגעשטאַנען; יעדן איינעם וואָלט פאַרפעלט כּוחות. און איך האָב אַלץ געבונדן. איך קען שוין אָבער נישט מער! גאָט זעט, כ'האָב שוין קיין כּוח נישט. יעדע זאַך מוז האָבן איר סוף — און זאָל עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף.

דאָ האָט ער אָפּגעאָטעמט, ווי אַ שטאַרק פאַרמאַטערטער מענטש, נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ זאָג געטון:

— דאָס איז אָבער בלויז מיין ענין, און איך בין געקומען רעדן וועגן דיינע, הער! לויטן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן באַם פאַ־קויפן קושעמיען, האָב איך נאָכן פאַרצעלירן מאַגערוועק באַדאַרפט אָפּצאָלן דיין ווייב; דו פּריוואַט האָסט באַ מיר עטלעכע טויזנט רובל. דיין שווער דאַרף איך צאָלן די לעבנס-רענטע. קום איך דיר זאָגן, אַז אויב נישט אין אַ וואָך אַרום, איז אין צוויי אַנטלויף איך קיין אויסלאַנד. ווי אַן אַנגועצער — און אַז איר וועט פון דעם אַלעם קיין גראָשן נישט זען!

און מאַשקאָ, זאָגנדיק דאָס מיט דער גאַנצער פעסטקייט און חוצפה פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין קיין זאַך נישט צו פאַרלירן, האָט אָנגעהויבן קוקן פאַלאַניעצקין אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט דאָרט זוכן כּעס.

ער האָט אָבער לחלוטין געהאַט אַ טעות. פאַלאַניעצקיס פּנים איז אויף איין אויגנבליק טאַקע טונקל געוואָרן, ווי פון גע-

שטיקטן כעס, אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער זיך באַרויִקט און אַ זאָג געטון:

— איך האָב זיך תּמיד געריכט, אַז עס וועט זיך אַזוי ענדיקן.

מאַשקאַ, וואָס האָט געוווּסט, מיט וועמען ער האָט געטון, האָט גיכער געהאַלטן, אַז פּאָלאַניעצקי וועט אים אָנכאַפּן פאַרן קאָלנער, און געקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג, ווי עס וואָלט זיך אים וועלן פרעגן, וואָס עס איז מיט אים געשען?

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אין דערזעלבער צייט אַ טראַכט געטון:

— ווען ער זאָל נאָך וועלן באַ מיר אויף הלוואות, וואָלט איך אים נישט געקענט אָפּזאָגן.

אויפן קול אָבער האָט ער איבערגעחזרט:

— יאָ. דאָס האָט מען געקענט פאָרויסזען.

— ניין! — האָט געענטפערט מאַשקאַ מיט דער ליידנשאַפט פון אַ מענטש, וואָס וויל זיך נישט שיידן מיטן געדאַנק, אַז אין אַלעם זענען בלויז שולדיק די אומגעוויינטלעכע אומשטענדן — דאָס האָבן קיין רעכט נישט צו זאָגן. איך בין גרייט אַ שעה פאַרן טויט נאָכאַמאָל צו זאָגן, אַז עס האָט געקענט זײַן אַנדערש.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט אַ פרעג געטון, ווי מיט אַ שאָטן פון אומגעדולדיקייט:

— מײַן ליבער, וואָס ווילסטו, אײַגנטלעך, פון מיר?

מאַשקאַ האָט זיך אָפּגעקילט און געזאָגט:

— איך וויל פון דיר גאָרנישט. כ'בין בלויז געקומען צו דיר ווי אַ מענטש, וואָס איז מיר תּמיד געווען געטרײַ, און באַ וועלכן כ'האָב, אַ חוץ געלט-חובות, נאָך געמאַכט גמילות-חסדים — כ'זאָל זיך אָפן מודה זײַן, ווי די לאַגע איז און אַגב דיר זאָגן: זײַ מציל וואָס נאָך קען און וויפיל מען קען.

פּאָלאַניעצקי האָט די צײַן פאַרביסן. ער האָט געמיינט, אַז אין דער איראָניע פון לעבן אַפילו, וואָס איר קריצן האָט ער פון אַ געוויסער צייט אָן כסדר געהערט אַרום זיך, דאַרף זײַן

אַ ביסל מאָס. דערווייל אָבער האָבן מאַשקאָס ווערטער וועגן געטריישאַפט און גמלות־חסדים אויסגעוויזן אים ממש אַלס זיצלכע, וואָס גייען שוין איבער דער מאָס: „זאָל דער רוח כאַפּן דאָס געלט מיט דיר צוזאַמען — אַבי זאָלסט שוין אַ מאָל אַוועקגיין!" — האָט ער אין האַרצן אַ טראַכט געטון.

שטיקנדיק אָבער אין זיך דעם חשק הויך דאָס אַרויסצוזאָגן, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איך זע קיין עצה נישט.

— ס'איז פאַרהאַן בלויז איינע — האָט געענטפערט מאַשקאָ — כּל־זמן לייטן איז נאָך נישט באַוווסט, אַז איך מוז זיך איינברעכן, כּל־זמן ס'געפינען זיך נאָך האָפנונגען מיט דעם פּראָצעס וועגן דער צוואה, כּל־זמן מיין נאָמען און מיין חתימה זענען נאָך עפּעס ווערט — קענסטו פאַרקויפן דיין ווייבס חוב ווען זאָגן דעם קונה, אַז דו ווילסט מאַכן דיין גאַנץ פאַרמעגן צו געלט, אָדער אַזאַ שטייגער. אַ תּירוץ איז לייכט צו קריגן — אַ קונה וועט מען תּמיד געפינען, בפרט נאָך, אַז דו וועסט זיך אַנטשליסן צו פאַרקויפן עס מיט אַ גרויסער הנחה. אַ ליאַדע ייִד וועט עס קויפן אויף געשעפט. איך וויל בעסער עמעץ אַנדערש זאָל היזק האָבן, איידער דו; און דו האָסט געמעגט נישט הערן, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט וועגן מיין קומענדיקן באַנקראָט, און מעגסט האָפן, אַז כ'וועל דעם פּראָצעס געווינען. דו מעגסט זיין באַ דעם זיכער, אַז דער, וואָס וועט באַ דיר אָפּקויפן דעם חוב, וואָלט עס דיר נישט, קווענקלענדיק זיך, פאַרקויפט, הגם ער וואָלט געוווסט, אַז מאָרגן וועט עס נישט ווערט זיין קיין צעבראָכענעם שילינגער. די וועלט איז אַ בערזע, און אויף דער בערזע מאַכט מען דאָס רוב געשעפטן לויט דעם נוסח. דאָס הייסט געשיקטקייט.

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי אָפּגעענטפערט:

— ניין, דאָס הייסט אַנדערש. האָסט דערמאָנט אָן ייִדן: עס זענען פאַרהאַן אַ טייל געשעפטן, וואָס זיי רופן זיי מיט איין וואָרט: „שמוציק" — מיין ווייבס חוב וועל איך מציל זיין אויף אַן אַנדערן אופן.

— ווי דו ווילסט. איך, מיין ליבער, ווייס אויך, וואָס מיין מיטל איז ווערט, נישט קוקנדיק אָבער אויף אַלץ, פאַרשטייסטו מיך, האָב איך זיך געזאָגט, אַז איך מוז עס דיר פאָרלייגן. דאָס איז אפשר די ערלעכקייט פון אַ קומענדיקן אָנזעצער. איך קען שוין אָבער קיין אַנדערס נישט האָבן. דו ביסט זיך לייכט משער, ווי גרינג עס איז מיר פון דעם צו רעדן. איך האָב איבעריקנס געוווסט פאָרויס, אַז דו וועסט אויף דעם נישט מסכים זיין, מיר איז דעריבער בלויז געגאַנגען אין דעם. איך זאָל מיינס אָפּטון, און איצט גיב מיר אַ שעלעכל טיי און אַ גלעזעלע קאָניאַק, ווייל קוים, וואָס איך לעב.

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעקלונגען נאָך טיי און קאָניאַק, מאַשקאָ ווידער האָט ווייטער גערעדט:

— אַ געוויסע צאָל מענטשן מוז זיך באַפעלן, — אויף דעם האָב איך קיין עצה נישט — וויל איך ליבער באַפעלן גלייכגילטיקע, איידער אַזעלכע, וואָס האָבן מיר עפּעס אַ טובה געטון. עס זענען פאַרהאַן לאַגעס, ווען מען דאַרף זיין אַן אָפּאָר-טוניסט בנוגע צום אייגענעם געוויסן.

דאָ האָט מאַשקאָ אַ ביטערן שמייכל געטון:

— איך האָב אַליין נישט געוווסט פון דעם — האָט ער ווייטער געזאָגט — אָבער איצט האָבן זיך געעפנט פאַר מיר נייע האָריזאָנטן. אַ מענטש לערנט זיך ביזן טויט אַריין. מיר, אָנזע-צערס, האָבן איך אַ געוויסן ער-פּונקט, וואָס שייך מיר, גייט מיר ווייניקער אין אַזעלכע, וואָר וואָלטן מיך אויך אין דעם פאַל באַפוילט, ווי אין נאָנטע, וואָס עס קומט באַ מיר דאַנקבאַרקייט. דאָס איז אפשר אַ ריבאַלדישע מאָראַל, אָבער פאַרט אַ מין מאָ-ראַל.

דערווייל האָט דער באַדינער אַריינגעבראַכט טיי. מאַשקאָ, דאַרפנדיק זיך שטאַרקן, האָט צוגעגאָסן אין זיין שעלעכל ביז דער העלפט קאָניאַק און אָפּקילנדיק אויף אַזאַ אופן דאָס קאָכי-קע וואַסער, האָט ער עס מיט איין אָטעם אויסגעטרונקען.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ זאָג געטון:

— מיין ליבער, די לאַנגע קענסטו בעסער פאַר מיר. אַלץ,

וואָס כ'וואָלט דיר געקענט זאָגן קענען דיין פליטה און פאָרן רעגולירן מיט די בעל-דברים, האָסטו זיך מסתמא אַליין געזאָגט; וויל איך דיך בעסער פרעגן עפּעס אַנדערש. האָסט אין וואָס די הענט אַנצוטשעפּען? האָסט כאָטש אויף הוצאות-הדרך.

— כ'האָב. צי מען זעצט אָן הונדערט טויזנט, צי הונדערט צען — איז אַלציינס, איך דאַנק דיר אָבער פאַר דער נאָכפראַגע.

דאָ האָט מאַשקאָ ווידער צוגעגאָסן אַ ביסל קאָניאַק אינם צווייטן שעלעכל טיי אַריין — און אַ זאָג געטון:

— מיין נישט, אַז איך הייב אָן טרינקען אויס יאוש, באַר כ'האָב היינט פון דער פרי אָן זיך נישט אָנידערגעזעצט — און בין געוואַלדיק פאַרמאַטערט. אַך, ווי גוט דאָס האָט מיר געמאַכט. איך וועל דיר איצט זאָגן אָפן, אַז כ'האָב זיך גאָר נישט אונטערגעגעבן. זעסט דאָך, אַז כ'האָב זיך נאָך נישט געלאָזט קיין קויל אין קאָפּ אַריין. דאָס איז מעלאָדראַמע, שוין אויסגענוצט. איך ווייס, אייגנטלעך, אַז דו האָסט זיך פאַר מיר שוין אַלץ געענדיקט, איך וואָלט אויף דעם באָדן סיי ווי סיי שוין נישט געקענט אַרויפשווימען. דאָ זענען פשוט די געשעפטן צו קליינע — און ס'איז נישטאָ קיין פעלד. נעם אַזאַ מערב, אַזאַ פּאַריז! דאָרט מאַכן מענטשן פאַרמעגנס, דאָרט דרייט מען זיך איבער און מען הייבט זיך אויף. וואָס איז פאַרהאַן צו רעדן, אַז אַזוי איז עס. ווייסט, אַז אַזאַ הירש האָט אפשר קיין דריי הונדערט פראַנק נישט געהאַט, ווען ער איז אַרויס פון לאַנד. כ'ווייס! כ'ווייס! פון שטאַנדפּונקט פונם היגן פוילענץ און שטרויזאַק וועט עס אויסזען אַ חלום, אַ פיבער פון אַן אַנזעצער... דאָך מאַכן דאָרט ערגערע פאַר מיר מיליאָנען, — ערגערע... איך וועל טרעפן אַדער פעלן, אויב אָבער איך וועל אַמאָל צוריק אַהערקומען...

און די טיי מיטן קאָניאַק האָבן אים משמעות אָנגעהויבן אונטערהיצן, מחמת צונויפדריקנדיק די הענט, האָט ער צוגעגעבן:

— וועסט זען...

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט זיך אָפּגערופן נאָכמער אומגע-דולדיק, ווי פריער:

— אויב דאָס זענען נישט קיין חלומות איז עס צוקונפט, אָבער איצט וואָס?

איצט — האָט מאַשקאָ אַ זאָג געטון אין אַ ווילדע אַרום — ווען מען מיך האַלטן פאַר אַ שווינדלער — קיינער וועט אָבער נישט אַ טראַכט טון, אַז עס זענען פאַרהאַן כלערליי ירידות... דיר וועל איך זאָגן, אַז כ'האָב בײַ מײַן ווײַב קיין איין אונטער-שריפט נישט גענומען, קיין איין ערבות, און אַז זי וועט האָבן דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט, איידער זי האָט מיט מיר חתונה געהאַט... איך פאַר איצט אָפּ אײנער אַליין און כּל-זמן איך וועל זיך נישט אײנאָרדנען, וועט זי דאָ פאַרבלײַבן מיט דער מוטער. כ'ווייס נישט, צי האָסטו געהערט, אַז פרוי קראַסלאָווסקאַ האָט פאַרלוירן די ראיה. איך קען זיי איצט נישט מיטנעמען, זיי וועלן נאָך קיין זאַך נישט... אָט, אין וואָס עס שטעקט די דראַמע, אָט וואָס עס פּײַניקט מיך..

און מאַשקאָ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שפּיץ קאָפּ, פאַרמאַכנדיק בײַ דעם די אויגן ווי פון יסורים.

— ווען פאָרסטו אָפּ! — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצ-קי.

— כ'ווייס נישט, כ'וועל דיר צו וויסן טון. דו האָסט מיר משמעות געוואָלט פאַרלייגן הילף — קענסט זי מיר געבן, הגם נישט אין מזומנים. פון מײַן ווײַב וועלן לײַט תחילת וויסן. סוליעט זי אַ ביסל צו — נעם זי אונטער דײַן שוץ. מסכּים? דו ביסט געווען אמת טריי, און כ'ווייס, אַז דו ביסט איר אויך טריי.

— בנאמנות, ס'איז משוגע צו ווערן! — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי.

הויך אָבער האָט ער אַ זאָג געטון:

— מסכּים!

— כ'דאַנק דיר פון טיפן האַרץ. נאָך אַ בקשה. דו האָסט אויף בײדע פרויען אַ גרויסע ווירקונג. זיי גלייבן אַלץ, וואָס דו וועסט זאָגן. פאַרטיידיק-זשע מיך אַ ביסל די ערשטע צײַט פאַ-

מײַן װײַב. גיב איר צו פֿאַרשטײן, אַז נישט־ערלעכקײט איז עפּעס אַנדערש, און אומגליק איז עפּעס אַנדערש. איך בין, באמונה, נישט אַזאַ לומפּ, װי מענטשן װעלן מיך האַלטן. זעסטו, איך האָב מײַן װײַב אױך געקענט אַרײַנציִען אין דער צרה. איך װאָלט עס אָבער נישט געטאָן; איך האָב פֿון איר אױך געקענט אַרױסציִען עטלעכע טױזנט רובל — און דאָך װיל איך עס בעסער נישט טאָן. דו װעסט איר דאָס אַלץ מסוגל זײַן פֿאַרצושטעלן — און זי װעט דיר גלײבן. מסכּים?

— מסכּים — האָט איבערגעחזרט פּאָלאַניעצקי.

און מאַשקאָ האָט נאָכאַמאָל אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט די הענט און אָנגעהױבן חזרן מיט אַן אײַנגעצױגן געזיפֿץ פֿון ייִדישע יסורים:

— אָט אין װאָס עס שטעקט די אמתע רױן! אָט װאָס עס טוט דער עיקר װײ.

און אין אַ װײַלע אַרום האָט ער זיך גענומען געזעגענען, דאַנקענדיק באַ דעם נאָכאַמאָל פֿאַר דער פֿרײַנטלעכקײט צו זײַן װײַב און פֿאַר דער קומענדיקער השגחה איבער איר.

פּאָלאַניעצקי איז אַרױס מיט אים צוזאַמען, זיך אַרײַנגעזעצט אין קאָטש און זיך געלאָזט קײן בושינעק.

אױפֿן װעג האָט ער געטראַכט װעגן מאַשקאָן, װעגן זײַן מזל, אָבער גלײַכצײַטיק צו זיך געחזרט: „איך בין אױך באַנקראָט“! — און דאָס איז אמת געװען. אַ חוץ דעם, האָט פֿון אַ געװיסער צײַט אָן אים געפּײַניקט עפּעס אַן אַלגעמײנער, נישט אױסרעדעװדיקער אומרו, מיט װאָס ער האָט זיך קײן עצה נישט געקענט געבן. ער האָט אַרום זיך געזען אַנטױשונגען, מפּלות, רױן, — און האָט נישט געקענט גובר זײַן דאָס געפֿיל, אַז דאָס אַלץ איז פֿאַר אים אױך עפּעס אַ מין אָנזאָג און אַ דראָאונג אױף להבא. אמת ער האָט זיך געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז אַזעלכע מינים שרעקן לאָזן זיך מיטן שכל נישט אױסרעדן, דאָך האָט דער פּחד נישט אױפֿגעהערט ערגעץ שטעקן אױף דער דעק פֿון זײַן נשמה. און אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער װידער צו זיך זאָגן: „פֿאַרװאָס זאָל איך דאָס עפּעס זײַן אַן אױסנאָם?“ דאַמאָלס פֿלעגט זײַן

האַרץ אָנכאַפן אַ פאַרגעפיל פון אומגליק. דאָס איז נאָך ערגער געווען פון די שפּילקעס, וואָס אים האָבן נישט ווילנדיק אַריינגעשטאָכן, מיט אַ ליאַדע וואָרט, אַפילו די געטרייעסטע מענטשן. בכלל האָבן זיינע נערוון די לעצטע צייט אַזוי שטאַרק געליטן, אַז ער איז כמעט געוואָרן אַבערגלייביק. יעדן טאָג פלעגט ער קומען קיין בוטשינעק אָן אומרויִקער, צי איז אין זיין אָפּוועזנהייט נישט געשען עפּעס בייז.

דאָס מאָל האָט ער צוליב מאַשקאָן צוריקגעקערט שפּעטער ווי אַלעמאָל און איז שוין בין־השמשות־צייט אָנגעקומען. אויסשטייגנדיק פאַרן גאַנעק אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט איינגעהאַלטן דאָס גערויש פון די רעדער, האָט ער דורכן פענסטער באַמערקט מאַריניאַן, פרוי עמיליאַ און דעם פּראָפעסאָר, וואָס זענען געזעסן באַם טיש אינמיטן זאַלעכל. מאַריניאַ האָט געלייגט פּאַסיאַנס און משמעות פאַרטייטשט עס פרוי עמיליאַ, מחמת דער קאָפּ איז געווען אויסגעדרייט צו יענער און דעם פינגער האָט זי געהאַלטן אויף אַ קאָרט. פּאָלאַניעצקי, דערזעענדיק זי, האָט אַ טראַכט געטון דאָס, וואָס ער האָט פון אַ צייט אָן כסדר געחזרט צו זיך, און וואָס גלייכצייטיק האָט עס אים אָנגעפילט מיט אַ געפיל פון גליק און אַ נאָך גרעסערן פאַר זיך צער: „דאָס איז די ריינסטע נשמה, וואָס איך האָב אין לעבן ווען געטראָפן!" — און מיט דעם געדאַנק איז ער אַריין אין צימער.

— האָסט דיך הײַנט פאַרשפּעטיקט — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ, בשעת ער האָט באַם באַגריסן זיך אויפגעהויבן איר האַנט צו די ליפּן — מיר וואַרטן אָבער אויף דיר מיטן אָוונטברויט.

— מאַשקאָ האָט מיך פאַרהאַלטן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — וואָס הערט מען דאָ?

— ווי אַלעמאָל. אַלץ אין אָרדנונג.

— און דו ווי פילסט זיך?

— ווי אַ פיש — האָט זי פריילעך געענטפערט צוריקקנדיק אים דאָס פּנים אויף אַ קוש.

באַלד דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן אויספרעגן אויף זאַווי-

לאָזסקין. פּאָלאַניעצקי האָט, נאָך דעם אומאָנגענעמען שמועס מיט מאַשקאָן, דאָס ערשטע מאָל פריי אָפּגעאָטעמט. „זי איז געזונט און אַלץ איז אין אָרדנונג!" — האָט ער אַ טראַכט געטון עפּעס אַ פאַרחידושטער. און אים איז באמת גוט געווען אין דעם ליכטיקן אַלעכל, אין דער געהאַלטיקער רו, צווישן די פריינטלעכע נשמות און לעבן דעם נאָענטסטן וועזן, אזא זיכערן און גוטן. ער האָט געפילט, אַז דאָ איז געווען אַלץ, וואָס מען דאַרף האָבן צום גליק. גלייכצייטיק אָבער האָט ער געפילט, אַז ער האָט דאָס גליק אַליין בידים צעשטערט, אַז ער האָט אין דער ריינער הימישער אַטמאָספערע אַריינגעטראָגן עלעמענט פון פאַרדאַרבנקייט און שלעכטס — און אַז אינטער אזא דאַך וווינט אומרעכט.

XVII

האַלב סעפּטעמבער זענען די טעג געוואָרן אַזעלכע קאַלטע, אַז די פּאָלאַניעצקי'ס האָבן זיך איבערגעצויגן פון בוטשינעק אין זייער שטאָטישער דירה אַריין. פּאָלאַניעצקי האָט צום ווייבס אָנקומען זי אויפגעפרישט און באַצירט מיט בלומען. אים האָט זיך טאַקע אויסגעדאַכט, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס רעכט זי ליב צו האָבן, ער האָט אָבער בלויז פאַרלוירן זיין אַמאָליקע פרייקייט צו איר, פאַר דעם און אפשר טאַקע צוליב דעם, איז ער געוואָרן צו איר מער אויפמערקזאַם און העפלעך. רעכט ליב צו האָבן גיט קיינער נישט, און קיינער קען עס נישט פאַרנעמען. גאָר עפּעס אַנדערש איז, אַז אַ מענטש האַלט, בשעת זיין ירידה און בנוגע אַ סך אַן איידעלערער נשמה, אַז ער איז זי נישט ווערט. דאָמאָלס האָט ער ליב מיט הכנעה און דערוועגט זיך נישט אָנצורופן זיין געפיל מיטן אמתן נאָמען. וואָס פּאָלאַניעצקי האָט יאָ פאַרלוירן איז, זיין זיכערקייט, זיין ברייטקייט און זיין אַמאָליק נישט צערעמאָנירן זיך מיטן ווייב. איצט זענען צייטנווייז געווען אינם באַגיין זיך זיינס מיט איר אַזעלכע טענער, ווי זי וואָלט

נאָך געווען פרײַלין פּלאַוויצקאַ, און ער דער נישט זיכערער אין זײַן גורל פּרעטענדענט.

זײַן נישט־זיכערקייט האָט אָבער צײַטנווײַז געמאַכט אַן אײַנדרוק פון קאַלטקייט. סוף־כּל־סוף איז זײַער באַציִונג, נישט קוקנדיק אויף דער גרעסערער אויפמערקזאַמקייט און באַציִונג מצד פּאָלאַניעצקין, געוואָרן אַ ווײַטערע, ווי פריִער. „איך האָב נישט קיין רעכט!" — אָט, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט זיך געחזרט בײַ יעדן לעבעדיקן ריר פון האַרץ. און מאַריניאַ האָט ענדלעך באַמערקט, אַז זיי לעבן עפּעס איצט צווישן זיך אַנדערש, זי האָט עס אָבער אויסגעטײַטשט זיך מיט פאַרשיידענע טעמים.

קודם־כּל זענען בײַ זיי אין הויז געווען געסט, וואָס אַ זײַער אַנוועזנהייט האָט די פרײַהייט פון צוזאַמענלעבן, ווי די מעשה זאָל נישט זײַן, געמוזט פאַרקלענערט ווערן. שנית, האָט זיך געמאַכט דאָס אומגליק מיט זאַווילאָווסקין, וואָס האָט פּאָלאַניעצקין געקענט אויפרודערן און אָפּווענדן זײַן געדאַנק אין אַן אַנדערער זײַט אַרײַן, ענדלעך איז מאַריניאַ שוין צוגעוווינט געווען צו פאַרשיידענע שינויים אין „סטאַכס" כאַראַקטער און האָט זיי אויפגעהערט צוצושרײַבן אַזוי פיל באַדײַטונג, ווי אַמאָליקע צוגעבונדענע צײַטן.

דורכגייענדיק דורך לאַנגע שעהן צער און רעיונות, איז זי סוף־כּל־סוף געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז די ערשטע צײַט, כּל־זמן געוויסע נישט גלײַכקייטן און אויסבייגונגען פון כאַראַקטער ווערן נישט אײַנגעפּאַסט אין איין געמיינזאַמער ליניע, זענען אַזעלכע פאַרשיידענע שינויים און שטיפונגען אין צוזאַמענלעבן אומפאַרמײַדלעכע. אָבער איבערצײַגנדיקע זאַכן איר האָט אויך מיטגעהאָלפן אײַנזען דעם אמת פרוי ביגעלס שׂכל הישר, וואָס האָט אײַנמאָל, בשעת מאַריניאַ האָט פאַר איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אירע אויסגעצייכנטע באַציִונגען מיטן מאַן, אַ זאָג געטאָן:

— ע, נישט מיטאַמאָל איז עס געקומען צו דעם. תּחילת האָבן מיר זיך כּלומרשט ליב געהאַט מיט מער פּלאַץ. מיר זענען אָבער געווען ווייניקער צוגעפּאַסט, איינער האָט אַמאָל בע־

צוויגן אין איין זייט אריין. מיר האָבן אָבער ביידע געהאַט אין זיך ערלעכקייט און גוטן ווילן. דער אייבערשטער האָט דאָס גע־זען און אונדז געבענטשט. נאָכן ערשטן קינד איז תיכף אוועק פון בעסטן — און הייַנט וואָלט איך מיין אַלטן קאָטער נישט אַוועק־געגעבן פאַר אַלע אוצרות אין דער וועלט. הגם ער ווערט מער דיק, און אַז איך רעד אים צו צו קאַרלסבאַד, וויל ער אַפילו נישט הערן.

— נאָכן ערשטן קינד? — האָט מיט גרויס אינטערעס אַ פרעג געטון מאַריניאַ — אַהאַ! איך וואָלט תיכף געוועט גע־טראָפן, אַז עס איז געקומען נאָכן ערשטן קינד האָבן.

פרוי ביגעל האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— ווי אַמיזאַנט ער איז געווען, ווען דאָס ערשטע יינגל איז בײַ אונדז געבוירן געוואָרן! די ערשטע טעג האָט ער קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר אַרויפגערוקט דיברילן אויפן שטערן, זיך צוגעקוקט צו אים, ווי צו עפּעס אַן אויסטערלישער בריאה, נאָכדעם איז ער אַריין צו מיר און געקושט די הענט.

דאָס ריכטן זיך אויפן קינד האָט אויך גורם געווען, וואָס מאַריניאַ האָט נישט גענומען זיך אַזוי צום האַרץ דעם נייעם שנוי בײַ סטאַכן. ראשית האָט זי צוגעזאָגט זיך אים צו בײַצוגעבן, ווי עס געהער צו זיין, — אויך מיטן קינד (וואָס זי איז געווען פאַרויס איבערצייגט, אַז עס וועט זיין ממש אויף חידושים) — און מיט איר שיינקייט נאָך דער קינפּעט, שנית, האָט זי גע־רעכנט, אַז איצט טאָר זי נישט טראַכטן וועגן זיך, און אַפילו נישט אויסשליסלעך וועגן סטאַכן זי איז איצט געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַן אָרט פאַרן קומענדיקן אורח. הן אין הויז, הן אין דער נשמה זי האָט געפילט, אַז דאָס נפשל דאַרף מען וויקלען נישט בלויז אין ווינדעלעך, נאָר אויך אין ליבע. און זי האָט דעריבער געזאַמלט די געהעריקע ר זערוו. זי האָט אגב זיך געזאָגט, אַז דאָס לעבן אין צווייען קען זיין פאַרשידן, אין דרייען קען עס נישט זיין בלויז גליק און דאָס דערפילן זיך פונם דערוואַרטן לייטזעליקייט אין חסד פון גאָט.

בכלל האָט זי אין דער צוקונפט געקוקט זייער לעבהאַפט.

אויך פּאָלאַניעצקי איז ענדלעך פאַר איר געווען עפּעס אַן אַנ-דערער, עפּעס אַן עסטעטישער און ווייכערער, האָט ער פאַר-דעם אָבער געהאַט אַזעלכע דעליקאַטע מידות, וואָס ער האָט פריער נישט געפלעגט האָבן. די דאגה און מידעקייט, וואָס זי האָט געזען אויף זיין געזיכט, האָט זי צוגעשריבן זיין צוגעבונדנ-קייט צו זאַווילאָווסקין, וואָס זיין לעבן האָט שוין נישט דערוועקט קיין שרעק, אָבער וואָס זיין אומגליק האָט זי אַליין מיט איר ווייבעריש האַרץ געפילט, פאַרשטייענדיק, אַז עס קען דויערן אַזוי לאַנג, ווי דאָס לעבן. דאָס צו פאַרשטיין האָט געגעבן נישט איין מינוט טרויער הן איר, הן די ביגעלס און אַלע. זאָס זאַווי-לאָווסקי איז געוואָרן נאָנט.

אַ חוץ דעם, זענען איבעריכן נאָך די פּאָלאַניעצקיס אָנקומען אין שטאָט אַריין דערגאַנגען פון אָסטענדע ידיעות, וואָס האָבן געדראָט מיט נייע פאַרוויקלונגען אין דער צוקונפט. אין איין שיינעם פרימאָרגן איז שווירסקי אַריינגעפאַלן, ווי אַ באָמבע אין ביוראָ אַריין און נעמענדיק ביגעלן מיט פּאָלאַניעצקין אַריין אין אַ חדר-מיוחד, אַ זאָג געטון זי מיט אַ געהיימער מינע:

— איר ווייסט, וואָס עס איז געשען? קרעסאָווסקי איז בא מיר געווען, ער איז נעכטן ערשט געקומען פון אָסטענדע. אָסנאָווסקי איז זיך צעגאַנגען מיטן ווייב און אָנגעבראָכן קאָפּאָווסקין די ביינער. אַ גרויסאַרטיקער סקאַנדאַל. גאַנץ אָסטענדע רעדט נישט פון עפּעס אַנדערש, נאָר פון דעם.

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן אונטערן איינדרוק פון דער ידיעה, ענדלעך האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון:

— דאָס האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט קומען. אָס-נאָווסקי איז געווען בלינד.

— און איך פאַרשטיי דאָס גאָרנישט — האָט צוגעגעבן ביגעל.

— אַן אומדערהערטע געשיכטע — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן אויף אַזאַ מין זאַך.

— וואָס זאָגט קרעסאָווסקי?

— קרעסאָווסקי דערציילט, אַז אַ באָזאָוסקי האָט זיך איינמאָל געהאַט עפּעס באַשטעלט מיט ענגלענדער מיטצופֿאָרן קיין בלאַנקענבערג אויף צושיסן דעלפֿינען. דערווייל האָט ער זיך פֿאַרשפּעטיקט אויף דער באַן, צי אויפֿן טראַמוויי. האָבנדיק נאָך אַ שעה צייט, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים און דאָרט געטראָפֿן קאַפּאָווסקין. איר קענט אייך פֿאָרשטעלן, וואָס ער האָט געמוזט זען, קוים האָט אַזאַ רויִקער מענטש זיך אויפֿגערעגט און פֿאַרלוירן אויף אַזוי פֿיל דעם קאָפּ, אַז ער האָט אָן שום אַכט אויף אַ סקאַנדאַל אָנגעבויקערט אַזוי קאַפּאָווסקין, אַז יענער ליגט.

— ער איז אַזוי געווען פֿאַרליבט אין זיין פֿרוי, אַז ער האָט אפֿילו געקענט משוגע ווערן, אָדער זי דערהרגענען — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — וואָס פֿאַר אַן אומגליק פֿאַר אַ מענטש!

— אָט, וואָס פֿרויען זענען! — האָט אויסגעשריגן שווירסקי.

פּאָלאַניעצקי האָט געשוויגן. ביגעל, וואָס אָסנאָווסקי איז אים געוואַלטיק אַ שאָד געווען, האָט אָנגעהויבן זיך דרייען איבערן צימער. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן פֿאַר שווירסקין און, אַריינשטעקנדיק די הענט אין די טאַשן, אַ זאָג געטון:

— און, נאָך אַלעם פֿאַרשטיי איך דאָ גאָרנישט.

שווירסקי ווידער, נישט ענטפֿערנדיק גלייך, האָט אַ זאָג געטון, ווענדנדיק זיך צו פּאָלאַניעצקין:

— איר געדענקט, וואָס איך האָב וועגן איר געזאָגט אין רוים — דאַמאָלס, ווען כ'האָב געוואָלט אייער פֿרויס פּאָרטרעט? דער אַלטער זאַוילאָווסקי האָט די אָסנאָווסקאַ גערופֿן הייבנלאַרק, איצט פֿאַרשטיי איך, ווי ריכטיק דאָס איז געווען; מחמת אַ הייבנלאַרק האָט נאָך אַ נאָמען: „מיסטכליגנו!" וואָס פֿאַר אַ פֿרוי דאָס איז! איך האָב געוווסט, אַז זי איז קיין סך נישט ווערט, כ'האָב מיך אָבער נישט גערעכנט, אַז זי זאָל אַזוי ווייט דערגיין... און צו דעם נאָך מיט אַזאַ קאַפּאָווסקין!... איצט זע איך קלאָרער פֿאַרשיידענע זאַכן! קאַפּאָווסקי פֿלעגט דאָך דאָרט כסדר זיצן. כלומרשט זיך געשדכנט צו פֿריילין קאַסטעלי, באַדעם כלומרשט צו פֿריי־

לין רזשעטשקאָווסקאַ, זיי האָבן אָבער משמעות זיך צונויפגערעדט און געפונען אַן אײַנשטעל צום שותפות. וואָס פאַר אַ פריילעכער יינגאַטש! קאַסטעלקאַן צו מיטאָג, און די אָסנאָווסקאַ צום דעסערט! אַזעלכן איז גוט!... צווישן די ביידע האָט זיך געמוזט גיין אַ קאָנקורענץ. איינע האָט צוליב דער צווייטער געמאַכט הנחות, כדי אים צוצוציען צו זיך. איר מיינט, אַז דאַרף האָט די אייגנליבע פון פרויען געשפּילט אַ קנאַפּע ראָל?

— איר זענט פולקום גערעכט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — די אָסנאָווסקאַ איז תמיד געווען די גרעסטע קעגנערין פון קאַפּאָווסקיס שידוך מיט קאַסטעלקאַן און דעריבער האָט זי מסתמא אַזוי שטאַרק איר געשדכנט פאַר איגנאַשן. בשעת יענע האָבן, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, זיך באַוויזן צונויפצורעדן, האָט זי זיך געלאָזט אויף אַלץ, כדי צו לאָזן פאַר זיך קאַפּאָווסקי. זייער באַציונג איז שוין אַן אַלטע מעשה.

— אַ ביסל הייב איך אָן צו פאַרשטיין — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — אָבער ווי טרויעריק דאָס איז.

— טרויעריק? — האָט אַ פרעג געטון שווירסקי — פאַרקערט! קאַפּאָווסקין איז געווען זייער פריילעך!... הגם — ניין! „דער אָנהייב פון ביזן איז ליב, אָבער דער סוף איז טרויעריק!" ס'איז אים נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. איר ווייסט, אַז אָסנאָווסקי איז אַ ביסל שוואַכער פאַר מיר, מחמת ער האָט מורא געהאַט דיק צו ווערן אויס קאָקעטישקייט צום ווייב און פלעגט פון דערפרי ביזן אָוונט זיך אָפּגעבן מיט פאַרשידענע ספּאָרטן. אָך, ווי ער האָט זי ליב געהאַט! וואָס פאַר אַ גוטער מענטש דאָס איז — און וואָס פאַר אַ שאָד ער איז מיר! די פרוי האָט אַלץ אין אים געהאַט: דאָס האַרץ, דאָס פאַרמעגן, אַ הינטישע צוגעבונדנקייט — און זי האָט אַלץ צעטרעטן. אַזאַ קאַסטעלי איז לכל-הפחות נאָך קיין חייב נישט געווען.

— און זיי זענען זיך אמת צעגאַנגען?

— אַזוי ווייס, אַז זי איז אמת שוין אפילו אָפּגעפאָרן. וואָס דאַרף האָט געמוזט זיין, קוים האָט אַזאַ אָסנאָווסקי זי אָפּגעלאָזט — איז בנאמנות שווער צו באַטראַכטן.

ביגל אָבער, וואָס האָט ליב געהאַט די זאַכן צו נעמען פון דער פּראַקטישער זייט, האָט אַ זאָג געטון:

— כ'בין נייגעריק צו וויסן, וואָס זי וועט טון? דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז דאָך זיין. וועט ער זי מסתמא נישט לאָזן פון הונגער שטאַרבן. דאָס איז נישט דער מין מענטש. קרעסאָווסקי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געבליבן אין אָסטענדע און וויל נאָך קאַפּאַווסקין אַרויסרופן אויף אַ דועל. קאַפּאַווסקי מוז אָבער נאָך אַ וואָך צייט משמעות ליגן. ס'וועט נאָך זיין אַ דועל אויך. פרוי בראָניטש מיט פריילין קאַסטעלי זענען אויך אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז.

— און די חתונה מיט קאַפּאַווסקין?

— וואָס ווילט איר? פאַרשטייט זיך, אַז צוליבן אָפענעם פאַרראַט מצד דעם געליבטן איז עס אויס. בייזע מעשים — ווערן נישט פאַרפאַלן. זיי זענען אויך אַריין אין אַ זומפּ. האָ! זאָלן זיי זוכן אין אויסלאַנד עפעס אַ פירשט קראַפּילעסקי. מחמת נאָכדעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטון מיט איגנאַשן, וואָלט אַזאַ קאַסטעלי געקענט נעמען סיידן אַ שווינדלער, אָדער אַ טיפּש. זאַוויזלאַווסקי וועט זיך דאָך צו איר נישט אומקערן.

— איך האָב אויך דאָס אייגענע געזאָגט פּאָלאַניעצקין — האָט זיך אָנגערופן ביגעל — און ער האָט מיר אויף דעם געענטפערט: „ווער ווייסט.“

— ע? — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — איר מיינט עס טאַקע באמת?...

— איך ווייס נישט! איך ווייס גאָרנישט! — האָט געענטפערט, ווי עפּעס אויפגעבראַכט, פּאָלאַניעצקי — איך גאַראַנטיר פאַר קיין זאַך נישט, פאַר קיינעם נישט און פאַר זיך אויך נישט!

שווירסקי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג.

— האַ, אפשר איז ער גערעכט — האָט ער אַ זאָג געטון אין אַ ווייִלע אַרום — ווען עמעץ זאָל מיר נעכטן געוועזן זאָגן,

אַז די אָסנאָווסקיס וועלן זיך חען עס איז צעגיין, וואָלט איך אים געהאַלטן פאַר אַ מטורף.

און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען, כאָטש ער האָט זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. אַ חוץ דעם, וועלנדיק נאָכאַמאָל הערן די מעשה-אָסנאָווסקי מיט אַלע פּרטים, האָט ער זיך געהאַט באַשטעלט מיט קרעסאָווסקין אויף מיטאָג. ביגעל מיט פּאָלאָניעצקין זענען געבליבן אַליין.

— ב״יז דאַרף מען תמיד אָפּצאָלן — האָט נאָכן כאַפּן אַ געדאַנק אַ זאָג געטון ביגעל. — ווייסט אָבער, וואָס איך טראַכט? ווי נידעריק אונדזער באַראָלישער ביזנעס ווערט... נעם אַזאַ בראָניטש, אַזאַ קאַסטעלי, אַזאַ אָסנאָזסקאַ... ווי אומערלעך, ווי פאַרדאָרבן און ווי נאַריש צו דעם אַלעם דאָס איז! עפּעס אַ געמיש, דער רוח חייסט פון וואָס, עפּעס מיט פּרעטענזיעס אָן אַ גבול, און באַ דעם נאַטורן פון הויז-מיידלעך! ס׳איז אַזש נודנע צו טראַכטן — אמת? און אַזעלכע מענטשן, ווי איגנאַש, אָדער אָסנאָווסקי, צאָלן פאַר דעם.

— און מיט לאָגיק איז מען עס נישט תופס — האָט מרה-שחורהדיק אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי.

ביגעל האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער, טשמאָקען און דרייען מיטן קאָפּ — פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן פאַר פּאָלאָניעצקין מיט אַ צעשטראָלט געזיכט און, קלאַפּנדיק אים איבערן אַקסל, אַ זאָג געטון:

— נו, מײַן אַלטער! דו און איך מעגן זיך זאָגן, אַז אין דער לעבנס-לאָטעריי האָבן מיר אַרויסגעצויגן גרויסע לאָסן. מיר זענען אויך נישט געווען הייליק, אָבער עס קען זײַן, אַז דער רבונו-של-עולם האָט אונדז געשאָנקען גליק, ווײַל מיר האָבן זיך נישט אונטערגעגראָבן אַזביש אונטער פרעמדע הײַזער.

פּאָלאַניעצקי האָט קיין זאַך נישט געענטפערט, נאָר זיך אָנגעהויבן צו קלויבן צום אַוועקגיין.

עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטון אַרום, אַלץ וואָס ער האָט געהערט אַרום, האָט געשאָסן אַ מין זעג, וואָס האָט געריסן זײַנע נערוון.

צו דעם האָט ער געפֿילט, אַז דאָס איז נישט בלויז שרעק-
לעך פּייניקלעך און חײַשיקלעך, נאָר עס הייבט שוין אָן
זײַן לעכערלעך. מינוטנווײַז פֿלעגט אים קומען אויפֿן רעיון צו
נעמען מאַריניאַ און זיך פֿאַרגראָבן מיט איר ערגעץ אין אַ
פֿאַרוואָרפֿן דאָרף, אַבי ווײַט פֿון דער אומדערטרעגלעכער קאָ-
מעדיע פֿון לעבן, וועלכע איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שמוצי-
קער. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז טון וועט ער עס שוין נישט,
שוין צוליב דעם טעם, וואָס מאַריניאַס צושטאַנד איז אַ מניעה
צו דעם. ער האָט אָבער איבערגעריסן די שוין כּמעט פֿאַרענ-
דיקטע אונטערהאַנדלונגען וועגן בוטשינעק, כּדי אָפּצוקויפֿן פֿאַר
זיך עפּעס אַ ווײַטערע און ווייניקער צוטריטלעכע זומער-וווינונג
בכלל האָבן די באַציונגען מיט מענטשן, אים אָנגעהויבן זײַן גע-
וואַלטיק צו לאַסט. ער האָט אָבער געפֿילט, אַז ער געפֿינט זיך
אינם געווירבל און וועט זיך פֿון אים נישט אַרויסדרייען.

צײַטנווײַז פֿלעגט זיך אין אים אויפֿוועקן דער אַמאָליקער, פֿול
מיט ענערגיע און ניכטערקייט, מענטש, וואָס האָט זיך אַליין מיט
חידוש געפֿרעגט, וואָס איז דאָס צו אַלדי רוחות! פֿאַרוואָס וואַקסט
מיר אָן אַזאַ חטא, וואָס לײַט באַניין טויזנטער יעדן טאָג אָן שום
מאָס? דער חוש פֿאַר אמת אָבער פֿלעגט אים דאַמאָלס ענטפֿערן,
אַז פּונקט ווי ס'איז אין דער מעדיצין נישט פֿאַרהאַן קיין קראַנק-
הייט, נאָר קראַנקע, אַזוי איז אין דער וועלט פֿון מאָראַל נישט
פֿאַרהאַן קיין שולדן, נאָר שולדיקע. וואָס איינער טראָגט לײַכט
איבער, — צאָלט דער אַנדערער פֿאַר דעם מיטן לעבן. און ער
האָט חנ זיך געפּרוּווט פֿאַרשטעלן זײַן שולד. אַלס אַ מענטש
מיט פּרינציפּן, אַלס אַ מענטש, וואָס האָט ערשט מיט אַ האַלב
יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט אַזאַ פֿרוי ווי מאַריניאַ, אַלס אַ
מענטש, וואָס אינגיכן האָט אים געוואַרט צו ווערן אַ פֿאָטער, איז
עס געווען אָן אַ מאָס. — און אַזוי אומפֿאַראַנטוואָרטלעך, אַזוי
אומדערהערט, אַז ער פֿלעגט טײַלמאָל ממש שטוינען, ווי ער האָט
עס געקענט באַגיין.

איצט, אומקערנדיק זיך אַהיים, אונטערן אײַנדרוק פֿון אָס-
באָווסקיס אומגליק און דרייענדיק דאָס אין מוח אויף פֿלערליי

אופנים האָט ער ווידער געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ געוויס: טייל אחריות פאַר דעם, וואָס עס איז געשען, וואָלט אויך געלעגן אויף אים. „בחכמת איך — האָט ער צו זיך געזאָגט — בין אַ אַק-ציאָנער אין דער פאַבריק, וואָס שאַפט אַזעלכע באַציונגען, אַז אַזעלכע פרויען, ווי קאַסטעלי אָדער זאַסנאָווסקאַ." נאָכדעם איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז ביגעל איז גערעכט, אַז דער מאַ-ראַלישער ניוואָ ווערט נידעריקער — און אַז די אַלגעמיינע שטי-מונג וואָס שליסט נישט אויס די מעגלעכקייט פון ענלעכע מעשים, איז ממש אַ געפערלעכע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ האָט ניט געשטאַמט נישט פון אויסערגעוויינטלעכע אומ-גליקן, נישט פון אומגעוויינטלעכע תאוות, נישט פון צופעליקע רחבות פון דער נאַטור, נאָר פון געזעלשאַפטלעכער הפקרות. און אַז דער נאָמען פון דידאָזיקע אָפּדייכונגען איז: אַ לעגיאָן. „אָט — האָט ער אַ טראַכט געטון — נאָר אין קרייז פון מיינע באַקאַנטע איז די מאַשקאָ, די אָסנאָווסקאַ, פרייַלין קאַסטעלי — און וועמען וויל איך קענען זיי אַרויסשטעלן? — איין מאַריניאַן מיינע!" — און באותו־הרגע איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז אַחוץ מאַריניאַן איז אין זיין קרייז נאָך פאַרהאַן פרוי עמיליאַ, און פרוי ביגעל, און פרייַלין זאַזילאָווסקאַ, און פרייַלין ראַט-קאָווסקאַ.

מאַריניאַ האָט זיך אים געמאָלט ווידער אויפן פאָן פון פאַרדאַר-בקייט און לייכטזיניקייט אַזוי נישט ענלעך צו יענע, אַזוי ריין און אַזוי זיכער, אַז ער איז גערירט געוואָרן ביז טיף אין דער נשמה שוין באַם בלויזן דערמאָנען זיך. „דאָס איז אַן אַנדערע וועלט, דאָס איז אַן אַנדער מין!" — האָט ער אַ טראַכט געטון. — אַ ווײַלע האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אָסנאָווסקי האָט זיין ווייב אויך געהאַלטן פאַר אַן אויסנאַם, ער האָט אָבער תיכף אָפּגעשליידערט פון זיך דעם בייזן געדאַנק! — „דאָס האָט אָס-נאָווסקי אַ טעות געהאַט, איך האָב קיין טעות נישט!" — און ער האָט דערפילט, אַז די ספקות, וואָס וואָלטן זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו לגבי מאַריניאַן, וואָלטן געווען נישט בלויז נאַריש, נאָר אויך נידערטרעכטיק, ווייל איר איז ממש קיין אָרט נישט געווען

אויף קיין בייז אויף אַ זומפּ קענען זיך בלויז זעצן זומפּפייגל. — ער אַליין האָט אַמאָל געזאָגט צו איר אין שפּאַס, אַז ווען זי זאָל טראָגן קאַפּקע, האָט זי אויסגעמת־נפש, אַז זי נאַרט אָפּ די וועלט, געקריגן אַ געוויסע אָנצינדונג. און אין דעם שפּאַס איז געווען אמת: ער האָט זי איצט געזען פאַר זיך אַזוי קלאָר, ווי מען זעט תמיד אַ מענטש, וועגן וועלכן מען טראַכט מיט אַ קאָנ־צענטרירט געפיל! ער האָט געזען איר פאַרענדערטע פיגור און דאָס פאַרענדערטע געזיכט, אין וועלכן עס איז תמיד פאַר־בליבן דאָס שיינע, אַ ביסל צו ברייטן מויל, און דיזעלבע ריינע אויגן — און ער איז וואָס אַמאָל מער גערירט גע־וואָרן.

„איך האָב באמת אַרויסגעצויגן אַ גרויסן לאָס אויף דער לעבנס־לאָטעריי — האָט ער אַ טראַכט געטון — איך בין אָבער נישט מסוגל געווען דאָס גליק אָפּצושאַצן". — „פאַר בייז מוז מען באַצאָלן" — האָט אַ זאָג געטון ביגעל. און פּאָלאַניעצקי, וואָס נישט איינמאָל איז אים שוין געקומען אַזאַ געדאַנק אויפן רעיון, האָט איצט פאַר דעם דערפילט אַן איבערגלייבישן פחד. ס׳איז פאַרהאַן — האָט ער געטראַכט — עפּעס אַ לאָגיק און אַ יסוד, פון וועלכן דאָס בייז קערט זיך אום, ווי אַ כוואַליע, וואָס ווערט אָפּגעשלאָגן פון ברעג. קערט זיך אום, און דעריבער מוז זיך אויך אומקערן מיינס. און פּלוצלינג האָט זיך אים אויסגעוויזן לחלוטין נישט וואַרשיינלעך, ער זאָל קענען רויק האָבן אַזאַ פרוי און אַזאַ גליק. באַ דעם וואָלט טאַקע נישט געווען קיין לאָגיק, וואָס הייסט זיך אומקערן די כוואַליע פון בייזן. און דעריבער איז וואָס? דעריבער, למשל, קען מאַריניאַ שטאַרבן בשעת דער קימפּעט. פרוי מאַשקאַ קען אויס נקמה איבער אים זאָגן אַ וואָרט עפּעס, וואָס וועט פאַרזיקען באַ מאַריניאַן — און וועט צוליב איר צושטאַנד שפּעטער זיך באַווייזן אין דער פאָרעם פון היץ. מען דאַרף צו דעם גאַרנישט דעם גאַנצן אמת. אדרבה, פרוי מאַשקאַ קען באַ דעם זיך באַניצן, אַז זי האָט זיך אַקעגנגע־שטעלט זיינע פרוון, און ווער ווייסט — האָט ער זיך געזאָגט פּאָלאַניעצקי — צי די מאַשקע איז גראָד די רגע נישט מיט אַ

וויזיט בײַ מאַריניאַן, אין בײַ דעם וואַלט אַ ליאַדע שמועס וועגן מאַנסלייט — און עטלעכע שפּאַסיקע ווערטער — געגנוג גע־ווען...

טראַכטנדיק, אַזוי, האָט ער געפילט, אַז אויפן גײַב ברענט דאָס היטל, און ער איז אַהיימגעקומען מיט אַ געפיל פון פחד. אינדערהיים האָט ער אָבער פרוי מאַשקאָן נישט געטראָפן, נאָר מאַריניאַ האָט אים אָפּגעגעבן פרײַלין העלענאַ זאַווילאָווסקאַס אַ צעטל, אין וועלכן זי האָט געבעטן, ער זאָל נאָכמיטאָג זיך מטריח זײַן צו איר.

— איך האָב מורא, צי הער איגנאַשן איז נישט ערגער — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

— ניין. איך האָב זיך דאָרט אַרײַנגעכאַפּט אויף אַ מינוט אינדערפרי. פרײַלין העלענאַ איז געזעסן עפּעס אויף אַ קאָנפע־רענץ מיטן יוריסט קאַנאַבאַנײַטש. איך האָב אָבער אויך געזען פרײַלין ראַטקאָווסקאַ און זאַווילאָווסקין. ער האָט זיך זייער גוט געפילט און גערעדט מיט מיר כמעט פריילעך.

בעתן מיטאָג האָט פּאָלאַניעצקי באַשלאָסן מאַריניאַן צו דערציילן דאָס נײַעס, וואָס ער האָט געהערט, מחמת ער האָט געוווסט, אַז מען וועט עס אַזוי אויך פאַר איר נישט פאַרבאָרגן, ער האָט אָבער נישט געוואָלט, מען זאָל איר צו וויסן טון פון דעם צו פּלוצלינג און אומפאָרזיכטיק.

ווען זי האָט אים בײַ דעם אַ פרעג געטון, וואָס מען הערט אין ביוראָ און אין שטאָט — האָט ער אַ זאָג געטון:

— אין ביוראָ איז קיין נײַעס נישטאָ, און אין שטאָט רעדט מען עפּעס וועגן אַ רוגז צווישן די אָסנאָווסקיס.

— צווישן די אָסנאָווסקיס.

— יאָ. עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען אין אָסטענדע. משמעות, אַז אין אַלעם איז שולדיק קאָפּאָווסקי.

מאַריניאַ איז רויט געוואָרן און אַ זאָג געטון:

— וואָס רעדסטו, סטאַך?

— איך זאָג וואָס כ'האָב געהערט. געדענקסט מײַנע באַ־מערקונגען אויף זאַווילאָווסקיס חנאים מאָלצײַט? ווײַזט זיך אַרויס,

אַז איך בין גערעכט געווען! הקיצור, עפּעס איז געווען אַ סקאַנ־דאַל און ס'איז בכלל שלעכט.

— האָסט דאָך אָבער געזאָגט, אַז קאַפּאַווסקי איז פֿריילין קאַסטעליס חתן?

— ער איז געווען, אָבער ער האָט אויפגעהערט צו זיין. דאָרט האָט אַלץ געקענט צעריסן ווערן.

אויף מאָרגנס האָט די ידיעה געמאַכט אַ גרויסן רושם. זי האָט זיך געוואָלט נאָך אויספרעגן, בשעת פּאָלאַניעצקי האָט איר אָבער געזאָגט, אַז מער ווייסט ער גאָרנישט, און אַז ערשט אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מסתמא אָנקומען גענויערע ידיעות, האָט זי אָנגעהויבן באַקלאָגן איבער אָסנאָווסקיס גורל, וועלכן זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט, און געוואָרן אין כעס אויף פּרוי אַנעטאַן.

— איך האָב געמיינט — האָט זי געזאָגט — אַז ער וועט זי איינעמען און צוציִען מיט זיין צוגעבונדנקייט, זי איז אים אָבער נישט ווערט, און הער שווירסקי איז גערעכט מיט אַלעם, וואָס ער זאָגט אויף פּרויען.

דעם ווייטערדיקן שמועס אָבער האָט איבערגעריסן הער פּלאָזיעצקי, וואָס איז נאָכן פּריִען רעסטאָראַן־מיטאָג אַריינגעקומען דערציילן „דאָס גרויסע נייעס" וועגן וועלכן ער האָט אויך געהערט, מחמת פֿון דעם האָט גערעדט די גאַנצע שטאָט. פּאָלאַניעצקי האָט איצט אַ טראַכט געטון, אַז ער האָט גוט געטון, וואָס ער האָט צוגעגרייט דאָס הייב צו דעם, מחמת אין הער פּלאָוויצקיס דערציילן האָט די זאַך באַקומען זייער שאַרפע פֿאַרבן. הער פּלאָוויצקי האָט טאַקע אין משך פֿון דער דערציילונג דערמאָנט וועגן די פּרינציפּן און די צמאַליקע מאַטראַנגס; ער איז אָבער משמעות געווען צופֿרידן, וואָס עס איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס וועקט אַזאַ אינטערעס — און משמעות די זאַך גענומען אויך פֿון דער קאָמישער זייט, מחמת ער האָט לסוף צוגעגעבן:

— נו, דאָס איז אַ דווייסטע פּרוי! דאָס איז אַ שיטפּ־רין! וועמען דו קוקסט אָן, דער האָט אַ חלק! קיינעם נישט דורכ־

געלאָזט, קיינעם, קיינעם... אַרימער אָסנאַשאַ. נעבעך, זי האָט אָבער קיינעם נישט דורכגעלאָזט!

דאָ האָט ער אויפגעהויבן אינדערהייך די וויִעס, און נאָכדעם אַ קוק געטון אויף מאַריניאַן און פּאָלאַניעצקין, ווי ער וואָלט וועלן פעסטשטעלן, צי זיי האָבן תּפיסה געווען, וואָס דער „קיינעם" איז טייטש. אויף מאַריניאַס געזיכט אָבער האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַן אומטעם.

— פּע. סטאַ׳ — האָט זי אַ זאָג געטון — ווי דאָס אַלץ איז נישט בלויז אומווירדיק, נאָר מיאוס.

XVIII

נאָכן מיטאָג איז פּאָלאַניעצקי אַוועק צו פרײלן העלענאַן, זאַווילאָווסקי האָט נאָך געטראָגן אויפן שטערן אַ שוואַרץ טיכל, מיט אַ ברייטן פּלאַסטער אינדערמיט, וואָס האָט צוגעדעקט די ווונד, ער האָט זיך פאַרהויקט און געקוקט אַביסל שיקלדיק, בכלל אָבער איז ער וואָס אַמאָל מער געקומען צו זיך און זיך שוין געהאַלטן פאַר געזונט. דער דאָקטאָר ווידער האָט פאַרזיכערט, אַז פון די סמנים, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן נאָך דער ווונד, וועט קיין זכר נישט בלייבן. בשעת פּאָלאַניעצקי איז אַריין, איז דער יונגערמאַן געזעסן בײַם טיש אין אַ טיפן פאָטעל, אין וועלכן ס'האָט געפלעגט אַמאָל זיצן דער אַלטער הער זאַווילאָווסקי, און זיך אײַנגעהערט מיט פאַרמאַכטע אויגן צו די לידער, וואָס פרײלין ראַטקאָווסקאַ האָט אים געלייענט.

זי האָט אָבער, דערזעענדיק דעם גאַסט, אַוועקגעלייגט דאָס ביכל.

— אַ גוטן אָוונט אײַך! — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי — וואָס מאַכסטו, איגנאַש? איך זע, אַז כ'האָב דיר איבער-

געהאַקט דאָס לייענען. אין װאָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטיפט צו לייענען?

פרײלין ראַטאָװסקאַ האָט אױסגעדרײט איר קורץ אָפּגעשױרענעם קאָפּ צום ביכל (זי האָט צומאָל געהאַט פּראַכטפֿולע האָר, זי האָט זײ אָבער אָפּגעשױרן, כּדי זײ זאָלן בײַ איר נישט צונעמען קײן צײַט, װאָס איז איר נײטיק געװען פאַרן קראַנקן) און האָט געענטפערט:

— דאָס זענען הער זאַװילאַװסקיס לידער.

— דו הערסט זיך צו צו דײַנע אײגענע לידער? — האָט, לאַכנדיק, אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — נו, און װי געפֿעלן זײ דיר?

זאַװילאַװסקי װידער האָט געענטפערט:

— איך הער זיך צו װי נישט צו מײַנע.

און נאָך אַ װײַלע שטום װידער האָט ער צוגעגעבן, רעדנדיק פּאַמעלעך, און פאַרהאַ‏נדיק זיך אַ ביסל.

— איך װעל אָבער װידער שרײַבן, אַז כ׳װעל נאָר אײַנגאַנצן צו זיך קומען...

און מען האָט געזען, אַז דער געדאַנק אינטערעסירט אים זײער, און אַז ער האָט נישט אײנמאָל געמוזט פון דעם רעדן, מחמת פרײלין ראַטאָװסקאַ האָט אַ זאָג געטון, װי זי װאָלט אים װעלן צוגעבן מוט:

— און פּונקט אַזעלכע שײנע, און שױן גאָר אינגיכן.

ער האָט מיט דאַנקבאַרקײט אַ שמײכל געטון צו איר — און אַנטשװיגן געװאָרן.

אין דערזעלבער רגע אָבער איז אַרײַן פרײלין העלענאַ אין צימער און, אַ דרוק טוענדיק פּאָלאַניעצקיס האַנט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— װי גוט דאָס איז, װאָס איר זענט געקומען; איך האָב זיך געװאָלט מיט אײַך אַן עצה האַלטן...

— ביטע.

— נײן, איך בעט אײַך צו זיך.

און איבערפֿירנדיק אים אין צװײטן צימער אַרײַן, האָט זי

אים צוגעוויזן אויף דער שטול, נאָכדעם, זעצנדיק זיך אַקעגן איבער, האָט זי אָנגעהויבן שווייגן, ווי זי וואָלט צונויפנעמען די געדאַנקען.

פּאָלאַניעצקי, קוקנדיק אויף איר אַקעגן ליכט, האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט עטלעכע זילבערנע פעדים אין איר בלאָנדע האָר — און האָט אַ טראַכט געטון, אַז די פרוי איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט.

זי ווידער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט איר קאַלטער און פעסטער שטים:

— דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין בקשה וועגן אַן עצה נאָר וועגן הילף פאַר מיין קרוב. איך ווייס, אַז איר זענט זיינס אַן אמתער ידיד, אַ חוץ דעם, האָט איר בנוגע מיר אויך אַנטפּלעקט אַ סך הארץ בשעת מיין פאָטערס טויט, אַז איך וועל ווי לאַנג איך וועל לעבן עס נישט פאַרגעסן, איצט וועל איך מיט אייך רעדן אָפענער, ווי איך וואָלט מיט וועמען עס איז אַנדערן גערעדט... צוליב פּערזענלעכע טעמים, וועלכע איך וועל נישט באַרירן, אָבער וועגן וועלכע איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז זיי זענען זייער וויכטיקלעך, האָב איך באַשלאָסן פאַר זיך צו שאַפן אַנדערע לעבנס-באַדינגונגען, וואָס זענען פאַר מיר דערטרעגלעכער. איך וואָלט עס געוועזן פריער געטון, כּל-זמן אָבער דער פאָטער האָט געלעבט — האָב איך עס נישט געקענט. נאָכדעם איז געקומען דאָס אומגליק! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין חוב איז נישט צו פאַרלאָזן דעם לעצטן קרוב, וואָס טראָגט אונזער פאַמיליענאָמען, צו וועלכן איך האָב אַגב געפילט אַן אמתע און הארציקע פריינטשאַפט. איצט איז ער אָבער, ברוך-השם, שוין ניצול געוואָרן, די דאָקטוירים נעמען אויף זיך דאָס אחריות פאַר זיין לעבן, און אויב דער אייבערשטער האָט אים געשענקט אויסערגעוויינטלעכע פעיקייטן און באַשטימט צו גרויסע זאַכן, וועט קיין זאַך זיין גורל נישט שטערן.

דאָ האָט זי איבערגעריסן, ווי זי וואָלט פלוצלינג זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס קומענדיקס, נאָכדעם האָט זי, אויפכאַפּנדיק זיך, ווייטער גערעדט.

— אָבער מיט דעם גופא איז מיין לעצטע אויפגאַבע פאַרענדיקט, און איך קען זיך אומקערן צו מיינע פריערדיקע כוונות. עס בלייבט בלויז דאָס פאַרמעגן, וואָס מיין פאָטער האָט איבערגעלאָזט, אַ גרויס, און וואָס איך דאַרף צום קומענדיקן לעבן מיינס לחלוטין נישט האָבן. ווען איך זאָל עס קענען באַטראַכטן פאַר מיין פערזענלעך אייגנטום, וואָלט איך מיט דעם אַנדערש געטון; היות אָבער דאָס איז אַ משפחה-פאַרמעגן, האַלט איך, אַז כ'האָב נישט קיין רעכט עס איבערצוגעבן אויף אַנדערע צוועקן, כל-זמן עס לעבט עמעץ פון דער משפחה, וועלכער טראָגט דעם זעלבן פאַמיליענאָמען. איך באַהאַלט נישט פאַר אייך, אַז די צוגעבונדנקייט מיינע צום קוזין איז אויך גורם; איך האַלט אָבער, אַז קודם-כל טו איך דאָס, וואָס מיין געוויסן הייסט מיך, אַ חוץ דעם דערפיל איך מיין פאָטערס רצון, וואָס ער האָט נישט באַוויזן עס אָנצושרייבן, אָבער וועלכער (איך ווייס עס גאַנץ זיכער) האָט געוואָלט אַ חלק פאַרמעגן איבערלאָזן איגנאַשן. זיך באַוואָרן איך אַליין, נישט אין דער מאָס, וואָס דער פאָטער האָט געמיינט, איך נעם צו בעסער מער, ווי איך באַדאַרף. דאָס איבעריקע זאָל ירשענען איגנאַש. דעם אַקט פון פאַרשענקען האָט שוין אָפּגעשריבן, לויט אַלע יורידישע כללים, הער קאַנאַנאָוויטש. ער נעמט אַרום דאָס הויז, יאַשמינע, דאָס גוט אין קיטנער געגנט, די פּויזנער גיטער און די קאַפּיטאַל, אַ חוץ דעם חלק, וואָס איך באַוואָרן פאַר זיך, און עפּעס אַ חלק, וואָס איך באַשטים פאַר פרײַלין ראַטקאָווסקאַ. עס גייט נאָר איצט איבערגעבן איגנאַשן דעם אַקט. איך האָב געפרעגט צוויי דאָקטוירים, צי ער איז נישט צו פרי, און צי דאָס אויפרודערן וואָלט אים נישט געקענט חלילה פאַרשאַדן. זיי זענען מיר ערב, אַז ניין, און אַז יעדער גוטע בשורה קען גוט משפיע זיין אויף זיין געזונט, און אויב אַזוי, וואָלט איך עס וועלן תיכף טון, מחמת דער ענין איז מיר איילינק.

דאָ האָט זי בלאָס אַ שמייכל געטון. פּאָלאַניעצקי ווידער, אַ דריק טוענדיק איר האַנט, האָט אַ פרעג געטון מיט אמתער גערירטקייט:

— טייערע פריילין, איך פרעג נישט אויס נייגעריקייט. וואָס האָט איר בדעה צו טון?

זי ווידער, נישט ווילנדיק גלייך ענטפערן, האָט אַ זאָג געטון:

— אַ מענטש האָט תמיד רעכט זיך צו האַלטן אונטער דעם איבערשטנס השגחה. וואָס שייך איינעם — האָט ער אַן ערלעך האַרץ און אַן איידעלען כאַראַקטער, וואָס וועט נישט קאַליע ווערן דורכן פאַרמעגן; דאָס פאַרמעגן איז אָבער זייער אַ בגדיטנס, און ער איז יונג, נישט דערפאַרן, ער וועט אָנהייבן לעבן אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. וואָלט איך וועלן אייך, אַלס ערלעכן מאַן און זיינס אַ פריינט, בעטן צו האָבן איבער אים השגחה, היט אים, וואָרנט אים פון שלעכטע מענטשן, קודם-כל דערמאָנט אים, אַז זיין חוב איז צו שרייבן און ווייטער צו אַרבעטן. מיר איז געגאַנגען נישט בלויז אין מציל זיין דאָס לעבן זיינס, נאָר אויך מציל צו זיין זיינע פעיקייטן. זאָל ער שרייבן, זאָל ער באַצאָלן דער געזעלשאַפט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די, וואָס דער איבערשטער האָט באַשאַפן צום רום און הילף פאַר מענטשן, און וואָס האָבן אומגעבראַכט זיך און זייערע פעיקייטן.

דאָ זענען איר די ליפן פלוצלינג בלאַס געוואָרן, די הענט האָבן זיך צונויפגעדריקט און די שטים איז אין האַלדז שטעקן געבליבן. דאַכטן האָט זיך געקענט, אַז דער צונויפגעזאַמלטער יאוש אין דער נשמה וועט מיטאַמאָל ביטרייסן אַלע פאַרצוימונגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָבער באַהערשט און בלויז די צונויפגעדריקטע פויסטן האָבן עדות געזאָגט, מיט וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג איר איז דאָס אָנגעקומען.

פאָלאָניעצקי, זעענדיק איר פּיין, האָט גערעכנט, אַז אין דעם פאַל וועט צום בעסטן זיין אָפּצופֿירן איר געדאַנק אין אַ צווייטער זייט, צו פּראַקטישע און לויפנדיקע ענינים, דעריבער אויך האָט ער אַ זאָג געטון:

— פאַרשטייט זיך, דאָס וועט זיין אַן אומדערהערטע שנוי

אין איגנאַשס לעבן; איך האָף אָבער אויך, אַז דאָס וועט אים אויספאַלן צום גוטן... קענענדיק אים, איז שווער צו האַלטן אַנדערש. וואָלט איר אָבער נישט געקענט אַמאָל אָפּלייגן די מתנה אײַערע אויף נאָך אַ יאָר, אָדער לכל־הפּחות אויף אַ האַלבס?

— צו וואָס?

— צוליב טעמים, וואָס ליגן נישט בײַ איגנאַשן גופא נאָר וואָס האָבן מיט אים אַ צוזאַמענהאַנג. איך ווייס נישט, צי צו אײַך האָט נישט דערגרייכט די ידיעה, אַז דער שידוך צווישן קאַסטעלין און קאַפּאַווסקין איז אָפּגעגאַנגען, און אַז די לאַגע פון די דאַמען איז צוליב דעם זייער אַן אומאַנגענעמע. צוליבן איבערייסן מיט איגנאַש, האָבן זיי אויפגערעגט קעגן זיך די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, און איצט ווידער איז זייער נאָמען אין מענטשנס מײַלער. פאַר זיי וואָלט געווען אַן אויסגעצייכנטער אויסגאַנג זיך אומצוקערן צו איגנאַשן, — און מען קען זיך משער זײַן, אַז דערוויסנדיק זיך וועגן אײַער מתנה, — וועלן זיי זיכער זיך באַמיִען דאָס צו טון. איגנאַש ווידער, בפרט נאָך לויט אַזאַ קורצער צײַט און בײַ זײַן אָפּגעשוואַכטקייט — קען זיך נאָכאַמאָל לאָזן אַרײַנציִען...

פרײַלין העלענאַ האָט אויף פּאַלאַניעצקין געקוקט מיט אָנגעצויגענע ברעמען פון אָנשטרענגונג, נאָכדעם, פאַרטראַכטנדיק זיך איבער דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט זי אָפּגעענטפערט:

— ניין. איך מיין, אַז איגנאַש וועט אויסווײַלן עפּעס אַנדערש.

— איך בין זיך משער אײַער געדאַנק. דערמאָנט אײַך אָבער, אַז צו יענער איז ער געווען אַ מאָס צוגעבונדן, אַזוי, אַז ער האָט נישט געוואָלט איבערלעבן די אבדה.

און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, אויף וואָס פּאַלאַניעצקי האָט זיך נישט גערעכנט, מחמת פרײַלין העלענאַ, וועלכע האָט תמיד אַזוי געהערשט איבער זיך און איז כמעט געווען שטרענג,

האָט הילפלאָז צעשפּרייט אירע אויסגעדאַרטע הענט און אַ זאָג געטאָן:

— האָ! ווען עס וואָלט אַזוי געווען... ווען ער וואָלט קיין אַנדער גליק אַחוץ אירס נישט געהאַט... זיך, מיין הער, איך ווייס דאָך, אַז ער דאַרף דאָס נישט טון, אָבער עס זענען פֿאַראַן זאַכן, וואָס זענען שטאַרקער פֿאַרן מענטש, און עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס מען דאַרף נייטיק האָבן בײַם לעבן, און בײַ דעם...

פּאָלאַניעצקי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט פֿאַרוואונדערונג, זי ווידער האָט אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— בײַ דעם קען אַ מענטש תּמיד אַרויף אויף אַ בעסערן וועג — כּל־זמן ער לעבט.

— איך האָב נישט געהאַלטן, איך זאָל פֿון איר אַזאַ מין זאַך דערהערן — האָט אַ טראַכט געטאָן פּאָלאַניעצקי.

און ער האָט זיך הויך אָפּגערופֿן:

— אויב אַזוי וועלן מיר גיין צו איגנאַשן.

זאַווילאָווסקי האָט די ידיעה אויפֿגענומען פֿריִער מיט חידוש, נאָכדעם מיט שׂמחה, עפּעס אָבער איז עס געווען אַ מין אויסטערלעכע שׂמחה. מען האָט געקענט מיינען, אַז ער איז תּופֿס מיטן שׂכל, אַז אים טרעפֿט עפּעס זייער גוטס, און ער זאָגט צו זיך, אַז מען דאַרף זיך מיט דעם פֿרייען, מיטן האַרץ אָבער האָט ער עס נישט געפֿילט, דאָס האַרץ האָט זיך נאָר אַנטפּלעקט בלויז בײַ דער דאגה און אינטערעס, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אויספֿרעגן פֿרײַלין העלענאַ. וואָס זי האָט ברעה צו טון, און וואָס מיט איר וועט געשען. פֿרײַלין העלענאַ האָט אים נישט געוואָלט ענטפֿערן און דערמאָנט בלויז אין אַלגעמיין, אַז זי האָט ברעה זיך צו דערווײַטערן פֿונעם לעבן, און אַז דער באַשלוס איז אַ פֿעסטער, בײַ דעם האָט זי אים באַשווירן, אין וואָס איר איז דער עיקר משמעות געגאַנגען, דאָס הייסט, ער זאָל נישט קיין תּל מאַכן פֿון זײַנע פֿעיִקייטן און נישט אַנטוישן די מענטשן, וואָס זענען צו אים צוגעבונדן. זי האָט גערעדט צו אים, ווי אַ מוטער,

ער ווידער, חזרנדיק: „איך וועל ווייטער שרייבן, ווען איך וועל נאָר קומען צו זיך" — האָט געקושט אירע הענט און געהאַט טרערן אין די אויגן. ס'איז אָבער נישט געווען באַוווּסט, צי דאָס זענען געווען טרערן פון מיטגעפיל צו איר, צי דער טרויער פון אַ קינד, וואָס עס פאַרלאָזט עס אַ גוטע און זיסע באַשיצערין; מחמת פרייליין העלענאַ האָט אים געזאָגט, אַז פון דער רגע אָן האַלט זי זיך פאַר זײַנס אַ גאַסט אין דעם הויז און האָט בדעה אין צוויי טעג אַרום זיך צו דערווייטערן.

זאַווילאָווסקי האָט אָבער נישט געוואָלט אויף דעם מסכּים זײַן און אויסגעפועלט בײַ איר, אַז זי זאָל נאָך פאַרבלײַבן אַ וואָך צײַט, אויף וואָס זי איז ענדלעך אײַנגעגאַנגען אויס מורא, זי זאָל אים נישט צערייצן און נישט פאַרשאַדן זײַן געזונט. דאַמאָלס, באַרויִקנדיק זיך, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין שמחה פון אַ קליין ייִנגל, וואָס מען האָט צוליב געטון זײַנס אַ בקשה. סוף אָונט האָט ער זיך אָבער פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנען, נאָכדעם, אַ קוק טוענדיק מיט פאַרחידושטע אויגן אויף די אַנוועזנדיקע, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אַ מאָדנע זאַך, אָבער מיר דאַכט זיך, ווי דאָס אַלץ וואָלט געשען אַמאָל.

— פּאָלאַניעצקי ווידער, וועלנדיק אַרײַנפירן אַ פרײלעכן טאָן אינם שמועס, האָט לאַכנדיק אַ פרעג געטון:

— אין די אַמאָליקע גלגולים, אויף אַנדערע פּלאַנעטן אכת?

— יאָ. דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געווען — האָט איבערגעחזרט זאַווילאָווסקי.

— און די זעלבע לידער האָסטו שוין געשריבן — אויף דער לבנה?

ער ווידער, אויפהייבנדיק דאָס ביכל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט אויף דעם אַ קוק געטון, זיך פאַרטראַכט — און ענדלעך אַ זאָג געטון:

— איך וועל ווייטער שרייבן — ווען כ'וועל נאָר אינ-גאַנצן קומען צו זיך.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק. דעמזעלבן אָוונט האָט פֿריילין ראַסקאָווסקאַ זיך איבערגעקליבן אין איר שטיבל אַריין צו דער פֿרוי מיעלניצקאַ.

XIX

דאָס צעגיין זיך פון די אָסנאָווסקיס, וואָס האָבן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרנומען אַ גאַר אַנגעזען אָרט, און דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זאַווילאָווסקין זענען געווען די וויכטיקסטע נייעס, מיט וועלכע די גאַנצע שטאָט האָט זיך אינטערעסירט. מענטשן, וואָס האָבן געמיינט, אַז פרייַלין העלענאַ האָט זיך גענומען דעם יונגן קרוב, כּדי מיט אים חתונה צו האָבן, האָבן פון גרויס חידוש געשטוינט, עס זענען אַנטשטאַנען רכילות און השערות: מען האָט זיך אָנגעהויבן שעפּטשען אין די אויערן, אַז זאַווילאָווסקי איז געווען דעם אַלטן קרובס אַ זון און; אַז ער האָט דער שוועסטער געדראָט מיט אַ פּראָצעס פאַרן באַהאַלטן די צוואה. וועלכע האָט זיך ליבערשט אָפּגעזאָגט פון אַלץ און אַוועק קיין אויסלאַנד, איידער זיך צו שטעלן אין סכנה פון אַ סקאַנדאַליעזן פּראָצעס. אַנדערע האָבן דאָך געהאַלטן, אַז די סיבה פון איר אָפּפאָר איז געווען פרייַלין ראַטקאָווסקאַ, און אַז צווישן די צוויי דאַמען איז פאָרגעקומען אומדערהערטע און פאַרדריסלעכע זאַכן, צוליב וועלכע קיין אַרנט-

לעבע הײַזער לאָזן פֿרײַלין ראַסקאָווסקאַ נישט איבער דער שוועל. ענדלעך זענען געווען אַזעלכע, וואָס, אַרויסזאָגנדיק אין נאָמען פֿון עפֿנטלעכן יושר, האָבן פּשוט אָפּגעזאָגט פֿרײַלין העלענאַן אירע רעכט אַזוי זיך צו באַגיין מיטן פֿאַרמעגן, געבנדיק באַ דעם צו פֿאַרשטיין, אַז זיי האַלטן, אין דעם פֿאַל, זיך באַגאַנגען מיט איר אַנדערש און מיט מער נוצן פֿאַרן כּלל.

מיט איין וואָרט, מען האָט אַלץ גערעדט, אויף וואָס עס קען זיך נאָר לאָזן רכילות, קריגערײַ, לײַכטזין און נישט ערלעך רשעות. ענדלעך איז צו דעם אַלגעמײַנעם נײַגעריקייט צוגעקומען אַ פֿרישע שפּײַז אין פֿאָרם פֿון אַ ידיעה וועגן דועל צווישן אָסנאָווסקין און קאַפּאָווסקין, בשעת וואָס אָסנאָווסקי איז פֿאַרווונדעט געוואָרן. קאַפּאָווסקי איז אויך אינגיכן צוריק געקומען אין שטאָט אַרײַן מיט רום פֿון אומגעווײנטלעכער ליבע און געווער-אַוואַנטורע — אַ נאַרישער, ווי ווען עס איז, אָבער באַ דעם אַ גאָר שענערער, ווי ווען עס איז, און בכלל אַזאַ שײנער, אַז באַם בלויזן זען אים האָבן ייִנגערע און עלטערע הערצער אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן.

אָסנאָווסקי, אַ גאַנץ לײַכט פֿאַרווונדעטער, האָט זיך געהײַלט אין בריסל. שווירסקי האָט פֿון אים באַקומען אַ קורצע ידיעה אינגיכן נאָכן דועל, אַז ער פֿילט זיך גוט, אַז אינמיטן ווינטער קלויבט ער זיך קײַן מצרים, אָבער פֿריִער וועט ער זיך אומקערן קײַן פּזשיטולאָוו. מיט דער ידיעה איז ער געקומען צו פּאַלאַניעצקין, אויסדריקנדיק באַ דעם די מורא, צי אָסנאָווסקי וועט זיך נישט אומקערן בלויז צוליב דעם, כּדי אויפֿסנײַ נישט צו מאָנען זײַן עוולה באַ קאַפּאָווסקין. —

— איך בין זיכער — האָט ער אַ זאָג געטון, — אַז אויב ער איז געבליבן פֿאַרווונדעט איז עס דערפֿאַר, ווײַל ער האָט עס דערלויבט. לויט מײַן מײנונג נאָך, האָט ער פּשוט געוואָלט אימקומען. איך האָב זיך גענוג מיט אים צוגעשאָסן באַ ברופּינען און ווײס, ווי ער שיסט. איך האָב געזען, ווי ער פֿלעגט אַראָפּשלאָגן שוועבעלעך — און בין איבערצײַגט, אַז ווען ער זאָל

געווען וועלן אַראָפּלאָזן קאָפּאָשן, וואָלטן מיר אים אַ סך הײַנט אָנגעזען.
— עס קען זײַן — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — קוים רעדט ער אָבער וועגן אַ נסיעה קײַן מצרים, האָט ער משמעות נישט בדעה זיך צולאָזן דערהרגענען. אדרבה, זאָל ער פאָרן און מיטנעמען זאַווילאָווסקין מיט זיך.
— אמת, זאַווילאָווסקי וואָלט אויך באַדאַרפט אַ ביסל זען די וועלט. איך וואָלט זיך וועלן פונדאַנען אַרײַנכאַפּן צו אים אַ בליק טון, וואָס מאַכט ער?
— איך וועל גײן צוזאַמען מיט אײַך, ווײַל איך האָב אים נאָך הײַנט נישט געזען. ער פילט זיך גוט, ער איז אָבער עפּעס מאָדנע. איר געדענקט, וואָס פאַר אַ האַרטע און פאַרשלאָסענע נאַטור דאָס איז געווען? איצט איז ער כלומרשט געזונט, ער איז אָבער געוואָרן אַ קלײן קינד: בײַ דער קלענסטער אומאָנגענעמלעכקײט האָט ער טרערן אין די אויגן.
אין אַ ווײַלע אַרום זענען זײ צוזאַמען אַרויס. אויפן וועג האָט אים שווירסקי אַ פרעג געטון:
— פרײַלין העלענאַ איז נאָך מיט זאַווילאָווסקין?
— זי איז נאָך פאַרהאַן. ער נעמט זיך אַזוי צום האַרץ איר אָפּפאָר, אַז איר איז אַ רחמנות. זי האָט געוואָלט אַוועקפאָרן אין אַ וואָך אַרום, ווי איר זעט אָבער איז שוין אַוועק נאָך אײ-נע.
— וואָס האָט זי, אײגנטלעך, בדעה מיט זיך צו טון?
— זי זאָגט עס קײנעם נישט קלאָר. מסתמא וועט זי אַרײַנטרעטן אין עפּעס אַן אָרדן און וועט דאָס גאַנצע לעבן מתפּלל זײַן פאַר פּלאַשאַווסקין.
— און פרײַלין ראַטקאָווסקאַ?
— פרײַלין ראַטקאָווסקאַ איז בײַ פרוי מיעלניצקאַ.
— זאַווילעק האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר?
— די ערשטע טעג, נאָכדעם האָט ער פאַרגעסן.
— אויב ער וועט אינם משך פון יאָר מיט איר נישט

חתונה האָבן, דערקלער איך זיך נאָכאַמאָל אין ליבע. ווי גאָט ... מיר ליב. אַזאַ פרוי, ווען זי ווערט אַ ווייב, בינדט זי זיך צו צו אַ מענטש.

— איך ווייס, אַז פריילין העלענאַ וואָלט וועלן אין האַרץ, ער זאָל חתונה האָבן מיט דער ראַטקאָווסקאַ. ווער ווייסט אָבער, וואָס פאַר אַ ווענדונג דאָס וועט נעמען.

— עס איך בין זיכער, אַז ער וועט חתונה האָבן, אלא דאָס וואָס איך זאָג, זענען חלומות פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. איך וועל שוין נישט חתונה האָבן.

— מיין ווייב האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט עס נעכטן איר געזאָגט, זי האָט אָבער געלאַכט פון דער דראָונג.

— דאָס איז נישט קיין דראָונג, נאָר איך האָב קיין מזל נישט.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט זי איבערגעריסן דאָס דערזען דעם עקיפּאַזש, אין וועלכן פרוי קראַסלאָווסקאַ איז געזעסן מיט פרוי מאַשקאַ. זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון די אַלעען, וועלנדיק משמעות געניסן פון דער לופט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אָבער אַ קאַלטער — און פרוי מאַשקאַ איז אַזוי געווען פאַרנומען מיטן אַרויפציען אויף דער מוטער דאָס וואַרעמע מאַנטל, אַז זי האָט זיי נישט באַמערקט און זיך נישט צוריקגעגריסט.

— איך בין בא זיי געווען איינגערעכנט — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — אַ ווויל ווייבל!

— איך הער, אַז זי איז זייער אַ גוטע טאָכטער — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— דאָס, דאָס האָב איך זייענדיק בא זיי אויך באַמערקט, אָבער — ווי דאָס איז אַלעמאָל מיטן אַלטן סקעפּטיקער — מיר איז תיכף געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז זי געפינט אגב אַ הנאה אין דער ראָל פון אַ באַרעדטער טאָכטער. איר האָט נישט באַמערקט, אַז פרויען האָבן אָפטמאָל ליב עפּעס צוליב דעם, ווייל זיי גלייבן, אַז עס פּאַסט זיי אין דאָזיקן.

און שווירסקי האָט נישט געהאַט קיין טעות. פרוי מאַשקאַ

האָט מאַקע אַ הנאה געטון די ראָל פון אַן אַפּערוויליקער סאָכ־טער, דאָס איז אָבער שוין געווען צופיל, מחמת די הנאה האָט דאָ געשטאַמט פון איר אמתער צוגעבונדנקייט צו דער מוטער און פון דעם, וואָס, איר אומגליק האָט אין איר געוועקט עפּעס און אויפגעציטערט, אַ חוץ דעם, האָט שווירסקי נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט מאַכן פון זיין געדאַנק דעם ווייטערדיקן אויספיר, אַז פונקט, ווי אויפן געביט פון טואַלעט דאַרף אַ פרוי צו אַ נייעם היט האָבן אַ ניי מלבוש, אַ ניי קלייד און נייע הענטש־קעס, אַזוי איז אויפן געביט פון גוטס. קוים באַזיצט זי עפּעס, האָט זי ליב צו זיין פון קאָפּ ביז די פיס ניי אָנגעטון. אַזוי אַרום איז דאָס אויפן לעבן פון אַ פרוי קיינמאָל איבגאַנצן נישט אוממעג־לעך.

בינו־לבינו זענען זיי געקומען צו זאַזילאָוסקין, וועלכער האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס פרייד, מחמת פון אַ געוויסער צייט אָן, ווי עס טרעפט געוויינטלעך מיט חולאים, וואָס ווערן געזונט, האָט דאָס דערזען מענטשן אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. דערוויסנדיק זיך פון שווירסקין, אַז ער פאָרט איצטיקן אָפּ קיין איטאַליע, האָט ער אָנגעהויבן זיך פאַרלייגן, ער זאָל אים מיט־נעמען מיט זיך.

— אהא — האָט אַ טראַכט געטון שווירסקי — ליגט דיר בסתמא פריילין ראַטקאָווסקאַ נישט אין קאָפּ?

זאַווילאָווסקי האָט אָנגעהויבן דערוויין, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געחלומט וועגן איטאַליע און אַז ער פילט, אַז אין ער־געץ וואָלט זיך אים אַזוי נישט געשריבן, ווי דאָרט, אונטער די איינדרוקן פון קונסט און די יאָרהונדערטער, וואָס צעשיטן זיך אין חורבות, צערומגעוויקלט אין ווילדצווייגן. ער האָט געלאַכט צום געדאַנק און זיך אויסגעפרעגט אַזוי, אַז דער ערלעכער שווירסקי האָט מסכים געווען אָן שום שוועריקייטן.

— אָבער — האָט ער אַ זאָג געטון — איך וועל דאָרט לאַנג נישט זיין, מחמת כ׳האָב דאָ עטלעכע פאַרטרעטן צו אַר־בעטן, אַ חוץ דעם, האָב איך צוגעזאָגט הגר פאָלאַניעצקין צו־ריקצוקומען אויף דער טויף־פייערונג.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין:

— נו, וואָס ענדלעך: אויף דער טויף־פּייעווג פון אַ זון, צי אַ טאָכטער.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט געענטפערט:

— זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי דער אייבערשטער זאָל געבן מיט מזל.

און בשעת יענע האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן דעם פּלאַן פון זייער וסיצה, האָט ער זיך געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן אין ביוראָ. ער האָט געהאַט דורכצוקוקן די גאַנצע פּאָסט פונם פאַרגאַנגענעם טאָג. פאַרמאַכנדיק זיך דעריבער אינם קאַבינעט, האָט ער אָנגעהויבן לייענען די בריוו און אַריינשרייבן אין דער אַלפאַבעט רשימה די אַלע, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו דער אַרבעט, וועלכע פאָדערט תּיכּף דערליידיקט צו ווערן. אין אַ געוויסער צייט אַרום אָבער האָט אים איבערגעריסן די אַרבעט דער ניי־אָנגעקומענער אין ביוראָ קוריער, וואָס האָט, אַריינגייענדיק, ערקלערט, אַז עפּעס אַ דאַמע וויל זיך מיט אים זען.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך באַאומרויִקט. אים איז עפּעס געקומען אויפן רעיון, אַז דאָס קען נישט זיין קיין אַנדערע, ווי פרוי מאַשקאָ און, פאַרויסזעענדיק עפּעס דערקלערונגען און סצענעס, האָט דאָס האַרץ זיינס גענומען אומרויִק אים צו קלאַפּן.

דערווייל אָבער האָט אין דער טיר זיך אומגעריכט באַוויזן מאַריניאַס שמייכלדיק און פריילעך געזיכט.

— האַ, וואָס? כ׳האָב דיר געמאַכט אַ סורפּריז — האָט זי אַ זאָג געטון.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַ ריס געטון, דערזעענדיק זי מיט אַ געפיל פון פּלוצלינגער און גרויסער פרייד און אַ כאַפּ טוענדיק זי פאַר די הענט, אָנגעהויבן זיי אייבע נאָך דער אַנדערער צו קושן.

— אָ, מיין טייערע! דאָס איז טאַקע אַ סורפּריז! — האָט ער אַ זאָג געטון — פון וואַנען איז דיר געקומען אין קאָפּ אַריין אַהער אַריינצוקומען?

און רעדנדיק אַזוי, האָט ער אָנגעהויבן איר צורוקן דעם פאָטעל און זי אַוועקזעצן, ווי אַ ליבן, און צו דעם באַרימטן גאַסט. פון זיין צעשטראַלט פּנים האָט מען געקענט אָנזען, וואָס פאַר אַ נחת עס פאַרשאַפט אים איר אָנוועזנהייט.

— איך האָב דיר צו ווייזן עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — איך דאַרף אויך אַ סך גיין, בין איך אַריין. וואָס דען האָסטו געמיינט? אַז ווער? זיי זיך תיכף מודה!

זאָגנדיק דאָס, האָט זי אָנגעהויבן אים דראָען, לאַכנדיק בײַ דעם. ער ווידער האָט געענטפערט:

— דאָ דערליידיקט מען אַזוי פיל ענינים. כ'האָב אַלנפאַלס נישט געטראַכט, אַז דו. וואָס האָסטו מיר צו ווייזן?

— זע, וואָס פאַר אַ בריוו איך האָב באַקומען.

פאָלאַניעצקי האָט גענומען דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען:

„טייערע און ליבע מאַדאַם! אייך וועט אפשר פאַרחידושן, וואָס איך ווענד זיך צו אייך, אָבער איר, וואָס דאַרפט אינגיכן ווערן אַ מוטער, וועט די איינציקע אין דער וועלט פאַרשטיין, וואָס עס מוז זיך טון אין אַ מוטערס האַרץ (וועלכע מוז אפילו זיין בלויז אַ מומע), ווען זי זעט איר קינדס אַן אומגליק. גלייבט מיר, אַז מיר גייט נישט אין קיין אַנדערע זאַך, ווי אינעם ברענגען כאָטש אַ מינוטלעכע דערלייכטערונג דעם אומגליקלעכן קינד, און מיר גייט נישט אין דעם נאָך מער פאַר דעם, מחמת אין דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען, בין אי' דער עיקר שולדיק. אפשר וועלן די ווערטער אייך פאַרחידושן, אָבער אַזוי איז עס! איך בין שולדיק, מחמת, אויב אַ בייזער און פאַרדאָרבענער מענטש האָט זיך דערוועגט אין אַ מינוט, ווען איר איז נישט גוט געוואָרן און זי האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין, זי אָנצורירן מיט זיינע אומווירדיקע ליפן, האָב איך צוליב דעם נישט באַדאַרפט דעם קאָפּ פאַרלירן און מאַכן פון דעם קינד אַ קרבן. אייגנטלעך איז אויך שולדיק יוזשאַ אָסנאָווסקי, וואָס האָט די פראַגע פונם שידוך געשטעלט אויפן שפּיץ־מעסער — און אויב, שוין זייענ-

דיק עפּעס חושד, האָט ער געוואָלט אַזוי אַרום אַרויספּטרן פֿון הויז קאַפּאַוואָסקין, זאָל אים דער אייבערשטער מוחל זיין, מחמת נישט ווירדיק איז זיך צו באַשיצן אויפֿן חשבון פֿון יענעמס גליק און לעבן. אַך, מאַדאַם, מיר האָט זיך די ערשטע רגע אויך געדאַכט, אַז דער איינציקער אויסוועג איז אַ חתונה מיט דעם געמיינעם מענטש, און אַז פּעדימל האָט שוין נישט קיין רעכט צו ווערן איגנאַשס פֿרוי. איך האָב אַפֿילו ספּעציעל געשריבן צו אים, אַז זי איז געגאַנגען לויטן אינסטינקט פֿון איר האַרץ און אַז זי גיט יענעם אָפּ די האַנט אויס צוגעבונדנקייט, מחמת איך האָב געמיינט, אַז אַזוי אַרום וועט איגנאַש לייכטער איבערטראָגן די אבדה און איך האָב געוואָלט קלענער מאַכן זיינע יסורים... פּעדימל פֿאַר קאַפּאַוואָסקין! דער דערבאַרעמדיקער גאָט האָט עס נישט דערלאָזט, און ווען איך האָב אויך באַמערקט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ טויט פֿאַר פּעדימלען, האָבן מיר שוין ביידע געהאַט געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו באַפֿרייען פֿון די קייטן. הײַנט גייט שוין אויך נישט איינם אומקערן זיך צו די אַמאָליקע באַציונגען, ווייל פּעדימל האָט שוין אויך פֿאַרלוירן די אמונה אין מענטשן און אין לעבן, אַז זי וואָלט מסתמא שוין קיינמאָל אויף דעם נישט געוואָלט מסכים זיין. זי ווייסט אַפֿילו נישט, אַז איך שרייב דעם בריוו. ווען די ליבע מאַדאַם זאָל וויסן, וויפֿיל געזונט דאָס אַלץ האָט זי געקאָסט און ווי שרעקלעך אויף איר האָט געווירקט הער זאַווילאָווסקיס טויט, וואָלט איר געהאַט רחמנות אויף איר. ער האָט עס נישט באַדאַרפֿט טון, שוין צוליב איר אַליין; ליידער! — די מאַנסלייט, אַלס אמת׳ע עגאָיסטן, רעכענען זיך אין אַזעלכע פֿאַלן בלויז מיטן אייגענעם ווילן. זי איז אין דעם אַלעם פּונקט אַזוי פֿיל שולדיק, ווי אַ ניי-געבוירן קינד. איך קוק זיך אָבער צו, ווי זי גייט אויס פֿאַר מײַנע אויגן, און פּײַניקט זיך פֿון דערפֿרי ביזן אָוונט מיט דעם, וואָס זי איז נישט-ווילנדיק געוואָרן די סיבה פֿון דעם אומגליק און האָט אים געקענט צעבּרעכן דאָס לעבן. נעכטן האָט זי מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן, איך זאָל, אין פֿאַל פֿון איר טויט, זיין אַ מוטער פֿאַר איגנאַשן און האָבן איבער אים השגחה, ווי איבער אַן

זייגעניעם זון. יעדן טאָג רעדט זי וועגן דעם, אַז ער מוז זי פאַרשעלטן, און מיר פּלאַצט דאָס האַרץ, ווייל דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט ערוב, אויב דער צושטאַנד וועט דויערן. גאָט געטרייער! קומט אָבער אויך איר צו הילף דעם יאוש פון אַ מוטער: זענט מיר כאָטש מודיע פון צייט-צו-צייט וועגן איגנאַשן, אָדער ריכטיקער, שרייבט מיר, אַז ער איז געזונט, רויק, אַז ער האָט אָן איר פאַרגעסן, כדי איך זאָל איר קענען באַווייזן דעם בריוו און ברענגען כאָטש אַ ביסל דער-לייכטערונג אין אירע יסורים. איך פיל, אַז איך שרייב האַלב באַווּסטזיניק, איר וועט אָבער משיג זיין, וואָס אין מיר אייטוט זיך, בשעת איך קוק אויפן אומגליקלעכן קרבן. דער בערשטער וועט אייך פאַרגעלטן, און איך וועל יעדן טאָג בעטן, אַז אייער טאָכטער, אויב דער רבונו-של-עולם וועט אייך געבן אַ טאָכטער, זאָל גליקלעכער זיין פון מיין אָרימער פעדימל, נעבעך.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט אַ פרעג געטון מאַריניאַ.

— איך זאָג — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — אַז די ידיעה פון דער שנוי אין זאַווילאָווסקיס גורל איז זיך צעגאַנגען גאָר ברייט, שבית, מיין איך, אַז דער בריוו, וואָס איז געשיקט אויף דיין אַדרעס, איז אייגנטלעך באַשטימט פאַר איגנאַשן.

— דאָס קען זיין. דאָס איז נישט קיין אויפריכטיקער בריוו. זי קען אָבער זיין זייער אומגליקלעך.

— פאַרשטייט זיך, אַז זיי מוז נישט זיין פרייליך, אָסנאָוויסקי איז געדעכט געווען, ווען ער האָט געשריבן, אַז אין דעם אַלעם איז נאָך פאַראַן אויך אַן אומגעהייערע אַנטוישונג, פאַר דער פריי-בראַניטשן, און אַז זי וויל בחנם זיך אַליין נאַרן. וואָס שייך לין קאַסטעלי, ווייסטו, וואָס שווירסקי האָט מיר געזאָגט? איך וועל דיר נישט איבערחזרן זיינע האַרבע אויסדרוקן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז איצט קען זי נעמען סיידן אַ טיפש, אָדער אַ מענטש אָן אַ מאָראַלישן ווערט. זיי פאַרשטייען דאָס אַליין. און געזיכער איז, אַז זיי איז נישט פריילעך. ס'קען זיין, אַז דאָס פאַרוויסן רופט זיך אויך אָפּ, קוק אָבער, וויפיל דריידלעך ס'איז פאַראַן אין דעם בריוו. ווייז אים נישט איגנאַשן.

— ניין, כ'וועל נישט ווײַזן — האָט געענטפֿערט מאַריניאַ. וואָס אירע הייסטע ווונטשן זענען געווען אויף פֿרײַלין ראַזקאָווסקאַס זײַט.

און פּאָלאַניעצקי, גײַענדיק נאָכן געדאַנק, וואָס האָט אים שוין לאַנג געעגבערט, האָט כמעט וואָרט בײַ וואָרט איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— פֿאַראַן איז אוודאי לאָגיק, וואָס באַשטראָפֿט, און זיי שנײַדן דאָס, וואָס זיי האָבן געזייעט. דאָס בײַז שלאָגט זיך אָן, ווי אַ כוואַליע אָן ברעג און קערט זיך אום.

אויף דעם האָט מאַריניאַ אָנגעהויבן מיטן שירעם צייכענען פֿיגורן אויפֿן דיל, ווי זי וואָלט זיך איבער עפּעס פֿאַרטראַכט; נאָכדעם, ווידער אויפֿהייבנדיק אויפֿן מאַן אירע ליכטיקע אויגן, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אמת, מײַן סטאַך, דאָס בײַז קערט זיך אום, עס קען אָבער אויך צוריקקומען אַלס אַ צער, און דעמאָלס נעמט דער איבערשטער אָן די חרטה און שטראָפֿט שוין נישט מער.

ווען מאַריניאַ זאָל אַפֿילו געוווּסט וויסן, וואָס אים פּײַניקט, און וואָלט וועלן לינדערן זײַנע עינויים און צוגעבן אים מוט, וואָלט זי קיין בעסערע זאַך, ווי די עטלעכע פּשוטע ווערטער, נישט געקענט געפֿינען. פּאָלאַניעצקי האָט פֿון אַ צײַט אָן געלעבט מיט דעם געפֿיל, אַז אים מוז עפּעס טרעפֿן אַן אומגליק, און כּסדר געווען אין איין שרעק דערוועגן. ערשט פֿון איר האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די צוריקקערנדיקע כוואַליע קען שוין זײַן פּײַן און צער גופֿא. יאָ! ער האָט זיך גענוג אָנגעפּײַניקט, און קיין צער האָט אים נישט געפֿעלט, ער האָט אויך געפֿילט, אַז ווען דאָס זאָל קענען זײַן אַ באַפֿרידיקונג, וואָלט ער גרייט געווען נאָך צוויי מאָל שטאַרקער צו לײַדן. דערווײַל האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו נעמען אין די אָרעמס די פּשוטע און בראַווע פֿרוי, פֿון וועלכער אויף אים האָט געשטראַלט בלויז גוטס — און אויב ער האָט עס נישט געטאָן, איז בלויז אויס מורא פֿאַר איר אויפֿרעגונג, צוליב איר צושטאַנד און דער אומדרייסטקייט, וואָס האָט אים בנוגע צו איר געבונדן. פֿאַר דעם

האָט ער אויפגעהויבן איר האַנט צו די ליפּן און אַ זאָג געטון:

— דו ביסט געבענטש — און ביסט זייער אַ גוטע.

זי האָט זי הידער, אַ צופרידענע פונם שבת, האָט צו אים אַ שמייכל געטון און זיך גענומען קלויבן אַהיים.

בשעת זי איז אַרויס, האָט פּאָלאַניעצקי זיך דערנענטערט צום פענסטער און באַגלייט זי מיט די אויגן. סונדערוויטנס האָט ער געזען איר איבערגעבויגענע פיגור, וואָס באַוועגט זיך מיט אַ שווערן טריט, און די טונקעלע האָר, וואָס האָבן אַפּגעקוקט פון אונטערן הוט — און ער האָט באותו-הרגע דערפילט מיט אַ נייעם גאָר גרעסערן ווי אַמאָל כוח, אַז דאָס איז זיין טייערסט וועזן אויף דער וועלט — און אַז זי אַליין האָט ער בלויז ליב.

XX

אין צוויי טעג אַרום האָט פּאָלאַניעצקי אָפּגענומען אַ צעטל פון מאַשקאַן, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך עטלעכע געזעגן-ווערטער. „איך פאָר היינט אָפּ — האָט מאַשקאַ געשריבן — איך וועל זיך באַמיִען זיך אַריינצוכאַפּן צו דיר, אַלנפאַלס געזעגן איך זיך מיט דיר און דאַנק פאַר אַלע באַווייזן פון פריינטשאַפט, וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן, זאָל דער אייבערשטער דיר צו שיקן מער גליק, ווי ער האָט מיר צוגעשיקט. איך וואָלט זייער וועלן זיך מיט דיר זען כאָטש אויף אַ מינוט — און אויב איך וועל קענען, וועל איך זיך אַריינכאַפּן צו דיר אַקעגן פיר אין ביוראָ אַריין. דערווייל חזר איך איבער מיין בקשה, איר זאָלט געדענ־קען אָן מיין ווייב און זי אַ ביסל צוטוליען, ווען לייט וועלן זי פאַרלאָזן. דיך בעט איך אויך, אַז דו זאָלסט מיך באַשיצן פון מענטשנס צינגער. איך פאָר אָפּ קיין בערלין — גיין אין אָוונט — אין גאַנצן אָפּן. צום ווידערזען, אַלנפאַלס זיי געזונט — און איך דאַנק נאָכאַמאָל פאַר אַלעם — מאַשקאַ“.

פאַלאַניעצקי איז אַקעגן פיר אַוועק אין ביוראָ, ער האָט אָבער העכער אַ שעה צייט אומזיסט געוואַרט. — „ער וועט נישט קומען — האָט ער ענדלעך אַ טראַכט געטאָן — דאָס אין נאָך בעסער“. און ער איז אַוועק אַהיים מיט אַ געפיל פון אַ געוויסער הנאה, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן אויסצומיידן די פאַרלעגנהייטלעכע באַגעגעניש. אין אָוונט אָבער האָט זיך אין אים אָנגעהויבן עפּעס וועקן אַ מין רחמנות אויף מאַשקאַן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז טאַקע אמת געגאַנגען אויף אַ שלעכטן און היציקן וועג, ער האָט זיך אָבער אָנגעליטן און אָנגעפּייניקט געניג, און לסוף שווער באַצאָלט פאַר דעם — דאָס צלין, וואָס עס איז געשען, האָט מען לאַנג געקענט פאַרגעסן, אויב אַלזאָ די, וואָס האָבן עס פאַרויס געזען, האָבן מיט אים געליטן און באַ זיך אויפגענומען, דאַרפן זיי נישט איצט אַרויסהייבן אין דער צייט פון זיין ירידה צו אים קיין פאַראַכטונג. ער האָט אויך פאַרשטאַנען וויפיל הנאה ער וועט מאַשקאַן פאַרשאַפן מיט זיין קומען צו דער באַן — און נאָך אַ ווײַלע וואַקלעניש — איז ער אַוועק אַהין.

אויפן וועג האָט ער זיך דערמאַנט, אַז מסתּמא וועט ער אויפן וואָקזאַל אויך אָנטרעפן פרוי מאַשקאַ. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז סיי ווי סיי וועט ער זיך מוזן מיט איר טרעפן, און האָט גערעכנט, אַז צוריקציִען זיך צוליב דעם וואָלט עפּעס געווען אַ מין געמיין פּחדנות.

מיט די אַזיקע געדאַנקען איז ער אַוועק אויפן וואָקזאַל. אין דעם נישט גרויסן זאַלעכל פון דער ערשטער קלאַס זענען שוין געווען עטלעכע מענטשן, און אויף די טישן זענען געלעגן גאַנצע שטויסן האַנט-פּעקלעך, ער האָט אָבער אין ערגעץ נישט געקענט באַמערקן מאַשקאַן, ערשט נאָכן גוט אַרומקוקן זיך, האָט ער אין דער ייִנגער, פאַרשלייערטער דאַמע, וואָס איז געזעסן אין ווינקל זאַל, באַמערקט די פרוי מאַשקאַ.

— אַ גוטן אָוונט — האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערנענטערנדיק זיך צו איר — איך קום זיך געזעגענען מיט אייער מאַן. וואָס טוט זיך מיט אים?

זי האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געענטפערט מיט איר געוויינטלעך קאַלט קולעכל:

— מיין מאַן קויפט בילעטן. ער וועט תיכף קומען.

— ווי הייסט בילעטן? איר פאָרט אויך מיט אים?

— ניין; מיין מאַן קויפט אַ בילעט.

דער ווייטערדיקער שמועס אין באַ די באַדינגונגען געווען זייער אַ שווערער; אין אַ ווײַלע אַרום אָבער איז מאַשקאָ אַריין אין דער באַגלייטונג פון אַ באַן־באַדינער, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן דעם בילעט מיטן געלט און אַ פאַראָרדענונג צו עקספּעדירן די זאַכן, אָנגעטון אין אַ לאַנגן פּלאַשטש מיט אַ פּאָלאַרין און אין אַ ווייכן פילצענעם הוט, האָט ער מיט זיינע לאַנגע פּאַוואָריטן און גאָלדענעברילן אויסגעזען ווי עפּעס אַ רייזנדיקער דיפּלאָמאַט. פּאָלאַניעצקי האָט זיך אויך טועה געווען, אַז מאַשקאָ וועט אַרויסווייזן אומגעהייערע צופרידנהייט צוליב זיין קומען. מאַשקאָ, דערזעענדיק אים, האָט טאַקע אַ זאָג געטון: „אַך, ווי דאַנקבאַר איך בין דיר, וואָס דו ביסט געקומען!" — אָבער עפּעס אַזוי נאַכלעסיק און בחפזון, ווי מענטשן, וואָס האַלטן באַם אָפּפאָרן.

— נו — האָט ער זיך אָפּגערופן, אומקוקנדיק זיך איבערן זאַל — אַלץ איז דערליידיקט! אָבער ווי איז מיין האַנטגעפּעק! אַ, ס'איז פאַראַן — גוט!

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין און איבערגעחזרט:

— איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען. טו־זשע מיר אויך אַזוי נאָך אַ טובה און פיר אָפּ מיין ווייב צהיים, אָדער גיי לכל־הפחות מיט איר צוזאַמען אַרויס און העלף איר געפינען אַ קאַטש. טערעניאַ, הער פּאָלאַניעצקי וועט דיך אָפּפירן אַהיים. מיין טייערער, קום נאָר אויף אַ ווײַלע, כ'האָב דיר נאָך עפּעס צו זאָגן.

און נעמענדיק פּאָלאַניעצקין אָן אַ זייט, האָט ער היציק אָנגעהויבן רעדן:

— פיר זי אומבאַדינגט אָפּ. איך האָב מיין צפּבאַר אויס.

געטייטשט מיט אַ תירוץ, אָבער דו זאָג איר אַזוי זיך, כל אחרי־
יד, אַז דו חידושט זיך, וואָס איך פֿאָר אַפּ אַזוי קורץ פֿאַרן
טערמין פֿונם פּראָצעס, מחמת, אויב עפּעס אַ צופֿאַל וועט מיך
פֿאַרהאַלטן, וועט דער פּראָצעס מוזן פֿאַרשפּילט ווערן. איך האָב
געזאָל באַ דיר זײַן, כּדי דיך סאַקע צו בעטן וועגן דעם. ווייסט
דאָך אָבער... איינס טאָג פֿון אָפּפֿאָרן! דער טערמין איז אין אַ
וואָך אַרום; איך וועל קראַנק ווערן; אָנשטאָט מיר וועט זיך
שטעלן מײַן געהילף, וואָס איז אַן אַדוואָקאַט אַן אָנפֿאַנגער —
און וועט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשפּילן. די זאַך וועט אָבער ווערן
פֿאַרטייטשט מיטן תירוץ פֿון צופֿאַל. דאָס ווײַב האָב איך באַ־
וואָרנט. אַלץ איז אויף איר נאָמען, און מען וועט באַ איר אפילו
קיין גלאָז נישט צונעמען. איך אַליין האָב אויך אַן אײַנפֿאַל,
מיט וואָס איך וועל זיך ווענדן צו אַ געזעלשאַפֿט פֿון שיפֿן־בוי־
אין אַנטווערפּן. אויב איך וועל שליסן אַן אָפּמאַך, וועלן די וועל־
דער אין גאַנצן לאַנד אָנהייבן ציטערן, אָבער ווער ווייסט, צי
איך וועל אין דעם פֿאַל נישט צוריקקומען, און דאַמאָלס איז דער
גאַנצער פּראָצעס וועגן פּלאַשאַווסקין לגבי דעם אַ שבוש. איך
קען ברייטער נישט רעדן! ווען נישט די שוואַרצע מינוטן, וואָס
מײַן ווײַב דאַרף איבערלעבן, וואָלט איך זיך אַקעגנגעשטעלט די
פּײַן, אָבער דאָס שטיקט מיך אַזוי!

דאָ האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפֿן האַלדז, און
נאָכדעם נאָך שנעלער גערעדט:

— אויף מיר איז אַרצאַפּ אַן אומגליק אָבער אויף יעדן
איינעם קען דאָך צראַפּפֿאַלן אַן אומגליק. איבעריקנס, איז צו
שפּעט וועגן דעם צו רעדן, וואָס געווען איז געווען. איך האָב
אָבער געטון, וואָס איך האָב געקענט, און וועל נאָך טון, וואָס
איך וועל קענען. דאָס איז פֿאַר מיר אַ דערלייכטערונג אויך,
וואָס דו וועסט אויך אַרויסבאַקומען דײַנס — כאָטש פֿון קושע־
מיען! איך וואָלט האָבן צײַט דיר צו זאָגן, וואָס פֿאַר אַן אײַנפֿאַל
איך האָב, וואָלסטו אַליין מודה געווען, אַז אַ ליאַדע וועמען וואָלט
עס אין קאָפּ אַרײַן נישט געקומען. עס קען זײַן, אַז איך וועל
האָבן געשעפֿטן אויך מיט אײַער געזעלשאַפֿט. זעסט, אַז איך לאָז

זיך נישט... דאָס חייב האָב איך איינגעזען באַוואָרנט. האַ! עס איז געשען! געשען! אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט אַן ערגערן סוף געהאַט. נישט אמת? לאָמיר זיך אָבער אומקערן צום ווייב

פּאָלאַניעצקי האָט מיט אַ געוויסער אומאָנגענעמקייט אויסגעהערט מאַשקאַס רייד. ער האָט זיך מאַקע געחידושט אויף זיין גייסטיקער נישט אויסגעשעפּטקייט, גלייכצייטיק האָט ער אָבער געפּילט, אַז אים פעלט עפּעס גלייכגעוויכט, וואָס אונטערשיידט אַן אונטערגעמערישן מענטש פון אַן אונטערנעמערישן אוואַנטוריסט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין מאַשקאַן איז פאַראַן עפּעס פון אַ קומענדיקן אויסגעריבענעם אַלטן היגער־פרעסער, וואָס וועט זיך נאָך לאַנג וואַרפן און צוזאַמען מיט זיינע איינפאַלן וואָס אַמאָל נידעריקער זינקען, ביז ער וועט ענדיקן מיט אויסגעקרומטע שטיוול אין אַ צווייטראַנגיק קאַפעהויז און מעשיות צווישן דעם זעלבן מין „יורדים“ וועגן זיין אַמאָליק גדלות. ער האָט אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז די סיבה פון דעם אַלעם איז דאָס לעבן, וואָס איז פון תחילת אָן באַגרינדעט אויף ליגט, און אַז מאַשקאַ וועט בײַ זיין גאַנצער אינטעליגענץ פון דער שקר-נעץ זיך נישט קענען אַרויסקריגן.

ער האָט אַפילו איצט אינם ווייבס קעגנוואַרט אויך געמאַכט דעם אָנשטעל. ער האָט עס טיילווייז געמוזט טאָן, בשעת אָבער דער זאַל האָט אָנגעהויבן פול ווערן מיט מענטשן, און אַ טייל פון די באַקאַנטע זענען געקומען זיי באַגריסן און רעדן אויף גיך אַ פּאָר ווערטער, ווי מען טוט עס אויף דער באַן, האָט זיך מאַשקאַ אָפּגערופן צו זיי מיט עפּעס אַזאַ שאָטן פון העכערקייט און ג׳באַד, אַז פּאָלאַניעצקי האָט אַזש אַרומגענומען אַ כעס.

„ווער וואָלט עס אַ טראַכט געטאָן — האָט ער געזאָגט צו זיך — אַז ער אַנטלויפט פאַר בעל-דברס; וואָס וואָלט געווען, ווען דער מענטש זאָל ווען עס איז מאַכן אַ פאַרמעגן!“

דערווייל האָט זיך אָפּגערופן דאָס גלעקל און פון אונטער די פענסטער האָט זיך געלאָזט הערן דאָס שנעלע סאָפּען פונעם לאָקאָמאָטיוו. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און איילן.

„אינטערעסאַנט, וואָס עס טוט זיך איצט מיט אים? — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי. ער האָט אפילו אין אַזאַ מינוט נישט געקענט זיך אַרויסדרייען פֿון די שקר-נעצן. קען זײַן, אַז דאָס האַרץ האָט זיך אים צוגעדריקט פֿונעם בייזן פֿאָרגעפֿיל, אַז ער האָט אַ שימער געהאַט פֿון קלאָר זען, אַז דאָס ווייב, וואָס ער האָט ליב געהאַט, וועט ער שוין מער נישט זען, אַז ער פֿאָרט צו נויט, בע-ונד זײַן, ירידה, ער האָט אָבער נישט געטאָרט אַרויסווייזן דאָס, וואָס ער האָט געפֿילט, אָדער אפילו זיך געזעגענען מיטן ווייב, ווי ער וואָלט וועלן.

אָפּגערופן האָט זיך דער צווייטער קלונג. זיי זענען אַרויס אויפֿן פּעראָן און מאַשקאַ האָט זיך נאָך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן פֿאַרן שלאָף-וואַגאָן. די שײַן פֿון דער לאַמטער איז געפֿאַלן אויף זײַן געזיכט, אויף וועלכן ס'האָבן זיך לעבן מויל באַוויזן צוויי פֿעלבלעך. ער האָט אָבער גערעדט רויִק מיט אַ טאָן פֿון אַ מענטש, וואָס זײַנע בעשעפֿטן צווינגען אים אַרויסצופֿאָרן אויף עטלעכע טעג, און וואָס איז זיכער, אַז ער וועט זיך אומקערן.

— נו, צום ווידערזען, טערעניאַ. קוש פֿאַר מײַנעטוועגן די טוטערס הענט און זיי מיר געזונט. צום ווידערזען! צום ווידערזען!

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אויפֿגעהויבן איר האַנט, וועלכע ער האָט לאַנג נאָך געהאַלטן בײַ די ליפּן.

און פּאָלאַניעצקי, אָפּרוקנדיק זיך בבֿיון אַ ביסל אָן אַ זײַט, האָט אַ טראַכט געטון:

— זיי זעען זיך דאָס לעצטע מאָל. אַן ערך אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט פֿאָרקומען דאָס אָפֿיציעלע צעשיידן זיך.

און אים איז אויפֿן רעיון געקומען דער גורל פֿון די ביידע פֿרויען, פֿון דער מוטער און טאָכטער. ביידע האָבן זיי חתונה געהאַט מיט אַלע אויסערלעכע סימנים פֿון פּראַכט — און ביידעס מענער האָבן געמוזט אַנטלויפֿן פֿונדערהיים, איבערלאָזנדיק די ווייבער בלויז חרפּות.

בינו-לבינו האָט מען אַ קלונג געטון צום דריטן מאָל. מאַשקאַ איז אַריין אין וואַגאָן. אַ ווײַלע האָט מען אויף דער ברייטער שויב פון שלאָפוואַגאָן נאָך געזען זייַנע פּאַוואָריטן און די גאָלדענע ברילן, נאָכדעם איז דער צוג צריין אין חשכות.

— ביטע, מאַדאַם — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

און ער איז געווען כמעט זיכער, אַז פרוי מאַשקאַ וועט אים דאַנקען כרוקן פאַר דער געזעלשאַפט. ער איז אפילו געווען בייז פון דעם, מחמת ער האָט באַשלאָסן איר צו זאָגן עפּעס נישט בלויז וועגן מאַן, נאָר אויך פון זיך. זי האָט אָבער אַ בייג געטון דעם קאָפּ אַלס סימן, אַז זי איז מסכים. זי האָט אויך געהאַט אירס אַ פּלאַן. אין האַרץ בײַ איר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל ביטערער ווידערווילן און פאַרדרוס אויף פּאָלאַניעצקין, אַז מיינענדיק, אַז ער קען באַכאַמאָל וועלן געניסן פון דער מינוט, וואָס זיי פאַרברענגען זאַלבענאַנד, האָט זי באַשלאָסן אים צו געבן אַזאַ אָפּשניט, אַז ער זאָל עס לאַנג האָבן צו געדענקען.

זי האָט אָבער געהאַט אינגאַנצן אַ טעות. קודם-כל האָט ער צוליב איר זיך צעבראָכן, ווי אַ שיף אָן אַ פעלז. און האָט דעריבער געפילט אַ צייט צו איר נישט בלויז ווידערווילן, נאָר אויך שנאה, שנית, אויב שפּעטער איז דורך וואָס אַמאָל אַ בולטער געפיל, אַז די שולד איז גמרי אויף זיין זייט, — די שנאה פאַרבײַ, האָט ער זיך אויף אַזוי פיל געענדערט, אַז ער איז כמעט לחלוטין געווען אַן אַנדערער מענטש. דער סוחרישער חשבון מיט זיך אַליין האָט אים אויסגעלערנט, אַז פאַר ענלעכע אויספאַלן צאָלט מען צו טייער; ער איז געווען אין דער פּאַזע פון געוואַלטיקער בענקשאַפט נאָך אַ לעבן אָן שווינדל, ענדלעך האָבן די פּיין און דער צער אַזוי ווייט אויפגעפרעסן אין אים די תאווה, ווי ראָסט פרעסט אויף אייזן. העלפנדיק איר איצט אַרייַנשטייגן אין קאַטש אַריין און אָנרירנדיק איר אָרעם איז ער געבליבן רויק — און איינשטייגנדיק האָט ער תיכף אָנגעהויבן רעדן וועגן מאַשקאָן, מחמת ער האָט געהאַלטן, אַז צוליב דעם

געפיל פון מענטשלעכקייט אליין דאַרף מען זי פאַרברייטן צו דער קומענדיקער קאַטאַסטראָפע און לינדערן איר באַדייטונג.

— איך באַוואונדער אייער מ.נ.ז דרייסטקייט — האָט ער אַ זאָג געטון — זאָל אין דער צייט פון זיין חיילן אין בערלין איין בריק אויף דער באַן איינפאַלן, וועט ער נישט קענען קומען צוריק אויפן פּראָצעס, פון וועלכן — ווי אייך איז מסתמא באַוווּסט — ס'איז אָפּהענגיק זיין גאַנצער גורל. ער האָט געמוזט אוועקפאָרן צוליב וויכטיקע טעמים, אָבער פאָרט איז עס אַן אַזאַרט.

— די בריקן זענען פעסט — האָט געענטפערט פרוי מאַשקאַ.

ער אָבער, אַ נישט אָפּגעשראָקענער פון דעם נישט זייער צוגעבנדיקן חשק ענטפער, האָט ווייטער גערעדט, אויפדעקנדיק פאַר איר בהדרגה די פאַרהאַנג פון דער צוקונפט, און האָט אַזוי לאַנג גערעדט, אַז זיי זענען ביז־לבינו צוגעקומען צו מאַשקאַס דירה. דאַמאָלס האָט זי, נישט פאַרשטייענדיק משמעות די באַדייטונג פון זיינע ווערטער, און אפשר אין כעס, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אים צו דערלאַנגען דעם פאַרטראַכטן אָפּשניט, אַ זאָג געטון, אַרויסשטייענדיק שוין פון דער קאַרעטע:

— איר האָט עפּעס אַ פּערזענלעכן ציל אין דעם באַאומרויִקמיך?

— ניין, מאַדאַם — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט אָנערקענט, אַז די צייט איז געקומען איר צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן איר צו זאָגן פון זיך — בנוגע צו אייך האָב איך בלויז איין ציל, צו דערקלערן, אַז כ'האָב פאַר אייך אומווירדיק געזינדיקט — און אַז פון גאַנצן האַרץ בעט איך מיר מוחל צו זיין.

די יונגע פרוי אָבער איז, נישט אָפּענטפערנדיק קיין איין וואָרט, אַריין אין פּעדערהויז. פּאָלאַניעצקי האָט ביזן סוף לעבן זיך נישט דערוווּסט, צי דאָס איז געווען אַ שווייגן פון שנאה, צי מחילה.

דאַך האָט ער זיך אומגעקערט אהיים מיט אַ געהייטער דערלייכטערונג, מחמת אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי האָט ער באַדאַרפט צו האַנדלען. דאָס איז אין זיינע אויגן געווען אַ קליינער אַקט פון תשובה-טון — און אים איז אַלצאיינס געווען, ווי אַזוי פרוי מאַשקאַ האָט אים פאַרשטאַנען. אפשר רעכנט זי, האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז כ'האָב זי איבערגעגעבן פאַר מיין שפּעטערדיקער האַנדלונג, אַלנפאַלס וועל איך איר איצט דרייסטער קוקן אין די אויגן אַריין.

אין דעם געדאַנק איז אָן שום ספק געווען אַ ביסל עגאָיזם, אָבער געווען איז אויך אַ ווילן אָפּצווענדן זיך פון פאַלשן וועג.

XXI

פריילין העלענאַ האָט אויך באַקומען פאַרן אָפּפאָרן אַ בריוו פון פרוי בראָניטש אין דעמזעלבן נוסח, ווי מאַריניאַ האָט דערהאַלטן, און פונקט, ווי מאַריניאַ, נישט געוויזן אים זאַווילאָווסקין. איבעריקנס איז זאַווילאָווסקי צוזאַמען מיט שווירסקין אין אַ האַלבן טאָג אָפּגעפאָרן, און קיינעם פון די באַקאַנטע נישט באַזוכט, אַ חוץ איין פריילין ראַטקאָווסקאַ. שווירסקי אַליין האָט אים אָפּגערעדט פון אַלע באַזוכן און פּאָלאַניעצקי האָט אין זיינע שמועסן מיטן ווייב אָפּגעגעבן אים לחלוטין גערעכט. — „איצט — (האָט ער געזאָגט) — וואָלט עס געווען זייער אומאָנגענעם, הן פאַר איגנאַשן, הן פאַר אונדז. עפּעס אַנדערש איז עס די, וואָס האָבן אים באַזוכט יעדן טאָג, מחמת זיי האָבן זיך צו אים צוגעוויינט, קיינער אָבער פון די אַנדערע וואָלט זיך נישט געקענט נישט חילנדיק אָפּהאַלטן נישט אַ קוק צו טון אויף שפּור, וואָס אים איז אויפן שטערן געבליבן. איבעריקנס, האָט זיך איגנאַש שטאַרק געענדערט. דורך דער רייזע וועט ער לחלוטין קומען צו זיך און בשעת ער וועט צוריקקומען, וועלן מיר אים אויפ-

נעמען, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געהאַט פאַרגעקומען, און פרעמדע ווידער וועלן קודם-כּל אין אים זען אַ רייך פּריצל״.

און אַזוי האָט באמת געקענט זיין. אָבער דערווייל איז צוליב דעם אָפּפאָר אַרום די פּאָלאַניעצקיס געוואָרן פּוסט. דער קרייז באַקאַנטע איז צעשטויבט געוואָרן אויף אַלע זייטן. אָסאָבאָווסקי איז כּסדר געווען אין בריסל, וועגן איר האָט קיינער קיין גענויע ידיעות נישט געהאַט, וווּ זי געפינט זיך. פרוי בראָניטש מיט קאַסטעלין זענען געזעסן אין פּאַריז; געפעלט האָט אויך די זאַווילאָווסקיס הויז; פרוי קרעסלאָווסקאַ מיט דער טאָכטער האָבן זיך אָפּגעשלאָסן און בלויז געלעבט איינס פאַר דאָס אַנדערע, ענדלעך האָט די קראַנקהייט צוגעשמידט פרוי עמיליאַן אויף אַ ביק צום בעט.

געבליבן זענען בלויז די ביגעלס און דער פּראָפעסאָר. ער איז אָבער אויך געווען קראַנק, און בײַ דעם געוואָרן אַזוי מאָדנע, אַז ווייטע מענטשן האָבן אים ממש געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם. אַנדערע ווידער האָבן מיט אַ געוויסער איראָניע געזאָגט, אַז אַ מענטש, וואָס ריכט זיך, אַז דער קריסטלעכער גייסט וועט פּונקט אַזוי אַריין אין דער געשיכטע, ווי ער איז אַריין אין די פּריוואַטע באַציונגען, קען נישט זיין בײַ די קלאָרע געדאַנקען. ער אַליין האָט שוין אָנגעהויבן אויך טראַכטן וועגן טויט און געמאַכט צו אים הכנות. אָפטמאָל האָט ער געחזרט פּאָלאַניעצקין, אַז ער וואָלט וועלן שטאַרבן אינם „פעדערהויז פון דער גרויסער וועלט״ — און האָט צוליב דעם זיך געקליבן קיין רוים. ליב האָבנדיק זייער מאַריניאַן, האָט ער פריִער געוואָלט איבערוואַרטן איר קימפעט.

אַזוי צרום איז בײַ די פּאָלאַניעצקיס די צייט אַוועק אין גרויס איינזאַמקייט. מאַריניאַ האָט עס אָבער גײַטיק באַדאַרפט האָבן. מחמת זי האָט די לעצטע טעג זיך געפילט שטאַרק שוואַך, סאיז אָבער אויך צונוץ געקומען פאַר זיין שטימונג. פּאָלאַניעצקי האָט געאַרבעט אין ביוראָ, — און אויף זיך: ער האָט אין זיך אויסגעאַרבעט אַ נײַעם מענטש און אַכטונג געגעבן אויפן ווייב, זי ווידער האָט זיך אויך צוגעגרייט צו דער נײַער תּקופה אינם

לעבן — און זיך צוגעגרייט פריילעך, מחמת איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער אָנזאָג אירער אַליין איז אויסגעצייכנט משפיע אויף זיי ביידע. פּאָלאַניעצקי איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן עפּעס ווייניקער עקשן, איינזעעוודיקער אין זיין משפט איבער מענטשן און מילדער נישט בלויז בנוגע צו איר, נאָר בנוגע צו אַלע, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט אים צונויפגעפירט. איר האָט ער אַרומגערינגלט מיט אומגעוויינטלעכער, פּעדערדיקער זאָרגעוודיקייט, און הגם זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס זאָרגן זיך האָט נישט אַזוי פיל צו טון מיט איר פּערזענלעך, ווי מיטן קינד — האָט זי עס געהאַלטן פאַר ריכטיק, און איז אים געווען דאַנקבאַר. צייטנווייז האָט זי געחידושט די געוויסע נישט דרייסטקייט און עפּעס אַ מין וואַקלען זיך אין זיין באַגיין זיך באַ מענטשן, נישט קענענדיק אָבער זיך משער זיין, אַז דאָס הייסט בלויז איינהאַלטן זיין געפיל צו איר, האָט זי צוגעשריבן די סימנים אַלס סטאַכס מורא, צי דאָס אַלץ וועט דורכגיין בשלום.

באַ אַזעלכע באַדינגונגען האָבן אָנגעהויבן אַפּלויפן גאַנצע וואָכן. זייער מאָנאָטאָנקייט האָט צייטנווייז איבערגעריסן שווירסקיס בריוו, וואָס האָט, בשעת ער האָט נאָר געקענט אַפּרייסן אַ פרייע מינוט, מודיע געווען, וואָס ער האָט נאָך געקענט, וועגן זאַווילאָווסקין און זיך. אין איינעם פון די דאָזיקע בריוו האָט ער זיך אָנגעפרעגט אין זאַווילאָווסקיס נאָמען, צו די פרוי פּאָלאַניעצקאַ וועט דערלויבן, ער זאָל די באַשרייבונגען פון זיינע איינדריקן אין דער פאָרעם פון בריוו שיקן צו איר. „מיר האָבן גערעדט מיט אים וועגן דער בריוו" — האָט געשריבן שווירסקי — קודם־כל האָלט ער, אַז אייך וועט אויך זיין אָנגענעם צו האָבן אָפּקלאַנגען פון אַ לאַנד, וואָס האָט אייך איבערגעלאָזט אַזוי פיל אָנגענעמע זכרונות, שנית, מאַכט עס לייכטער די אַרבעט, בשעת מען שרייבט ווי צו אַ פּריוואַט. ער איז געזונט, גייט, עסט און שלאָפט אויסגעצייכנט יעדן אָוונט זע איך אים אויך, ווי ער זעצט זיך צום ביוראָ טיש און נעמט זיך צום שרייבן. איך האָב באַמערקט, אַז ער פּרוּווט איך שרייבן לידער, עפּעס גייט עס נישט, מחמת אויף וויפיל איך ווייס, האָט ער עד־היום גאָרנישט אָנגע-

שרײַבן — איך מיין אָבער, אַז פּאַמעלעך וועט אַלץ זיך געפינען. דערווײַל אָבער קען די בריוו-פאָרם אים באמת פאַרלײַכטערן די אַרבעט. צום סוף גיב איך צו, אַז פריילין העלענאַן דערמאָנט ער מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, און בײַ יעדן דערמאָנען זיך אָן פריילין ראַטקאָווסקאַ צעשטראַלט זיך זײַן בליק. איך ווידער דערמאָן אים אָפט אָן איר, מחמת וואָס זאָל איך דען נעבעך טון. ווען עס איז עפּעס נישט באַשערט, איז נישטאָ קיין עצה, און אַז אײנעם איז אָנגעצייכנט, אַז ער מוז זײַן אַ פלאָקן אין אַ פּלויט — וועט אויף אים אפילו שוין פרילינג אויך קיין בלעטער נישט אָנוואַקסן".

האַלב נאָוועמבער איז אָבער פון רוים געקומען אַ בריוו וואָס האָט ביידע פּאָלאַניעצקיס אָנגערעגט אויף אַ סך געדאַנקען, שווירסקי האָט אָט-וואָס געשריבן:

„מאָלט אײַך, אַז דאָ זײַנען פאַרהאַן פרוי בראַניטש מיט פריילין קאַסטעלי — און אַז איך האָב זיך מיט זיי געזען. איך בין אין רוים ווי אינדערהיים, האָב איך זיך דעריבער וועגן זייער אָנקומען תיכף דערוווּסט אויף צומאָרגנס, און ווייסט איר, וואָס איך האָב דערווײַל געטון? איך האָב אָנגערעדט איגנאַשן צו פאָרן קיין סיציליען, בײַ וואָס איך האָב אַגב נישט געהאַט קיין מניעות, איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז ער וועט זיצן אין פּאַלערמאָ, אין סיראַקוזן און אין טאַאָרמינען, און אויב ער וועט אַמאָל אַרײַנפאַלן צו דער „מאַפיע" אין די הענט אַרײַן, וועט ער ווייניקער באַצאָלן אויסלייז-געלט, ווי ער האָט שוין באַצאָלט פאַרן רעכט צו טראָגן אַ געוויסע צײַט פריילין „פעדימלס" פינגערל. — איך האָב צו זיך געזאָגט, אַז אויב זיי איז זיך באַשערט צו טרעפן ווו עס איז אין לעבן און מאַכן שלום, זאָלן זיי זיך טרעפן און מאַכן שלום, איך אָבער האָב עס אויף מײַן געוויסן נישט געוואָלט נעמען, בפרט נאָך נאָכדעם אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. — איגנאַש איז כלומרשט געזונט, גײַסטיק אָבער איז ער נאָך נישט געקומען צו זיך און אין דעם מצב וואָלט ער לײַכט געקענט צוגעפירט ווערן צו עפּעס אַזוינס, וואָס ער וואָלט נאָכדעם אויפן גאַנצן לעבן

באַדויערט, וואָס שייך די דאָמען, האָב איך זיך תיכף משער גע-
ווען, צוליב וואָס זיי זענען אַהערגעקומען און האָב אין האַרץ
געהאַט הנאה, וואָס כ'האָב זיי צעדרייט די פּלענער — אַ ראיה
האָב איך, אַז מיין השערה איז אַ ריכטיקע געווען, ווייל אין
עטלעכע טעג אַרום איז אַ בריוו אָנגעקומען צו איגנאַשן, אין
וועלכן איך האָב דערקענט דאָס כתב פון דער געערטער אלמנה
נאָכן זעליקן טעאָדאָר. איך האָב אויפן קאָנווערט אָנגעשריבן,
אַז זאַווילאָווסקי איז אָפּגעפאָרן, מען ווייסט נישט וווהין, און
מען האָט דעם בריוו תיכף צוריק אָפּגעשיקט.

„דאָס איז אָבער אַלץ דער אָנהייב פון דער געשיכטע.
אויפצומאָרגנס באַקום איך אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג אויף אַ
שמועס. איך ענטפער, אַז צום באַדויערן מוז איך אָפּזאָגן, מחמת
מיינע אַרבעטן דערלויבן מיר נישט זיך צו פאַרשאַפן דאָס פאַר-
געניגן. אויף דעם, באַקום איך אַ צווייטן בריוול, שוין מיט אַן
אַפּעל צו מיין כאַראַקטער, טאַלענט, שטאַם, האַרץ, מיטלייד צו
אַן אומגליקלעכער פרוי — מיט אַ בקשה, כ'זאָל אָדער אַליין קו-
מען, אָדער באַשטימען אַ שעה אין אַטעליע. כ'האָב נישט גע-
האַט קיין עצה — און בין אַוועק. אויפגענומען האָט מיך די פרוי
בראָניטש אַליין מיט טרערן און מיט אַ גאַנצן קוואַל מעשיות,
וואָס איך וועל זיי נישט איבערחזרן, אָבער פון וועלכע „פּעדימל"
שיינט אַרויס, ווי די הייליקע אַגנעס — די מאַרטירערין. איך
האָב געכרעגט, מיט וואָס איך קען דינען. זי האָט מיר געזאָגט,
אַז דאָ גייט אין קיין זאַך נישט, אַ חוץ אין זאַווילאָווסקיס אַ גוט
וואָרט, אַז „דאָס קינד איז קראַנק, הוסט און וועט מסתמא קיין
יאָר נישט אויסלעבן, עס וויל אָבער שטאַרבן מיט אַ וואָרט פון
מחילה". אויף דעם בין איך זיך מודה, בין איך אַ ביסל ווי-
כער געוואָרן, כ'האָב זיך אָבער געהאַלטן, כ'האָב איבעריקנס
נישט געקענט זיי אָנווייזן זאַווילאָווסקיס אַדרעס, מחמת כ'האָב
באמת נישט געוווסט אין וועלכן האָטעל ער וועט איינשטיין, איך
האָב געשוויצט, ווי אין אַ באָד, ענדלעך האָב איך אין אַלגעמיי-
נע ווערטער צוגעזאָגט, אַז אויב איגנאַש וועט ווען עס איז דער
ערשטער אָנהייבן מיט מיר צו רעדן וועגן פריילין קאַסטעלי,

װעל איך אים צורעדן, ער זאָל האַנדלען בהסכם מיט פרוי בראַ־ניטשס פאַרלאַנג.

„דאָס אַלץ איז אָבער נאָך גאָרנישט. אין דער מינוט, וואָס איך האָב געטראַכט װעגן צוריקטרעטן, איז פּלוצלינג אַריין פריי־לין ליגעטאַ אַליין, און געווענדט זיך צו דער מומען מיט אַ בקשה, זי זאָל איר דערלויבן מיט מיר צו רעדן אויג אויף אויג. איך מוז איך, צווישן זיך גערעדט, זאָגן, אַז זי איז דאַר געוואָרן, און האָט מיר אויסגעוויזן נאָך העכער, ווי זי איז געוויינטלעך, אַן אמת „סאָפּאָלעכל", וואָס אַ ליאַדע ווינטל קען עס צעברעכן. תיכף ווי מיר זענען געבליבן ביחידות, האָט זי זיך געווענדט צו מיר און אַזוי געזאָגט: „די מומע פרוּווט מיך רייבוואַשן און טוט עס אַלץ אויס ליבע צו מיר, בין איך איר פאַר דעם דאַנקבאַר. איך קען דאָס אָבער נישט פאַרטראָגן און איך דערקלער אייך, אַז איך בין שלעכט, איך בין גאָרנישט ווערט, און אויב איך בין אומגליקלעך, האָב איך עס הונדערט מאָל מער פאַרדינט". — אויסהערנדיק דאָס, בין איך בשתומם געוואָרן. איך האָב אָבער געזען, אַז זי רעדט אויפריכטיק, מחמת די ליפּן אירע האָבן זיך געטרייסלט און די אויגן זענען איר פינסטער געוואָרן; זאָגט אייך, אַז איך האָב אַ האַרץ פון פּיטער. איך אָבער בין זיך מודה, אַז איך בין גערירט געוואָרן און זיך געפרעגט, וואָס איך קען פאַר איר טון. אויף דעם האָט זי מיר געענטפערט, אַז קיין זאַך נישט, זי האָט אָבער געבעטן, איך זאָל לכל-הפּחות גלייבן אין דעם, אַז זי בעמט אין די אַלע באַמיִונגען פון דער מומען אָנצו־קניפּן באַציִונגען קיין שום אָנטייל נישט, אַז נאָך זאַווילאָווסקיס טאָט האָבן זיך איר ערשט געעפנט די אויגן אויף דעם, וואָס פאַר איינע זי איז, וואָס זי האָט געטון, און אַז זי וועט עס שוין קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. לסוף האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז זי אַליין איז אין אַלעם בלויז שולדיק און געבעטן, איך זאָל װעגן אונדזער שמועס דערציילן זאַווילאָווסקין, אָבער נישט איצט, נאָר אַמאָל, ווען ער וועט זי שוין נישט קע־נען חושד זיין, אַז זי וויל אים רירן.

„נו, וואָס? איר װאָלט אין אַזאַ זאַך געגלייבט? איך זע

קלאָר צוויי זאַכן. קודם-כּל, אַז זאַווילאָווסקיס טאָט אוין זיך האָט, ווי די מעשה זאָל נישט זײַן, זי געהאַלטיק אויפגעטרייסלט, שנית, אַז זי איז שרעקלעך און ווער ווייסט, צי זי איז נישט באמת קראַנק. מיר קומט אויך אויפן רעיון פרײַלין העלענאַ זאַ-ווילאָזסקאַס מיינונג, וואָס איר האָט מיר איבערגעחזרט, אַז אין אַ מענטש טאָר מען זיך נישט מיאש זײַן, כּל-זמן ער לעבט. אַלנ-פאַלס איז עס אַן אומגעווײנטלעכע זאַך. איך גלייב אויך, אַז ווען זאַווילאָווסקי זאָל אפילו איצט וועלן זיך אומקערן צו איר, וואָלט זי אויף דעם נישט מסכּים געווען בלויז דערפאַר, ווייל זי פילט, אַז זי איז אים נישט ווערט. וואָס שייך מיר, מיין איך, אַז אין דער וועלט אין פאַרהאַן אַ סך בעסערע און איידעלערע פרויען-נאַטורן פאַר איר, אָבער זאָל מיך דער רוח כאַפּן, אויב איך וועל אַרויסטרעטן קעגן איר.

ווייטער זענען געגאַנגען פראַגן וועגן געזונט און גרוסן פאַר די ביגעלס.

דער בריוו האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ גרויסן רושם און האָט גורם געווען אַ סך באַהאַנדלונגען מצד די פּאָלאַניעצ-קיס און ביגעלס. אגב האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ווייט אַ געענ-דערטער מענטש פּאָלאַניעצקי איז. אַמאָל וואָלט ער נישט געפי-נען קיין ווערטער אויף צו פאַרמשפּטן פרײַלין קאַסטעלין און וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט זיך, אַז אין אַזאַ מין פרוי קען זיך אָפּרופן עפּעס אַן ערלעכע סטרונע; איצט אָבער, בשעת פרוי ביגעל (וועלכע האָט, ווי אַנדערע דאַמען, מיט לייב און לעבן געקערט צו פרײַלין ראַטקאָווסקאַס צד) האָט אויסגעדריקט איר ספקות, צי דאָס איז נישט בלויז אַמאָל אַ פאַרקערטע טאַקטיק מצד פרײַלין קאַסטעלין — האָט ער אַ זאָג געטון:

— ניין, זי איז צו יונג אויף דעם און ווייזט זיך מיר אויס אין דעם אויפריכטיק. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זאַך, וואָס זי אַנערקענט אַזוי אָן שום באַוואָרעניש איר שולד, מחמת דאָס איז אַ סימן, אַז איר איז נמאס געוואָרן דער לעבנס-שקר.

און נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך, האָט ער צוגעגעבן:

— איך געדענק, ווי אַזאַ מאַשקאָ, למשל — האָט נישט

אייבמאַל אַנערקענט, אַז ער גייט מיט אַ פאַלשן און שלעכטן וועג, ער האָט אָבער תיכּף געזוכט סיבּות אויסער זיך, וואָס וואָלטן אים קענען פאַרטיידיקן: „בּאַ אונדז דאַרף מען אַזוי": „דאָס איז די שולד פון אונדזער געזעלשאַפט", „איך צאָל מיט אַזאַ מטבע, וואָס איז גאַנגבּאַר!" — וואָס איך האָב זיך אַלץ אָנגע־הערט! און דאָס איז אויך געווען שקר. דערווייל איז פאַרהאַן אַ געזעצטער מוט אײנעם זאָגן: מיין אומבאַדינגטע וועלט — און ווער עס האָט דעם מוט, דעם איז נאָך עפּעס געבּליבּן.

— וואָס־זשע רעכנט איר, אַז זאַווילאָווסקי וואָלט גוט גע־טון, ווען ער זאָל זיך צו איר אומקערן?

— נישט איך רעכן אַזוי, נישט איך האַלט, אַז דאָס זאָל קענען געשען.

דער לעבּעדיקער אינטערעס אָבער, וואָס די ידיעות פון רוים האָבּן אויפגעוועקט, און די דאגות וועגן זאַווילאָווסקין און פריילין קאַסטעלין זענען אונטערן דראַנג פון אַ וויכטיקערער דאגה, וואָס איז געבּליבּן הענגען אויף די פּאָלאַניעצקיס הויז, אַוועק. נאָך נאָוועמבּער האָט מאַרינישאַ געזונט זיך אָנגעהויבּן קלאָר פאַרערגערן. שוין לאַנג האָט זיך עס שוין געהאַט פאַר־ערגערט, כּל־זמן אָבער זי האָט עס געקענט, האָט זי עס פאַר־דעקט. איצט פלעגט איר אַזוי שווער קלאַפּן דאָס האַרץ און זי פלעגט אַזוי אָפּגעשוואַכט ווערן, אַז עס האָבּן זיך געמאַכט טעג, ווען זי האָט זיך פון פאָטעל גישט געקענט רירן, נאָכדעם זענען צו דעם נאָך צוגעקומען יסורים אין קרייץ און קאָפּ־ווייטיק. אין משך פון אַ וואָך האָט זי זיך פאַרענדערט אין די אויגן און גע־וואָרן אַזוי דאַר, אַז אַפילו די דאָקטוירים, וואָס האָבּן ביז איצט געהאַלטן די סימנים פאַר אַ געוויינטלעכן אָנזאָג פון דער קימ־פעט, וואָס דערנעענטערט זיך, האָבּן זיך אָנגעהויבּן מיט דעם באַ־אומרויקן. איר דורכזיכטיק פּנים האָט איצט באַקומען צייטנווייז אַ בּלוילעכן אָפּשיין, בּפרט נאָך אין די מינוטן, ווען די קראַנקע האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, איז זי ענלעך געוואָרן צו אַ געזיכט פון אַ געשטאָרבּענער. אַפילו פרוי בּיגעל, די גרעסטע אָפּטימיסטין אין דער סבֿיבֿה, האָט ענדלעך נישט געקענט בּיי־

שטיין פאַר דער מורא. דער דאָקטאָר ווידער האָט פשוט דערקלערט פּאָלאַניעצקין, אַז בײַ די באַדינגונגען קען דאָס דערוואַרטע האָבן זײַן אַ געפערלעכס אי פאַר זיך גופא, אי אין די קאָנסעקווענצן. בלויז איין מאַריניאַ אָבער האָט באמת נישט פאַרלוירן דעם מוט. הגם זי איז יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער און מער אויסגעשעפּט.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אים פאַרלוירן. אויף אים איז אַזאַ שווערע צײַט געקומען, אַז אַלע יסורים או עגמת-נפש, וואָס איז אויסגעקומען אין לעבן צו לײַדן, האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַר גאָרנישט לגבי דעם שרעקלעכן אומרו, וואָס איז אָפּטמאָל איבערגעגאַנגען אינם באמת פאַרלירן די האָפענונג. אַ מאָל, נאָך דער חתונה מיט מאַריניאַן, איז אין זײַנע השגות וועגן חתונה-האָבן און האָפענונגען בנוגע דער צוקונפט, אַ קינד געווען עפּעס אַן עיקר זאַך; איצט ערשט האָט ער דערפילט, אַז ער וואָלט נישט איינס אָפּגעגעבן, באַר אַלע קינדער, וואָס ער האָט ווען עס איז געקענט האָבן, כדי מציל צו זײַן דעם איינציקן געליבטן קאָפּ. און אים האָט דאָס האַרץ זיך אויסגעשניטן, בשעת מאַריניאַ האָט מיט איר אָפּגעשוואַכטער שטים געחזרט די פראַגע, וואָס זי פלעגט אים פריִער אויך נישט איינמאָל שטעלן: „סטאַך, און אַז עס וועט זײַן אַ יינגל?" — ער וואָלט מיט פאַרגעניגן איר געפאַלן צו די פיס און ארומנעמענדיק זיי, זאָגן: „זאָל דער רוח נעמען דאָס יינגל, אָדער דאָס מיידל, אַז דו זאָלסט מיר בלייבן!" — ער האָט אָבער געמוזט צו איר שמייכלען און איר רויִק פאַרזיכערן, אַז אים איז אַלץ אייגנס. אים ווידער האָט דער פריִערדיקער פחד באַהערשט — און די האָפענונג וואָס מאַריניאַס ווערטער האָבן אין אים דערוועקט, אַז די כוואַליע פון בייז קומט צוריק בײַ גאָטס חסד בלויז אַלס צער, איז צעזייעט געוואָרן אָן אַ זכר. איצט האָט ער מינוטנווייז ווידער געהאַט אַ געפיל, אַז מאַריניאַס געזונט קען זײַן טאַקע אַזאַ מין צוריקקערנדיקע כוואַליע. ווי אַזוי דאָס האָט געקענט זײַן, האָט ער קיין תשובה נישט געהאַט, בחנם האָט אים אָבער דער שכל געזאָגט, אַז, למשל, צווישן פרוי אָסנאָווסקיס חזא, און פרײַלין קאַסטע-

ליס, און דעם עונש, וואָס זײ האָט געטראָפֿן, איז פֿאַרהאַן אַ דירעקטע שייכות, וועלכע איז דאָ נישט פֿאַרהאַן. דער פּחד האָט אים אויף דעם אָפּגעענטפֿערט, אַז שלעכטס קען זיך לייטערן דורכן לעבן מיט אַזעלכע געהיימע וועגן, אַז דער מענטשלעכער שכל איז עס נישט מסוגל משיג צו זיין. און בײַ דעם געדאַנק האָט אים אָנגעכאַפּט עפּעס ממש אַ מיסטישער פּחד. אַ מענטש בשעת אַן אומגליק פֿאַרלירט די פֿעיִקייט גענוי אַ זאַך צו באַטראַכטן אין לעבטס אונטערן דראַנג פֿון דער דראָונג — אונטער אַזאַ מין דראָונג האָט אויך געלעבט פּאָלאַניעצקי. ער האָט בלויז געזען אַן אָפּגרונט אין זיין אייגענער אָנמאַכט. נישט איינמאָל קוקנדיק אויף מאַריניאַס אויסגעמאַטערט געזיכט האָט ער צו זיך געזאָגט: „מען דאַרף זיין אַ משוגענער צו האָפֿן, אַז זי קען נישט שטאַרבן!“ — און ער האָט יאושדיק געזוכט גלייכצייטיק אויף די פּנימער פֿון די אַרומיקע כאָטש אַ שאָטן פֿון האָפֿענונג, און ער האָט מיט יעדן טראָפּן בלוט, מיט דער גאַנצער נשמה, אין האַרץ זיך געבונטעוועט קעגן איר טויט. אים האָט זיך אויסגעוויזן פֿאַר אַן אומבאַגרייפֿלעכע עוולה, זי זאָל אויף תּמיד פֿאַרמאַכן די אויגן, איידער ער וועט איר נישט ווייזן, ווי אַן אַ שיעור ליב ער האָט זי, איידער ער וועט איר נישט פֿאַרגיטיקן די אַלע מינוטן פֿון נישט־אויפֿמערקזאַמקייט. שאַרף באַגיין זיך, עגאָיזם, אומגלויבן, איידער ער וועט איר נישט זאָגן, אַז זי איז געוואָרן די נשמה פֿון זיין נשמה, עפּעס נישט בלויז דאָס, וואָס עס איז איבער אַלץ אינם לעבן באַליבט, נאָר אויך געשעצט. ער האָט זיך געחזרט, אַז אויב דער אייבערשטער וועט עס נישט טאָן פֿאַר זיינעטוועגן, איז ער עס מחויב צו טאָן פֿאַר איר, כּדי זי זאָל לכל־הפּחות אַוועקגיין מיט אַ געפֿיל פֿון אַזאַ גליק, וואָס זי האָט זיך פֿאַרדינט. פֿונם חוצפּהדיקן אָנווייזן דעם רבונו־של־עולם, ווי אַזוי ער האָט זיך צו באַגיין, פֿלעגט ער ווידער אַריבער צו חרטה, הכנעה און געבעטן. דערווייל אָבער איז מאַריניאַ פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער געפֿערלעכער, ער ווידער האָט, צווישן די ביידע יאוש־געפֿילן, פֿון וועלכע איינס האָט געשריגן: „דאָס קען נישט זיין!“ — און דאָ צווייטע:

„דאָס מוז זיין!“ — זיך באַכט געדרייט, ווי אין צוואַנגען.

צו דעם אַלעם, אויס נויט און מורא, אַז ער זאָל באַש־ חייב נישט אָפּנעמען דעם מוט, האָט ער געמוזט פאַר איר מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער מאַכט זיך פון איר קראַנקייט זייער קנאַפּ. הן דער דאָקטאָר, הן פרוי ביגעל האָבן אים יעדן טאָג מזהיר געווען, אַז ער זאָל זי נישט איבערשרעקן. דאָס האָט אים אויך דיקטירט זיין אייגענער שכל, און איז פאַר אים געווען אַגב אַ גרייער פּיין, מחמת אים איז געקומען אויפן רעיון, אַז זי קען עס אָננעמען פאַר מאַנגל אין געפיל און שטאַרבן חלילה מיט דעם געדאַנק, אַז ער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. אַלץ האָט זיך אין אים געהויבן ביזן מאַרך. די שלאָפלאָזיקייט, מידעקייט, און דער פּחד האָבן אים צעריבעבראַכט אינם צושטאַנד פון עפּעס אַ קרענקלעכער עקזעלטאַציע, אין וועלכער ער האָט די סכנה גופא אפילו, וואָס איז אַזוי אויך געווען שוין גענוג רעאַל, געזען אין אַ גרעסערער מדרגה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז קיין שום האָפענונג שוין נישטאָ, און ער האָט מינוטנווייז געטראַכט וועגן מאַריניאַן, ווי זי וואָלט שוין האָבן געשטאָרבן. גאַנצע טעג האָט ער געטראַכט וועגן אירע אַלע מעלות פונם כאַ־ ראַקטער, אירע רייד, גוטסקייט, רו; ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אַלע האָבן זי ליב געהאַט, און האָט אַגב געמאַכט זיך פאַרצווייפלטע פאַרוואורפן, אַז ער איז זי קיינמאָל נישט ווערט געווען, אַז ער האָט ענדלעך זי פאַראַטן און מוז זי נאָכדעם פאַרלירן — און פאַרלירט זי מיט רעכט.

און אין דעם געפיל, אַז די שרעקלעכע זאַך איז אַגב אַ פאַרדינטע, און אַז יעדער תיקון איז שוין צו שפּעט, איז עפּעס געווען הארצעדיקס. אפילו די, וואָס זענען באַם לעבן תמיד געווען זייער געליבט, לאָזן נאָך זיך איבער, אַוועקגייענדיק, אַ צער: אַז זיי זענען נאָך ווייניק געליבט געווען — און דאָס איז דער שרעקלעכסטער צער.

אָנהייב דעצעמבער האָבן נאָך צוויי חדשים זיין אין איטאַ־ ליען זיך אומגעקערט שווירסקי מיט זאַווילאָווסקין. פּאָלאַ־יעצקי איז אַזוי אויכגעדאַרט און אויסגעמאָגערט געוואָרן איבער דער

צייט, אַז זיי האָבן אים קוים דערקענט; ער — אינגאַנצן אָבער אַ פאַרזונקענער אין זיין אומגליק האָט כמעט אויף זיי קיין אכט נישט געלייגט און זיך צוגעהערט, ווי אין חלום צו די ווערטער פון טרייסט און מוט מצד ביידע, ווי אויך די מעשיות, מיט וועלכע דער ווילער כאַלער האָט געפּרוווט צעשטרייען זיין באַצערטן געדאַנק. וואָס האָט אים איצט געקענט אָנגיין זאַווילאַווסקי, פרוי בראָניטש אָדער פריילין קאָסטעלי לגבי דעם, וואָס זיין מאַריניאַ האָט אַ ליאַדע טאָג געקענט חלילה ענדיקן. שווירסקי, וואָס איז איר געווען אַ גרויסער גוטער פריינט, וועלנדיק כאָטש פונוואַנען עס איז שעפן אַ ביסל האָפנונג, איז אַוועק צו דער פרוי ביגעל, אָבער זי האָט אויך קיין האָפנונג נישט געהאַט פאַר אים. די דאָקטוירים האָבן אַליין געווני נישט געוווסט, וואָס דער קראַנקער איז, מחמת צו איר צושטאַנד זענען נאָך צוגעקומען כלערליי קאָמפּליקאַציעס, וואָס האָבן זיך אפילו נישט געלאָזט דעפינירן. זיי האָבן בלויז געוווסט, אַז דער קראַנקערס האַרץ איז טעטיק נישט נאָרמאַל, מען האָט קודם־כל מורא געהאַט, אַז צוליב דער שלעכטער בלוט־צירקולאַציע, זאָל אין די אָדערן זיך נישט מאַכן קיין פאַרגליווערונגען, וואָס דראָען מיט תיכפדיקן טויט. אָבער אַחוץ דעם, אפילו בײַ אַ גליקלעכן איבערקומען, האָט מען מורא געהאַט פאַר אַ סך זאַכן: הן פאַר אויסשעפונג, הן פאַרן אָפּפאַלן פון די כוחות, הן פאַר כלערליי פאָלגן, וואָס האָבן זיך געקענט ערשט שפּעטער באַווייזן. שווירסקי האָט זיך איבערצייגט, אַז פרוי ביגעל שאַפט זיך שוין אויך נישט קיין אילוזיעס, מחמת זי האָט לסוף זיך צעוויינט און אַ זאָג געטון:

— אָרימע מאַריניאַ, נעבעך, און ער, נעבעך! דאָס קינד זאָל כאָטש בלייבן, אפשר וואָלט ער נאָך געפינען כוח איבערצוטראָגן דעם קלאַפּ.

און אויסווייענדיק זיך, האָט זי צוגעגעבן:

— איך פאַרשטיי אַזוי אויך נישט, ווי אַזוי ער קען דאָס אַלץ אויסהאַלטן.

דאָס איז אמת געווען. פּאָלאַניעצקי האָט נישט געגעסן און

געטרונקען. אין ביורא האָט ער זיך שוין לאַנג נישט געוויזן, פונדערהיים ווידער פלעגט ער בלויז מינוטנווייז זיך אַרויסכאַפּן נאָך בלומען, וואָס מאַריניאַ האָט תמיד ליב געהאַט, און וואָס דאָס זען זיי האָט זי געמאַכט פריילעך. זי איז שוין אָבער אַזוי קראַנק געווען, אַז ער האָט יעדעסמאָל, טראָגנדיק בוקעטן בריי זאַנגעמען, זיך אומגעקערט תמיד מיטן שרעקלעכן געדאַנק, אַז אפשר טראָגט ער זיי חלילה צו דער טרומנע. מאַריניאַן אַליין האָבן זיך די אויגן געעפנט, אַז אפשר דערגענטערט זיך דער טויט. מיטן מאַן רעדן פון דעם האָט זי נישט געוואָלט, פאַר פרוי ביגעל אָבער האָט זי איינמאָל געוויינט פון צער נאָכן לעבן און נאָך „סטאַכן". זי האָט אויך געהאַט עגמת-נפש פונם געדאַנק, ווי ער וועט דאָס איבערהאַלטן, מחמת איר האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל זי שטאַרק באַדויערן, און גלייכצייטיק, ער זאָל נישט זייער קיין סך ליידן. אַ לאַנגע צייט האָט זי אָבער פאַר אים געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז זיכער, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גליקלעך.

שפּעטער אָבער, ווען זי פלעגט אָפּט חלשן, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, כדי מיט אים אויך אַ שמועס צו טון אַ ביסל אָפענער. דאָס האָט זיך איר אויסגעזען פאַר אַ חוב, און דעריבער, איינמאָל באַנאַכט, ווען פרוי ביגעל איז אַ באַזיגטע פונם נישט שלאָפן אַוועק זיך אָפּרוען, און ער איז אויפגעזעסן לעבן איר, ווי אַלעמאָל, האָט זי צוגעצויגן צו זיך זיין האַנט און האָט אַ זאָג געטון:

— סטאַך, איך וואָלט מיט דיר וועלן אַ רעד טון און דיך וועגן איין זאַך בעטן.

— וואָס ווילסטו, מיין ליבע? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

זי האָט משמעות אַ געוויסע צייט זיך מיישב געווען, ווי אַזוי זי זאָל אויסדריקן אים איר בקשה און נאָכדעם אָנגעהויבן צו רעדן:

— זאָג מיר צו... איך ווייס, אַז דו וועסט זיכער געזוגט

ווערן!... זאָג מיר אָבער צו, אַז ווען דאָס וועט אפילו זיין אַ ייִנגל, וועסטו אים ליב האָבן און גוט זיין צו אים.

פּאָלאַניעצקי האָט מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג איינגעהאַלטן זיין פּנים כּלי פּיצן, וואָס אים האָט אָנגעכאַפּט באַ דער ברוסט און האָט רויִק געענטפערט:

— מיין טייער לעבן! איך וועל דיך אויך תּמיד ליב האָבן און אים. זיי רוִיק...

אויף דעם האָט מאַריניאַ געפּרוּווט זיין האַנט אויפהייבן צו די ליפּן, נאָר זי האָט עס אָבער פון שוואַכקייט נישט געקענט טאָן, און דעריבער אָנגעהויבן בלויז שמייכלען דאַנקבאַר און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער גערעדט:

— און נאָך אַ זאַך... מיין נישט, כ'זאָל באַלד שטאַרבן ווען עפּעס שרעקלעכע זאַכן — חלילה-וחס! אָבער איך וואָלט וועלן ווידוי זאָגן...

פּאָלאַניעצקין איז דורך אַ שוידער פון קאָפּ ביז די פיס.

— גוט, מיין קינד ליבע — האָט ער געענטפערט אַ שטאַמלדיקער און עפּעס ווי נישט מיט זיין שטים.

זי ווידער, דערמאָנענדיק זיך, אַז אים איז אַמאָל געפעלן דער אויסדרוק, „גאָטעס-דינסט", און וועלנדיק אים געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ גייט נישט אין עפּעס אַנדערש, ווי אין אויספילן געוויינטלעכע רעליגיעזע פליכטן, האָט מיט אַ כמעט פריילעכן שמייכל איבערגעחזרט:

— גאָטעס-דינסט!

און צומאָרגנס איז אָפּגעריכט געוואָרן די ווידוי. פּאָלאַניעצקי איז שוין אַזוי געווען זיכער, אַז דאָס איז שוין דער סוף פון אַלעם, אַז אים האָט כמעט געחידושט, וואָס מאַריניאַ לעבט נאָך, און אפילו, וואָס אין אָוונט איז איר געוואָרן אַ ביסל בעסער.

ער האָט נישט דערוועגט שוין אַריינצולאָזן אין דער נשמה קיין שום האָפענונג. זי איז אָבער געוואָרן מונטערער און געזאָגט, אַז איר איז לייכטער צו אָטעמען. אַקעגן האַלבע נאַכט האָט זי מיט אים אָנגעהויבן איר געוויינטלעכע מלחמה, ער זאָל זיך גיין

אָפּרוען. ער האָט פון צער און אַרבעט נישט קיין סך בעסער אויסגעזען פון איר. ער האָט תּחילת אויך איצט זיך געווערט, זאָגנדיק, אַז ער איז באַטאָג געשלאָפן, אָבער דאָס איז געווען נישט אמת — און אַז ער איז אויסגערוט; בשעת אָבער זי האָט דורכויס געפאָדערט — האָט ער איר צוליב געטון, בפרט, ווען לעבן איר איז געווען אַ ספּעציעלע וועכטערין און די ביגעל, און דער דאָקטאָר, וואָס איז שוין אַ וואָך צייט געשלאָפן בײַ זיי אין וווינונג, האָט אים פאַרזיכערט, אַז אויף הײַנט דאַרף מען אויף קיין שום פאַרענדערונגען זיך נישט ריכטן.

אַרויסגייענדיק אָבער, האָט ער געטון דאָס, וואָס ער פלעגט געוויינטלעך טון, דאָס הייסט, זיך אַוועקגעזעצט אינם פאָטעל בײַ דער טיר און אָנגעהויבן זיך צוהערן, וואָס עס טוט זיך בײַ איר אין צימער. אַזוי אַרום האָבן אָנגעהויבן זײַנע שעהן אַוועקגיין באַנאַכט.

בײַ דעם קלענסטן שאָרך פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, בשעת אָבער דער שאָרך פלעגט פאַרשווינדן, האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן שנעל און כאַאָטיש טראַכטן, ווי עס טוען עס מענטשן, איבער וועלכע עס הענגט אַ סכּנה, מינוטנווייז אָבער פלעגן די מחשבות זיך פון מידעקייט אַרײַנפלעכטן אײַנע אין דער אַנדערער און שאַפן אַזאַ צונויפגעזאַמלטע געדיכטעניש, אין וועלכער ער האָט זיך געפּלאָנטערט, נישט קענענדיק קיין שום זאַך באַנעמען. אים האָט אויך געפּייניקט דער שלאָף. ער האָט געהאַט נישט קיין געוויינטלעכע כּוחות, ער האָט אָבער שוין צען טעג זיך בלויז איבערגעטון און נישט אויסגעטון זיך — און געהאַלטן אויף די פיס האָט אים בלויז שוואַרצע קאַווע און די היץ. ער האָט זיך איצט אויך נאָך נישט אונטערגעגעבן, הגם דער קאָפּ איז אים געווען שווער, ווי מיט בלײַ, און די געדיכטעניש פונם געדאַנק האָט זיך פאַרוואַנדלט עפּעס אין אַ מין שוואַרצע כמאַרע, אָן איין ליכטיקן שטראַל. ער האָט בלויז מעכאַניש נאָך זיך געחזרט, אַז מאַריניאַ איז קראַנק, און ער דאַרף נישט אײַנשלאָפן; די ווערטער האָבן אָבער שוין נישט געהאַט פאַר אים קיין שום באַדײַטונג.

ענדלעך האָבן די אַרבעט, די אויסשטעפּינג און די שלאָפּלאָזע נעכט גובֿר געווען. אים האָט אָנגעכאַפּט אַ אומבאַזיגלעכער, שטיינערנער שלאָף בשעת וועלכן עס חלומט קיין זאַך נישט, אין וועלכן די ווירקלעכקייט ווערט נעלם, די גאַנצע וועלט ווערט פאַרלוירן, און דאָס לעבן גופא, דאַכט זיך, ווערט פאַרגליווערט.

אינדערפרי האָט אים ערשט אויפגעוועקט אַ קלאַפּן אין דער טיר.

— הער סטאַניסלאַוו! — האָט זיך אָפּגערופן פרוי ביגעלס געשטיקטע שטים.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך גלייך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס און ווערנדיק תּיכּף שוואַך, אַרויס פון צימער. ער איז מיט איין בליק פאַרביי מאַריניאַס בעט, און דערזעענדיק די אַראָפּגעלאָזטע פוירהענגלעך, האָבן זיך אונטער אים אָנגעהויבן די פיס צו וואַקלען.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט מיט ווייס געוואָרענע ליפּן.

און פרוי ביגעל האָט אויך שטיל אָפּגעענטפערט מיט אַ ביסל אַ פאַרסאָפּעטער שטים:

— איר האָט אַ זון!

און האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל.

XXII

עס זענען נאָך געווען שווערע טעג און צו דעם זייער שווערע. עס איז געקומען אַזאַ גרויסע שוואַכקייט אויף מאַריניאַן, אַז איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען, ווי אַ פלעמל. עס וועט אויסגיין, צי זיך אויפפלאַקערן? — אויף דעם האָט קיינער קיין ענטפער נישט געקענט געבן. מינוטנווייז זענען אַלע געווען איבערצייגט, אַז אָט-אָט גייט עס אויס. דאָך האָט די יוגנשאַפט און די דערלייכטערונג, וואָס דאָס קומען פונם קינד אויף דער וועלט האָט געבראַכט פאַרן אָרגאַניזם, איבערגעוויגן די שאָל אויף דער זייט פונם לעבן. איינמאָל נאָך אַ לאַנגן שלאָף האָט די קראַנקע זיך אויפגעכאַפּט ווי עפּעס אַ מונטערערע. דער אַל-טער דאָקטאָר, וואָס איז לעבן איר געווען און וואָס האָט פעסט-געשטעלט, וועלנדיק זיך בעסער פאַרזיכערן, אַז די פאַרבעסערונג איז נישט קיין אילוזיע, האָט געפאָדערט מען זאָל איינלאַדן אַ צווייטן, מיט וועלכן ער פלעגט פריִער אָפּהאַלטן קאָנסיליומס. פּאָ-לאַניעצקי איז אַליין געפאָרן נאָך אים און, כמעט פון זינען אַרויס, זוכנדיק אים אַ האַלבן טאָג איבער דער שטאָט, מחמת ער האָט

נאָך נישט דערוועגט זיך צו האָפן, אַז דאָס איז שוין אַן ענד־גילטיקע ווענדונג אין איר קראַנקייט און אין זיין אומגליק. ווען ער האָט לסוף שוין געפונען דעם אומגליקלעכן מעדיקער און אים געבראַכט אַהיים, האָט זיי אין פאָדערצימער אויפגענומען פרוי ביגעל, מיט נאַסע וויעס, אָבער מיט אַ צעשטראַלט געזיכט און אַ זאָג געטון:

— ס'איז בעסער! אומבאַדינגט בעסער.

און זי האָט מער נישט געקענט רעדן, מחמת די טרערן האָבן איר אָנגעהויבן רינען פון די אויגן. פּאָלאַניעצקי איז בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג. זי ווידער, באַהערשנדיק אין אַ ווײַלע אַרום איר פרייד, האָט אָנגעהויבן רעדן לאַכנדיק דורך טרערן:

— איר ווייסט, זי האַלט שוין מלחמה וועג עסן! פריִער האָט זי זיך געהייסן ברענגען דעם קליינטשיקן. זי האָט זיך אויך אויסגעפרעגט, פאַרוואָס איר קומט נישט צוריק, און איצט האַלט זי מלחמה וועגן עסן! געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!

און זי האָט אַן אויפגערעגטע געדריקט פּאָלאַניעצקין די הענט, ער ווידער האָט אַ לאַנגע צייט נישט אַוועקגענומען די ליפן פון אירע הענט. ער האָט אינגאַנצן בלויז געציטערט פון אָנשטרענגונג די פרייד צו שטיקן, אָבער גלייכצייטיק אויך די קרעכצן, וואָס האָבן צונויפגעזאַמלט אין אים דורך אַזוי פיל טעג פחד און יסורים, געוואָלט איצט דורכויס אויסברעכן.

בינו-לבינו זײַנען די דאָקטוירים אַוועק צו מאַריניאַן און גאַנץ לאַנג לעבן איר געזעסן. בשעת זיי האָבן נאָך דער געענדיקטער באַראַטונג זיך ווידער באַוויזן, האָט מען אויף זייערע פּנימער געזען צופרידנקייט. אויף פּאָלאַניעצקיס פיבערדיקע פראַגן, האָט דער, וואָס איז כסדר געווען לעבן מאַריניאַן, אַן אַלטער היצקאָפּ, מיט גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז און מיט אַ גאָלדן האַרץ אין דער ברוסט, אַליין אַ גליקלע־

כער, אָבער זייער אַ פּאַ־מאַטערסער. אַ זאָג געטון מיט אַ מרוק:

— וואָס זי מאַכט? גייט, דאַנקט גאָט! — אַט־וואָס!

און פּאָלאַניעצקי איז אַוועק. ווען ער זאָל אפילו געווען זיין איינגאַנצן אַ כופר, וואָלט ער די מינוט אויך געווען געגאַנגען — און מיט אַ האַרץ, פול מיט טרערן און דאַנקבאַרקייט, וואָלט ער געווען גאָט געדאַנקט, וואָס ער האָט זיך איבער אים מרחם געווען און דערלויבט זיך אומצוקערן די כוואַליע פון שלעכטס בלויז אין געשטאַלט פון צער, פּיין און יסורים, — און נישט אין געשטאַלט פון טויט.

נאָכדעם, איז ער אַ באַרויקטער אַריין אויף די פינגער אין דער פרויס צימער, לעבן וועלכער ס׳איז שוין געווען פרוי ביגעל. מאַריניאַ האָט מונטער געקוקט פאַר זיך מיט פריילעכע אויגן, און פון דעם ערשטן בליק האָט מען געזען, אַז זי פילט זיך באמת אַ סך בעסער. באַמערקנדיק אים, האָט זי אַ זאָג געטון:

— זעסט, סטאַך... ס׳איז גוט!

— גוט, מיין ליבע — האָט פּאָלאַניעצקי שטיל געענטפערט.

ס׳איז נאָך נישט געווען די צייט אויף שטאַרקע אויפברויזן, דעריבער האָט ער שווייגנדיק זיך געזעצט לעבן איר בעט. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָבן די שמחה און די געוואַלטיקע ליבע צו איר אַזוי גובר געווען אים, אַז, איבערבײַגנדיק זיך, האָט ער אַרומגענומען מיט די הענט אירע פיס, וואָס זענען צוגעדעקט געווען מיט דער קאָלדרע און נאָכדעם, צוליגנדיק צו זיי דאָס געזיכט, פאַרבליבן אַזוי אַרום אומבאַוועגלעך.

זי ווידער, הגם זי איז נאָך געווען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט געשמייכלט פון נחת. זי האָט אַ צייט אויף אים געקוקט, נאָכדעם, כמעט ווי אַ קינד, וואָס איז גליקלעך, אַז מען פּיאַסטעט עס, אַ זאָג געטון צו פרוי ביגעל, ווייזנדיק מיט איר דורכזיכטיק

פינגערל אויף דער טונקעלער טשופּרינע, וואָס איז געווען צוגע־טוליעט צו אירע פיס:

— ער האָט ליב!

צומאָרגנס האָט זיך מאַרינקאַ געפילט נאָך געזונטער, און פון דער מינוט אָן האָט יעדע שעה כמעט געברענגט אַ פאַרבע־סערונג. לסוף איז עס שוין געווען נישט קיין פּאַמעלעך צוריק געזונט ווערן, נאָר עפּעס אַ געבלויונג, עפּעס אַ מין אומקערן זיך פון פרילינג נאָכן ווינטער, וואָס עס האָט פאַרחידושט דעם דאָק־טאָר אַליין. פּאָלאַניעצקין האָט זיך איצט מינוטנווייז געוואָלט שרייען פון שמחה, וואָס האָט אים איצט אַזוי געשטיקט, ווי אַמאָל — די יסורים. מען האָט מאַרינקאַן נאָך געהאַלטן אין בעט אויס צופיל פאָרזיכטיקייט; ווען איר זענען אָבער צוריקגעקומען די כוחות, דער חשק צום לעבן, די שטימונג, האָט זי זיך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן און יעדן טאָג אין אָוונט זיך געזאָגט, אַז מאָרגן הייבט זי זיך אויף. בלויז אין איין פּרט האָט די לאַנגע קראַנקהייט און די אָנמאַכט געבראַכט אַ שינוי אין איר שטימונג, וואָס האָט אָבער באַדאַרפט אינגיכן איבערגיין צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שפּורן פון דער קראַנקהייט. דאָס רויקע און קלוגע ווייבל איז אַ געוויסע צייט געוואָרן עפּעס אַ מין צעפּיעסטעט קינד, וואָס האָט אָפט זיך איינגעעקשנט זייער שטאַרק אין אַ סך זאַכן און געפילט אַן אמת עגמת נפש, ווען מען פלעגט עס אָפּזאָגן. פּאָלאַניעצקי, רעדנ־דיק מיט איר, איז נישט ווילנדיק אַריין אין איר טאָן, צוליב וואָס די „סיגעס" אירע זענען געווען אויך אַ סיבה צו מאַכן זיך פריילעך.

איינמאָל האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַר אים באַקלאָגן, אַז פרוי ביגעל וויל איר נישט געבן קיין רויט וויין. פרוי ביגעל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט געגעבן אַזוי פיל, וויפיל דער דאָקטאָר האָט דערלויבט. זי מוז אָבער וואַרטן אויף זיין דערלויבעניש, צו געבן מער. פּאָלאַניעצקי האָט תיכף אָנגעהויבן מאַרינקאַן טרייסטן, רעדנדיק צו איר פּונקט ווי ער פלעגט אַמאָל רעדן צו ליטקאַן:

— מען האָט דעם קינד געגעבן ווײַן, מען האָט עס תּיכּף געגעבן!... זאָל נאָר דער דאָקטאָר קומען...

און מאַרינאַ האָט אויף דעם געענטפערט:

— רויטן!...

— אָבער נאָך וואָס פאַר אַ רויטן — האָט מיט התלהבות געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

נאָכדעם האָבן זיי בײַדע אָנגעהויבן לאַכן, און צוזאַמען מיט זיי אויך פּרוי ביגעל. פּונקט ווי אַמאָל האָט איבער דעם גאַנצן הויז געשוועבט דער פּחד פון טויט און אומגליק, אַזוי האָט איצט אָפּט די פרייד עס באַשטראַלט, ווי די זון. מינוטנווײַז פּלעגן זיי אַרײַנפאַלן אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, און צו דער חברה האָט אַפּטמאָל געהערט אויך דער זיידע פּלאַוויצקי, וועלכער איז זינט דעם אייניקלס קומען אויף דער וועלט פול געוואָרן מיט פּאַטריאַרכאַלן, אָבער גוטן ערנסט, נישט אויסשליסנדיק בײַ דעם קיין פריילעכקייט. אגב פּלעגט טרעפן פאַרשידן; טיילמאָל פּלעגט בײַ אים נעמען די איבערהאַנט די דערהויבענע און פייערלעכע שטימונג. זייןמאָל האָט ער געבראַכט אַ צוואה און אַלע געצוווּנגען אויסצוהערן די פּאַראַגראַפן זײַנע פון אָנהייב ביזן סוף. אינם אַרײַנפיר האָט ער אין רירנדיקע ווערטער זיך געזעגנט מיטן לעבן, מיט דער טאָכטער, מיט פּאָלאַניעצקין און מיטן אייניקל, נישט קאַרגנדיק בײַ דעם קיין אָנווייזונגען, וואָס זענען נוגע דאָס דערציִען אים צו זײַן אַ גוט אייניקל, אַ גוטער זון, פאָטער און בירגער. נאָכדעם האָט ער אים געמאַכט פאַרן יורש פון אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — און הגם ער האָט פון מאַשקאָס באַנקראָט אָן געהאַט בלויז דאָס, וואָס פּאָלאַניעצקי פּלעגט אים געבן — האָט ער זיך געפילט גערירט פון זײַן וותּרנות, געהאַט אַ גאַנצן אָוונט אַ מינע פון אַ פּעליקאַן, וואָס האָט מיט זײַן אייגן בלוט אָנגעזייגט די עופהלעך.

אַ מענטש, וואָס ווערט ניי געבוירן אויף דער וועלט נאָך אַ שווערער קראַנקייט, גייט אין אַ געוויסער מאָס דורך אַלע פּעריאָדן פון קינדהייט און דער ערשטער יוגנט. מיט דעם איי־

בעם חילוק בלויז, אז אַלץ, וואָס מען האָט דאַמאָלס גערעכנט אויף יאָרן, ווערט איצט גערעכנט, אויף וואָכן, אָדער אפילו טעג. אַזוי איז אויך איצט געווען מיט מאַריניאַן. פרוי ביגעל וועלכע דאָט זי פריִער גערופן „בעבע" האָט געזאָגט לאַבנדיק, אַז בהדרגה ווערט די „בעבע" פאַרוואַנדלט אין אַ קליין מיידעלע און פון אַ מיידעלע אין אַ באָקפּיש, באַם באָקפּיש אָבער האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן צוריק געפינען די ווייבערישע קאָקעטישקייט. איצט, ווען מען האָט זי געקעמט, האָט זי אומבאַדינגט שוין געפאָדערט, מען זאָל איר אויף די קני אַוועקשטעלן דאָס קליינע שפּיגעלע, וואָס זי האָט געהאַט בירושה פון דער מוטער און פלייסיק זיך איינגעקוקט, צי פרוי ביגעלס נבֿיאות, אַז זי „וועט שפּעטער זיין נאָך שענער" ווערט מקוים. די ערשטע צייט האָט זי דאָס צוקוקן נישט זייער צופרידנגעשטעלט, שפּעטער אָבער וואָס אַמאָל מער. ענדלעך, האָט זי עפּעס איינמאָל תיכף נאָכן צעקעמען זיך געהייסן נאָכאַמאָל דערלאַנגען דאָס שפּיגעלע — און האָט אויפדאָסגיי גוט באַטראַכט די הויט, די אויגן, די ליפּן, די האָר, דעם אויסדרוק, מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס עס איז געווען צו באַקוקן.

און די רעוויע האָט געמוזט זיין זייער אַ גוטע, מחמת זי האָט אָנגעהויבן שמייכלען, שיינען, און לסוף זיך געווענדט אין דער זייט פון פּאַלאַציעצקיס צימער און, דראָענדיק מיט דעם מאָגערן פויסטל, מיט אַ זייער זיגרייכער מינע, אַ זאָג געטון:

— אַ נו, וואַרט נאָר איצט צו, הער סטאַך!

זי איז אָבער קיינמאָל אַזוי שיין נישט געווען. איר ברוסט תמיד זייער אַ ריינע, איז געוואָרן נאָך די כויכטיקער און נאָך ליליער, ווי דאַמאָלס, ווען זאַווילאָווסקי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און פונדערפרי ביזן אָוונט געמאַכט גראַצען. אַ חוץ דעם, האָט אויף אירע באַקן אויפגעשיינט שוין דער ערשטער ראָזער גלאַנץ פון געזונט. פון די אויגן, פון די ליפּן, פון דעם קליין געוואַרענעם נאָך דער קראַנקהייט פנימל האָט עפּעס געשלאָגן אַ שיין,

חי פון אַ ניי געבוירן לעבן און פון פרילינג. דאָס איז פשוט גע-
וועזן אַ פראַכטפולער קאָפּ, פול מיט העלע און ליכטיקע קאָלירן,
און צו דעם פון זייער אַ סובטעלער צייכנונג — אַן אמת גראַצ-
יעזע, און ווי זאַווילאָווסקי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: אַ פעל-
דישע — אַזאַ ווונדערלעכע, אַז מינוטנווייז, בשעת זי איז געלעגן
אויף די קישנס און אויפן בעטגעוואַנט פון די טונקעלע האָר,
האָט מען ממש זיך נישט געקענט אָנזעטיקן קוקנדיק אויף איר.
דעריבער האָט דער אַזוי גערופענער „הער סטאַך", וואָס האָט
דאָס אַלץ אויסגעצייכנט בעזען, און וואָס האָט, לויט ביגעלס דע-
פיניציע, נישט געקענט שוין פון ליבע „נישט רירן נישט מיט
קיין האַנט נישט מיט קיין פוס" — האָט גאָרנישט באַדאַרפט
לחלוטין וואַרטן. ער האָט זי נישט בלויז ליב געהאַט איצט, ווי
אַ פרוי און אַ טייערן קאָפּ, נאָר געפּי ט צו איר דאַנקבאַרקייט.
אָן אַ גבול, וואָס זי איז נישט געשטאָרבן — און אַרויסגעוויזן
אויף אַזאַ אויפן זיין דאַנקבאַרקייט, אַז ער האָט זיך באַמיט
צוטרעפן אירע מחשבות. מאַריניאַ האָט קיינמאָל זיך נישט משער
געווען אפילו, אַז זי וועט ווערן די אַקס פון זיין לעבן, דער
שוואַרצאַפּל פון זיין אויג, די נשמה פון זיין געדאַנק און מעשים.
זיי איז מיט זיך נישט שלעכט געווען קיינמאָל, אָבער איצט גלייך
מיט מאַריניאַס קומען צו זיך, איז אין זייער שטוב אַריין אומגע-
ווייטלעך גליק און אומגעווייטלעכע פרייד.

צו דעם האָט אויך שטאַרט גורם געווען דער יונגער פּאָ-
לאַניעצקי. מאַריניאַ האָט אים אַליין נישט געקענט זייגן, און
פאַראויסזעענדיק דאָס, האָט דער מאַן צום זון געבראַכט אַן אַם,
וועלנדיק אָבער פאַרשאַפן הנאה דער קראַנקער, האָט ער גע-
בראַכט צו פירן אירס אַן אַמאָליקע באַקאַנטע פון קושעמיען.
זי האָט אַמאָל געדינט באַ די פּלאַוויצקיס. נאָך זייער אָפּפאָרן
אָבער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין יאַבלושיקאָוו, און דאָרט האָט
זיך מיט איר געטראָפן אַן אומגליק. מען האָט קיינמאָל נישט
געוווּסט ריכטיק, ווער עס איז געווען די סיבה; אויב מען האָט
אָבער עמעצן פון די גרויסע ערדבאַזיצער געקענט פאַרוואַרפן
ווייניק ליבע צום פאָלק, איז לגמרי נישט הער גאָנטאָווסקין.

מחכות אין גאַנץ יאַבלאָנשיקאָוו איז געווען אַ סך ראיות, ווי ווייט גאַנבטאָווס׳ן האָט דאָס פאָלק ליב געהאַט. אפילו בשעת די אונטערהאַנדלונגען וועגן סערוויטוטן, האָבן די מיטבירגער פון יאַבלאָנשיקאָוו צווישן אַנדערע פראַגן אויפגעהויבן אויך די, אַז: „דער פּריץ פאָרט אַרום אויף אַ ווייס פערד, שיסט זיך פון אַ פּיסטאָלעט און קוקט די מיידן אין די אויגענעס אַריין," — און אויב מען האָט פון איין זייט נישט געקענט לייכט תופס זיין, וואָס פאַר אַ שייכות. אייגנטלעך, עס האָבן גאַנטאָווסקיס דאָזיקע מנהגים מיט די אונטערהאַנדלונגען וועגן סערוויטוטן, איז פון דער צווייטער זייט געווען לגמרי קלאָר, אַז אַ דאַנק די מנהגים, האָט פּאָלאַניעצקי לייכט באַקומען אין יאַבלאָנשיקאָוו אַן אַם פאַר זיין זונס וועגן.

היות זי איז געווען אַ געזונטע, יונגע און פרישע מאַזורין, איז דער יונגערמאַן אונטער איר השגחה אַרויס אַ פיינער. בכלל איז דער קליינער פּאָלאַניעצקי געווען אַ פאַרשוין, וואָס האָט פון ערשטן טאָג און פון זיין קומען אויף דער וועלט זיך וואָס אַ מאָל געוואָרן מער באַלעבאָס, נישט רעכנענדיק זיך מיט קיינעם און נישט טראַכטנדיק וועגן קיין זאַך, אַחוץ וועגן זיינע אייגענע באַדערפענישן און תענוגים. בהסכם מיט דער מעטאָד האָט ער אין די פרייע מינוטן פון זיינע סעודות און שלאָף, זיך פאַרנומען מיט איבן אין אַנטוויקלען זיינע קליינע לונגען, דורך אַזוי הויך שרייען, אויף וויפיל זיין פרייע יוגנט האָט געקענט דערגרייכן. מען פלעגט אים דאַמאָלס, וואָס אָפטער ברענגען צו מאַרינאַן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומענדלעכע באַטראַכטונגען, אויף וועלכע מען האָט גענוי באַקוקט זיינע אַלע פיזישע און אינטעלעקטועלע מעלות, און די גענאַלטיקע ענלעכקייט צו זיינע לעבנסגעבער. מען האָט אַזוי אַרום פעסטגעשטעלט, אַז די נאָז האָט ער די מוטערס, אָפּוואַרפנדיק מיט דער זעלטענער איינשטימיקייט דער אַמס באַמערקונג באַ אָפּשטימונגען, אַז די באָז האָט ער, ווי „אַ קעצל", מען האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז ער וועט האָבן זייער אַ ליבן שמייכל, וועט זיין אַ ברונעט, וועט בלתי־ספק זיין אַ הויכער, אַז ער איז זייער אַ לעבעדיקער און

וועט זיך אויסצייכענען מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון. פרוי ביגעל, כל-זמן מאַרינאַ איז נאָך געווען אין בעט, האָט באַ דעם געמאַכט אויף איר אייגענעם חשבון כלערליי אַנטדעקונגען, וועלכע זי האָט פאַר אַלעמען מכריז ומודיע געווען. איינמאָל, אַריינלאַפנדיק זיך צו מאַרינאַן, האָט זי מיט שמחה און גרויס איילעניש, וואָס איז ווערט אַנערקענונג, אָנגעהויבן אַזוי צו רעדן:

— מאָל זיך, ער האָט צעשפרייטע פינגערלעך אין איין הענטל און מיט דער צווייטער וואָלסטו געשווירן, ער ציילט. ער וועט זיכער זיין אַ מאַטעמאַטיקער.

מאַרינאַ ווידער האָט זייער ערנסט געענטפערט:

— דאָס וועט ער ירשענען פון פאָטער.

זי האָט אָבער געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַ פריערע אפילו לויט דער דאַטע ווי אַלע אַנטדעקונגען פון פרוי ביגעל, דהיינו, אַז דאָס איז „זייער אַ ליב באַשעפענישל". וואָס שייך פּאָלאַניעצקין, האָט ער די ערשטע צייט געקוקט אויפן נייעם באַקאַנטן מיט חידוש און געוויסן אומצוטרוי. ער האָט בשעתו שטאַרק געוואָלט האָבן אַ טאָכטער, דער עיקר דערפאַר, ווייל זייענדיק בטבע און פון האַרצן אַ קינדער-ליבהאָבער, האָט ער זיך געמאַלט, אַז די גאַנצע האַרציקייט, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך, קען מען אָפּגעבן נאָר אַ מיידל. עפעס אָן אַ סיבה האָט אין אים געהערשט דער באַגריף, אַז אַ זון וועט זיין עפעס אַ יונג, שווער נישט מיט וואָנסעס, וואָס וועט רעדן מיט אַ באַס, הירזשען, ווי אַ זשערעבאָק, צו וועלכן עס לוינט אפילו נישט צוצוגיין מיט האַרציקייט, מחמת ער — פאַראַכט עס. ערשט ביסלעכווייז, צוקוקנדיק צו דעם דריבנעם שלעפעריקן אין די קישעלעך נפשל, האָט ער אָנגעהויבן קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נישט בלויז נישט קיין יונג, נאָר ממש אַ נעבעכל, וואָס מען דאַרף דערויף רחמנות האָבן, אַזאַ קליינס, שוואַכס, אומבאַהאָלפנס, וואָס דאַרף אַזוי ליבע און השגחה, ווי אַלע מיידלעך אין דער וועלט. איב-רקנס, האָט ער געזאָגט צו זיך: „ער איז נאָך אַ יינגל צו דעם!" — און פון דער מינוט אָן איז ער געוואָרן צו אים וואָס

אַ מאָל האַרציקער, און אין עטלעכע טעג אַרום געפּרוּווט אפילו אַליין אים טראָגן צו מאַריניאַן, און אַגב געזען עס שוין צו פאַרזיכטיק און צו דעם אַזוי אומגעשיקט, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער נישט נאָר בײַ מאַריניאַן און בײַ פרוי ביגעל, נאָר אויך מיט אַ היזק פאַר זיין פּרעסטיזש — בײַ דער אַם.

און געלעכטער האָט זיך איצט געפלעגט הערן אין די פּאָלאַניעצקיס דירה פון אינדערפרי ביזן אָוונט. ביידע, וועקנדיק זיך אינדערפרי, האָבן זיך געפלעגט אויפהייבן מיט דעם ליכטיקן געפיל, אַז דער טאָג וועט זיי ברענגען אַ נייע פרייד. ביגעל, וואָס האָט, זינט מאַריניאַ איז אויפגעשטאַנען, געפלעגט ווערן צוגעלאָזט צוזאַמען מיט זיין וואַלענטשעל, האָט, צוקוקנדיק זיך צו זייער לעבן, איינמאָל, נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך אַ זאָג געטון:

— אויף גוטע לייט, ווי אויף יעדן איינעם, קען אַמאָל קומען אַן אומגליק. פאַר דעם אָבער, ווען עס איז זיי גוט, איז בנאמנות קיינעם נישט בעסער פאַר זיי.

און זיי איז באמת גוט געווען. מאַריניאַ האָט, לויט דעם, וואָס זי האָט בשעתה געהערט פון פרוי ביגעל און אַליין וועגן דער געטראַכט, געמיינט, אַז די סיבה פון דער ווידער-אויפבלוּונג פונם מאַנס ליבע איז דאָס קינד, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט נייע קניפּן . . . איינמאָל האָט זי אפילו אָנגעהויבן פון דעם רעדן מיט פּאָלאַניעצקין, ער אָבער האָט מיט זיין גאַנץ פשטות אַ זאָג געטון;

— ניין! אויף מיין וואָרט! איך האָב אים באַזונדער ליב, אָבער דיך האָב איך שוין אומגעהייער ליב געהאַט איידער ער איז נאָך אויף דער וועלט געקומען — פאַר דיר אַליין, ווייל דו ביסט אַזעלכע, ווי דו ביסט. גיב אַ קוק אַרום זיך, גיב אַ טראַכט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט, און מיט וועמען איך האָב דיך צו פאַרגלייכן?...

נעמענדיק זי בײַ דער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן זי צו קושן מיט געוואַלטיקער ליבע, אָבער גלייכצייטיק מיט דער גרעסטער אַכטונג — און צוגעגעבן:

— דו וואָלסט אַליין קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס דו ביסט פאַר מיר, און ווי ליב איך האָב דיך!

זי ווידער, צוטוליענדיק זיך צו אים, וואָס מיט אַ ליכטיק פּנים ווי די זון פון בליק אַ פרעג געטון!

— ניין? — באמת, סטאַך?... זאָג!...

XXIII

געקומען איז די טויספּייַ־ונג. דער ייִנגערמאַן איז שוין געוואָרן אָפּגעטויפּט אינם וואַסער, מחמת דאָס האָט תּיכּף נאָך זיין קומען אויף דער וועלט געטון פרוי ביגעל, וועלכער עס האָט זיך, אונטערן איינדרוק פון דער מוטערס קראַנקהייט, געדאַכט, אַז דער קליינער וועט אויך אַ ליאַדע רגע שטאַרבן... ער אָבער האָט וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט און האָט בײַ דעם בעסטן געזונט און מיט אַפּעטיט געוואַרט אויפן טערמין פון דער פייערונג, אין וועלכער ער האָט באַדאַרפט שפּילן די הויפּט־ראָל. פּאָלאַוויעצקי האָט אָנגעבעטן פאַרשידענע באַקאַנטע. אַחוץ די היימישע לייט מיט דעם זיידן פּלאַוויצקי, איז געווען נאָך פרוי עמיליא, וואָס האָט אויף דעם טאָג צונויפגעזאַמלט דאָס לעצטע ביסל כּוחות, געווען זענען די ביגעלס מיט די קליינע ביגעלעך, פּראָפעסאָר חאַסקאָווסקי, שווירסקי, זאַווילאָווסקי און פרײַלין ראַטקאָתסקאַ. פרוי פּאָלאַניעצקאַ, שוין אַ געזונטע, און אויסגעשטראַטע און גליקלעכע האָט אויסגעזען אַזוי הערלעך, אַז שווירסקי, זי דערזעענדיק, האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַר

די האָר און מיט זיין געהייםלעכער אויפריכטיקייט א זאָג געטון :

— דאָס גייט דאָך איבער יעדע השגה, בנאמנות, מען קען די ראיה פטרן!

— וואָס! — האָט אויסגעשריגן פּאָלאָניעצקי, סאַפּענדיק פון נחת מיט אַזאַ גאווה, ווי ער וואָלט תמיד געהאַלטן דאָס, אין וואָס אַנדערע איבערצייגן זיך ערשט שפּעטער.

און שווירסקי האָט געענטפערט :

— פעלקער שטעלט אייך נישט! כ'וועל מער נישט רעדן!

זי האָט זיך צוגעהערט אין פאַרלעגנהייט, פלאַמענדיק גלייכצייטיק פון שמחה און געפיל, אַז שווירסקי איז גערעכט. זי האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט די געסט און מיט דער צערעמאָניע, בכּרט נאָך, אַז תחילת האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל טומל. די ערשטע האָבן באַדאַרפט האַלטן דעם קליינעם כטאַש, פרוי עמיליאַ און ביגעל, די צווייטע דער מאָלער מיט פריילין ראַטקאָווסקאַ. דערווייל האָט דער לעצטער אומגעריכט אָנגעהויבן מאַכן שוועריקייטן, אויסזוכן תירוצים און אומבאַוווּסט פאַרוואָס זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען. „ער וואָלט זייער געוועזן צופרידן — ער איז צוליב דעם בכיוון געקומען פון איטאַליע... ווי הייסט! דאָס איז אַן אָפּגעשטעלטע זאַך; אָבער ער האָט ביז איצט קיינמאָל קיין קינד נישט געהאַט. ווייסט ער נישט, צי דער טויפזון וועט זיך געזונט דערציִען, און דער עיקר, צי וועט ער האָבן מזל צו פרויען. אויף דעם האָט פּאָלאָניעצקי אָנגעהויבן לאַכן און אָנגערופן אים אַבערגלויבישער איטאַליענער, מאַריניאַ אָבער, וואָס האָט צום שנעלסטן זיך משער געווען, אין וואָס עס גייט, האָט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון דער מינוט, אין וועלכער ער האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן און זיך גערוקט צום פענסטער צו, א זאָג געטון מיט א האַלבער שטים :

— דאָס קוואַטערשאַפט בײַ דער צווייטער פּאָר איז אין דעם פאַל נישט קיין מניעה.

שווירסקי האָט זי געגעבן אַ קוק אָן, נאָכדעם זיך צעשמייכלט, אַנטפּלעקנדיק זײַנע קלײנע געזונטע צײן, און פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו פרײלין ראַסקאָווסקאַ.

— אמת, אַז דאָס איז בלויז בײַ דער צווייטער פּאָר, דעריבער... דין איך אײַך!

און אַלע האָבן אַרומגערינגלט איצט דעם קלײנעם סטאַש, וואָס האָט אויף דער גיאַניס הענט, אָנגעטאָן אין לאַנגע מושלינען און קרײַזלעך, אויסגעזען ערנסט מיט זײַן פּליך און אויסגעגלאָצטע קײַלעכדיקע אײגעלעך, אין וועלכע די אויסערלעכע וועלט האָט זיך אַזוי מעכאַניש אָפּגעשפּיגלט, ווי אין אַ שפּיגל. ביגעל האָט אים איצט גענומען אויף די הענט, און די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן.

די אָנוועזנדיקע האָבן זיך קאָנצענטרירט צוגעהערט צו די ערנסטע סאַקראַמענטאַלע ווערטער, דער יונגער געצנדינער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהײַנטלעכע האַרטנעקיקײט. קודם-כּל האָט ער אָנגעהויבן אַזוי הירזשען, אַז ער האָט זיך האַלב אַרויסגעריסט פֿון ביגעלס הענט, נאָכדעם, ווען ביגעל האָט אין זײַן נאָמען זיך אָפּגעטרײסלט פֿונעם טײַוול און אַלע זײַנע מעשים תעתּועים, האָט ער אַלץ געטאָן, וואָס ער איז נאָר געווען בכּוח, אים צו פֿאַרטײַבן. ערשט, דערזעענדיק אומגעריכט אינמיטן געשרײ ביגעלס ברילן, האָט ער פּלוצלינג איבערגעהאַקט, ווי ער וואָלט צו פֿאַרשטײן געגעבן, אַז אויב אויף דער וועלט עקזיסטירן זאַכן וואָס פֿאַרחידושן, איז עפּעס אַנדערש.

די צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט, און תּיכּף נאָכדעם האָט מען אים איבערגעגעבן אין דער גיאַניס הענט אַרײַן, וועלכע האָט אים באותו-רגע אַרײַנגעלײגט אין אַ פּראַכטפֿול בעטל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ וועגעלע, שווירסקיס אַ מתּנה — און געוואָלט אים אַרויספֿירן פֿון שטוב. שווירסקי אָבער, וואָס האָט אפֿשר ביז איצט נישט געהאַט פֿון דער גאַנצן געזען אַזאַ קלײן

פאַרשווינדל, און וואָס אין זיין ברוסט האָט פון לאַנג געקלאַפּט אַ פאַרבענקט האַרץ נאָך פאַטערשאַפט, האָט פאַ־האַלטן די ניאַניע און, זיך איינבייגנדיק צום וויגל, גענומען דאָס קינד אין די אָרעמס

— פּאַמעלעך! פּאַמעלעך! — האָט, דערנענטערנדיק זיך, שנעל אויסגעשריגן פּאָלאַניעצקי.

דער מאָלער האָט זיך אָבער אויסגעדרייט צו אים און אַ זאָג געטאָן:

— מיין הער, איך האָב אין האַנט געהאַט די אַרבעטן פון לוקאַ דעלאַ ראָביאַ.

און ער האָט באמת אויפגעהויבן דאָס קליינע באַשעפעניש און עס גענומען הוידן אַזוי געשיקט, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן האָבן געניאַנטשעט קינדער. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס? וואָגט דער פּראָפעסאָר צו דעם יונגן אַ־יער?

— מילא, וואָס — האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט, קוועדיק אַ בעדירטער אויפן בחורטשיק — אחדאַי, אַריער! אַ־יער, פון ריינסטן וואַסער!

— און אַ קומענדיקער מיסיאַנער? — האָט צוגעגעבן פּאָלאַניעצקי.

— ער וועט אין דער צוקונפט פון דעם נישט אַנטלויפן, ווי איר אַלע קענט נישט אַנטלויפן! — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר.

די צוקונפט האָט מען נישט געקענט פאָרויס באַשטימען, דערווייל אָבער איז דער יונגער אַריער געלאָפן פון אַלע מינים שליחות אויף באַרגישע קיין צווייטייטיקן אופן, אפילו אַ באַליידיקנדיקן, אַז מען האָט אים באַדאַרפט אָפּגעבן דער ניאַניע. די דאַמע האָבן אָבער נישט אויפגעהערט זיך מיט אים צו שפּילן, שמאַקן צו אים און זיך אַנטציקן, כל־זמן זיי זענען נישט געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז לחלוטין אַן אומ־

געווײנטלעך קינד, אַז זײַן גאַנץ האַלטן זיך זאָגט אויף דעם באַשײמפּערלעך עדות, און אַז מען דאַרף פּשוט נישט האָבן קײן אויגן, נישט צו דערקענען, אַז דאָס וועט זײַן דער שענסטער מאַנסביל אין לאַנד און צו דעם אַ גאון.

דער גאון איז אָבער ענדלעך אײַנגעשלאָפֿן, ווי ער וואָלט פֿאַרשיכּורט געוואָרן פֿון דער חניפֿה, און מען האָט בינו-לבֿינו דערלאַנגט דאָס פּרישטשיק. מאַריניאַ האָט בײַ איר גאַנץ פֿרײַנטלעכקייט צום מאָלער אַהערגעזעצט לעבן פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ וואַסילאָווסקין. זי האָט אָבער ווי אַלע אַנדערע געוואָלט, מיט שווירסקין אַפֿילו בתוכם, אַז אין זײַנע באַוועגן זאָל עפּעס שמעקן צו אַן אויפֿקלערונג. וואַסילאָווסקיס האַנדלונג איז געווען אַ מאַדנע. שווירסקי האָט געהאַלטן, אַז ער איז גאָר נישט אײַנגעגאַנגען נאָרמאַל. ער איז געווען געזונט, געשלאָפֿן, גוט געגעסן, איז אַפֿילו אַ ביסל דיק געוואָרן, גערעדט מיט שׂכל, הגם אַ ביסל פֿאַמעלעכער, ווי פֿריִער, באַוויזן אָבער האָט זיך אין אים עפּעס אַן אָנמאַכט פֿון ווילן, עפּעס אַ מאַנגל אין איניציאַטיוו, וואָס איז פֿריִער געווען בײַ אים בשפֿע. אין איטאַליען פֿלעגט ער אויסשײַען באַם דערמאָנען די פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ און ווען ער פֿלעגט הערן איר רעדן, האָבן זיך אים טרערן געשטעלט אין די אויגן. נאָכן צוריקקומען, בשעת עמעץ האָט אים אַמאָל פֿרמז געטאָן, אַז עס וואָלט כּדאַי געווען צו גײן מיט אַ חיזוק צו דער פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ, בפֿרט ווען יענער האָט פֿאַרגעלײגט גײן צוזאַמען, האָט ער געענטפֿערט: „אַן אמת!“ — און געגאַנגען מיט פֿאַרגעניגן, ווײַטער אָבער האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט פֿאַרגעסן אַן איר עקזיסטענץ. צײַטנווײַז פֿלעגט קלאָר זײַן, אַז אין דער טיף פֿון זײַן נשמה פּײַניקן אים אַנדערע מחשבֿות און פֿאַרשלינגען זײַן גאַנצן גײַסטיקן מהות. שווירסקי האָט אַ צײַט געמײנט, אַז דאָס איז אפֿשר די דערמאָנונג אַן פֿרײַלין קאַסטעלי — ער האָט זיך אָבער מיט אַ געוויסן חידוש איבערצײַגט, אַז עס איז נישט אַזוי, און ענדלעך אָנגעהויבן מײנען, אַז וואַסילאָווסקי האָט דעריבער קײנמאָל אַן איר נישט דערמאָנט, ווײַל ער האָט דאָס געפֿיל פֿאַרלוירן פֿון

דער ווירקלעכקייט, אָדער, אַז זי האָט זיך אים אויסגעוויזן עפּעס אַ ווייטע, עפּעס אַזאַ צעווייטעטער איינדרוק, אַז דאָס דער־מאָנען זיך אָן איר האָט ער נישט געקענט צונויפבינדן אין אַ לעבעדיקע, רעאַלע גאַנצקייט. ער איז אָבער נישט געווען טרויע־ריק, אדרבה, מען האָט מינוטנווייז געקענט באַ אים דערקע־נען צופרידנקייט און לעבנסלוסט, ווי ער וואָלט ערשט נאָך זיין צווייט ביי געבוירן ווערן עס דערקענט. אמת טרויעריק, וואָס אַמאָל מער פאַרלוירן אין זיך און וואָס אַמאָל שטילער איז געווען פריילין ראַטקאָווסקאַ. אפשר האָבן אַ חוץ דער נישט קענגזייטיקייט, אויך באַאומרויִקט זי נאָך אַנדערע זאַכן; אָן זאַווי־לאָווסקין, זי האָט אָבער מיט קיינעם וועגן איר אומרויִקייט נישט גערעדט. מאַריניאַ און פרוי ביגעל, מיינענדיק, אַז די איינציקע סיבה פון איר טרויער איז זאַווילאָווסקיס באַציִונג צו איר, האָבן זי אַרומגערינגלט מיט דעם האַרציקסטן מיט־געפיל און זענען געווען גרייט צו טון אַלץ, כדי איר צו הילף צו קומען. מאַריניאַ האָט זינט זאַווילאָווסקי איז געקו־מען פון איטאַליען, געזען אים דאָס ערשטע מאָל, פרוי ביגעל אָבער האָט יעדן טאָג גערעדט מיט אים וועגן פריילין ראַט־קאָווסקאַ, שוועבנדיק איבער איר, דערמאָנענדיק וויפיל דאַנק־באַרקייט איר קומט פון אים, אַז ער וואָלט ווי עס איז באַ־דאַרפט דעם חוב אָפּדעקן. דער ווילער שווירסקי האָט, נישט קוקנדיק אויף זיינע אייגענע האָפנונגען, אויך דאָס אייגענע געזאָגט — און זאַווילאָווסקי האָט אַלץ מודה געווען, אָבער נישט ווילנדיק אָדער נישט קענענדיק אַרויסציִען עפּעס קיין ענדגילטיקן אויספיר, האָט ער גערעדט וועגן זיין גיכן אָפּפאָר נאָכאַמאָל, וועגן פלענער פון ווייטערדיקע נסיעות להבא, מיט איין וואָרט וועגן זאַכן, וואָס האָבן לויט זיי־ער מהות, אויסגעשלאָסן פריילין ראַטקאָווסקאַס אָנטייל גע־ען.

און איצט, זיצנדיק דערלעבן, האָבן זיי מייניק וואָס צווישן זיך גערעדט. זאַווילאָווסקי האָט אַ סך געגעסן — מיט אינטערעס, אפילו מיט אַ געוויסער אומגעדולד געקוקט אויף די ניין מאכלים,

װעלכע מען האָט פריִער דערלאַנגט די עלטערע; פרײלין ראַטקאַװסקאַ, באַמערקנדיק דאָס, האָט מינוטנװײַז געקוקט אויף אים עפּעס מיט אַ װײטיקלעך מיטגעפיל, און דאָס האָט מאַריניאַן אָנגעהויבן אַ ביסל קאָרטשען, אַז װילנדיק פאַרבינדן צװישן זײ אַ שמועס, האָט זי אַ זאָג געטון, אַריבערבײגנדיק זיך איבערן טיש:

— איר זענט ערשט דאָ נישט לאַנג פון אַ רײזע, דערצײלט זשע עפּעס פרײלין סטעפּטשאַן פון איטאַליען. דו, סטעפּטשאַ, ביסט דאָך דאָרטן נאָך נישט געװען?

— כ'בין נישט געװען — האָט געענטפערט פרײלין ראַטקאַװסקאַ — כ'האָב אָבער ערשט נישט לאַנג געלײענט עפּעס אַ רײזע... נאָר לײענען און זען, דאָס זענען גאָר צװײ אַנדערע זאַכן.

און זי האָט זיך לײכט פאַררײטלט, מחמת זי האָט באַמערקט, אַז זי האָט זיך פאַרמסרט, מיט דעם װאָס זי האָט גראָד געלײענט װעגן איטאַליען דאַמאָלס, װען זאַװילאַװסקי איז דאָרט געװען.

ער װידער האָט אַ זאָג געטון:

— מיך האָט הער שװירסקי צוגערעדט אַז קײן סיציליען, דאָרט זענען אָבער געװען היצן; אַהין װאָלט מען באַדאַרפט איצט פאָרן!

— אָ! — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — גוט, װאָס כ'האָב זיך דערמאָנט! און מײנע בריװ? איר האָט דאָך געפרעגט שװירסקין, צי כ'װיל איר זאָלט מיר שרײבן אײערע אײַנדרוקן, און כ'האָב שפּעטער קײן אות נישט באַקומען.

זאַװילאַװסקי איז פלוצלינג רויט געװאָרן, זיך צעטומלט, און נאָכדעם מיט עפּעס אַ מאָדנער אומזיכערער שטים אַ זאָג געטון:

— װײל... כ'האָב נאָך נישט געקענט... איך װעל זײער אַ סך שרײבן, אָבער שפּעטער...

שװירסקי, דערהערנדיק די װערטער, האָט זיך דערנענ-

טערט נאָכן פרישטיק צו מאַרינאַן, און חייזנדיק אויף וואַדי-
לאַווסקין מיט די אויגן, אַ זאָג געטון:
— איר ווייסט, וואָס פאַר אַן איינדרוק ער מאַכט אַמאָל
אויף מיר! — אַז דאָס איז אַ טייערע כלי — נאָר אַ צעבראָ-
כענע.

XXIV

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער טויפֿפֿייערונג האָט שוויר־סקי באַזוכט פֿאַלאַניעצקין אין ביוראָ, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס מאַרינאַ מאַכט און אַגב אַ שמועס טון וועגן פֿאַרשידענע ענינים, וואָס זענען אים געלעגן אויפֿן האַרץ, זעענדיק אָבער, אַז ער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט, און אַז פֿאַלאַניעצקי האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— צוליב מיר בלײַבט נישט. מיר וועלן שמועסן אויף דער גאַס. די שײַן איז היינט אַזאַ שאַרפֿע, אַז איך קען היינט גאָרנישט טון, וועל איך אײַך אַליין צופֿירן אַהיים.

— איר וועלט אײַך אַלנפֿאַלס באַדאַרפֿט איבערבעטן — האָט געענטפֿערט פֿאַלאַניעצקי — מײַן מאַרינאַ גייט היינט דאָס ערשטע מאָל אַרויס און מיר קלויבן זיך צו די בינגלס אויף מיטאָג. זי מוז די רגע שוין זײַן אָנגעטאָן, כ׳האָב אָבער נאָך אַ צוואַנציק מינוט צײַט.

— קוים גייט זי אַרויס, איז דאָך אַ סימן, אַז זי איז געזונט.

— געלויבט איז גאָט, ווי אַ פויגל! — האָט מיט שמחה געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— און דער אַריער?

— דער אַריער האַלט זיך אויך פעסט.

— אַך, גליקלעכער מענטש — האָט אַ זאָג געטאָן שווירסקי — איך, ווען איך זאָל אײַנדערהיים האָבן אַזאַ זשאַבע, נישט רעדנדיק פון אַזאַ ווײַב, וואָלט איך... סײַדן אויף די דעכער געקראָכן.

— איר וועט נישט גלייבן, ווי דאָס ייִנגל נעמט מיך אָן באַם האַרץ... וואָס אַ טאָג מער — און בכלל אַזוי, אַז כ'האָב זיך אַפילו נישט געריכט, מחמת איר באַדאַרפט וויסן, אַז איך האָב געוואָלט דווקא אַ מיידל.

— ס'איז נאָך נישט קיין אומגליק! עס וועט קומען אַ טאָכטער אויך! — האָט געענטפערט שווירסקי — איר אײַלט אײַך אָבער, קומט-זשע.

פּאָלאַניעצקי האָט דאָס פוטער אָנגעטאָן, און זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. דער טאָג איז געווען אַ פראָסטיקער און אַ ליכטיקער. אַרום און אַרום האָט זיך געלאָזט הערן אַ שנעלער געקלאַנג פון שליטן-גלעקלעך. לײַט האָבן געהאַלטן די קעלנער אַרום די אויגן, פראָסט-הויך אויף די וואָנצעס און פון מויל האָבן זיי אַרויסגעלאָזט זײַלן פּאַרע.

— עפּעס אַ פריילעכער טאָג — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי — איך פריי זיך צוליב מײַן מאַריניאַן, אַז עס איז אַ גוט וועטער.

— אײַך איז פריילעך, נעמט איר אַלץ אָן פאַר ליכטיק — האָט געענטפערט שווירסקי, נעמענדיק אים אונטער דער האַנט...

פלוצלינג האָט ער אָבער אָפּגעלאָזט פּאָלאַניעצקיס האַנט און, פאַרשטעלנדיק אים דעם וועג, אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך וועלן מיט אים קריגן:

— ווייסט איר, אַז איר האָט די שענסטע פרוי אין וואַרשע פאַר אַ ווײַב? דאָס זאָג איך אײַך, — איך!

און ער האָט זיך מיט דער האַנט אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער

ברוסט, ווי ער וואָלט וועלן פאַרגרעסערן די זיכערקייט, אַז דאָס רעדט ער, און נישט קיין אַנדערער.

— האָ! — האָט לאַכנדיק אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — און גלייכצייטיק דאָס בעסטע און דאָס ערלעכסטע אויף דער וועלט; לאָמיר אָבער גיין, ווייל ס'איז אַ פראָסט.

און ווען שווירסקי האָט אים גענומען אונטער דער האַנט, האָט ער מיט אַ געוויסער גערירטקייט צוגעגעבן:

— וואָס איך האָב אָבער איבערגעלעבט בשעת איר קראַנקהייט, איז איין גאָט אַ יודע... ס'איז בעסער וועגן דעם נישט צו דערמאַנען... זי האָט מיר ממש געמאַכט אַ סיורפּריז מיט איר געזונט ווערן, פאַר דעם אם-ירצה-השם זומער וועל איך איר אויך מאַכן אַ סיורפּריז, פון וועלכן זי וועט זיך פרייען.

— נישטאָ זי גאָר מיט וועמען צו פאַרגלייכן! — האָט געענטפערט שווירסקי.

פאַרהאַלטנדיק זיך ווידער דאָ, האָט ער אַ זאָג געטון עפּעס מיט אַ געוויסן חידוש:

— און וויפיל פּשטות, אויף מיין נאמנות, האָט זי אין זיך. זיי זעבען אַ צייט גיגאַנגען און געשוויג, נאָכדעם האָט פּאָלאַניעצקי גענומען זויסגרעגן שווירסקין וועגן זיין אַפּפאַר.

— איך וועל זיך אַ וואָכן דריי פאַרהאַלטן אין פלאָרענץ — האָט אַ זאָג געטון דער מאָלער — איך האָב דאָרט עפּעס אָן אַרבעט. אַ חוץ דעם האָב איך זיך פאַרבענקט נאָכן ליכט פון סאַן מיניאַטאָ, נאָך זשיגעווריע, אין וועלכער כ'האָב זיך אַ מאָל געליבט אין נאָך טשימאַבוע. איר געדענקט אין סאַנטאָ מאַריאַ נאָוועליאַ, אין דער רוטשעלייער קאַפּעלע?... אין דריי וואָכן אַרום וועל איך פאָרן קיין רוים. כ'האָב טאַקע געוואָלט מיט אייך רעדן, מחמת היינט אינדערפרי איז בא מיר געווען זאַווילעק מיט אַ פאָרשלאַג, מיר זאָלן ווידער צוזאַמען פאָרן.

— אָ! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — און איר האָט מסכים געווען?

— איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט אָפּצוזאָגן, הגם — צווישן אונדז גערעדט — איז ער אַ מאָל אַ שווערער מענטש.

איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב אים ליב געקריגן און ווי כ'האָב אים מיטגעפילט, איז מיר אַליין אויך שווער צו רעדן, ער ווערט אָבער אַ מאָל דער יאָט, אַ שווערער פאַרשוין!... וואָס איז פאַר־האַן צו רעדן: ער האָט זיך געוואַלטיק געענדערט! אויף דער טריפפייערונג האָב איך דער פרוי איערע געזאָגט, אַז ער ווייזט זיך מיר אויס צייטנווייז עפּעס, ווי אַ טייערע כלי — אַ צעבראָכענע. און דאָס איז אמת! איינמאָל האָב איך עס געזען, ווי ער האָט זיך געמוטשעט איבער די בריוו, אין וועלכע ער האָט געוואָלט באַשרייבן פאַר אייער פרוי איטאַליען... ער פלעגט שעהנווייז זיך דרייען איבערן צימער, געריבן זיין דורכגעשאָסענעם שטערן, זיך אַוועקגעזעצט, אויפגעהויבן, און דאָס פּאַפּיר, ווי ס'איז געווען ריין אַזוי איז עס געבליבן. זאָל דער אייבערשטער געבן, ער זאָל צוריקבאַקומען דעם אַמאָליקן שוווּנג. איצט חזרט ער פאַר אַלעמען בלויז, אַז ער וועט שרייבן. ער הייבט אָבער אַליין אָן צו צווייפלען — און פּייניקט זיך, איך ווייס, אַז ער פּייניקט זיך.

— עס וואָלט אַן אומגליק געווען פאַר אים און פאַר פרייַלין העלענאַ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — איר זאָלט וויסן, ווי שרעקלעך איר איז געגאַנגען נישט בלויז אין זיין לעבן, נאָר אויך אין זיין טאַלענט!

— עס וואָלט אַ היזק געווען פאַר אַלעמען — האָט געענטפערט שווירסקי — ווער מיר איז אָבער צומייסט אַ שאָד, דאָס איז פרייַלין ראַטקאָווסקאַ. זי הייבט שוין אויך אָן צו צווייפלען, צי ער וועט זיין דאָס, וואָס ער איז געווען, און דאָס פּייניקט זי אפשר מער, ווי אַלע אַנדערע עגמת־נפשן.

— אַן אָרים מיידל, נעבעך, — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — און נאָכמער דערפאַר, ווייל פון די אַלע פלענער וועגן דער נסיעה איז איינס קלאָר, אַז ער טראַכט נישט אפילו וועגן איר, אַ בליק, וואָס פרייַלין העלענאַ האָט איר פאַרזיכערט אַן אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ.

— איך וואַרט אַ יאָר צייט — האָט געענטפערט שווירסקי — אין אַ יאָר אַרום דערקלער איך זיך נאָכאַמאָל אין ליבע.

זי האָט מיך געגומען! נישטאָ וואָס צו רעדן! איר האָט באַמערקט, ווי שיין זי איז אין די קורצע האָר. זי דאַרף תמיד אַזוי גיין. איך וואַרט אַ יאָר צייט און שווייג, שפּעטער וועל איך האַלטן, אַז איך האָב פּריש הענט. ס'איז אוממעגלעך, אַז אין משך פון יאָר זאָל זיך בײַ איר עפּעס נישט ענדערן, בפרט נאָך, ווען יענער וועט נישט געבן פון זיך קיין צייכן פון לעבן... דאָס אַלץ איז געוואַלטיק מאָדנע. איר מיינט, אַז איך טו נישט אַלץ, וואָס איך קען, כדי צו צעבלאָזן אין אים עפּעס אַ פונק צו איר? אַז בנאמנות אַ מענטש האָט נאָך קיינמאָל נישט געטון אַזוי פיל קעגן זיין אייגן האַרץ. פּרוי ביגעל טוט אויך, וואָס זי קען. פאַרפאַלן אָבער! קיינער האָט נישט קיין רעכט קלאָר צו זאָגן: — האָב חתונה — קוים האָט ער זי נישט ליב. נאָך מאָדנער איז אָבער דאָס, וואָס וועגן יענער טראַכט ער. דאַכט זיך, אויך נישט. איין פריילין ראַטקאָווסקאַ איז מער ווערט, ווי אַ גאַנצער יינגער וואַלד פון אַזעלכע „טאַפּאָלעכלעך“ — אָבער דאָס איז אַ זאַך פאַר זיך! מיר גייט אין דעם, זי זאָל נישט מיינען, אַז איך פיר בכיוון אַרויס זאַווילאָווסקין. איך האָב אים נישט אָפּגעזאָגט, ווייל כ'האָב נישט געקענט, אָבער, מיין ליבער הער, אויב דאָרט וועט אַמאָל זיין אַ רייד וועגן אַנדזער אָפּפאָר, וואַרפט אַריין, אַז איך בנאמנות האָב נישט צוגערעדט זאַווילאָווסקין צו דער רייזע און אַז כ'וואָלט מיר אָפּגעגעבן, ווי זי מיינט, אַבי איר זאָל גוט זיין, אפילו פאַרן פּרייז פון אַזאַ אַלטן כלב, ווי איך.

— פאַרשטייט זיך, מיר וועלן אַזוי טון — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— דאַנק אייך, פאַרן אָפּפאָרן וועל איך נאָך קומען צו אייך זיך געזעגענען.

— אומבאַדינגט — און צו דעם אין אָוונט, מיר זאָלן קענען לענגער זיצן. איך מיין, אַז ווען איר וועט צוריק קומען זומער, וועט איר בײַ אונדז בלייבן אַ צייט מיט זאַווילאָווסקין.

— אין בוטשינעק?

— אין בוטשינעק אָדער נישט אין בוטשינעק, דאָס איז נאָך נישט באַוווּסט.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן דאָס דערזען אָסנאָווסקין, וועלכע איז באותו-הרגע צוריסגעגאַנגען פון אַ פּרוכט-געשעפט, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ ווײַס פּעקעלע ג.ייגעוויקלט ווי אַ שקאַרמיץ.

— זעט, אַסנאָווסקי — האָט אַ זאָג געטון שוויר-סקי.

— ווי פאַרענדערט ער איז — האָט געענטפערט פּאָלאָ-ניעצקי.

און באמת טאַקע. אָסנאָווסקי איז געווען געוואַלטיק פאַר-ענדערט. פון אונטערן פוטער אָפּער לעבן היטל האָט אַרויסגעקוקט אַ דאַר געזיכט, אַ געל געוואָרנס און עפּעס אַ סך עלטערס. דאָס פוטער האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט אויף אים געהאַנגען. דער-זעענדיק ביידע פריינד זײַנע האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון: מען האָט אַ ווײַלע געזען, אַז ער וואַקלט זיך און טראַכט, צי זאָל ער פאַרבײַגיין לעבן זיי, און מאַכן זיך נישט דערקענען, אויפן טראָ-טואַר איז אָבער געווען פּוסט, און זיי האָבן צו נאָנט זיך אָקעגנ-געטראָפן; ער האָט דעריבער פּלוצלינג געענדערט זײַן כוונה — און, דערנענטערנדיק זיך, אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אומנאַטירלעכער שנעלקייט, ווי ער וואָלט וועלן פאַררײַבן דאָס, וועגן וואָס אַלע דרײַ האָבן אויסשליסלעך געטראַכט:

— אַ גוט מאָרגן אײַך! אָ, דאָס איז אַ צופאַל, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, מחמת איך זיץ כסדר אין פּזשיטוי-לאָוו און קום זעלטן ווען אין שטאָט אַרײַן. איך האָב געקויפט ווײַנטרויבן, ווײַל מען הייסט מיך איצט עסן ווײַנטרויבן. מען ברענגט זיי אָבער צו פירן אין זשעגעכן, פילן זיך אַלע פון זשעגעכן. איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך קריגן בעסערע. אַ פּראָסט ז.ײַנט — אמת? אין דאָרף איז אַן אויסגעצייכנטער שליטוועגס.

און זיי האָבן אָנגע.ויבן גיין צוזאַמען — אַלע דרײַ פאַר-דאגהס. פּאָלאַניעצקי האָט ענדלעך אַ פרעג געטון

— איר קלייבט אייך, דאַכט זיך, קיין מצרים?

— דאָס איז אַן אַלטער פּלאַן, איצט וועל איך זיך אפשר אַרויסקלייבן. אין דאָרף איז ווינטער קיין אַרבעט נישטאָ, און אײנצם אַליין איז לאַנגווײליק.

דאָ האָט ער פלוצלינג איבערגעהאַקט, כאַפּנדיק זיך, אַז ער גייט אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג.

און זיי זענען ווייטער געגאַנגען, באָך אין אַ שווערע־שווייגן, פילנדיק די אומגעהײערע אומאָנגענעמלעכקייט, וואָס מען פילט תמיד, ווען מען רעדט, אויפן סמך פון עפּעס אַ שווייגנדיקן אָפּמאַך, וועגן פּעסטע זאַכן, כּדי צו פאַרדעקן די וויכטיקע און גלייכצייטיק ווייטיקלעכע. אָסנאָווסקי האָלט מיט פאַרגעניגן זיי געוועז אָפּגעזעגנט. מענטשן, וואָס זענען אָבער גאַנצע יאָרן געווינט אָפּצוהיטן געוויסע באָרמען, גייט נישט ווילנדיק, אפילו בשעתן גרעסטן אומגליק, אין אויסערלעכע פאָרמען, דעריבער האָט ער אויך געוואָלט געפינען עפּעס אַ לייכטן און נאַטירלעכן אופן פון צעשיידן זיך מיט זיי. נישט קענענדיק אָבער דערווייל געפינען עפּעס, האָט ער בלויז פאַרלענגערט די שווערע לאַגע, לסוף האָט ער אַזוי אומגעריכט און אומנאַטירלעך זיך געגומען מיט זיי געזעגענען, ווי אַ מענטש, וואָס פאַרלירט דעם קאָפּ.

די לעצטע מינוט האָט ער אָבער פלוצלינג באַשלאָסן אַנדערש. די קאָמעדיע האָט זיך אים עפּעס אויסגעוויזן אומדערטרעגלעך. ער האָט עס שוין גענוג געהאַט! אים איז געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער דאַרף טאַקע נישט מאַכן פון קיין זאַך קיין סוד, און אַז אין דעם אויסמיידן יעדער דערמאָנונג וועגן דעם אומגליק, איז פאַרהאַן עפּעס געמיינס. אויף זיין געזיכט האָט זיך געלאָזט באַמערקן צוואַנג און פּיין, פאַרהאַלטנדיק זיך אָבער האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַן איבערגעריסענער שטים. פאַרלירנדיק אַלע ווײלע דעם אָטעם:

— מיינע הערן... איך בעט אייך איבער, וואָס איך פאַרהאַלט אייך... איר ווייסט דאָך אָבער, אַז כ'בין זיך צעגאַנגען מיטן ווייב... איך זע נישט איין קיין שום סעם. כ'זאָל פון דעם

נישט טאָרן רעדן, בפרט נאָך מיט אַזעלכע ערלעכע און גאַנצע מענטשן... איך דערקלער איין, אַז דאָס איז געשען... אַז דאָס איז געווען... דאָס הייסט... דאָס הייסט, אַז דאָס האָב איך אַזוי געוואָלט און אַז מיין ווייב איז גאָרנישט...

זיין שטים איז אים אָבער פאַרזונקען אינם גאָרגל, און ער האָט ווייטער נישט געקענט רעדן. ער האָט משמעות געוואָלט נעמען אויף זיך די שולד, ער האָט אָבער פּלוצלינג דערפילט די גאַנצע אומפאַרשיינלעכקייט, דעם גאַנצן אין-סוף און יאושדיקע איידלקייט פונעם שקר, וואָס וואָלט באַדאַרפט אין אַזאַ פוסטן קלאַנג פון ווערטער, זיך ענדערן, אַז אפילו דאָס געפיל פון עפּעס אַ פליכט, אָדער אַנדערע טעמים פאַר דער וועלט וואָלטן עס נישט געקענט באַרעכטיקן.

און פאַרלירנדיק צום רעשט דעם קאָפּ, איז ער אַוועק מיט פיין, צוזאַמען מיט זיינע ווינטער־יבן און זיין אומגליק — אָן אַ דעק!

שווירסקי און פּאָלאַניעצקי זענען עפּעס געגאַנגען אַ צייט אונטער דעם איינדרוק פונעם אומגליק — און געשוויגן.

— בנאמנות — האָט ענדלעך אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — עס שניידט דאָס האַרץ.

און דער מאָלער האָט געענטפערט:

— אַזעלכע דאַרף מען סיידן ווינטשן דעם טויט.

— און ער האָט דאָך אַזאַ מאָל נישט פאַרדינט.

— ער! — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי — איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז וויפיל מאָל איך דערמאָן זיך, זע איך אים, ווי ער קושט איר די הענט. ער פלעגט עס אַזוי כסדר טון, אַז אַנדערש קען איך זיך אים נישט פאָרשטעלן...

אין אַ ווייַלע אַרום ווידער האָט ער צוגעגעבן:

— איך טראַכט זיך אַריין, אַז אַן אומגליק האַקט איבער די באַציונגען צווישן מענטשן, פונקט ווי דער טויט, און אויב עס האַקט נישט איינגאַנצן איבער, מאַכט עס זיי לויז. איר קענט אייך נישט לאַנג, איך אָבער, למשל, האָב געלעבט מיט אים באַנט, איצט איז ער מיר אָבער ווייטער, און איך אים פרעמ-

דער. און קיין עצה איז נישטאָ, און דאָס איז אַזוי טרויע־ריק!

— טרויעריק און מאָדנע...

שווירסקי איז אָבער פּלוצלינג שטיין געבליבן און אויסגע־שריגן:

— ווייסט איר וואָס? זאָל דער פרוי אָסנאָווסקאַ דער רוח כאַפּן! פרייַלין העלענאַ האָט געזאָגט, אַז אין קיין מענטש טאָר מען זיך נישט מיאש זיין, כּל־זמן ער לעבט, אָבער זאָל זי דער רוח כאַפּן!

און פּאָלאַניעצקי האָט געענטפערט:

— אויף דער וועלט איז אפשר נישט געווען קיין מער פאַר־געטערטע פרוי, ווי זי.

— אָט, האָסטו דיר! — האָט מיט היץ אויסגעשריגן שווירסקי — פרויען, מיין הער, אין כּלל גענומען...

פּלוצלינג האָט ער זיך אָבער אַ קלאַפּ געטון מיט די הענטשקעס איבערן מויל.

— ניין! — האָט ער אויסגעשריגן — צו אַלדי רוחות די אַלטע טבע! כ׳האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, מער קיין אַלגעמיי־נע אויספירן וועגן פרויען נישט צו מאַכן.

— איך האָב דערמאַנט דערפאַר, ווייל ער האָט זי אַזוי פאַרגעטערט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — אַז איצט פאַר־שטיי איך ממש נישט, ווי ער וועט אָן איר קענען לעבן.

— און דאָך מוז ער! — האָט פאַרענדיקט שווירסקי.

אָסנאָווסקי ווידער האָט באמת געמוזט און נישט געקענט. אין פּוש טולאָוו און אין וואַרשע, וווּ ס׳איז פול געווען מיט זכרונות וועגן איר, איז זיין לעבן פאַר אים געוואָרן אינגיכן אומ־מעגלעך, דעריבער האָט ער אין אַ חודש אַרום זיך געקליבן אויף דער רייזע. אַרויספאָרנדיק אָבער שוין נישט געזוגט פון וואַרשע, האָט ער זיך פאַרקילט אין דעם צופיל געהייצטן וואַ־גאָן — און אין ווין אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, אַז ער האָט זיך געמוזט אָוועקלייגן. די פאַרקילונג, וואָס מען האָט פריער גע־האַלטן פאַר אַן אינפלוענציע, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גע־

וואלטיקן טיפוס. אין צוועלפטע טעג ארום האט דער קראנקער פארלוירן דאס באוואוסטזיין און געלעגן אין האטעל אויפן חסד פון פרעמדע דאקטוירים, ווייט פון דער היים און די נייניקע. שפעטער אבער, אין דער היים, וואס האט אים אויפגעקאכט די געהירן און צעדרייט די חושים, האט זיך אים געדאכט, אז ער זעט פאר זיך א געזיכט — דאס טייערסטע אין לעבן, דאס תמיד געליבטע, געליבט אין עלנט, אין קראנקייט, און פנים-אל-פנים מיטן טויט. אים האט זיך געדאכט אפילו דאמאלס, אז ער האט שוין צוריק באקומען דאס באוואוסטזיין, ער איז אבער אזוי געווען אפגעשוואכט, אז ער האט זיך נאך נישט געקענט נישט רירן, נישט רעדן, נישט אפילו ברענגען אין א סדר זיינע געדאנקען.

שפעטער איז די וויזיע פארשוונדן.

ער האט אבער אנגעהויבן וועגן איר אויספרעגן די בארמהארציקע שוועסטערן, וואס אומבאוואוסט ווער עס האט זיי געשיקט, און וועלכע האבן אים איצט ארומגערינגלט מיט זארגלעכער השגחה — און ער האט אנגעהויבן בענקען אן א מאס.

XXV

נאָך דער טויפפייערונג און שווירסקיס מיט זאַווילאָחסקי'ס
אָפּפאָר, האָבן די פּאָלאַניעצקיס ווידער אָנגעהויבן לעבן אַן אָפּ-
געשלאָסן שטוב-לעבן, נישט זעענדיק כמעט קיינעם א חוץ די
ביגעלס, פרוי עמיליאַן און פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקין. זיי איז
אָבער גוט געווען אין דעם ענגן קרייז פון נאָנטע פריינט, און
נאָך בעסער מיט זיך אַליין. פּאָלאַניעצקי איז אין דער צייט
געווען שטאַרק פאַרנומען; ער פלעגט פאַרברענגען אין ביוראָ
און א סך זיצן פאַרן ביוראָ-טיש, דערלעדיקנדיק עפּעס ענינים,
וועגן וועלכע ער האָט פאַר קיינעם אפילו נישט דערמאַנט. נאָך
דער פאַרענדיקטער אַרבעט פלעגט ער איצט אַהיימקומען מיט
נאָך א גרעסערער איילעוודיקייט, ווי דאַמאָלס, ווען ער פלעגט
אַלס חתן טאָג-טעגלעך לויפן צו די פּלאַוויצקיס אַהיים. ער האָט
איינגאַנצן אויך געמאַכט אַן אַנטדעקונג, וואָס האָט זיך אים אַליין
אויסגעוויזן מאָדנע. ער האָט נישט בלויז דאָס ווייב ליב געהאַט
מיט אַלע כוחות זיינע אַלס א ווייב אין א באַנטן קאָפּ, נאָר אז
ער ליבט זיך אין איר, ווי אין א פרוי, אַן אומרו און עגמת-

נפש, אַן שפּרונגען פון יאוש און ספקות, נאָר מיט אַלע צוגרע־גונגען פון אַן ערלעך געפיל מיטן גאַנצן שוידער פון באַגערן, מיט תמיד דערזעלבער, פרישער פילנדיקייט צו דער פרויס חן און מיט אומאויפהערלעך בענקען, וואָס וואַכט, זעט פאַר־פאַרייניקט, קומט פאַרן ווילן און באַמיט זיך כסדר נישט אָפּצו־שטויסן און צו פאַר־לירן דאָס גליק. „איך ווער אַן אָסנאָוו־סקי — האָט ער געזאָגט פריילעך צו זיך — איך אָבער אַליין מעג זיין אַן אָסנאָווסקי, ווייל „מיין קליינע" וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין אָס:אָווסקאַ!" ער פלעגט איצט אָפּטמאָל זיך ווענדן צו איר „מיין קליינע", אין דעם איז אָבער געווען אַזויפיל יראת־הכבוד, וויפיל פעסטקייט. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט זי נישט געוועזן אַזוי ליב געקריגן, ווען זי זאָל זיין אַן אַנדערע, אַז דאָס אַלץ איז אַ ווערק פון איר גוטן ווילן און עפּעס די מאָדנע בראַווקייט, וואָס האָט פון איר אַזוי נאַטירלעך אָפּגעשלאָגן, ווי וואַרעמקייט שלאָגט אָפּ פון פייער. פּאָלאַניעצקי האָט געוווסט, אַז זיין אינטעלעקט איז געווען מער אַן עלאַסטי־שער, דאָס דענקען אַ ברייטערס און דאָס וויסן אַ טיפערס, ווי איר וויסן, דאָך האָט ער געפילט, אַז לגבי איר — און בלויז לגבי איר — פלעגט אַלץ, וואָס אין איר איז געווען, ווערן עפּעס פאַרענדיקטער און איידעלער. דורך איר השפּעה זענען די אַלע פּרינציפּן, וואָס ער האָט דערגרייכט, פון זיין קאָפּ, וו זיי זענען געווען טויטע טעאָריע, אַריבער אין איר האַרץ, וו זיי זענען געוואָרן לעבן. ער האָט משיג געווען, אַז נישט בלויז דאָס גליק, נאָר ער אַליין איז אין אַ געוויסער מאָס איר ווערק. אין דעם איז אפילו געווען אַ ביסל אַנטוישונג צו זיך, מחמת ער האָט איצט אָן שום ספק געזען, אַז ווען ער זאָל געווען נעמען אַ ליאַדע פרוי, וואָלט ער אַליין אויך געקענט חתונה האָבן מיט אַ ליאַדע ווערמען. ער פלעגט צייטנווייז זיך אפילו חידושן, ווי זי האָט אים געקענט ליב קריגן — ער פלעגט זיך אָבער דערמאָ־נען אָן איר וואָרט „גאָטעס דינסט" — און דאָס האָט אים שוין אַלץ אויסגעטייטשט. פאַר אַזאַ פרוי איז דאָס חתונה האָבן אויך געווען אַ „גאָטעס דינסט" און דעריבער אויך די ליבע נישט

עפּעס אַ ווילדע קראַפט, וואָס איז געלעגן אויסער מענטשלעכן רצון, גאָר אַקעגן אַקט פון גוטן ווילן, דאָס דינען דער שכינה, דאָס דינען דעם געטלעכן דת, דאָס דינען די פליכטן. מאַריניאַ האָט אים פאַר דעם ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען איר מאַן. אַזאַ איז זי געווען — און פּטור! פּאָלאַניעצקי האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקענט משיג זיין, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אין איר ליב געהאַט, זאָגט אָן אַ ליאַדע קאַטעכיזמוס. בײַ איר אָבער האָט די דערציִונג נישט געשטערט דעם קאַטעכיזמוס. עס קען זיין, אַז מען האָט זי נישט זייער זאָרגעוודיק דערצויגן, מען האָט זי אָבער אויסגעלערנט, אַז זי באַדאַרף גאָט דינען, און נישט באַנוצן זיך מיט גאָט.

פּאָלאַניעצקי אָבער, נישט גוט תּופס זייענדיק די סיבות, צוליב וועלכע זי איז אַזעלכע געווען, האָט זי וואָס אַמאָל מער באַוווּנדערט, געערט און ליב געהאַט. וואָס שייך איר, איז זי בלי־גוזמא נישט אַרייַנגעפאַלן אין צופיל גאווה, זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז נישט תּמיד איז געווען אַזוי גוט, ווי הייַנט, אַז זי איז דורכגעגאַנגען געוויסע נסיונות, אַז זי איז בשעת די נסיונות זיך באַגאַנגען ערלעך, אַז זי האָט זיי אויסגעהאַלטן מיט סבלנות, אַז דער רבונו־של־עולם האָט איר פאַר דעם געגעבן שכר. און דאָסדאָזיקע געפיל האָט זי אָנגעפילט מיט שלווה. זי איז לגמרי געזונט געוואָרן. זי האָט זיך בײַ דעם געפילט זייער שיין און זייער געליבט! דער „סטאַך“, פאַר וועלכן זי פלעגט פריִער אַ ביסל מורא האָבן, האָט איצט געפלעגט אָפּט אײַנבייגן זיין טונקעלע טשופּרינע צו אירע קני, כמעט מיט הכנעה, און זי האָט מיט פרייד געטראַכט, אַז „דער הער איז בטבע גאָרנישט קיין בעל־הכנעה, און אויב ער טוט עס, איז עס גאָר דערפאַר, ווייל ער האָט מוראדיק ליב“ און זי פלעגט אַזש וואַקסן. פון טאָג צו טאָג האָט זיך אין איר אָנגעזאַמלט אַלץ מער דאַנקבאַרקייט, און זי פלעגט אים פאַר דער ליבע צאָלן מיטן גאַנצן האַרץ.

דער ירגנ „אַריִער“ האָט אויך גלאַנציק אויסגעפירט זיין ראָל פון אַ שטראַלעכל אינם הויז. צייטנווייז פלעגט עס אפילו

זײַן אַ שרײַענדיק שטראָלעכל, פֿאַר דעם, בשעת ער פֿלעגט זײַן גוט געשטימט און, ליגנדיק אין זײַן באַליבטער פּאָזע, מיט די פֿיס אויפֿגעהויבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ גלײַכן ווינקל, פֿלעגט ער אָנהײבן אַרויסצובאַקומען פֿון זיך אויסגעשרײען פֿון צופֿרידנקייט, און די גאַנצע מעגלעכע און ווײַבערישע באַפֿעלקערונג פֿלעגט זיך צונויפֿקלײַבן אַרום זײַן בעטל. מאַריניאַ פֿלעגט אים צודעקן די פֿיס, אָנרופֿנדיק אים „מיאוס יינגל", ער ווידער פֿלעגט אָפּקאָפּען פֿון זיך אַלע ווײַלע די קאָלדרע, האַלטנדיק משמעות, אַז אַ מענטש מיט כאַראַקטער, קוים האָט ער באַשלאָסן צו רודערן, דאַרף ער אין זײַן אונטערנעמונג זײַן ענערגיש אויסגעהאַלטן. ער האָט בײַ דעם געפֿלעגט לאַכן, אַנטפּלעקנדיק זײַנע קלײנע, אַנציינקע יאַסלעס, שרײַענדיק, שוויטשענדיק, ווי אַ שפּערל, הושענדיק ווי אַ טויב, מיאַטשענדיק ווי אַ קאַץ, אָדער פּולשטענדיק ווי אַן אויסטיטי. די ניאַניע און די מוטער האָבן איצט גאַנצע שעהן אײַנגעטענהט מיט אים, פּראָפֿעסאָר וואַסקאָווסקי ווידער, וואָס האָט לעבן אים ממש דעם קאָפּ פֿאַרלוירן, האָט מיטן גאַנצן ערנסט געהאַלטן, אַז דאָס איז „עזאָטערישע שפּראַך" וואָס דאַרף כּון געלערנטע ווערן פֿאָנאָגראַפֿירט, מחמת זי וואָלט אָדער אײַנגאַנצן געקענט אַנטפּלעקן די סודות פֿונעם אַסטראַלן זײַן, אָדער לכל־הפּחות ברענגען אַ סך אָנווײַזונגען.

אַזוי אַרום זענען די ווינטער־חדשים אַוועק בײַ די פּאָלאַניעצקיס אין הויז. פֿעברואַר האָט פּאָלאַניעצקי אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס געשעפֿטן, און נאָך יעדן מאָל קומען געהאַט לאַנגע באַראַטונגען מיט ביגעלן. פֿון האַלב פֿעברואַר אָן אָבער איז ער געזעסן אינדערהיים, נישט גייענדיק אין ערגעץ, אַ חוץ אין ביוראָ אַרײַן, אָדער פֿאָרנדיק מיט מאַריניאַן און סטאַשן אויף לאַנגע שפּאַצירן אין אַ קאָטש. די מאָנאָטאָנקייט פֿון לעבן, אָדער ריכטיקער די מאָנאָטאָנקייט פֿון גליק און שלווה האָבן איבערגעריסן בלויז די ידיעות פֿון שטאָט וועגן באַקאַנטע, וואָס עס פֿלעגט ברענגען די פּרוי ביגעל. אַזוי אַרום האָט זיך מאַריניאַ דערוווּסט, אַז פֿרײלין ראַסקאָווסקאַ, וואָס האָט די לעצטע צײַט זיך אין ערגעץ נישט געוויזן, האָט פֿון דער הכנסה, וועלכע

פריילין הָלענא האָט איר פאַרזיכערט, בעגרינדעט אַן אינטערנאַט פאַר קינדער. און אַז הער אָסנאָווסקי איז טאַקע געפאָרן קיין מצרים, אָבער נישט אַליין, נאָר מיט זיין „אַנטעקאָן", מיט וועלכער ער האָט נאָך זיין געזונט וועלן זיך צוריק איבערגעבעטן. הער קרעסאָווסקי, מאַשקאַס אַמאָליקער סעקונדאַנט, האָט זיי געזען אפילו אין טריעסט און איראָניש דערציילט פאָלאַניעצקין, אַז „די מאַדאַם האָט אַ מינע פון אַ הכנעהדיקער בעל־תשובהניצע". פאָלאַניעצקי אָבער, וויסנדיק פון פראַקטיק, ווי אַ מענטש ווערט צעבראָכן פון אומגליק, און וויפיל אויפריכטיקייט עס קען זיין אין תשובה טון, האָט זייער ערנסט געענטפערט, אַז קוים האָט דער מאַן צוריקצוגענומען די פרוי אָסנאָווסקאַ, האָט קיין אָרנטלעכער מענטש נישט דאָס רעכט צו זיין שטרענגער פאַר אים.

שפּעטער איז אָנגעקומען פון איטאַליען נאָך אַ מאָדנערע און אַזאַ אומדערהערטע ידיעה, אַז זי איז געוואָרן אַ טעמע פון שמועסן נישט בלויז בײַ די פאָלאַניעצקיס און ביגעלס, נאָר בײַ דער גאַנצער שטאָט, דהיינו, אַז דער מאָלער שווירסקי האָט געבעטן בײַ פריילין קאַסטעלי די האַנט, און אַז זייער חתונה וועט פאָרקומען תיכף נאָך פּסח. מאַריניאַ איז געווען אַזוי אויפגערעגט פון דעם, אַז זי האָט צוגערעדט דעם מאַן, ער זאָל שרייבן אַ בריוו צו שווירסקין און זיך אָנפרעגן, צי ס'איז אמת. אין אַ צען טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ תשובה, און ווען פאָלאַניעצקי איז ענדלעך אַריין אין דער פרויס צימער, האַלטנדיק דעם קאָנווערט בײַם שפּיץ, מיט די ווערטער: „אַ בריוו פון רוים." — אין די ערנסטע פרוי פאָלאַניעצקאַ געוואָרן רויט איבער די אויערן פון נייגעריקייט, און זיי האָבן שלייף בײַ שלייף געלייענט דעם בריוו:

„צי ס'איז אמת? — ניין, מײַנע טײַערע — ס'איז נישט אמת; כדי אָבער איר זאָלט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס האָט געקענט געשען און וועט קיינמאָל נישט געשען, מוז איך מיט אייך רעדן וועגן זאַווילאָווסקין. ער איז אַהערגעקומען מיט דרײַ טעג צוריק און איך האָב אים פריער געהאַט צוגערעדט, ער זאָל בלײַבן אין

פלאַרענץ, און נאָכדעם זען פּיענאַ, פּאַרמאַ. און דער עיקר ראַ־
ווענע. פון דאָנען שיק איך אים קיין אַטען, און מאָרגן פּאָרט
ער אָפּ דורך בריגדיזי. דערווייל איז ער בײַ מיר אָפּגעזונדן פון
אינדערפרי ביזן אָוונט, איך ווידער האָב געזען, אַז אים פּייניקט
עפּעס, און ווילנדיק אים אַרויספירן אויף זאַכן, וואָס גייען אים
אָן צום נאָנטסטן, האָב איך אים געכטן נישט פאָרזיכטיק אַ פרעג
געטון, צי ער האָט נישט אַמאָל אין פאָרטפעל אַ האַלב טויט ראַ־
ווענער סאָנעטן. ווייסט איר, וואָס עס איז געשען? תחילת איז
ער בלאַס געוואָרן און געענטפערט, אַז באָך נישט, נאָר, אַז איני־
ניכן וועט ער אָנהייבן שרייבן — נאָכדעם האָט ער פּלוצלינג
אַ שלײַדער געטון מיטן הוט אָן דער ערד און גענומען כליפּען,
ווי אַ קליין קינד. כ'האָב נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געזען
אַזאַ אויסברוך פון ווייטיק. ער האָט זיך ממש בײַ מיר געדרייט
אין די הענט, חזרנדיק, אַז ער האָט דערהרגעט זיין כאַלענט,
אַז ער האָט שוין אין זיך גאָרנישט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל
גאָרנישט אָנשרייבן און אים וואָלט הונדערט מאָל ליבער געווען
פריילין העלענאַ זאָל אים נישט געוועזן מציל זיין. אָט וואָס מיט
אים טוט זיך, בשעת לייט חזרן אחדאי, אַז ער שרייבט נישט,
ווייל ער האָט געלט. און דאָס וועט שוין אַזוי בלייבן. מען האָט
געבען דערהרגעט אים, געפּטרט אין אים די נשמה מיטן טאַ־
לענט — פאַרלאָשן דאָס גרויסע פייער, בײַ וועלכן לייט האָט
געקענט זיין ליכטיק און וואַרעם: און דאָס — זעט איר — וואָלט
איך נישט געקענט פאַרגעסן, גאָט און פריילין קאַסטעלי! אָבער
אָן עבירה איז געווען אַרויסצורייסן אַזעלכע פעדערן, כדי צו
מאַכן פון זיי אַ פּאַרוק, וועלכן מען וואַרפט נאָכדעם אַרויס דורכן
פענסטער. יאָ! דאָס וואָלט איך נישט געקענט פאַרגעסן! שטותים
איז עס, וואָס איך האָב דאָרט גערעדט אין וואַרשע, אַז איצט
בלייבט איר בלויז צו זוכן עפּעס אַ פירשט קראַפּולעסקי, ווייל
קיינער וועט זי נישט נעמען. אויף דער וועלט פעלט נישט אויך
קיין פאַרבלענדטע. וואָס שייך מיר, בין איך נישט קיין פירשט
קראַפּולעסקי, נישט קיין פאַרבלענדטער. מוחל קען מען זיין בלויז
זיינע אייגענע עוולות, אָבער נישט קיין פרעמדע, מחמת דאָס

וואָלט שוין געוועזן צו לייכטזיניק. אָט איז אַלץ, וואָס איך קען וועגן דעם ענין אײַך זאָגן, מחמת דאָס איבעריקע ווייסט איר שוין אַליין! איך וואַרט אַ יאָר צײַט און נאָכדעם חזר איך איבער מײַן בקשה פֿאַר פֿרײַלין ראַטקאָווסקאַ. צי זי וועט וועלן, צי אָפּ־זאָגן, זאָל אַלנפֿאַלס איר דער אייבערשטער געבן אַ ברכה — דאָס איז אָבער מײַנס אַן אומבאַדינגטער באַשלוס.״

— יאָ — האָט איבערגעריסן מאַריניאַ — אָבער פֿונוואַנען האָבן זיך עס גענומען די ידיעות?

דער המשך פֿונם בריוו האָט אויף דעם געגעבן אַ תשובה.

„די אַלע רכילותן — האָט ער געשריבן — האָבן געקענט געבוירן ווערן צוליב דעם, וואָס מען האָט מיך אָפֿט געזען מיט די דאַמען, איר געדענקט, אַז בײַ מײַן פֿריערדיק זײַן אין רוים האָט פֿרוי בראַניטש די ערשטע צו מיר געשריבן, און שפּעטער, בשעת כ׳בין געווען בײַ זיי, האָט פֿרײַלין קאַסטעלי, אָנשטאָט צו זוכן דרײַדלעך, זיך פֿאַר מיר אַליין באַשולדיקט. איך בין זיך מודה, אַז דאָס האָט מיך געגומען. זאָל מען רעדן, וואָס מען וויל, אײנעם אָפֿענעם מודה זײַן זיך אין אַ חטא איז אָבער פֿאַרהאַן עפּעס אַן אויפֿוועקן זיך פֿון ערלעכקייט, עפּעס אַ מוט, עפּעס אַ ווענדונג, עפּעס אַ קרעכץ פֿון צער, וואָס, אויב ער לייזט נישט אויס פֿון די חטאים, קען ער לכל הפּחות די נשמה אויסלייזן. גלייבט מיר, אַז אין דעם וואָס איך רעד, שטעקט עפּעס מער, ווי מײַן פּוטערדיק האַרץ. גיט אויך אַ טראַכט, אַז זיי איז באמת שלעכט. קנאַפּ האָב איך עס געזען, מיט וואָס פֿאַר אַ וואַקלעניש זיי דער־נענטערן זיך צו מענטשן און ווי עס נעמען זיי אויף די, וועל־כע האָבן מורא פֿאַר זייערע פּרינציפּן. אין זיי האָט זיך צונויפֿ־געזאַמלט אַזוי פֿיל ביטערניש, אַז, ווי ריכטיק ס׳האָט נביאות געזאָגט אַמאָל וואָסקאָווסקי, זיי הייבן אָן אויף זיך אַליין זײַן פֿאַרביטערט. דאָס איז אַ שרעקלעכע לאַגע, בײַ וואָס מען גע־הערט נאָך כּלומרשט צו דער וועלט און מען טראָגט שוין די משא פֿון אַ באַרימטן סקאַנדאַל. נאָר מײַן עסק! פֿאַרהאַן איז גע־ניג צו שרייבן פֿון דעם. איך געדענק אָבער תּמיד, וואָס פֿריי־

לין העלענאַ האָט געזאָגט, אַז כּל־זמן אַ מענטש לעבט, טאָר מען זיך נישט מיאש זיין אין אים. די אָרימע לינעטאַ געבעך האָט זיך פון פיין פאַרענדערט, דאַר און מיאוס געוואָרן, און דערבער איז זי מיר נאָכמער אַ שאָד. מיר איז אַ רחמנות אפילו אויף דער פרוי בראָנישש, וואָס מאַכט אפילו לייטן לעכער אין די אויערן מיט אירע שקרים, זי טוט עס אָבער אויס צוגעבונדנקייט צו דעם מיידל. איך האָב דאָך גאָר וואָס אַליין געזאָגט, אַז מען קען בלויז אייגענע עוולות מוחל זיין, אַ מענטש אָבער וואָלט עפּעס געווען אַ גאָריל, נישט קיין קריסט, ווען ער זאָל נישט פילן כאָטש אַ ביסל רחמנות צו מענטשלעכע צרות. צי איך וועל איצט, נאָכדעם, ווי כ'האָב געזען איגנאַשן, נאָך האָבן האַרץ צו גיין צו זיי — ווייס איך נישט — איך באַדויער אָבער נישט, וואָס איך בין געווען בײַ זיי, מענטשן וועלן רעדן און אויפהערן, און אין אַ יאָר אַרום — אויב דער אייבערשטער וועט שענקען דאָס לעבן מיר און דעם זיסן מיידל — וועלן זיי דערזען, אַז זיי האָבן גערעדט שטותים".

דער בריות האָט זיך געענדיקט מיט אַ ידיעה וועגן די אָס־באָווסקיס, וואָס וועגן זייער איבערבעטן זיך האָט שווירסקי שוין געוווּסט און געהערט אפילו כּלערליי פּרטים, וועגן וועלכע די פּאָלאָניעצקיס האָבן גענוי נישט געהאַט געוווּסט.

„איך מיין — האָט ער געזאָגט — אַז דער אייבערשטער איז שטאַרקער, ווי די מענטשלעכע פאַלשקייט און איז צייטנווייז מונדערלעך דערבאַרעמדיק. און דערלויבט אַמאָל דעריבער דעם אומגליק אַזוי אָנקלאַפּן באַם מענטש, ווי מיט אַ האַמער, אַז ער זאָל פון אים אַרויסקלאַפּן עפּעס אַן ערלעכן פונק. איך גלייב איצט אפילו אינם ניי געבוירן ווערן פון אַזאַ אָסנאָווסקאַ. דאָס איז אפשר נאַיִוו, מינוטנווייז האַלט איך אָבער, אַז לחלוטין שלעכטע מענטשן איז אויף דער וועלט נישטאָ! גיט אַ קוק ווי עפּעס האָט פאַרט אויפגעציטערט אין אַזאַ פרוי אַבעטאַן, און אַז זי האָט אים אָנגעהיטן בשעת זיין קראַנקייט, אוי, די פרויען! זיי האָבן מיר שוין אַזוי אינם קאָפּ אַלץ איבערגעדרייט, אַז איך וועל אינ־

זיכן שוין גאָרנישט האָבן קיין שום מיינונג נישט בלויז וועגן זיי-
באַר בכלל וועגן קיין שום זאַך נישט.״

ווייטער זענען בעגאַנגען אַנפראַגן וועגן סטאַשן און האַ-
ציקע ווערטער פאַר זיינע לעבנסגעבער און לסוף דער צוזאָג זיך
אומצוקערן די ערשטע טעג פרילינג.

XXVI

און דער פרילינג איז טאַקע געקומען און צו דעם איז פונקט געוואָרן אַזוי וואַרעם, ווי פריש. פּאָלאַניעצקי האָט סוף מערץ און תּחילת אַפּריל ווידער גענומען אַרומפאָרן און ווײַלן צײַטנווײַז צו עטלעכע טעג אויסער דער היים. בײדע, ער מיט ביגעלן, זענען געווען אַזוי פאַרנומען, אַז זיי פלעגן אַמאָל ביז שפּעט אין אָוונט זיצן אין ביוראָ. פרוי ביגעל האָט געוויינט, אַז זיי מוזן עפּעס אונטערנעמען אין גרויסן מאַסשטאַב, איר האָט אָבער געחידושט, וואָס דער מאַן, וועלכער האָט תּמיד גערעדט מיט איר וועגן אַלע געשעפטן און כּמעט געטראַכט לעבן איר אויפן קול, און אפילו אָפטמאָל זיך אַן עצה געהאַלטן מיט איר, האָט איצט געשוויגן, ווי אַ באַשווירענער. מאַרינישאַ האָט אויך באַמערקט, אַז סטאַך האָט אַן אומגעוויינטלעך פאַרדרייטן קאָפּ. ער איז צו איר געווען האַרציק ווי ווען עס איז, איר האָט זיך אָבער אויסגעדאַכט, אַז אפילו אין זײַן האַרציקייט, ווי אויך אין יעדן שמועס זײַנעם און אין יעדן מאָל פעסטן, איז געווען עפּעס

אַ דריטער, אַן אַנדערער געדאַנק, וואָס פאַרכאַפּט אים אינגאַנצן אַזוי, אַז ער קען זיך אויף קיין רגע נישט אָפּרייסן פון אים. און דערדאָזיקער מצב פון צעשטרייטקייט האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרגרעסערט, און מיטן אָנקומען פון מאַי אַריבער אין עפּעס אַ פיבער. מאַריניאַ האָט זיך איצט אָנגעהויבן וואַקלען, צי זי זאָל נישט אַ פרעג טון דעם מאַן, וואָס אים איז. זי האָט מורא געהאַט צו זיין אַ ביסל זלידנע, איר איז אָבער אויך געגאַנגען אין דעם, ער זאָל נישט מיינען, אַז זיינע געשעפטן גייען זי צו ווייניק אָן. אין דער אומזיכערקייט האָט זי באַשלאָסן צוצוואַרטן אויף אַ פּאַסיקע מינוט, האָפנדיק, אַז ער אַליין וועט אָנהייבן רעדן וועגן זיינע עניגים, הגם פונדערווייטנס.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט זיך איר איינמאָל געדאַכט, אַז די פּאַסיקע מינוט איז געקומען. פּאָלאַניעצקי איז דאָס מאָל פריער געקומען פון ביוראָ מיט אַזאַ צעשטראָלט געזיכט, הגם אַן ערנסטס, אַז אַ קוק טוענדיק אים אין די אויגן, האָט זי כמעט נישט ווילנדיק אַ פרעג געטון:

— דיר האָט זיך געמוזט עפּעס טרעפן גוטס, סטאַך?

ער ווידער האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און, אָנשטאָט גלייך צו ענטפערן, אָנגעהויבן רעדן מיט עפּעס אַ ביסל אַ מאָדנער שטים:

— קוק, וואָס פאַר אַ גוט וועטער עס איז און ווי וואַרעם. מען וואָלט שוין געקענט עפענען די פענסטער. דו ווייסט, וועגן וואָס כ'האָב די לעצטע צייט בסדר געטראַכט? — אַז אויך פאַר דיין געזונטס וועגן און פאַר סטאַשן וואָלטן מיר באַדאַרפט פריער פון שטאָט אַרויספאָרן.

און מאַריניאַ האָט אַ זאָג געטון:

— אויב בוקשינעק איז נישט פאַרנומען?...

— בוקשינעק איז פאַרקויפט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

און נאָכדעם, זי אָננעמענדיק פאַר ביידע הענט און איר קוקנדיק אין די אויגן אַ־יין מיט גרויס ליבע, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— הער, מיין טייער ווײַן, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן — און עפּעס וואָס דיך איז עס מחויב צו דערפרייען, דו זאָלסט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דו וועסט נישט ווערן צו פיל גערירט?

— גוט. וואָס, סטאַך?

— זעסטו, קינדלעב, מאַשקאַ איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, ווייל ער האָט מער געהאַט חובות, ווי פאַרמעגן. די בעל-דברים האָבן זיך אויף אַלץ געוואָרפן, וואָס נאָך אים איז איבערגע־בליבן, כדי כאָטש עפּעס צוריק צו באַקומען. עס איז אַרויף אויף אַ ליציטאַציע פון דער עפנטלעכקייט. מאַגערוווקע איז פאַר־צעלירט געוואָרן און איז פאַרפאַלן, קושעמיען אָבער, סקאָקי און סוכאָטשין האָט מען מען געקענט מציל זיין — אַלזאָ — דו ווער נאָר נישט גערירט, מיין ליבע — אַלזאָ — איך האָב עס פאַר דיר אָפּגעקויפט.

מאַריניאַ האָט אויף אים אַ צייט געקוקט, געמרוגעט מיט די אויגן און ווי זי וואָלט אירע אויערן נישט געגלייבט. אָבער ניין! ער איז אַליין געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט נישט געקענט מאַכן קיין שפּאַס. אין די אויגן איז איר פינסטער געוואָרן פון די טרערן און זי האָט פלוצלינג אים פאַרוואָרפן ביידע הענט אַרום האַלדז.

— סטאַך!

זי האָט די רגע מיט קיין אַנדערע ווערטער נישט געקענט אַרויס, אָבער אין דעם איינעם אויסגעשריי איז געווען אי דאַנק־באַרקייט, אי גרויס ליבע, אי פּרויען-אַכטונג צו דער ענערגיע פונעם מענטש, וועלכער איז אַלץ מסוגל אויפצוטון. פּאָלאַניעצקי ווידער האָט עס פאַרשטאַנען אַלס געפיל פון אַזאַ געוואַלטיק גליק, וואָס ער האָט עד-היום נישט איבערגעלעבט, האָט ער אָנ־געהויבן רעדן, האַלטנדיק זיך כסדר באַ דער ברוסט:

— איך האָב געוווסט, אַז דאָס וועט דיך דערפרייען, איין נאָט איז אָבער אַ יודע, אַז פאַר מיר איז נישטאָ קיין גרעסער נחת ווי דיין פרייד. איך האָב געדענקט, אַז דו האָסט באַדויערט קושעמיען, און אַז דאָס איז געווען פאַר דיר אַן עוולה — היות

פען האָט עס אָבער געקענט פֿאַריכטן, האָב איך דאָס פֿאַריכט. אָבער דאָס איז גאָרנישט! ווען איך זאָל דיר צען קושזמ־ענס קויפֿן, וואָלט איך זיך נאָך נישט אויסגעצאָלט פֿאַרן גוטס וואָס דו האָסט מיר געטון, און וואָלט דיך אַלץ נאָך נישט ווערט געווען.

און ער האָט גערעדט אויפֿריכטיק, מאַריניאַ האָט אָבער אַוועקגעריסן דעם קאָפּ פֿון זײַן אָרעם און אויפֿהייבנדיק אויף אים די אויגן, גלייכצייטיק פֿייכטע און ליכטיקע, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דאָס בין איך דיך, סטאַך, נישט ווערט און כ'האָב זיך אפֿילו נישט געריכט, אַז איך וועל זײַן אַזוי גליקלעך!

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעהויבן שפּאַרן, ווער ס'איז מער ווערט, ס'זענען אָבער אין דעם שפּאַרן זיך געווען הפסקות פֿון שווייגן, מחמת מאַריניאַ האָט, אַרומנעמענדיק אים אַלע ווײַלע, אים צוגערוקט איר פֿראַכטפֿולע, אַ ביסל צו ברייטע ליפּן, און ער האָט זיך אין זיי אײַנגעזויגן, און נאָכדעם אײנס נאָכן אַנדערן געקושט אירע אויגן. זי האָט נאָך אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם געוואָלט לאַכן און וויינען פֿון שׂמחה, מחמת איר גליק האָט באמת איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס זי האָט זיך ווען עס איז געריכט. די מוטער האָט איר אַמאָל מיט שוין אַן אָפּגעשוואַכטער האַנט געשריבן: „נישט צוליב דעם דאַרף מען חתונה האָבן, כּדי צו זײַן גליקלעך, נאָר כּדי צו דערפֿילן די פֿליכטן, וואָס דער אייבערשטער לייגט דעמאָלס אַרויף, און גליק, דאָס איז בלויז אַ צוגאָב און אַ מתּנה פֿון גאָט". — דערווײַל איז דער צולאָז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, ווי ער האָט זיך געקענט אײַנפּאַסן אין האַרץ. עס זענען געווען פֿרווון, עס זענען געווען מינוטן פֿון טרויער און אַפֿילו פֿון יאוש. דאָס אַלץ איז אָבער פֿאַרבײַ — און „סטאַך" האָט זי ענדלעך נישט בלויז ליב געקריגן, ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון זײַן אויג, נאָר געטון מער, ווי ער האָט ווען עס איז איר צוגעזאָגט.

און אין דער מינוט, שנירייזנדיק מיט גרויסע טריט אין זײַן צימער, נאָך אַ געריירטער, אָבער אַ צופֿרידענער פֿון זיך

און מ׳ט אַן אויסדרוק פון געוויסער באַרימערישקייט אויף זיין טונקל געזיכט, האָט ער געזאָגט:

— נו, וואָס, מאַריש! איצט וועט זיך ערשט אָנהייבן אַ אַרבעט! — וואָס? ווייל אין ווירטשאַפט האָב איך די קלענסטע השגה נישט, און דאָס וועט זיין דיין זאַך. איך מיין אָבער, אַז אַן אַדמיניסטראַטאָר וועל איך זיין נישט פון די ערגסטע! מיר וועלן ביידע אַרבעטן, מחמת קושעמיען איז אַ גרויסע זאַך.

זי ווידער, פאַרלייגנדיק די הענט, האָט אָפּגעענטפערט:

— מיין גאָלדענער סטאַך! איך ווייס, אַז דו האָסט עס געטון פאַר מיינעטוועגן. דאָ, וועט דיר אָבער נישט פאַרשאַטן צו דיינע געשעפטן?

— צו די געשעפטן? דו מיינסט אוודאי, אַז כ׳האָב זיך געלאָזט באַרייסן. עס! כ׳האָב עס געקויפט ביליק! ביגעל, וואָס האָט פאַר אַלץ מורא, איז אָבער מודה, אַז ס׳איז אַ גוט געשעפט. איבעריקנס, איך בלייב ווייטער אין שותפות... דו, מאַריניאַ, שרעק דיך נאָר נישט פאַר קיין נויט אין קושעמיען און פאַר די אַמאָליקע דאגות. עס וועט זיין פאַרוואָס צו פירן די ווירטשאַפט. און כ׳זאָג דיר דעם אמת, אַז ווען קושעמיען זאָל היינט איינגעזונקען ווערן וואָלטן מיר מיט סטאַשן נאָך אויך געהאַט, פון וואָס צו לעבן.

— איך — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ, קוקנדיק אויף אים, מער אָדער ווייניקער, ווי זי וואָלט געקוקט אויף נאַפּאָלעאָנען, אָדער אַן אַנדערע פיגור פון דעם מין — איך בין זיכער. אַז דו וועסט אַלץ קענען, וואָס נאָר דו וועסט וועלן, איך ווייס אָבער, אַז דאָס האָסטו געקויפט קושעמיען פאַר מיר.

— אוודאי — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — ווייל דאָרט ליגט דיין מוטער, ווייל כ׳האָב דיך ליב, און ווייל דו האָסט ליב געהאַט קושעמיען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָסטו מיך אומגעקערט צו דער ערד. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס דו

האָסט מיר געזאָגט אין וויגעציץ. בשעת מושקע האָט געוואָלט פאַרקויפן קושעמיען בוקאַצין, האָט קיין השגה נישט, ווי איך געפֿין זיך אונטער דײַן השפּעה. צייטנווייז זאָגסטו עפּעס, און בשעת־מעשה גאָרנישט! — דאָס בלײַבט אָבער אין מיר און רופט זיך שפּעטער צו אומגעריכט אָפּ. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם ענין. איצט ווײַזט זיך מיר אַליין אויס מאָדנע, צו לעבן אויף דעם פּלאַנעט. כּלומרשט עפּעס האָבן, און נישט האָבן קיין דרײַ קוואַדראַט איילן ערד, וועגן וועלכע מען זאָל קענען זאָגן: „דאָס איז מײַנס!“ דאָס איז שוין געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, די קניה. האָסט אַפשר באַמערקט, אַז זיבעטהאַלבע חדשים האָב איך זיך געדרייט, ווי אַ פליג אין הייס וואַסער. כ׳האָב דיר בלויז נישט געוואָלט זאָגן, כּל־זמן אַלץ וועט נישט זײַן פאַרענדיקט; איך האָב ליבערשט געוואָלט, זאָלסט האָבן אַ סיורפּריז. אָט האָסטו! דאָס איז דערפאַר, ווײַל דו ביסט מיר געזונט און אַזאַ ליבע!

דאָ האָט ער, אָנכאַפּנדיק זי פאַר די הענט, ווידער אָנגעהויבן צודריקן צו די ליפּן און צום שטערן; זי האָט אים געוואָלט אַ קוש טון זײַנע הענט, ער האָט עס אָבער נישט דערלויבט, און זיי האָבן ענדלעך אָנגעהויבן זיך יאָגן איינס נאָכן אַנדערן, ווי קינדער, איבערן צימער, רעדנדיק באַ דעם צו זיך גוטע און ליכטיקע ווערטער, ווי שטראַלן. מאַריאַן האָט זיך אַזוי געוואָלט תּיכּף פאָרן קיין קושעמיען, און זי האָט אַזוי נישט געוואָלט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, אַז ער האָט לסוף גענומען איר דראָען, אַז ער וועט ווערן אייפערזיכטיק צו קושעמיען און דאָס פאַרקויפן.

— עי! וועסט עס נישט פאַרקויפן! — האָט זי געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס עפּעס?

זי ווידער, אַרויפדראַפּנדיק זיך אויף אים צום אויער צו, האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— ווײַל דו האָסט ליב...

און ער האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ, אַלס סימן, אַז יאָ!

זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעשמועסט צו מאַריניאַס גרויס פרייד, אַז סוף וואָך וועלן זיי ביטן גאַנצן הויזגעזינט פאַרן קיין קושע־מיען, וואָס איז אגב געווען אינגאַנצן מעגלעך, מחמת פּאָלאָניעצקי האָט אַזוי איינגעאָרדנט דאָס הויז, אַז עס זאָל זיין להלוטין גרייט אויפצונעמען די „פּריצה". ער האָט איר אויך מבטיח געווען, אַז ער האָט כמעט גאָרנישט געענדערט — און זיך באַמיט בלויז, די צימערן זאָלן נישט שמעקן מיט צופיל פּוסטקייט.

פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן לאַכן.

— אָבער! — האָט ער אַ זאָג געטון — איך בין נייגעריק, וואָס דער טאַטע וועט אויף דעם זאָגן?

דעם „פּאַפּאַס" חידוש, ווי מען האָט זיך געקענט משער זיין, איז ווידער געווען אַ סיבה פון פרייד פאַר מאַריניאַן. מען האָט אגב נישט באַדאַרפט אויף פּלאַוויצקין לאַנג וואַרטן, מחמת אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען אויף מיטאָג. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט מאַריניאַ וואַרפנדיק זיך אים אין די אָרעמס, אין איין אָטעם אים דערציילט די גוטע בשורה, און ער איז בזמת אומגעוויינטלעך פאַרחידושט געוואָרן און זיך אפילו גערירט. אפשר האָט ער דערפילט דער טאָכטערס גליק. אפשר האָט זיך אין אים פּלוצלינג אָפּגערופן די צוגעבונדנקייט צו דעם ווינקל, אין וועלכן ער האָט אַזוי אַלע יאָרן געלעבט, הקיצור, די אויגן זענען אים פייכט געוואָרן; קודם־כל האָט ער דערמאָנט וועגן זיין שווייס, מיט וואָס די ערד איז געווען דורכגעווייקט, שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן רעדן עפּעס וועגן „זקן" און „מקום־מקלט אינם פּולוואַרק" און לסוף, צודריקנדיק פּאָלאָניעצקיס קאָפּ, אַ זאָג געטון:

— זאָל דיר דער אייבערשטער געבן מיט מער מזל, אָבער אַזוי זיך געבן אַן עצה, ווי איך האָב זיך געגעבן — און זייַ זיכער, אַז קיין הילף און קיין אָנווייזונגען וועל איך דיר קיינמאָל נישט אָפּזאָגן.

אין אָוונט ווידער באַ די ביגעלס האָט מאַריניאַ,

נאָך אַ פֿאַרשיכורטע פֿונם גליק געזאָגט צו דער פֿרוי בײַ־געל.

— נו, זאָגט? ווי האָט מען עס אַזאַ מענטש ניט; ליבן זאָג אַליין!

XXVII

צומאָרגנס נאָך פּאָלאַניעצקיס קומען קיין קושעמיען איז אויסגעפאַלן זונטיק. פּאָלאַניעצקי אַליין איז אויפגעשטאַנען שפּעט, מחמת נעכטן זענען זיי געהאַט געקומען נאָך איינס אַ זייגער בײַנאַכט. אין קושעמיען האָט אויף זיי געוואַרט די דינערשאַפט מיט ברויט און זאַלץ; נאָכדעם האָט מאַריניאַ, לאַכנדיק און ווײנענדיק אײנס נאָכן אַנדערן, באַקוקט אַלע ווינקעלעך פון הויז און נאָכדעם נישט געקענט אײנשלאָפן פון גערירטקייט כמעט ביז באַגינען. צוליב די אַלע טעמים האָט פּאָלאַניעצקי זי נישט אַרויסגעלאָזט פון בעט, היות אָבער זי האָט געוואָלט פאָרן צו דער תּפילה אין די ווענטאַרן אַ ביסל פריִער, כּדי מתפּלל צו זיין אין קלויסטער פאַר די מוטער, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט הייסן אײנשפּאַנען און צו וויסן טון, ווען די צייט וועט קומען. דערווייל איז ער נאָכן פרישטיק אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל אַ קוק טון אויף זיין ביי גוט. געווען איז אין צווייטן העלפט מאַי און אין אַ געוויינטלעך שיינעם טאָג. בײַנאַכט איז געגאַנגען אַ רעגן, און די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די קליינע קאַלוזשעס

אויפן הויף און בײַ די פּאָליוואַרק־בנינים זיך געבראָכן אין ברייליאַנטענע קריצן פון די טראָפּנס, וואָס זענען געהאָנגען אויף די גלעטער און באַלויכטן די נאַסע דעכער פון די שייערס, קו־שטאַלן און שעפּסן־שטאַלן. אין די שפּײַז און אין דעם ליכטיקן כאַי־גרינס פון די ביימער האָט קושעמיען אויסגעזען גאַנץ צופֿרידנדיק. צווישן די פּאָליוואַרק־בנינים איז צוליב זונטיק כמעט נישט געווען קיין שום באַוועגונג, בלויז בײַם שטאַל האָבן זיך געדרייט עטלעכע פּאַרנאַלעס, וואָס האָבן באַדאַרפט פאָרן אין קאָשטשאָל אַרײַן. פּאָלאַניעצקי האָט זיך מאָדנע אַ וואָרף געטון די שטילקייט און די איינגעשלאָפנקייט. דאָ נישט לאַנג, האָבנדיק בדעה צו קויפן קושעמיען, איז ער עטלעכע מאָל געווען דאָ און געוווּסט, אַז עס איז אַן אָפּגעלאָזן גוט. מאַשקאָ האָט אַפילו אָנגעהויבן בויען אַ שפּײַכלער, געדעקט מיט רויטע דאַכלקעס, ער האָט אים אָבער נישט פאַרענדיקט. ער אַליין האָט דאָ קיינמאָל נישט געוווינט, און לסוף גאָרנישט געקענט אינם גוט אַרײַנלייגן — דעריבער איז די אָפּגעלאָזנקייט געווען צו באַמערקן אויף שריט און טריט. קיינמאָל האָט עס אָבער אַזוי בולט זיך נישט געמאָלט פּאָלאַניעצקין, ווי איצט, בשעת ער האָט שוין געקענט זיך אַ זאָג טון: „דאָס איז מײַנס!" די בנינים זענען עפּעס געווען קרום; די ווענט זייער נישט פעסט צונויפגעגאַנגען, די פלויטן קרומע און צעבראָכענע; אונטער די ווענט האָבן זיך געוואַלגערט רעשטלעך פון פאַרשידענע מכשירים פונם באַלעבאַטישקייט; אומעטום האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז די ערד וויל אַרײַנצוציִען אין זיך דאָס, וואָס אויף איר איז געשטאַנען, אומעטום האָט זיך אָנגעזען עפּעס אַ פּאַסיווע איבערלאָזן די זאַכן אויף זייער אייגענעם גורל, אומעטום האָט זיך באַמערקט נאַכלעסיקייט. פּאָלאַניעצקי האָט אין ווירטשאַפט געהאַט בלויז אויף אַזוי פיל השגה, אַז מען דאַרף זײַן פאָרזיכטיק מיט הוצאות — האָט ער, אַ חוץ אַ געמיינע ידיעות עפּעס, וואָס האָבן זיך אים אָנגעשלאָגן אין די אויערן נאָך אין די קינדער־יאָרן, וועגן קיין זאַך קיין באַגריף נישט געהאַט. דאָך, קוקנדיק אויף זײַן קעניגרייך, האָט ער זיך משער געווען, אַז די פעלדער מוזן אויך זײַן אין

דעם ורך באַרבעט ווי די נאַכלעסיקייט. וואָס ער האָט אַרום זיך באַמערקט. ער האָט געהאַט אַ קלאָר געפיל, אַז אויך אין דעם דאַרף עפּעס געטון ווערן, אויב נישט פון רגילות איז פון רוטין, עפּעס ווי צוליב דעם, מחמת עס האָט זיך געטון עפּעס מיט צען יאָר צוריק, מיט צוואַנציק, מיט הונדערט. פון דער אָנשטרענגונג, די אומאויפהערלעכע, וואַכזאַמע ענערגיע, וואָס איז דער יסוד פון מסחר, אינדוסטריע און בכלל שטאָט-ענינים, איז דאָ קיין זכר נישט געווען. „ווען איך זאָל מער נישט אַריינברענגען אין דער טויטקייט אַריין — האָט געטראַכט פּאָליאַניעצקי — ווי דאָס, וואָלט שוין גענוג געווען, מחמת דאָס פעלט דאָ אומבאַדינגט אויס. איך האָב אָבער אַ חוץ דעם געלט און לכל-הפּחות אויף אַזוי פיל שכל, איז קודם-כל ווייס איך, אַז איך ווייס קיין זאַך נישט. שנית, ווייס איך, אַז מען דאַרף זיך לערנען און פרעגן.״ ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע בעלגישע צייטן, אַז אפילו דאָרט, אין בעלגיען, האָט די מענטשלעכע נשמה און די אָנשטרענגונג פון ווילן מער באַטייט, ווי די ריזיקסטע מאַשינען. און אין דעם פּרט האָט ער גערעכנט אויף זיך — און האָט געקענט רעכענען. ער האָט זיך געפילט אַלס אַ פּאַרעקסטער און אַן ענערגישער מענטש. אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט גענומען אין דער האַנט אַריין, האָט געמוזט גיין, צי ס'האָט יאָ געוואָלט, צי נישט געוואָלט. אַ חוץ דעם, האָט ער געפילט, אַז אין געשעפטן האָט ער נישט קיין פאַנטאַסטישן קאָפּ, נאָר אַ קלאָר אויסגעחשבונטן, און נאָך אַ דאַנק דעם געפיל האָט ער נישט בלויז נישט פאַרלוירן דעם מוט, דערזעענדיק די אָפּגעלאָזנקייט פאַר זיך, נאָר געפונען אין אים אַ מין שטויס. די טויטקייט, די נאַכלעסיקייט, די אינערציע און פאַרשלאָפנקייט האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי רופן אים אַרויס, און ער, קוקנדיק אַרום זיך, האָט כמעט מיט נחת געזאָגט: „גוט! מיר וועלן זיך פּרוּוון!״ און ער האָט זיך אפילו צוגעאיילט צו דעם פּרוּוו.

דאָס ערשטע באַקוקן און די מחשבות האָבן אים נישט קאַליע געמאַכט די שטימונג, נאָר צוגענומען אַ סך צייט. אַ קוק טו-

ענדיק אויפן זייגערל, האט ער באמערקט, אז אויב זיי ווילן זיין פאר דער תפילה אין די וועגנטאַרן, מוזן זיי תיכף פארן; הייסנדיק דעריבער איינשפאנען, האט ער זיך שנעל אומגעקערט אהיים און אָנגעקלאַפּט בא מאַריניאַס טיר:

— פריצה! — האט ער א זאָג געטון — „צו גאָטס דינסט:"

— מען קען! מען קען! — האט זיך דורך דער טיר אָפּגערופן מאַריניאַס פרייליכע שטים — איך בין שוין גרייט.

פּאָלאַניעצקי איז אַריין און דערזען זי אין א העל קליידל, וואס איז ענלעך געווען צו דעם, וואָס ער האט געזען אויף איר בשעת זיין ערשט מאָל זיין אין קושעמין. זי האט זיך בפירוש אזוי אָנגעטון, ער ווידער האט צו איר גרויסער הנאה, פארשטאַנען איר כוונה, מחמת ער האט אויסציִענדיק צו איר די הענט אויסגעשריגן:

— פריילין פּלאַוויצקאַ!

און זי, דערנענטערנדיק זיך, האט אָנגעלענט, ווי פאַרשעמט, איר ראָז בעזל אויף זיין באַק און מיט דער האַנט אָנגעטייט אויפן בעטל אין וועלכן סטאַש איז געשלאָפן.

נאָכדעם זענען זיי צוזאַמען מיטן פּאַפּאַ פּלאַוויצקי אהינגעפאָרן אין קאָשטשאָל אַריין. דער טאָג איז געווען א פריילינדיקער, א ליכטיקער, פול מיט וואַרעמען אָטעם און פרייד. אין די וועלדלעך האָבן זיך אָפּגערופן קוקוס, און אויף די לאָנקעס האָט מען געזען אַרומדרייען זיך בושלען, לעבנוויס דעם וועג זענען פאר דער קאָטש אַריבערגעפלויגן פון איין בוים צום צווייטן וואַכטלען און סאָראָקעס. פון צייט צו צייט האָט זיך א ריס געטון א ווינטל און אַריבערגעלאָפן דורכן גראָז, ווי מיט א כוואַליע, איינבייגנדיק די גראָזן און מאַכנדיק הייפּענדיק שאָטנס אָ אויפן גריגס און פעלדער. ביידע פּאָלאַניעצקיס האָט באַהערשט א ים מיט זכרונות. בא איר האָט זיך אָפּגערופן די שוין א ביסל אָפּגעשטומפּטע פון שטאָטיש לעבן ליבע צו דער ערד און צום דאָרף, צו די וועלדער, צו די גרינע גרודעס, צו די בראָנעס אין פעלד, צו די בייטן, וואָס פאַרשטעלערן זיך פונדערווייטנס.

צו די ברייטע פעלד-שטחים און צו דעם אַ סך ברייטערן ווי אין שטאָט, הימל שטח. דאָס אַלץ האָט זי אָנגעפולט מיט אַ האַלב-באַוווסטזיניקייט, וואָס גרענעצט מיט שיכרות-תענוג. פאַלאַניצקי ווידער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל אויך געפאָרן אַזוי מיט דער פלאַזיצקין אין קאַשטשעל אַריין און די וואַכטלען און סאַראַקעס זענען דאַמאָלס אויך פאַר זיי איבערגעפלויגן פון איין בוים אויפן אַנדערן. איצט אָבער האָט ער געפילט, ווי ליב זיך דאָס ראָזע עזן, וואָס ער האָט דאַמאָלס צום ערשטן מאָל דערזען, די אַמאָליקע פריילין מאַרינאַ פלאַוויצקאַ. אין איין רגע האָט ער במחשבה זיך פאַרגעשטעלט אַלץ, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען. די ערשטע באַקאַנטשאַפט און דעם צויבער, מיט וועלכן זי האָט אים פאַרכישופט, און די ווייטערדיקע מיספאַרשטענדנישן און דעם מאָדנעם אָנטייל, וואָס ליטקאַ האָט אין זייער לעבן גענומען. און די חתונה, און דאָס שפעטערדיקע צוזאַמענלעבן, און דאָס וואַקלען זיך פונם גליק און די שנוים, וואָס זענען אונטער דער השפעה פון דער ליכטיקער נשמה אין אים פאָרגעקומען, און דאָס היינטיקע זיך אויסלייטערן פון לעבן! ער האָט בײַ דעם געהאַט אַ ליכטיק געפיל, אַז דאָס בײַן איז פאַרבײַ, אַז ער האָט מער געפונען, ווי ער האָט געחלומט, און אַז איצט קענען אויף אים קומען פאַרשידענע אומגליקן, אָבער בנוגע איר איז דאָס לעבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָרן אויף תמיד אויסגעלייטערט, געוואַלטיק ערלעך. כמעט גלייך צו „גאָטס-דינסט" און אויף אַזוי פיל זוניקער, ווי אַמאָל, אויף וויפיל דער האָריזאָנט, וועלכער האָט זיי אַרומגערינגלט, איז געווען זוניקער פונם שטאָטישן, בײַ דעם געדאַנק האָט זיך זײַן האַרץ פאַרגאָסן מיט גליק און ליבע צו איר. קומענדיק צופאָרן אין די וואַנטאָרן האָט ער אָפּגעריכט „אייביקע רו" פאַר דער מוטער, וואָס איר האָט ער צו פאַרדאַנקען אַזאַ ווײַב, מיט נישט ווייניקער פלייסיקייט ווי מאַרינאַ אַליין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט ליב דעם שטויב, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטערן קאַשטשאַל מיטן זעלבן געפיל פון אַ זון, ווי דעם שטויב פון זײַן אייגענער מוטער.

בינו-לבינו האָט מען אָנגעהויבן קלינגען צו דער תפילה. אינם קאָשטשיאָל האָבן ווידער די אַמאָליקע זכרונות גענומען זיך שפּאַרן אין קאָפּ אַרײַן. אַלץ, וואָס זי האָט אַרומגערינגלט, איז עפּעס געווען אַזוי באַקאַנט, אַז מינוטנווײַז האָט ער די אי- לוזיע געהאַט, אַז דאָס איז געווען נעכטן. אינעווייניק איז גע- ווען פּונקט אַזוי פיל מיט גרויע פּויערים, קאַפּ און מיטן ריח פונם טאַטאַרעק ווי אַמאָל; דערזעלבער גלח האָט אָפּגעריכט די תפילה בײַם אַלטאַר, דיזעלבע צווייגן פון בעריאָזע, געחיגט דורכן ווינט האָבן געקלאַפּט פון דרויסן אינם פענסטער אַרײַן — און פּאָלאַניעצקי האָט ווידער דאָסזעלבע געטראַכט — דאָס לעבן גייט פאַרבײַ, די יסורים גייען פאַרבײַ, די האָפנונגען, די אויפברויזן, פאַרבײַ גייען ריכטונגען פונם געדאַנק און גאַנצע פילאָזאָפישע סיסטעמען — און די תפילה ווערט אָפּגעריכט, ווי אַלעמאָל, ווי אין איר וואָלט זײַן אַן אייביקע קראַפט. אַ נײַע פיגור אינם אַלטן בילד איז געווען בלויז מאַריניאַ. פּאָלאַניעצקי, קוקנדיק מינוטנווײַז אויף איר רויִק געזיכט און די אויפגעהוי- בענע אויגן צום אַלטאַר, האָט געטראַכט, אַז זי איז מתפלל פונם גאַנצן האַרץ פאַר זייער קומענדיקן לעבן אינם דאָרף, און ער האָט דעריבער זיך צו איר צוגעפּאַסט און זיי האָבן מתפלל גע- ווען צוזאַמען.

נאָך דער תפילה אַבער, אויפן קאָשטשיאָל-הויף האָבן זיי אַרומגערינגלט די שכנים, הער פּלאַוויצקיס און מאַריניאַס אַמאָ- ליקע באַקאַנטע. הער פּלאַוויצקי האָט אָבער בחינם געזוכט די פרוי יאַמוש, מחמת זי האָט שוין פון עטלעכע טעג אַן געווײַלט אין שטאָט. פאַר דעם איז דער ראָטגעבער יאַמוש, אַן אויסגע- היילטער אינגאַנצן פון זײַן מאַגן-קאַטאַר, און דעריבער אַ געווונ- טער און באַנײַטער, אַרײַנגעפאַלן אין אַן אמתער התלהבות, דער- זעענדיק פאַר זיך מאַריניאַן:

— זי איז דאָ, מײַן ליבלינג — האָט ער געשריגן, קושנ- דיק אירע הענט — זי איז דאָ דאָס באַלעבאָסטעלע מײַנס! זי איז דאָ „די גאָלדענע מאַריניאַ!“ אַהאַ! די פייגל זענען צו- ריקגעקומען אין דער אַלטער נעסט אַרײַן... ווי שיין דאָס איז

תמיד! בגאונות, אַן אמת מיי־עלע, אַן אמת באַקאַפּיטל, איך ווייס דאָך אָבער, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ יונגל אויף דער וועלט!

מאַריניאַ האָט זיך גערייטלט פֿון נחת. באותו־הרגע אָבער האָבן זיך דערנענטערט די זאַווישימסקיס מיט זייערע זעקס קינדערלעך, און צוזאַמען מיט זיי אויך הער אַנדרוש „בערעלע“, דער צמאָליקער מאַריניאַס אומגליקלעכער פֿאַרערער און נישט דערגאַנגענער מאַשקאַס מערדער. הער גאַנטאָווסקי האָט זיך אומגעלומפּערט דערנענטערט און צעטומלט אַ ביסל, ווי ער וואָלט איבערראַשט געוואָרן פֿון מאַריניאַס שיינקייט און זיין באַצערט בליק, וואָס אים האָט אויסגעמיטן. מאַריניאַ האָט אים באַגריסט מיט אַ ביסל אַ קאָמישער פֿאַרלעגנהייט, פּאָלאַניעצקי אָבער האָט צו אים אויסגעשטרעקט פֿריינטלעך די האַנט מיט גרויסמוטיקייט פֿון אַ בעל־נצחון און אַ זאָג געטאָן:

— אָט, געפֿין איך אייך באַקאַנטע נאָך פֿון די קינדער־יאָרן. וואָס מאַכט איר?

— ווי אַמאָל — האָט געענטפֿערט הער אָסנאָווסקי.

און ער יאָמיש, וואָס איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, האָט אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק ווידערשפּעניק אויפֿן יונגנמאַן:

— ער האָט דאגות מיטן רעגולירן די סערוויטוטן.

הער גאַנטאָווסקי האָט זיך נאָכמער צעטומלט, מחמת דער גאַנצער קאַנט האָט גערעדט וועגן זיינע דאגות. פֿון עטלעכע יאָר אָן האָט עס נעבעך קיים געאָטעמט מיט זיין יאַבלושיקאָוו. דאָס רעגולירן די סערוויטוטן און דאָס פֿאַרקויפֿן דעם וואַלד האָט אים נאָך געקענט אַרויספֿירן אויפֿן גלייכן וועג, וואָס־זשע זאָל ער טון, אַז אויף דער ווידער אַלע זיינע שוין נאָענט צום פֿאַרענדיקן אונטערהאַנדלונגען, האָט זיך אייביק אַריינגעמישט דער פֿאַרוווּרף מצד די יאַבלושיקאָווער שכנים: „דער פּריץ פֿאָרט אויף אַ ווייס פֿערד, שיסט פֿון פּיסטאָלעטן און קוקט די מיידן אין די אויגבעס אַריין“.

הער גאַנטאָווסקי, הגם ער איז פֿון זיינע יונגע יאָרן אָן געוווינט געווען צו כּלערליי דאָרפֿישע קאָפּ־פֿאַרדרייעניש, האָט

צייטנדייז פאַרלוירן דאָס געדולד און מיט אמתע פאַרצווייפלונג געשריגן:

— וואָס האָט דאָס צו אַלדי שוואַרצע יאָר איינס צום אַנדערן! אַ רונער זאָל אין אייך אַלעמען אריין!

און נאָך אַזאַ איבערצייגנדיק „חערטל" ה בן די יאַבלאָשיקאָווער פרנסים זיך געווינטלע געפלעגט צונויפקלייבן אויף אַ נייער באַראַטונג און נאָך אַ מיושבדיק באַטראַכטונג פון אַלע סברות פאַר און קעגן, האָבן זיי ווידער געמאָלדן, קראַצנדיק זיך אין דער פאַטיליצע, אַז אַלץ וואָלט גוט געווען:

„נאָר דער פריק פאָרט אום אויף אַ ווייס פערד, שיסט פון פיסטאָלעטן און די מיידן... א. אַ. וו.".

דערווייל האָט מאַריניאַ, וואָס איז געווען צו הער יאַמישן אַזוי צוגעבונדן, ווי צו אַ מיטגליד פון דער משפחה, דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז אַ שטרויענער אַלמן, אים פאַרבעטן צום מיטאָג. אומגעריכט אָבער האָט הער פלאַוויצקי, אין כעס, וואָס ער האָט אין די וואָנטאַרן נישט געטראָפן די פרוי ראָטגעבערין, און זיך דערמאָנענדיק אָן די אַמאָליקע זונטאָגדיקע פאַרטיעלעך מיט „גאַנט שן". פאַרבעטן „גאַנטאַשן" אויך — צוליב וואָס די פאַלאַניעצקיס זענען פריער אָפּגעפאָרן און זייער שנעל, כדי מאַריניאַ זאָל צייט האָבן אַרויסצוגעבן די געהעריקע פאַראָרדנונגען. נאָך זיי איז געפאָרן הער פלאַוויצקי מיטן ראָטגעבער, גאַנטאַווסקי ווידער האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער לעצטער אין זיין ברישקע, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַ דאַר יאַבלאָשיקאָווער אַרבעט-פערדל.

אויפן וועג האָט הער פלאַוויצקי אַ זאָג געטון צום ראָטגעבער יאַמיש:

— איך קען נישט זאָגן!... מיין טאָכטער איז גליקלעך. ער איז אַ גוטער מענטש און אַן עבערגישער יונג, אָבער...

— אָבער וואָס? — האָט אַ פרעג געטון הער יאַמיש.

— אַ היצקאָפּ! געדענקט דער שכן, ווי ער האָט מיך צוגעדריקט צום וואַנט צוליב מישקיינס געזאָגט די צוואַנציק טויזנט

רובל, אַז כ׳האָב געמוזט פאַרקויפן קושעמיען, ווייל ער וואָלט נאָך מיין טויט עס געוועזן באַקומען אומויסט דורך מאַריניאַן. אַ גוטער מענטש, אָבער דאָ... (און זאָגנדיק דאָס, האָט פלאַוויצקי זיך אַ קלאַפּ געטון מיטן פינגער אין שטערן)... רוישט נאָך: אמת דאָס איז נישט קיין חטא, חלילה!

— האָ! — האָט געענטפערט דער ראַטגעבער. יאַמיש, נישט וועלנדיק אָנטון הער פלאַוויצקין קיין עגמת־נפש מיט דער באַמערקונג, אַז ווען קושעמיען זאָל געווען לעבנער פאַרבלייבן אין זיינע הענט, וואָלט פון קושעמיען קיין שריד־ופליט נישט געבליבן.

הער פלאַוויצקי ווידער האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— און פאַר מיר אויף דער עלטער גייט איצט אַ נייע אַרבעט, ווייל איצט וועט דאָך אַלץ מוזן גיין אויף מיין קאָפּ.

הער יאַמיש האָט קוים זיך איינגעהאַלטן פון אויסגעשריי: „זאָל גאָט היטן!" — ער האָט אָבער געקענט פּאַלאַניעצקין און געוווסט, אַז באמת דראָט נישט קיין שום סכנה. הער פלאַוויצקי אַליין האָט אויך נישט זייער געגלייבט אין דעם, וואָס ער האָט גערעדט, ער האָט פאַרן איידעם אַ ביסל מורא געהאַט, און גוט פאַרשטאַנען, אַז דווקא איצט וועט אַלץ אַוועק לויט דעם אַנדערנס קאָפּ.

רעדנדיק אַזוי, זענען זיי פאַרפאָרן פאַרן גאַנעק; מאַריניאַ, וואָס האָט שוין געהאַט פאַראָרדנט, וואָס מען האָט באַדאַרפט, האָט זיי אויפגענומען מיט ספּאַש; אויף די הענט.

— איך האָב אייך געוואָלט פאַרשטעלן דעם זון, איידער מיר וועלן זיך זעצן צום טיש — האָט זי אַ זאָג געטון — אַ גרויסער זון! אַ ריזיקער זון! אַ געהאָרכזאַמער זון!

און צום טאַקט פון די ווערטער האָט זי אים געוווּמען הוידען אין הער יאַמישס זייט, הער יאַמיש ווידער האָט מיט די פינגער אָנגערירט סטאַשס בעקעלע, אויף וואָס דער „געהאָרכזאַמער זון" האָט פרוער זיך פאַרקרומט, נאָכדעם אַ שמייכל געטון און, פלוצלינג אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, וואָס וואָלט פאַר די „עזאַ

טערישער שפראַך" געקענט זיכער האָבן אַ וויכטיקע באַטייטונג, אָבער אַ בעוויינלעך אויער האָט עס דערמאַנט מאָדנע אָן אַ קוויטש פון אַ סאַראָקע אָדער פאַפוגאַי.

דערווייל איז אָנגעקומען הער גאַנטאַוואָסקי און אויפהענגענדיק דעם מאַנטל אין פעדערהויז אויף אַ פלעקל, דאָרט אין אים געזוכט דאָס נאָז-טיכל, בשעת על פי עפעס אַ מאָדנעם צופאַל, ראַזולקאַ, סטאַשס ניאַניע האָט זיך אויך געפונען אין פעדערהויז, וועלכע האָט, דערנענטערנדיק זיך צו הער גאַנטאַווסקין, געלייגט זיי פריער צו זיינע פיס און נאָכדעם אים אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— אַ נו, וואָס מאַכסטו! וואָס מאַכסטו! וואָס וועסטו עפעס זאָגן? — האָט אַ פרעג געטון דער יאַבלושיקאָווער פריץ.

— גאָרנישט! כ'האָב זיך נאָר געוואָלט נייגן — האָט הכנעהדיק געענטפערט ראַזולקאַ.

הער גאַנטאַווסקי האָט זיך אַ ביסל אַריבערגעבויגן אָן אַ זייט און אָנגעהויבן זוכן עפעס מיט די פינגער אין וועסטלקעשענע, זי אָבער איז משמעות בלויז געקומען זיך נייגן פאַרן אַמאָליק פריץ אירן, מחמת גישט וואַרטנדיק אויפן געשאַנק, האָט זי אים ווידער אַ קוש געטון אין האַנט און שטיל אַוועק אינם קינדערצימער.

הער גאַנטאַווסקי איז מיט אַ געריכטער מינע אַוועק צו דער איבעריקער געזעלשאַפט, צווינגענדיק זיך מיטן באַס:

— אום-דרי-דרי! אום-דרי-דרי! אום-דראַם-טאַ-טאַ!!!

נאָכדעם האָבן זיך אַלע אוועקגעזעצט צום טיש, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן דעם צוריקקער פון די פאַלאַניעצקיס אינם דאָרף אַריין, הער יאַמיש, וואָס איז געווען פאַרשטייט זיך אַן אינטעליגענטער מענטש, און אַלס ראַטגעבער געמוזט צוליב זיין עבודה זיין אַ קלוגער און אַ רעדנער, האָט זיך געווענדט צו פאַלאַניעצקין און אַט-וואָס געזאָגט:

— איר קומט אין דאָרף אַריין אין די קענטעניש פון דער

ווירטשאַפט, אָבער מיט דעם, וואָס אונדזער ערד-באַזיצער בכלל געגומען פעלט עס אויס, מיט קענטעניש פון אַדמיניסטראַציון כאַראַקטער און מיט קאַפּיטאַל. דעריבער גלייב איך און בין זי- כער, אַז איר וועט מיט קושמיען נישט האָבן שלעכט געטראָפן. אייער אומקערן זיך, איז פאַר מיר אַ גרויסע שמחה, נישט בלויז צוליב איך און מיין טייערע שילערין, נאָר ווייל דאָס איז אגב אַ ראיה צו דעם, וואָס איך זאָג און האַלט, אַז דער רוב פון אונדז אַלטע מוזן אַוועק פון דער ערד; די זין אָבער אונדזערע, און אויב נישט די זין, איז די אייניקלעך — וועלן זיך אומקערן, און אומקערן וועלן זיי זיך פעסטערע, מער בקיאים אינם לעבנס- קאַמף, מיט חשבון און קאָפּ, מיט טראַדיציע פון אַרבעט. איר געדענקט, וואָס כ'האָב אייך אַ מאָל געזאָגט, אַז די ערד ציט און אַז זי איז די איינציקע אמתע עשירות. איר האָט זיך מיט מיר דאַמאָלס געשפּאַרט, און היינט — גיט אַ קוק, זייט איר דער באַ- לעבאָס פון קושעמיען.

— דאָס איז דורך איר! — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצ- קי, אַנהייזנדיק אויפן ווייב.

— דורך איר און פאַר איר! — האָט איבערגעחזרט דער ראָטגעבער — און מיינט איר, אַז אין מיין שיטה האָט אַ פּרוי קיין אָרט נישט און איך ווייס נישט, וואָס זיי זענען ווערט? זיי טרעפן מיטן האַרץ און מיטן געוויסן, ווו די אמתע פליכט איז, און שטופּן צו אים מיטן האַרץ. און די אמתע פליכט און דאָס אמתע עשירות — איז די ערד.

דאָ האָט הער יאַמיש, וועלכער האָט חי דער שטייגער און רגילות פון אַ סך ראָט-געבער, געהאַט אַ תולשה צו הערן זיך אַליין, פאַרמאַכט די אויגן, כדי נאָך בעסער זיך צו קענען צוהערן און ווייטער גערעדט:

— יאָ! האָסט דיך אומגעקערט דורכן ווייב! דאָס איז איר פאַרדינסט! און זאָלן זיך אַזעלכע ווייבער אונדז געבוירן ווערן אויף אַ שטיין; פון יער צווייטער זייט אָבער זענט איר אַרויסגעקומען פון דער ערד, און דעריבער האָט אייך די ערד צוגעצויגן. מיר דאַרפן באמת חתמענען זיך מיט אַן אַקעראייזן

און כ'וועל אייך נאָך בעסער זאָגן, אז דאָס האָט זיך נישט בלויז דער סטאַניסלאַוו פּאָלאַניעצקי אומגעקערט, נישט בלויז פּרדי מאַרי פּאָלאַניעצקאַ, — דאָס האָט זיך אומגעקערט די גאַנצע משפּחה פּאָלאַניעצקי, מחמת בײַ איר האָט זיך דערוועקט דער אינסטינקט פֿון גאַנצע דורות, וואָס זענען פֿון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, און וואָס זייער שטייגער מאַכט פֿעסט די ערד.

זאָגנדיק דאָס, האָט הער יאַמיש זיך אויפֿגעהויבן און בעטענדיק אַ גלעזעלע אויסגערופֿן:

— צו פּרדי פּאָלאַניעצקאַ פֿאַרן געזונט פֿון דער משפּחה פּאָלאַניעצקי!...

— פֿאַרן געזונט פֿון דער משפּחה פּאָלאַניעצקי! — האָט אויסגעשריגן הער גאַנטאַוסקי, וואָס האָט אַ פֿילבדיק האַרץ פֿאַר דרשות, איז גרייט געווען מוחל צו זײַן אין דער רגע דער משפּחה פּאָלאַניעצקי אַלע האַרציקע יסורים, וואָס ער האָט צוליב איר געליטן.

און אַלע זענען מיט די גלעזלעך אַוועק צו פּרוי מאַריניאַן, וועלכע האָט אַ געריירטע געדאַנקט. פּאָלאַניעצקין ווידער האָט זי, בשעת ער האָט זיך דערנענטערט, אַ שעפּטשע געטאָן:

— אָך, סטאַך, ווי גליקלעך איך בין!

ווען די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט זיך אָבער ווידער געפֿונען בײַם טיש, האָט דער פּאַפּאַ פּלאַוויצקי פֿון זײַן זײַט צוגעגעבן:

— זיך האַלטן בײַ דער ערד ביז לעצט — אָט, וואָס כ'האָב דאָס גאַנצע לעבן געפּרעדיקט!

— מילא, אַוודאי — האָט באַשטעטיקט הער גאַנטאַווסקי.

אין האַרץ אָבער האָט ער געטראַכט:

— ווען גאָר נישט דאָס קאָפּ-דרייעניש צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

און אין דער זעלבער צײַט האָט ראַזאַליאַ אין קינדער-צימער געזונגען דעם קליינעם סטאַש צום שלאָף דאָס טרויעריקע דאָרפֿס-לידל:

„אומגליקלעכע מחשבות,
אוי, יאַסיענקאַ מײַנער!!...

נאָכן מיטאָג האָבן די געסט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג אַרײַן. פּאָלאַניעצקי האָט זיי אָבער פֿאַרהאַלטן אויף אַ „פּאַרטיעלע", אַזוי, אַז זיי זענען ערשט אָפּגעפֿאָרן צו שקיעה. דאָמאָלס זענען די פּאָלאַניעצקיס, אָנפֿרײַענדיק זיך פֿריִער מיט סטאַשן, אַרויס אויף דער וועראַנדע און נאָכדעם אין גאָרטן אַרײַן, מחמת דער אָוונט איז געווען אַ שטילער און אַ מילדער. אַלץ, וואָס זיי האָט דערמאָנט אָן דעם ערשטן זונטיק, וועלכן זיי האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט, האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי אַ וווּנדערלעכער און זיסער חלום, און דאָס מין זכרונות האָבן זיי בעהאַט אויף יעדן טריט און שריט, אָן אַ שיעור און אָן עק. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, פּונקט אַזאַ גרויסע און שטראַלנדיקע, די ביימער זענען געשטאַנען אומגערירט אין דער אָוונט-רו, רייטלענדיק זיך אויף די שפּיצן פֿון דער שקיעה; פֿון דער צווייטער זײַט הויז האָבן פּונקט אַזוי געקלאַפּט די בושלען אויף דער נעסט; ס'איז געווען די זעלבע שטימונג — אַ היילנדיקע און אַ תּפֿילהדיקע. זיי האָבן אָנגעהויבן אומעטום אַרומשפּאַצירן, דורכלויפֿן אַלע אַלעען, זיך דערנענטערן צו די שטאַכעטן, קוקן אויף די פֿעלדער, וואָס זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין די ווייטקייטן, אויף די שוואַרצע פּאַסן וואַלד, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם האָריזאָנט און רעדן צו זיך אַזעלכע שטילע רייד, און אַזעלכע רויִקע, ווי רויִק דער אָוונט אַליין איז געווען. דאָס גליק וואָס זיי האָט אַרומגערינגלט, האָט באַדאַרפֿט זײַן זייער וועלט. זיי האָבן ביידע געפֿילט, אַז דאָס דאַרף נעמען זיי אַרײַן צו זיך, אַז עפּעס הייבן זיך אָן קניפּן צווישן זיי און אים באַציִונגען, און אַז מהיום-והלאה מוז דאָס לעבן דאָ פֿליסן און גישט ערגעץ אַנדערש — אָן אַרבעטזאַמס, אָן איבערגעגעבנס „גאָטעסדיגסט", מיטן פֿאָלק — אויף דעם פֿעלד.

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען האָבן זיי זיך אומגעקערט באויף דער וועראַנדע אַרויף. אָבער, ווי אַמאָל זענען זיי געבליבן נאָך אַ ביסל אויף איר, כּדי צו וואַרטן ביז עס וועט ווערן איני-

גאַנצן פינסטער. מיטן חילוק בלויז, וואָס אַמאָל האָט מאַריניאַ זיך געהאַלטן פון פּאָלאַניעצקין פון דערווייטנס, און איצט האָט זי זיך צוגעטוליעט איינגאַנצן צו זיין זייט און אין אַ ווײַלע שווייגעניש אַרום אַ זאָג געטאָן:

— אונדז וועט דאָ מיט זיך גוט זיין, סטאַך, אמת?

און ער האָט זי פעסט אַרומגענומען, אַזוי, אַז ער זאָל זי פילן באַם סאַמע האַרץ, און אָנגעהויבן חזרן:

— מיין ליבע! מיין זייער ליבע!

דערווייל האָט זיך פון אונטער די איינגעהילטע און געפּלאָכטענע ביימער זיך אויפגעהויבן אַ רויטע לבנה — און די פרעש אין די סטאַוון, דערווייסנדיק זיך שוין משמעות, אַז די פריילין איז צוריקגעקומען, וואָס זיי האָבן אַמאָל געזען אויפן ברעג, האָבן זיך אָפּגערופן אינמיטן דער אָונט־רו מיט אַ גרויסן כאָר:

— עס פרייט אונדז! עס פרייט! עס פרייט! עס פרייט!

און פון איצט אָן האָט זיך ביידן אָנגעהויבן צו וועבן אַ לעבן, נישט קיין פרייעס פון דאגות, אין וועלכן אָבער ס'איז געווען מער האָניק, ווי פּיאָלין.

דער מחבר ווידער פון דעם בוך האָט דעם האָניק געטרינקען — מיט זיין כוח־הדמיון.

סוף פון דריטן און לעצטן טייל.